קראַמער

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ב. גאָרין

(י. גוידא)

די געשיכטע
פון
אידישן טעאַטער

(צוויי טויזענט יאָהר טעאַטער ביי אידען)

אילוסטרירט

ערשטער באַנד

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספּעציעלע אויפלאַגע פון „פאָרווערטס"

ניו יאָרק, 1929

מיין ווייב און בעסטען חבר ליזע א מתנה.

די געשיכטע פון אידישען טהעאטער איז דאס ערשטע און איינציגע ווערק פון דעם מין אין אונזער ליטעראטור, און עס איז פערשפּארט צו זאגען, אז אין אנדערע ליטעראטורען האט מען זעהר וועניג געשריבען וועגען דער אידישער ביהנע. דער אמת איז, אז די אידישע ביהנע איז נאך זעהר וועניג אויסגעפּארשט געווארען און דאס וועניגע וואס איז אויף דעם פעלד געטהאן געווארען איז אפט גענומען אויף בארג. אין דעם דאזיגען ווערק האב איך זיך געשטעלט א כלל ניט צו פערלאזען זיך אויף ידיעות גענומען פון צווייטער האנד און ווי ווייט עס איז נאר מעגליך געווען האב איך אונטערזוכט די ערשטע קוועלען.

א היבשער טהייל פון דעם דאזיגען ווערק האט זיך אין די לעצטע זיבען יאהר געדרוקט אין דער פארם פון בעזונדערע אבהאנדלונגען און ארטיקלען אין פערשיידענע פערי יאדישע אויסגאבען. די ערשטע עטליכע קאפּיטלאך פון דעם ערשטען טהייל האבען זיך אין א משך פון פיער יאהר געדרוקט אין דעם מאנאטליכען זשורנאל „צוקונפט“. עטליכע קאפּיטלאך פון דעם צווייטען טהייל האבען זיך געדרוקט אין דער וועכענטליכער צייטונג „אמעריקאנער“ און בעזונדערע קאפּיטלאך זיינען פערעפענטליכט געווען אין פערשיידענע צייטשריפטען. די געשיכטע האט צוליעב דעם אנגענומען מעהר דעם אינטימען כאראקטער פון ארטיקלען, ווי דעם קאלטען טאן פון דעם שטרענגען היסטאריקער, און אזוי ווי מיין זשאנר און טעמפּעראמענט זיינען ניט פון א שרייבער פון געשיכטע, האב איך דעם כאראקטער ניט געוואלט ענדערן.

אויך צוליעב דעם וואס א היבשער טהייל פון דעם דאזיגען ווערק איז געווען געדרוקט אין פערשיידענע צייטשריפטען, איז דאס אויסלעגען ניט ארויסגעקומען אזוי יוניפארם ווי איך האב געוואונשען.

הגם אמעריקא איז געווארען די היים פון די סאמע וויכטיגע שעפער פון דער אידישער ביהנע, צייט דער גרונדשטיין פון אידישען טהעאטער איז געלעגט געווארען אין בוקארעסט, און איך בין מיט זיי אלעמען געווען פערזענליך בעקאנט און געקומען מיט זיי אין בעריהרונג, וואלט דאך די געשיכטע זעהר פיעל געליטען, ווען מען זאל מיר ניט קומען צו הילף מיט נויטיגע ידיעות און ערפאהרונגען. די גרעסטע הילף האט מיר געגעבען אברהם זלמן פריידים, דער קאפּ פון דעם אידישען דעפּארטמענט פון דער ניו יארקער פּאבליק לייברערי און איך איל זיך אויסצודריקען איהם מיין טיעפע דאנקבארקייט. אויך זעהר פיעל פערפליכטעט בין איך ל י י ז ע ר צ ו ק ע ר מ א ן און י ש ר א ל ו ו י י נ ב ל א ט, ביידע זיינען פון די ערשטע שוישפּיעלער און ביידע האבען מיר פיעל געהאלפען צו אריענטירען זיך אין דער פערפלאנטעטער תקופה פון דעם אידישען טהעאטער

Copyright by B. Gorin
1918.

אינהאַלטס פערצייכניס.

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 5

ערשטער קאַפּיטעל: — טהעאַטער אין ירושלים.

די אידישע אַריסטאָקראַטיע און העלעניזם אין ירושלים. — הורדוס בויט טהעאַ־
טערס אין ארץ ישראל. — פערזוך צו טוידטען הורדוס אין טהעאַטער. — די
תנאים זיינען געגען טהעאַטער. — קעניג אגריפּא דער גרויסער און דער תנא
שמעון. — פאַר וואָס דער ריינער אידישער גייסט איז געווען געגען אזא אונטער־
האַלטונג. — בעוואוסטער אידישער אַקטיאָר אין די צייטען פון נירון קיסר. —
די דראַמע „יציאת מצרים" פאַר'ן חורבן. — — — — — — — — — — זייט 7

צווייטער קאַפּיטעל: — דער אָנהויב פון פּורים שפּיעל.

דער אונטערגאַנג פון טהעאַטער ביי אַלע פעלקער. — דער נייער סאָרט דראַמע ביי
אידען. — די ערשטע פאָרשטעלונגען פון פּורים שפּיעל דורכגעוויקט מיט אידישען
בלוט אין 415. — ווי אַזוי דאָס פּורים שפּיעל האָט זיך ענטוויקעלט. — דראַמאַטי־
זירונג פון מגלת אסתר אין נײַנטען יאָהרהונדערט. — פאַר וואָס דאָס פּורים שפּיעל
האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. — פאַר וואָס פּורים האָט מעגליך געמאַכט
פאָרשטעלונגען. — אידישע דראַמאַטורגען אין שפּאַניען. — ערשטער פערזוך צו
שאַפען די העברעאישע דראַמע. — משה חיים לוצאַטאָ און זיינע דראַמען. — יאָזע
דע סילוואַ אין פּאָרטוגאַל. — קאַמף פון רבנים געגען אידישען טהעאַטער אין אי־
טאַליען אין אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט. — אידישע טהעאַטערס אין זיר אַמעריקאַ
אין 18טען יאָהרהונדערט — — — — — — — — — — — — — — 19

דריטער קאַפּיטעל: — די עלטסטע אידישע פּורים שפּיעלס.

פּורים שפּיעלס אין מאַמע לשון. — שפּיל פון טב יעקליין געשריבען אין 1598. —
פּורים שפּיעלס פון דעם 17טען און אָנהויב 18טען יאָהרהונדערט. — אויסציגע פון
בעקאַנטסטען פּורים שפּיעל און פאַר וואָס מען האָט עס פערברענט אין פראַנקפורט
אַם מאַין. — ערנסטערע פּורים שפּיעלס. — ווער עס האָט אין זיי געשפּיעלט. —
דער איינפלוס פון די פּאַכאַבנע פּורים שפּיעלס. — — — — — — — — — 41

פיערטער קאַפּיטעל: — די ערשטע מאָדערנע אידישע קאָמעדיע.

די שייכות פון השכלה צו טהעאַטער. — די דריי יסודות פון א טהעאַטער. — אהרן
וואָלפסזאָן און זיין קאָמעדיע אין אידיש. — דער חדוש וואָס פון דעם בערלינער
חדר זאָל געלעגט ווערען דער גרונדשטיין פון אידישער דראַמע. — דער טעות וואָס
שטיינשניידער האָט געמאַכט. — דער שליסעל צו דייטשמעריש אין די שפּעטערדיגע
אידישע שטיקער — — — — — — — — — — — — — — — — — 64

פינפטער קאַפּיטעל: — אידען אויף פרעמדע דראַמאַטישע פעלדער.

דער ערשטער איד אויפ'ן פעלד פון דער דייטשער דראַמע. — די ערשטע דראַמע
פון א רוסישען אידען אויף דער רוסישער ביהנע. — ראשעל — — — — — — 83

זעקסטער קאַפּיטעל: — ערשטע אידישע דראַמאַטורגען אין רוסלאַנד.

דר. שלמה עטינגער און זיין „סערקעלע". — זיין איינפלוס אויף גאָטלאָבער. —
ישראל אַקסענפעלד און זיינע דראַמאַטישע ווערק. — די קאָמעדיע אַלס מיטעל צו
קעמפען געגען חסידיזם. — „די ווייבערשע קניפּלאַך". — „די טאַקסע" פון מענדעלע
מוכר ספרים — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 89

אין בוקארעסט און די ערשטע יאהרען אין רוסלאנד, א תקופה, וואס האט שוין אנגענומען א לעגענדארישען כאראקטער.

א בעזונדערען דאנק קומט מארים היינע, יעקב קאצמאן, יצחק ליבערסקו, מאקס ראזענטהאל, נחום ראקאוו, משה ריכטער, סעם אדלער, בן עמי, לאזאר פריעד, שלמה גאלדינבורג, מארים מאשקאוויטש און שלמה פערלמוטער פאר די נויטיגע אויסקינפטע, וואס זיי האבען מיר געגעבען.

איך וויים ניט צי די רשימה פון אידישען רעפערטואר איז ארויסגעקומען אזוי פאלקאם ווי איך האב געוואונשען, נאר איך האב ניט געשפארט קיין מיה און צייט צו מאכען א סדר אין דעם תהו ובהו צעטעל פון די אידישע פיעסען. ווי שווער די דאזיגע אויפגאבע איז געווען, קען מען זיך אנשטויסען דערפון, וואס די פערפאסערס גופא וויסען ניט וואס פאר א פיעסען זיי האבען אנגעשריבען און וועגען כראנאלאגיע איז אבגערעדט. א סך שטיקער זיינען אויפגעפיהרט געווארען אין פערשיידענע ערטער און פערשיידענע צייטען אונטער פערשיידענע נעמען. אזוי למשל, איז לאטיינער'ס אפערעטע „גבריאל“ בעקאנט אין רוסלאנד אונטער'ן נאמען „חינקע און פינקע“, ריכטער'ס „הערצעלע מיוחס“ איז אין אמעריקא געשפיעלט געווארען אונטער'ן נאמען „טייבעלע“. אפט ווערען ניט נאר די נעמען פון די שטיקער געענדערט, נאר אויך די נעמען פון די פערפאסערס פערביטען. אזוי, למשל, איז געדרוקט אין קראקא א שטיק „שלמה גארגעל“ און דער נאמען פון דעם פערפאסער איז אנגעגעבען לאטיינער. דאס שטיק איז אויפגעפיהרט געווארען אין אמעריקא און האט געהייסען „הדסה“ און דער פערפאסער איז גאר הורוויטש.

איך בין ניט זיכער צי ביי מיין גאנצער פארזיכטיגקייט איז מיר געלונגען אויסצומיידען אזעלכע טעותים, דאס, דאכט זיך, וואלט אונטער אזעלכע אומשטענדען גאר געווען אונמעגליך. נאר ביי מיר איז קיין ספק ניט, אז ניינציג פראצענט אין דער רשימה איז ריין אהן גרייזען.

לכתחילה האב איך בדעה געהאט אנצוגעבען ווי ווייט מיר איז בעקאנט די קוועלען, פון וואנען א סך פיעסען זיינען גענומען געווארען, אבער גאר גיך האב איך זיך ארומגעזעהן, אז די אויפגאבע איז א צו שווערע, און עס וועט זיין גענוג אויפמערקזאם צו מאכען, אז ניינציג פראצענט פון אידישען רעפערטואר זיינען איבערגעמאכט פון פרעמדע פיעסען.

ד ע ר מ ח ב ר.

שלמה עטינגער

אברהם בער גאָטלאָבער

אברהם גאָלדפאַדען

זיבעטער קאפיטעל: — די ערשטע טהעאטער פארשטעלונגען.

אין ווארשא זיינען געמאכט געווארען הכנות צו געבען פארשטעלונגען פון אידישע שטיקער אין 1837. — פאר וואס דער דאזאר איז ארויסגעטראטען מיט א מסירה. — תלמידים פון ראבינער־שול גיבען אידישע פארשטעלונגען אין בערדיטשעוו אין די פופציגער יאהרען. — אלערהעכסטער דאנק פון קיסר. — א נייער מין אונטערהאלטונג אין די פופציגער יאהרען. — די בראדער זינגער. — מיניאטורע פארשטעלונגען — 132

אכטער קאפיטעל: — דער גרינדער פון אידישען טהעאטער.

דער איינפלוס פון סערקעלע אויף אברהם גאלדפאדען און זיין ערשטע דראמאטישע ווערק. — גאטלאבער וועקט אין גאלדפאדען'ען דעם פאעטישען געפיהל. פון א לעהרער ווערט גאלדפאדען א סוחר און ענדיגט מיט א באנקראט. — אין אויסלאנד נעהמט זיך גאלדפאדען צו א צייטונג. — קומט אין רומעניען אין די אינטערעסען פון א צייטונג און בעגעגענט זיך מיט ישראל גראדנער. — די פיאסקא ביי זיין ערשטען ארויסטרעטען פאר א פובליקום אין יאסי. — ווי אזוי גראדנער קומט איהם צו הילף — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 150

נײנטער קאפיטעל: — דער ווינקעלשטיין געלעגט.

גאלדפאדען מאכט גראדנער'ן א פארשלאג צו שפיעלען גאנצע שטיקער. — דאס ערשטע ווילדע שטיק. — גאלדפאדען מיט פוטהאלבען אקטיארען. — די בהלה און „די רעקרוטען". — די נע ונד קאמפאניע לערנט זיך צו הויבען הקפות. — גאלדפאדען אין בוקארעסט. — וואו ער האט אקטיארען געזוכט. — מאגולעסקא און צוקערמאן טרעטען אריין אין זיין קאמפאניע. — ווי אזוי גאלדפאדען האט געשריבען „שמענדריק". — דער געדרוקטער „שמענדריק" פון 1875. — גראדנער טרעט ארויס און גרינדעט א בעזונדערע קאמפאניע אין יאסי. — יוסף לאטיינער אין גראדנער'ס קאמפאניע. — די ערשטע פרווי אויף דער אידישער ביהנע. — משה הורוויטש גרינדעט א קאמפאניע. — די רוסיש־טערקישע מלחמה און דער גאלדענער מבול אין אידישען טהעאטער — — — — — — — — — — — — 167

צעהנטער קאפיטעל: — טהעאטער קלייבט זיך איבער קיין רוסלאנד.

די קעלער זינגער אין אדעס. — די ערשטע פארשטעלונגען אין רעמעסלעני קלוב. — גאלדפאדען קומט נאך דער מלחמה קיין אדעס און נעהמט מארינסקי טהעאטער. — כמעט אלע שפעטערדיגע שטערען זיינען שוין אויף דער ביהנע. — דער צעטיל פון שפיעלער וואקסט זעהר שנעל. — די צויבערקראפט פון דער ביהנע פאר די שפיעלער. — דער גריכישער בעל הבית פון מארינסקי טהעאטער שטופט ארויס גאלדפאדען'ען. — מאגולעסקא מיט זיין קאמפאניע אין אדעס. — די ערשטע אויפפיהרונג פון „שולמית. — יוסף לערנער און ווי ער ענטפערט די פראגע וועגען בעסערע פיעסען. — רש"י קאצענעלענבויגען, מ. ל. ליליענבלום הויבען אן צו שרייבען פאר'ן טהעאטער. — לינעצקי קומט מיט א פיעסע און האט חרטה. — לערנער פעראייניגט זיך מיט נחום מאיר שייקעוויטש (שמ"ר). — מענדעלע מוכר ספרים שרייבט דעם „פריזיוו" פאר'ן אידישען טהעאטער. — דער אידישער טהעאטער ווערט פערבאטען אין רוסלאנד. — אידישע קאמפאניעס צוזייעט און צושפרייט. — די ערפאהרונגען פון א אידישער טרופע אין דייטשלאנד. — אבשאצונג פון גאלדפאדען — — — — — — — — — — — — — — — — — 204

ערשטער קאפיטעל.

טהעאטער אין ירושלים.

גאַר די אַלטע פארצייטיגע וועלט האָט פון קיין טהעאטער ניט געוואוסט, די דראמע איז איהר געווען אין גאנצען פרעמד. די גריכען זיינען געווען דאָס ערשטע פאָלק וואָס האָט געשאפען די דראמע. אין גריכענלאנד האָט זיך די דראמע אָנגעהויבען צו ענט־וויקלען מיט א יאָהר דריטהאלבען טויזענד צוריק און דאָרטען האָט זי דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט.

פון גריכענלאנד האָט זיך די קונסט פון טהעאטער גענומען פערשפרייטען סיי צווישען די פעלקער, וואָס עס האָט בעצוואונגען און סיי צווישען זיינע בעצווינגער. אלעקסאנדער מוקדן האָט א האַלבע וועלט איינגענומען און איינגעפלאנצט דאָרטען די גריכישע קולטור. די רוימער האָבען שפעטער זייער יאָך אָנגעטהאָן די גריכען און האָבען פון זייערע בעזיעגטע איבערגענומען זייער קולטור.

ארץ ישראל האָט אויך ניט געקאָנט ווידערשטעהן דעם צויבער פון העלעניזם, און די אידישע אריסטאָקראטיע איז געוואָרען דורכ־געדרונגען מיט'ן גריכישען גייסט. אין די לעצטע פאָר הונדערט יאָהר פאר'ן חורבן בית שני איז די אומגאנגס־שפראך צווישען די אידישע אריסטאָקראטען געוואָרען גריכיש. יוסף, שמעון הצדיק'ס אייניקעל, האָט ברייט געעפענט די טהויערען פון ירושלים פאר'ן גריכישען איינפלוס. די קינדער פון יהודה האָבען זיך אָבגעגעבען מיט אַלערליי אָלימפּישע שפּיעלען און די אידישע העלעניסטען האָ־בען אפילו געפייערט דעם יום טוב לכבוד דעם גריכישען וויין־גאָט דיאָניסיאָס, בעסער בעוואוסט אונטער דעם רוימישען נאָמען באַקכוס.

דעם גריכישען גאָט דיאָניסאָס, דעם גאָט פון וויין. יעדע פאָרשטע־לונג א־ן טהעאטער איז געווען אן עבודה זרה. אין טהעאטער איז געשטאַנען א סטאַטוע פון דעם דאָזיגען גאָט און מען האָט לכבוד איהם געשפּיעלט, פאַר איהם וויין געגאָסען און געמאכט אַלערליי געצענדינערשע צערעמאָניעס. עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, ווי מען האָט זיך נוהג געווען אין די טהעאטערס, וואָס הורדוס האָט געבויט; נאָר עס דאַרף ניט זיין קיין ספק, אז אין די טהעאטערס וואו מען האָט געשפּיעלט פאַר אידישע בעזוכער איז קיין סימן פון געצענדיענעריי ניט געווען.

אָבער אויב מיר ווייסען ניט זיכער וועגען דעם עצם טהעאטער אין ירושלים אין די צייטען פון דעם פערדאָרבענעם הורדוס, האָבען מיר מעהר אָדער ווענינער א קלאָרען בענריף וועגען דעם סאָרט פאָרשטעלונגען אביסעל שפּעטער. אזוי, למשל, געפינען מיר, אז דער תנא שמעון, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון אגריפּא דעם גרויסען, האָט געבראכט א קלאגע קעגען דעם קעניג, אז ער פיהרט זיך ניט אויף, ווי אן אמת'ער פרומער איד דאַרף זיך אויפ־פיהרען און מען טאָר איהם דאריבער ניט אריינלאָזען אין בית המקדש. ווי עס זעהט אויס, איז דער הויפּט חטא פון אגריפּא בעשטאַנען דעריין, וואָס ער האָט בעזוכט טהעאטער.

אגריפּא דער גרויסער איז געווען א מילדער מענש און ער האָט ניט בעטראכט שמעון'ס קלאגע אלס א מרידה במלכות. און ווען זיין גענעראל האָט איהם איבערגעגעבען, וואָס שמעון האָט וועגען איהם געזאָגט, האָט אגריפּא געשיקט נאָך איהם, און אזוי ווי דער קעניג איז געווען אין טהעאטער בשעת יענער איז געקומען, האָט ער געהייסען, אז מען זאָל איהם אריינפיהרען צו איהם און האָט איהם אנידערגעזעצט לעבען זיך און ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיגט, האָט איהם אגריפּא געפרעגט:

— וואָס אזוינס ווערט דאָ אין טהעאטער געטהאָן, אז דאָס זאָל זיין קעגען דער תורה?

שמעון האָט אויף דעם גאָר ניט געהאט צו ענטפערן און אגריפּא האָט איהם געגעבען א קליינע מתנה און אוועקגעשיקט איהם פון זיך.

דער קעניג הורדוס האָט געלאָזט בויען טהעאטערס אין ירושלים און מען האָט דאָרטען אויפגעפיהרט פרעמדע דראַמען.

אויף אַזא אופן זעהען מיר, אַז טהעאטער האָט זיך געוויזען ביי אידען כמעט אין דער זעלביגער צייט וואָס ביי אַלע אנדערע פעלקער, א חוץ די גריכען. די טהעאטערס זיינען געשטיצט און אויסגעהאַלטען געוואָרען פון דער מלוכה, ווי דער פאַל איז געווען ביי אַלע אנדערע פעלקער, און דאָך איז טהעאטער געבליבען א פרעמדע אינסטיטוציאָן ביי די פאַרצייטיגע אידען. אין דער גאַנצער אַלטער אידישער ליטעראַטור איז ניטאָ קיין סימן פון קיין דראַמע.

אמת, געוויסע מאָדערנע אידישע געלעהרטע האָבען געפיהלט עפּעס א מין נאַציאָנאַלע בושה פאַר דעם עם הספר, פאַר וואָס ער האָט גאָר ניט ביינעטראָגען צום אוצר פון דער וועלט דראַמע און זיי האָבען זיך געקליגט צו דערווייזען, אַז אויך אויף דעם פעלד האָט ער זיך אויסגעצייכענט און האָט דער וועלט געגעבען צוויי פון די גרעסטע דראַמען: איוב און שיר השירים. עס איז אָבער שווער אויסצופּלפּול'ען, אַז די דאָזיגע צוויי גרויסע ווערק האָבען א שייכות מיט דראַמע.

די פרומע אידען האָבען געקוקט מיט שרעק און צאָרן אויף די דאָזיגע טעמפּלען פון קונסט. און ווי ווייט זייער שנאה צום טהעאַטער האָט דערגרייכט קאָן מען זעהן דערפון, וואָס עטליכע קנאים האָבען בעשלאָסען צו טוידטען דעם קעניג הורדוס און מאַכען א סוף פון דעם גריכישען איינפלוס. די קאָנספּיראַציע איז געווען צו טוידטען הורדוס'ן אין טהעאַטער בשעת מען האָט דאָרטען געשפּיעלט. דער קעניג איז אָבער ניט געקומען דעם טאָג צו דער פאָרשטעלונג, און פון דער פערשווערונג איז גאָר ניט געוואָרען. אויף עפּעס אַן אופן איז דאָס פּובליקום אין טהעאטער געוואָר געוואָרען דערפון, און דער המון האָט זיך אַרויפגעוואָרפען מיט א ווילדען כעס אויף די קאָנספּיראַטאָרס און האָט איינעם פון זיי צוריסען אין שטיקער.

און עס דאַרף גאָר קיין חדוש ניט זיין, פאַר וואָס די פרומע אידען האָבען אַזוי ביטער געקעמפּט קעגען טהעאטער. אין גריכענלאַנד איז טהעאטער געבאָרען געוואָרען פון דער עבודה לכבוד

געמוזט פאלען. און דאס איז געווען די טראגעדיע פון דעם מענשען.

און דאריבער האט ניט נאר טהעאטער נאר אויך די דראמע אלס א צווייג פון ליטעראטור ניט געקאנט זיך אנגעהמען צווישען אידען. מיר האבען געזעהן, ווי די אידישע פאעזי האט פון דעם גריכישען איינפלוס זעהר פיעל געוואונען. שיר השירים איז געשאפען געווארען, ווען דער העלעניזם האט זיך גענומען פערשפרייטען אין ירושלים. נאר די דראמע האט קיין אידישען מאנטעל בשום אופן ניט געקאנט אנטהאן און איז געבליבען פרעמד דעם אלטען אידישען גייסט. דער איד האט לחלוטין ניט געקאנט דערלאזען דעם געדאנק, אז גאט קאן האנדלען אונגערעכט און אז א בשר ודם זאל קעמפען קעגען גאט. דער אידישער גאט איז שטענדיג און אומעדום גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. און די פרומע אידען האבען אויפ'ן טהעאטער ניט געקענט קוקען אנדערס, ווי אויף א שקץ תשקצנו.

ווען מען רעדט וועגען דער שנאה פון די פארצייטיגע אידען צום טהעאטער דארף מען נאך האבען אין זינען, אז אין דער צייט ווען די גריכישע קולטור האט זיך אריינגעריסען אין ארץ ישראל איז שוין די גריכישע דראמע ניט געשטאנען אויף יענער הויכקייט, אויף וועלכע עס האבען איהר געשטעלט עסכילוס, סאפאקלעס און יורי־פידעס. באלד נאך דעם טוידט פון די דאזיגע דריי גרויסע גריכי־שע דראמאטישע דיכטער, האט די דראמע שטארק אנגעהויבען צו זינקען, און ארום דער צייט וואס טהעאטערס זיינען פערשפרייט געווארען אין ארץ ישראל האט שוין רוים געבראכט די דראמע צו אזא מדרגה, אז די ביהנע האט אפט דערמאנט א בית זנות. דער גאנצער אידישער גייסט האט רעוואלטירט קעגען אזא אונ־טערהאלטונג און איין תנא נאך דעם צווייטען, איין אמורא נאכ'ן אנדערן האבען געווארענט דעם עולם פון אזעלכע פערגניגענס.

דער תלמוד און מפרשים לאזען ניט דורך קיין געלעגענהייט צו דערמאנען דעם אידען, ער זאל ווייכען פון טהעאטער און פון צירק. אמאל אין דער פארם פון אן ערקלערונג, אמאל אין דער

דערפון איז גרינג צו זעהן, אז ניט נאָר איז ניט געווען קיין שמץ עבודה זרה אין טהעאטער, נאָר אפילו די פאָרשטעלונגען זיינען געווען אזוי אידיש אין גייסט, אז אפילו דער גרעסטער צדיק האָט אין זיי ניט געפונען, וואָס אויסצובריזען.

נאָר פון דער צווייטער זייט וויסען מ'. אז דער זעלביגער אגריפא דער גרויסער האָט אויך געבויט אנדערע טהעאטערס, צווישען וועלכע זיינען אויך געווען דער טהעאטער און דער אמפיטהעאטער אין בעריטוס, און ביים חנוכת הבית פון דעם אמפיטהעאטער האָט ער געלאָזט ברענגען אהין ניט ווייניגער ווי פיערצעהן הונדערט פערברעכערס און מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין צוויי שורות, צו זיבען הונדערט אין א שורה און זיי האָבען זיך איינע מיט די אנדערע געשלאָגען אזוי לאנג, ביז אלע זיינען געפאלען טוידט אויף דער גרויסער ביהנע.

און הגם דער אמפיטהעאטער האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט טהעאטער, איז אבער שטענדיג געווען א גייסטיגע שייכות צווישען זיי, און ווען דער עולם האָט געפאָדערט אזא אונטערהאלטונג, וואָס אגריפא האָט פערשאפט ביים חנוכת הבית פון דעם אמפיטהעאטער, האָט די דראמע אין טהעאטער ניט געקענט שטעהן א סך העכער. און די פרומע אידען האָבען געקוקט מיט שרעק אויף אן אינסטיטוציאָן, וואָס פערשאפט אזא מין אונטערהאלטונג.

בכלל איז אידישקייט ניט געווען מסוגל פאר קיין דראמע און קיין טהעאטער. א דראמע קאָן ניט געמאָלט זיין אָהן א קאָליזיאָן. און אין דער קלאסישער דראמע איז די קאָליזיאָן געווען מיט'ן פאטום, מיט די געטער, און אידען האָבען קיין פאטום ניט געהאט, אין מזל לישראל. די גריכישע געטער זיינען געווען שטארק און מעכטיג, און קעגען זייער בעשלוס האָט דער מענש ניט געקאָנט געהן; אבער די געטער האָבען ווייט ניט געהאנדעלט מיט אמת און יושר, זיי זיינען געווען זינדיג און פאלש און פערדארבען, און דער מענש דוקא איז ארויסגעטראָטען פאר גערעכטיגקייט. דער מענש האָט פראָטעסטירט קעגען זייער שלעכטער האנדלונג און געקעמפט קעגען זיי, און ווייל די געטער זיינען שטארקער, האָט דער מענש

מאיר. אבער אזעלכע ווי ער זיינען געווען ווייניג. די אנדערע האבען געהאט גאר אן אנדער מיינונג. פאר זיי איז קיין אונטער־שייד געווען, צו טהעאטער איז פערבונדען מיט געצענדיענערייי צו ניט און זיי האבען אונטער אלע אומשטענדען פערבאטען טהעאטער צווישען אידען. דאס זעהען מיר פון א פלוגתא צווישען רבי מאיר און די חכמים:

„תנו רבנן: אין הולכים לטרטיות ולקרקסיות מפני שמזבלין שם זיבול לעבודת כוכבים, דברי רבי מאיר. וחכמים אומרים: מקום שמזבלין אסור, מפני חשד עבודת כוכבים ומקום שאין מזבלין שב אסור מפני מושב לצים."

מען טאר ניט געהן אין טהעאטערס און צירקען, ווייל מען איז דארטען מקריב צו־די געצען, אזוי זאגט רבי מאיר. און די חכמים זאגען: דארטען וואו מען איז מקריב צו די געצען טאר מען ניט צוליעב א חשד פון עבודה זרה, און דארטען וואו מען איז ניט מקריב צו די געצען טאר מען ניט צוליעב מושב לצים.

עס איז ניט דוקא דער „מושב לצים" וואס האט געמאכט די חכמים צו דענקען, אז די אונטערהאלטונג אין א טהעאטער איז ניט פאר אידען. ווען דער דאזיגער פסוק זאל אין תהלים ניט זיין, וואלט מען געפונען אן אנדער אויסדרוק אין די אלטע שריפטען צו אסר'ן דעם טהעאטער. און טאקי אין מדרש איכה רבתי געפינען מיר:

רבי אבא בר כהנא פתח: „לא ישבתי בסוד משחקים ואעלוז", אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ברוך הוא: רבון העולמים, מימי לא נכנסתי בבתי טיאטראות ובתי קרקסאות של אומות העולם ושחקתי עמהם ואעלוז.

דאס הייסט, רבי אבא בר כהנא האט אנגעהויבען: דער נביא ירמיהו האט געזאגט: „איך בין ניט געזעסען אין דעם קרייז פון לוסטיגע און געפרעהט זיך", רופט זיך אב די כנסת ישראל צו גאט ברוך הוא: בעשעפער פון די וועלטען, איך בין קיין מאל ניט געגאנגען אין די טהעאטערס און צ־רקען פון די אומות העולם און געפרעהט זיך מיט זיי.

און מען דארף בכלל וכלל ניט האבען קיין פסוקים, וואס זאלען

פאָרם פון א רוהיגער בעטראכטונג און א מאָל אין דער פאָרם פון א בייזער קללה.

„פערפלוכט זאָלען זיין יענע, וואָס בעזוכען טהעאטער אָדער צירקען און פעראכטען אונזערע געזעצען"*)

אין תלמוד ירושלמי**) ווערט דערצעהלט, אז רבי נחוניא בן הקנה, א תנא וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם חורבן בית שני פלעגט ביים ארויסגעהן פון בית המדרש מאכען א קורצע תפלה:

„מודה אני לפניך, ד" אלהי ואלהי אבותי, שנתת חלקי מיושבי בית המדרש ובתי כנסיות, ולא נתת חלקי בבתי תרטיות ובבתי קרקסיות, שאני עמל והן עמלים, אני שוקד והן שוקדים — אני עמל לירש גן עדן והן עמלים לבאר שחת."

(איך דאנק דיר, גאָט מיין גאָט און גאָט פון מיינע עלטערן, פאר וואָס דו האָסט מיין חלק געגעבען צווישען די וואָס זיצען אין בית המדרש און אין די שוהלען, און דו האָסט ניט געגעבען מיין חלק צווישען די, וואָס זיצען אין טהעאטערס און צירקען. איך בעמיה זיך און זיי בעמיהען זיך, איך פאָדער זיך און זיי פאָדערן זיך— איך בעמיה זיך צו ירש'ענען דעם גן עדן, און זיי בעמיהען זיך פאר'ן גרוב פון פערדארבונג).

עס וועט אבער זיין נ ט אין גאנצען ריכטיג צו זאָגען, אז דער איינציגער טעם, פאר וואָס טהעאטער איז אזוי געווען פערהאסט איז געווען צוליעב עבודה זרה און או סגעלאסענהייט. עס איז אמת, אז די ליבעראלע פאָרשטעהער פון פאָלק האָבען נאָר געהאט קעגען טהעאטער, ווייל ער איז געווען פערמישט מיט עבודה זרה, און ווען א טהעאטער איז דערפון ריין האָבען זיי ניט געזעהן קיין שום אורזאך, פאר וואָס א איד זאָל זיך ניט טאָרען ערלויבען אזא פערגניגען. אזא, למשל, איז געווען איינער פון די גרעסטע תנאים רבי

*) עבודה זרה, י"ח, ב.

**) ברכות, כט, ב. עס איז מערקווירדיג, וואָס די זעלביגע תפלה ווערט איבערגעגעבען אין תלמוד בבלי (ברכות כ"ח) מיט אַן אנ־דער נוסח. טהעאטער און צירק איז דאָרטען ארויסגעלאָזט.

דראמע. אויפ'ן אידישען בארען האבען זיי ניט געקאנט שאפען, די אידישע אטמאספערע האט זיי געדריקט, האבען זיי געארבייט אויף א פרעמדען באדען. א יאהר הונדערט און פופציג פאר דער נייער צייטרעכנונג האט א אידישער העלעניסט, דער דיכטער עזעקיעלאס אנגעשריבען א דראמע „יציאת מצרים" אין גריכיש נאך דעם מוס־טער פון יוריפידעס. ווארשיינליך, האבען אויך אנדערע אידישע דיכטער געשריבען אין יענע צייטען דראמען אין גריכיש אדער רוי־מיש, נאר פון זיי איז גאר ניט געבליבען. אויף אזעלכע דראמען איז ניט געווען קיין אפוטרופס, וואס זאל זיי אבהיטען דורך די לאנגע, פינסטערע יאהר הונדערטע פון דעם שווערען גלות. דאס אידישע פאלק האט אויף זיי געקוקט ווי אויף ממזרים און האט פון זיי ניט געוואלט וויסען. עס איז דאריבער א גרויסער חדוש, ווי אזוי צו אונז האבען יא דערגרייכט עטליכע פראגמענטען, פיצלאך פון אזעלכע ווערק. און „יציאת מצרים" איז די איינציגע אידישע דרא־מע פון יענער צייט אין גריכיש, פון וועלכער עס זיינען געבליבען עטליכע פראגמענטען.

די פערזאנען פון יצ״את מצרים זיינען:

משה
צפורה
חום
ראגועל
גאט פון דעם סנה
שליח
קונדשאפטער.

אין דעם ערשטען פראגמענט דערצעהלט משה, ווי יעקב איז אריין אין מצרים מיט זיבעציג נפשות און ווען די פרעהס האבען דערזעהן ווי דער אידישער שטאם ווערט פערמעהרט אין א גרוי־סער צאהל, האט מען זיי געצוואונגען צו בויען גרויסע שטעדט און טהורעמס פאר די מצרים, און זייערע קינדער האט מען גע־ווארפען אין טייך. זיין מוטער האט איהם דריי חדשים בעהאלטען, נאר דאס איז ניט געבליבען קיין סוד און זי האט איהם איינגע־וויקעלט אין קליידער און אוועקגעזעצט איהם ביים ברעג טייך.

דערמאָנען עפּעס לצנות אָדער לוסטיגקייט, אז מען זאָל אויף זיי אָנהעננען טהעאטער און צירק. אָט האָט זיך דאָך געקליגט יונתן בן עוזיאל צו פּערטייטשען דעם פּסוק: „ארור אתה בבואך“ אין זיין תרגום אזוי: ליטין אתון במעלכון לבתי תאטרוניכון וקורקסתכון למבטלא פּתגמי אורייתא. דאָס הייסט פערפלוכט זאָלט איהר ווערען, ווען איהר געהט אין אייערע טהעאטערס און צירקען און זייט מבטל פון דער תורה.

נאָך אזעלכע וואָרנונגען געגען טהעאטער זיינען צושפּרייט איבער די אלטע אידישע שריפטען פון דער צייט פון תלמוד און מדרש, און ווי דער מנהג איז געווען ביי די חכמים, איז דאָס שטענדיג אויסגע׳דרש׳ענט פון עפּעס א פּסוק, נאָר די פּסוקים האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט׳ן טהעאטער. דאָס האָט דער אידי־שער גייסט ניט געקאָנט דולדען קיין טהעאטער, דער זעלביגער גייסט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דורך די ליפּען פון די חכמים, אז דער וואָס געהט אין וועג און זאָגט, „ווי שעהן איז דער בוים“, פערדיענט ער דערפאַר דעם טוידט. די פאָדערונגען פון די אידען אונטער דעם שווערען יאָך פון די רוימער פאַר און נאָכ׳ן חורבן זיינען געווען קעגענגעזעצט צו די פאָדערונגען פון דעם פאָלק וואָס האָט זיי בע־צוואונגען. דער רוימער האָט געפאָדערט „ברויט און ספּעקטאַקל“ און דער איד האָט געזוכט נאָר עולם הבא. דער רוימער האָט געוואָלט לעבען א גוטען טאָג, און דער איד האָט זיך אָבגעזאָגט פון יעדער הנאה פון דער וועלט.

מען פערשפּאָרט דאריבער צו זוכען אידישע דראמע אויפ׳ן אידישען באָדען אין די אלטע צייטען. דער טהעאטער איז געווען און געבליבען אין יענע צייטען א פרעמדע פלאַנץ צווישען אידען און האָט זיך ביי זיי ניט אָנגענומען.

אָבער דאָס הייסט בשום אופן ניט, אז אידען האָבען זיך לחלוטין אָבגעזאָגט פון דער דאָזיגער קונסט. די אידישע העלענים־טען זיינען געווען פערקאָכט אין טהעאטער און עס דאַרף קיין שום צווייפעל ניט זיין, אז פיעל אידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער גריכישער אָדער רוימישער קולטור, האָבען אָבגעגעבען זייערע קרעפטען צום טהעאטער און צו דער

דאס דו געזעהן בעוואהנטער ערדע רונדונג גאנץ,
וואס אונטער גאטעס הימעל ווייט אונד איבער
איהם :
דו ווירסט, וואס איזט פאריבערגינג אונד נאהט, ערשויז.
אין א דריטען פראגמענט איז דער דיאלאג צווישען משה און גאט, ווען ער דערזעהט דעם דארן. משה זאגט זיך אב צו געהן צו פרעה אונטער דעם אויסרייד, אז ער איז א כבד פה און גאט ווייזט איהם דעם נס מיט'ן שטעקען און מיט דער האנד. גאט זאגט איהם פון דארן וועגען די עשרה מכות.
נאך א קליינער פראגמענט איז די בשורה, וואס א שליח ברענגט, אז די מצריים האבען זיך דערטרונקען אין ים.
אין די צייטען פון נירון קיסר האט אין רוים געשמ'ט אן אידישער אקטיאר מיט'ן נאמען אליטיראס, וועלכער איז געווען דער ליעבלינג ביים קעניג און קעניגין. דער היסטאריקער יאזעפוס דערצעהלט, אז ווען ער איז אנגעקומען א געפאנגענער אין פעטואלי, איז אליטיראס געווארען זיין מליץ יושר, דורך איהם האט ער זיין פרייהייט געקריגען און ער האט איהם פארגעשטעלט פאר דער קעניגין פאפעא.
עזעקיעלאס מיט זיין דראמע אין גריכיש און אליטיראס מיט זיין שפיעלען אין ליטייניש ווייזען דייטליך געגוג, אז אידישע קרעפטען האבען זיך אבגעגעבען מיט טהעאטער און דראמע און האבען זיך אויסגעצייכענט אין דער דאזיגער קונסט, נאר אזוי ווי אויפ'ן אידישען באדען האבען זיי קיין פלאץ ניט געהאט, האבען זיי געמוזט זוכען פרעמדע פעלדער. און דערפון דארף מען אויך פערשטעהן, אז די ווארנונגען און אסורים און קללות פון די חכמים האבען ניט געווירקט אויף אלע אידען. אין טהעאטער זיינען געגאנגען ניט נאר די אידישע העלעניסטען נאר אויך אזעלכע וואס האבען פון דער גריכישער אדער רוימישער קולטור גאר ניט געוואוסט. מאמסען דערצעהלט, אז לכבוד די גרויסע רוימישע ימים טובים פלעגט יוליוס צעזאר לאזען איבערזעצען ליטיינישע און גריכישע דראמען אין אנדערע שפראכען פאר די פעלקער, וואס זיינען געווען אונטער איהם, און עס איז מעהר ווי ווארשיינליך

מרים איז געשטאנען פון דער ווייטענס און ווען פרעה'ס טאכטער האט דאס קינד געפונען, האט זי זיך ארויסגערופען צו ברענגען פאר איהם אן אם. ער האט זיך ערצויגעןביים קעניג אין פאלאץ און ווען ער איז איין טאג ארוים און דערזעהן, ווי א מצרי האט געשלאגען א אידען האט ער איהם דער'הרג'עט און פערשארט און צוליעב דעם האט ער געמוזט אנטלויפען אין דער מדבר.

אין א צווייטען פראגמענט דערצעהלט משה ראגועלן א חלום, וואס ער האט געזעהן.

מ ש ה *)

אויף בערגעשפיצע זאה איך איינעם האהען טהראן,
דער ביז צום המעל רייכטע; אונד עס זאס אויף איהם
איין מאן, ענטשפראסען וואהל דעם עדעלסטען געשלעכט;
איין דיאדעם אויף זיינעם הויפט אונד אין דער האנד,
דער לינקען, דער געוואלטיגער סצעפטער, ווינקענד מיר
מיט זיינער רעכטען: אונד איך שטאנד איצט פאר דעם טהראן.
דא רייכט ער מיר דען סצעפטער דאר, אונד אויף דען טהראן
בעפאל ער מיר צו שטייגען, דען ער זעלבסט פערלים,
מיר געבענד אויך זיין קעניגליכעם דיאדעם.
דארויף ערבליקטע איך דער ערדע רונדונג גאנץ,
צוגלייך דער ערדע טיעפען און דעם הימעלם העה'ן,
אונד פלעצליך פיעל דער שטערנע שאאר צו פוסען מיר.
אונד אלע צעהלט איך זיא, אונד מיך אומגאב עס דא
וויא פאן דען שטערבליכען איין קריעגעסלאגער: דא
ערוואכט איך אוים דעם שלאף, די ברוסט פאן פורכט בעוועגט.

ר א ג ו ע ל.

א, פרעמדלינג, הערליכעם האט גאט דיר אנגעצייגט:
א, מעכט איך לעבען נאך, ווען זאלכעם לאאם דיך טרעפט!
אומשטורצען נעמליך ווירסט דו איינען גראסען טהראן,
אונד בויט' אויסטהיילען, אונד דער פעלקער פיהרער זיין.

---

*) איבערזעצט אין דייטש פון ל. מ. פיליפסאן, 1830.

צווייטער קאפיטעל.

דער אָנהויב פון פורים שפּיעל.

מיט'ן חורבן ירושלים איז אונטערגעגאנגען דער טהעאטער, וואָס איז אויסגעהאלטען געוואָרען פון די אידישע מלכים מיט העלעניסטישע נייגונגען אין ארץ ישראל. דער פרעמדער פלאנץ איז אָבגעשטארבען צוזאמען מיט די דאָזיגע מלכים, און דער ביי־טערער גלות איז געווים ניט געווען מסוגל פאר אזא אונטערהאל־טונג ווי טהעאטער.

און אויב אין דער צייט וואָס אידען זיינען געווען אויף זיי־ער אייגענעם לאנד איז טהעאטער געווען פערבאָטען צוליעב א חשש פון עבודה זרה אָדער מושב לצים, איז ער נאָכ'ן חורבן ירושלים געוואָרען פערהאסט ביי יעדען אידען, וואָס האָט געהאט נאָהענט צום הארצען דעם גורל פון זיין פאָלק. דער דורכשניטליכער איד האָט ניט געקענט מאכען קיין אונטערשייד צווישען טהעאטער און אמפיטהעאטער. ביי איהם האָבען זיי ביידע געהאט איין פנים און עס האָט איהם געדארפט שוידערען פון דער עראינערונג וועגען דער גוואלדיגער גרויסער צאָהל אונגליקליכע ברידער זיינע, וואָס זיינען געפאלען אויף דער בלוט־פערגאָסענער ביהנע פון דעם אמ־פיטהעאטער, וואו די בעסטע קינדער פון דעם אידישען פאָלק זיינען געצוואונגען געווען פון די רוימער ארויסצוטרעטען אלס גלאַדיאַטאָרס און שניידען איינער דעם צווייטען דאָס האלז.

נאָר ווען אפילו דער בעגריף וועגען טהעאטער און אמפי־טהעאטער האָט זיך ניט אויסגעמישט, האָבען די אידען איצט קיין גוט הארץ ניט געקענט האָבען צום טהעאטער, וועלכער איז אין די ערשטע הונדערטער יאָהרען נאָכ'ן חורבן נאָך טיעפער געזונקען. מען האָט אויף דער ביהנע געמאכט המצאות איבער אידען און גע־

אז מען האָט זיי אויך איבערזעצט אין העברעאיש און געשפּיעלט פאַר יענע אידען וואָס האָבען ניט פערשטאַנען די שפּראַך פון זיי־ערע אונטערדרדריקער, הגם די אומגאַנגס שפּראַך צו יענער צייט אין ארץ ישראל איז שוין ניט געווען דער לשון פון די נביאים.

בכלל אבער וועט ניט זיין געזינדיגט געגען דעם אמת צו זאָ־גען, אז סיי אין דער צייט פון די נביאים און סיי אין דער צייט פון די תנאים האָבען אידען קיין אייגענע דראַמע ניט געהאַט.

חכמים, נאָר איהר טוידט איז ניט געקומען פון זייערע הענד. זייע־רע איסורים וואָלטען ווייניג געהאָלפען, נאָר די קלאַסישע דראמע אפילו אין איהר סאמע געזונקענעם צושטאנד האָט ניט געקענט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ מיט'ן רוימישען אמפיטהעאטער און היפּאָדראָם. אין רוים איז די קלאַסישע דראמע געקומען צו קבורה, און הויך איז געוועזן דאָס בערגעל, וואָס מען האָט אויף איהר אויפגעשאָטען. צירקען זיינען נאָך פערבליבען פיעל לענגער, אבער טהעאטער איז אין גאנצען אונטערגעגאנגען. און אין דעם לאַנגען משך פון פינף הונדערט יאָהר, דאָס הייסט פון דעם פינפטען ביז'ן צעהנטען יאהרהונדערט איז אין קיין לאַנד ביי קיין פאָלק ניט געבליבען ניט נאָר קיין שפור פון קיין דראמע נאָר פון קיין שום סאָרט טהעאטראַלישע פאָרשטעלונגען.

אַן אויסנאהם אין יענער צייט האָבען דוקא געמאכט די אי־דען. ארום דעם פינפטען יאהרהונדערט און אפשר נאָך פריהער האָט זיך גענומען ווייזען ביי אידען א נייע סאָרט דראמע, וואָס דאַרף בעצייכענט ווערען מיט'ן נאָמען פורים שפּיעל.

דער אָנהויב פון דעם פורים שפּיעל איז א סך עלטער, ווי מען איז געוואוינט צו דענקען. בכלל האָט מען וועגען דער אידישער דראמע ווייניג געשריבען, און דער אָנהויב איז נאָך לחלוטין ניט אויסגעפאָרשט. די עטליכע אידישע געלעהרטע, וואָס האָבען גע־שענקט אויפמערקזאמקייט דער אידישער דראמע ווייזען געוואוינ־ליך, אַז איהר געבורט איז פאָרגעקומען אין דעם ניינטען אָדער צעהנטען יאהרהונדערט. נאָך אַנדערע זעהען ניט קיין שפור פון איד׳שער דראמע ביז'ן רענעסאנס. אָבער דאָס איז ניט אין גאנצען ריכטיג. דער אָנהויב פון א דראמע איז ניט ווען פאַרטיגע שטיקער ווערען אויפגעפיהרט, נאָר ווען מען הויבט זיי אָן צו שאַ־פען. דער אָנהויב פון דער גריכישער דראמע איז ניט ווען עסכילוס, דער ערשטער פון די דריי גרעסטע גריכישע דראמאטישע דיכטער האָט אָנגעהויבען צו שאפען זיינע טראגעדיעס; אויך ניט ווען טהעספּיס, דער פאָטער פון דער גריכ׳שער דראמע האָט אָנגעהוי־בען ארומצופאָהרען איבער'ן לאַנד מיט זיין וואָגען. וועלכער האָט איהם געדיענט אַלס א ביהנע און וואו ער האָט געגעבען זיינע

שפּאַט פון זיי. עטליכע ביישפּיעלס פון דעם דאָזיגן שפּאָט ווערען איבערגעגעבען אין דער גמרא. אזוי גיט איבער אבהו, וועלכער איז געווען וועלטליכער ווי די אנדערע אמוראים פון זיין צייט און האָט דאריבער געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אויף יענער זייט פון די ד׳ אמות של הלכה, ווי מען מאכט חוזק פון אידען און זייערע אינסטיטוציאָנען: מען פיהרט ארויף אויף דער ביהנע אין טהעאַטער א קעמעל אין טרויער און עס הויבט זיך אָן אזא מין דיאלאָג:

— פאר וואָס איז דער קעמעל אין טרויער?

— ווייל די אידען היטען שמיטה און זיי קענען אפילו ניט קריגען קיין קרייטיכער צום עסען און זיי זיינען דאריבער געצוואונגען צו עסען שטעכערלאך. און דער קעמעל טרויערט, ווייל זיי נעהמען אוועק זיין שפּייז.

אָדער עס קומט אריין מאָמוס (דער קאָמעדיאַנט) מיט אַן אבגעגאָלטען קאָפּ, א סימן פון אבלות און עס קומט פאר אזא דיאלאָג:

— פאר וואָס איז מאָמוס אין טרויער?

— ווייל אויל איז טייער.

— און פאר וואָס איז אויל טייער?

— צוליעב די אידען. זיי פערברויכען שבת אלץ, וואָס זיי האָבען פערדיענט דורך דער וואָך. עס בלייבט זיי אפילו ניט קיין שפּענדעל אָבצוקאָכען א מאָלצייט. און זיי מוזען דאריבער פערברענען זייערע בעטען צו האָבען מיט וואָס צו קאָכען. און אָהן בעטען שלאָפען זיי אויף דער ערד און וואלגערען זיך אין שמוץ. און כדי ניט צו זיין אונריין, ברויכען זיי א סך אויל, און דאריבער איז אויל אזוי טייער.

איבריגענס, ארום דער צייט האָט שוין די דראמע ביי די אומות העולם אנגעהויבען צו גוסס׳ן, און ארום דעם פינפטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז די אלטע דראמע, דאָס הייסט די גריכישע, וואָס איז איבערגעגאנגען צו די רוימער, געשטאָרבען מיט א נאַטירליכען טוידט. ביי די קריסטליכע גייסטליכע איז זי געווען גראָד אזוי טרפה, ווי ביי די אידישע

מיט דער תליה האט אנגענומען די פארם פון א צלם, און דאס האט ארויסגערופען א שארפען פראטעסט פון די קריסטליכע שכנ ם. זיי האבען זיך געקלאגט, אז אידען שפאטען פון זייער אמונה. אימ־פעראטאר טהעאדאסיוס דער צווייטער האט ארויסגעגעבען א בע־פעהל, אז אידען זאלען זיך ניט ערלויבען צו מאכען אזא פורים שפיעל און ערקלערט א שטראף פאר די וואס וועלען דערויף עובר זיין. אבער ניט דער בעפעהל און ניט די שטראף זיינען געווען בכח אבצושטעלען אזא שפיעל. די אידען האבען זיך געמאכט ניט וויסענדיג, און דער כעס פון די קריסטליכע שכנים איז געוואק־סען. אין דעם סירישען שטעדטיל אימנעסטאר, ניט ווייט פון אנ־טיאך, וואו די אידען האבען זיך לוסטיג געמאכט איבער א גולם פון המן אויף דער תליה, האבען די קריסטען געמאכט א בלבול, אז די אידען האבען אויפגעהאנגען א קריסטליכען בחור אין דער פארם פון א שתי וערב און פערשמיסען איהם אויף טויט. פיעל אידען זיינען שווער בעשטראפט געווארען דערפאר, און אין אנ־טיאך האבען די קריסטען נקמה גענומען פון די אידען און פער־טריבען זיי פון די בתי מדרשים. דאס איז געווען אין דעם יאהר 415.

ווי פרימיטיוו, ווי האמעטנע אזא שפיעל איז ניט געווען, קען מען שוין אין דעם זעהן א גאנצע האנדלונג, א גאנצע פארשטעלונג, און מען דארף ניט קיין סך חקירות צו ציהען דעם שלוס, אז דאס דאזיגע שפיעל איז פיעל נעהענטער צו קאמעדיע, ווי די ערשטע וויצען און פזמונים לכבוד דעם גריכישען גאט דיאניסאס, וועלכע רעכענען זיך פאר'ן אנהויב פון דער אלטער גריכישער דראמע.

מען קען זיך גרינג פארשטעלען, ווי אזוי דאס פורים שפיעל האט זיך גענומען ענטוויקלען. די וויצען און המצאות, וואס זיינען געמאכט געווארען ארום דער תליה, זיינען לכתחילה ארויסגעזאגט געווארען ניט געטראכטערהייד. יעדער האט געזאגט, וואס איהם איז איינגעפאלען. די געלונגענע וויצען, די בעסערע המצאות זיינען געבליבען אין זכרון און וואס א יאהר שפעטער זיינען זיי געווא־רען אלץ מעהר בעקאנט און אלץ מעהר געוואקסען. און עס האט זיך אויסגעארבייט א געוויסער נוסח. דערביי איז שוין געווען גרינג

האמעטנע פארשטעלונגען. די גריכישע דראמע הויבט זיך אָן פון דעם כאָר, וואָס האָט געטאַנצט און געזונגען לכבוד דעם גאָט פון וויין ווען די גריכישע כהנים האָבען איהם קרבנות געבראכט און דערצעהלט דעם עולם זיינע גרויסע שבחים, און פון די ווערט־לאך און המצאות וואָס זיינען דערביי געמאכט געוואָרען פון דעם פובליקום. און ווען מיר בעטראכטען דעם נייען סאָרט דראמע פון דעם שטאַנדפונקט, מוזען מיר קומען צום שלוס, אז דאָס פורים שפיעל איז כמעט אזוי אלט ווי דער גלות.

דאָס פורים שפיעל, א קינד פון גלות, געבאָרען אין בית המדרש אָדער אויפ׳ן שוהל־הויף און געצערטעלט פון פרומע אי־דען, האָט שוין אין אָנהויב פון דעם פינפטען יאהרהונדערט גע־צאָהלט א שווערען פרייז און איז דורכגעווייקט געוואָרען מ ט אי־דישען בלוט. גע׳רודפ׳ט, געשטיקט, געוואָרגען פון אלע זייטען, האָט דער גלות איד אנגענומען די כלי זין פון דעם שוואכען און האָט זיך אבגערעכענט מיט זיינע שונאים דערמיט, וואָס ער האָט פון זיי חוזק געמאכט אונטער די אויגען. די געלעגענהייט דערצו האָט ער געהאט אין דעם איינציגען טאָג פון יאָהר, ווען ער האָט געפייערט זיין גרויסען נצחון איבער זיין גרעסטען שונא — המן. עמלק׳ס אייניקעל איז געווען די פערקערפערונג פון אלע אידישע שונאים און אז מען האָט זיך מיט איהם גערעכענט, פון איהם חוזק געמאכט, האָט מען געפיהלט, אז דאָס איז א נקמה אָן אלע שונאים.

די מגלה וואָס מען האָט געלייענט אין שוהל, האָט ניט גע־געבען קיין געלעגענהייט פאר מאכען חוזק. די מגלה אליין איז צו ערנסט, די שוהל צו הייליג דערפאר. האָט מען דעם טאָג פון פורים דעם שוהל־הויף פערוואַנדעלט אין א טהעאטער און דאָרטען גע־מאכט א גולם פון המנ׳ען און געשטעלט פאר איהם א תליה. די אידען האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום, און ווער עס האָט גע־קאָנט, האָט געמאכט א וויץ, געזאָגט א המצאה, ארויסגעשפרונגען מיט א קאַטאָוועס, און ווען דער שפאַס האָט זיך אויסגענומען, האָט מען דעם גולם פערברענט צוזאמען מיט דער תליה. צו דאָס איז געווען א צופאל, צו אן איינפאל פון א וויצלינג, דער גולם

עלעמענט איז געווען די לצנות'דיגע עבודה, וואס מען האט געפּראַוועט פאר דעם אלטאר אין דעם יום טוב פון די שוטים. אלע לצים וואס האבען אין דעם געשפּיעלט זיינען געווען אנגעטהאן ווי קאָמעדיאנטען און מען האט דערביי געזונגען צינישע ליעדלאך און געגעסען און געטרונקען און געמאכט זיך לוסטיג.

יעדער אידישער אינגעל האט געהערט, אז פאר פסח בעהאלטען די גלחים א צלם מיט'ן געקרייציגטען יעזוס אין א טרונע און אין דער נאכט פון פסח געהען די גלחים ארום און זוכען איהם, און ווען זיי קומען צו דער טרונע געפינען זיי זי אפען און דארטען ליגען נאר די קליידער, און עס ווערט א שמחה ביים עולם, אז יעזוס איז צוריק לעבעדיג געוואָרען.

אין יענע צייטען האט מען עס געפּראוועט מיט גרויס פּאַראַד. מען האט פאָרגעשטעלט, ווי די מוטער פון יעזוס וויינט איבער דער טרונע און ווי מלאכים זינגען און דערביי זיינען פאָרגעקומען דיאלאָגען און דער עולם האט זיך געפרעהט און געזונגען און זיך געהאלזט און געקושט.

אזעלכע זיינען געווען ביי די קריסטען די ערשטע פאָרשטעלונגען, פון וועלכע עס האט זיך ענטוויקעלט די מאָדערנע דראמע, און ווען מען פערגלייכט זיי מיט א דראמאטיזירונג פון דער מגלה אסתר, וואס אידען האבען געשפּיעלט אויפ'ן שוהל־הויף, עס מאכט ניט אויס, ווי אומגעלומפּערט, ווי האמעטנע זי איז ניט געווען, קען מען גרינג איינזעהן, אז דאס פורים שפּיעל האט שוין דערגרייכט א געוויסע מדרגה פון ענטוויקלונג, ווען די מאָדערנע דראמע האט זיך ביי די קריסטען ערשט גענומען אויסקאלופּען פון איי.

אבער דער נייער מין דראמע, געבאָרען אין בית המדרש, ערצויגען פון ישיבה בחורים און געצערטעלט פון פרומע אידען, איז שוין פון געבורט געווען פער'משפּט אויב ניט אויף א פריהצייטיגען טוידט איז לכל הפּחות אויף זעהר א געמאַטערט לעבען. דאס פורים שפּיעל האט גלייך דערפיהלט די שטייפע פענטעם, וואס האבען איהם ניט געלאָזט קיין ריהר טהאן זיך און דערצו האט עס נאך בענגענט אויפ'ן וועג גרויסע שטרויכלונגען, וואס עס האט ניט

איינצופיהרען אַן אָרדענונג, אַז איינער זאָל דעם צווייטען ניט אַריינפּאַלען אין די רייד. איינער האָט געזאָגט און דער אַנדערער האָט געענטפערט און דאָס איז שוין אַן אמת׳ער דיאַלאָג, וואָס ציהט זיין זאַפט פון דעם פאָלקס הומאָר.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם דאָזיגען שפּיעל איז צו־געגאַנגען זעהר, זעהר לאַנגזאַם, ווייל ווען מיר בעגעגענען אין דעם ניינטען יאהרהונדערט שוין אַ פאַרטיג פורים שפּיעל, אַ פאָרם גענומען פון דער געשיכטע אחשורש, זעהען מיר ווידער, אַז די הויפּט פּערזאָן איז אַ מאַנעקען פון המן, וועלכען מען פערברענט אויף אַ שייטערהויפען, און די פערזאַמעלטע טאַנצען אַרום איהם און זינגען און פרעהען זיך מיט המנ׳ס מפּלה.

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס פורים שפּיעל אין אַ קיימא לן פון פיינע עטליכע הונדערט יאָהר קיין גרויסען פאָרטשריט ניט גע־מאַכט, און עס האָט זיך נאָר אויסגעאַרבייט אַנשטאָט צופעליגע וויצען און המצאות אַ בעשטימטע פאָרם און אַ געוויסער נוסח. און קיין וואונדער ניט. ווי שוין אויבען דערמאָנט איז די צייט פון דעם פינפטען ביז דעם צעהנטען יאהרהונדערט ניט געווען מסוגל פאַר דראַמע. און אידען זיינען אפשר געווען די איינציגע ביי וועמען דורך דער דאָזיגער גאַנצער לאַנגער צייט האָט זיך געוויזען דאָס ערשטע קערנדעל פון אַ נייעז סאָרט שפּיעל, נאָכדעם ווי די אַלטע קלאַסישע דראַמע האָט איהר רוה געפונען אין קבר. די אידען זיינען געווען די פּיאָנערען אין דער מאָדערנער דראַמע און די דראַמאַטי־זירונג פון מגלת אסתר, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דעם ניינ־טען אָדער צעהנטען יאהרהונדערט איז געווען אַזאַ גרויסע אויפ־טהו, פון וועלכען די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען דעמאָלט נאָך אפילו ניט גע׳חלומ׳ט. עס איז פערשפּאַרט צו זאָגען, אַז דאָס וואָרט מאָדערנע ווערט דאָ געברויכט אין דעם סאַמע ברייטסטען זין און דערמיט ווערט בעצייכענט די דראַמע וואָס האָט זיך אָנגע־הויבען צו ענטוויקלען נאָכ׳ן טוידט פון דער קלאַסישער דראַמע.

דער אָנהויב פון דער מאָדערנער דראַמע אין די מערב אייראָפּעאי־שע לענדער הויבט זיך אָן ערשט אין דעם צעהנטען יאהרהונדערט אין די קירכען, און דער ערשטער אויסדרוק פון אַ דראַמאַטישען

השק אריינגעווארפען אין הבלי עולם הזה. דעם טאָג האָט געמאכט א מרידה דער אסקעט, דער נזיר, דער איינגעהאלטענער אין איהם און געגארט צו טהאָן עפּעס אזוינס, וואָס איז געווען געגען זיין גאנצען ארט לעבען, געגען זיין גאנצער פילאָזאָפיע. די פּורים'דיגע סעודה, די עטליכע גלעזער וויין אדער גלעזלאך בראנפען ווישען ווי מיט דער האנד פון איהם אב זיין ערנסטקייט, אייביגען אומעט און ווייזען איהם די וועלט גאָר אין אנדער קאָליר. אין דעם טאָג ווערט עפּעס ווי פערשוואונדען יעדע הייליגקייט, און אפילו דער פרומס־טער איד פערגינט זיך צו זאָגען אזעלכע הלצות, ביי וועלכע ווײ־בער טאָרען ניט זיין דערביי. אין ישיבות, וואו בחורים און יונגע לייט זיינען א גאנץ יאָהר געזעסען על התורה ועל העבודה איז גע־ווען א מנהג אויסצוקלייבען אויף דעם טאָג פון פּורים א לצנות־דיגען רב און ער האָט געזאָגט אזעלכע דרשות, פון וועלכע א איד פון א גאנץ יאָהר וואָלט רויט געוואָרען פאר בושה. די דאָזיגע דרשות האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט גראָבען ציניזם, מיט מאום'ן נבול פּה, און וואָס געזאלצענער דער נבול פּה איז געווען, אלץ מעהר האָט דער עולם אָנגעקוואָלען.

יונגע חברה לייט האָבען זיך אין דעם טאָג אָנגעטהאָן אין ווײ־בערשע קליידער, זיינען ארומגעגאנגען אין די גאסען און געמאכט קאָמעדיאנטסקע שטיק, און די עלטערע מענשען, די פרומע אידען האָבען ניט נאָר גאָר ניט געהאט קעגען דעם, נאָר געקליבען פון זיי פערגניגען.

עס איז קיין שום ספק ניט, אז דער כאראקטער וואָס פּורים האָט אָנגענומען האָט זיך ניט אויסגעארבייט אויפ'ן שויס פון אידישקייט און אז דער מנהג איז איבערגענומען געוואָרען פון די ארומיגע פעלקער. אין דעם מיטעלאלטער האָט מען אין פיעל מדינות אין אייראָפּא געפייערט דעם נארענפעסט. די לצנות אין דעם יום טוב האָט מען געטריבען אזוי ווייט, אז אויף דעם טאָג פלעגט מען אויסקלייבען א פּאבסט, אריינזעצען איהם אין א טהראָן אין איינער פון די גרעסטע קירכען און אויף זיין בעפעהל פלעגט מען פראוועון א חוכא וטלולא'דיגע עבודה. דער דאָזיגער יום טוב איז אויך ניט געווען קיין קריסטליכער, ער איז איבערגעגאנגען

געקענט בייקומען. שוין ביי דער ערשטער דראמאטיזירונג פון אחשורש האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף אן אייזערנע וואנד. אין דער מגלה פון אסתר קומען אריין אזעלכע פּערזאָנען, ווי ושתי, אסתר און זרש, און אויב אפילו מען קען אויסקומען אהן ושתי און אָהן זרש, קען מען זיך ניט בעגעהן אָהן אסתר. און ווער זאָל שפּיעלען די ראָל פון אסתר? א מיידעל? א ווייבעל? אפילו ביי די גריכען האָבען פרויען ניט געשפּיעלט אויף דער ביהנע און אויך מיט פיעל הונדערטע יאָהרען שפּעטער אין ענגלאנד, אין שעקספּירס צייטען, האָבען פרויען ניט געשפּיעלט, און די ראָל פון דער ווייבליכסטער דזשוליעט האָט געשפּיעלט א יונגער בחור אפשר נאָך מיט קליינע וואנסעלאָך. עס האָט דעמאָלט גאָר ניט געקענט זיין די פראגע פון „קול באשה ערוה“, אז עס איז א שאנד צו הערען די שטים פון א פרוי, ווייל עס האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען א אידישער מיידעל אָדער ווייבעל צו מישען זיך צווישען מאנסביל. עס פארשטעהט זיך, אז די ראָל פון אסתר וואָלט בעדארפט שפּיעלען א זכר, און אין אזא פאָל האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף א בפירוש'ען לאו פון דער תורה: „לא ילבש גבר שמלת אשה“, א מאנסביל טאָר ניט אָנטהאָן קיין פרויען־קליידער. דער אלטער פערבאָט פון טהעאטער צוליעב מושב לצים איז א חוזק געגען דעם דאָזיגען לאו, און דאָס אליין האָט גע־דארפט זיין גענוג צו טוידטען דאָס פורים שפּיעל, נאָך איידער עס האָט געוויזען די ערשטע סימנים פון לעבען.

עס דארף דעריבער קיין חדוש ניט זיין, פאר וואָס די ענט־וויקלונג פון דעם פורים שפּיעל איז צוגעגאנגען אזוי לאנגזאם. מיר דארפען זיך גיכער חדוש'ען, ווי אזוי עס איז גאָר געקומען צו א דראמאטיזירונג פון אחשורש. און טאקע ווען ניט דער ספּעציעלער כאראקטער פון דעם יום טוב פורים וואָלט קיין מאָל דאָס פורים שפּיעל ניט אויסגעהאָדעוועט זיך אויפ'ן שויס פון אידישקייט.

פורים איז געווען דער אידישער קארנעוואל, א יום טוב פון הוליען און טרינקען, ווען שכרות ווערט גערעכענט פאר א מצוה. דאָס איז דער איינציגער יום טוב, ווען דער איד האָט זיך אין גאנ־צען אויסגעטהאָן פון זיין רוחניות וועלטעל און האָט זיך מיט

„קאָמעדיא.פּאמאָזא דע אמאן אי מאָרדעכאי."

שמחה לוצאטאָ (1590-1663) האָט אין זיינע יונגע יאָהרען אָנגעשריבען אין איטאַליעניש א פּאראבאָלע, א מין אלעגאָריע אין א דראמאטישער פּאָרם. דער אינהאלט איז אזא: א ן דעלפי האָט מען געגרינדעט אן אקאדעמיע מיט דעם צוועק אבצוזונדערן די פּסולת פון מענשליכען וויסען. „פערשטאנד" האָט גלייך דערלאנגט אַ פּעטיציע פון געפענגנים, וואו זי איז א צייט לאנג געווען איינגע־שפּארט דורך „ארטהאָדאָקסישען אויטאָריטעט", און געפּאָדערט מען זאָל איהם גלייך בעפרייען. און הגם פּיפּאגאָראס און אריסטאָטעל, די הויפּט פאָרשטעהער פון וויסען, זיינען געווען געגען דעם און האָבען געוואָרענט, אז ווען „פערשטאַנד" וועט בעפרייט ווערען, וועט ער פערשפּרייטען שרעקליכע פערגרייזטע מיינונגען, דאָך האָט די אקאדעמיע ארויסגעלאָזט איהם פריי, ווייל נאָר מיט'ן פער־שטאַנד קאן וויסען זיך ענטוויקלען. נאָר די ערשט בעפרייעטע מוחות האָבען אָנגעמאכט א סך צרות, און די אקאדעמיקער האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. סאקראטעס האָט זיך אויפגעהויבען און אין א לאנגער רעדע האָט ער ערקלערט, אז „פערשטאַנד" און „אויטאָריטעט". ווען מען ערלויבט זיי צו געוועלטיגען אליין, וועלען נאָר מאכען פעהלערען און צרות, נאָר ווען יעדער פון זיי ווערט בעשרענקט, פערשטאנד פון אמונה און אמונה פון פערשטאנד, און ווערען אויסגעמישט אין א ריכטיגער פּראָפּאָרציע, וועלען זיי שאפען א שעהנע הארמאָניע, וואָס גיט דעם מענשען די וועלט און יענע וועלט.

דאָס קאָן מען בשום אופן ניט רופען דראמע און האָט קיין שייכות ניט מיט דראמאטישער קונסט. נאָר די פּאראַבאָלע ווייזט, אז די איטאַליענישע אידען האָבען זיך גענומען צו דער דראַ־מאטישער פּאָרם. לעאָ מאָדענא (1571-1649), האָט אין דער זעל־ביגער צייט איבערזעצט אין איטאַליעניש אוסק'ס „אסתר" פון שפּאניש.

אין דעם זעלביגען יאהרהונדערט איז אויך געמאכט געוואָרען דער ערשטער פערזוך צו שאפען די העברעאישע דראמע. דער ערש־טער אויף דעם פעלד איז געווען משה זכות (זאקוט אָדער זאקוטאָ,

צו די קריסטען פון די רוימישע געצענדיענער און איז געווען אַן איבערבלייבסעל פון דער רוימישער סאַטורנאַליע.

דאָס איז זעהר וויכטיג צו וויסען, כדי בעסער צו פערשטעהן דעם כאַראַקטער פון פורים אין די פריהערדיגע צייטען, און דאָס וועט אונז העלפען צו בעגרייפען ניט נאָר ווי אזוי איז מעגליך געוואָרען אַ פורים שפּיעל ביי אידען, ווען אזעלכע שווערע שטיינער זיינען איהם געלעגען אין וועג, נאָר אויך פאַר וואָס עס האָט אָנגענומען אזא גראָבען, צינישען און אונגעלומפּערטען פּנים.

דאָס פעלד פון דראַמע ביי אידען איז געווען קליין און בעשרענקט. אַ סאַטירע, אַ וויציגער דיאַלאָג, אַ קליינער פאַרס — דאָס איז געווען אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט שאַפען אויף דעם פעלד. נאָר קיין אנדערע פעלדער זיינען אויך ניט געווען פאַר דער דראַמע. און דער דראַמאַטישער קערנדיל, וואָס האָט זיך בעוויזען ביי אידען איז געבליבען אין אַ פערגליווערטען מצב. און ערשט ווען אנדערע ברייטערע פעלדער האָבען זיך געעפענט, האָבען זיך אידען גענומען מיט חשק און התמדה צו דער קונסט פון דראַמע. די ערשטע אָריגינעלע דראַמע אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור, „סעלעסטינאַ“, שרייבט מען צו אַ אידען, ראָדריגאָ דאַ קאָטאַ. די ערשטע עכט אידישע שטיק אין שפּאַניש „אסתר“ איז אָנגעשריבען געוואָרען אין דעם יאָהר 1567 פון סאַלאַמאָן אוסק מיט דער הילף פון לאַזאַראָ גראַציאַנאָ, ביידע אנוסים. אנדערע שפּאַנישע אידען זיינען געגאַנגען אין זייערע טריט און הגם פערטריבען פון שפּאַניען האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו שרייבען אין שפּאַניש און שאַפען זייערע דראַמאַטישע ווערק נאָך שפּאַנישע מאָדעלען. זייער טהעטיגקייט אויפ'ן פעלד פון דראַמע איז געווען אזוי פּרוכטבאַר, אז באַלד האָט זיך בעוויזען אַ „אידישער קאַלדעראָן“, וועלכער האָט אָנגעשריבען איבער צוויי און צוואַנציג דראַמען. ער האָט געהייסען אַנטאָניאָ ענריקעז דע גאָמעץ (1600-1660), אַ מאַראַנאָ וועלכער האָט זיך ארויסגעראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע און איז אַנטלאָפען פון שפּאַניען. אַ צייט לאַנג זיינען פיעל פּיעסען זיינע אָנגענומען געוואָרען פאַר קאַלדעראָנס. מען דענקט אויך אז ער איז דער פערפאַסער פון דעם שפּאַנישען פורים שפּיעל

תפוצות ישראל און האט הינטער זיך איבערגעלאזט א ווילדע אויפ־רעגונג, אן אונבעקאנטע בענקעניש נאך א גרינגערען, פרייערען, בעסערען לעבען. אין די גהעטאס, וואו די אויגען זיינען תמיד געווען פעררייסען צום הימעל, האט מען פלוצים דערזעהן די ערד מיט אלע איהרע פערגניגענס. און הגם שבתי צבי אליין איז שוין געווען טוידט און זיינע חסידים אויסגע'שמד'ט, האט אבער נאך געלעבט דער שבתי־צבי'נישער גייסט. דער קאמף געגען דעם שווערען יאך פון תלמוד האט אנגעהאלטען, און דער מיסטישער זוהר, ווי דונקעל ער איז ניט געווען, האט פערשפראכען מיט'ן אויטאריטעט פון אמונה מקרב צו זיין דעם הימעל צו דער ערד.

אין דעם ערשטען פערטעל פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונ־דערט האט זיך אין איטאליען בעוויזען דער העברעאישער דראמא־טישער דיכטער משה חיים לוצאטא (1707־1747). געבארען און ער־צויגען אין איטאליען איז ער די ערשטע צייט געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער איטאליענישער דראמאטישער ליטערא־טור און זיין ערשטער פערזוך אויפ'ן פעלד פון דראמע אין דער האלב פערגעסענער שפראך פון די נביאים. „שמשון ופלשתים" דערמאנט שטארק דאס בעוואוסטע איטאליענישע שעפער־שפיעל „פאסטאר פידא" (דער טרייער פאסטוך). די דאזיגע דראמען האט ער אנגעשריבען אין דעם יאהר 1724, דאס הייסט ווען ער איז אלט געווען זיבעצעהן יאהר.

ער איז געווען צו יונג, צו אונערפאהרען, צו געבען א נא־טירליכע פארב די ליידענשאפטען, וואס ווערען געשילדערט אין „שמשון ופלשתים". די דאזיגע ליידענשאפטען זיינען איהם געווען אין גאנצען פרעמד און ער האט זיי נאר געקענט מאלען מיט פאר־בען פון דער פאנטאזיע. קיין לעבעדיגקייט, מענשען־קענטשאפט האט מען אין דער דראמע ניט צו זוכען, נאר דערפאר איז זי דורכגעדרונגען מיט א רייכער פאעטישער פאנטאזיע.

זיין צווייטע ווערק אין א דראמאטישער פארם דער „מגדל עוז" ווייזט א וואונדערבארע הארמאניע פון קלאנגען, וועלכע מען האט ניט געהערט צווישען אידען צייט די נביאים זיינען אנשווי־

(1630־1697) געבאָרען אין אמסטערדאם און האָט געלערנט אין איין ישיבה מיט ברוך שפּינאָזא). דאָס ווערק הייסט „יסוד עולם“ און די העלדען זיינען: נחור, מלכה, תרח, אברהם, הרן, שרה, לוט, אליעזר, נמרוד, עוג, אמרפל, ישמעאל, הגר, קטורת, יצחק, נמרוד׳ס קנעכט און חכמים, אברהמ׳ס פאסטוכער און זייער אויפזעהער אחיטוב, לוט׳ס פאסטוכער און זייער אויפזעהער אחירע, אמרפל׳ס חברים.

הגם דער „יסוד עולם“ איז געוועזן די ערשטע געשריבענע דראמע אין העברעאיש איז אבער די ערשטע העברעאישע געדרוקטע דראמע געוועזן „אסירי התקוה“ פון יוסף פענזא דע לא וועגא (1650־1703). די וויכטיגקייט פוןביידע דראמען בעשטעהט נאָר דערין, וואָס זיי זיינען געוועזן די ערשטע אין העברעאיש. דער אינהאלט פון „אסירי התקוה“ איז אזא: א קעניג וואָס קוקט זעהר ערנסט אויף זיין פעראנטוואָרטליכקייט אלס הערשער ווערט פערפיהרט, פריהער פון זיינע אייגענע אימפולסען, וואָס ווערען פערסאָניפיצירט אין יצר, דערנאָך פון א קאָקעטקע אין דער געשטאלט פון אשה און דערנאָך פון דעם שטן. דריי אנדערע קרעפטען בעמיהען זיך צו האלטען איהם אויף דעם ריכטיגען וועג און זיי זיינען: שכל, השגחה און א מלאך. פענזא האָט געהאט די כונה צו ווייזען די קנדער פון די אנוסים, וועלכע זיינען געוועזן געוואוינט צום פרייען און אויסגעלאסענעם לעבען פון שפּאניען, אז די וועגען פון דעם יצר און אשה און שטן פיהרען ניט צו קיין גוטס, און אז דאָס אמת׳ע גליק געפינט מען אין גוטע מדות.

מיט׳ן אָנקומען פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט איז די טהעטיגקייט אויפ׳ן דראמאטישען פעלד צווישען אידען געוואָרען א פיעבערהאפטע. די פאדערונג אויף טהעאטער וואקסט אומעדום און דראמאטישע ווערק ווייזען זיך אין אלע לענדער, וואו אידען זיינען פערשפּרייט. דאָס איז געוועזן די צייט, ווען דער גאנצער בנין פון אידישקייט האָט אָנגעהויבען צו קראכען, די לאסט פון חומרות, גדרים, סיגים האָט זיך אָנגעזאמעלט א צו שווערע, און דער איד האָט געוואָלט אויסגלייכען זיינע פּלייצעס. דאָס איז געוועזן באלד נאָך דעם, ווי שבתי צבי איז ווי א שטורם דורכגעגאנגען אין אלע

ניט צום אויפפיהרען אויף א ביהנע, ווייל זייער דראמאטישער שטאף איז צו קליין און די האנדלונג צו שוואך. בפרט ווען זיי זיינען געקומען נאך שעקספיר און נאך קאלדעראן, ווען פון א דראמע האט מען געפאדערט א שטארקע האנדלונג מיט מענשען פון בלוט און פלייש און די צייט פון אלעגאריען און מאראליטעטען איז שוין געווען פאראיבער. אבער אין אמת'ן איז געווען א גאנץ געוועהנליכע ערשיינונג אין דעם 17טען יאהרהונדערט צו געבען דראמאטישע פארשטעלונגען פון העברעאישע שטיקער אויף חתונות ווי אויך פורים, און די מייסטע העברעאישע שטיקער זיינען געשריבען געווארען פאר דעם צוועק. דער אידישער דיכטער יצחק גאמעץ דע סאסא, וועלכער האט געלעבט אין איין צייט מיט יוסף פענזא אין אמסטערדאם האט אין ליטייניש פערזען בעזונגען די ערשיינונג פון „אסירי התקוה“ אזוי:

„ענדליך איז עס עררייכט געווארען. די העברעאישע מוזע שפאצירט איצט אין די פעלצענע שיך מיט די הויכע אבסאצען זיכער און שטייף. מיט געמאסטענע טריט פון פאעזיע ווערט זי מיט פאראד אריינגעפיהרט דורך יוסף (פענזא). א רייכער שטראהל פון האפנונג שיינט ווידער, אז איצט וועט אויך די ביהנע זיך עפענען פאר דעם הייליגען געזאנג.“

דערפון דארף מען דרינגען, אז מען האט געווארט צו הערען די מעלאדישע קלאנגען פון די העברעאישע דראמאטישע דיכטונגען אויף א ביהנע.

אין דער זעלבער צייט וואס משה חיים לוצאטא האט רייכער געמאכט די העברעאישע שפראך מיט זיינע דראמאטישע דיכטונגען האט זיך יאזע דע סילווא (1705-1739) אויסגעצייכענט אלס דראמאטישער דיכטער אין פארטוגאל און האט בערייכערט די פארטוגעזישע ביהנע מיט פיעל דראמען. יאזע דע סילווא איז געבליבען א קלאסיקער אויף דער פארטוגעזישער ביהנע און זיינע דראמען ווערען נאך געשפיעלט ביי היינטיגען טאג. זיין טוידט איז זעהר א טראגישער. ער איז געשטארבען א מארטירער אויפ'ן שייטערהויפען, און בשעת די פלאמען האבען ארומגעכאפט זיין קערפער, האט מען אין דעם גרויסען טהעאטער אין ליסאבאן אויפגע־

גען געוואָרען, אָבער דאָ ווייזט זיך אויך ארויס אַז אונבעקאַנט־שאַפט מיט דער וועלט.

א קינד פון רייכע עלטערן, ערצויגען אין רחבת, דערוויייטערט פון יעדער דאגה, האָט ער די וועלט נאָר געקענט זעהן פון זיין צימער, וואו ער האָט זיך ארומגעטראָגען מיט שבתי צבי׳נישע חלומות. באלד אבער האָט ער געמוזט ערוואכען פון זיינע חלומות און קומען אין צוזאמענשטויס מיט פערשיידענע מענשליכע ליי־דענשאַפטען. דאָס רעדעל ביי זיין פאָטער האָט זיך איבערגע־דרעהט, און דער איידעלער טרוימער און מיסטיקער א ז געבלי־בען אָהן מיטלען און האָט געדארפט אָנהויבען צו זאָרגען וועגען דער וואָכעדיגער חיונה. און איצט אַז ער האָט פערלאָרען דעם שוץ פון דעם רייכען פאָטער, האָבען די איטאַליענער רבנים אָנגעהויבען צו רודפ׳ען איהם פאר זיינע ניי־גונגען צו דער קבלה און האָבען איהם אין חרם ארייַנגעוואָרפען. זיי־נע פריינד וואָס האָבען איהם שבחים געזונגען האָבען איהם איצט פערלאָזט און אבגעקעהרט זיך פון איהם. ער האָט א־צט דערזעהן מענשען ווי זיי זיינען. ער האָט געקענט אריינקוקען טיע־פער צו זיי אין הארצען, און די ערפאהרונג וואָס איז איהם פריי־הער אבגעגאנגען, איז צו איהם יעצט געקומען אין דער פולער מאָס.

אָבער די דאָזיגע ביטערע ערפאהרונגען האָבען זיין פּאָעטישען גייסט ניט ביטער געמאכט. אין זיין לעצטער אונשטערבליכער דראמע „לישרים תהלה“, ווייזט ער זיך ארויס אין זיין פולער קראפט. דאָס איז א גרויסע ווערק סיי אין דער פאָרם, סיי אין סטיל און סיי אין געדאנקען. מיט דער דאָזיגער דראמע האָט ער זיך געשאפען אַן אייביגען מאָנומענט אין העברעאיש.

„לישרים תהלה“ איז געשריבען אין דער פארם פון פאר־שעקספּירס צייטען, אלעגאריש. די כאראקטערען זיינען ניט קיין מענשען פון בלוט און פלייש, נאָר אבסטראקציעס, ווי שכל און נאַ־רישקייט, ערענטליכקייט און פאלשקייט און דאָס גלייכען.

אויפ׳ן ערשטען בליק קען אויסווייזען, אַז די העברעאישע דראמען זיינען לכתחילה געשאפען געוואָרען בלויז צום לייענען און

פון זיך ניט געקענט אבטרייסלען די נייע השגות, וואס האבען זיך ביי זיי אויסגעארבייט אונטער דער השפעה פון יענעם לאנד. און די אנוסים זיינען געוואוינט געווארען צו א פרייען לעבען. די הבלי עולם הזה האבען ביי זיי פערנומען א גרויסען פלאץ און די אנוסים האבען אפילו ניט בעגריפען פאר וואס מען דארף זיין דערוויי־טערט פון פרויען.

עס דארף דאריבער קיין חדוש ניט זיין, פאר וואס זיי האבען געבראכט אומעדום, וואו זיי זיינען פערוואגעלט געווארען, א לעכ־צונג נאך אזא אונטערהאלטונג, ווי טהעאטער, און ווען צוליעב וועל־כער עס איז אורזאך האבען זיי ניט געקענט בעזוכען דעם טהעא־טער פון דער שטאדט, וואו זיי האבען זיך בעזעצט, האבען זיי גע־גרינדעט אייגענע טהעאטערס.

און ניט נאר די שפאנישע אידען אליין האבען זיך דערמיט אויסגעצייכענט, אויך די אידען אין איטאליען האבען ארויסגע־וויזען א פאדערונג אויף אזא אונטערהאלטונג און אין דעם זי־בעצעהנטען יאהרהונדערט האבען זיי געהאט זייערע אייגענע טהעאטערס, ווי מען קען עס זעהען פון די שאלות ותשובות פון דעם איטאליענישען רב שמואל אבוהב. דער דערמאנטער רב ווענדט זיך צום ווענעציער רב עזריה פיגו מיט אזא בריעף:

*) לכמהרר עזריה פיגא: מוירונה לוויניציאה.

דעם יאהר תס"ב.

תעיר קנאת ד על קביעת בתי טרטיאות ובתי קרקסיאות במחנה העברים בהתאסף שם אנשים ונשים וטף לשמוע דברי לצנות ונבלות פה. כי החלתי מיגון וכאב פירוד הנעשה ע"י פ' נר"ו וחוששני פן ח"ו תצא תקלה מתחת ידו לרבים ופערו פיהם לבלי חוק להטיל מום בקדשים, כי הזמן והמקום מופן וניצב לריב לשונות ודבר עבירה בעונ' שרבו. והאחרון הכביד הקל ארצה עטרת תפארת היהדות מעיר ההיא לבנות ולהקים להם בקרב מחנם הקדושה בתי טרתיות ובתי קרקסיות הקבועות ונאספו שמה אנשים ונשים

---

*) דבר שמואל, פון שמואל אבוהב, געדרוקט אין ווענעציע אין דעם יאהר תס"ב.

פיהרט זיינע אַן אַפּערעטע און דאָס קנאַקען פון דעם פייער האָט זיך אויסגעמישט מיט די מעלאָדישע קלאַנגען פון זיין מוזיקאַלישער דראַמע.

מיט איהם האָט זיך געענדיגט די עפּאָכע פון דער שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער השפּעה אויף אידישע טאַלאַנטען. ער איז געווען דער לעצטער רינג אין דער גאָלדענער קייט, וואָס האָט זיך געצויגען פון דעם בלוטיגען שפּאַניען אין אַלע יענע לענדער, וואו אידען האָבען געפונען א מקום מקלט נאָכ'ן גירוש.

גאָמעץ אין שפּאַניען און יאָזע דע סילוואַ אין פּאָרטוגאַל זיינען ניט געווען סתם דראַמאַטורגען. זיי האָבען פערנומען זעהר א וויכטיגען פּלאַץ אויף דער שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער ביהנע. עס איז זעהר פיעל געזאָגט, ווען גאָמעץ'ס דראַמען זיינען א צייט לאַנג אנגענומען געוואָרען פאַר קאַלדעראָנס. קאַלדעראָן פערנעהמט אויף דער שפּאַנישער ביהנע דעמזעלביגען פּלאַץ, וואָס שעקספּיר אויף דער ענגלישער. יאָזע דע סילוואַ'ס דראַמען האָבען אויסגעהאַלטען די בעסטע פּראָבע, די פּראָבע פון צייט, ווען זיי האָבען זייער רייץ ניט פערלאָרען אין א משך פון א צוויי הונדערט יאָהר אויף דער פּאָרטוגעזישער ביהנע. די דאָזיגע פאַקטען זיינען פאַר אונז זעהר וויכטיג. מען האָט ביי אונז און וועגען אונז א סך טהעאָריען געבויט, פאַר וואָס אידען האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. מען האָט וויסענשאַפטליך ערקלערט, אז די אייביגע רדיפות און די שענדליכע גהעטאָס האָבען די אידען ניט געמאַכט מסוגל פאַר דראַמע. מען האָט אויך ערקלערט, אז דער אידישער טעמפּעראַמענט איז אזא, וואָס לאָזט זיך פּשוט ניט שפּאַנען צו דראַמע. די אנגסטען און צרות פון די אנוסים זיינען געוויס ניט געווען קלענער פון די רדיפות און ערנידרונגען, וואָס די אידען אין די גהעטאָס זיינען אויסגעשטאַנען. דער טעמפּעראַמענט איז ביי זיי געווען א ריין אידישער, אויב עס איז פאַרהאַן אזא זאַך ווי א ספּעציעלער אידישער טעמפּעראַמענט, און דאָך האָבען די אנוסים אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל דערוויזען אויסצוצייכענען זיך אויף דעם פעלד פון דראַמע.

די אידען וואָס זיינען ארויסגעגאַנגען פון שפּאַניען האָבען

געהענדע אויסדריקע, ווי מען קען עס זעהן פון זיין „בתי טרטיאות ובתי קרקסאות“, ווייל עס דארף ניט זיין קיין שום ספק, אז אין איטאליען האט מען ניט געבויט קיין אידישע צירקען, דאך לאזט זיך דרינגען אז אין די גרויסע אידישע קהלות אין איטאליען זיינען צום סוף זיבעצעהנטען יאהרהונדערט אידישע טהעאטערס קיין נאווינע ניט געווען. און עס איז זעהר מעגליך אז אזעלכע אידישע טהעאטערס זיינען געווען נאך פיעל פריהער.

מיר געפינען אויך אין דער צווייטער העלפט פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט האבען די אידען וואס האבען זיך בעזעצט אין פאראמאריבא, סורינאם, זיד אמעריקא, פערגרעסערט און פערשעהנערט זייער טהעאטער אין דעם יאהר 1784, און מיט אכט יאהר שפעטער דאס הייסט אין 1792 האט די דארטיגע קליינע אידישע קהלה שוין פערמאגט צוויי אידישע טהעאטערס.

עס דארף קיין ספק ניט זיין, אז אויך אין אנדערע קהלות און אנדערע מדינות האבען אידען געהאט זייערע אייגענע טהעאטערס. דאס הייסט שטענדיגע טהעאטערס אין איטאליען און סורינאם זייענן ניט געווען קיין אויסנאהם. אין דעם יאהר 1775 האט מען די אידען פערבאטען צו בעזוכען א געוויסען אמאטארישען טהעאטער אין פאראמאריבא און באלד נאכדעם זעהען מיר, אז דארטען זיינען געגרינדעט געווארען צוויי אידישע טהעאטערס. דערפון דארף מען זיך אנשטויסען, אז דער פערבאט צו בעזוכען דעם אמאטארישען טהעאטער האט געטריבען די אידען צו גרינדען אייגענע טהעאטערס, און אזעלכע אורזאכען האבען אין יענע צייטען ניט געפעהלט.

וואס איז שייך צו די פיעסען, וועלכע מען האט געשפיעלט אין אזעלכע טהעאטערס ווייסען מיר ווענען זיי לחלוטין גאר ניט. עס קומט אויס אין גאנצען צו פערלאזען זיך אויף השערות. די אידען האבען שוין דעמאלט געהאט א גאנץ רייכען רעפערטואר. אוסק, גאמעץ, דניאל דע באריאס האבען איבערגעלאזט היבשע עטליכע פיעסען געשריבען אויף ביבלישע טהעמאס אין שפאניש, יאזע דע סילווא — אין פארטוגעזיש. די אידען, וואס האבען געהאט א פאדערונג אויף טהעאטער, זיינען ניט נאר געווען בעקאנט מיט דעם

וטף בנות ישראל הצנועות עם הפרוצות עוברות על דת משה ויהודית קטון וגדול שם הוא כעם ההולך בחליל לשמוע פרשת הקהל והטף למה בא ליתן עונש למביאם, כי מה יעשה אותו הבן ולא יחטא בשבתו בסוד משחקים בשומעו קול פה דובר נבלה הנכנס בגופו כעכס של עכנאי ומעשה ידינו קונן עלינו איכה היתה לזונה קריה נאמנה.

אי לזאת יחרד לבי מורי ורבו, איך זקנים שבדור כבשו פניהם בקרקע, אין קנאים פוגעים בו לעכבו וליכא מאן דדאין דינא דגרמי להרים מכשול דין עסק ביש אבי אבות הטומאה.

אין קורצען בעדייט דער דאָזיגער אויסצוג פון דעם בריעף אזוי:

שמואל אבאאב קלאָגט ז ך פאר׳ן ווענעציער רב פאר וואָס די שעהנע און פרומע אידען שווייגען און קוקען זיך רוהיג צו, ווי מען בויט שטענדיגע טהעאטערס און צירקען אין ווענעציע פאר אידען, און מאנסביל און ווייבער און קינדער, פרומע אידישע טעכטער צוזאמען מיט אויסגעלאסענע זיינען עובר אויף אידישע דינים און פערזינדיגען זייערע יאָהרען, ווייל קיין גוטס קאָן ניט ארויסקו־מען פון זיצען אין א טהעאטער און הערען ווי אקטיאָרען רעדען שענדליכע ווערטער, וועלכע פערדארבען די צוהערער. טהעאטער איז אבי אבות הטומאה.

שמואל אַבאַאב איז דער זעלביגער, וועלכער האָט אין 1734 צוזאמען מיט נאָך פיער איטאַליענישע רבנים אריינגעוואר־פען משה חיים לוצאטא אין חרם.

דער ספר „דבר שמואל“ איז געדרוקט גאָר אין אַנהויב אכט־צעהנטען יאהרהונדערט, אויף דעם בריעף צו עזריה פיגו איז קיין דאטום ניט אָנגעגעבען און אזוי ווי ער געפינט זיך צווישען גאָר די ערשטע שאלות קען מען דערפון דרינגען אז ער איז געשריבען געוואָרען צום סוף זיבעצעהנטען יאהרהונדערט. אין דעם בריעף ווערט גערעדט וועגען שטענדיגע אידישע טהעאטערס און הגם דער סטיל פון דער שאלה ווייזט, אז שמואל אבאאב קען זיך דייטליך ניט אויסדריקען און ער ברויכט גאנצע פראזען, וואו איהם איז נויטיג איין וואָרט נאָר דערפאר, וואָס דאָס וואָרט געפינט זיך אין די

דישען באַדען איז דער רעזולטאַט פון א קאַפּריז אָדער אַן אונרעכט. שמואל אבאאב שרייבט אין זיין בריעף, אז דער גאַנצער אויפּטהוער פון דעם אידישען טהעאטער אין ווענעציע איז געווען א געוויסער רייכער ז״יד, און ניט אזוי ער אליין, ווי זיין רייכער איידעם. אין יענע צייטען איז געווען דיזער מנהג, אז גרויסע רייכע לייט האָבען געהאַט זייערע אייגענע קאָמפּאַניעס אָדער אייגענע טהעאַטערס, און עס איז גרייליך מעגליך, אז דער דערמאָנטער רייכער איידעם אין ווענעציע האָט אויך געוואָלט דערווייזען אזא זאַך און האָבען אַן אייגענעם טהעאטער. און ווידער האָבען מיר געזעהן, אז אין פּאַראַמאַריבאָ האָבען אידען געגרינדעט צוויי טהעאטערס, ווייל מען האָט זיי ניט אריינגעלאָזט אין א געוויסען דילעטאַנטישען טהעאטער. אבער די פרומע פּראָסטע אידען האָבען קיין בעדערפניס אין אזא טהעאטער ניט געהאַט. דער יסוד פון אזא טהעאטער איז אויף הינערשע פיס און אזוי גיך ווי עס ווערט אבגעשאַפט די אורזאַך, וואָס האָט איהם ארויסגערופען צום לעבען, פאַלט איין דער גאַנצער בנין, און דאָס פּובליקום געהט לייכט איבער צו די טהעאַטערס פון דער מדינה.

עס איז א גרויסער ספק צו די העברעאישע דראַמע איז גע־שאַפען געוואָרען פאַר א טהעאַטער, הגם אויף גרויסע חתונות פלעגט מען אין יענער צייט שפּילען פאַר די געסט עפּעס א העב־רעאישע שטיק און דאָס איז געווען א געוואוינליכע אונטער־האַלטונג. דערצו האָט זיך קיין טהאַטער ניט געפאָדערט. אין דער זעלבינער זאַל, וואו די געסט זיינען געווען פערזאַמעלט אין די שבעת ימי המשתה האָט אויך געקענט פערוואַנדעלט ווערען אין א פּלאַץ פאַר די פאַרשטעלונגען. נאָר צו די העברעאישע דראַמע איז לכתחילה געשאַפען געוואָרען פאַר א טהעאטער צו ניט, איז זי שוין צוליעב דער שפּראַך אליין געווען מעהר בעשרענקט און אב־געשלאָסען, ווי דער אויבענדערמאָנטער רעפּערטואַר אין די טהע־אַטערס פאַר אידען פון יענער צייט. די העברעאישע דראַמע האָט נאָר געקענט דערגרייכען צו אזעלכע אידען, וואָס האָבען זייער בילדונג געקריגען אין די ישיבות און וואָס זיינען אוועק אביסעל ווייטער פון די פּיער איילען פון דער הלכה. פאַר די אמת פרומע

דאָזיגען רעפּערטואַר, נאָר די מייסטע האָבען פערשטאַנען די אַרי־גענעלע שפּראַך, אין וועלכע די דראַמען זיינען געשריבען געוואָ־רען. די דאָזיגע דראַמען האָבען געהאַט די גרויסע מעלה, וואָס זיי זיינען לכתחילה געשריבען געוואָרען פאַר א ביהנע, און עס איז העכסט וואַרשיינליך, אַז זיי האָט מען געשפּיעלט אין די אידישע טהעאַטערס.

עס איז גרינג צו זעהן, אַז דער אבן נגף וואָס איז געשטאַנען אין וועג דער אידישער ביהנע איז ניט אָבגעראַמט געוואָרען דער־מיט, וואָס מען האָט אויפגעפיהרט אַזעלכע פּיעסען. „לא ילבש איש שאלת אשה“ איז געבליבען אַלץ א סטראַשידלע פאַר די פרומע אי־דען. שמואל אבּאַב איז ניט געווען דער איינציגער, וואָס האָט גע־גאָסען פּעך און שוועבעל אויפ'ן אידישען טהעאַטער. ביים סוף זיבעצעהנטען יאהרהונדערט און אין דעם אכטצעהנטען יאהר־הונדערט איז דער האָס צום טהעאַטער געווען דער זעלביגער ווי מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק אין ארץ ישראל. די אידישע טהע־אַטערס זיינען אויף אַזאַ אופן געשאַפען געוואָרען צו ענטפערן א פאָדערונג פון די אינטעליגענטע קרייזען, אין וועלכע עס האָט דורכגעדרונגען דער נייער גייסט פון דעם רענעסאַנס. דאָס אידי־שע טהעאַטער האָט געזוכט צופריעדען צו שטעלען א געשמאַק וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אויף דער חכמה און קונסט פון יפת, דעם העכערען קלאַס אידען, און האָט קיין זאַך ניט געהאַט צו געבען ניט דעם פרומען אידען און ניט דעם פּראָסטען אידען.

דער אידישער טהעאַטער מיט זיין רעפּערטואַר וועלטליכע דראַמען איז געשאַפען געוואָרען נאָר פאַר איין קלאַס און האָט פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער דראַמע קיין זאַך ניט געקאָנט טהאָן. עס דאַרף קיין צווייפעל ניט זיין, אַז אין אַזאַ טהעאַטער מיט אַזאַ פּובליקום זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען די בעסערע דראַמען פון דער צייט, נאָר צוליעב זיין אָבגעשלאָסענקייט, אָבגע־זונדערטקייט האָט ער ניט געקאָנט ציהען די זאַפט פון דעם גאַנ־צען פאָלק און האָט ניט געקאָנט האָבען קיין איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראַמע. אַזאַ טהעאַטער אויפ'ן אי־

דריטער קאפיטעל.

די עלטסטע אידישע פורים שפיעלס.

אין דער זעלביגער צייט וואס אידען אין שפאניען האבען זיך גענומען צו דער שפאנישער דראמע, האבען די אידען אין דייטש־לאנד אונטערהאלטען זיך מיט פורים שפיעלס אין אידיש. ווען דאס ערשטע פורים שפיעל אין אידיש איז געשאפען געווארען איז אונמעגליך צו בעשטימען. נאר מיר געפינען אז שוין אין 1598 האבען די אידען אין טאנגהויזען אויפגעפיהרט א שפיעל, וואס האט געהייסען: „שפיל פון טב יעקליין מיט זיין ווייב קינדליין און מיט צוויי זינליך פיין" און מען האט עס נאכדעם געשפיעלט אלע פורים. אין דעם יאהר 1620 האט מען עס קאפירט און אנגע־געבען א שפעטערן דאטום.

דאס דאזיגע שפיעל האט מיט פורים גאר ניט צו טהאן און איז ווארשיינליך קיין מאל ניט געדרוקט געווארען און איז גע־גאנגען פון האנד צו האנד אין מאנוסקריפט. ווי עס זעהט אוים, איז דאס א סאטירע פון א געוויסער פאמיליע, מיט וועלכער דער שרייבער האט זיך געוואלט אברעכענען. דאס וואלט געווען אונ־מעגליך צו דערווייזען, ווען פריהער זאל מען ניט שפיעלען פורים־שטיקער, וואס האבען געהאט דירעקט צו טהאן מיט דעם דאזיגען יום טוב. די פערזענליכע סאטירע האט געקאנט דיענען אלס אן אב־וועקסלונג און דאריבער דארף מען דענקען, אז דאס פורים שפיעל אין אידיש איז א סך עלטער פון דער דערמאנטער סאטירע.

פון דער סאטירע איז נאר איין בלעטיל געבליבען, דער שער, און די ערשטע שורות זיינען אזוי:

אדברה וירוח, איך וויל אייך זאגען, וואס דאס איז געשעהן בשנת שפ (1619) צו טאנהויזען אין קהילה קדושה.

אידען איז זי ניט געווען אין גאנצען כשר און פאר׳ן המון איז זי געווען א פער׳חתמ׳עט בוך.

דאָס שלעפּען אין פערשיידענע ריכטונגען און דאָס שפּאַל־טען אין פערשיידענע לשונות האָט קיין גוטס ניט געקענט טהאָן דער דראמע ביי אידען. שוין צוליעב דעם אליין האָט זי זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. די נאַציאָנאַלע קרעפטען, וואָס זיינען פעהיג געווען צו שאפען א דראמע און א טהעאטער ביי אידען זיי־נען צוברעקעלט געוואָרען. אנשטאָט צו ארבייטען הארמאָניש און ווירקען איינע אויף דער אנדערער, האָט איינע געשטערט דער צווייטער. דער טהעאטער אלס א פאָלקס אינסטיטוציאָן איז נאָך פאר זיין געבורט פער׳משפט געוואָרען צו א ביטערער, שווערער, טרויעריגער עקזיסטענץ.

די איינציגע ישועה וואָס א טהעאטער ביי אידען האָט גע־קענט ערווארטען איז געווען פון דעם פורים שפּיעל. זיין געבורט אויפ׳ן שוהל־הויף און די הסכמה פון דעם גאנצען עולם האָט עס געמאכט פאר א פאָלקס אינסטיטוציאָן. נאָר דער זעלביגער שוהל־הויף און דער זעלביגער פרומער עולם האָבען אויפ׳ן פורים שפּיעל ארויפגעלעגט אזא שטעמפּעל, וועלכען עס האָט פון זיך קיין מאָל ניט געקענט אברייבען. אין א קיימא לן פון איבער טויזענד יאָהר איז דאָס פורים שפּיעל געבליבען אן אונטערהאלטונג נאָר פאר איין טאָג. דער עלעמענט פון חוזק און לצנות וואָס האָט איהם לעבען געגעבען האָט איהם געקענט האלטען נאָר איין טאָג אין יאָהר. אין די אנדערע טעג אויסער פורים איז דאָס פורים שפּיעל געווען אונמעגליך פאר ניכטערע אידען.

דעם זיבעצעהנטען יאהרהונדערט און הייסט „איין שעהן ניי פורים שפיל פארגעשטעלט, ווי עס איז צוגעגאנגען אין דער וועלט צו אחשורש צייטען, היבש אין ריימען געזעצט צו איינעם ראהמען.“ אין 1697 האט דער משומד משה כץ (יאהאנעס יאקאב קריסט־יאנוס לעבער) פון קראקוי איבערגעשריבען דאס דאזיגע שטיק פאר דעם בעוואוסטען קריסטליכען העבראאיסט וואגענזייל, נאר ער האט דערפון קיין שום געברויך ניט געמאכט.

דאס גאנגבארסטע און בעקאנטסטע פורים שפיעל אין אי־דיש איז געשאפען געווארען אין סאמע אנהויב פון דעם אכטצעהנ־טען יאהרהונדערט. עס איז געדרוקט געווארען אין דעם יאהר 1708 און האט געהייסען „איין שין נייא אחשורש שפיל“. די פערזאנען אין דעם דאזיגען שפיעל זיינען: מרדכי, אסתר, אחשורש, המן, התך און „שרייבער“.

„שרייבער“ איז עפעס א מין שעטנז אין דעם שפיעל. א חוץ דעם, וואס ער איז אין דער מגלה ניטא, קלינגט פרעמד דער דייטשער נאמען צווישען די פערסישע און אידישע, און דערפון דארף מען דרינגען, אז דער פערפאסער האט פאר זיינע אויגען געהאט אנדערע ווערק, אין וועלכע עס איז דראמאטיזירט געווארען די געשיכטע פון אסתר און אין וועלכע עס זיינען אריינגעקומען אנ־דערע פערזאנען, א חוץ די היסטארישע. ביז יענער צייט האבען ווייניג אידען נאר א סך קריסטען דראמאטיזירט די געשיכטע פון אסתר. און עס איז פאראן שווארץ אויף ווייס, אז שעקספיר האט געשפיעלט אין אזא דראמאטיזירונג. עס איז ניט אנגעגעבען דער נאמען פון דעם שטיק און מען רעכענט, אז דאס איז געווען די „געטליכע קעניגין אסתר“ („גאדלי קווין עסטער“), וועלכע איז דעמאלט געווען פאפולאר ניט נאר אין ענגלאנד נאר אויך אין גאנץ אייראפע. עס איז אויך א גרויסע סברה, אז פון דאנען האט שעקספיר גענומען דעם נאר, וועלכער געהט דורך אין פיעל דרא־מען זיינע. און טאקע אין דעם שטיק די „געטליכע קעניגין אסתר“ איז פאראן א פערזאן, וואס הייסט אין ענגליש „סקרייב“ און אין דייטש האט מען דעם נאמען איבערזעצט שרייבער.

הערט צו אונ׳ לאט אייך ניקס זיין קשה,
קשה לאט אייך ניקס זיין,
דען עס איז אלע פורים גימיין,
דאס מען מאכט איין שפיל פון טב יעקליין
אונ׳ מיט זיין ווייב קענדליין
אונ׳ מיט צוויי זינליך פיין,
וויא זיי האבען געפיהרט איין וועזען,
אונ׳ דאס איז אויך קירצליך גישעהען,
גישעהן עהע איך מיך האב אומגיזעהען
געזעהן היין אונ׳ הער,
איך האב גיטראכט גאר זעהר,
ביז איך עס האב געבראכט אין ריים
איז מיר געווארען זעהר שווער.

דער אינהאלט איז אזא: ערב סכות קומט א פויער מיט א מאגערע, אויסגעדארטע קוה צו שלענקערם (?) הויז. מסתמא איז שוין געוועזען צייט צו לויפען אין שוהל. נאר יעקליין מיט זיינע צוויי זינליך האבען געקויפט די קוה. דאס ווייב קענדליין האט קעגען דעם דעמאנסטרירט. די קוה האט באלד געהאט א קאלב און לו ט דעם מנהג האט דער ארטיגער ריכטער געדארפט קריגען די צונג, אבער מען האט איהר „קורץ און דין“ אבגעשניטען, און דער ריכטער האט פעראורטהיילט קענדליין ארומצוטראגען אין גאס די „גאיגע“, כדי מענשען זאלען איהר פרעגען, צו זי איז אויף דער עלטער געווארען א גאיגערין.

דאס דאזיגע שפיל מיינט, אז אויף פורים האט זיך ניט גע־פאדערט דוקא א פורים שפיעל, און עס איז געוועזען רעכט אבי א הומאריסטישע זאך, א סאטירע, פון וואס דער עולם זאל קאנען לאכען. דאס „שפיל פון טב יעקליין מיט זיין ווייב קינדליין“ האט געהאט בלויז א לאקאלען כאראקטער און געקאנט דיענען פאר אן אונטערהאלטונג נאר פאר די אידישע תושבים אין טאנהויזען.

וואס פאר א פורים שפיעלם מען האט אויפגעפיהרט אין די אנדערע גהעטאס אין דייטשלאנד איז ניט בעקאנט. דאס עלטסטע פורים שפיעל אין אידיש וואס האט דערגרייכט צו אונז איז פון

ניט פער דריסען זיין געלט. ווייל הש"י ברוך הוא האָט אונז אַן פורים געבן לושטיג צו זיין. און האָבן מיר דרויף גימאכט דאש אחשורש שפיל היפש אונ׳ פיין. דרום אויך איר בעל בתים אונ׳ בחורים אונ׳ יונגען, קומט איר ביהענד (שנעל, פלינק) צו לויפן. אונ׳ טוט מיר דאש שיני אחשורש שפיל אב קויפן. דאש געלט ווערט אייך ניט פר דריסען, ווען איר ווערט דרינגען לעזן, ווערט איר אייער געלט ווידער גניסן."

עס ווייזט אויס, אז דאָס איז געווען דאָס ערשטע פורים שפיעל אין אידיש וואָס האָט זוכה געווען צו ווערען געדרוקט. די פריהערדיגע זיינען נאָר ארומגעגאנגען אין כתב יד און דערפון איז גרינג צו זעהן, ווי שטארק עס האָט גושא חן געווען ביים עולם.

קיין האנדלונג איז אין דעם שטיק ניטאָ. דאָס שפיל בע־שטעהט פון געזאלצענע און געפעפערטע דיאלאָגען. די המצאות, די וויצען זיינען די גרעבסטע און האמעטנעסטע, און קיין זאך איז ניט מאוס ווען עס פיהרט צו א נבול פה. דער קאָמיקער קאָן טהאָן וואָס זיין הארץ געלוסט, קאן זאָגען וואָס ער וויל און דארף זיך ניט ריכטען מיט צייט און רוים און מיט קיין זאך ניט. ווען המן הייסט איהם בוקען זיך, ענטפערט ער:

„גנב, וויא זאָל איך מיך טאָן נייגען אונ׳ בוקען, דיא האָסט דאָך איין צ ל ם אויף דיינעם רוקען."

ווען מען פיהרט איהם אריין צום קעניג אחשורש ווענדט ער זיך צו איהם בזה הלשון:

„דו ביזט דער מלך. איך העט דיך איאָר אַן גיזעהן פאר איין וואמפין וואשער, פאר איין שטריק טרעגער, פאר איין מוישב פגר, פאר איין הונט שלאגר, פאר איין קאצין יאגר. מאחר דאש דיא יוא דער מלך בישט, האלט מיר דעם שטעקן..... און ציא מיר אויז דיא שיך און לעק מיך. אך מוז גידרונגן זיין, דאש דוא יוא דער מלך בישט, ווארום איין אנדר האָט דיא קרוין הויך אונ׳ דאש בענקל אונטער דיא פיס, אונ׳ דוא האָסט דאש בענקל אובן אונ׳ דיא קרון אונטען. אדוני מלך, איך בין איין שלומפר, ווילסטו מיר ניט גלויבן, שמעק מיר צו שרבין. אדוני מלך, איך בין אין

דאָס „אחשורש שפּיל“ איז געמאכט געוואָרען דורכאויס צום שפּיעלען און צוגעפּאסט צום אויפפיהרען אין הייזער. עס איז ניט איינגעטהיילט אין אקטען און האָט אויך ניט קיין דעקאָראַציעס. די פורים שפּיעלער דארפען זיך ניט איבערטהאָן און זיי בלייבען אין די זעלביגע קליידער די גאנצע צייט פון דעם שפּיעל. מאכט זיך א פּלאַץ, וואו מען זאָל קאָנען שפּיעלען פאר א גרעסערן עולם איז אודאי רעכט, אז ניט זיינען זיך די פורים שפּיעלער מטריח און קו־מען אריין צום ברייטען בעל הבית אין שטוב און שפּיעלען אב פאר איהם און זיין הויז־געזינד די שטיק. אזא שטיק טאָר ניט זיין צו לאנג, ווייל צייט צום שפּיעלען איז נאָר איין טאָג אין יאָהר און אין דעם טאָג דארף מען זיין ביי אלע בעלי־בתים.

„דאָ שטעלן מיר אויף דאש בייטליין, איין פאר דוציט דוקאטן צו שיסן דריין. איין פאר דוציט טוקאטן ווער צו פיל, איין פאר דוציט טאלר איז דער ציל.“

דערמיט ענדיגען די פורים שפּיעלער זייער שטיק ביי איין בעל הבית און איילען זיך איבערצוגעהן צום צווייטען.

און הגם דאָס דערמאָנטע פורים שפּיעל איז דורכאויס געשאַ־פען געוואָרען צום שפּיעלען, האָט דער פּערפאסער געלאָזט עס אויך דרוקען און גערעכענט אז דאָס לייענען קאָן אויך פערשאפען פער־גניגען. דער פערפאסער האָט זיין נאָמען אויף זיין ווערק ניט אָנ־געגעבען, און עס איז עד היום אונבעוואוסט, ווער ער איז געוועזן, און עס איז אויך אונבעוואוסט צו ער האָט בעהאלטען זיין נאָמען צוליעב עניוות אָדער ווייל ער האָט געהאַט אָן אורזאך צו דענקען, אז קיין גרויסען יישר כח וועט ער דערפאר ניט קריגען. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין, דער מחבר האָט וועגען דעם שטיק געהאט גאָר א גוטע מיינונג, ווי מיר קענען זעהן פון די עטליכע שורות, מיט וועלכע ער ווענדט זיך צו די פּראָספּעקטיווע קונים אויפ'ן שער:

„איין שין נייא שפיל מיט אל דיא קונשטין איז עש ווארען דער טראכט, עס ווערט וואויל זיין ליב טאָן ניט אזוי גוט ווערדן גימאכט. מיט היפשי שיני קלאָג לידערן דעם ריים נאָך גישטעלט. דאש פאר האפין מיר, ווער עש קויפן ווערט, אזו ווערט אין (איהם)

נאָר דער עיקר איז נבול פה. צו ער רעדט סתם אין דער וועלט, צו איהם פאַלט איין א פסוק פון תנך, צו ער זוכט אָב א זאַץ פון זמרות צו פון סליחות צו פון קינות, אלץ ווערט אויסגעביטען אויף נבול פה. עס ווייזט אויס, אז וואָס מעהר איהם געלינגט צו פערקניפּען א גראבען ציניזם מיט א חרוז פון א תפלה, איז אלץ גרעסער די המצאה. ווען מען זאָגט אַז מרדכי וועגען המנ'ס גזרה אויף אידען, ענטפערט ער, אז ער וועט געהן אויף קב־אבות.

קומט מרדכי אניין.

„ברוך אתה, ווען איין שין מיידעל ווער דא, וואָלט איך זיא ביטן, דז זיא מיך זאָל לאָזן ליגן אין דער מיטן, אונ' ווען זיא ניט וויל, אזו וויל איך שווייגן שטיל. אשר קרשנה, ווען עס גלייך ווער איין יונגי אלמנה, וויל איך מאכען דריבר שהעכה יאנה... כשנכנות לייב רים (שכנכנת לברית) גיא לשם זאכטיגה שדים. אל ערך עפיים אתה. אז המן זאָל ווערן פראטה, פראטה זאָל ער ווערן, אויף עשין זאָלען אים דיא ווערים, דיא ווערים זאָלען איהם אוף עשין, דז גאָט זאל אן אים פר געשין, פר געשין זאָל אן אים גאָט, פריא אונ' שפאט, שפּאט אונ' פריא, אז המן זאָל ברעכן זייני קניא, דיא קניא זאָל ער צו ברעכען, דאש הערץ זאָל אים צוקרעכען... הוי מעקל היושב (אל מלך יושב), אז המן זיין קאָפּף זאָל קומען אין מושב, ויקרא, אז המן זאָל אויף פארן איין מקרא, איין מקרא אובן, איין מקרא אונטען, איין מקרא אין דער מיטן, אז המן זאָל באלד דערשטיקן... סלחנא, קאשפר וואדא וויסאקא, יעדזא חארמא, דרוהא צלעפא אטשעטי פראשיוואַ*)... א פידל מלך, איז דאש ניט א לושט, ווען מען איין שין מיידעל גרייפט אין דער ברוסט, וי"א דאש איז אלש נאך ניקש, ווען מען מיך ניט בייא איר אים בעט דר ווישט. . . . .
בין איך אויף לייפציג א מאָל גיפאָהרען, איז מיר אויף. . . . .
אבגיפראָרען בין איך ווידר היים קומן, איז מיר מיינע קוּא

*) אַ פּוילישער זאַץ. די לעצטע זעקס ווערטער בעדייטען איינע איז בלינד, די צווייטע הינקעדיג און די דריטע איז פארשיוו.

איין וואלד גיזועסן אונ׳ האב אייער גיפליצט, האב איך גיהערט אויז שרייאן אונ׳ אויז רופן, מען זאל דיר איין שינה וואקרי יונג פרויא אויז זוכן. אונ׳ בין איך גילאפן טאג אונ׳ נאכט אונ׳ האב דיר איין שינה גימאכט, זאל איך זאגן גיאכט. שניץ איין מול איין וועלגער האלץ, איין מיילה ווי איין זיילה, איין נעזיל וויא איין טויט העזיל. איין שטערין, וויא איין תחת פון איין בערין, איין פאר שינה ארין אי וויא דיא מארן, איין פאר ציצין, אי וויא דיא שפיצין, איין נעפלי אז וויא איין נאדל קעפלי וי״א אז וויא איין גרושן לאב ברויט. וי״א אז וויא איין פר דארטי קוועטשקה. דר נאך, אדוני מלך, איין עולם הפוך איז ביי איר, איין אנדרי מייד האט רוטי באקן אונ׳ שווארצי אויגען, אונ׳ זיא האט רוטי אויגען אונ׳ שווארצי באקין. וואש אן אנדרי האט אונטען, האט זיא אובן. אונ׳ וואש אן אנדרי האט אובן האט זיא אונטען. המן, זיי היך מיקה (מוחל) אונ׳ קוש זיא אונטען. אדוני מלך, ווערשטו מיר שדכנות געבן, וועל איך דיר איין דרשה שענקען. ווארעם פרעגסטו ניט וואש דען, אלטר נאר? איך ווער דיר שענקען, אז דוא ווערסט יאר צו יאר קרענקען. דר היים האב איך דרייא אלטי גדאחיזלך, אונ׳ דריי אלטי פר לוגני חאלגיזלך אונטער דען אלטן אייזן ארום קוגלין, ווער איך דיר שענקן. צו לון זאלשטו מיך בעטן אויף דער מילה פאר דער חתונה. אדוני מלך, איך וועל דיר אייך סאד איין רוימן, דיא מלכה האט זיך געטוקט אונ׳ האט זיך בטאן. דוא ווערשט ניט קענן גרייפן דראן.״

עס איז אויך ניט נויטיג אז די ווערטער זאלען זיך קלעבען איינס צום אנדערן און אפילו אויך ניט, אז א ווארט זאל האבען עפעס א בעדייטונג:

בא מרדכי און זאגט:

...פריאה, פריאה. זעקס און נײַנציג פריעות, און טריאות, און שניאות, איבער דען שוסטער, איבער דען שניידער, איבער דען צימערמא: איבער דען אובן גבלר, איבער דען קאכין שמיד. ער האט מיר דאש לאך פון... צו קליין גימאכט, זאל איך זאגען פון דער טיר. וויא זאל איך אראן גאן?״

פר געבן טאָן, אונ׳ בהיט מיך פר דען יודן מרדכי דען פרומן מאן און לאָז מיך דאָך קיין לייד גישעהן, דז דער יוד מרדכי זאָל אן מיר קיין ראכניש זעהן.״

זיין זעגענען זיך מיט זיין ווייב איז ריהרענד:

„אך, ווייבה, ליבש ווייבה מיין, אל מיין ביט איז גיוועזן דז דוא זאָלשט צו מיר קומען אריין, אונ׳ זאָלשט שויאן מייני שמער־צין אונ׳ פיין, איז ניט איין שאד אלש דיין מאן, פרינץ המן, זאָל גיהאנגן זיין? דרום אויך ווייבה, ליבש ווייבה מיין, דיא קינדער־לאך זאָלן דיר ביפאָלן זיין, וואש דוא אן דייני שניא ווייזי (שניי ווייסע) ברוסט האָשט גיזויגט, אונ׳ האלט זיא אז איין שווארץ אפיל אויז דיינעם אויג. אך ווייבה, ליבש ווייבה, נאָך איינש וויל איך דיר ביפעלן טאָן, דז דוא זאָלשט גידענקן אן פרינץ המן, דעם פרומן מאן. איין ראט העט איז ער גיוועזן, אבר פון דען טוט האָט ער ליידר ניט גיקאָנט ווערן גינעזן. אך, ווייבה ליבש, ווייבה, נאָך איינש טוא איך דיר ביפעלן. ווען דער טייבל קומט און ווערט הולן מייני זולן, אונ׳ פון דעם גאלגאן זאָלשט דוא מיך לאָזן נעמן ווידר אראָב, אונ׳ ווערשט מיך לאָזן ליגן אויף מיין פאטערש גראב. אך, דוא ליבש ווייבה, ווי ווערשט דוא שרייאן אונ׳ וויינען אונ׳ קלאָגן, ווען דוא מיך הער המן ווערשט ניט מין (מעהר) האָבן. אך די ליבש ווייבה, דיא האָשט איבר קיינעם מין צו שרייאן אונ׳ צו ברומן, אלז איבר דען יודן מרדכי דעם פרומען. אונ׳ ווען אין דער טייבל (טייוועל) העט פר צוועלף אונ׳ צוואנציג יאָר איין וועק גינומן, אלז וואָר איך פרינץ המן איצונד ניט אום מיין לעבן קומן. אך ווייבה ליבש, דוא ביזט דאָך דאָש הערץ אויז מיינעם לייבן. איבר דיר צושפרינגט מיין יונגש הערץ. דער מיט איין גוטי נאכט, דוא טויזענט שאָץ.

אזא מין פערקעהרטע שילדערונג פון מרדכי אונ׳ המן הארמאָ־נירט מיט׳ן עולם־הפוך־גייסט פון פורים. אלץ וואָס איז געווען אנגענומען א גאנץ יאָהר פאר גוט און כשר האָט אין דעם טאָג פון פורים געדארפט קריגען א היפך׳דיגען קאָליר. דאָס פורים שפיעל איז געשאפען פאר א פובליקום, וואָס זעהט קונסט דורך פערגלע־זערטע אויגען. די אטמאָספערע איז אָנגעזאפט מיט משקה, און א

אנטקיגן קומן אונ' האַט מיר שלום לעקאך (שלום עליכם) געבן מיט דען הינטערשטן פוס, אונ' מיט דען פעדרשטן פוס האַט זיא אשאנה גיקלאַפּט, אונ' מיט דען עק האַט זיא לולב גשיטלט אונ' מיט דען הינטען האַט זיא שופר גיבלאָזן און האַט אך הושענא גי־מאכט. אונ' דר נאָך האַט מן מיר סודות פּורים מיט מילכיגה פלייש קראַפּין גימאכט אונ' איין פליישגה פּוטער מילך זופּ, און האָב דרויף גיברייט דעם טאַלין פון אורשפּיץ אונ גראַסיל פון פושלוויץ."

מען דאַרף זיך דערמאָנען, וואָס עס איז שוין אויבען געוועזן געזאָגט וועגען דעם כאַראַקטער פון פּורים און פון וואַנען דער דאָזיגער כאַראַקטער האָט זיך גענומען כדי צו פערשטעהן, ווי אזוי האָט זיך אזא פאַרם געקאָנט גאָר ווייזען ביי אידען. דער פּער־פאַסער פון דעם אחשורש שפּיעל פערשטעהט ניט קיין אנדער המצאה ווי נאָר א גראָבען ציניזם, קיין אנדער חכמה ווי איבער־קעהרן די ווערטער מיט'ן קאָפּ אראָב. מרדכי קומט ארויס א מנוול, א פערדאָרבענער מענש, א גראָבער יונג, און, פערקעהרט, דער צורר היהודים. המן איז דער איינציגער אין דעם שטיק, וועלכער האָט אין זיך עפּעס מענשליכעס, טראַגישעס. א פּאָר סצענען אין וועלכע המן פיגורירט קומען ארויס גאַנץ דראַמאַטיש. אזוי למשל נאָכדעם ווי המן איז געפאַלען צו אסתר המלכה אין בעט און דער קעניג האָט ארויסגעגעבען דעם דעקרעט איהם אויפצוהענגען, איז ער זיך מתודה אויף זיינע זינד און וואָרענט די גראַפען און פּירס־טען פון פּרס ומדי זיי זאָלען זיך מיט אידען ניט פערטשעפּען.

אומר המן

„.... אלמעכטיגער גאָט! טוא מיר דאָך מייני זינד פר צייהן אונ' פר געבן, אונ' שענק מיר נאָך דאש מאָל מיין לעבן. איך וועל דיר שווערן איין אייד, אלז איך וויל דיא יודין מער אָן טון קיין לייד. אלמעכטיגער גאָט, העלף מיר דאָך נאָך איין מאָל פון דעם קיניג אחשורש זיינר האנד, אונ' בישירם מיך דאָך אלז וויא דוא האשט בישירמט דען קיניג יחזקי' פון דען הייש בראנד, אונ' האשט אים הוך דר הובן (דערהויבען) אונ' האשט אים גיהאָלפן אויז דעם קאַלך אובן. אלמעכטיגער גאָט, טוא מיר מייני זינד פרצייהן אונ'

פיער וואכען צייט. מען האָט אבער ניט גענעבען אויף אלע פאַרשטעלונגען דאָס זעלביגע שטיק. אין דער צייט איז שוין געשאפען געוואָרען א פורים שפיעל „דוד און גלית“ און מען האָט די צוויי שטיקער געביטען. דער געלאַף אין טהעאטער איז געווען אזוי גרויס, אז ביי דער טהיר האָט מען געמוזט אוועקשטעלען צוויי סאָלדאטען זיי זאָלען אנהאלטען ארדנונג. נאָר אזוי ווי אין טהעאטער האָבען זיך געשטופט ניט נאָר אידען נאָר אויך קריסטען, האָבען די פראנקפורטער „בוימייסטער“ פערבאָטען די שטיקער צו שפיעלען אונטער א שטראָף פון צוואנציג טאָלער.

דער פערפאסער פון „מכירת יוסף“ האָט זיך געהאלטען טריי ביים חומש און די מדרשים און האָט וועניג דיכטער שע פאנטאַזיע געברויכט. די העלדען זיינען די זעלביגע, וואָס אין חומש, און נאָר דער קאָמיקער, א מצרי, א דיענער ביי פוטיפר טראָגט דעם נאָמען פיקעלהערינג. אויף׳ן ערשטען בליק זעהט אויס קשה, אז א מצרי זאָל הייסען פיקעלהערינג, נאָר דאָס איז א בעקאנטע פיגור אין די פאָלקס שטיקער אין אלע אויראָפּעאישע לענדער. געוואוינליך טראָגט דער קאָמיקער אין אזעלכע שטיקער א נאָמען וואָס דערמאָנט אכילה: אין האָלאנד הייסט דער קאָמיקער פיקעלהערינג, אין פראנקרייך — זשין פאטאזש (זופּ), א׳ן איטאליען — סיניאָר מאקאראָני (לאָקשען), אין ענגלאנד — דזשעק פודינג (קוגעל) און אין דייטשלאנד — האנז וואורסט. דער פערפאסער פון „מכירת יוסף“ האָט, ווי מיר זעהען, פאר זיין קאָמיקער געבאָרגט דעם האָלענדישען נאָמען און האָט איהם אויך אָנגעטהאָן די קאָלירטע קליידער פון דעם פאטענטירטען לץ פון דער ביהנע.

אין „מכירת יוסף“ איז שוין ניטאָ קיין זאך, וואָס זאָל קענען בעליידיגען דעם נפש היפה. דער פערפאסער האלט זיך זעהר ערנסט און אפילו זיין פיקעלהערינג ערלויבט זיך ניט צו רעדען נבול פה. מעשה לץ כאפט זיך פיקעלהערינג ארויס מ׳ִיט א גראָבען וואָרט, נאָר ער מאכט גיכער דעם איינדרוק פון איינעם וואָס ווייסט ניט ווי גראָב צו זיין און וואָס בריה׳ט זיך צו ווייזען א גראָבקייט. אויב דאָס „אחשורש שפיל“ איז געווען געמיינט פאר

מעהר ערנסטע שטיק וואָלט געהאַט אַ פנים פון חוזק.

אבער צו דער צייט ווען דאָס פורים שפיעל האָט זיך דער־הויבען צו דער מדרגה פון אַ געדרוקטען וואָרט, איז שוין דער אמת׳ער קארנעוואל גייסט פערשוואונדען פון אייראָפּאַ, דער מיטעל־אַלטער מיט זיינע גראָבע מנהגים איז שוין לאַנג געווען בעגראָבען, און דער אידישער פורים האָט אויך פערלאָרען זיין געפעפערטען טעם. די אונגעלומפּערטע המי״ת און גראָבער ניבול פה האָט שוין ניט געקאָנט אַזוי געפעלען ׳ווערען די חשוב׳ערע אידען, בפרט ווען מען האָט זיי געקאָנט לייענען מיט אויגען, וואָס זיינען ניט געווען פערצויגען מיט אַ טומאַן פון שכרות. דאָס דערמאָנטע „אחשורש שפיל“ אלס אַ געדרוקט וואָרט האָט געריסען די אויגען, און די אידישע פּני אין פראנקפורט אַן מיין האָבען פער׳משפט דאָס דאָזיגע פורים שפּיעל צו שרפה, און מען האָט צוזאַמענגע־קליבען אַלע עקזעמפּלאַרען און פערברענט זיי.

דאָס פערברענען האָט אבער ניט געהייסען, אַז די חשוב׳ע אידען האָבען עפּעס אויסצוברעכען געגען שפּיעלען אַ שטיק אויף פּורים. מיר זעהען, אַז אין דער זעלביגער שטאָדט, מיט עטליכע יאָהר שפּעטער אין 1710, האָט אַ געוויסער בערמאַן פון לימבערג אָנגעשריבען אַ פורים שפּיעל מיט׳ן נאָמען „מכירת יוסף“ און מען האָט עס אויפגעפיהרט מיט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען און מיט אַלע כלי מכשירים וואָס האָבען זיך געפאָדערט דערצו. מען האָט צו דער דאָזיגער אויפפיהרונג געמאַכט גרויסע הכנות. די שפּיע־לער זיינען געווען בחורים פון דער פראנקפורטער ישיבה און צו זיי זיינען צוגעקומען נאָך אנדערע פון האַמבורג און פּראַג. ניט נאָר האָט מען עס אויפגעפיהרט מיט דעקאָראַציעס און קאָסטיו־מען, נאָר מען האָט דערביי אויך געמאַכט אַלערליי עפעקטען. מען האָט ביי דער פאָרשטעלונג געזעהן פייער און געהערט דונערן און געזעהן דעם הימעל און נאָך אנדערע וואונדערליכע זאַכען. דאָס שטיק האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אויף די פראנקפורטער אידען און זיי האָבען זיך ניט געקאָנט געגוג אָנ׳חדוש׳ען.

דער ערפאָלג פון דעם שטיק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט עס געשפּיעלט גיט נאָר פורים נאָר דעם גאַנצען חודש אדר,

אלס ביישפיעל פון דעם הומאָר אין מכירת יוסף קען דיענען דער ענטפער, וואָס פיקעלהערינג גיט פוטיפר'ן, ווען יענער הייסט איהם געהן צום קאסירער צו בעצאָהלען די ישמעאלים:

הער, נון איר יא האבט איין נייאן דינר אויף גיטריבן, ביפעלט אים אויף אלז ער דאש סעקרעט האלט זוייבר גיריבן. זא ער בלים בלום בלאראם פולפר האָט איין גינומן. זאל ער דיא קוראשי ניט האבען דרויף צו קומן, וואו מיר אים זונשט נאך געהן קענט מיר מאל אים... בישטעהן.

די פינטעלאך שטעהען פאר אן אונדרוקבארען וואָרט.

אין עטליכע יאָהר ארום, אין 1718 איז ערשיענען א נייע אחשורש שפיעל, געדרוקט, ווי מען דיינקט, אין אמסטערדאם אונ־טער'ן נאָמען: אחשורש שפיל אויף איינעם נייען אופן גלייך איי־נער אפערא און איז אויסגעצויגען אוים תרגום שני." און מיט צוויי יאָהר שפעטער האָט זיך אין פראג געדרוקט אן אנדערע פורים שפיעל דראמאטיזירט פון מגלת אסתר אין ריימען און האָט געהייסען „אקטא אסתר עט אחשורש" און די תלמידים פון דוד אָפענהיימס ישיבה האָבען דאָס שטיק אויפגעפיהרט אין פראג אויף א ריכטיגער ביהנע אין אן עפענטליכען טהעאטער „מיט פוי־קען און אנדערע כלי זמר."

די דאָזיגע שטיקער זיינען געשאפען געוואָרען ביי די אידען אין דייטשלאנד אין דעם קורצען משך פון א יאָהר צעהן און דאָס זיינען אזעלכע שטיקער וואָס האָבען צו אונז דערגרייכט אין זייער אָריגינעלער געדרוקטער פאָרם אָדער מיר האָבען וועגען זיי א פולשטענדיגען בעריכט. און פיעל שטיקער זיינען געשאפען גע־וואָרען וועלכע האָבען ניט זוכה געווען צו זיין געדרוקט און קיין שפור פון זיי איז ניט פערבליבען? דאָס פורים שפיעל דארף שוין מעהר ניט זיין דורכאוים קאָמיש און אנדערע צווייגען הויבען זיך אָן צו ווייזען אויף זיין שטאם. דער „מכירת יוסף" עפענט א וועג פאר דער טראגעדיע און דאָס נייע אחשורש שפיעל איז דער אבי אבות פון דער אידישער היסטאָרישער אָפערעטע. אין דעם דאָ־זיגען קורצען משך האָט זיך דאָס שפיעל אויך איבערגעצויגען פון שוהל־הויף און פון דעם ברייטען בעל הבית'ס הויז אין א טהע־

דעם המון האָט דער פּערפאַסער פון „מכירת יוסף“ שוין געהאַט אין זינען אַ בעסערען עולם.

דער געדרוקטער „מכירת יוסף“ איז ניט איינגעטהיילט אין אַקטען און ניט אין סצענען, נאָר אַזוי ווי דאָס שטיק איז אויפגעפיהרט געוואָרען מיט דעקאָראַציעס און מיט אַלערליי עפעקטען דאַרף מען זיך אַנשטויסען, אַז אויף דער ביהנע האָט עס זיך ניט אָבגעשפּיעלט אָהן הפסקות און אָהן פערוואַנדלונגען.

דער סטיל פון „מכירת יוסף“ איז אַ שווערער און די שפּראַך איז שוין דורכאויס אַ דייטשע און אפילו פּיקעלהערינג ערלויבט זיך ניט אריינצוהאַקען אַ ספּעציעל אידיש וואָרט. ווען יוסף דערצעהלט דעם טאַטען און די ברידער זיין חלום, אַז די זון און די לבנה און עלף שטערען האָבען זיך פאַר איהם געבוקט, ענטפערט יעקב:

„יוסף, האַלט דיין מונד. עש איזט איין גרושר (גרויסער) אפרונד, אלז דוא אויך זאָלכן פאַנטאַסי זאָלשט שטעלן דאַטום. עס איזט דאָך אַן קיינע טרוים קיין בראַפּאַטום. און שפּעציע, דוא זאַגשט זון אונ' מאָנט אונ' איילף שטערין, זיך קיגן דיר בוקן ווערין. דאַש קאַן יאַ און מיגליך ווערדן וואַר. אין דעם דיין מוטר רחל איזט טאָט פיל יאַר, דען דיזר טרוים ווער אויז צו לעגן, אלז איך זאַמט דיין מוטר אונ' ברידער מוזטן ביוועגן און צו בוקן קיגן דיר. אבר עש איזט גישלאָסען ביי מיר פאַר איין פאַנטאַסי אונ נאַרעשקייט.“

שמעון צו לוי:

„לוי, איך מוז דיר איין צייטונג קונפירמירן, מיר ווערן אונזערן ברודער יוסף באַלד אַטראַפּירן.“

ווען יוסף בעט זיך ביי די ברידער זיי זאָלען איהם קיין שלעכטס ניט טהאָן, ענטפערט לוי:

„עש העלפט ניקש דער פערדעפּענדירען, מיר זיין שון ביוואושט אלז דוא קאַנשט פּלאַטירן, וויא פיל ארלייא זעלשט דוא שפּאַרגירן, ווען מיר דיך ווידרום צו אונזערם פאַטר זאָלטן פיהרן. דרום אויך, שמעון, וואַרף אים אין דער גרוב אניין, דער מיט מיר זיינר לאָס זיין.“

וואס האט גע'כשר'ט שפּיעלען. דער בית המדרש האט אין „מכירת יוסף", „אקציאהן פון קעניג דוד און גלית", „אקטא אסתר עט אחשורש" דערגרייכט די שטופע פון נאן פּלוס אולטרא, און דא האט די בית המדרש קונסט געמוזט בלייבען שטעהן.

מיר האבען דערמאנט אז דאס שפּיעל „אקטא אסתר עט אחשורש" איז אויפגעפיהרט געווארען אויף א ריכטיגער ביהנע מיט „פּויקען און אנדערע אינסטרומענטען" פון די תלמידים פון דוד אפּפענהיים, דאס הייסט מיט דעם הסכם פון א רב, מיר וויי־סען אויך, אז א צייט לאנג זיינען ארומגעפאהרען וואנדערענדע טרופּעס פון ישיבה בחורים און האבען געשפּיעלט זייער רעפּער־טואר פאר פרומע שוהל אידען, אבער דערפון טאר מען בשום אופן ניט שליסען, אז אידען האבען אנגעהויבען צו קוקען דורך די פינ־גער אויף טהעאטער פארשטעלונגען, און אז די רבנים האבען דער־צו געגעבען זייער הסכמה. דורך די אלע לאנגע, לאנגע הונדערטע יאהרען פון דעם גלות האט זיך דער אידישער קוק אויף טהעאטער אויף קיין האר ניט געענדערט. דער זעלביגער פערבאט צוליעב מושב לצים פון דער צייט פון די תנאים ביז די לעצטע רבנים איז געבליבען אין זיין פולער קראפט. טהעאטער איז געבליבען פאר דעם בית־המדרש אידען א פרעמדע אינסטיטוציאן, פון וועלכער אידען דארפען ווייכען. אויבען איז ציטירט געוועזן אן אויסצוג פון שמואל אבאאב'ס א בריעף, אין וועלכען ער רופט אן טהעא־טער א נעסט פון זינד. ער איז ניט געוועזן דער איינציגער, וואס האט מיט אזא שרעק געקוקט אויף טהעאטער. רבי יונתן אייבעשיץ, בעסער בעוואוסט אונטער'ן נאמען רבי יונתן פּרעגער, א בעריהמ־טער רב פון דעם אכטצעהנטען יאהר הונדערט, דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע דרשות אין „יערות דבש": „ווי קאן מען טראגען אין הארצען דעם טרויער וועגען ירושלים, ווען מען זיצט אין א טהעאטער און מען קוקט זיך צו ווי קאמעדיאנטען שפּיעלען."

אויפ'ן ערשטען בליק קאן אויסווייזען, אז דער מאטיוו פון דעם אידישען ווידערווילען געגען טהעאטער האט זיך אין גאנצען געענדערט אין דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט. און פון די דא־זיגע ווערטער קען מען שליסען, אז דער מאטיוו איז שוין ניט קיין

אטער אויף א ריכטיגער ביהנע. די פֿאַרשטעלונגען האָבען שוין געהאט דעקאָראַציעס, געזאנג, מוזיק „גלייך איינער אָפּערע,“ און ווערען געגעבען ניט נאָר אין דעם טאָג פון פורים, נאָר א גאנצען חודש. די פורים שפּיעלס ווערען געשריבען פון מענשען, וואָס לערנען דעם תלמוד און גרויטען זיך צו זיין רבנים, און די פורים שפּיעלער זיינען בחורים פון די גרעסטע ישיבות.

אין גרונד האָט זיך דער אָנהויב פון אידישען טהעאטער — דאָס הייסט א טהעאטער וואָס איז ארויסגעשפּרונגען פון שוהל־הויף און געשאפען פאר'ן גאנצען פאָלק מיט דער הסכמה פון די כשר'סטע און פרימסטע אידען — געדאַרפט רעכענען פון דער דאָזיגער צייט, דאָס הייסט פון דעם אָנהויב פון דעם אכטצעהנטען יאהר־הונדערט. מיר האָבען שוין אין דער צייט די שטיקער, די שפּיעלער, דאָס פּובליקום און אפילו די „פויקען און אנדערע אינסטרומענטען“. דער פֿאַרשרי־ט אין קורצע עטליכע יאהר איז א גוואלדיגער און ווען דאָס טהעאטער וואָלט זיך אזוי ענטוויקעלט וויטער וואָלט עס געקאָנט דערגרייכען ווער ווייסט צו וועלכער מדרגה. נאָר דער זעלביגער שוהל־הויף, דער זעלביגער בית המדרש וואָס האָט דעם פורים שפּיעל געגעבען לעבען, האָט אויך געמוזט פּענטען און ארומצאמען עס מיט אלע גדרים וסיגים, מיט וועלכע ער אליין איז געווען געפּענטעט און ארומגעצאמט. דעם פורים שפּיעל איז געווען אָנגע'חתמ'עט ארומצודרעהען זיך אייביג אין דעם פערשאָלטענעם קרייז און האָט זיך פון איהם ניט געקאָנט ארויסרייסען.

דאָס פורים שפּיעל סיי אין דער קאָמישער פאָרם פון אחשורש אוז סיי אין דער פּאטהעטישער פארם פון מכירת יוסף האָט זיך געקאָנט האלטען נאָר מיט'ן זכות פון שכרות. מען האָט אזעלכע שטיקער געקאָנט שפּיעלען אפילו צוויי וואכען פאר פורים און צוויי וואָכען נאָך פורים, אבער פורים האָט געמוזט זיין דער צענטער. דער גאנצער היתר אויף שפּיעלען טהעאטער האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אין דער צייט פון פורים איז א מצוה צו משמח זיין זיך און וואָס מיט דעם דאָזיגען יום טוב איז פערבונדען געווען פון לאנגע הונדערטע יאָהרען א מין אונטערהאלטונג,

פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט געבליבען די איינציגע דראַמאטישע אונטערהאלטונג ביים פרומען אידען.

אין העברעאיש האט דאס פורים שפּיעל אנגענומען די העכערע דראמאטישע פאָרם נאך דעם מוסטער פון דעם בעריהמטען פראנצויזישען דראמאטישען דיכטער ראסין, וועמעס „אסתר" האט ארויסגערופען עטליכע איבערזעצונגען און נאכאהמונגען צווישען די העברעאישע שרייבער. אזוי האט יוסף האלטערן איבערזעצט ראַסינ'ס „אסתר" אונטער דעם זעלביגען נאָמען אין 1795, קלמן קאַהען ביסטריץ האט זיין נאכאהמונג נאך אסתר א נאמען געגעבען „גורל הצדקים" און איז געדרוקט געוואָרען אין וויען אין דעם יאהר 1821, און ש. י. ראפאפּאָרט האט אין 1827 ארויסגעגעבען „שארית יהודה", וואָס איז א בעארבייטונג פון ראסינס „אסתר." מ. לעטערים האט אין 1843 אויך איבערזעצט די זעלביגע „אסתר" אונטערן נאָמען „שלום אסתר."

נאָר אין אידיש האט דאס פורים שפּיעל קיין מאל ניט אַנגענומען אזא קלאסישע פאָרם, הגם זי איז די גאנצע צייט געגאַנגען אין די צוויי פערשיידענע ריכטונגען, וואָס זיינען אנגעצייכענט געוואָרען פון איין זייט פון דעם אחשורש שפּיעל, וואָס מען האט פערברענט אין פראנקפורט און וואָס ש. י. ראפאפּארט רופט אין דער הקדמה צום „שארית יהודה" נבלה גדולה, דאס הייסט גרויסע שאנד און פון דער צווייטער זייט פון בערמאנס „מכירת יוסף". דאס פורים שפּיעל וואס איז געגאנגען צווישען פאלק און וואָס מען האט געשפּיעלט פורים איז די הייזער איז געווען נאך דעם שניט פון דעם דערמאָנטען אחשורש שפּיעל, און דער צווייטער מין פורים שפּיעל סיי וואס איז געווען געדרוקט און סיי וואָס איז געגאנגען אין כתב יד איז געווען מעהר ערנסט און איז ניט אלע מאל געשפּיעלט געוואָרען און ווען א פאַרשטעלונג פון אזא שפּיעל איז געגעבען געוואָרען, איז דאס געווען פאר א גרעסערע עדה אידען.

פון דעם צווייטען מין, וואָס זיינען אין פערשיידענע צייטען געדרוקט געוואָרען, זיינען די מעהר בעוואוסטע: „די שטאָלצע

רעליגיעזער, נאָר אַ נאַציאָנאַלער, און דער אידישער געלעהרטער לעאָפּאָלד לעוו קומט טאַקע צו אַזאַ שלוס אין זיין ווערק „די לעבענס אַלטער אין דער אידישער ליטעראַטור." דאָס איז אָבער ניט אַזוי. אין דעם זעלביגען „יערות דבש" אין אן אנדער דרשה דריקט זיך רבי יונתן אייבעשיץ אויס פיעל דייטליכער און זאָגט אַזוי:

„והנה כבר כתבנו, כי ושתי הי' כחזיר כשר ברגלה ומ"כש שנאות כן לבני ישראל לשמור רגלם ללכת למקום נשים או מקום מורגל ומוכשר לדבר עבירה ומ"כש למקום שקורין שויאשפיל, קאָמעדיע, אפרייא, המשחקים שם על טעאטרום, שזה אמרו חז"ל: במושב לצים לא ישב — אלו בתי טעאטרום והיינו מקומות הנ"ל ששוחקים הקאָמעדיאנטען על טעאטרום. אוי לנו, איך מלאו לבבכם לאמר תהלים „אשרי האיש אשר הלך וכו" ואתם הולכים ותשבו במקום מושב לצים ה'נל."

דאָס הייסט, מיר האָבען שוין לאַנג געשריבען, אַז ושתי איז געווען ווי אַ חזיר וואָס האָט כשר'ע פיס און אַ פּשיטא שוין ־אַרפען זיך אידישע קינדער היטען ניט צו געהן אין אַ פּלאַץ פון ווייבער אָדער אין פּלאַץ וואָס איז בעשטימט פאַר זינד, און אַ פשיטא שוין אין אַ פּלאַץ, וואָס מען רופט „שוישפּיעל", „קאָמעדיע", „אָפּערא", וואו מען שפּיעלט אויף אַ ביהנע. און דערויף האָבען די חכמים געזאָגט: דער מושב לצים פון תהלים איז געמיינט אויף טהעאַטער און אַזעלכע פּלעצער, וואו קאָמעידאַנטען שפּיעלען אויף אַ ביהנע. ווייה צו אונז, ווי אַזוי וואַגט איהר צו זאָגען אין תהלים „במושב לצים לא ישב" און איהר זיצט צווישען לצים אין אַ טהעאַטער!

פון הורדוס'ס צייטען ביז דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט איז קיין ענדערונג ניט געוואָרען אין דעם אידישען בליק אויף טהעאַטער. נאָר פון דעם אויסגערעכענטען צעטעל „שוישפּיעל", „קאָמעדיע", „אָפּערא" איז צו זעהן, אַז דאָס פּורים שפּיעל איז דערפון ניט געטראָפען.

און טאַקע דאָס פּורים שפּיעל, אויב עס האָט זיך ווייטער ניט ענטוויקעלט, איז נאָך לאַנג, לאַנג, כמעט ביז'ן לעצטען פיערטעל

דער שרכן שילדערט אסתר'ן פאר'ן קעניג אזוי:

„א קורצע, א גראבע, א גרינע ווי א גראז;
זאל ביי אייך גישוואלען ווערן ביי ביידען דער נאז.

. . . .

. . . .

זיא איז אן אמת'ע עקרת הבית אין שטוב,
מיט דעם ארבעל שוימט זיא אראפ דעם טעפיל,
און מיט דעם פארטוך קעהרט זיא דיא שטוב,
און אז זיא דארף איינהייצען דיא אייוועו און פערבעטען דיא בעט.
פערבעט זיא דיא אייוועו און הייצט איין דיא בעט.

. . . .

דער טאטע איז א גנב אז פון דאנען ביז סיביר,
און דיא מאמע געפינט זיך אין דעם פיינעם ארט אין איינעם מיט איהר.

איז אייך געפעלען?
ווע0ט מען אייך ביידען באנקעס שטעלען."

ווען אחשורש איז מקדש אסתר'ן, מישט זיך דער קאמיקער אריין אזוי:

חתן

הרי —

קאמיקער

זאל אייך זיין ביידען, קינדערלאך, ווינד און וויה.

חתן

את —

קאמיקער

זאלט איהר ווערען ביידע דין וויא א בלאט.

חתן

מקודשת —

קאמיקער

קאך סאבאקא ברעשעם (דו בילסט ווי א הונד).

ושתי," איין קאָמישעס שווישפּיעל אין ריימען פון ג—ר (פריעדריך ווילהעלם גאָטער), ברעסלוי, 1797 (?).

„ערדעטונג דער יודען דורך מרדכי און אסתר," איין טרויער־שפּיעל פון יאַקאָב אוים פאַזען, אמשטערדאם, 1800.

„אסתר" אָדער „די בעלאָהנטע טוגענד," איינע פאַזזע אין פיער אבשניטען אין יידיש דייטשער מונדארט פון יוסף הערץ, פיורדא, שנת תקפח.

דעם העכסטען אויסדרוק פון דעם דאָזיגען מין פורים שפּיעל טרעפען מיר אין דעם „מכירת יוסף" פון אליקום צונזער, וועלכער האָט אין זינען געהאַט דורכאוים דאָס לעזענדע פובליקום און איז געדרוקט געוועזן אין 1874.

אָבער צווישען פאָלק איז דוקא אָנגענומען געוואָרען דאָס אחשורש שפּיעל, וואָס איז פער'משפט געוואָרען צו שרפה אין פראנקפורט, דאָס הייסט דער גייסט פון יענעם פורים שפּיעל. אלע וואריאציעס וואָס זיינען דערגאנגען ביז צו סאמע אונזער צייט האָבען זייער יניקה געצויגען פון איהם. יעדע געגענד האָט געשאַפען אן אייגענעם נוסח, האָט אריינגעגעבען אייגענעם וויץ, אייגענע המצאות, נאָר דער עיקר איז געבליבען דער זעלביגער און זיי זיינען אלע געמאַכט נאָך דעם מוסטער פון דעם אלטען אחשורש שפּיעל. דער הומאָר איז אומעדום א גראבער, די המצאות אָטהעמען אויב ניט מיט אזא נבול פה איז מיט מעהר קללות, די אויפפאַסונג איז די זעלביגע האמעטנע, מרדכי איז א נידריגע בריאה, א מנוול און אסתר איז א מאוסע אונריינע בעשעפענים. אָפט זיינען גאנצע פראזען איבערגעגעבען אויב ניט וואָרט פאר וואָרט, איז מיט קליינע שינוים.

אין א וואריאציע וואָס שטאמט פון מאהילעווער גובערניע אין רוסלאַנד און וואָס מען האָט געשפּיעלט ביז דער לעצטער צייט ווערט געשילדערט די בעגעגענים צווישען דעם שדכן און אחשורש אזוי:

ש ד כ ן

וואו איז דאָ באַ אייך דער קעניג, וואָס טראגט די לאָפּצעס אויפ'ן קאָפּ און די קרוין אויף די פים?

היינט האט זיא יום טוב'דיגע בגדים —
קדחת מיט כשר'ע פאדים,
שטרויענע הויזען
מיט דראט בעצויגען,
א פלאץ אויפ'ן וואסער,
און ארט אויפ'ן בית חיים
ק'טשערטיאם וואשים אבאאים (געהט ביידע צו אלדע רוחות)"
המנ'ס אלף בית:
127 לענדער
האב איך עהרליך געהאלטען
היינט מוז מען מיר מיין קאפ
אויף צווייען צושפאלטען.
כ א ר
טרא—רא—רא!
ה מ ן
וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינעם שעהנעם ראק?
כ א ר
אויפן גאלגאן שטעקט א טשוואק
דארט וועלען מיר הענגען
דיינעם ראק.
המן רעכענט אויס אלע זיינע שעהנע קליידער, זיינע צעהן
קינדער, דערנאך קומט ער צו זיך אליין:
ה מ ן
וואו וועט מען הענגען, הענגען
המנ'ען אליין?
זאגט זשע, איהר אלע.
כ א ר
אויפן גאלגאן שטעהט א בוים
דארט ט'מען הענגען
המנ'ען אליין.
געה זשע, שעהנסטער.

און אַט זיינען עטליכע שטעלען פון אַ וואַריאַציע, וואָס מען שפּיעלט נאָך ביז היינט געו טאָג אין נאַוואַגרודאַק.

המן (צום קעניג)

פאַטער־קעניג! עס איז דאָ אַ אידישער שרכן.

המן (צו מרדכי)

מרדכי, דאָ פּאַנאַ! (צום פּריץ).

מרדכי

טשאָסו ניעמאַ (איך האָב קיין צייט).

המן

צאַ ראַביש? (וואָס טהוסטו?)

מרדכי

לאָקשען קאַטשאַיו (איך וואַלגער לאָקשען).

מרדכי ווערט געשילדערט אַזוי:

„...פּוס־איד מאַנדרעכאַי,

אַ שלעפּער, אַ בעטלער, וואו אַ חתונה, וואו אַ ברית

דאַרטען האָט ער ניט געפּעהלט

און אַ טעלער געשטעלט;

אַ פּאַרטרעט אויף איהם צו קוקען

אַ האַרב אויפ'ן רוקען,

אין דר'ערד טוט ער קוקען.

נאָך אַ סימן וועל איך אייך זאָגען:

מ'האָט ניט לאַנג איהם באַנקעס געשטעלט צום רוקען."

מרדכי פערהאַלט זיך צום קעניג נאָך דעם אָנגענומענעם בּלל פון דעם אַלטען פורים שפּיעל און שילדערט אסתר'ן אַזוי:

„איך וועל דיר געבען אַ מיידעלע

אין ערטער גרין, אין ערטער געל,

דערצו אַ פּאַרטרעט.

כאַטש מיט די פיס צוטרעט.

אַ קולאַק אנטקעגען אַ קולאַק

(אַ געשוויר אייךביידען אין באַק!)

היינט האָט זיא אילע בגדים של חול —

זאָל איך, מיינע קינדערלאָך, ארויס דיא זייל.

שוין געקענט פערגינען צו שפּיעלען אביסעל לענגער און קריגען א גאנצען גילדען. מען האָט עס געקענט צופּאסען צו יעדען איינעם, נאָך דעם פערמעגען, זיין שטאנד און זיין געשמאק, און עס איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור און מען האָט עס געשפּיעלט יאָהר איין יאָהר אויס ביז סאמע דער לעצטער צייט. בשעת די אנדערע פּורים שפּיעלס, וואָס זיינען געווען ערנסטער אָדער וואָס זיינען גלייך געווען איינער אָפּערא און האָבען געפאָדערט אן אמת׳ע ביהנע זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען זעהר זעלטען.

אין א קליינעם מאסשטאב זעהט זיך שוין אין דעם פּורים־שפּיעל די שפּאלטונג אין דעם כאראקטער פון דער שפּעטערדיגע דראמע. איין סאָרט פּורים שפּיעל פון וועלכע דער המון לעקט די פינגער ווערט פער׳משפּט צו שרפה פון די שעהנערע אידען אין פראנקפורט און ווערט בעצייכענט פון א אידישען פאָרשטעהער אלס „נבלה גדולה“ און דער צווייטער סאָרט זוכט צו געפינען חן ביים שעהנערען אידען. איין סאָרט קען בעטראכט ווערען אלס א פאָלקס שטיק און דער צווייטער אלס די בעסערע דראמע. איין סאָרט ווערט שטארק אָנגענומען ביי דער מאסע און דער צווייטער דארף ווארטען אויף א געלעגענהייט, אז מען זאָל איהם קענען שפּיעלען פאר אן עולם.

צוליעב דעם גרויסען אונטערשייד אין דער גאנצער אויפפאַ־סונג און כאראקטער פון דיביידע סאָרטען שפּיעלס, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אויף דער אידישער גאס, איז אויך געוואָרען א שאַרפע מחיצה צווישען די שפּיעלער. אין אָנהויב זיינען די פּורים שפּיעלער געווען לערנער, בני תורה, ישיבה בחורים, וועלכע האָ־בען ניט נאָר געשפּיעלט ביי זיך אין שטאָדט נאָר זיי זיינען אויך ארומגעפאָהרען איבער אנדערע שטעדט און געגעבען פאָרשטעלונ־גען, נאָר צייט עס האָט זיך אָנגעהויבען א רדיפה אויף דעם פראנק־פורטער אחשורש שפּיעל, זיינען אלערליי וואריאציעס זיינע איבער־געגאנגען צום סאמע נידריגען סאָרט מענשען אין יעדען שטעדטיל, און די ישיבה בחורים זיינען געבליבען ביים סאָרט פון „מכירת יוסף.“

געה זשע, בעסטער
געה אויף איהם ארויף.
דאָס שפּיעל ענדיגט זיך מיט א סאָלאָ און כאָר געזאנג:
ס אָ ל אָ
אין אונזער אבות צייטען
דעם בורא איז מען געווען געטריי.
מיר ליבען דעם בורא
גאָר אויף דאָס ניי.
זינגען מיר:
שושנת יעקב, תכלת מרדכי.
כ אָ ר
פערפלוכט זאָל ווערען המן,
דער רשע דער גרעסטער.
געבענשט זאָל ווערען מרדכי,
דער צדיק דער גרעסטער.
. . . .
אונזערע ווערטער איז מן השמים,
איהר'ט אונז געבען עטליכע גילדען מיט א שנאפּס
וועלען מיר מאכען לחיים.

עס איז גרינג צו זעהן, פון וואנען האָט זיך אזא לעבעדיגקייט גענומען דוקא צום פראנקפורטער אחשורש שפּיעל. ניט נאָר איז דער הומאָר געווען פערשטענדליך און נאָהענט צום הארצען פון דעם פאָלקס מענשען, נאָר אויך האָט די לצנות'דיגע אויפפאסונג מעהר הארמאָנירט מיט'ן לוסטיגען גייסט פון פורים, ווען אפילו עס זיינען פון דעם דאָזיגען יום טוב פערשוואונדען די שפּורען פון קארנעוואל. דערצו האָט אויך פיעל געהאָלפען, וואָס א וואריאציע פון דעם אלטען אחשורש שפּיעל האָט מען געקענט שפּיעלען אומעדום, אָהן שום הכנ'ת. אָהן דעקאָראציעס, אָהן פּויקען און אנדערע אינסטרומענטען און עס איז אפילו ניט געווען נויטיג צו געבען א פארשטעלונג פון דעם גאנצען שפּיעל. ביי די גאָר אָרימע איז געווען גענוג א פּאָר דיאלאָגען און נעהמען ביי איהם עטליכע אָרימע גראָשענס און ביי דעם מיטעלען בעל הבית האָט מען זיך

וואס איז געווען נאהענט צום בית המדרש'ניק, און דער משכיל און אלע וואס האבען פערשטאנען העברעאיש האבען געקריגען א געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט זיי.

דער ערשטער פון דער דאזיגער עפאכע איז געווען דוד פראנקא מענדעס (געבארען 1713—געשטארבען 1792). ער האט געשאפען צוויי דראמעס. „גמול עתליה" און „תשועת ישראל בידי יהודית". די ביידע ווערק זיינען ניט קיין אריגינעלע, נאר אויך ניט קיין פשוט'ע איבערזעצונגען. פון עתליה האט דער בעריהמ־טער כראנצויזישער דראמאטורג ראסין געמאכט א טראגעדיע, און מענדעס האט די דאזיגע דראמע געהאט פאר די אויגען, ווי אויך א דראמע געשריעבען פון דעם בעוואוסטען איטאליענישען דיכ־טער פיעטרא אנטאניא דאמעניקא באנאווענטורא טראפאסי, וועל־כער איז בעקאנט אונטער'ן פסעוודאנים מעטאסטאסיא. „תשועת ישראל בידי יהודית" איז אויך א בעארבייטונג נאך מעטאסטא־סיא און איז א דראמאטישע געדיכט אין צוויי אבטיילונגען. אין 1786 האט מענדעל ברעסלא ארויסגעגעבען דאס אלעגארישע דרא־מאטישע ווערק „ילדות ובחרות"; אין 1791 האט שמואל חומא־נעלי אנגעשריעבען די מעלאדראמע „הקולות יחדלון", און אין די קומענדע פיער יאהר זיינען געשאפען געווארען „מלוכת שאול" — ביבלישע דראמע אין 6 בילדער פון יוסף טרעפלאוויטש, „מלחמה בשלום" פון חיים אברהם בן אריה, „אסתר" (נאך ראסינ'ס) פון יוסף האלטערן.

פון דער צייט אן זיינען דראמען אין העברעאיש, סיי אי־בערזעצטע, סיי אדאפטירטע און סיי אריגינעלע, געווארען א גאנץ געוועהנליכע ערשיינונג. עס איז כמעט דער יאהר ניט אריבער, אז עפעס א דראמע זאל ניט געשאפען ווערען אין דער העברע־אישער ליטעראטור, און א צייט לאנג איז דער דאזיגער צווייג גע־ווען א סך רייכער און וויכטיגער ווי דער בעלעטריסטישער.

די העברעאישע דראמע האט זיך ניט געדארפט רעכענען מיט קיין טהעאטער און ניט געדארפט האבען אין זינען קיין גאליאר־קע, און זי האט זיך דאריבער געקאנט פערגינען צו זיין מעהר לי־טעראריש.

פיערטער קאַפּיטעל.

די ערשטע מאָדערנע קאָמעדיע.

אין דער צווייטער העלפט פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונ־דערט האָט זיך אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד די השכלה בעוועגונג. קיינער וועט ניט חושד זיין די משכילים פון מענדעלסזאָהנ'ס חדר, אז זיי האָבען געשטרעבט צו שאפען א אידישע נאַציאָנאַלע דראמע אָדער, וואָס איז נאָך ווייטלויפיגער, א אידישען טהעאטער פאר'ן פאָלק. די משכילים האָבען געהאט א פעראכטונג און האס צו אי־דיש, דאָס הייסט מאמע־לשון. דאָס זיינען געווען די משכילים וואָס האָבען א נאָמען געגעבען אונזער מאמע־לשון זשארגאָן, און דער דאָזיגער נאָמען איז אזוי אריין צווישען דער מעהר אָדער ווייניגער אידישער אינטעליגענץ, אז אפילו פערקאָכטע אידישיס־טען, וואָס האָבען נאָך קיין נאָמען ניט געהאט פאר דעם נייעם איזם, האָבען איהם געברויכט צו בעצייכענען אידיש, פערשטעהט זיך, ניט מיינענדיג דערביי קיין בעליידיגונג פאר'ן מאמע־לשון. און דאָך זיינען דאָס געווען די משכילים וואָס האָבען געמאכט דעם וועג פאר'ן אידישען טהעאטער אויף דער אידישער גאס.

גלייך ביים אָנהויב פון דער השכלה האָט זיך בעוויזען א גאנצע פּלעיאַדע שרייבער, וואָס האָבען זיך גענומען מיט חשק צו דער דראמע. זיי, ווי די פריהערדיגע העברעאישע דיכטער, האָבען אין דער דראמע נאָר געזעהן א נייע פאָרם פון ליטעראטור, און עס איז שווער צו בעמערקען, וואָס איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו, די הויפּט כונה ביים נעהמען זיך צו דער דראמע; צי זיי האָבען גע־שטרעבט רייכער צו מאכען די העברעאישע ליטעראטור, צי זיי האָבען געוואָלט בעקאַנען די העברעאישע לעזער מיט א מין קונסט, וואָס איז זיי כמעט פרעמד געווען. נאָר וואָס די כונה איז ניט גע־ווען, דערווייל האָבען זיך געוויזען מאָדערנע דראמען אין א שפּראַך,

פור׳ם־שפיעל האבען זיי ניט געקאנט געהן. עס האט זיך געפאָדערט א גאנצע ענדערונג אין דעם אידישען בליק אויפ׳ן לעבען, אז אידען זאָלען קאָנען ווערען טהעאטער־געהער. עס האבען פריי־הער געדארפט געשאפען ווערען פאָדערונגען אויף עולם־הזה׳דיגע פערגניגענס און עס האט זיך פריהער געדארפט דערוועקען א דורשט צו געניסען פון לעבען, איידער א טהעאטער זאָל זיך קאָנען ווייזען צווישען אידען.

מיט דעם אלטען בליק, מיט דער אלטער פילאָזאָפיע, אז די וועלט איז נאָר א פרוזדור, און דער אמת׳ער גליק איז גאָר אויף יענער וועלט, האבען עולם־הזה׳דיגע פערגניגענס געקאָנט האבען א פנים פון הבל הבלים. די השכלה האט געמאכט אן איבערקעהרעניש אין דער דאָזיגער פילאָזאָפיע. זי האט אבגערוקט צום הינטערגרונד י ע נ ע וועלט מיט איהרע גליקען און מעהר ארויסגערוקט צום פראָנט ד י וועלט מיט איהרע מענשליכע פערגניגענס און גע־נוסען. דער לאָזונג פון השכלה איז ניט נאָר געווען: „זיי א מענש אין דרויסען,“ נאָר — „לעב ווי א מענש סיי אין שטוב און סיי אין דרויסען.“ אלע היתרים וואָס די משכילים האבען אָבגעזוכט, האבען געשטרעבט צו מאכען בעסער, שעהנער, אנגענעהמער און פערגניגענדער דאָס לעבען. די השכלה האט געוועקט פרויען ליעבע אין דעם אידענ׳ס אבגעשטאָרבענעם הארצען, האט געעפענט זיינע האלב־אויסגעלאָשענע אויגען צו שעהנקייט און געטורקעט איהם אין אויער: „מה נאה אילן זה“. די השכלה איז ארויסגעקומען מיט א פילאָזאָפישע שיטה, וואָס איז געווען פונקט דער היפך פון יע־נע, וועלכע האט גייסטיג געשפייזט אידען אין א משך פון איבער צוויי טויזענד יאָהר, ניט נאָר דורך דעם גאנצען לאנגען וועג פון גלות, נאָר אויך צייט זיי האבען פערלאָרען זייער אונאבהענגיגקייט.

דערפון דארף מען בשום אופן ניט דרינגען, אז אידען זיינען שטענדיג ארומגעגאנגען מיט פערגלאָצטע אויגען, אָדער זיי האבען מיט זייערע אויגען אויסגעקוקט אויפ׳ן מלאך המות. ווען אידען האָבען זיך דערפיהלט רוהיגער פון זייערע רדיפות און זייער מאטעריעלע לאגע איז פערבעסערט געוואָרען, האבען זיי, ווי אלע אנדערע מענ־שען, געזוכט פערגניגענס.

מיר האָבען שוין געזעהן, אז גאָר די ערשטע דראַמען אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה זיינען געווען געשאַפען נאָך דעם בעסטען מוסטער פון דער וועלט ביהנע. ראסין פערנעהמט אין פראַנקרייך דעם אויבען אָן אין טראַגעדיע, ער איז דער פראַנ־צויזישער קלאַסיקער אויף דער ביהנע און זיינע ביבלישע טראַגע־דיעס וואָס זיינען איבערזעצט אָדער אדאַפּטירט געוואָרען אין העב־רעאיש זיינען אמת'ע פּערלען.

אויב די ערשטע צייט זיינען איבערזעצט אָדער אדאַפּטירט געוואָרען נאָר אזעלכע דראַמען, וואָס האָבען געהאט א דירעקטען שייכות מיט אידען, האָט מען שפּעטער אויפגעהערט מקפיד צו זיין דערויף, און מען האָט איבערזעצט פיעלע פון די בעסטע וועלט־דראַמען אין דער שפּראַך פון די נביאים. אזוי זיינען איבערזעצט געוואָרען עטליכע דראַמען פון שעקספּיר, געטהע'ס פאוסט און דאָס גלייכען.

אזוי זעהען מיר, אז אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה איז געשאַפען געוואָרען א גאַנצע דראַמאַטישע ליטעראַטור אין העברעאיש אין דעם משך פון דריי דורות, און אויב דאָס האָט אלץ קיין טהעאַטער ניט געשאַפען, איז אלץ מעהר און מעהר אויס־געטראָטען געוואָרען א וועג פאַר דראַמאַטישער קונסט.

אָבער די השכלה בעוועגונג האָט געטהאָן א סך מעהר. זי האָט געשאַפען די סביבה, די בעדינגונגען, אין וועלכע א טהעאַטער זאָל קאָנען עקזיסטירען, די פאָדערונג אויף אזא אונטערהאַלטונג, וואָס מען קאָן געפינען אין א טהעאַטער, און אליין געליפערט דעם מאַ־טעריאַל, אָהן וועלכען א אידישע ביהנע האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין.

דאָס איז איינער פון די מעהרערע פאַראַדאָקסען פון השכלה.

א טהעאַטער קאָן געשאַפען ווערען און עקזיסטירען נאָר דאַן, ווען ער האָט אלע דריי נויטיגע יסודות, און די דאָזיגע יסודות זיינען: א פּובליקום, דראַמאַטורגען און אקטיאָרען. ווען עס פעהלט איין יסוד פון די צוויי, קאָן קיין טהעאַטער ניט געמאָלט זיין.

ביז דער השכלה האָבען מיר אזא פּובליקום ניט געהאט. די אידען, וואָס האָבען געלעקט די פינגער פון א פּורים שפּיעל זיי־נען פאַר קיין טהעאַטער ניט געשאַפען געוואָרען. ווייטער פון דעם

זאָגען. און דאָס ב׳סעלע, וואָס זיי האָבען קוים מיט צרות אויסגע־לערענט, האָבען זיי אין גיכען פערגעסען און איז אין גאנצען פון קאָפּ ארויסגעגאנגען.

אָט דער דאָזיגער עלעמענט, וואָס איז געווען ניט צו גאָט און ניט צו לייט, האָט מיט זיין אויפהערען צו געהן אין קלויז, פערלאָרען א בעפריעדיגונג פאר דער נשמה יתירה. דער טאטע, דער זיידע האָבען געהאט אזא גייסטיגע בעפריעדיגונג. אויב זיי האָבען אליין לערנען ניט געקאָנט, איז דער תהלים מיט זיין גאנ־צער השתפכות הנפש געווען אָפען פאר זיי. שבת ביי טאָג און בין מנחה למעריב אין דער וואָכען האָבען זיי עין יעקב געהערט, נאָכ׳ן דאווענען האָבען זיי געקאָנט אריינמישען זיך אין א שמועס וועגען הויכע און וואָכעדיגע ענינים און פערגעסען אויף א ווײלע די וויסטע ארבייט ביים וואָרסטאט אָדער די זאָרגען פון פרנסה. אָבער דער נייער עלעמענט האָט די דאָזיגע בעפריעדיגונג פערלאָ־רען, און ער האָט געמוזט זוכען אנדערע תענוגים אין זיין לעדיגע צייט.

פאר אזעלכע מענשען איז די אונטערהאלטונג פון א טהעאטער ווי געוואונשען, אבער דערצו פאָדערט זיך, אז זיי זאָלען גוט פער־דיענען און זייער צאָהל זאָל זיין א גרויסע. פאר א קלייזעל איז גע־ווען גענוג א פּאָאַר מנינים אידען, תהילים זאָגען און עין יעקב הערען האָט כמעט גאָר ניט געקאָסט, אבער טהעאטער איז פער־בונדען מיט א הוצאה און א גרויסע הוצאה, און אויסהאלטען א טהעאטער איז א גרויסע הכבדה, און דאָס קאָן נאָר דערהויזען ווע־רען, ווען דער גרעסטער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג אין א גרויסער שטאָדט ווייזט ארויס דערצו א פאָדערונג און די פאָ־דערונג א ז זעהר א גרויסע.

דאָס האָט ניט געקאָנט געטהאָן ווערען אין א קורצען משך. עס האָבען זיך געפאָדערט צעהנדליגע און צעהנדליגע יאָהרען, איי־דער אזא פובליקום האָט געקאָנט געשאפען ווערען.

און נאָך איידער די השכלה האָט געשאפען דאָס נויטיגע פּוב־ליקום פאר א אידישען טהעאטער, האָט זי געגען איהר ווילען גענו־מען ארויסרוקען שאפענדע קרעפטען פאר דער אידישער ביהנע.

מיט׳ן דראַנג פון השכלה זיינען געקומען די פאָדערונגען אויף עולם־הזה׳דיגע פערגניגענס און דער דורשט צו געניסען פון לעבען האָט זיך ארויסגעוויזען אויף פערשידענע דרכים, אויף אַלערליי אופנים, און אזוי ווי דער דאַזיגער טריעב איז געשאפען געוואָרען ניט דורך אידישע מיטלען, האָט מען אלץ ווייניגער און ווייניגער אָנגעהויבען מקפיד צו זיין, צו די פערגניגענס זיינען אין דעם אי־דישען גייסט צו ניט.

אויפ׳ן שוים פון השכלה האָט זיך ערצויגען א נייער דור, וואָס מען האָט אין די גהעטאָ׳ס פריהער ניט געזעהן. די פנים חדשות זיינען ניט נאָר געווען משכילים, וואָס האָבען דערזעהען דאָס ליכט פון מערב אייראָפּא, ניט נאָר ישיבה בחורים וואָס האָבען ערשט פערמאכט די גמרא און אָהן א היטעל א ברכה געמאכט אויף א חלב׳ענע ליכטעל, נאָר אויך קיילעכדיגע עם הארצים, וועלכע האָ־בען קיין שום היתרים ניט געזוכט און האָבען זיך מיט פערגניגען געלאָזט געהן מיט׳ן נייען שטראָם.

און דאָס איז ווידער איינער פון די פּאַראַדאָקסען פון השכלה, וואָס מיט איהר דראנג האָט זיך פערשפּרייט עם הארצ׳עס אין גע־וויסע קרייזען צווישען אידען. הגם דאָס קלינגט המצאה׳דיג, איז דאָך ניט שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי אזא ערשיינונג איז געוואָ־רען מעגליך. פריהער איז יעדער אידישער אינגעל געגאנגען אין חדר, און אויב ניט קיין תורה האָט ער לכל הפחות עברי זיך אויס־געלערענט. איז ער אויסגעוואקסען א בחור, איז ער אין קלויז גע־גאנגען אָדער אין בית המדרש און האָט געדאווענט, תהלים גע־זאָגט, און דאָס ביסעלע וואָס ער האָט אין חדר גענאשט האָט ער ניט נאָר ניט פערגעסען, נאָר פערקעהרט, ער איז דערין געוואָרען מעהר בעהאווענט. יעדער האָט אזוי געטהאָן. מיט דער פערשפּריי־טונג פון השכלה האָט זיך אין די גרויסע שטעדט בעוויזען א מין הפקרות. דער פריהערדיגער אויטאָריטעט. וואָס האָט אלעמען גע־האלטען אין שפאן, האָט געפלאצט קהל ה... שוין מעהר קיין דעה ניט געהאט איבער׳ן יחיד, און אז אינגלעך, בחורים, יונגעלייט האָ־בען זיך פערקוקט אויף די געבילדעטע און ניט געוואָלט געהן אין קלויז. אין בית המדרש, אין שוהל. האָט קיינער גאָרניט געקאָנט

וואָלפסזאָן איז געווען אָבער־לעהרער און אינספּעקטאָר אין דער קעניגליכער ווילהעלם שולע אין ברעסלוי און זיין גאנצע טהעטיגקייט אטהעמט מיט השכלה און עס ווילט זיך כמעט ניט גלויבען, אז אזא וויכטיגער זייל פון מענדעלסזאָהנ׳ס קרייז זאָל זיין דער ערשטער אויפ׳ן פעלד פון אידישער קאָמעדיע.

נאָר דאָס איז א פאקט, און די איינציגע ערקלערונג וואָס מיר קענען דערצו געבען איז, אז זיין קאמפּף־לוסט איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט זיך אָנגעכאפּט אָן יעדער וואפע, און די שפּראַך פון פאָלק האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו צוקומען צום סאמע פאָלק, אריינטראָגען דעם קאמפּף פאר השכלה אין די ברייטע מאסען.

די דאָזיגע קאָמעדיע האָט געדארפט זיין דער גרונד־שטיין פון דער אידישער מאָדערנער דראמע און געדארפט מאכען א נייע עפּאָכע. די פורים־שפּיעלם האָבען געהאט א היסטאָרישען כאראק־טער און האָבען מיט׳ן מאָדערנעם לעבען קיין שייכות ניט געהאט. דערצו זיינען זיי ניט געווען געבויט דראמענסמעסיג. וואָלפסזאָן האָט דער ערשטער געוויזען, ווי צו נעהמען שטאָף פון דעם מאָ־דערנעם לעבען און ווי צו בויען א דראמע אויף א מעהר אָדער וועניגער מאָדערנעם אופן. זיין גרויסער נאָמען, זיין אויטאָריטעט איז געווען גענוג ארויסצורופען א טהעטיגקייט אויף דעם דראָ־מאטישען פעלד אין אידיש. וואָלפסזאָנ׳ס נאָמען איז געווען א גענוגענדער היתר פאר יעדען משכיל, אז מען מעג שרייבען אין מאמע־לשון א טהעאטער שטיק און ער וועט דערמיט ניט פער־שוועכען דעם כבוד פון דער דייטשער שפּראַך. נאָר די צייט איז ניט געווען מסוגל דערצו, און די דאָזיגע קאָמעדיע איז כמעט גע־בליבען אונבעקאנט, הגם זי האָט אויסגעהאלטען צוויי אויסגאבען.

די קאָמעדיע הייסט „לייכטזין אונד פרעממעלייא“ און מען קען ניט קלאָר ווערען, ווען זי איז צום ערשטען מאָל געדרוקט גע־וואָרען. אין דער פאָררעדע גיט וואָלפסזאָן אָן, אז דאָס שטיק איז אָנגעשריבען צו געענדיגט בחודש אדר אין דעם יאָהר תק״נח, און אויפ׳ן געדרוקטען שער ווערט קיין דאטום ניט דערמאָנט, הגם עס ווערט ניט נאָר אָנגעגעבען אז עס איז געדרוקט אין אמסטערדאם

עס איז כמעט א המצאה, אז די ערשטע אידישע מאָדערנע קאָמע־דיע, אין וועלכער עס איז געמאכט געוואָרען א פערזוך צו שילדע־רען דאָס מאָדערנע אידישע לעבען, איז געשריעבען געוואָרען פון איינעם פון די גרעסטע זיילען פון דער השכלה.

דער פערפאסער פון דער דאָזיגער קאָמעדיע איז איינער פון די בעריהמטעסטע מחברים פון ביאור און רעדאקטאָר פון דעם ניט וועניגער בעריהמטען זשורנאל „מאסף“, אהרן האַללע, אָדער, ווי ער איז בעסער בעוואוסט אונטער'ן נאָמען, וואָלפסזאָן.

פון אלע קעמפפער פאר השכלה איז וואָלפסזאָן געווען דער ביטערסטער, דער פערביסענסטער. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, אז די השכלה איז די איינציגע, וואָס האָט בכח אָבצוואווישען פון דער ערד די אומזיסטע שנאה צו אידען, און ער האָט אין דער השכלה געזעהן די איינציגע רעטונג פאר'ן אידען. און גלויבענדיג, אז ער האָט די אמת'ע רפואה צו דעם אידענ'ס מכה האָט ער מיט זיין גאנצען ווילען און קראפט גענומען זיך איינצוגעבען דעם אידישען פאָלק זיין רפואה און ער האָט ניט געקוקט, צי ער פערשאפט דערמיט וועהטאָג, יסורים. יעדע אָפּע־ראציע טהוט וועה, און וואָס גיכער מען מאכט איהר, אלץ נעהענ־טער איז די האָפנונג געזונד צו ווערען.

וואָלפסזאָן איז געווען פון די ערשטע נאָך משה מענדעלסזאָהן, וואָס האָט זיך גענומען צום איבערזעצען די הייליגע שריפטען אין ריינעם דייטש. ער איז געווען צווישען די, וואָס האָבען איבער־זעצט און געשריבען דעם ביאור צו די מגלות: רות, איכה, אסתר, און ער האָט אויך געהאָלפען אין דעם ביאור אויף שיר השירים. נאָכדעם האָט ער איבערזעצט מלכים א' און מלכים ב', איוב און נאָך אנדערע ספרים. ער האָט אויך אָנגעשריעבען „אבטליון“, וואָס בע־שטעהט פון קורצע ערצעהלונגען פון חומש אין א לייכט־העברע־אישער שפראך, ווי אויך משלים, וואָס האָבען געדארפט דיענען אלס העברעאישע כרעסטאָמאטיע פאר קינדער. ער האָט אויך אָנ־געשריעבען אין דייטש דאָס ווערק „ישרון“ אָדער „אונפארטייאישע בעלייכטונג דער דעם יודענטומע נייערדינגס געמאכטען פאָר־ווירפע.“

ניט אזוי גרינג איז אבער צו ערקלערן בן יעקב'ס בעהויפטונג, ווייל דער אונטערשייד איז ניט נאָר אין דעם דאטום נאָר אויך אין דעם פּלאַץ, וואו די דערמאָנטע קאָמעדיע האָט זיך געדרוקט. אויב בן יעקב האָט קיין טעות ניט געמאכט, בלייבט נאָר די איינציגע השערה, אז די ערשטע אויסגאבע איז געווען אין תק"נו און איז געדרוקט געווען אין ברעסלוי אָהן א שום פאָררעדע, נאָר צו דער צווייטער אויסגאבע, וואָס איז געדרוקט געווען אין תק"נח אין אמשטערדאם האָט וואָלפסזאָן צוגעשריבען די הקדמה און אָנגעגעבען דעם נייען דאטום.

די זעלביגע קאָמעדיע איז אויך ארויסגעגעבען געוואָרען מיט דייטשע בוכשטאָבען, מסתמא פאר יענע וואָס האָבען קיין אידיש ניט געקענט לייענען און האָט געהייסען „רב חנוך דער בעטראָגענע ביגאָט“ אָדער „דער עטלאַרפטע שיינהייליגע“. קיין דאטום איז אויף דער אויסגאבע ניט אָנגעגעבען.

וואָלפסזאָן האָט זיין פּיעסע געשריעבען מיט דער פולער כונה. אז מען זאָל איהר שפּיעלען. קיין אידישער טהעאטער איז דעמאָלט ניט געווען, נאָר ער האָט גערעכענט, אז מען זאָל די דאָזיגע קאָמעדיע אויפפיהרען אויף דעמזעלביגען אופן, ווי מען האָט דעמאָלט אויפגעפיהרט די פּורים־שפּיעלס, און שפּיעלען איהר אין דעם יום־טוב פּורים, ווען אידען ווילען זיך אונטערהאלטען מיט אזעלכע זאַכען. „לייכטזין און פרעממעלייא“ האָט געדאַרפט דיענען אלס דער איבערגאנג פון די פּורים־שפּיעלס צו מאָדערנער אידישער דראמע. זיין צוועק איז געווען אַ דאָפּעלטער אָדער, ריכטיגער געזאָגט, א דרייפאכיגער: ערשטענס, צו פערטרייבען די פּורים־שפּיעלס און אויפפיהרען מאָדערנע דראמען, וואָס זאָלען אין לעבעדיגע פארבען שילדערן דאָס אידישע פאָלק, צווייטענס, צו קעמפּפען געגען דעם פאַנאַטיזמוס און, דריטענס, צו קעמפּען געגען דער מאָדערנער יוגענד, וואָס איז אוועקגעגאנגען אויף א שלעכטען וועג.

דאָס אַלץ ערקלערט וואָלפסזאָן אין דער קורצער הקדמה, וואָס איז געשריעבען אלס א מין פערענטפערונג, אלס א מין התנצלות:

„געגענוווערטיגער פערזוך איינס לוסטשפּיעלס, וועלכעס מעהרערע פאָלגען ווערדען, ווען דיזער דען בייפאַל פערניגפטיגען ער־

ביי יוחנן לוי רופא ובנו בנימין נאָר צום סאמע סוף אויף דער נאָמען פון דעם זעצער: „על ידי הזעציר מאנים בר שלמה ז"ל באמשטערדאם". דערפון האָט מען געקענט שליסען, אז די קאָמע־דיע האָט זיך געדרוקט אין אמשטערדאם אין דעם יאָהר 1798; נאָר בן יעקב בעהויפּטעט אז לייכטזין אונד פרעממעלייא איז גע־דרוקט געוואָרען אין דעם יאָהר תק'נו אין דער שטאָדט ברעסלוי, דאָס הייסט מיט צוויי יאָהר פריהער, ווי דער דאטום איז אָנגעגע־בען אין דער הקדמה. און דער בעוואוסטער ביבליאָגראף שטיינ־שניידער דערצעהלט, אז ער האָט געזעהן אן עקזעמפּליאר מיט'ן דאטום 1797 און דער טיטעל פון דער קאָמעדיע איז געווען „רבי הענאך" אדער „וואָס טהוט מען דערמיט."

וואָס איז שייך צו שטיינשניידער, איז גרינג צו זעהן, אז ער האָט דאָ געמאכט א טעות און ער האָט צומישט צוויי בעזונדערע שטיקער פון צוויי בעזונדערע מחברים. רבי הענאך אדער „וואָס טהוט מע דערמיט" איז געווען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א סאטירע אויף אידיש און איז געווען געשריבען פון יצחק אייכעל. אין דער ענציקלאָפּעדיע פון ערש און גרובער דערמאָנט יאָסט די דאָזיגע שטיק און אויך לעטערים אין זיין „זכרון בספר" שרייבט אזוי וועגען אייכעל:

„גם מעשה שעשועים לוסטשפּיעל בלשון יהודית דייטש יצא אחר מותו ועיני לא ראוהו."

דאָס הייסט אז יצחק אייכעל האָט אָנגעשריבען א קאָמעדיע אין אידיש און זי איז געדרוקט געוואָרען נאָך זיין טוידט, נאָר לע־טערים האָט אליין דאָס דאָזיגע שטיק ניט געזעהן.

עס איז ניט שווער אָנצושטויסען זיך, ווי אזוי שטיינשניידער האָט געמאכט דעם דערמאָנטען טעות. יצחק אייכעל און אהרן וואָלפסזאָן האָבען געארבייט און געווירקט כמעט אין איין צייט אויף דעמזעלביגען פעלד. אייכעל איז געווען דער ערשטער רעדאקטאָר פון מאסף און נאָך איהם האָט אהרן וואָלפסזאָן צוזאמען מיט לעווע איבערגענומען די רעדאקציע. דערצו נאָך איז דער נאָמען פון דער ערשטער פּערזאָן אין „לייכטזין אונד פרעממעלייא" חנוך און עס איז דאריבער געווען זעהר לייכט צו פערמישעןביידע שטיקער.

ניט זיין גאנץ פערשטענדליך און דאריבער געפין איך פאר נויטיג צו מאכען א קורצע ערקלערונג, הגם צוליעב דעם וועל איך מוזען פערלויפען א שטיק וועג.

עפּעס א לץ האָט אמאָל זיך אויסגעדריקט, אז ער רעדט אלע זיבען לשונות פון אידיש. ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגען, אז דער אונטערשייד אין דעם אידיש אין פערשיעדענע געגענדען איז אזוי גרויס, אז אין יעדער געגענד קלינגט אידיש ווי א בעזונדער לשון. דער אידיש וואָס מען רעדט אין דער ליטע איז ניט דערזעלבער וואָס מען רעדט אין זיד־רוסלאנד, און אין פּוילען רעדט מען גאָר אן אנדער אידיש. דער אמת אָבער איז, אז דער אונטערשייד אין דעם לשון איז ניט קיין גרויסער אין די פערשיעדענע געגענדען. דאָס איז דערזעלביגער אידיש וואָס מען רעדט אין ליטע און זיד־רוסלאנד און אין פּוילען. דער גרויסער אונטערשייד איז נאָר אין דער אויסשפּראך. געוויס, האָט יעדע געגענד איהרע כאראקטערים־טישע לאָקאלע ווערטער און ווערטלאך און אויסדריקע, נאָר די שפּראך איז דיזעלביגע אומעדום. אין לייענען פיהלט זיך זעהר שוואך דער אונטערשייד אין דעם לשון, אָבער דערפאר איז דער אונטערשייד זעהר א גרויסער אין רעדען.

אין די אלע דראמען, וואָס זיינען שפּעטער געשריעבען געוואָרען, האָבען די שרייבער ניט גענומען קיין שום מיה צו בעצייכנען די כאראקטעריסטישע אויסשפּראך פון א בעשטימטער געגענד. אמאָל טרעפט מען יאָ, ווי א קאָמישע פּערזאָן זאָגט ארויס מיט א שווערען טראָפּ „דאָש" און „וואָש" און דאָס דארף בעצייכנען א ליטווישע אויסשפּראך, אבער עס איז פערשפּאָרט צו זאָגען, אז דאָס איז ניט מעהר ווי חוזק געמאכט. אויף דער ביהנע רעדט דוד משה'לעס אין דעם „אידישען קעניג ליר" מיט דער עכטער אדעסער אויסשפּראך, הגם די האנדלונג קומט פאָר אין ווילנא און דוד משה'לעס איז אן איינגעפונדעוועטער ווילנער בעל הבית. אין „מירעלע אפרת" זיינען אלע ליטווישע העלדען. מירעלע איז א ברייטע ליטווישע קצינה, איהרע זיהן זיינען ליטווישע בחורים; נחום'צע און זיין ווייב און שיינדעל זיינען סאמאָראָדנע סלוצקער, נאָר זייער אלעמענס אויסשפּראך

העלט, און וועלכער צו בעלוסטיגונג אן אונזערם פורים פעסטע, אן דער שטעלע דער זאָנסט געוועהנליכן זינלאָזן אונד צווועקוויר־ריגען הארלעקינאדען (פורים־שפיעלם), דיהנען זאָלל, ווירד האָפ־פענטליך פאָן קיינעם וואהרהייטסליעבענדען מאננע געטאַדעלט ווערדן, דען איך ניכטס אנדערם דאמיט בעאבזיכטיגען ווילל, אלס בלאָס דער נאַציאָן מיט לעבאהפטען פארבען אנשויליך פארשטעללן, וועלכע איבלע פאָלגען, דער שטרענגע פאנאטיזמוס אונד דיא הייכ־לייא אונטער דעם דעקמאנטעל דער רעליגיאָן איינרזייטס, אונד דיא פאלשע אָדער אונעכטע אויפקלערונג אונזרר יעציגען מאָדישען יוגענד, נעבסט דער פעהלערהאפטען ערציהונג דער קינדער אנדרער זייטס הערפאָרברייננגען קעננען.

„זאָללטע איין לעזער אָדער איינע לעזערין דורך דאס גע־מעהלדע זיך געטראָפען פיהלען, אונד דאהער דען ליבליכען ענט־שלוס פאססען זיך צו בעסערן, זאָ העטטע איך מיינען צוועק ער־רייכט, וועלכער וואר: דאס פערגניגען מיט דעם נוצען צו פער־איינען.

„פינדט אָבער דיזער ערקלערונג אונגעאכטעט דעננאך יע־מאנד, דעם די הערויסגאבע דיזס שטיקס מיספעללט, אונד דער דאס אנאטהעמא דאריבער שפריכט, זאָ דיהנע דיזם פאָלגענדר בקאנטר שפרוך צור אנטוואָרט:

דער קראַצע זיך דעם עס יוקקט (בייסט),
וויר אלע האבען איינע ריינע הויט."

פון דעם נאָמען פון דער שטיק, פון דעם שער, און פון דער הקדמה קאָן מען מיינען, אז די קאָמעדיע איז געשריעבען אין דייטש, אבער דאָס איז ניט אזוי. די קאָמעדיע איז געשריעבען ניט נאָר אין אידיש, נאָר אין דעם כאראקטעריסטישען לאָקאלען אי־דיש פון דער נאָרדערליכער געגענד אין דייטשלאנד ביים סוף פון דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט. „לייכטזין און פרעממעלייא" איז אפשר אויך די איינציגע אידישע פיעסע, אין וועלכער עס ווערט אָבגעהיט די כאראקטעריסטישע אויס־שפראך פון א בעשטימטער געגענד.

עס קאָן זיין, אז פאר פיעלע לעזער וועט דער לעצטער זאץ

איז א חסרון צום שידוך. רב חנוך בעשולדיגט איהם, אז צוליעב איהם געהט יעטטכען אין גוי'אישע דרכים און וויל איהם פאר קיין איידעם ניט האבען. צי יעטטכען האט איהם ליעב, ווייסט מען ניט. עס קאן זיין, אז ביי איהר איז דער קאפ אזוי פיעל פערדרעהט פון איהרע קריסטליכע בעקאנטע, אז אפילו איהר געבילדעטער אנקעל געפעלט איהר ניט. און טאקע ווען רב חנוך ערקלערט איהר, אז דער מלמד יוספכה איז איהר חתן, אנטלויפט זי צו איהר קריסטליכען פריינד, א גראף. דעם גראף לוינט ניט, אז זי זאל זיין ביי איהם און ער ערקלעהרט א הר, אז דערווייל וועט ער איהר בעהאלטען ביי זיינער א בעקאנטער און פיהרט איהר אוועק צו פרוי לעמגין, א קופלערין, א פאקטארקע, ווי אויך א „מאדאם“ פון א קליינעם הייזעל, און עס הייסט, אז ביי איהר וועט זיך יעטטכען אויפהאלטען ביז ער וועט געפינען א זיכערען ארט. ביי חנוך'ן אין הויז איז א מהומה, און מארקום לויפט ארום איבער דער שטאדט זוכען זיין פלימעניצע, און ענדליך געפינט ער אוים דורך בעקאנטע, אז זי איז ביי דער קופלערין. ער קומט אהין אריין אלס בעזוכער און בעט מען זאל צו איהם אריינפיהרען די נייע מיידעל. ווען ער איבערצייגט זיך, אז זיין פלימעניצע איז דא, ערקלערט ער דער קופלערין, אז ער האט פערגעסען זיין געלד אין דער היים און וועט זיך אויף איין פוס אריבערכאפען און קומען גלייך צוריק. אין אמת'ן אבער געהט ער נאך זיין שוואגער.

דערווייל קומט צו דער קופלערין יוספכה, און עס ווייזט זיך ארוים, אז ער איז דארטען אן אפטער בעזוכער און איז שוין דער מאדאם שולדיג אביסעל געלד. ער דערצעהלט איהר אלץ, אז ער דארף באלד חתונה האבען מיט א רייכער כלה און ער וועט האבען געלד איבער גענוג. אבער אזוי ווי ער דערצעהלט איהר די דאזיגע געשיכטע א לאנגע צייט, האט זי איהם אויפגעהערט צו גלויבען און אבגעשניטען זיין קאנטע. היינטיגעס מאל איז ער געקומען ווידער אהן געלד, נאר [illegible] עבראכט א משכון, זיינע תפילין און נאך א סך דינגענים פועלט ער קוים ביי דער מאדאם, אז ז זאל דעם משכון אננעהמען. רב חנוך און מארקום קומען דאן א און טרעפען דארטען דעם וואוילען חתן.

איז די עכט זיד־רוסישע; איהר קענט הערען אויך פון דער ביהנע די אויסשפּראך פון זשיטאָמיר, בעסאראביא, אָבער קיין עהנליכ־קייט ניט פון דער ליטע.

„לייכטזין און פרעממעלייא“ איז „איין פאמיליען געמעהלדע אין דריי אויפצוגען.“ די פּערזאָנען פון דער פּיעסע זיינען:

רב חנוך, איין רייכער הויזפאטער; טעלצע, זיינע פרוי; יעטט־כען, זיינע טאָכטער; מארקוס, זיין שוואָגער, און ברודער דער טעלצע; רב יוספכה, הויז רבי; שאַינדל, קעכין ביי רב חנוך; איין פּריזהער; פרוי לעמגין, איינע קופּלערין (פאקטערקע).

די האנדלונג „געהט אין איינר גראָסען שטאדט פאָר אין דער נערדליכען געגענד פון דייטשלאנד; און דיא געשיכטע פעללט אין דאָס לעצטע יאָהרצענד דעס 18טען יאָהרהונדערט.“

דער אינהאַלט איז אזא:

רב חנוך, א איד א פרומער און א למדן, האָט א טאָכטער, וואָס האָט א נאַש געטהאָן פון בילדונג אויפ'ן שפּיץ מעסער. זי קליידט זיך נאָך דער לעצטער מאָדע, פריזירט זיך, שפּאצירט אי־בער'ן בולוואר און פיהרט א בעקאנטשאפט מיט קריסטליכע יונגע לייט. זיי געפעלען איהר, ווייל זיי זיינען מעהר גאלאנט ווי די אי־דישע בחורים, זיי קאָנען מאכען קאָמפּלימענטען, און איהר קליין קעפּעל פערדרעהט זיך דערפון, הגם זי בעמערקט, אז די העפליכע קאוואַליערען דערקאָנען איהר ניט, ווען זיי זיינען מיט קריסט־ליכע דאמען. רב חנוך איז ניט צופריעדען מיט איהר אויפפיה־רונג, נאָר ער קען דערצו גאָר ניט טהאָן, אבער ער איז ענטשלאָ־סען חתונה צו מאכען איהר דוקא פאר א פרומען בחור, א בן תורה,

פאר זיין אינגעל האַלט ער אין הויז א רבי'ן, רב יוספכה, א בטלן, וועלכער מאכט א פרומען פּנים אבער וועלכער איז אין אמת'ען אן אויסוואורף. אט דעם דאָזיגען מלמד האָט ער בעשלאָסען צו נעהמען פאר אן איידעם. דער מלמד איז זעהר צופריעדען אריינ־צופאלען אין אזא שמאַלץ־גרוב, און ביי דער טאָכטער דארף מען ניט פרעגען.

אין יעטטכען איז פערליעבט א געבילדעטער יונגערמאַן מיט'ן נאָמען מארקוס. ער איז רב חנוך'ס אַ שוואָגער, נאָר זיין בילדונג

געהאט אן אונגליקליכע ליעבע מיט א יונגען גראף. עס איז אמת, אז די נארישע יעטטכען איז אזוי ווענינ געווען א בילד פון יענע הויף־געבילדעטע, קלוגע, וויציגע פרויען, ווי יוספכה איז געווען א בילד פון א פרומען אידען, אבער מען דארף ניט פערגעסען, אז דאס איז געווען דער ערשטער פערזוך צו שילדערן לעבעדיגע מענשען פון דער סאמע מאָדערנע צייט, און ניט נאָר דעמאָלט, נאָר אפילו מיט צעהנדליגע יאָהרען שפּעטער האָט מען ניט געוואוסט, אז אין קאמף־ליטעראטור און אין קאמף־דראמען דארף מען זוכען וואהר־הייטליכקייט.

א פּאָר קליינע אויסציגע וועלען געבען א בעגריף וועגען דעם כאראקטער פון דער שפּראך.

די ערשטע סצענע עפענט זיך ביי רב חנוך אין הויז.

רב חנוך (זיצט אן איינעם טישע, ווארויף איינינע אויפגע־שלאָגענע (אָפענע) ספרים ליגען). נו וואיטער... פרעגט דער מקשן: במאי קא מפלגי? וואדראן קריגען זיי זיך? רבי אליעזר סבר... (נאכדענקענד) דאָהם פערשטאיך ניט, דאָ מוז בלתי ספק עי גראיז זאין. אפשר מאכט'ער מהרשא עפּפיז דרוף (זיהט נאָך) פּשיטא, וואהס חדוש? האָב איכ'ם ניט גלאיך גזאָגט?

ער כאפּט זיך, אז זיין קליינער קדיש איז אין שטוב ניטאָ און ער ווערט אויפגעבראכט דערפון. זיין ווייב טעלצע זוכט איהם צו בערוהיגען.

טעלצע. „זאָג מיר נאָר, וואהס דו פער ע מאן ביזט. וויא קענסטו דיך דריבבר גלאיך זויא מרגז זיין? מוז דען דאָס קינד נעבאך דען גאנצען טאָג אנגעשפּאנט זאין? 'ס זעהט זויא מאָגער און זויא גריהן אויס, דאז איך מיך. זאָלל'ך אללם גוטס האבען, בלב מצער בין, ווען איכם אנזעה. ווארום זאָלל דאָס קינד ניט אהך ע מאל ע נחת האבען?"

מארקוס, אלס יוגנער משכיל, דער פּאזיטיוועך טיפּ אין דער שטיק, רעדט שוין גאָר אן אנדער לשון. ווען ער קומט אריין צו דער קופּלערין און יענע געהט אָריינפיהרען יעטטכען, האלט ער אזא מאָנאָלאָג:

ווי עס איז גרינג צו זעהן, איז די דאָזיגע שטיק מיט איהר שאַרפער טענדענץ דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע שפּעטערדיגע השכלה־דראַמען, וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען מיט דעם צוועק צו קעמפּפען מיט׳ן פאַנאַטיזמוס. די טענדענץ שפּאַרט דאָ ארויס פון יעדען זאַץ, פון יעדען וואָרט. איהר זעהט, ווי דער שרייבער האָט צו טהאָן מיט א שטאַרקען פערביסענעם שונא און קלייבט ניט קיין מיטלען, ווי צו בעקעמפּפען איהם. דער עיקר איז — אַבצו־ראַמען דעם שונא פון וועג.

אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט ער אויך ניט פערגעסען אויפצוהויבען א קאַמפּף געגען דער זאָגענאַנ־טער פאַלשער השכלה, און האָט זיך ניט אָנגעשראָקען צו ווייזען, אז ניט אַלץ איז גאָלד אין דעם צווייטען לאַגער, און דאָס איז עפּעס אזוינס, וואָס די שפּע־טערדיגע אידישע דראַמאַטורגען דורך דער גאַנצער צייט פון דער השכלה עפּאָכע מיט זעהר װעניגע אויסנאַהמען, האָ־בען ניט געוואַגט צו טהאָן. דערצו דאַרף מען נאָך האָבען אין זינען, אז צו יענער צייט איז די השכלה געווען נאָך גאַר יונג, נאָך ערשט פון די וויקעלאַך ארויס. דער געוואוינליכער שאַב־לאָן פון די שפּעטערדיגע אידישע דראַמען־שרייבער איז געווען צו שילדערן יעדען פון דעם השכלה לאַגער אין די שעהנסטע, ליכ־טיגסטע פאַרבען.

די פראַגע פון אידישע מיידלעך, וואָס וואַרפען זיך אין די אַרעמס פון קריסטליכע יונגע לייט, איז דעמאָלט געווען זעהר אָן אָנגעוועהטאָגטע אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען די סאַמע צייט, ווען אידישע מיידלעך און ווייבלעך, ווי אידישע היסטאָריקער דריי־קען זיך אויס, האָבען אונטער די ערשטע שטראַהלען פון השכלה אוועקגעוואָרפען זייער טויזענד יאָהר׳גע צניעות און געלאָזט זיך פערפיהרען פון קריסטליכע יונגע לייט. דאָס איז געווען די צייט, ווען די גהעטאָס אין דייטשלאַנד האָבען געקאָכט מיט סקאַנדאַלען פון הענריעטא הערץ, מענדעלסזאָנ׳ס טעכטער און נאָך פיעלע פּראָ־מינענטע אידישע מיידלעך און ווייבלעך, וואָס האָבען בעזוכט הענ־ריעטא׳ס סאַלאָן. עס קאָן גרייליך זיין, אז וואָלפסאָן האָט פּאַר די אויגען געהאַט א געוויסען מאָדעל, פון וועמען ער האָט געשילדערט יעטטכען. אפילו די בעריהמטע ראחעל האָט פּונקט אין יענער צייט

אידען פון א גאנץ יאהר רעדען דעם גראבען לשון, רעדט דער גע־בילדעטער די ריינע שפראך.

עס איז אמת, אז שוין אין די פורים־שפיעלם איז דער לשון ניט געווען דער זעלביגער ביי אלע פערזאנען, און בשעת אייניגע האבען גערעדט מעהר אידיש, האבען די אנדערע גערעדט דייטש. אזוי למשל, אין דעם אלטען פורים־שפיעל, וואס איז געווען פריער ציטירט איז מרדכי׳ס לשון מעהר עהנליך צו אונזער איצטיגען אידיש בשעת המן רעדט דעם דעמאלסדיגען דייטש. נאר דאר־טען איז די אורזאך פון דעם אונטערשייד אין דער שפראך גאר אן אנדערע. דארטען ווערט אידיש געברויכט נאר פון די קאמיקער, און דאס איז א מיטעל צו פערגרעסערען דעם קאמיזם.

אבער אין וואלפסזאנ׳ס קאמעדיע רעדען אלע, א חוץ די גע־בילדעטע, אידיש. און עס איז נויטיג צו בעמערקען, אז אין וואלפס־זאנס צייט, זיינען אידיש און דייטש אוועק ווייט איינער פון דעם אנדערן און זייער קרובה׳שאפט האט אויפגעהערט צו זיין א נאהענטע. אין וואלפסזאנ׳ס צייט זיינען שוין אידיש און דייטש, הגם די משכילים האבען עס ניט געוואלט אנערקענען, געווען צוויי בעזונדערע שפראכען, און ווען דער העלד האט גערעדט אויף ריי־נעם דייטש, האט זיך זיין שפראך שארף געענדערט פון דעם לשון פון די ארומיגע. די שפעטערדיגע דראמאטורגען האבען ניט פער־שטאנען די שייכות פון אידיש און דייטש, און פערקוקענדיג זיך אויף וואלפסזאנ׳ען האבען זיי אנגענומען פאר א כלל, אז א גע־בילדעטער מענש דארף אין דראמע רעדען דייטש.

אז די ערשטע שפעטערע אידישע דראמענשרייבער זיינען געווען בעקאנט מיט דער דאזיגער קאמעדיע קענען מיר זעהן דער־פון, וואס משה הורוויטש האט שוין אין אנהויב פון זיין קאריער אויסגענוצט איהר פאר א נארישען פארס, וואס ער האט א נאמען געגעבען „שבתי צבי.“

די ערשטע אידישע קאמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעלייא“ האט צוליעב איהר, פאר יענער צייט, שארפען אינהאלט ניט געקאנט דערגרייכען דעם געווינשטען צוועק. דער מוסטער פון א מאדער־נער קאמעדיע, וואס זאל פערבייטען די פורים־שפיעלס, איז ניט

מארקוס. (אים אויף אונד אבגעהן). „א ן דיזם פערוואָרפנן הויזע דעם אויפענטהאלט אללר וואללוסט (תאוות) אונד שוועלגרייא (אויסגעלאסענהייט), די טאָכטער מיינר שוועסטער! אין דיזם גראַבע דער אונשולד פיללייכט שאָן זעלבסט איינע געמארדעטע! א, דאַס זינד דיינע פריכטע בלינדער רעליגיאָנס אייפר! אונערביטטליך וויא דער טאד, אונערזעטטליך וויא ד א גרופט (קבר), הייפסט (ווארפסט אָן) דוא שלאכטאָפפער אויף שלאַכטאָפּפער אונד טריטסט אין דיינם וואהן, דעם מייסטער צו עהרען, זיינע מייסטערווערקע מיט פיסען. אבער איזט זיא דען גאנץ שולדלאָ? כוס זיא, אום איינעם איבל צו ענטגעהן, גראדע אין דאס אללר ערגסט איבל שטירצען? ווארן עס ניכט לייכטזין, אונבעזאננהייט אונד אנדרער מאָדעלאסטער אונזרר יעציגען יוגענד, דיא איהר דען וועג צו דיזעם אונגליק באהנטען? אונד דעננאך פעללט אויף היר, ווען איך עס רעכט איבערדענקע, דיא שולד אויף עלטערן צוריק!"

עס פערשטעהט זיך, אז ביי חנוך'ן עפענען זיך די אויגען, און ער דערזעהט דאָס אמת'ע ליכט.

ווי מיר זעהען, רעדט דער העלד (מארקוס) ווי אויף די העלדין אויף ריינעם דייטש, בשעת אלע אנדערע פערזאָנען ריידען אידיש. און דאָס פערדיענט אונזער ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט, ווייל דאָ האָבען מיר דעם שליסעל צום שפּעטערדיגען דייטשמעריש אין אידישען טהעאטער.

אהרן וואָלפסזאָן וועיזט, ווי שוין אָנגעדייטעט פריהער, א שטרעבונג אין דער קאָמעדיע „לייכטזין און פרעממעלייא" איבערצוגעבען דעם כאראקטעריסטישען דבור פון יעדער פערזאָן אזוי אידיאָמאַטיש ווי נאָר מעגליך. דער יונגער דור, ערצויגען אויף דער השכלה אין דייטשלאנד, האָט זיך געסטארעט אין גאנצען אויסצוקאסירען דעם מאמע־לשון און ריידען אויף ריינעם דייטש, און די שפּראך, וואָס מארקוס ברויכט אין דער דערמאָנטער קאָמעדיע, איז כאראקטעריסטיש פאר איהם. א חוץ דעם האָבען די משכילים אין דייטשלאנד געקוקט אויף אידיש, ווי אויף א מיאוס'ען, פערגרעבטען דייטש, אין וועלכען מען האָט אריינגעהאקט העברעאישע און אנדערע ווערטער, און עס איז געווען נאַטירליך, אז בשעת די

פינפטער קאפיטעל.

אידען אויף פרעמדע דראמאטישע פעלדער.

עס איז געווען א צופאל אדער קאפריז, אז א דייטשער משכיל זאל ווערען דער פאטער פון דער מאדערנער אידישער דראמע, ווייל, ווי עס א׳ז שוין געווען אויבען ערקלערט, איז ניט געווען די אויפגאבע פון מענדעלסזאן און זיינע תלמידים צו שאפען א דראמע אין איד ש. די שרייבער וואס האבען געשאפען אונטער זייער השפעה האבען זיך אבגעגעבען מיט העברעאיש און אין א קורצען משך איז אויסגעוואקסען א גאנצע דראמאטישע ליטעראטור אין דער שפראך פון די נביאים. עס איז כמעט ניט אריבער א יאהר, אז עפעס א נייע דראמע זאל ניט געשאפען ווערען אין העברעאיש אדער געשריבען אריגינעל אין דער דאזיגער שפראך אדער איבערזעצט פון א פרעמדער שפראך. די מייסטע אריגינעלע זיינען געווען אויף ביבלישע טהעמאס אדער היסטארישע און געוואוינליך די איבערזעצטע זיינען געווען די בעסטע קלאסישע ווערק. א חוץ דעם האט זיך פאר די משכילים, וואס זיינען געבארען און ערצויגען געווארען אין דייטשלאנד, געעפענט א פארטיגע ברייטע פעלד אין דער דייטשער שפראך.

דער ערשטער דייטשער איד אויפ׳ן פעלד פון דער דייטשער דראמע איז געווען בענעדיקט דוד ארנשטיין (געבארען 1705). ביז איהם האבען זיך מיט דער מאדערנער דראמע אין פרעמדע שפראכען בעשעפטיגט נאר אנוסים, און ארנשטיין איז געווען דער ערשטער איד פון דער גהעטא אין דייטשלאנד וואס האט זיך גענומען צו דער דאזיגער קונסט. צווישען זיינע דראמאטישע ווערק געפינען זיך: „דער אודיענץ טאג אם האפע יופיטערס“ אן אלעגארישע שטיק; „די מאסקע“ א לוסטשפיעל אין איין אקט; „די פפלעגעטאכטער,“ א שווישפיעל אין דריי אקטען; „דאס בילעט,“ לוסט־

געוועזן אזא, וואָס זאָל געווינען די הסכמה פון יענע, וואָס האָבן זיך אונטערהאלטען מיט אזעלכע שפּיעלס. די פרומע אידען, פאר וועמען די פּורים־שפּיעלס זיינען געשאפען געוואָרען, האָבען זיך גע֒מוזט אָבטרייסלען מיט הענד און פיס פון אזא קאָמעדיע, אין וועלכער א בחור א למדן ווערט ארויסגעשטעלט אלס א טיפּ פון א עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס, דאָס הייסט א גרויסער צבוע׳ק.

א חוץ דעם איז די שפּאלטונג אין דער גהעטא געוועזן א צו שארפע. די השכלה איז געגאנגען מיט צו האסטיגע טריט. די שמד מגפה האָט גלייך אויסגעבראכען. מענדעלסזאָן האָט קוים פערמאכט די אויגען און זיינע טעכטער „האָבען געקושט דעם פאנטאָפעל ביים פּאבסט.“ אויף די פרומע האָט די השכלה אָנגעוואָרפען א טויט־שרעק און זיי האָבען נאָך ענגער פערשפּארט די טויערען פון דער גהעטאָ.

אויף אזא אופן האָט די ערשטע קאָמעדיע ניט געקענט דער־גרייכען דעם ערשטען און וויכטיגסטען צוועק. „לייכטזין און פרעממעלייא“ האָט ניט געקאָנט בעטראכטעט ווערען אלס א וויכ־טיגע ערשיינונג פאר א ביהנע, נאָר מען האָט אויף איהר געקוקט ווי אויף א ליטעראַרישע ערשיינונג.

אהרן וואָלפסזאָן איז אלט געוועזן א יאָהר צוויי און פערציג, ווען ער האָט אָנגעשריעבען „לייכטזין אונד פרעממעלייא“ און הגם ער האָט דערלעבט ביז א טיעפען עלטער, האָט ער מעהר קיין אי־דישע פּיעסען ניט געשריעבען. וואָלפסזאָן איז געשטאָרבען אין פיורדא אין דעם יאָהר 1835 און איז אלט געוועזן ניין און זיבעציג יאָהר.

איז געווען, ווען אין רוסלאנד האט א שיין געטהאן דער ערשטער שכראהל פון האפנונג פאר אידען. דאס איז געווען אין דער ערש־טער העלפט פון אלעקסאנדער דעם ערשטענס מלוכה, ווען ער האט זיך נאך ארומגעטראגען מיט פלענער פון גרויסע רעפארמען פאר זיין מדינה און ער האט זיך אויך אינטערעסירט מיט'ן אידישען מצב און געגארט צו זעהן א צווייטען מענדעלסזאן, וואס זאל ארויסקומען פון דעם אידישען תחום אין רוסלאנד.

יהודה לייב איז ארויסגעטראטען אלס קעמפער פאר זיין פאלק, ווי מען קען עס זעהן פון זיין „וואפל דסטשערי יודעיסקאי". נאר שפעטער האט ער זיך גע'שמד'ט. ער האט געקריגען א שטעל אלס מוכס און האט דערפון אנגעקליבען גרויסע עשירות. נאר אין 1831, אין דער צייט פון דעם ערשטען פוילישען מיאטעזש, איז ער געצוואונגען געווען צו אנטלויפען און ער איז באלד נאכדעם געשטארבען. זיינע א טאכטער האט חתונה געהאט פאר א געווי־סען מעטשניקאוו און פון זיי איז דאס ארויסגעקומען דער בעריהמ־טער דר. איליא מעטשניקאוו.

סיי די ערשטע אידען אין דייטשלאנד און סיי נעוואכאוויטש אין רוסלאנד, וואס האבען זיך גענומען צו דער פרעמדער דראמע, האבען ניט געשאפען קיין גרויסע ווערק, וואס זאל צו זיך ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט. זייערע דראמען זיינען געווען בעסערע אדער ערגערע, נאר קיין רעש האבען זיי ניט געמאכט. דער פאר אבער האט באלד געמאכט א גרויסען פוראר א יונגע אידישע מיידעל אין דער טהעאטער וועלט אין פראנקרייך און אין גיכען האט זי געוואונען די בעוואונדערונג פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, וואו מען שפיעלט טהעאטער.

די אידישע מיידעל האט ניט געשריבען קיין דראמען און זי האט זיך בעשעפטיגט מיט אן אנדער צווייג פון דער טהעאטער קונסט. איהר גרויסען נאמען האט זי געוואונען אלס טראגיסטין.

דאס איז געווען עליזע ראשעל פעליקס, נאר זי איז בעסער בעוואוסט אלס ראשעל (רחל).

איהר פאטער איז געווען אן ארימער פראסטער איד, וועלכער האט געשטאמט פון דייטשלאנד און האט זיך ארומגעשלעפט איבער

שפּיעל אין איין אויפצוג און „דאָס געשענק“, א שווישפּיעל אין איין אויפצוג.

נאָך איהם זיינען געקומען מכאל בעער, מאָזענטהאל, לודוויג פיליפּסאָן, לעאָפּאָלד שטיין און אנדערע.

די כוואַליע פון השכלה האָט ביים סוף אכטצעהנטען יאהר־הונדערט אויך אָנגעריהרט רוסלאנד און פון די ערשטע אידען וואָס האָבען ז ך גענומען לערנען רוסיש איז געווען יהודה לייב בן נח אָדער ווי ער האָט זיך שפּעטער גערופען לייב נעוואַכאָוויטש. און ער איז אין רוסלאנד געווען דער ערשטער איד, וואָס האָט זיך גע־נומען צו דער רוסישער דראמע.

אין זיין הקדמה צום „יסוד עולם“ שרייבט בערלין, אז נעוואַ־כאָוויטש איז דער פערפאסער פון א העברעאישער דראמע „קול שועת בת עמי“, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין די נײנציגער יאָהרען פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט, און אז באלד נאָכ־דעם האָט ער אָנגעשריבען א צווייטען טהייל אין רוסיש.

אזוי ווי נעוואַכאָוויטש איז דער פערפאסער פון דער בראָשור אין רוסיש „וואָפּל דסטשערי יודעיסקאָי“, וואָס האָט די זעלבינע בעדייטונג, ווי „קול שועת בת עמי,“ דאָס הייסט דער ווייהגעשריי פון דער טאָכטער פון יהודה, און אזוי ווי „וואָפּל דסטשערי יודיעסקאָי“ איז ניט מעהר ווי א קרעכץ פון אידישער רעכטלאָזיג־קייט און א בקשה מען זאָל בעטראכטען אידען מיט מעהר לייטזע־ליגקייט, געשריבען אין דער דירעקטער פאָרם פון א „פּראָשעניע“, שטארק צוגעפארבט מיט מליצה, איז גר נג צו זעהן, אז בערלין איז ארייגגעפאלען אין א טעות, ווען ער האָט דאָס דאָזיגע ווערקעל אריינגערעכענט אין דעם צעטיל פון דראמען.

אָבער יהודה לייב נעוואַכאָוויטש האָט געשריבען פּיעסען און געשריבען ניט צוליעב דער פאָרם, נאָר טאקע צוכ שפּיעלען. זיין ערשטע דראמע אין רוסיש „סוליאָטי“ אָדער ד׳ ספּארטאנצעס פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט“ א׳ז אויפגעפיהרט געוואָרען אין דעם יאָהר 1809 אין דעם גרויסען טהעאטער אין פּעטערבורג. מען ווייסט אויך וועגען זיינע א צווייטע דראמע, וואָס האָט געהייסען „מעטש פּראַוואָסודיא“, דער שווערד פון גערעכטיגקייט. די צייט

פּאָדערונגען. ער האָט פון דער דירעקציע געפאָדערט א פּרייז, וואָס מען האָט ביז דעמאָלט נאָך ניט געהערט אין טהעאטער. ער האָט געפאָדערט צוואנציג טויזענד פראנק א יאָהר און פאר יענער צייט איז דאָס געווען א גוואלדיגע סומע. עס איז נאָך אויך מעגליך אז ער האָט די פאדערונגען געשטעלט ניט זעהר אויף אן איידעלען אופן. עס איז פערשפּאָרט צו זאָגען, אז ראשעל האָט דערמיט גאָר ניט געהאט צו טהאָן און נאָר זי אליין האָט געקענט וויסען, פיעל יסורים און עגמת נפש דאָס האָט איהר פערשאפט. נאָר עטליכע דראמאטישע קריטיקער און אנדערע וואָס זיינען פערבונדען געווען מיט'ן טהעאטער זיינען שטארק אויפגעבראכט געוואָרען, וואָס א פראָסטער אידעל מאכט סקאנדאלען, אז אויף דעם זכות פון זיין טאָכטער האלט זיך דער בעריהמטער טהעאטער, און זיי האָבען בעשלאָסען צו לערנען בלק מיט ראשעל. זי איז ערשיענען דעם 23טען נאָוועמבער, 1838, אין ראסינס א טראגעדיע, האָט מען איהר אויפגענומען זעהר קאלט. קיין האנד האָט זיך ניט אויפגעהויבען צו אפּלאָדירען איהר, אזוי ווי דער עולם וואָלט פּלוצים אויסגעפונען, אז זי איז א געוואוינליכע אקטריסע און עס איז ניטאָ וואָס צו נתפעל ווערען פון איהר. אבער דאָס גרויסע פּובליקום איז דערפון באלד געוואָר געוואָרען און אויף מאָרגען ווען זי איז ארויסגעטראָטען אויף דער ביהנע האָט מען איהר בעגעגענט מיט אזעלכע גרויסע אָוואציעס, אז עס איז קלאָר געוואָרען, אז עס ליגט ניט אין די הענד פון עטליכע מענשען, ארונטערצוואַרפען איהר פון איהר גדולה, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך שוין ביי קיינעם מעהר ניט געעפענט קיין מויל צו דיספּוטירען איהר גרויסקייט און זי איז געבליבען די אנערקענטע גרעסטע שוישפּיעלערין פון איהר צייט.

איהר גרויסען שם האָט זי געוואונען ניט נאָר אין פראנקרייך, נאָר אויך אין ענגלאנד, דייטשלאנד, בעלגיען, רוסלאנד און אמעריקא, וואו זי האָט גאסטראָלירט, הגם אין אמעריקא האָט איהר ניט אָבגעגליקט און איהרע פארשטעלונגען אין ניו יאָרק האָבען ניט געהאט קיין מאטעריעלען ערפאָלג. א חוץ דעם איז זי אין אמעריקא קראנק געוואָרען און איהר לעצטע פאָרשטעלונג האָט זי געגעבען

דער וועלט. זיין ארימע חיונה האָט ער געצויגען דערפון, וואָס ער איז ארומגעגאנגען מיט א פּאַק און פערקויפט קליינינקייטען. פריי־הער האָט ער זיך ארומגעשלעפּט איבער פראנצויזישע שטעדט ביז ער האָט אָנגעשפּארט אין פּאריז.

אין דער צייט איז שוין זיין טאָכטער ראשעל אביסעל אונ־טערגעוואקסען און אזוי ווי זי האָט געהאט א פיינע שטים, איז דעם אָר־מען טאַטען איינגעפאלען איינצושפּאנען איהר אויך אין דעם יאָך פון פרנסה, און ער האָט איהר מיט זיך גענומען אין די פּאריזער גאַסען, וואו זי האָט געזונגען און די פערבייגעהער האָבען געוואָר־פען מטבעות פאר דער קליינער זינגערקע. און ווען זי האָט אזוי געזונגען אין די גאַסען, האָט איהר איינמאל דערהערט עטיען שאַ־ראָן, און ער האָט זיך ארויסגערופען צו געבען איהר פרייען אונטער־ריכט און נאָכדעם האָט ער איהר אוועקגעפיהרט צו אַ לעהרער פון דער ביהנע און יענער האָט איהר געלערנט דעקלאַמירען.

צו זעכצעהן יאָהר (אין 1837) האָט זי געמאכט איהר דע־ביוט, נאָר דער ערפאָלג איז ניט געווען קיין גרויסער און זי האָט שטודירט נאָך א יאָהר. אין 1838 איז זי אריינגעטראָטען אין דער קאָמפּאניע, וואָס האָט געשפּיעלט אין דעם בעריהמטען פראנצויזי־שען טהעאטער „קאָמעדי פראנסיי" און דאָ האָט זי געמאכט א גוואלדיגען פוראָר.

דער דערמאָנטער טהעאטער איז געווידמעט דער גוטער פראנ־צויזישער דראמע און ווען ראשעל איז אהין אָנגעקומען זיינען די נעשעפטען פון דעם טהעאטער געווען אזוי שלעכט, אז ער האָט געהאלטען ביים פּלאצען. ראשעל האָט זיך אבגעגעבען מיט די פראנצויזישע קלאַסיקער ראסין און קאָרנעל, נאָר מיט איהר אריינקומען אין טהעאטער, האָט די קאסע געהאט מעהר ערפאָלג מיט די קלאסיקער ווי מיט נייע שטיקער און דער טהעאטער וואָס האָט געהאלטען ביי א באנקראָט האָט פּלוצים דערזעהן א גרויסע שפע.

ראשעל'ס פאָטער האָט געזעהן וואָס פאר א פוראָר זי האָט גע־מאכט מיט איהר שפּיעלען און ער האָט אויך געזעהן, אז מיט איהר איז אריין א מזל ברכה אין טהעאטער, און ער האָט געשטעלט זיינע

זעקסטער קאַפּיטעל.

ערשטע אידישע דראַמאַטורגען אין רוסלאַנד.

די ערשטע משכילים אין רוסלאַנד און פוילען האָבען איבער־גענומען די השכלה מיט דער פארטיגער פיינדשאפט צו אידיש. נאָר אין רוסלאַנד האָט די פיינדשאפט געקאָנט זיין נאָר אַן אקאַדעמישע. די ערשטע משכילים גופא האָבען גערעדט מאַמע לשון, זייער קענטנים אין אנדערע שפראַכען איז געווען אַ טהעאָרעטישע און הגם זיי האָבען געקענט רעדען אין אנדערע שפראַכען גראַמאַטיקאַליש און ליטעראַריש, איז אבער זייער אויסשפראַך דאָס רוב געווען אַ שלעכטע און זיי האָבען דאריבער מיט מעהר חשק גערעדט אידיש. נאָר דער עיקר איז, אַז זיי האָבען ניט געקאָנט זעהן אין אידיש דעם געפעהרליכען ממזר פון דייטש און האָבען ניט געקאָנט פיהלען דעם מום אין דער משפחה. דער אידישער משכיל אין רוסלאַנד און פוילען האָט בשום אופן ניט געקאָנט זעהן קיין חלול הקודש פון דייטש אין אידיש, ווען אפילו ער האָט זיך געפלייסט צו קוקען דורך דייטשע ברילען און געבייזערט זיך אויפ'ן „זשאַרגאָן.“ טוביא גוטמאַן פעדער (געבאָרען 1760 אין פעטראָקאָוו אָדער פשעדבאָזש, קראַקאָווער פשעדמעסטיע, געשטאָרבען 1817) איז גיכער געווען אַן אויסנאַהם מיט זיין שנאה צו אידיש און מען קאָן פון איהם קיין כלל ניט אראָבנעהמען. טוביא פעדער איז דער פערפאַסער פון דעם בעוואוסטען העברעאישען פאַמפלעט „קול מחצצים“, געשריבען אין 1813 אין דער פאָרם פון דיאַלאָגען געגען מענדיל לעווין, מענדעלזאָהנ'ס אַ פריינד (געבאָרען 1741 — געשטאָרבען 1818) דערפאַר, וואָס יענער האָט געמאַכט דעם ערשטען פערזוך איבערצוזעצען משלי אין מאָדערנעם אידיש, און אין איין פלאַץ דריקט ער זיך אויס אַזוי:

„דו האָסט מחלל געווען די שעהנ־

אין טשארלזטאן, דאס איז געווען אין 1855 און פון דעמאלט אן האט זי שוין מעהר ניט געשפיעלט. זי האט אבגעקרענקט דריי יאהר און איז געשטארבען אין 1858, קוים זיבען און דרייסיג יאהר אלט.

הגם זי האט געשפיעלט די קלאסיקער האט זי איהר גרויסען נאמען ערווארבען ניט נאר צווישען מבינים נאר אויך ביים פראס־טען פאלק. און טאקע איהר גרעסטען טריומף האט זי געהאט אין דער צייט פון דער רעוואלוציע, אין 1848, ווען זי האט יעדען אבענד געזונגען די מארסאליעזע און די ארבייטער צווישען די צושויער האבען איהר יעדע נאכט געקויפט בלומען. ראשעל האט דאס גערע־כענט פאר איהר גרעסטען טריומף.

ראשעל׳ס קבר איז געווען נאך גאר פריש, ווען אויף דער פראנצויזישער ביהנע האט געמאכט איהר דעביוט א יונגע שוישפיע־לערין, וואס איז ארויסגעקומען פון אידישע עלטערן, הגם ערצוי־גען אין א קאטוילישען אינסטיטוט. דאס איז געווען סאראה בער־נארד, וועלכע האט ביז היינטיגען טאג פערנומען דעם אויבען אן אויף דער פראנצויזישער ביהנע און איהר נאמען איז גרויס איבער דער גאנצער וועלט.

שלמה עטינגער איז געבאָרען געוואָרען אין ווארשא אין דעם יאָהר 1800. אין די קינדערשע יאָהרען האָט ער זיך ערצויגען ביי זיינעם א קרוב, רבי מענדעלע עטינגער, דעם לענטשיצער רב, ווייל נאָך קינדווייז איז ער געבליבען א יתום. ער האָט געשטאַמט פון א לומד׳ישער און רייכער פאמיליע.

צו דרייצעהן יאָהר האָט שלמה עטינגער שוין געהאט א נאָ־מען פון אן עלוי און אין דער זעלביגער צייט איז ער אויך געוועזן בעקאנט מיט דער דייטשער ליטעראטור. צוליעב די געשעפטען, וואָס די פאמיליע האָט געפיהרט אין אויסלאנד, האָבען די עטינ־גערס ניט גערעכענט פאר קיין חטא צו לערנען דייטש און אריינ־קוקען אין א דייטשען ביכעל, אפילו דער לענטשיצער רב איז געווען בעהאוועגט אין דייטש.

שלמה עטינגער האָט יונג חתונה געהאט אין זאמאָשץ. ער איז אריין אין א רייכע הויז, אבער די רייכקייט איז באלד פער־שוואונדען געוואָרען און ער האָט געדארפט אָנהויבען צו דאגה׳ן וועגען פרנסה. און ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, ווען דער מאן איז געזעסען אין בית המדרש און איז ניט ארויס פון די ד׳ אמות של הלכה, איז די ווייב געוואָרען די פרנסה גע־בערקע. זי האָט געעפענט א קראָם, און ער איז אוועקגעפאָהרען אין אדעם זוכען עפּעס א געשעפט. זיין ווייב האָט דאַרטען געהאט ריי־כע קרובים, און ווי עס זעהט אויס האָבען זיי איינגעזעהן, אז פון איהם וועט קיין געשעפטס־מאן ניט ווערען און זיי האָבען איהם אַוועקגעשיקט קיין לעמבערג שטודירען, וואו ער האָט זיך ווידער געפונען ווי א פיש אין וואסער. ער האָט דאָרטען שטודירט מעדיצין און ווען ער האָט געענדיגט אויף דאָקטאָר האָט ער זיך צוריקגע־קעהרט צו זיין ווייב אין זאמאָשץ.

די השכלה האָט אויף איהם ניט געהאט יענע ווירקונג, וואָס אויף די אנדערע בחורים און יונגע לייט, וועלכע זיינען ארויס פון בית המדרש. ער האָט ניט ארויסגעוויזען קיין שום חשק צו עסען א חלב׳ענע ליכטעל, די זאמאשצער פרומע אידען זיינען ניט גע־וואָרען קיין „פלעדער מייז“ און „ווידערשפעניגער פון ליכט“ („עטלפים“ „ומורדי אור“). ער האָט זיך געפיהלט גאנץ היימיש

קייט פון דער דייטשער שפראַך, אויף וועמעס שוים דו ביזט געבאָרען געוואָרען און האָסט אויסגעקליבען א זשאַרגאָן, פון וועלכען ניט דיינע עלטערן און ניט דיינע לעהרער האָבען געוואוסט. דו ביזט פערוואַנדעלט געוואָרען פון א מענשען אין א חיה, פון א געבילדעטען אין אן עם הארץ.“

די משכילים אין רוסלאַנד האָבען זיך בשום אופן ניט געקאָנט נעהמען שטארק צום הארצען, פאר וואָס עס ווערט פערשוועכט די שעהנקייט פון דער דייטשער שפראַך, און ווען דער רוסישער משכיל האלט זיך פיינדליך צום „זשארגאָן“ שטעקט ניט אין זיין שנאה קיין שום שארפקייט און קיין שום פערביסענקייט. י. ב. לעווענזאָן שרייבט אין „תעודה בישראל“ וועגען אידיש אזוי:

„די שפראַך וואָס מיר האָבען איבערגענומען פון די דייטשען איז אין גאנצען קארומפּירט דורך דער צומישונג פון צובראָכענע ווערטער, גענומען פון העברעאיש, רוסיש, פראנצויזיש און פּויליש. א חוץ דעם, איז די שפּראַך נאָר צוגעפּאסט אויסצודריקען א געוואוינליכען שמועס און האָט קיין ווערטער פאר העכערע בעגריפען.“

און עס דארף קיין שום חדוש ניט זיין, וואָס דער זעלביגער פּיאָנער פון השכלה אין רוסלאַנד האָט אליין אָנגעשריבען א קליינעם פּאָרם אין אידיש אונטערן נאָמען „די הפקר וועלט.“

און טאקע באלד נאָכדעם, ווי די השכלה האָט זיך אנגעהויבען אין רוסלאַנד, האָבען זיך דאָרטען בעוויזען צוויי שרייבער, וואָס האָבען זיך מיט גרויס ליעבע גענומען צו דער אידישער דראמע, און געקנאָטען די ערשטע ציגעל פאר'ן בנין פון דעם אידישען טהעאטער.

די צוויי שרייבער זיינען דר. שלמה עטינגער און ישראל אקסענפעלד.

עס דארף ניט זיין דער מינדעסטער ספק, אז פון אלע דראמענשרייבער, וואָס האָבען געשריעבען אין אידיש ביז גאָלדפאדען, האָט דר. עטינגער אויסגעאיבט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע און פון איהם הויבט זיך אָן די אמת'ע געשיכטע פון אידישען טהעאטער אין רוסלאַנד.

מעגליך, אז די קאפּיע איז פון א הונדערטע קאפּיע, און ווען א זאך געהט דורך א סך הענד, רייבט זיך א סך אָב פון דעם אָריגינאַל. דאָך איז צווישען דער קאָפּיע און דער געדרוקטער „סערקעלע„ פאַרהאַן א ה בשער אונטערשייד. מאנכע דיאלאָגען אין דער גע־דרוקטער זיינען גאָר ניטאָ אין דעם מאנוסקריפּט. פיעלע בעמער־קונגען אין מאנוסקריפּט זיינען ארויסגעוואָרפען פון דער געדרוק־טער. די שפּראך איז בעדייטענד געענדערט, ווערטלאך זיינען אריינגעשטופּקעוועט אָדער ארויסגעוואָרפען.

ווי מען קאָן זעהן פון דער קאפּיע, אפילו ווי פערגרייזט זי זאָל ניט זיין, האָט שלמה עטינגער געשטרעבט אויסצומיידען דייט־טשע ווערטער און געזוכט צו געבען זיי א אידישע פארם. אזוי למשל, בעצייכענט ער דאָס שטיק אלס א קוקשפּיעל אנשטאָט דעם דייטשען שוישפּיעל; ער האָט בעשאַפען דעם וואָרט „אריינקום" אנשטאָט דעם דייטשען „אויפטריט" וכדומה. אין דער געדרוקטער „סערקעלע", איז דערפון קיין זכר ניט געבליבען.

אזוי געפינען מיר אויך גלייך אין אָנהויב פון דעם ערשטען אקט, וואו עס ערשיינט די דיענסט־מיידעל חוה, א דיאלאָג צווישען איהר און דעם משרת. דער דאָזיגער דיאלאָג איז אין דעם כתב יד גאָר ניטאָ.

אמאָל איז דער דיאלאָג אזוי איבערגעמאכט, אז עס קלעבט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט. ווי מען קאָן זעהן דערפון:

„דאָס טעכטעריל, ד אָ ס מ ש ו ל ח ת, האָט פּלוצלינג פון דער העלער הויט אלע מעלות געקריגען. נאָר פון מיינעט וועגען לאָז זי זיין גרין. איך האָב שוין אמאָל אויף דער מלכה גרין אויך א גרויסין קאהן אוים גינומען."

דער וויץ מיט דער גרינער מלכה קלעבט זיך ניט צו דער טעכטעריל — דער משולחת און קומט ארויס זעהר האמעטנע, און דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס מען האָט דאָ אריינגעהאקט א וואָרט משולחת, וואָס אין כתב יד איז ניטאָ. אין מאנוסקריפּט ציינט עס זיך אנדערש:

„די ג ר י נ ע צ ר ה האָט פּלוצלונג פון העלער הויט אלע מעלות געקריגען. נאָר וואָס געהט עס מעך אָן? לאָז זי זיין גרין.

צווישען זיינע אלטע בעקאנטע און פריינד, ווען ער האט זיך צו־ריקגעקעהרט אלס דאקטאר פון לעמבערג. ער האט זיך געמישט אין קהל'שע ענינים און האט פון זיך ניט געבלאזען. אין שטעדטעל האט ער זיך בעשעפטיגט מיט דאקטאריי, נאר ווי עס ווייזט אויס איז איהם ניט געגאנגען, ווי מען קען זעהן פון דעם קליינעם שיר, וואס ער האט אנגעשריבען צו זיין פופציגסטען געבורטסטאג:

היינט בין איך געווארען פופציג יאהר,
און האב נאך ניט איין גראהע האר;
עס זאל אייך ניט זיין קשה קיינעם,
זיי ווערען פערשווארצט מיט מיר אין איינעם.

גלויבענדיג ווי אלע משכילים פון יענער צייט, אז אידען ווערען פערפאלגט דערפאר וואס זיי זיינען שאכער־מאכער און די איינציגע רפואה דערצו איז ערד־ארבייט, האט ער זיך ניט בע־נוגענט מיט פראפאגאנדירען דעם אידעאל פון „צוריק צו דער נא־טור," נאר ער האט אליין געגרינדעט א קאלאניע לעבען זאמאשץ און ער האט זיך דארטען בעזעצט מיט זיין פאמיליע.

שלמה עטינגער האט אנגעשריבען א מעלאדראמע מיט'ן נא־מען „סערקעלע" ווי אויך משלים, ליעדער און קאטאוועסלאך. ער האט זעהר געגארט צו זעהן זיינע ווערק געדרוקט, נאר ער האט ניט געהאט די מיטלען דערצו, און זיי זיינען ערשט געדרוקט געווארען נאך זיין טויט.

דאס וויכטיגסטע פון זיינע ווערק איז די מעלאדראמע „סער־קעלע". ער האט די פיעסע אנגעשריבען אין דעם יאהר 1825 אדער 1826, און זעקס און דרייסיג יאהר איז די שטיק ארומגעגאנגען אין כתב יד פון איין האנד צו דער צווייטער, ביז עמיצער האט איהר אין 1861 אבגעדרוקט אין יאהאניסבורג און אין 1875 האט מען איהר איבערגעדרוקט אין ווארשא אהן דעם נאמען פון דעם מחבר.

די יאהאניסבורגער אויסגאבע האב איך ניט געזעהן, נאר איך האב געהאט די מעגליכקייט צו פערגלייכען די ווארשעווער אויס־גאבע מיט א געשריבענער קאפיע פון דעם אריגינאל. עס איז זעהר

די צייט איז ניט אנגעגעבען, נאָר פון דער מעשה זעהט מען, אז דאָס איז שוין די נייע עפּאָכע אין דעם אידישען לעבען, ווען אידישע יונגע לייט האָבען שוין שטודירט אין די אוניווערסיטעטען.

און אין אמת'ן ניט קוקענדיג אויף די ניינציג יאָהר, וואָס די פּיעסע איז שוין אלט, איז זי ניט עבר זמן געוואָרען. זי ווייזט ניט קיין סימן, אז זי איז געשריבען געוואָרען כמעט מיט צוויי דורות פריהער, איידער גאָלדפאדען האָט געלעגט דעם ווינקעל־שטיין פון אידישען טהעאטער. אויף דער אידישער ביהנע שפּיעלט מען עד היום הונדערטע אזעלכע פּיעסען, זיי זיינען געגאָסען אין דעם פורעם פון „סערקעלע". מעהר ניט, אין סערקעלע איז די שפּראך א פּרישערע, א לעבעדיגערע, א אידישערע. „סערקעלע" איז געשריבען אין א מאָדערנעם ריינעם אידיש.

סערקעלע איז געווען דער מוסטער פאר די שפּעטערדיגע אי־דישע דראמאטורגען, און צו זאָגען דעם אמת האָבען זיי שלעכט נאָכגעמאכט. זיי האָבען נאָר גענומען דאָס מעלאָדראמאטישע, די עפעקטען און האָבען ניט געקאָנט אָנטאפּען דעם לעבעדיגען פּולס אין דער פּיעסע.

סערקעלע דארף זיין א בילד פון דער אשת חיל, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין א צייט, ווען דער מאן האָט פון זיך אין גאַנצען אראָבגעוואָרפען דעם יאָך פון פּרנסה און די ווייב האָט ניט נאָר געדארפט זיין די עקרת הבית, נאָר אויך די ברויט־געבערקע. זי איז געזעסען אין קראָם, געפיהרט געשעפטען, ערצויגען די קינדער, און דער מאַן איז געזעסען אין בית המדרש און האָט געלערנט אָדער איז געפאָהרען צום רבי'ן.

אונטער אזעלכע אומשטענדען ווערט די ווייב א אידענע אָ קאָזאק, זי טראָגט די הויזען, און דער מאן איז א זכר אין א ספּאר־ניצע, א פאנטאָפעל.

די פערריסענע זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם ווייב דעם קאָ־זאק און די שטילע רעבעלירענדע הכנעה פון דעם מאן דעם פאנ־טאָפעל איז ארויסגעבראכט דייטליך, און ניט זעלטען בעגעגענען זיך איידעלע שטריכען אין דער שילדערונג. עטינגער האָט געהאט דעם פיינעם געשמאק אויסצומיידען דעם גראָבען בורלעסק, וואָס

איך האָב שוין אמאָל אויף דער מלכה גרין אויף א גרויסען קאהן אויסגענומען."
און דער וויץ האָט דאָ א טעם.
אָדער ביים סוף נײַנטען אויפטריט ווערט אין דער געדרוקטער „סערקעלע" בעמערקט, אז „זי (הינדעלע) פאלט אין אָהנמאכט." און אין דער זעלביגער סעקונדע קומט אריין חוה און רעדט מיט איהר און יענע ענטפערט איהר און מען זעהט ניט קיין חלשות, און דאָס קומט אויס זעהר אומגעלומפּערט. אין כתב יד לייענט זיך די בעמערקונג וועגען הינדעלע גאָר אנדערש: „פאלט גאנץ פערשלאפט אנידער אויף קאָנאפּע" און קיין „אָהנמאכט" ווערט דאָ ניט דערמאָנט.
די שטיק האָט צוויי נעמען: „סערקעלע" אָדער „די פאלשע צוואה" און איז בעצייכענט אלס א קוקשפּיעל אין פינף אויפציהען.
די פּארשוינען זיינען:
ר' משה דאנציקער, איין אויפגעקומענער עושר.
סערקעלע, זיין ווייב.
פריידע אלטעלע, זיין איינציגע טאָכטער. זי רופט זיך אן אויף דייטש פרידריקע.
הינדעלע, א יתומה, סערקעלעס ברודערס טאָכטער ביי איהר אין הויז.
גבריאל האנדלער איין שפּיקעלאנד.
ירחמיאל זיין משרת, ער זאהיקעט זיך אין רעדען.
מארקוס רעדליך, איין סטודענט וואָס לערנט זיך דאָקטעריי.
ר' יוחנן, א שדכן.
א פרעמדער.
א דאָקטאָר.
חיים, משרת ביי ר' משה דאנציקער.
שמעלקע טראניקעס, א ליטוואק.
בעל הבית פון דער גאַספּידע.
בעריל, א משרת.
שמשים, יונגען, לאמפּערטים.
די מעשה איז אין לעמבערג.

לויט איהר קאָנסטרוקציאָן שטעהט „סערקעלע“ א סך העכער פון הונדערטע, הונדערטע פיעסען פון אונזער צייט אויף דער אידישער ביהנע. די פיעסע איז געבויט נאָך אלע רעגעלען פון דער דראַמאטישער קונסט און סערקעלע איז זיכער געווען דער גלענצענדסטער אָנהויב פון דער מאָדערנער אידישער דראַמע אין רוסלאַנד.

און הגם שלמה עטינגער האָט ניט נאָר ניט זוכה געווען צו זעהן „סערקעלע„ אויפגעפיהרט פאר זיין לעבען, נאָר אפילו ניט געדרוקט, האָט די דאָזיגע פיעסע געהאַט די שטאַרקסטע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראַמע. די פיעסע איז אין מאנוסקריפּט געגאַנגען פון האַנד צו האַנד און האָט בעגייסטערט אידישע שרייבער פאר דער אידישער דראַמע.

אין דער אידישער פאָלקס־ביבליאָטהעק, וואָס שלום עליכם האָט ארויסגעגעבען, האָט דער בעקאַנטער העברעאישער משורר א. ב. גאָטלאָבער דערצעהלט זיינע זכרונות וועגען ש. עטינגער:

„אין 1837 ווען איך האָב ארויסגעגעבען מיין ערשטע ווערק „פרחי האביב“ בין איך עטליכע מאָל געווען אין זאַמאָשץ, וואו דר. עטינגער האָט געוואוינט. איינמאָל, ווען איך האָב געמיינט, אז איך האָב כאָלעריע, וועלכע איז דענסטמאָל ארומגעגאַנגען אין פוילען, האָב איך געשיקט רופען דעם דאָקטאָר. ער איז געקומען, האָט מיך בעטראַכט און זאָגט צו מיר:

„—וואָס טויג אייך כאָלעריע? איך וועל אייך בעסער פאַרלעזען מיין „סערקעלע“.*)

„ער האָט מיר פאָרגעלעזען און איך בין געזונד געוואָרען.

„דער דאָקטאָר עטינגער האָט מיר צוגעגעבען חשק און איך האָב אָנגעהויבען שרייבען אין זשאַרגאָן. אין 1838 האָב איך אָנגעשריבען א קאָמעדיע אין דריי אקטען: „דאָס דעקטוך“ אָדער

*) צינבערג גיט אָן אין „וואָסכאָד“, אַז „סערקעלע“ איז פערפאסט געוואָרען אין 1837. ער האָט וואַרשיינליך דעם דאַטום גענומען פון גאָטלאָבערס ערִאינערונגען. דאָ אָבער ווערט אַזאַ דאַטום ניט אָנגעגעבען.

מען בעגעגענט געוואוינליךביים שילדערן א פאנטאפעל מאז. ער האט זיך מעהר אבגעשטעלט אויף דער טראגישער זייט ווי אויף דער קאמישער פון דעם מאן אין דער ספאדניצע. אין משה ראנציקער זעהט מען א קראנקע נשמה. די גאנצע סימפאטהיע פון דעם שרייבער איז אויף דער זייט פון דעם ארימען לא יוצלח, און דאס איז געווען די אורזאך, פאר וואס „סערקעלע“ איז ארויסגעקומען געשילדערט אין גערייכטע פארבען, און אנשטאט א קאמעדיע, וואס דער פערפאסער האט בדעה געהאט צו שרייבען, איז ארויסגעקומען א מעלאדראמע.

די מעשה פון „סערקעלע“ איז אזא:

סערקעלעס א ברודער איז ערגעץ אוועקגעפאהרען און א בעריכט איז אנגעקומען, אז מיט איהם האט פאסירט אן אונגליק, האט זי געפעלשט זיין צוואה און זיין גאנצער פערמעגען איז איבערגעגאנגען צו איהר. דעם ברודער׳ס איינציגע טאכטער ערציהט זיך ביי איהר, נאר זי ווערט שלעכט בעהאנדעלט פון איהר. סערקעלע האט אן איינציגע טאכטער און פער׳קנס׳ט איהר מיט א סוחר, וועלכער ווייזט זיך ארויס צו זיין א גנב און א שווינדלער. דער ברודער קעהרט זיך בשלום צוריק אהיים, און זי מוז נעבאך צוריק קעהרען איהם דעם גאנצען פערמעגען.

עס איז גרינג צו זעהן, אז סערקעלע איז בשום אופן ניט דאס בילד פון דער אידישער אשת חיל, וואס האט זיך געפלאגט, געמאטערט, געשלעפט דעם יאך, כדי איהר מאן זאל קאנען זיצען און לערנען. נאר עס וואלט פון אונזער זייט געווען א גרויס אונרעכט צוצוטרעטען מיט אזא קריטיק צו א פיעסע, וואס איז געשריבען געווארען אין א סענטימענטאלער ראמאנטישער צייט, ווען דער עיקר אין א ראמאן און אין א דראמע איז געווען א שטארקע פאבול. און ווען מען בעטראכט „סערקעלע“ פון דעם שטאנדפונקט דארפען מיר בעוואונדערן די לעבעדיגע שטריכען, וועלכע זיינען צוזאמענגעבראכט איבער דער גאנצער פיעסע. אין דער זעלביגער צייט, וואס דער שרייבער איז פערכאפט פון דער שפאנענדער פאבול, פערגעסט ער ניט די מענשליכע זייט פון זיינע פארשוינען. און דאס הויבט אויף די שטיק אויף א העכערע מדרגה.

זיך אויסגעצייכענט גאלדפאדען, וואס האט געשפיעלט די שווערסטע ראלע — סערקעלע.

דערפון איז גרינג צו זעהן די געוואלדיגע ווירקונג, וואס „סער־קעלע" האט געהאט אויף דער אידישער אינטעליגענץ צעהנדליגע יאהרען נאכאנאנד, און די שייכות פון „סערקעלע" מיט דער ענט־וויקלונג פון דער אידישער דראמע און מיט דער גרינדונג פון דעם אידישען טהעאטער.

עס איז צו בעוואונדערען, ווי דר. עטינגער האט ניט נאר גוט געוואוסט די קאנסטרוקציע פון א דראמע, נאר ער האט אויך א נסטינקטיוו זיך אנגעשטויסען אויף ריין טעכנישע זאכען, וואס מען קאן ניט וויסען סיידען מען שרייבט א לאנגע צייט פאר א טהעאטער. אזוי, למשל, עפענען די ערשטע סצענע אין דעם ער־ש־טען אקט דער משרת און די דיענסט־מיידעל. שפּעטער איז דאס געווארען א שאבלאן און כמעט אין דריי פיערטעל פיעסען פון אי־דישען טהעאטער עפענט זיך אזוי די ערשטע סצענע. קיין שטערן וויל ניט עפענען קיין פארהאנג אויף דער אידישער ביהנע. ער האט אויך אינסטינקטיוו פערשטאנען צו ענדיגען אן עקזיט מיט אן עפעקט.

כמעט אלע פּארשוינען אין „סערקעלע" האבען ווערטלאך. סער־קעלע אליין זאגט, „אוי מיינע כחות!" דער שדכן ר' יוחנן ברויכט א ווערטיל: „קומט מיין שמיעה אפער." און דאס איז אויך נאכ־דעם געווארען א שאבלאן פאר אלע דראמאטורגען אהן אויסנאהם.

איך האב שוין אויפמערקזאם געמאכט, אז „סערקעלע" איז גע־שריבען ניט נאר אין דעם רייסטען אידיש, נאר דר. עטינגער האט אויך געזוכט צו בעשאפען ריינע אידישע טערמינען פאר א קונסט, וואס איז געווען נאך גאר פרעמד דער שפּראך. אזוי ווי די מעשה קומט פאר אין לעמבערג, האט די שפּראך א לאקאלען שטעמפּעל, ווי, למשל, „עך", „מעך" און דאס גלייכען. דער ליטווישער איד וואס קומט אריין אין דער פיעסע רעדט מיט'ן סמך. נאר טריי צום רעצעפּט, וואס וואלפסזאן האט געגעבען, רעדען די געבילדעטע

„צוויי חופות אין איין נאכט." שפעטער האָט עס עמיצער אָבגע־דרוקט אין ווארשא און פערגעסען אָנצוגעבען מיין נאָמען."

אין זיינע עראינערונגען וועגען א. גאָלדפאדען, אין דעם פנקס תרע"ג, וואָס איז ערשיענען אין ווילנא, דערצעהלט אברהם יעקב פאפירנא, אז גאָלדפאדען איז געווען גאטלאבערס א תלמיד און ער האָט זיך ביי איהם ניט נאָר אויסגעלערנט העברעאיש, נאָר ביי איהם אין שטוב האָט ער זיך בעקאנט מיט'ן אידישען ליעד. גאָלדפאדען איז געווען מוזיקאליש און האָט געהאט א שעהנע שטים. אין דער ראבינער־שולע אין דער צייט פון רעקרעאציע פלעגט גאָלדפאדען אָפט אָנציהען א גאטלאבערישע ליעדעל און די איבעריגע שילער פלעגען אונטערהאלטען.

אין יאָהר 1862 איז געשטאָרבען דער אינספעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראבינער שולע יעקב אייכענבוים, און אויף זיין שטעל איז אָנגעקומען דער בעריהמטער אידישער געלעהרטער חיים זעליג סלאָנימסקי. מאדאם סלאָנימסקי, די טאָכטער פון דעם בע־וואוסטען מאטעמאטיקער אברהם שטערן פון ווארשא, איז געווען זעהר א הויך־געבילדעטע פרוי. ב ט ב ע א ן א ס י מ י ל א ־ ט אָ ר י ן, ה אָ ט ז י אָ ב ע ר מ י ט ג ע ב ר א כ ט פ ו ן ו ו א ר ש א, ו ו י א ק ו ר י א ז, ד י א י ד י ש ע ד ר א מ ע „ש ר ה ' ק ע ל ע" (ס ע ר ק ע ל ע) פ ו ן ד אָ ק ־ ט אָ ר ע ט י נ ג ע ר פ ו ן ז א מ אָ ש ץ. ד י ד ר א מ ע א י ז א י ה ר ז ע ה ר ג ע פ ע ל ע ן ג ע ו ו ע ן, פ ל ע ג ט ז י ל י ע ב ה אָ ב ע ן ז י פ אָ ר צ ו ל ע ־ ז ע ן פ א ר ב ע ק א נ ט ע. דעמזעלבען ווינטער איז איהר איינגעפאלען צו מאכען א ספעקטאקעל, וואו די דראמע זאָל גע־שפיעלט ווערען דורך די שילער פון דער ראבינער שולע. זי האָט פערנאָנדערגעטהיילט די ראָלען, אָרגאניזירט, רעפעטירט, געזאָרגט פאר פאסענדע דעקאָראציעס, און דער ספעקטאקעל איז צושטאָנד געקומען אין געגענווארט פון די לעהרער פון דער ראבינער־שולע און פון דער איבריגער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. דער ספעקטא־קעל האָט געמאכט א פוראָר. די שילער האָבען זייערע ראָלען גוט געשפיעלט, נ אָ ר מ ע ה ר פ אָ ר א ל ע מ ע ן ה אָ ט

שפעטער ווען די פאדריאדען האבען זיך געענדיגט האט ער זיך בעזעצט אין אדעס און איז דארטען געווארען נאטאר, אדוואַקאט און טראנסלאטאר און דערפון האט ער געהאט זיין חיונה בכבוד.

אין אדעס איז זיין הויז געווארען א צענטער פאר אלערליי קלאסען לייטישע מענשען. מיט זיין איבערגאנג צו דער השכלה האט ער די בריקען הינטער זיך ניט פערברענט. אין זיין הויז פלעגען זיך צוזאמענקומען לומדים, געלעהרטע, פרומע, געבילדעטע, רייכע און ארימע אוז מען האט זיך דארטען גוט אונטערהאלטען.

הגם ער האט געקאנט גוט לשון קודש און דייטש, רוסיש און פויליש האט ער ניט געזוכט בעריהמט צו מאכען זיך אין אנדערע שפראכען און האט געשריעבען נאר אין אידיש. ער האט געוואוסט, אז ער האט געזעהן פיעל און געהערט פיעל און פערשטעהט פיעל און קאן דאריבער א סך לערנען דאס פאלק, וואס האט קיין זאך ניט געזעהן און קיין זאך ניט פערשטאנען, און אזוי ווי דאס פאלק פערשטעהט ניט קיין אנדער זאך, איז דער לאגישער שלוס, אז רעדען דארף מען מיט איהם אויף אידיש.

ישראל אקסענפעלד האט געשריעבען א סך, ער האט געשריעבען דראמען, ערצעהלונגען, ראמאנען, ארטיקלען, און נאך זיין טוידט (ער איז געשטארבען אין פאריז אין 1866) זיינען געבליבען מאנוסקריפטען, וואס האבען געדארפט פערנעהמען אן ערך פון דריי הונדערט דרוק בויגען. עס איז געווען די איראניע פון שיקזאל, אז ער וועלכער האט נאר געשריעבען צו זיין נוצליך זיין פאלק און האט געגארט צו לערנען איהם, האט ניט זוכה געווען צו זעהן זיינע ווערק אין דרוק, און נאר ביי זיין סוף לעבען, אין 1862, האבען זיך אבגעדרוקט זיינע דריי זאכען.

אזוי ווי ער האט געשריעבען אין דעם משך פון עטליכע צעהנדליג יאהר און געשילדערט דאס לעבען פון זיין צייט, האבען זיינע ווערק בשום אופן ניט געקאנט דערגרייכען זייער געווינשטען צוועק, ווען זיי זיינען געדרוקט געווארען, נאכדעם ווי יענער ארט לעבען האט זיך שוין אין גאנצען געענדערט. אלעקסאנדער צעדערבוים, רעדאקטאר פון „המליץ“ און „קול מבשר“, ווען זיי זיי־

דייטש, ווי אין „לייכטזין און פרעמעליי.“ דאס איז געווארען א חוק ולא יעבור, אז די געבילדעטע זאלען רעדען דייטש.

נאך דר. ש. עטינגער פערנעהמט דעם וויכטיגסטען פלאץ אין דער אידישער דראמע אין דער פאר־גאלדפאדען עפאכע ישראל אקסענפעלד.

ישראל אקסענפעלד איז געווען עטוואס עלטער פון דר. עטינ־גער און האט זיין ערשטע דראמע אנגעשריעבען כמעט אין דער זעלביגער צייט, ווען עטינגער האט געשריבען זיין „סערקעלע“.

ישראל אקסענפעלד איז געבארען געווארען סוף אכטצעהנטען יאהרהונדערט אין נעמעראוו און האט געשטאמט פון דער תבואת שור'ס משפחה. אין די יונגע יאהרען האט ער געלערנט גמרא מיט פוסקים, און איז געווען א פערברענטער בראסלויוער חסיד, א גרויסער מקורב פון דעם רבי'ן, נחמן בראסלויוער.

צו שוין דעמאלט ווען ער איז געזעסען איבער דער גמרא אדער געכאפט שיריים פון דעם רבי'ס טיש האט ער שוין פער־שטאנען פרעמדע שפראכען, אדער די השכלה איז צו איהם אריינ־געדרונגען שפעטער, נאר ווען ער איז געווארען א יונגערמאן און געקומען זיך צו געשעפט, האט ער שוין פערשטאנען רוסיש, פויליש און דייטש און צו יענער צייט איז דאס געווען א זעלטענהייט. דאס האט איהם געהאלפען אין זיין געשעפט. אזוי ווי דעמאלט זיינען געווען גרויסע מלחמות, האט ער זיך צוגעשלאגען צו גרוי־סע פאדריאדען, איז געווארען א חשוב ביי קאמאנדירס און איז גע־גאנגען מיט דער ארמעע קיין פוילען און דייטשלאנד.

דורך זיינע רייזען אין פערשיעדענע געגענדען האט ער זיך אנגעהערט און אנגעזעהן זעהר פיעל, און צוליעב זיין געשעפט איז ער געקומען אין פערבינדונג און בעריהרונג מיט א סך מענשען און ער האט געהאט די געלעגענהייט צו שטודירען די מענשליכע נאטור פון דער ערשטער האנד. דערצו האט ער געהאט א מערק־וו[illegible]יז און ער האט ניט נאר געדענקט אלץ וואס ער האט געזעהן און געהערט נאר אויך אלע איינצעלהייטען, און ער האט זיין גאנץ לעבען געהאט געגוג שטאף צו אונטערהאלטען גע־זעלשאפטען מיט אינטערעסאנטע מעשיות.

„ה שוואבאכער, ראבינאָוויץ, פינסקער מאדעסא מציעים לפני הועד לקנות מאת ה׳ אקסענפעלד שני מאמרים וספורים מחיי היהודים בארץ פולין ורוסיא, כי לדעתם יוכלו החבורים האלו להיות לתועלת רבה לפקוח את עיני המון העם על חסרונותיהם ומצבם הרוחני. ובהיות כי אקסענפעלד כבר בא בימים ואין ביכולתו להתעסק בהדפסתם, ע״כ נרצה הוא למכרם במחיר ארבע מאות רוב׳ כמו שהם כתובים מעט תחת הערכת אחד מחבריו.“

דאָס הייסט, אז די דערמאָנטע פאַרשטעהער פון דער אדע־סער אינטעליגענץ האָבען פאַרגעשלאָגען דעם ועד אבצוקויפען ביי ה׳ אקסענפעלד צוויי ארטיקלען און ערצעהלונגען פון דעם אידי־שען לעבען אין פוילען און רוסלאנד, וויל נאָך זייער מיינונג קאָ־נען די דאָזיגע ווערק א סך וו׳רקען צו עפענען די אויגען פון דעם פאָלק אויף זיינע פעהלערען און זיין גייסטיגען צושטאנד. און אזוי ווי אקסענפעלד איז שוין אן אלטער מאן און קאָן זיך ניט בע־שעפטיגען מיט׳ן דרוקען זיינע ווערק, איז ער צופריעדען צו פער־קויפען זיי פאר דער סומע פון פיער הונדערט ר״ו־בעל, ווי זיי שטעהען און געהען און דער ועד זאָל זיי לאָזען דרוקען ביסלעכווייז אונטער דער רעדאקציע פון זיינעם א מיט־גליעד.

דערויף האָט דער ועד געענטפערט אזוי:

22טען אפריל, 1864.

„על מכתב חברי החברה באדעסא, הרב דר. שוואבא־כער, דר. לעווענזאָהן, יוסף ראבינאָוויטש ודר. פינסקער, המציעים לקנות מידי ה׳ אקסענפעלד את חבוריו בשפת יהודית המדוברת, מצא הועד כי עפ״י סעיף 1 של התקנות הזה ניתן הרשות להחברה להדפיס ספרים רק בשפת עבר ולשון רוסיא ולא בלשון יהודית המדוברת (זשארגאָן) וע״כ

נען נאָך ארויסגעגאנגען אין אדעס, איז געווען א פּערזענליכער פריינד פון ישראל אקסענפעלד און אין זיין נעקראָלאָג אין „קול מבשר" איבער אקסענפעלד, שרייבט ער, אז „אלע זיינע ראָמאַנען און טהעאטער (דאָס הייסט דראמען) זיינען אמת'ע מעשיות און די קאראקטערע דרינען געשילדערט פון מענשען, וואָס מען האָט זיי געקענט, נאָר נאַטירליך אזוי אויסגעשטעלט, עס זאָל פּאַסען, אז יעדער זאָל דרינען געפינען א מוסר און דערקענען די פעהלער פון גאנצע קלאסען עהנליכע מענשען."

די דאָזיגע מעשיות און די דאָזיגע כאראקטערע זיינען אין עטליכע צעהנדליגע יאָהרען ארום געוואָרען ארכאאיש, און אויב זיי האָבען א ווערטה פון דעם שטאַנדפּונקט פון קונסט, האָט שוין זייער מוסר השכל קיין שום ווערטה ניט געהאַט, ווען יענער סאָרט לעבען האָט זיך אין גאנצען געענדערט. זייער הויפּט צוועק אויפצוקלערען די פאָלקסמאסען איז אין גאנצען פערלאָרען געגאנגען.

די אידישע אדעסער אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט די געלעגענהייט צו לייענען די מאנוסקריפּטען האָט פון זיי געהאַט גרויס פערגעניגען און אין 1864, דאָס הייסט צוויי יאָהר פאר י. אקסענפעלד'ס טויט, האָבען זיך פאָרשטעהער פון דעם געבילדעטען קלאַס געווענדט צו דער חברה מפיצי השכלה, אז זי זאָל בּיסלעכווייז ארויסגעבען די דאָזיגע ווערק. און אזוי ווי פון דער דאָזיגער אונטערהאנדלונג ווערען מיר פערבייגעהענדיג געוואָר וועגען די שטרעבונגען פון די משכילים אין יענער צייט און וועגען דעם צושטאַנד פון דער דאַמאָלסדיגער אידישער ליטעראטור, גיב איך דאָ איבער צוליעב דעם היסטאָרישען ווערטה די בקשה פון די פאָרשטעהער פון דער אדעסער אינטעלעגענץ און דעם ענטפער פון דער חברה מפיצי השכלה.

די פאָרשטעהער פון דער אדעסער אינטעלעגענץ זיינען געווען דר. שוואבאכער, יוסף ראבינאָוויטש, דר. לעווענזאָהן און דר. פינסקער. זיי האָבען זיך געווענדט מיט א בריעף צום ועד פון דער חברה מפיצי השכלה אין פּעטערבורג, און דער בעריכט וועגען דעם בריעף לויטעט אזוי:

די אמת'ע מעשה קאָן מען דאָך ניט דערצעהלען איטליכען באזונדער,
דעריבער האָב איך עס דאָ באשריבען, לאָזען עס לייענען אידישע קינדער.
דערצו האָב איך עס נאָך ווי א טהעאטער געמאכט,
אף צו לייענען אין א קאָמפּאניע אין א ווינטער נאכט.

ער האָט געשריעבען זיינע דראמען ניט צום שפּיעלען, נאָר צום לייענען, און האָט געברויכט די פאָרמע פון דראמע, כדי מען זאָל עס קאָנען לייענען אין א קאָמפּאניע. פאר וואָס די פאָרמע פון דראמע א'ז מעהר צוגעפּאסט צו לייענען אין א קאָמפּאניע, ווי די פאָרמע פון א ראמאן, איז ניט פערשטענדליך. נאָר עס איז קלאָר, אז ער האָט אפילו ניט געזעהן דעם שאָטען פון האָפנונג, אז מען זאָל די דראמען שפּיעלען אויף א ביהנע, און ער האָט זיך דאריבער ניט געקימערט וועגען דער פאָרמע. דער עיקר איז גע־ווען צו אונטערהאלטען דעם לעזער און אויפקלערען איהם, ווייזען א'הם אזעלכע זייטען פון לעבען, וואָס ער ווייס ניט און פער־שטעהט ניט.

דערפאר אויב די קאָנסטרוקציאָן הינקט אין זיינע דראמען, בעזיצט ער אין א העכערער מאָס ווי אלע אנדערע פון זיין צייט די קראפט צו צייכענען בילדער אין עטליכע שטריכען. זיינע כא־ראקטערע זיינען ניט אויסגעגאָסען פון איין שטיק וואָס מען רופט מענש, נאָר יעדער בעזונדער אונטערשיידט זיך פון דעם צווייטען און מען זעהט פאר זיך ניט סתם א מענשען, נאָר א בעשטימטען מענשען מיט א בעשטימטען פנים, מיט א בעשטימטען דבור, מיט א בעשטימטען הלוך.

דאָס קאָן מען זעהן אפילו פון אזא קליינינקייט, ווי פון דעם צעטיל פערזאָנען אין דער שטיק „דער ערשטער אידישער רעקרוט", אָט איז דער צעטיל:

ר' אהרן קליגער, בעל מחשבות, געלערנטער אין אלערליי חכמות און לשונות.

יחשוב הועד כי אין לו רשות לצאת מחוג פעולותיו הנגבל
ע"י התקנות ולהסכים על הצעת החברים באלה."*)

בקיצור איז דער ענטפער, אז לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער חברה האָט זי נאָר א רעכט צו דרוקען ביכער אין העברעאיש אָדער רוסיש אָבער ניט אין אידיש, און דאריבער קאָן דער ועד ניט אָננעהמען דעם פאָרשלאַג.

אויב עס איז טרויריג צו זעהן, אז פאר ווערק וואָס האָט גע־נומען א גאנץ לעבען צו שרייבען און וועלכע די אידישע אינטעליגענץ האָט געפונען וויכטיג אין אלערליי הינזיכטען, האָט זיך ניט געפונען קיין בעלן צו בעצאָהלען אזא לעבערליכע סומע, ווי פיער הונדערט רובעל און דרוקען זיי, רעדט עס פון דער צווייטער זייט זעהר פיעל פאר אקסענפעלד'ס טריישאפט און איבערגעבענקייט צו דער אידישער ליטעראטור און צום פאָלק, פאר וועלכען ער האָט געשריעבען.

ישראל אקסענפעלד שטעהט אין זיינע דראמען גאנץ אליין. ער האָט זיי געשריעבען, ווי ער וואָלט געווען דער ערשטער אויף דעם פעלד, און האָט קיין מאָל קיין דראמע ניט געזעהן. די געזעצע פון דראמאטישער קונסט זיינען ניט פאר איהם געשריעבען גע־וואָרען. עס איז אונמעגליך, אז אזא וועלטליכער מענש ווי ער איז געווען, האָט קיין טהעאטער ניט בעזוכט אָדער אז ער איז ניט גע־ווען בעקאנט מיט דער דראמאטישער ליטעראטור. ער האָט אבער דערמיט זיך ניט בענוצט און זיינע דראמען זיינען ארויסגעקומען היימיש געשאפענע. ער האָט זיך אליין ניט קלאָר געמאכט דעם אונטערשייד פון א דראמע און א נאָוועלע, פון האנדלונג און ער־צעהלונג. עס קאָן זיין, אז דאָס האָט זיך געגומען דערפון, וואָס איהם האָט זיך אפילו ניט גע'חלומ'ט, אז אידישע שטיקער וועט מען שפיעלען אויף א ביהנע. אין א הקדמה געשריעבען אין גראַ־מען צו זיין מעלאָדראמע „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער" שרייבט ער אזוי:

---

*) תולדות חברת מרבי השכלה בישראל בארץ רוסיא, חלק ראשון, 1885.

געשילדערט די סצענען, ווי אזוי אידען האָבען צום ערשטען מאָל בעגעגענט און אויפגענומען די גזרה וועגען רעקרוטען. די שילדערונג איז א מייסטערהאפטע. הגם דאָ טרעטען ארויס א סך פּארשוינען, קומען אלע ארויס בולט. די ערשטע סצענע עפענט זיך אויף אין אונגעוואוינליכער אסיפה ביי פּסאַיאכע אין שטוב. מען רעדט ארום דעם אוקאז וואָס צוויי סאָלדאטען האָבען געבראכט צום אוטערשרייבען. דער אוקאז איז וועגען דער צאָהל רעקרוטען, וואָס דאָס שטעדטיל דארף געבען. עטליכע שטאָדט חכמים דערווייזען מיט אלערליי ראיות, אז מען דארף דעם אוקאז ניט אונטערשרייבען, און אז מען וועט ניט אונטערשרייבען וועט מען ממילא פּטור זיין פון געבען רעקרוטען. פּסאַיאכעס ווייב ברכה איז די אידישע בריה, וואָס פערשטעהט א געשעפט. זי איז טויב, נאָר ווען זי כאפּט, וועגען וואָס עס האנדעלט זיך, ווענדט זי אָן איהר גאנצען מענה לשון געגען איהר מאַן, אז ער זאָל ניט וואגען אונטערשרייבען. איהר זעהט פאר זיך די אשת חיל, די פּרנסה געבערקע, די דעה זאָגערקע, און אלץ וואָס זי טהוט איז מיט שטורם, מיט ברען, מיט רוגזה. אבער ווען די געשרייען און דער ליארעם ווערען אביסעל שטילער און פּנחס דער רויטער ערקלערט, אז דאָס איז טאקע א גרויסע צרה, נאָר מען קען זיך ניט העלפען, און אז מען וועט זיך שטעלען אנטקעגען וועט נאָך זיין א שטראָף און די פּרנסים גופא וועט מען אָבגעבען פאר סאָלדאַטען, בעמערקט ברכה, אז עפּעס אין ענדערונג איז געשעהן אין דער שטימונג, און ווען זי געפינט אויס, וואָס די ערקלערונג איז געווען פאלט זי אָן אויף איהר מאַן מיט'ן זעלביגען שטורם, מיט'ן זעלביגען ברען, מיט דער זעלביגער רוגזה, אז ער זאָל אונטערשרייבען.

איצט פאלט אָן א שרעק אויף די פערזאמעלטע, טאָמער וועלען די סאָלדאטען זיך ניט דערוואַרטען און וועלען אוועקגעהן. מען שיקט נאָך זיי, און אזוי ווי דאָס פאלט אויס שבת און מען קאָן ניט אונטערשרייבען ביז נאָך הבדלה בעט מען זיי, אז זיי זאָלען ווארטען ביז'ן אבענד. דערביי אָבער שענקט מען זיי אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט, אז אפילו די פּראָסטע ערלים שטויסען זיך אָן,

שלמה פּסייאַכאַ, פּרנס אין שטאָדט, א קרעמער א גראָבער יונג.

ברכה זיין ווייב, אַ טויבע, רעדט שיפּיליאַוועּ און איז זעהר א בייזע. זי איז א בריה אין קלייט.

הערש לייב, זייער בן יחיד, א גרויסער שטאָדט־נאַר.

ציביה'לע, דעם שטאָדטנאַרס ווייב, אַ שען ווייבעלע און איז ניט פרום.

וועלוועל גיליוואטע, אויך פּרנס חודש, האנדעלט מיט פעל, אויך אן עם הארץ.

חאַנצי, זיין ווייב, זייער (זעהר) קליג, א שדכנ'טע אין שטאָדט.

גביאל שד, א גרויסער שכור, א לאָווטשי (כאפּער) צו די רעקרוטען.

ליפּשה די מויד, א שענקערין, אן אלטע יודינע.

ישראל אקריינער, ער טויג צום אָקסען משא ומתן, א קלוגער איד און אהרנ'ס שותף.

מחלי, זיין ווייב, א בלינדע אָהןביידע אויגען, זי איז א גרויסע מיוחסת.

נחמן דער גרויסער, מחלי'ס א זוהן פון ערשטען מאַן, ער איז א מה־יעשה'ניק, א צרה, א שעהנער קליגער יונג, אפילו מיט מעלות, נאָר ניט קיין לייט.

פּנחס דער רויטער, קלוגער איד, האלט שטאָדט ארענדע.

ציפּרה, זיין ווייב, זעהר שען און קלוג און זעהר גוט.

פּרימה אָדער פּרימעלע — פּנחס מיט ציפּרה'ס איינציג קינד, זעהר א שען קלוג מיידעל פון 16 אָדער 17 יאָהר.

די אַלע פּארשוינגען קומען שוין פון דעם צעטיל אליין ארויס לעבעדיגע מענשען. יעדער מיט זיין אינדיווידועלען פּנים, און די גאנצע צייט וואָס דער שרייבער שילדערט זיי, האָט ער זיי פאר די אויגען.

אויב די אלגעמיינע האנדלונג פון דער דראמע ריהרט זיך אָפּט זעהר לאנגזאם, בעוועגען זיך לעבעדיג די פּערזאָנען גופא. אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" ווערען אין ערשטען אקט

געשילדערט די סצענען, ווי אזוי אידען האבען צום ערשטען מאל בעגעגענט און אויפגענומען די גזרה וועגען רעקרוטען. די שילדע־רונג איז א מייסטערהאפטע. הגם דא טרעטען ארויס א סך פאר־שוינען, קומען אלע ארויס בולט. די ערשטע סצענע עפענט זיך אויף אין אונגעוואוינליכער אסיפה ביי פסאיאכע אין שטוב. מען רעדט ארום דעם אוקאז וואס צוויי סאלדאטען האבען געבראכט צום אוטערשרייבען. דער אוקאז איז וועגען דער צאהל רעקרו־טען, וואס דאס שטעדטיל דארף געבען. עטליכע שטאדט חכמים דערווייזען מיט אלערליי ראיות, אז מען דארף דעם אוקאז ניט אונטערשרייבען, און אז מען וועט ניט אונטערשרייבען וועט מען ממילא פטור זיין פון געבען רעקרוטען. פסאיאכעס ווייב ברכה איז די אידישע בריה, וואס פערשטעהט א געשעפט. זי איז טויב, נאר ווען זי כאפט, וועגען וואס עס האנדעלט זיך, ווענדט זי אן איהר גאנצען מענה לשון געגען איהר מאן, אז ער זאל ניט וואגען אונטערשרייבען. איהר זעהט פאר זיך די אשת חיל, די פרנסה געבערקע, די דעה זאגערקע, און אלץ וואס זי טהוט איז מיט שטורם, מיט ברען, מיט רוגזה. אבער ווען די געשרייען און דער ליארעם ווערען אביסעל שטילער און פנחס דער רויטער ער־קלערט, אז דאס איז טאקע א גרויסע צרה, נאר מען קען זיך ניט העלפען, און אז מען וועט זיך שטעלען אנטקעגען וועט נאך זיין א שטראף און די פרנסים גופא וועט מען אבגעבען פאר סאלדא־טען, בעמערקט ברכה, אז עפעס אן ענדערונג איז געשעהן אין דער שטימונג, און ווען זי געפינט אויס, וואס די ערקלערונג איז גע־ווען פאלט זי אן אויף איהר מאן מיט'ן זעלביגען שטורם, מיט'ן זעלביגען ברען, מיט דער זעלביגער רוגזה, אז ער זאל אונטער־שרייבען.

איצט פאלט אן א שרעק אויף די פערזאמעלטע, טאמער ווע־לען די סאלדאטען זיך ניט דערווארטען און וועלען אוועקגעהן. מען שיקט נאך זיי, און אזוי ווי דאס פאלט אויס שבת און מען קאן ניט אונטערשרייבען ביז נאך הבדלה בעט מען זיי, אז זיי זאלען ווארטען ביז'ן אבענד. דערביי אבער שענקט מען זיי אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט, אז אפילו די פראסטע ערלים שטויסען זיך אן,

שלמה פסייאַכא, פּרנס אין שטאָדט, א קרעמער א גראָבער יונג.

ברכה זיין ווייב, אַ טויבע, רעדט שיפּיליאַווע און איז זעהר א בייזע. זי איז א בריה אין קלייט.

הערש לייב, זייער בן יחיד, א גרויסער שטאָדט־נאַר.

ציביה׳לע, דעם שטאָדטנאַרס ווייב, אַ שען ווייבעלע און איז ניט פרום.

וועלוועל גיליוואטע, אויך פּרנס חודש, האנדעלט מיט פעל, אויך אן עם הארץ.

חאַנצי, זיין ווייב, זייער (זעהר) קליג, א שרכנ׳טע אין שטאָדט.

גביאל שד, א גרויסער שכור, א לאָווטשי (כאַפּער) צו די רעק־רוטען.

ליפּשה די מויד, א שענקערין, אן אלטע יודינע.

ישראל אקריינער, ער טויג צום אָקסען משא ומתן, א קלוגער איד און אהרנ׳ס שותף.

מחלי, זיין ווייב, א בלינדע אָהן ביידע אויגען, זי איז א גרויסע מיוחסת.

נחמן דער גרויסער, מחלי׳ס א זוהן פון ערשטען מאַן, ער איז א מה־יעשה׳ניק, א צרה, א שעהנער קליגער יונג, אפילו מיט מעלות, נאָר ניט קיין לייט.

פּנחס דער רויטער, קלוגער איד, האלט שטאָדט ארענדע.

ציפּרה, זיין ווייב, זעהר שען און קלוג און זעהר גוט.

פרימה אָדער פרימעלע — פּנחס מיט ציפּרה׳ס איינציג קינד, זעהר א שען קלוג מיידעל פון 16 אָדער 17 יאָהר.

די אלע פּארשוינען קומען שוין פון דעם צעטיל אליין ארויס לעבעדיגע מענשען. יעדער מיט זיין אינדיווידועלען פּנים, און די גאנצע צייט וואָס דער שרייבער שילדערט זיי, האָט ער זיי פאר די אויגען.

אויב די אלגעמיינע האנדלונג פון דער דראמע ריהרט זיך אָפּט זעהר לאנגזאם, בעוועגען זיך לעבעדיג די פּערזאָנען גופא. אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט“ ווערען אין ערשטען אקט

בעול המדינה זיין, גלייך ווי יענער, היינט גיבין אבער יודין נישט קיין רעקרוטין. דעריבער הייסט דער קייזער, אז יודין זאלען אויך געבין רעקרוטין, וועט שוין א רעכט זיין, אז זיי זאלין מעגען גלייך מיט יענע אימידים וואוינען און אימידים האנדלין. אז דיא קויפסט א שטאט אין שול, צאהלסט דיא פריהער געלט. דענצמאהל האסט דיא א רעכט צו זיצין אונ צו שטעהן אף דיין שטאט. מיר דארפין אונ מיזין גלייבין אונזער קייזער יר"ה, אז דורך דעם וואס יודין וועלען גיבין רעק־ריטין, וועט ער זיי גלייך מיט אלע גיבין א פראווע צו האנדלין אונ צו וואוינין אימידים. דאס דארף א מענש פארשטעהן אליין.

עס פערשטעהט זיך, אז אהרן דריקט אוים די מיינונג און האפנונג פון דעם פערפאסער. אהרן איז ביי דער אסיפה אין פסאיאכעס הויז ניטא. און דאס ווייזט וואס פאר א שעהנעם געפיהל פאר קונסט־ווארהייט אקסענפעלד איז בעזעסען. די זעל־ביגע ווערטער וואס אהרן ערקלערט זיין ווייב וואלטען געהאט א פנים פון חוזק ביי יענער אסיפה און וואלטען געקלונגען אנגעבלא־זען, פאלש. זיין אויג פאר ווארהייטליכקייט ווייזט ער ארוים דערמיט, וואס אויף דער אסיפה זיצט פנחס דער רויטער, סתם א קלוגער איד, און יענער ערקלערט אויף א פראקטישען אופן, אז דאס איז טאקע א צרה, נאר דינא דמלכותא דינא און מען קאן זיך ניט העלפען. א שרייבער מיט א ווייניגערען געפיהל פאר קונסט ווארהייט וואלט קיין מאל ניט געקאנט דערלאזען פנחס דעם רויטען צו זאגען אזעלכע ווערטער, ווייל דאס שטימט ניט מיט דעם שרייבערס טענדענץ.

צוליעב דעם זעלביגען געפיהל פאר קונסט ווארהייט האט ער ווי ווייט עס איז געווען מעגליך אין זיין צייט ניט געלאזט זיינע פארשוינען צו ווערען דורכאוים מלאכים אדער דורכאוים מחבלים. די מייסטע זיינען אונטער אלע אומשטענדען מענשען, מיט מענש־ליכע מעלות און מיט מענשליכע חסרונות. אין דעם „ערשטע אידישען רעקרוט" איז דער העלד נחמן דער גרויסער. אזא פער זאן האט געדארפט ארויסקומען אדער א מלאך אדער א טייוועל נאר דא קומט ער ארוים, ווי אקסענפעלד אליין כאראקטעריזירי

אז זיי זיינען צוליעב עפעס אן אורזאך א גאנצע מציאה און מ'וויל זיי דא נויטיג האבען, און אז מען וויל זיי אזוי נויטיג האבען, ווילען זיי דוקא אוועקגעהן. די אשת חיל ברכה, די אידענע וואס געהט אין ספאדעק, ברויכט איצט אן אמת'ן ווייבערשען מיטעל און הויבט זיך אן צו שלאגען קאפ אן וואנד. דער מיטעל איז אפשר גוט פאר'ן מאן און פאר'ן זוהן, אבער ניט פאר צוויי גראבע ערלים.

די טרויריגע סצענע איז דורכגעדרונגען מיט א לייכטען הו־מאר, אבער דער הומאר איז ניט קיין אריינגעשטוקעוועטער. די סיטואציעס גופא זיינען אזעלכע, אין וועלכע דאס טרויעריגע איז אויסגעמישט מיט'ן קאמישען.

דער גרעסטער פערדיענסט זיינער איז, וואס ער האט גענו־מען לעבעדיגע מענשען פאר זיינע דראמען. דאס האט איהם גע־געבען די מעגליכקייט אויפצוהויבען זיך העכער פון אנגעבלאזע־נער געקינצעלקייט. די פערזאנען זיינע ניט נאר ריידען מיט א מענשליכען לשון, נאר יעדער רעדט אזוי, ווי זיין כאראקטער פא־דערט. דאס האט איהם אויך אויסגעהיט פון געשטרויכעלט ווע־רען אין השכלה'שע טענדענצען. דער גאנצער צוועק פון דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" איז צו ערקלערען די אידען, אז די גזירה צו נעהמען אידישע רעקרוטען איז גאר א טובה פאר אידען. דאס זעהט מען פון דעם דיאלאג אין צווייטען בילד צווישען אהרן קליגער און זיין ווייב, פערעלע.

פערעלע. און דאס וואס מע זאל נעמין יודין נעקריטין אדער פאר סאלדאטין, וויא דוא ריפסטס, איז דאך אויך ניט קיין גזירה? דאס איז דעך אוודאי א ביטערע גזירה.

אהרן. ניין, פערילע, דיא זאך מוז מען אנדערש פערשטעהן. אונזער קייזער יר"ה, וויא איך מיין, וויל אין זיין מדינה, אלע אומות, וואס וואוינען אין זיין אימפעריע, גלייך מאכין, אונ איט־ליכער זאל גלייך א רעכט האבען צו וואוינען אדער צו האנדלין אימידים, ניט אזוי וויא ביז אהער איז גיוועזין, אז אין 15 גובער־ניעס נאר האבין יודין גמעגט וואוינין און האנדלין. פארשטעהט זיך, אז דער וואס וויל א גלייכען רעכט האבען ווי יענער, מוז נושא

מיידעל איז פערפאלען געוואָרען נאָך אלס קינד, די מוטער האָט איהר איבערגעלאָזט אין וואלד, און דער אינגעל איז געבליבען אין זיין געבורטס־שטאָדט און נאָך דער מוטערס טויט האָט ער זיך ערצויגען ביי אן אָרימער שמש'טע, אן אלמנה. דער אנטלאָפענער מאן האָט דערווייל אָנגעשפארט אין ענגלאנד און איז דאָרטען גע־וואָרען זעהר רייך. אין צוואנציג יאָהר ארום האָט ער זיך פערביינקט נאָך די קינדער וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט זוכען זיי.

זיין אינגעל איז דערווייל געוואָרען א גרויסער בחור, ער האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון שניידעריי, אבער פון זיין אר־בייט האָט ער קוים וואסער אויף קאשע. אזוי ווי פאר איהם איז שווין צייט חתונה צו האָבען און ער האָט ניט מיט וואָס, זאָרגט די שטאָדט פאר איהם און זוכט איהם אָב א כלה. זי איז א פרעמדע און מען רופט איהר די נכפה'ניצע און האלט זיך אויף אין אן אכסניא. ווען מען געהט צונויפקלייבען הוצאות אויף דער חתונה, בעשליסט מען אז מען זאָל מיטנעהמען דעם חתן און געהן נאָך א נדבה צום רייכען ענגלענדער. עס געדויערט ניט לאנג און דער לעצטער דערקאָנט זיין זוהן אין דעם אָרימען שניידער־בחור. ער לאָזט זיך אבער ניט דערקאָנען, ווייל ער האָט מורא, אז די פלעצ־ליכע עשירות וועט פון איהם מאכען א טויגעניכטס און א הולטאי. ער גיט זיין נדבה און לאָזט אָנגעהן מיט די הכנות צו דער חתונה. ער זאָגט צו, אז ער וועט קומען צו דער חופה און וועט זיך משמח זיין מיט חתן־כלה. נאָך דער חופה דערקענט ער אין דער כלה זיין טאָכטער, און אויף אזא אופן האָט דאָס חתונה געהאַט א ברודער מיט א שוועסטער. עס פערשטעהט זיך, אז ווייטער קאָן ער עס ניט לאָזען געהן און ער הויבט אָן צו מאכען ספּראווו־קעס. דערפון קומען ארויס נאָך אנדערע דערקענונגען און איין איבערראשונג קומט נאָך דער צווייטער.

כאראקטעריסטיש איז, וואָס דער רב און רבי'ציז, וואָס קו־מען אריין אין „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער", ווערען געשילדערט זעהר סימפאטיש. דער קאמפף פון השכלה, ווי ער האָט זיך ארויסגעוויזען אין דער ערשטער אידישער קאמעדיע פון

איהם אין קורצען, „א מה יעשה'ניק, א צרה, א שעהנער קלוגער יונג אפילו מיט מעלות, נאר ניט קיין לייט.“

די האנדלונג פון דעם ערשטען אידישען רעקרוט ווערט גע־דיכט גאר צום סוף. דער מה־יעשה'ניק נחמן דער גרויסער איז פערליעבט אין פרימעלען, נאר חנצי שמועסט איהם איין, אז פרי־מעלע פערלאנגט, ער זאל געהן פאר א סאלדאט און ער טהוט, ווי ער דענקט, איהר רצון. ווען פרימעלע ווערט געוואהר דערפון איז דער קלאפ פאר איהר א צו שטארקער און זי שטארבט. נחמנ'ס בלינדע מוטער קומט און מאכט א שרעקליכע יללה, וואס מען האט ביי איהר אוועקגערויבט איהר איינציג קינד.

ווי עס איז לייכט צו זעהן, שטימט ניט די האנדלונג מיט דער טענדענץ. אהרן דער קלוגער מעג דערצעהלען זיין ווייב, אז די גזירה פון רעקרוטען איז גאר א טובה פאר אידען, נאר שוין דער ערשטער רעקרוט מאכט אזא חורבן אין צוויי הייזער און פאדערט עטליכע קרבנות.

אקסענפעלד האט געשריעבען אויף פראסטען מאמע לשון, נאר זיין שפראך איז ניט קיין פאלירטע, ווי מען קאן עס זעהן פון דעם אויסצוג, וואס איך האב אויבען געבראכט. די שפראך איז אויך שטארק לאקאל, מיט א גרויסען צומיש פון רוסישע ווער־טער, ווי מען רעדט אין זיד־רוסלאנד. און זיין אויסלעגען איז אזוי, ווי מען רעדט.

אין זיין צווייטער דראמע „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער“ ווייזט זיך נאך שטארקער, נאך בולטער ארויס דער אויסמיש פון אן ערצעהלער און דראמען־שרייבער. דא זיינען די שילדערונגען א סך, א סך שוואכער, און די גאנצע קראפט ליגט אויף א פערפלאנטעטער שטוינענדער מעשה. פון דעם שער ווערען מיר געוואר. אז „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער“ איז „אן אמת'ע מעשה בעארבייט אין א טהעאטערשטיק אין צוויי אקטען.“ אן אמת'ע מעשה אבער מאכט נאך ניט קיין דראמע.

דער סיוזשעט איז אזוי:

א מאן איז אנטלאפען פון א ווייב א פגע רע און האט איבערגע־לאזט איהר מיט צוויי קינדער, אן אינגעל און א מיידעל. די

פאניע, און דאס ווייזט, אז ער האט אפילו ניט געהאפט, אז מען וועט די דראמען שפיעלען אויף א אידישער ביהנע.

א חוץ די צוויי דערמאנטע שטיקער האבען זיך געדרוקט נאך צוויי: „דער אוצר אדער די געגארטע וועלט“, און „קבצן עושר־שפיעל“. דער ערשטער אידישער רעקרוט האט זיך געדרוקט פאר'ן אויטאר'ס לעבען אין 1862 אין לייפציג, דרוק פון ק. א. פאללראט, די אנדערע צוויי זיינע ערשיענען נאך זיין טויט. אק־סענפעלד האט זיינע כתבים איבערגעלאזט ל. מארענעס און דער לעצטער צוזאמען מיט מ. ביילים האבען אין 1867 אבגעדרוקט „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער“ און די איבריגע צוויי אין עטליכע יאהר ארום.

עס איז מערקווירדיג, ישראל אקסענפעלד איז געווען ארומגע־רינגעלט מיט דער העכסטער אינטעלעגענץ אין אדעס און זיינע פריינד האבען זיך שטארק משתדל געווען, אז זיינע ווערק זאלען זיך דרוקען, און ווי ווייט מיר איז בעקאנט, האט זיך צווישען זיי ניט געפונען קיין איינציגער, וואס זאל געבען די כראנאלאגיע פון זיינע ווערק.

עס איז אונבעוואוסט, ווען יעדע ווערק איז געשריעבען גע־ווארען. אויפ'ן שער פון „ערשטען אידישען רעקרוט“ איז אנגע־שריעבען אזוי:

דער ערשטער אידישער רעקרוט
בשנת התקפז, דענצמאל איז דער אוקאז אנגענומען
אדער א מעשה פון
קלאמערשט חתן־כלה.

דאס יאהר תקפז איז 1827 און איך נעהם דערפון, אז דעמאלט איז די פיעסע געשריעבען געווארען, הגם עס איז אויך מעגליך, אז דער דאטום תקפז געהט אויפ'ן ערשטען אידישען רעקרוט. מיין שלום, אז די פיעסע איז געשריעבען געווארען אין 1827, שטיצט זיך אויף אויף דעם דיאלאג צווישען אהרן קלוגער און זיין ווייב. עס וואלט געווען אונמעגליך אין 1862 צו שרייבען אין אזא טאן וועגען אידישע רעקרוטען. מען וואלט אויך געקאנט רעכטען וועגען דער צייט, ווען דאס ווערק איז געשריעבען געווא־

וואלפסזאהן און שפעטער אין גאָלדפאדענס צייטען, איז אקסענ־פעלד'ן געווען גאנץ פרעמד. ווערליג מען זעהט פון זיינע דראמא־טישע ווערק, איז אקסענפעלד ניט ארויסגעטראָטען אלס קעמפּפער, נאָר אלס לעהרער, אָדער נאָך ריכטיגער אלס עלטערער ברודער, וועלכער ווייסט מעהר און פערשטעהט מעהר. ער צייכענט זיך אויך אויס פון די אנדערע דראמען־שרייבער דערמיט, וואָס זיינע העלדען ריידען ניט קיין דייטש, נאָר פּראָסט אידיש.

די שטוינענדע מעשה פון „מאן און ווייב, שוועסטער און ברו־דער," האָט אויך איהר טענדענץ, דער שרייבער וויל איינפּרעסען אויפ'ן לעזער'ס געדאנקען, אז די גזירה פון מעטריקעס, איז ניט קיין גזירה נאָר א טובה פאר אידען. דאָס דריקט ער אויס אין גראמען אלס א הקדמה צו דעם טהעאטער־שפּיעל:

דאָס האָט זיך געטראָפען ביי יודישע קינדער
אין דער שטאָדט ווימיסלע: דאָס קען זיך אבער ניט
טרעפען אצינדער.
דערפאר אליין דארפען מיר בעטען פאר אונזער
קייסער'ס לעבען
וואָס ער האָט אונז דעם אוקאז געגעבען
אז פאטער און מוטער מוזען זעהן איטליכס מאָל,
אז א קינד ווערט געבאָרען זאָל מען עס פערשרייבען
ביי קהל,
אונ אז ביי א חתונה טאָר מען ניט שטעלען דיא
חופּה אָהן קהלס א קוויטעל
זיי דארפען דרוף אכטונג געבען, אויף זיי איז דאָס מוטל.

אקסענפעלד'ס פּיעסען האָבען ליעדלאַך און אזוי ווי אין די דראמען האָבען זיי ניט קיין פּלאץ, ציהט פּראָפעסאָר וויענער אין זיין „אידיש ליטעראטשור אָוו דהי ניינטינטה סענטשורי" דערפון א שלום, אז זיי זיינען געמיינט געוואָרען פאר א ביהנע. — אויבען איז שוין געווען ציטירט — וואָס אקסענפעלד גופא האָט געזאָגט וועגען זיינע טהעאטער־שטיק, אז זיי זיינען געשריעבען אין א דראָמאטישע פאָרם, כדי מען זאָל זיי קאָנען לייענען אין א קאָמ־

נעהמט זיך ניט פון א ליטעראַרישען אָדער דראמאטישען ווערטה נאָר דערפון, וואָס די דאָזיגע קאמעדיע האָט געוויזען גאָלדפאַדענען דעם וועג, מיט וועלכען ער זאָל צוטרעטען צו א פּראקטישען אידישען טהעאטער.

גאָטלאָבער האָט דעם „דעקטוך“ אָנגעשריבען אין דעם יאָהר 1838, און זיין מזל איז ניט געווען בעסער, ווי פון די אַנדערע אידישע דראמענשרייבער אין רוסלאנד און די קאָמעדיע איז ערשט געדרוקט געוואָרען אין ווארשא אין 1876, דאָס הייסט כמעט מיט פּיערציג יאָהר שפּעטער. ער איז אלט געווען דריי און צוואנציג יאָהר, ווען ער האָט דאָס שטיק געשאפען און זיין איינציגער נחת איז געווען, וואָס עס איז ארומגעגאנגען אין כתב יד פון האנד צו האנד, און עס איז זעהר מעגליך, אז ווען דער ארויסגעבער ווערבלינסקי האָט די קאָמעדיע אבגעדרוקט, האָט ער אפילו ניט געוואוסט ווער איז איהר טאטע און זי איז ערשיענען אָהן דעם נאָמען פון דעם שרייבער.

גאָטלאָבער איז געווען דער היפך פון עטינגער און אקסענפעלד. די לעצטע צוויי האָבען ניט געהאט צו שארפען קיין מעסערס געגען וועלכער עס איז פּארטיע און האָבען געלעבט בשלום מיט פרומע און מיט די געבילדעטע. זיי האָבען זיך גע'חבר'ט מיט אלעמען און זיינען געווען אויסגעמישט מיט אלעמען. זיי האָבען ניט געהאט מיט קיינעם קיין שום חשבונות און ניט געהאט קיין שום פערביטערטקייט געגען קיינעם, און אויב זיי האָבען ארום זיך פערשפּרייט השכלה, איז דאָס געטהאָן געוואָרען אויף א רוהיגען אופן.

אַנדערס איז אבער געווען דער פאל מיט א. ב. גאָטלאָבער. ער איז קוים אלט געווען דריי און צוואנציג יאָהר, ווען ער האָט אָנגעשריבען דעם „דעקטוך“ און ער איז ערשט ארויס פון דעם חסיד'ישען קרייז און איז געווען נאָך גאָר פריש אין דער השכלה.

דער שארפער איבערגאנג פון חבד'ער שטיבעל צו די בערלינטשיקעס האָט איהם מעהר געטריבען ווי די אַנדערע צום קאמפּ מיט די אלטע מנהגים און דערצו האָט ער נאָך געהאט פערזענליכע חשבונות מיט די פאַרשטעהער פון חסידיזמוס. דער זשיטאָמירער

רען, פון דער שפּראַך און פון אויסלעגען. דאָס אויסלעגען אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" שיידט זיך ראַדיקאַל אונטער פון דעם אויסלעגען אין „מאַן און ווייב," עס איז אבער זעהר מעגליך, אַז דער זעצער פון לייפּציג, וואו עס האָט זיך געדרוקט דער „ערשטער אידישער רעקרוט" האָט זיך ניט געהאַלטען ביים אָריגינאַל. און ווידער איז מעגליך, אַז די ארויסגעבער פון די אנדערע דראַמען האָבען מאָדיפיצירט דאָס אויסלעגען. עס דאַרף אבער קיין שום פראגע ניט זיין, אַז אקסענפעלד'ס פּיעסען זיינען געשריעבען געוואָרען א סך פריהער ווי זיי זיינען געדרוקט געוואָרען.

אקסענפעלד פערנעהמט גאָר א בעזונדער פּלאַץ צווישען די אידישע דראמען־שרייבער.

נאָך עטינגער און אקסענפעלד פערדיענט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט אברהם בער גאָטלאָבער.

א. ב. גאָטלאָבער איז גוט בעקאַנט דעם אידישען לעזער פון דער השכלה צייט אלס העברעאישער משורר און רעדאַקטאָר פון „הבוקר אור". זיין וויכטיגסטע טהעטיגקייט איז געווען אויף דעם העברעאישען פעלד, נאָר ווי די מייסטע משכילים אין רוסלאַנד האָט ער אויך ליעב געהאַט דעם מאַמע לשון, און ווען ער האָט נאָר געהאַט א געלעגענהייט האָט ער געשריעבען אידיש.

אין זיינע „זכרונות" דערצעהלט גאָטלאבער, אַז אונטער דעם איינפלוס פון „סערקעלע,, וואָס דר. עטינגער האָט איהם פּערזענליך איבערגעלייענט, האָט ער אָנגעשריבען א קאָמעדיע אונטער'ן נאָמען „דער דעקטוך" אָדער „צוויי חופּות אין איין נאכט." דערפון דאַרף מען בשום אופן ניט דרינגען, אַז „דער דעקטוך" האָט אויף וועלכען עס איז אופן עפּעס א שייכות מיט „סערקעלע". ער האָט קיין זאַך פון עטינגער ניט גענומען, און דער „דעקטוך" איז געשריבען גאָר אויף אַן אנדער אופן, האָט גאָר אַן אנדער קאָנסטרוקציע און גאָר אנדערע מאָטיווען. דער איינפּלוס פון עטינגער איז נאָר בעשטאַנען דעריין, וואָס ער האָט ביי איהם ארויסגערופען א חשק צו נעהמען זיך צו דראמע.

דער „דעקטוך" איז זעהר א וויכטיגער רינג אין דער קייט פון דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע. די וויכטיגקייט

דראמאטורג אפילו ניט גע׳חלומ׳ט צו זעהן זיינע א שטיק גע־שפיעלט. דאָס העכסטע וואָס א אידישער דראמענשרייבער האָט געקאָנט האָפען איז געווען צו זעהן זיין ווערק געדרוקט.

דער העלד פון דער קאָמעדיע איז ניט קיין קעמפער פאר השכלה, פרעדיגט ניט און פראפאגאנדירט ניט, ווי וואָלפסזאָהן׳ס העלד. ער איז א פרעהליכער בחור׳ל, א לץ און קלייבט נחת, ווען ער קאָן אָבטהאָן עפּעס א שפּיצעל. ער האָט אין זיך קיין זאך ניט פון דעם קעמפער, די ערשטע שטראהלען פון דער השכלה האָבען ביי איהם נאָר ארויסגערופען א פרייד צום לעבען. ער קלייבט אליין נחת פון זייער שיין און וואַרעמקייט און ער הויבט זיך ניט אָן צו קימערן, וואָס זיינע מיטמענשען זיינען פערשטיקט אין פינסטערע לעכער און קאָנען דערפון קיין הנאה ניט האָבען. און אפילו ווען זיינע מיטמענשען זוכען צוצושטערען זיין גליק צוליעב זייער פינסטערקייט, פאלט איהם אויך ניט איין ארייצוברענגען א שטראהל פון ליכט צו זיי, נאָר ער זוכט שפּאַס אין זייערע פינסטערע לעכער.

דער אינהאלט פון דעם „רעקטוך“ אָדער צוויי חופות אין איין נאכט איז אזא:

יאָסעלע רב חזקל דעם נאמנ׳ס זוהן איז פערליעבט אין דער זעכצעהניעהריגער פריידעלען, צלאל דעם רענדארס טאָכטער. נאָר חזקל האָט פאר זיין זוהן אָבגעזוכט אן אנדער כלה, און צלאל האָט פאר זיין טאָכטער געפונען אן אנדער חתן. יאָסעלע׳ס כלה איז א בלינדע מיידעל, נאָר זי איז א רב׳ס א טאָכטער, און פריידעלעס חתן איז א בעזנאָסע, נאָר דערפאר איז ער א מורה הוראה׳ס א זוהן. זייערע חתונות זיינען בעשטימט אויף איינער און דער זעל־ביגער נאכט.

יאָסעלע וועהרט זיך ניט געגען זיינע עלטערן און קעמפּט אויך ניט מיט פריידעלעס עלטערן, און ער נעהמט זיך אויך ניט צום הארצען, וואָס מען שטערט איהם חתונה צו האָבען מיט זיין געליעבטער פריידעלען. אין דעם טאָג, ווען די חתונות דארפען זיין, איז ער גאנץ לצנות׳דיג אויפגעראמט און פערברענגט גאנץ פרעהלאך מיט זיינע מחותנים, צווישען וועלכע עס איז אויך פאר־

צדיק האָט זיך איינגעמישט אין זיין פאמיליען־לעבען און האָט מיט גוואלד אָבגעריסען פון איהם זיין יונגע ווייבעל און זיין קינד, וועלכע ער האָט ליעב געהאט. דער צדיק האָט זיך דערוואוסט, אז דער יונגער גאָטלאָבער בעשעפטיגט זיך מיט טרייף פסול'ען און אז ער איז אראָב פון דעם גלייכען דרך, און ער האָט גוזר געווען אויף גאָטלאָבער'ס שווער, אז ער זאָל איהם פערטרייבען פון שטוב, און אויף גאָטלאָבער'ן, אז ער זאָל זיין ווייב געבען א גט. דער ווילען פון דעם צדיק איז אויסגעפיהרט געוואָרען און דאָס האָט אָנגעפילט דאָס הארץ פון דעם יונגען משכיל מיט א גרויסער שנאה צו די חסידים און צו די רביים, און ער האָט זיך אריינגע־וואָרפען אין קאמפּ מיט אַ גרעסערען ברען, מיט א גרעסערען פייער ווי ער וואָלט עס געטהאָן אונטער אנדערע אומשטענדען.

מיר האָבען שוין געזעהן, ווי אין דער ערשטער מאָדערנער אידישער דראמע איז וואָלפסזאָהן ארויסגעטראָטען אלס פערביסע־נער געגנער געגען די פרומע, נאָר ער האָט זיין גאנצע פערביסענ־קייט אויסגעגאָסען אויף א צבוע'אק, ווי ער וואָלט דערמיט וועלען וויזען אז די השכלה קעמפּט נאָר מיט אזעלכע אידען, געגען וועל־כע ינאי המלך האָט געוואָרענט אבער זי האָט גאָר ניט געגען אמת'ע פרומע.

גאָטלאָבער איז אין זיין „דעקטוך" אוועק א סך ווייטער. ער האָט אין זיין קאָמעדיע אריינגעשלעפּט א רב און א גוטען אידען און געוויזען, אז דער רב איז אן עהרליכער איד נאָר א שוטה, און דער גוטער איד איז פשוט א שווינדלער. די גאנצע קאָמעדיע איז געבויט אויף דעם נארעשען גלויבען אין לצנים. טייוואָלים און גוטע אידען.

פאר גאָטלאָבער'ן איז געווען ווייניג צו קעמפען מיט א צבוע'אק. ער האָט געזוכט צו אַטאַקירען דעם גאנצען בנין פון חסידיזמוס און ער האָט דערפאר אָנגענומען די הויפּט זיילען און אנגעווענדט זיין גאנצע גבורה איינצוּוואַרפען זיי. ער האָט דער־צו געברויכט אלע מיטלען אפילו שאַנסאָנעטקעס, וועלכע האָבען אין יענער צייט קיין שום זין ניט געהאט, ווייל שאַנסאָנעטקעס זיינען געמיינט צום זינגען, און אין יענער צייט האָט א אידישער

בער'ן פנים איילט ער זיך צו זיין פריידעלען, מיט וועלכער ער געהט צו דער חופה, און דאס זעלבע קומט פאר מיט דעם צווייטען חתן־כלה. דארטען ווערט די חופה מעגליך דורך די נסים פון דעם גוטען אידען.

דער פערפאסער האט זיך געדארפט אנטהאן א גרויסען כח צו מאכען די צוויי חופות מעגליך אין איין נאכט. דערצו האבען זיך געפאדערט אזוי פיעל נסים, וואס קאנען זעהר זעלטען פאסירען. עס האט זיך געפאדערט, אז איין חתן זאל זיין א בעזנאסע און זאל ניט אנדערם טראגען א דעקטוך איבער'ן פנים; עס האט זיך אויך געפאדערט, אז ווען דער שליכמאץ ווייזט זיך, זאלען די מחותנים אנטלויפען און איבערלאזען דעם חתן אליין; עס האט זיך אויך געפאדערט, אז דער חתן זאל יאסעלען נאכגעהן ווי א קוה נאך א קאלב און טהאן פונקט וואס ער הייסט איהם, און נאך און נאך דאס גלייכען. נאר אין יענע צייטען האט מען זיך וועגען אזעלכע זאכען ניט געקימערט און מען האט קיין גרויסע פאדערונגען פון קיין קאמעדיע ניט געקאנט האבען.

די פערזאנען פון דער קאמעדיע זיינען געשילדערט מעהר אדער וועניגער מיט בעזונדערע פנימ'ער. זיי זיינען ניט סתם מענשען, נאר יעדער האט לייכטער אדער בולט'ער זיין אינדיווידואליטעט. עזריאל דעם רענדארס משרת רעדט מיט א גראבען דארפישען לשון, דער מורה הוראה רעדט ווי א תלמודיסט. פריידעלע איז צייטענווייז א סענטימענטאלע מיידעל און צייטענווייז שפרינגט אין איהר ארויס די דארפס מיידעל. יאסעלע איז א פרעהליכער לעבעדיגער בחור'ל.

אין דער קאמעדיע האט גאטלאבער געוויזען, אז ער האט דאס אויג צו בעמערקען וואס ארום איהם טהוט זיך און דעם אויער צו הערען וואס ארום ווערט גערעדט. כמעט אלע זיינע פארשוינען רעדען ניט נאר מיט א מענשליכען לשון, נאר זיי ברויכען די ריכטיגע ווערטער, וואס זיי דארפען זאגען. נאר אין דער זעלביגער צייט איז ער שטארק געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער דע־מאלסדיגער סענטימענטאלער ליטעראטור, און דאס רופט זיך אב אויף דער שילדערונג פון זיינע פאזיטיווע פערזאנען.

האָן א גוטער איד און וועלכער דערצעהלט נסים ונפלאות, וואָס ער האָט אליין דערוויזען. פארנאכט, ווען די מחותנים שטעלען זיך דאווענען מנחה, גנב'עט יאָסעלע צו דעם גוטען אידענס קאפעליוש און ליולקע ציביק און דער מחותנת'טעס א רויטע דאמאשקענע יופע און כאפט זיך ארוים פון שטוב אָנגעטהאָן אין קיטעל און שטריימעל.

פריידעלעס חתן דארף אָנקומען מיט די מחותנים פון אן אנ־דער שטעדטיל. אזוי ווי ער איז א בעזנאָסע, איז בעשלאָסען גע־וואָרען פריהער, אז ער זאָל טראָגען א דעקטוך אויפ'ן פנים, כדי די כלה זאָל ניט זעהן ביי דער חופה זיין מום. יאָסעלע האָט שוין פריהער אבגעמאכט מיט עזריאל דעם רענדארס משרת, אז ווען ער וועט ארויספאָהרען בעגעגענען דעם חתן, זאָל ער זיי ארומפיהרען אין וועלדעל פאר'ן שטעדטיל ביז עס וועט טונקעל ווערען.

יאָסעלע טהוט אָן די רויטע יופע און דעם קאפעליוש און לאָזט זיך אוועק די מחותנים אנטקעגען. אין וועלדיל וואַרט ער אב א ווײלע, ביז ער זעהט, ווי דער חתן איז ארונטער פון וואָגען צו דאווענען מנחה. איידער די מחותנים דערוויזען ארויסצושטייגען פון וואָגען, בעווייזט זיך יאָסעלע מיט דער לאנגער ליולקע ציביק. ער טהוט א פליעסק מיט די הענד, גיט א פייף און שרייט מיט א משונה'דיג קול:

„אהאָ! מיינע לייט זיינען דאָ! מיין מחותנ'דיל!“
און גיט ווידער א פליעסק און ווידער א פייף.
דער משרת עזריאל דערשרעקט זיך צום טוידט און שרייט אוים:
„געוואלד, א טשאָרט! א שליכמאַץ אין זאָקען! שמע ישראל.“
און מיט די ווערטער אנטלויפט ער רייטענדיג.
דער אָרימער בעל העגלה וואָס האָט געפיהרט די מחותנים דערהערט דעם געשריי און לאָזט זיך לויפען מיט די פאסאזשי־רען, און דער חתן בלייבט אליין.

יאָסעלע פיהרט אוועק דעם חתן צו דער בלינדער כלה און לאָזט איהם איבער פאר'ן שטאָב, און אליין מיט'ן דעקטוך אי־

ניט דער רב, האָט זיי מסדר קידושין געווען. מיין הארץ האָט געפיהלט און פיהלט נאָך, נאָר דאָס מויל מוז שווייגען וויא א שעפּעלע, אז מען שעכט עס.

די דאָזיגע סענטימענטאלע מיידעל, וואָס רעדט מיט אזא שעהנער מליצה, געפינט גאָר אן אנדער דבור, ווען יאָסעלע קומט אריין און זאָגט איהר, אז זיי ווילען מן הסתם ביידע חתונה האָבען, און פריידעלע מיינט, אז ער וועט חתונה האָבען מיט דער בלינדער כלה.

פריידעלע. וואָס, מיט דער בלינדער קוה, מיט דער יאסטשערקע, מיט דער מומעס טעכטערל, מיט דעם רב׳ס זאָכערע, נו, און דוא וועסט געהן צו דער פּאָכערע?

פריידעלע וואָס שילדערט דעם ערשטען קוש און פריידעלע פון דער „זאָכערע מיט דער פּאָכערע" זיינען צוויי גאנץ בעזונדערע מיידלאַך, דיא ערשטע איז פון די סענטימענטאלע ראָמאנען און די צווייטע איז די, וואָס ער האָט געקאָנט אין לעבען.

עס איז שוין פריהער געווען דערמאָנט, אז גאָטלאָבער האָט בשום אופן ניט געקאָנט האָבען קיין שום האָפנונג אין יענער צייט צו זעהן זיין קאמעדיע געשפּיעלט אויף א ביהנע, און דאָך האָט ער אריינגעשטעלט אין דעם „דעקטוך" ליעדלאַך און קופּלעטען, וואָס האָבען קיין שום שייכות ניט מיט דעם שטיק און וואָס מען האָט אריין אין די היינטיגע פּיעסען מיט דעם איינציגען צוועק צו געפעלען ווערען דער גאַלעריע.

אויבען איז שוין געווען ערקלערט, אז אין דעם גרויסען קאמפּלוסט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אן יעדען מיטעל, וואָס האָט נאָר געקאָנט העלפען איהם בייצוקומען די חסידישע רביים און גוטע אידען. עס איז דאריבער גאנץ פערשטענדליך דאָס ליעדעל, אין וועלכער ער מאכט חוזק פון רבנים, רביים, מיוחסים. נאָר ניט אזוי ערקלערבאר איז דער פאָלגענדער קופּלעט:

אזוי זעהען מיר, למשל, אז דעם רענדאר'ס טאָכטער, פריידעלע, זינגט גאָר אין אָנהויב פון דעם ערשטען אקט א נאָכאהמונג נאָך שילער'ס „אן דער קוועלע זאס דער קנאבע."

ביי דער קוואל זיצט א אינגעל
פלעכט פון צאצקעם זיך א קרענציל.
ער זעהט זיא שווימען אויפן וואסער
די כוואליעס טאנצען זייער טענצעל.

גאָטלאָבער פערשטעהט, אז פריידעלע איז צו וויים פון שי־לער'ן און ער איילט זיך באלד צו בעווארענען אין א מאָנאָלאָג, וואָס ער גיט איהר אריין אין מויל, אז דאָס איז א ליעד וואָס יאסעלע האָט איהר געזונגען.

פריידעלע. מיט וועלכען חן, מיט וואָס פאר איין געפיהל האָט ער מיר דאָס שיינע לידעל געזונגען, אקעגין אים וועלדיל באם טייכעל. טרערען זיינען איהם אין דיא אויגען געשטאַנען, און מיר זיינען דיא טרערען ניט געשטאַנען אין דיא אויגען, ניין, זיי האָבען זיך ריקעם וויים געגאָסען, און מ׳טען וואַ־סער האָט עס זיי וויים אוועקגעטראָגען, און איך האָב גע־טראכט ביי מיר: אזוי וויא דיא טרערען וועלין זיך שוין ניט אום קעהרען, אזוי קעהרען זיך אויך דיא יאהרען ניט אום. ביי דעם געדאנקען האָב איך אָנגעהויבען צו ציטערען, א דראָסטש איז מיך בעפאלען, און יאסעלע האָט מיך ביי דער האנד געכאפט און האָט מיר דעם ערשטען קוש גע־טהאָן. גאָט, ווי האָט מיך דער קוש דורך און דורך גינומען! ניין, גאָט אין הימעל, דוא קענסט אויף אזא קוש ניט בייז זיין. אזוי קושען זיך דיא מלאכים אין הימעל. אזוי קושט דיא זון דיא רויזען און דיא בלומען אין א שיינעם זומער מאָר־גען, אז דיא ראָסע ציטערט אויף דיא בלעטלאך, אזוי וויא דיא טרערען האָבען אויף מיינע באקען געציטערט, אזוי האָט אדם הראשון חוה'ן דעם ערשטען קוש געגעבען, אז גאָט אליין,

א פּאַנפּאטש, דער רב איז א זאהיקע. דאָס איז אלץ א ביליגער קאמיזם, נאָר דערפאר איז ער זעהר נאָהענט און פערשטענדליך דעם פּראָסטען פאָלק, און דאָס ווייזט, אז גאָטלאָבער האָט מעהר ווי די אנדערע דראמאטורגען פאר איהם געהאט א חוש פאר דער פּראקטישער זייט פון א טהעאטער, א חוש וואָס איז מעהר ווי אלץ נויטיג געווען צו דערגרייכען יענעם פּראָסטען פּובליקום, פון וועל־כען א סטאבילער אידישער טהעאטער האָט געדארפט זיין אב־הענגיג. עס איז קיין שום צווייפעל ניט, אז אונטער אנדערע אומ־שטענדען וואָלט גאָטלאָבער געקענט ווערען דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער. ער האָט געהאט יענע מעלות, וואָס האָבען זיך מיט עטליכע יאהר שפּעטער אזוי בריליאנט ארויסגעוויזען אין אברהם גאָלדפאדען.

די שפּראך אין דעם „דעקטוך" איז א ריינער אידיש און די פּאָזיטיווע פּערזאָנען, ווען אפילו זיי לאָזען זיך אוועק אין מליצה, רעדען אויך דעם זעלביגען ריינעם אידיש.

אברהם בער גאָטלאָבער איז געבאָרען געוואָרען אין תקע"ה, אין אַלט קאָנסטאַנטין. זיין פאָטער איז דאָרטען געווען חזן און האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין איבריגער פרומקייט. אברהם בער האָט זיך אין די יונגע יאָהרען אָנגעהערט, ווי דער פאטער האָט חוזק געמאכט פון גאָטס סטראפּציעס און פון צבוע'קעס און באלד האָט ער זיך בעקאנט מיט א שטאָדטישען משכיל, וועלכער האָט איהם געבאָרגט עטליכע השכלה ביכער און אויך דערצעהלט די גאנצע גרו סקייט פון משה מענדעלסזאָהן און פון זיין פריינד לעסינג. ער האָט איהם אויך איבערגעגעבען דעם אינהאלט פון „נא־טהאן דער ווייזע" און ערקלערט איהם, וואָס איז דראמא און וואָס איז טהעאטער.

ווען עס איז ארויס די גזרה צו נעהמען אידישע רעקרוטען, איז דער יונגער גאטלאבער אוועק קיין אויסלאנד, און אין גאלי־ציען האָט ער זיך בעקאנט מיט די בעוואוסטע משכילים פון יענער צייט און זיי האָבען אין איהם ערוועקט א נייען גייסט.

עס איז שוין געווען דערמאָנט, ווי דער בע־וואוסטער העברעאישער דיכטער אברהם גאָטלאָבער, צו יע־

דאָרט פליעסקעט איינער מיט דיא הענט
און שאָקעלט זיך אהין און אהער;
רייסט זיך אויף דיא גלייבע ווענט
און ריטשעט וויא א בער.

ער בויגט זיך מודים ביז צו דער ערד,
שפרינגט קדוש ביז צום הימעל,
שלאָפט ביז חצות אויף דער הוילער ערד
און טוט שוין נאָך חצות ניט א דרעמעל.

ער קומט אהיים נאָר פרייטאג צו נאכט
און היינטיגס יאָהר צוויי ברית'ן געמאכט.
ער האָט מקיים געוועזן זעהר שיין
אף לאמתך תעשה בן.

און אויב אפילו מען זאָל זיך וועלען אָנשטרענגען און אויס־פשט'לען, אז דאָס האָט אויך א שייכות מיט דעם בנין, וואָס ער האָט געוואָלט אומוואַרפען, קאָנען מיר ניט געפינען קיין שום ער־קלערונג אויף אזא מין קופלעט:

און יענץ ווייבעל דאָרט
שווערט זיך אויף איהר וואָרט
אז זיא האָט ניט אין זינען קיינעם
נאָר איהם אליין, נאָר איינעם.

דער וויץ און דער הומאָר אין דער קאָמעדיע איז א גראבלי־בער. דער בעל העגלה ווען ער דערזעהט דעם שליכמאַץ שרייט אויס: „שמאס ישראל." דער „שמאס" דאַרף כאראקטעריזירען דעם אָנשמייסער, דעם בעל העגלה. ווען דער בדחן בעזעצט דעם חתן און בלייבט שטעהן אויף א רגע ביים וואָרט שמאַרצען, ווייל ער קאָן אזוי גרינג ניט געפינען קיין גראם, זאָגט איהם יאָסעלע אונטער אזעלכען, וואָס לאָזט זיך ניט דרוקען. דער חתן לעמעל איז

רוט" זיינען ענדליך ארויסגעגעבען געווארען אין סאמע אנהויב פון די זעכציגער יאהרען, האבען זיי זיך אלץ ניט געדרוקט אין רוסלאנד. „סערקעלע" איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1861 אין וואלמאנען, אז ער זאל איהר לאזען דרוקען, און יענער האט שוין דרוקט אין 1862 אין לייפציג. נור ווי עס ווייזט אוים האט זיך דאמאלס געוויעזען א גרויסע פאדערונג אויף א געדרוקטע דראמא־טישע ליטעראטור, ווייל באלד הויבען זיך אן צו ווייזען ניט נאר אריגינעלע נאר אויך בעארבייטע. אזוי האט זיך אין 1866 אבגע־דרוקט „ר' חיימל דער קצין", איין טהעאטער אין 4 אקטען, בע־ארבייטעט נאך ק... און אין 1868 „רחל'ע די זינגערין" איין טהע־אטער אין 4 אקטען, בעארבייטעט נאך ס. און ר. ק.

ביידע שטיקער זיינען איבערגעמאכט פון גוי'אישע נארישע פיעסען און האבען קיין שום ווערטה ניט, קיין דראמאטישען און ניט קיין ליטעראדישען. דער בעארבייטער איז געווען י. ב. פאל־קאוויטש, און וואס האט איהם געטריבען צו אזא ארבייט, ווען עס איז ניט געווען קיין האפנונג צו שטעלען זיי אויף א ביהנע, איז אונפערשטענדליך.

אין 1874 האט זיך אין ווילנא אבגעדרוקט א שטיק מיט'ן נאמען „די ווייבערשע קניפלאך", איין טהעאטער שפיעל אין 5 אקטען. דער נאמען פון דעם שרייבער איז אנגעגעבען י. מ. וואל־מאן, נאר ווי עס ווייזט זיך ארויס איז דער פערפאסער פון דער דאזיגען שטיק לודוויג לעווינזאן, וועלכער האט איהר געגעבען וואלמאנען, אז ער זאל איהר געבען צום דרוק, און יענער האט שוין פאר איין גאנג ארויפגעשטעלט אויף איהר זיין אייגענעם נאמען.

די „ווייבערשע קניפלאך" איז א קאמעדיע, וואס רופט ארויס א געזונטען געלעכטער. דער סיוזשעט צייכענט זיך אוים מיט א זעלטענער פשטות און די האנדלונג ענטוויקעלט זיך פון זיך אליין. אלץ וואס דא קומט פאר איז אזוי נאטירליך, לעבעדיג, אהן א שום אנשטרענגונג, אהן נסים. די פאנטאזיע פערשלעפט ניט דער שריי־בער אן א זייט, הגם דער גאנצער יסוד פון דער קאמעדיע איז א שעהנער פייערווערק.

יעקיל איז א חסיד און ער האט מעהר הנאה צו פערברענגיי

נער צייט נאָך גאָר אַן אַנפאַנגער, איז אַזוי שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון „סערקעלע“. וואָס דר. עטינגער האָט פאַר איהם גע־לייענט, אַז ער האָט אויך בעשלאָסען צו פּרובען זיינע כחות אויפ'ן אידישען דראַמאַטישען פעלד און האָט אַנגעשריבען אין 1838 אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטען אונטער'ן נאָמען: "דאָס רעקטוך אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט.“ אַלע אַזעלכע פּיעסען פון בעקאַנטע משכילים זיינען אַרומגעגאַנגען אין כתב יד פון האַנד צו האַנד. מענשען וואָס האָבען זיך ניט געפּוילט האָבען פון זיי געמאַכט קאָ־פּיעס און מיט די יאָהרען זיינען פון די קאָפּיעס געמאַכט געוואָ־רען אַנדערע קאָפּיעס און ביים איבערשרייבען האָט מען אָפט פער־געסען אַנצוגעבען דעם נאָמען פון דעם פערפאַסער. און ווען אין אַנהויב פון די זעכציגער יאָהרען האָט זיך אַנגעהויבען צו ווייזען אַ פאָדערונג אויף געדרוקטע דראַמען, האָט אַ דרוקער געכאַפּט וועלכע קאָפּיע ער האָט געקראָגען און „דאָס רעקטוך אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט“ האָט זיך אָבגעדרוקט אָהן גאָטלאָבער'ס נאָמען.

אויפ'ן אידישען דראַמאַטישען פעלד איז דאָס געווען גאָטלאָ־בער'ס איינציגער פערזוך, מעהר קיין אידישע דראַמען האָט ער ניט געשריעבען. שפּעטער אין די זעכציגער יאָהרען האָט ער געשאַ־פען אין העברעאיש זיין אַלעגאָרישע דראַמע „תפארת לבני בינה.“

אַ חוץ עטינגער, אַקסענפעלד, גאָטלאָבער האָבען נאָך אַנדע־רע געשריעבען טהעאַטער שטיקער, איידער גאָלדפאַדען האָט גע־לעגט דעם ווינקעל־שטיין צום בנין פון דעם אידישען טהעאַטער. אין די זעכציגער און אין אַנהויב זיבעציגער יאָהרען פון דעם לעצ־טען יאָהרהונדערט האָבען זיך געדרוקט נאָך אַנדערע אידישע שטי־קער. עס ווייזט אויס אַז אין יענער צייט האָט זיך אויף זיי בעוויע־זען אַ פאָדערונג. מיר האָבען געזעהן אין אַ פריהערדיגען אַרטיקעל ווי שווער עס איז געווען פאַר די ערשטע אידישע דראַמאַטורגען אין רוסלאַנד צו דערווייזען, אַז זייערע דראַמען זאָלען געדרוקט ווערען, און צעהנדליגע יאָהרען האָבען זיי זיך אָבגעהאַלטען מיט זייערע פּיעסען און עס האָט זיך ניט געפונען קיין בעלן אַרויסצוגע־בען זיי. און ווען „סערקעלע“ און דער „ערשטער אידישער רעק־

עזרת נשים און האט מגלה געווען דעם סוד דער רבי'צין און באלד האט שוין יעדע ווייבעל און יעדע אידענע אין שטעדטעל געוואוסט פון דער צרה, וואס עס קלייבט זיך אויף זיי. מען האט זיך גענומען עצה'ן און מאכען פלענער, ווי אבצואווענדען דעם גרויסען אונגליק און צום סוף איז בעשלאסען געווארען, אז אלע ווייבער זאלען ארויסשלעפען זייערע קניפלאך און שאפען די נויטיגע סומע צו בע־צאהלען דעם יונגען פריץ, אויף אזא אופן ניט צו דערלאזען, אז די מאנסביל זאלען אבשאפען דעם חרם פון רבנו גרשם.

— און וואס זאל א שטייגער טהאן אזא איינע ווי איך? האט געפרעגט וויינענדיג א יונגע ווייבעל, וואס האט ערשט ניט לאנג חתונה געהאט. — איך האב נאך קיין צייט ניט געהאט אנצוקלייבען א קניפעל!

— אזעלכע ווי איהר דארפען פילעווען דעם מאן, מאכען פאר איהם אזעלכע פאטראוועס, אז ער זאל פון זיי לעקען די פינגער, נאכגעבען איהם אלץ און ניט מרגז זיין איהם. דעמאלט וועט ער ניט וועלען נעהמען קיין אנדער ווייב.

און כל זמן די קניפלאך האבען געדויערט, האבען די חסידים געלעבט א גוטען טאג.

מיט איהר איינפאכקייט, מיט איהר נאטירליכען דיאלאג, מיט איהר נאהענטקייט צום לעבען, איז די קאמעדיע „ווייבערשע קניפלאך" איינע פון די בעסטע פון דעם אידישען רעפערטואר.

די קאמעדיע „ווייבערשע קניפלאך" האט אין א קורצער צייט אויסגעהאלטען עטליכע אויסגאבען און אין דער געדרוקטער פארם איז זי זעהר ווארעם אויפגענומען געווארען פון דעם לעזענדען פובליקום.

פון די אלע וואס האבען געשריעבען דראמען אין די זעכציגער יאהרען, פערדיענט ספעציעל דערמאנט צו ווערען אונזער זיידע ש. י. אבראמאוויטש. אין 1869 איז ערשיענען זיין „טאקסע". זי איז איינגעטהיילט אין פינף אקטען, און יעדער אקט אין סצענען, נאר דאס איז ניט קיין דראמע. דא איז נאר גענומען די דראמאטישע פארם, אבער דער אינהאלט איז ניט קיין דראמאטישער. דא זיינען פאראנען מאנאלאגען און דיאלאגען און ווייטער גאר ניט. די

דעם אבענד מיט אנדערע חסידים אין שטיבעל, ווי אין דער היים מיט'ן ווייב, וועלכע האט א מויל אויף רעדער און א צונג או־ף שרויפען. עס איז שוין שפעט ביינאכט און ער איז נאך ניטא. די ווייב ליגט אין בעט, נאר עס הויבט איהר אזוי, אז זי קען זיך ניט איינהאלטען צו לייענען איהם א תוכחה, הגם ער איז דערביי ניטא. זי רופט איהם מיט די ערגסטע נעמען, און אז די דיענסט דערמאהנט איהר, אז יעקעל איז אין דער היים ניטא, כאפט זי א גוטע פארציע.

איהר תוכחה ווערט נאך שטארקער ווען יעקיל קומט אריין, נאר ער ענטפערט קיין ווארט ניט. ער זיצט ווי א בעגראבענער און האלט אין איין זיפצען. ער עפענט ניט דאס מויל, ווען אפילו די ווייב הייסט דער דיענסט זי זאל איהם געבען זיין וועטשערע. אהא! מסתמא האט ער זיך שוין דער קארטעזווניק אנגעפרעסען ביי די קארטען. נאר אז זי זעהט, ווי ער זיצט נאך אלץ מיט אן אראבגע־לאזטען קאפ און האלט אין איין זיפצען, פרעגט זי איהם שוין מיט א געענדערטען קול, וואס מיט איהם איז דערמעהר? און ער פער־טרויט איהר א סוד און זאגט איהר אן, אז למ"הש און למ"הש זי זאל זיך פאר קיינעם מיט קיין ווארט ניט ארויסכאפען. און דער סוד איז, אז קהל איז אין א גרויסער צרה. מען האט שוין א צייט לאנג ניט געצאהלט קיין צינזען דעם אלטען פריץ און איצט איז געקומען דער יונגער פריץ און פאדערט די גאנצע סומע פאר די אלע יאהרען. און אזוי ווי די שטאדט האט קיין געלד ניט און אלע תושבים זיינען אין א סכנה, איז בעשלאסען געווארען, אז מען זאל אבשאפען דעם חרם פון רבנו גרשם און יעדער תושב זאל נעהמען צו עטליכע ווייבער. אזוי ווי יעדע נייע ווייב וועט געבען א נדן, וועט מען פון דעם געלד אבצאהלען דעם יונגען פריץ.

די ווייב איז אן אנגעצונדענע געווארען דערפון און האט איהם אוועקגעגעבען א גאב, און די דיענסט האט בשעת מעשה געמאכט א חשבון פון דעם ביסעל געלד, וואס זי האט אנגעקליבען און אויסגערעכענט, אז זי וועט גאר אין גיכען ווערען דא א בעל הבית'טע אין שטוב.

פאר טאג איז די ווייב אוועקגעלאפען אין בית המדרש אין

ער צורייסט זיינע שירים, ווייל ווען די אידען זיינען אין א צרה דארף מען קיין שירים ניט זינגען. גדליה פיקהאַלץ איז א רב, דאָס הייסט א קאזיאָנער רב. זייביידע טרעטען ארויס אין קאמפף מיט די אלע וועלף און שינדער, נאָר איידער דער קאמפף דערוואַרעמט זיך, אנטלויפט פיקהאָלץ קיין פעטערבורג און שטודירט אויס דאָקטאָר און מאכט זיך א פיינע קאריערע. שלמה וועקער ענדיגט אויף דערמיט, וואָס ער פערלאָזט די שטאָדט, וואו ער האָט געקעמפפט מיט די בעלי־טובות.

לויט שלמה וועקער ווערט געשילדערט אין דער „טאַקסע“, איז ער דער העלד, און הגם ער איז א העלד וואָס אנטלויפט פון שלאכטפעלד, דארף דאָס איהם צו קיין גנאי ניט גערעכענט ווערען. ער אנטלויפט ניט דערפאר, וואָס ער האָט מורא, נאָר דערפאר וואָס ער זעהט איין, אז זיין קאמפף איז אן אומזיסטער. אלע יענע פאר וועמען ער אָפּפערט זיינע כחות, זיין ענערגיע, זיינע בעסטע יאָהרען, זיינען גרייט די ערשטע אויף איהם צו ווארפען מיט שטיינער.

דאָס איז דער גרימצאָרן פון דעם משכיל, וועלכער איז געקומען מיט א ברייטען הארצען, מיט גוטע מחשבות, מיט א ווארעמען וואונש צו העלפען זיינע פינסטערע אָרימע ברידער און יענע, אנשטאט א דאנק, האָבען זיך געשטעלט קוממיות. שפעטער אין דער „קליאטשע“ האָט זיך ביי אבראמאָוויטש'ען געעפענט א סך א ווייטערער בליק און ער האָט פיעל טיעפער אריינגעדרונגען אין דער פסיכאָלאָגיע פון דער אידישער מאסע.

די העלדישקייט פון שלמה וועקער איז געווען דער אמת'ער אויסדרוק פון דער השכלה אין יענער צייט, נאָר אבראמאָוויטש האָט זיך אפילו דאמאָלט אויפגעהויבען א סך העכער פון זיינע חברים די משכילים, ווייל אויב עמיצער איז דאָרטען העלדיש, איז דאָס זיכער קיין אנדערער, ווי דער פרומער איד, ר' אייזיק זאאיקע. עס איז אמת, אז זיין קאמפף איז א גראָשענער, ער פיהרט א מלחמה מיט די שטאָדט בעלי־טובות, וואָס האָבען די טאקסע און מיט'ן רב, וואָס פסק'עט דינים לויט דעם וואונש פון די דאָזיגע בעלי טובות, און דער קאמפף איז פאר גאלגאנסקע היהנער. די בעלי־טובות

שארפע סאטירע וואָס שפּריצט פון אבראמאָוויטשעס פעדער האָט זיך געפּאסט פאר א קאָמעדיע. דער ענין פון דער „טאָקסע“ איז גע־ווען אזא וואָס האָט זיך ממש געבעטען פאר סאטירע אָדער הומאָר. דערפון האָט געקאָנט ארויסקומען א אידישער „רעוויזאָר“. אבער ש. י. אבראמאָוויטש האָט אויפגעפאסט דעם ענין פון זעהר א טראַ־גישען שטאַנדפּונקט, און דער ענין איז צו וואָכעדיג פאר טראגעדיע.

דער אינהאלט פון דער „טאָקסע“ איז, ווי אזוי בעל־טובות פיהרען א שטאָדט פאר דער נאָז, שינדען די הויט פון די אָרימע מיט דער טאקסע אויף פלייש און ליכט און לעגען דאָס געלד צו זיך אין קעשענע. און די פאָר שרייער וואָס קאָנען ניט צוזעהן די גרויסע עולות מוזען אנשווייגען ווערען. איינעם זעצט מען אריין אין תפיסה, און דער צווייטער גיט א מאַך מיט דער האנד און פער־לאָזט די שטאָדט.

די געשטאַלטען פון די פארשוינען זיינען ניט ארויסגעבראכט בולט. אלע בעלי־טובות, אויסער איינעם, האָבען איין פנים, און אלע קבצנים האָבען איין פנים. די ערשטע זיינען וועלף, שינדער, און די צווייטע זיינען שאָף.

דער גרויסער טאלאנט פון אבראמאָוויטשען זעהט זיך לחלוטין ניט אָן אין דער „טאָקסע“, נאָר זעלטען, זעלטען גיט א בליץ א פונק, אבער די פונקען זיינען אזוי ווייניג — אז זיי ווייזען זיך כמעט ניט ארויס.

אינטערעסאנטע טיפען האָבען געקאָנט ארויסקומען ר' אהרן קנעכטבארג און רבי אייזיק זאַאיקע. דער ערשטער איז א ניט־גע־ראָטענער קאָבלעפעל, און דער צווייטער איז אן עהרליכער איד, וואָס קאָן קיין עולה ניט פערשווייגען. אבער זייערע געשטאַלטען זיינען נאָר אָנגעוואָרפען און ניט אויסגעארבייט.

די פּאָזיטיווע פארשוינען פון דער „טאָקסע“ זיינען שלמה וועקער און גדליה פיקהאָלץ. זיי זיינען די פארשוינען וואָס די השכלה האָט ארויסגעשטעלט צו בעקעמפען די אלטע אָרדנונג אין דעם אידישען תחום און אוועקשטעלען דאָס אידישע לעבען אויף נייע געזונטע יסודות. שלמה וועקער איז א דיכטער וועלכער נעהמט זיך אזוי צום הארצען דעם טרויעריגען אידישען גורל, אז

מיר זעהען אויף אזא אופן, אז א דראמאטישע ליטעראטור איז שוין געווען, איידער גאָלדפאדען האָט געעפענט א טהעאטער, און ווען גאָלדפאדען האָט זיך בעוויעזען, איז שוין געווען פארטיג א גאנצער אידישער רעפּערטואר.

זיינען געגען גאַלגאַנסקע היהנער, און דער רב האָט זיך געמאַטערט ארויסצו־פּלפּול׳ען, אז גאלגאנסקע עופות זיינען פון דעם מין אַד־לער און דעריבער טרפה, און אייזיק זאאיקע האָט פערזעצט זיין שבת׳דיגען בגד און איז אביסעל געפּאַהרען און אביסעל געגאנגען צופוס, ביז ער האָט דערקראָכען נאָך לעמבערג און געקראָגען דעם „מפרשי הים" און דאָרטען שווארץ אויף וויים געפונען, אז גאַל־גאנסקע היהנער זיינען כשר׳ע עופות. און ווען די בעלי טובות קאָ־נען לעננער פון איהם ניט אויסהאלטען און מען פּאקט איהם ארייַן אין תפיסה און מען באָט איהם אַן געלד, ער זאָל האלטען זיין מויל פערמאכט, שיקט ער דורך זיין ווייב זאָגען זיי:

„אייזיק גערישט אייך פון אָסטראג! אייזיק דאנקט אייך פאר אייער ברויט און זאלץ! אייזיק וויל זיך ניט פערקויפען! אייזיק וויל שטארבען מיט דעם אמת! אייזיק וויל זיין די כפּרה פאר די אונגליקליכע נעבאך און קומען אויף יענער וועלט ריין! אייזיק וועט דאָרטען זוכען א סוד, א ספּראווע, אויב עס וועט איהם ניט געראָטען צו געפינען עס אויף דער וועלט"...

אייזיק האָט שטארקע איבערצייגונגען און ער איז גרייט מקריב צו זיין זיין לעבען פאר זיי, און דערין בעשטעהט די אמת׳ע העלדישקייט.

וועגען אבראמאָוויטש׳עס שפּראך פערשפּאָרט מען צו רעדען: אין דער „טאַקסע" ווערט געברויכט די זעלביגע שפּראך ווי אין זיינע אנדערע ווערק. שלמה וועקער און גדליה פּיקהאָלץ רעדען דעם אמת׳ן אידישען אידיש.

עס איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז אבראמאָוויטש רופט ניט די „טאַקסע" דראמע, אָדער שוישפּיעל, אָדער טהעאטער שפּיעל. ער רעדט וועגען דער „טאַקסע" — ווי וועגען אן אמת׳ע „מעשה", וואָס איז פערלאָפען אין גלופּסק.

שפּעטער האָט אבראמאָוויטש געשאַפען אן אנדער דראמע, נאָר וועגען דעם וועלען מיר רעדען ווען מיר וועלען קומען צו גאָלד־פאדען׳ס עפּאָכע.

„צום דאָזאָר איז צוגעגאנגען א ידיעה, אז עטליכע אידען זיי־נען זיך משתדל, מען זאָל זיי ערלויבען דעם קומעדיגען פורים פאָר־צושטעלען א סצעניש שוישפיעל אין דער אידיש־דייטשער שפּראך. דער אנגעזעהענער רב און א סך אנדערע מיטגליעדער פון דער הי־זיגער קהלה האָבען זיך געווענדעט מכח דעם צום דאָזאָר בוזשני־טשי, און דער לעצטער האָט די עהרע צו בעטען דעם געשעצטען גענעראל, ער זאָל זיך רעכענען דערמיט, דאָס אזא פאָרשטעלונג ניט נור וואָס זי האָט ניט קיין שום מאָראלישען איינפלוס אויף די געמיטער פון די צושויער, נאָר, פערקעהרט, זי איז אן אונאנ־שטענדיגע אבשפּעטענים, וואָס פיהרט צו דעמאָראליזאציע, און דאָס איז לויט די רעליגיעזע דינים שטרענג פערבאָטען — און זאָל בעוויליגען ניט צו דערלאָזען אזעלכע פאָרשטעלונגען זאָלען פאָר־קומען, ווי אויך אזוי גוט זיין, אויב עס וועט נויטיג זיין פאָרצו־שטעלען וואו מען דארף, אז אויך אן אנדער מאכט זאָל ניט ארויס־געבען דערויף קיין ערלויבנים.

מיטגליער פון דאָזאָר,

א. פּאָפּראצקי."

אין דער מסירה ווערט אָנגעגעבען, אז עטליכע אידען האָבען געזוכט צו קריגען די ערלויבנים צו געבען א אידישע פאָרשטעלונג און צי זי האָט געווירקט ווערט ניט דערצעהלט.

אין 1839 האָט דער ווארשעווער דאָזאָר אריינגעגעבען א צוויי־טע מסירה צום וויצע־פּרעזידענט, און זי פאַלט ווידער אויס אין חודש מערץ, דאָס הייסט פאר פורים.

נאָר די שתדלנות צו געבען אידישע פאָרשטעלונגען הערט ניט אויף, ווייל אין א יאָהר ארום הערט מען ווידער וועגען דעם, און דאָס מאָל פון דעם אָבערפּאָליצמייסטער.

עס איז כאראקטעריסטיש, אז די רעגיערונג זעהט ניט קיין שום טרפות אין אידיש, און ווען דער דאָזאָר זאָל ניט אויסברע־כען געגען אָזעלכע פאָרשטעלונגען, איז פון איהר זייט קיין שום מניעה ניטאָ.

זיבעטער קאַפּיטעל.

די ערשטע טהעאטער פאָרשטעלונגען.

מען דאַרף אבער ניט מיינען, אז ביי אלע משכילים אין רוס־לאַנד זיינען טהעאטער פאָרשטעלונגען אין אידיש געווען כשר וישר. די געירש'עטע שנאה צו אידיש איז געבליעבען ביי א גע־וויסען טהייל משכילים, איבערהויפּט אזעלכע, וואָס האָבען געהאַט קאַזיאָנע שטעלען, און ווי ווייט עס איז געווען אין זייער קראַפט האָבען זיי געשטערט די אויפפיהרונג פון אידישע פּיעסען.

אין די דרייסיגסטע יאָהרען האָט מען זיך שטארק משתדל געווען אין וואַרשא צו קריגען אַן ערלויבנים אויף געבען אידישע פאָרשטעלונגען. עס ווערט ניט דערמאָנט, וואָס פאַר א מין פּיע־סען מען האָט געוואָלט אויפפיהרען, און מיר ווייסען ניט צו דאָס האָט געזאָלט זיין א פאָרטזעצונג פון די אלטע פּורים שפּיעלס אָדער דער ערשטער פּערזוך צו שפּיעלען די מאָדערנע אידישע פּיעסען. וואָס זיינען דעמאָלט ארומגעגאַנגען פון האַנד אין האַנד. אלץ וואָס מיר ווייסען וועגען דעם איז, אז אין 1837 איז די שתדלנות געווען צו געבען א סצעניש שוישפּיעל אין דער אידיש־דייטשער שפּראַך אויף פּורים, און אין דריי יאָהר ארום האָט זיך א געוויסער דוד העלין משתדל געווען צו געבען פּופּצעהן פאָרשטעלונגען אין אי־דיש. נאָר ביידע מאָל איז דערפון גאָר ניט געוואָרען צוליעב א מסירה פון דעם וואַרשעווער דאָזאָר בוזשניטשי. ווען ניט די דאָזי־גע מסירות וואָלט מען דערפון גאָר ניט געוואוסט, נאָר זיי זיינען געבליבען אין ארכיוו און ווייזען מיט וואָס פאַר אַן עקשנות ביידע צדדים האָבען געקעמפּפט. צוליעב זייער היסטאָרישען ווערטה גי־בען מיר דאָ איבער די מסירה און דעם ענטפער.

דער דאָזאָר צום וואַרשעווער פּאָליציימייסטער, 8טען מערץ, 1837.

פארגעקומען פארשטעלונגען אויף ריין לשון קודש און צווישען די צושויער זיינען אויך געווען מיטגליעדער פון דאזאר.

עס איז זיך אויך צו חדוש'ען, אז מיט'ן פראטעסט איז ארויס־געטראטען דער מיטגליעד פון דאזאר, אברהם פאפראצקי, א לעה־רער פון דער ראבינער שול*), א מענש א ליכטיגער, א געבילדע־טער. זיין שווער איז געווען אנטאן אייזענבוים, דער דירעקטאר פון דער זעלביגער שול. דא האבען געמוזט זיין אנדערע טיע־פערע מאטיווען אויסער ריין רעליגיעזע."

קיין טיפע סודות שטעקען דערין געוויס ניט, און עס דארף ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אז פאפראצקי האט זיך ניט גע־רעכענט מיט'ן אלטען איסר פון די חכמים אויפ'ן טהעאטער, און אין זיין מסירה האט ער עס אפילו ניט דערמאנט. דער שם פון דער ווארשעווער ראבינער שול צו יענער צייט איז ניט געווען אזא, אז א לעהרער פון דארטען זאל אנגעבען אזא מאטיוו. ער האט גאר ניט געהאט געגען פארשטעלונגען אין העברעאיש און ער האט גע־קעמפפט געגען אידישע פארשטעלונגען, ווייל ער פערזענליך האט געקאנט האבען א שנאה צו אידיש א־לא־דייטשער משכיל. אויב ער האט אנגעגעבען אין זיין מסירה א רעליגיעזען מאטיוו, איז דאס נאר געווען דערפאר כדי ארויסצוקריגען דעם פערבאט פון נאטשאלסטווא.

אבער ניט קוקענדיג וואס געוויסע משכילים מיט קאזיאנע שטעלען האבען זיך מיט אזא שנאה פערטראגען צו אידישע פאר־שטעלונגען, איז די גאנצע זריעה פון אידישען טהעאטער דוקא

---

*) די ראבינער שול, וואס ווערט דא דערמאהנט, איז ניט די בע־קאנטע זשיטאמירער און ווילנער. די דאזיגע ראבינער שול איז גע־גרינדעט געווארען מיט פיעלע יאהרען פריהער, ווי די אנדערע צוויי, אין ווארשוי און האט ארויסגעגעבען א היבשע צאהל משומדים. איי־נער פון די לעהרער אין דער דאזיגער שול איז געווען א. בוכנער, דער פערפאסער פון דעם ווערק „די ניכטיגקייט דעם טאלמודס." א צווייטער לעהרער איז געווען יעקב צענטנערשווער, א בעוואוסטער פריידענקער אין רעליגיעזע פראגען.

ענטפער פון אָבערפּאָליצמייסטער.

וואַרשאַווער אָבערפּאָליצמייסטער צום דאָזאָר בוזשניטשי.

12טען אפּריל, 1840.

„אלס ענטפער אויף דער פאָרלעגונג פון דאָזאָר בוזשניטשי פון 10טען (22) פון דיעזען מאָנאַט, לויט נומער 155, גיט צו וויסען: היות די מיינונג פון דעם דאָזיגען דאָזאָר, וואָס ער האָט אויפגע־שריעבען אויף דער ביטע פון איד דוד העלין, וועלכע יענער האָט דערלאַנגט דעם 13טען (25טען) פעברואר פון דיעזען יאָהר וועגען אן ערלויבנים צו געבען 15 דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען אין דער אידישער שפּראַך, איז געווען ניט גינסטיג, ווייל דער דאָזיגער דאָ־זאָר האָט אָנגעשריעבען, אז די שפּיעל, וואָס ווערט געגעבען אין דער אומריינער שפּראַך, מאכט ניט קיין מאָראַלישען איינדרוק אויפ'ן געמיט פון די צוהערער, נאָר, פערקעהרט, ווערט אן אונאַנשטענדיג געשפּאָט וואָס פיהרט צו דעמאָראַליזאַציע. דארי־בער האָט דער הויכגעבאָרענער ה' גענעראַל אדיוטאַנט שיפּאָוו, וואָס דערפילט די פליכטען פון מיליטערישען גובערנאַטאָר פון דער שטאָדט וואַרשע, פאָרשטעלענדיג דעם דאָזיגען אומשטאַנד זיין דורכלויכט, דעם פירסט פעלדמאַרשאַל, אין נאָמען פון זיין פירסטליכער מאכט בעפוילען צו וויסען צו געבען דעם איד דוד העלין, דורך דער קאַנצעלאַריע פון דער וואַרשעווער פּאָליציי, אז אויב אזעלכע פאָרשטעלונגען קאָנען, ווירקליך, ארויסרופען עפּעס אן אונצופרידענהייט ביים דאָזאָר בוזשניטשי, אָדער זיינען געגען דער אידישער רעליגיע, איז בעסער אָבצוזאָגען העלינ'ס ביטע, ביז ער וועט ניט אויס'פועל'ן אן ערלויבנים ביי דעם דאָזיגען דאָזאָר."

די דאָזיגע צוויי דאָקומענטען זיינען ערשיענען אין דעם פּוי־לישען פיערטעל־יעהריגען זשורנאל „קוואַרטאַלניק", וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון אידען אין וואַרשא. דער רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיגען זשורנאל מאכט דערצו אזא פירוש:

„פון דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענץ וואָלט מען געקענט דרינ־גען, אז דאָ איז געגאַנגען אויסשליסליך וועגען דער טראַדיציע און וועגען דער אידישער רעליגיע. פון אנדערע קוועלען איז אבער בעוואוסט, אז אין וואַרשא, אין עטליכע פּריוואַטע הייזער, וואָס האָבען בעלאַנגט צו דער אידישער אינטעליגענץ, זיינען דעמאָלט

קונסט. א גרויסער טהייל פון די צוקינפטיגע רבנים, וועלכע האָבען אפילו אין זינען ניט געהאט צו סקראָבען דעם שימעל פון די אלטע אידישע ספרים, זיינען געווען קאמפּפס־לוסטיג, און טהאטער פאָר־שטעלונגען זיינען געווען דער בעסטער מיטעל פאר דעם השכלה־קאמפּף. און נאָך א גרעסערען רייץ האָט דראמע געהאט שוין דערפאר אליין, וואָס די אלטע אידישקייט האָט איהר ניט געדול־דעט. און דער עיקר איז, וואָס די שאפונג פון א אידישע דראמע איז געווען א פּאָזיטיווע ארבייט. די קרעפטען וואָס האָבען גע־זוכט אויפצוטהאָן עפּעס פאר'ן אידישען פאָלק, האָבען אין דער פראגע געפונען א גרויסע דאנקבארע פעלד.

אין א פריהערדיגען קאפּיטעל איז דערמאָנט געווען די בע־שרייבונג פון דעם בעוואוסטען העברעאישען שרייבער און קריטי־קער פּאפּערנא, אז די תלמידים פון ראבינער שול האָבען אין 1862 גענעבען א פּאָרשטעלונג פון „סערקעלע“, און גאָלדפאדען האָט דאָרטען געשפּיעלט די הויפּט ראָלע. פּאפּערנא רופט עס דער ערש־טער אידישער ספּעקטאקעל און מאכט אויפמערקזאם, אז דאָס האָט גאָלדפאדען געגעבען דעם ערשטען שטויס צום אידישען טהעאטער.

עס איז ניט אין גאנצען ריכטיג, אז די פּאָרשטעלונג פון „סער־קעלע“ אין זשיטאמיר אין 1862 איז געווען דער ערשטער אידישער ספּעקטאקעל. פּאפּערנא איז אין ראבינער שול אָנגעקומען אין 1862 און אין יענעם יאָהר האָבען די תלמידים פון ראבינער שול אויפגעפיהרט „סערקעלע“. ווי עס ווייזט אויס, איז איהם ניט בעקאנט, וואָס עס האָט זיך פריהער געטהאָן אין דער ראבינער שול. די שייכות פון דער דאָזיגער שול מיט'ן גרינדונג פון א אידישען טהעאטער האָט זיך אָנגעהויבען א סך פריהער.

אין די פופציגער יאָהרען האָבען צוויי תלמידים פון דער ראַ־בינער שול צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון זייערע חברים. אין די למודים פון שול האָבען זיי זיך ביידע ווייניג אויס־געצייכענט, נאָר ביידע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט איין צווייג פון ליטערארישער טהעטיגקייט, וואָס איז גאָר ניט געגאנגען צו זייער בערוף אלס לעהרער און רבנים.

איינער פון די צוויי, א—, איז געווען א הויכער מיט א פער־

אויסגעוואקסען און צייטיג געוואָרען אין דעם סאַמע אנשטאַלט, וואו די דאָזיגע משכילים האָבען געהאט די דעה. איך מיין דערמיט די ראבינער שול.

דער צוועק פון דער ראבינער שול איז געווען צו ערציהען א נייעם דור רבנים, וואָס זאָלען ניט נאָר קענען פסק'ענען שאלות, נאָר אויך האָבען א וועלטליכע בילדונג. זיי האָבען ניט נאָר גע־דאַרפט זיין בעהאוונט אין תלמוד, נאָר אויך האָבען א סיסטעמאַ־טישע אונטעררינכטונג אין וועלטליכע חכמות. פון דער ראבינער שול האָבען זיי זיך געדאַרפט צוריקקעהרען אין אלע תפוצות ישראל אין אן איצטלא דרבנן מיט א סמיכה אין איין האַנד און מיט א דיפּלאָם פון א מיטעל־שול און מיט א פאַקעל פון בילדונג איז דער צווייטער און זעהן פערשפּרייטען ליכט אין דער גהעטאָ. אלס רבנים, אלס גייסטיגע פאסטוכער האָבען זיי געדאַרפט האָבען אויפ'ן פאָלק די גוטע ווירקונג, וואָס מען האָט פון זיי ערוואַרט.

עס פערשטעהט זיך, אז אלס אזעלכע האָבען זיי קיין שייכות ניט געקאָנט האָבען מיט טהעאטראַלע פאָרשטעלונגען. אפילו גע־בילדעטע רבנים האָבען ניט געקאָנט זיין די פּיאָנערען אויף א פעלד פון קונסט, וואָס איז שטאַרק פערבאָטען פון דער אידישער אמונה. נאָר אויב דער צוועק פון דער ראבינער שול איז געווען צו שאַפען א נייען דור רבנים, איז אבער דער צוועק פון די מייסטע צוקינפטיגע רבנים ניט געווען צוריקצוקעהרען זיך אין דער גהע־טאָ און סקראַבען דעם שימעל, וואָס איז אָנגעוואקסען אויף די אל־טע אידישע ספרים, נאָר צו אנטלויפען פון דער גהעטאָ אזוי ווייט ווי מעגליך און ניט אָנצורירען אן אלטען אידישען ספר אפילו מיט א הענדשקע.

די ראבינער שול האָט געדיענט אלס א זאַמעל פּלאַץ, וואו אלץ וואָס האָט געטרוימט, געשווערמט, פאַנטאַזירט, געהאָפט, געזוכט, געפאָרשט איז זיך צוזאַמענגעקומען. פון אלע ווינקעלאך פון דער גהעטאָ, וואו נאָר א פונק פון דער השכלה איז ארייַנגעפאלען, איז מען געלאָפען אהין. פערשיידען זיינען געווען די טרוימען, די פּלענער פון די השכלה־זוכער, נאָר די גאַנצע אַטמאָספער פון דער ראבינער שול איז געווען מסוגל פאר דער ענטוויקלונג פון טהעאטער

ווי מען לעשט אויס די ליכט און דערהערט א געלעכטער, האט ער פערשטאנען, וואס דא איז פארגעקומען און האט זיך גענומען שטארק זידלען.

ער האט געהאט א חבר ב. און יענער איז געווען א נידריגער, מיט א שפיציגען קאפ. דער חבר האט זיך אויסגעצייכענט מיט אן אונבעוועגליכקייט. ער האט געהאט א לאנגע און דיקע נאז, וואס האט ערטערווייז געבליהט. זיינע קליינע אויגען זיינען געווען אזוי אונבעוועגליך, ווי ער אליין. איהם האט ניט אנגעהויבען צו האַרען, ווי די אנדערע תלמידים קוקען אויף איהם. אין קענטנים איז ער געשטאנען אויף איין שטופע, ווי זיין חבר, נאר ער איז ניט געווען אזוי אריגינעל, ווי יענער. ער האט זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך ארום איהם. די איינציגע זאך וואס איהם האט אינטערעסירט און וואס ער האט הויך געשעצט איז געווען דראמע, און דאס האט איהם ענג פערבונדען מיט א. ער האט אין שול געהאט א ברודער, נאר מיט איהם האט ער ווייניגער פערקעהרט, ווי מיט א. די אכילה האט ביי איהם פערנומען זעהר א גרויסען פלאץ און צוליעב דעם איז ער געווען פריינדליך מיט'ן בופעטשיק, מיט'ן עקאנאמס טאכטער, מיט דער אידענע וואס האט צוגעשטעלט מילך אין שול און מיט די קליינע תלמידים, וואס פלעגען קריגען פון דער היים צוגעשיקט גוטע זאכען. אין שול האט ער זיך ניט געקאנט אויסצייכענען און ער האט דאריבער געזוכט אן אנדער פעלד פאר רוהם.

ביידענס ספעציאליטעט איז געווען די ביהנע. מען האט זיי דאריבער גערופען דראמאטורגען. ווען אלע תלמידים פלעגען שוין לאנג שלאפען, האבען זיי נאך געארבייט. צייטענווייז פלעגט מען הערען, ווי זיי האבען געזונגען מעלאדיען פון פערשיידענע אפערעס. דאס רוב פון „נארמא". איינער פלעגט פאר'ן צווייטען לייענען עפעס פון א מאנוסקריפט, נאר דאס איז אלץ געטהאן געווארען בסוד סודות. די אנדערע תלמידים האבען זיך בשום אופן ניט געקאנט אנשטויסען וואס זיי לייענען און וואס זיי טהוען. מען האט זיך נאר אנגעשטויסען, אז זיי קלייבען זיך צו טהאן עפעס אן אונגעוואוינליכע זאך, עפעס אן אונגעהערטע אונטערנעהמונג.

וואקסענעם שטערען, אויסגעבויגענער נאָז, וואָס א ז געווען געדיכט בעוואקסען מיט האָהר, וועלכע האָבען געמאכט זעהר אַן אונאַנגע־נעהמען איינדרוק. זיינע הענד זיינען געווען ברייטע און די קלע־נערע תלמידים האָבען אָפּט פון זיי געליטען. זיינע אויגען נע־בעלדיגע, בלאַנדזשענדע, ווי זיי וואָלטען אייביג עפּעס געזוכט. די תלמידים פון שול האָבען וועגען איהם געזאָגט, אז ער געהט ארום אין עולם התהו. ער איז שטענדיג געווען פערטראַכט און ווען עמיצער האָט מיט איהם געוואָלט ריידען, האָט ער איהם אָנ־געכאַפּט פאַרביידע הענד און גענומען טרייסלען. ערשט דאַן איז ער געקומען צו זיך און האָט אויסגעשריען: „הא! הא!“ נאָך דעם אויסגעשריי האָט מען שוין מיט איהם געקאָנט אָנהויבען צו רעדען. אין שול האָט מען איהם גערופען דולקאָפּ. אויסגעצייכענט האָט ער זיך מיט א האָס צו ליטוואקעס. א ליטוואק האָט ביי איהם געהייסען דאָס זעלבע וואָס זשוליק.

און אויב אויפ'ן וואָהר איז שווער געווען צו ברענגען איהם צו זיך, איז נאָך שווערער געווען אויפצואוועקען איהם פון שלאָף. איינ־מאָל האָבען די חברים געמאכט מיט איהם אזא מין ספּעקטאַקעל. ווען ער איז איינגעשלאָפען, האָבען די חברים אָנגעקלעבט וועק־סענע ליכט ארום זיין בעט און איהם אליין איינגעדעקט מיט א ווייסען ליילאַך, און איינער פון די חברים האָט אָנגעטהאָן א קי־טעל, גענומען אין האַנד א ליכט, די איבריגע האָבען אויך גענומען ליכט אין די הענד און עס האָט זיך אָנגעהויבען די לויה. דער ערשטער האָט געזונגען אל מלא רחמים און דער כאָר האָט איהם געהאָלפען. דאָס בעטעל האָט מען ארויסגעטראָגען פון דעם שלאָף־צימער אין גרויסען זאַל. די פּראָצעסיאָן און דער גאַנצער גערויש האָבען אויפ'ן שלאָפענדען קיין ווירקונג ניט געמאכט און ער האָט איבערגעשלאָפען די גאַנצע צייט. דאַן האָט איינער געבראַכט א גלאָז קאַלטע וואַסער און האָט אויף איהם אויסגעגאָסען. פון דעם קאַל־טען וואַסער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און מיט מוטנע אויגען גענומען קוקען ארום זיך. ער האָט דערזעהן, אז דאָס איז א לויה און האָט גענומען שרייען: „הא! הא!“ אָנפאַנגס איז ער געווען צומישט, נאָר ווען ער האָט דערזעהן,

די צוקינפטיגע רבנים. אין יענער צייט האָט מען אין דעם זיד־וועסטערנעם ראַיאָן, וואו נאָר עס איז געווען א טהעאטער, גע־שפּיעלט אויסשליסליך פּוילישע פּיעסען, וועלכע די רוסישע האָבען ניט בעזוכט. די אונטערנעהמונג פון די צוקינפטיגע רבנים האָט דאריבער געמאכט א גרויסען רושם, ווען מודעות זיינען ארויסגע־לאָזט געוואָרען, אז מען וועט שטעלען רוסישע, מאלאָראָסישע און אידישע פּיעסען. די ערשטע פּיעסע איז געווען א אידישע, אויפ־געפיהרט אין אידיש. די טעמא איז געווען פון אידישען קהל, נאָר וואָס די האנדלונג איז געווען ווערט ניט אָנגעגעבען. די פּיעסע ווערט נאָר פערצייכענט אלס א מעלאָדראמע מיט ליעדער. אלס פערפאסער זיינען אָנגעגעבען געוואָרען די נעמען פון ביידע דרא־מאטורגען, א. און ב. די ראָלע פון ראש הקהל האָט געשפּיעלט ב. און ער האָט דערביי ארויסגעוויזען טאלאנט פאר דער ביהנע. דער ראבינער וואָס האָט געשפּיעלט די פרויען ראָלע האָט פּשוט אויסגע־לעגט דאָס טהעאטער. דאָס פּובליקום איז בעשטאַנען פון אָפיציע־רען, סאָלדאטען און אידען.

די אָפיציערען האָבען שטארק געלויבט די בראווע צוקינפ־טיגע ראבינער פאר דעם מוטה ארויסצושטעלען אָפען די מעשים תעתועים פון קהל. נאָר די אידען האָבען דערפון ווייניג נחת גע־האט.

אין יענער צייט האָט נאָך דער בעוואוסטער בערדיטשעווער האלפערין געהאט א גרויסע מאכט. ער האָט אָנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען ניט צו דערלאָזען די דאָזיגע פארשטעלונגען. ער איז ארויס פון דעם רעליגיעזען שטאַנדפונקט, אז די צוקינפטיגע רבנים, וואָס וועלען דארפען דאָס פאָלק לערנען אידישע דינים, טרעטען איבער בפרהסיא א בפירוש'ען איסר פון דער תורה, וואו עס ווערט פערבאָטען א מאנסביל צו טראָגען ווייבערשע קליידער.

די שטאָדט איז געגאנגען כאדאראם. אומעדום האָט מען נאָר גערעדט וועגען די דאָזיגע פאָרשטעלונגען.

ניט קוקענדיג, וואָס האלפערין האָט פּראָטעסטירט, האָבען די אָפיציערען געפאָדערט, מען זאָל ווידער אויפפיהרען די זעלביגע אידישע פּיעסע, וועלכע איז זיי שטארק געפעלען געוואָרען. הגם

אַלע האָבען פערשטאַנען, אז דאָס וועט ניט זיין קיין חקירה אין תלמוד און אויך ניט קיין פאָרשונג אין דער אידישער געשיכטע, נאָר עפּעס א וועלטליכע זאך. די נייגיערדע ביי די אנדערע תלמידים איז געוואקסען און אז מען האָט ניט געקאָנט אויסגע־פינען אויף א גלייכען וועג האָט מען זיך גענומען אויף א קרומען. מען האָט זיך פערקליבען צו זייער שאַפע, האָט מען דאָרטען אויפ׳ן ערשטען פלאַץ געפונען ווירגיל׳ס ענעאידא, איבערזעצט אין מאַ־לאָראָסיש, שילערס דראמאטישע ווערק און געטהעס און דאָס גליי־כען, ווי אויך מאנוסקריפּטען אין א י ד י ש און מאַלאָראָסיש, פערשיידענע ליעדער און דאָס גלייכען. עס איז געוואָרען קלאָר פאר אלעמען, אז מען גרייט זיך אויפפיהרען עפּעס פאר דער ביהנע. די פראגע איז נאָר געווען, ווי אזוי ווען דאָס צוקינפטיגע רבנים און מוסר זאָגער ארויסטרעטען אויף א ביהנע. מען האָט פון די דאָזיגע צוויי אנטרעפּעניאָרען געלאכט, מען האָט זיי גע־רופען שמעון און לוי, ברידער פון איין פראָפעסיאָן. עס האָט זיך אויך פערענטפערט די פראגע, צו וואָס האָט אזא דרעה־קאָפּ, ווי ב—צוזאמענגעבונדען זיך מיט אזאַ פערשלאָפענע נשמה ווי א—. דער לעצטער איז געווען א מוזיקער און האָט געקאָנט מאַלאָראָסיש.

לאַנג האָבען דאָך די צוויי ניט בעהאַלטען זייער סוד. איינמאָל אין קאניקעל צייט האָבען זיך ביידע אוועקגעלאָזט קיין בערדי־טשעוו, וואו עס זיינען געווען א סך תלמידים פון ראבינער שול, גרויסע און קליינע. דאָרטען האָבען זיי אין דער גיך צוזאמגעשטעלט א טרופּע פון חברים. עס פערשטעהט זיך, אז קיין פרויען האָבען זיך דערין ניט בעטהייליגט. די שעהנערע תלמידים האָבען זיך אונטערגענומען צו שפּיעלען פרויען ראָלען. כדי עס זאָל ניט זיין קיין מניעה צו קריגען אן ערלויבנים אויף די פאָרשטעלונגען, האָט מען בעשלאָסען צו געבען א גאנצע רייהע ספּעקטאקלען און די הכנסה זאָל געהן אויף די פערוואונדעטע סאָלדאטען אין סעוואס־טאָפּאָל. די סעוואסטאָפּאָלער מלחמה האָט זיך ערשט דעמאָלט צופלאקערט. אין בערדיטשעוו זיינען דעמאָלט געווען א סך חיל, און די גענעראלען האָבען זיך אַנגעכאַפּט אן דער אידעע, זיי האָ־בען גענומען דעם שטאָדטישען טהעאטער און איבערגעגעבען איהם

וואונדעטע. בעדאנקט זיינען געוואָרען אלע, וואָס האָבען אנטהייל גענומען אין די דאָזיגע פאָרשטעלונגען.

ווי לאנג א. און ב. זיינען נאָך געבליעבען אין זשיטאָמירער ראבינער שול איז ניט בעוואוסט און עס איז אויך ניט נויטיג צו וויסען. נאָר זייערע אידישע פאָרשטעלונגען אין בערדיטשעוו מיט'ן אנטהייל פון פיעלע ראוויניסטען, פארשטעלונגען וואָס האָבען פון איין זייט ארויסגערופען אזא ביטערען קאמפף פון די פרומע אידען און פון דער צווייטער זייט פערדיענט אן אלערהעכסטען דאנק, האָבען לאנג־לאנג געדארפט לעבען אין די מוחות פון די תלמידים און שטענדיג האלטען פאר זייערע אויגען די מעגליכקייט פון א אידישען טהעאטער.

אויף אזא אופן זיינען די תלמידים פון דער ראבינער שול געוואָרען פאר דער מאָדערנער אידישער דראמע דאָס, וואָס מיט אָנדערהאלבען הונדערט יאָהר פריהער זיינען די תלמידים פון די ישיבות געוועזען פאר'ן פורים־שפיעל.

עס איז געוועזן ניט קיין בלינדער צופאל, וואָס דער פעסטער גרונדשטיין פון דעם אידישען טהעאטער איז שפּעטער געלעגט געוואָרען דורך א תלמיד פון דער ראבינער שול.

אין די פופציגער יאָהרען האָט זיך בעוויזען א נייער מין אונ־טערהאלטונג צווישען אידען, אן אונטערהאלטונג וואָס האָט נאָר געקאָנט געמאָלט זיין, ווען די שול און דער בית־המדרש און די קלויז האָבען אויפגעהערט צו פערשפּרייטען זייער גייסטיגע השפעה אויף א געוויסען טהייל אידען. עס האָבען זיך בעוויעזען, די אזוי גערופענע, „בראָדער זינגער". מיט'ן נאָמען „בראָדער זינגער" ווערט ניט געמיינט א בעשטימטע פערזאָן אָדער א בעשטימטע קאמפּאָ־ניע, דאָס איז א כלל־נאָמען פאר די זינגער, וואָס האָבען אונ־טערהאלטען אידען מיט זייערע ליעדער און פרימיטיווע פאָרשטע־לונגען אין די פופציגער, זעכציגער און זיבעציגער יאָהרען, ביז גאָלדפאדען האָט זיך בעוויעזן, און וואָס האָבען געשטאמט פון בראָד.

דאָס זיינען געוועזן פּראָפעסיאָנעלע זינגער, וואָס האָבען מיט חזנות גאָר ניט געהאט צו טהאָן. זיי פלעגען זינגען אין לאָקאלען,

זיי האָבען קיין אידיש ניט פערשטאַנען האָבען זיי אבער גוט פער־שטאַנען די האנדלונג. דערביי האָבען די תלמידים גוט פארגע־שטעלט בעקאנטע לאָקאלע טיפען, וועלכע זיינען געווען ניט פרעמד די אָפּיצערען אין לעבען.

דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די אידען. זיי האָבען דע־רין געזעהן א חוזק־מאכעריי פון אידען. און ווער טרייבט דעם שפּאָס? זייערע אייגענע ברידער! און מיט מעהר אייפער האָ־בען זיי געזוכט צו שטערען די דאָזיגע פארשטעלונגען.

דער קאמפּף איז אָנגעפיהרט געוואָרען ביים גאראדניטשי, וועלכער האָט דאָס געדארפט געבען די ערלויבנים. ביידע צדדים האָבען געקעמפּפט מ״ט אלע כחות, די אידישע פּאָרשטע־הער — אז מען זאָל קיין אידישע פּאָרשטעלונגען ניט געבען, און רוסישע אָפיצערען — אז מען זאָל שטעלען אידישע פּיעסען. און דער סוף איז געווען, אז געזיעגט האָבען די אָפּיצע־רען: דער פּאטריאָטישער מאָטיוו פון די פארשטעלונגען האָט פערשלאָגען אלץ.

די פּיעסען זיינען ניט געווען צענזורירט, ווייל זיי זיינען גאָר ניט לאנג צוריק פערפאסט געוואָרען, נאָר די אידען האָבען ווע־גען דעם ניט געוואוסט.

די אידישע פּיעסע איז געשטעלט געוואָרען עטליבע מאָל און יעדעס מאל איז זי אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג. נאָכדעם האָט מען געשטעלט א מאַלאָראָסישע פּיעסע און נאָכדעם א רוסישע. אין דער לעצטער האָט געמאכט א פוראָר א יונגער רא־וויניסט, וואָס האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א יונגע מיידעל. דער פוראר איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט איהם געשלעפּט פון איין לאָזשע אין דער צווייטער און מען האָט פון איהם נחת גע־קליעבען.

ווען די קאניקולען האָבען זיך געענדיגט איז געוואָרען אויס טרופּע, אויס טהעאטער און אלע האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין שול. שפּעטער איז אָנגעקומען אן אלערהעכסטער דאנק פאר די נדבה, וואָס די פּאָרשטעלונגען האָבען איינגעבראכט פאר די פער־

איינפלעכטען אין פּראָזע און עס זאָל אויסקומען עפּעס א היתר צום ליעדעל. די זינגער טרעטען ניט ארויס פאר'ן עולם ווי זיי שטעהען און געהען, און האָבען בעזונדערע מלבושים וואָס זאָלען פּאסען צום כאראקטער פון דעם ליעדעל. האָט דאָס ליעדעל צו טהאָן מיט חסידים, טהוט זיך אָן דער זינגער ווי א חסיד, אין א לאנגער אטלעסענע קאפּאָטע מיט א גארטעל, מיט א טלית קטן, מיט שיכעלאך און לאנגע זאָקען. דערצו פּאָדערט זיך אויך א שטריימעל מיט א געוויסען סאָרט פּאות, וואָס מען קען זעהן נאָר אויף דער ביהנע, מסתמא דערפאר וואָס אזוי געהען די חסידים א'ן גאליציען און וואָס די אבי־אבות פון די זינגער זיינען געווען בראָדער. האָט א ליעדעל געהאט צו טהאָן מיט א דייטש, האָט זיך דער זינגער ארייגעווארפען אין א לאנגע פּאָר הויזען, קורצען רע־קיל און געפּוצטע שיך. דערצו האָט מען שוין אויך גערארפט אבי־סעל גרימירען זיך, אליץ אויף א פּרימיטיווען אופן. עס פערשטעהט זיך, אז די זינגער זיינען נאָך ניט דערוואקסען צו אזא הרחבה, אז זיי זאָלען האָבען אונטער דער האנד שמינקע און א פּענזיל און פּודרע און א פּארוקמאכער. אן אבגעברענטע שוועבעלע איז געווען איבערגענוג צו מאכען שווארצע פּאסען אויפ'ן פּנים, און א רויט שטיקעל פּאפּיער, אין וועלכען מען וויקעלט איין צוקערקעס, איז געווען די והותר אָנצופארבען א פּנים רויט.

ווי שוין געזאָגט, איז פאר די ערשטע זינגער געווען גענוג צו בעגלייטען זייערע ליעדלאך מיט תנועות און האַוואַיעס און שפּע־טער איז שוין געווען נויטהיג צו געבען די זינגער א פּתחון־פּה ארויסצוטרעטען מיט א ליעד, כדי עס זאָל ניט אויסקומען, אז מען שטעלט זיך אוועק זינגען סתם אין דער וועלט אריין. דאָס האָט מען דערוויזען דערמיט, וואָס די זינגער האָבען גערעדט אָדער פאָרגעשטעלט עפּעס אזוינס וואָס האָט געהאט צו טהאָן מיט דעם ענין פון דעם ליעדעל, און נאָכדעם אז מען האָט דערצו צוגעפיהרט ווי געהעריג איז, איז מען ארויס מיט'ן ליעד.

אָט זיינען א פּאָר ביישפּיעלע פון די פּרימיטיווע פּאָרשטעלונ־גען, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען אין די וויין־קעלערען אין רומע־

וואו דער עולם איז געזעסען פאר א גלאָז וויין און משמח געווען זיך. זיי האָבען געזונגען פערשיעדענע ליעדלעך, וואָס האָבען געהאט א קאפע־שאַנטאַן כאראקטער, מיט דער מימיק און תנועות, ווי אזעל־כע ליעדלאך ווערען געוועהנליך בעגלייט אין א קאפע שאנטאַן.

דער ערשטער פון די „בראָדער זינגער" איז געווען יאקאווקע מיט א קאָמפּאניע פון דריי אָדער פיער פּערזאָן. ער איז געווען א בעקער יונג און ווען מען האָט איהם אָבגעגעבען פאר א סאָלדאט, האָט ער געדיענט אין וויען. דאָרטען האָט ער געזעהן דייטשע קאפע שאַנטאַנען און איהם איז איינגעפאלען, אז דערפון קען מען מאכען א פרנסה ביי אידען. א שטימע האָט ער געהאט א גוטע, ער האָט אויך געקאָנט אליין פערפאסען ליעדלאך, און ווען ער האָט זיך צו־ריקגעקעהרט פון דיענסט, האָט ער צוזאמענגעשטעלט א קליינע קאָמפּאניע און זיי האָבען געזונגען אין לאָקאלען.

שפּעטער האָט זיך בעוויעזען אפרים בראָדער, ער איז געווען מעהר אינטעליגענט. ער א ז פריהער געווען א בעל תפילה און האָט געהאט א גוטע שטימע. ער האָט צוזאמענגעשטעלט א קליינע קאָמ־פּאניע און האָט אונטערגעהאלטען דעם עולם מיט ליעדלאך, וואָס האָבען געדארפט שילדערן דאָס חסידישע לעבען. עס פערשטעהט זיך, אז די ליעדער זיינען בעגלייט געוואָרען מיט חסידישע האַ־וואיעס און תנועות.

נאָך שפּעטער, ביים סוף זעכציגער יאָהרען, האָט זיך בעווי־זען משה קאָפּ, וועלכער האָט געהאט מעהר ערפאָלג ווי אלע. ער פלעגט זיך אקאָמפּאנירען אויף א האַרמאָניק. אין זיין קאָמפּאַניע איז געווען משה טייך, וועלכער איז שפּעטער געווען איינער פון די ערשטע אקטיאָרען.

וואָס נעהענטער צו די זיבעציגער יאָהרען אלץ גרעסער איז געוואָרען די צאָהל פון אזעלכע זינגער קאָמפּאניעס און זיי האָבען זיך פערשפּרייט אין גאליציען, רומעניען און פון דאָרט קיין רוס־לאנד. וואָס ווייטער בעקומט די דאָזיגע אונטערהאלטונג מעהר א פּנים פון א פאָרשטעלונג. עס איז שוין ניט גענוג צו בעגלייטען די ליעדלאך מיט תנועות און האַוואיעס. מען דארף שוין די ליעדלאך

דער עיקר ביי אזא מין פאַרשטעלונג זיינען געווען די ליע־דער, און עס איז מערקווירדיג, הגם זייער מקור איז געווען א קאפע שאַנטאַן, זיינען זיי אין יענע צייטען ווייט ניט געוועזען קיין קאפע שאַנטאַנישע. די דאָזיגע ליעדער האָבען מיט זייער כאראקטער, מיט זייער גייסט, מיט זייער אינהאלט אין גאנצען זיך אונטערשיידעט פון די ליעדלאך, וואָס זיינען שפּעטער איינגעפיהרט געוואָרען אין טהעאטער אין אמעריקא. דאָס רוב ליעדער זיינען געווען פון א העכערען סאָרט. זיי זיינען געווען געשריעבען פון וועלוועלע זבאר־זשער, אליקום צונזער און אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָהרען אויך פון גאָלדפאדען און לינעצקי. גאָלפאדען'ס ליעדער זיינען גע־זונגען געוואָרען אין רוסלאנד, רומעניען און גאליציען א סך פריע־הער, ווי ער האָט עפּעס געהאט צו טהאָן מיט טהעאטער, און דער עולם האָט פון זיי געלעקט די פינגער. קאפע שאנטאניש זיינען מייסטענס געווען די דועטען.

פון די זינגער זיינען ניט נאָר די „בראָדער" געווען מפורסמים. יעדע געגענד האָט געהאט איהרע גדולים. אין רוסלאנד זיינען אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָהרען געווען די מפורסמים גראדנער און פינקעל. זייער הויפּט מקום מנוחה איז געווען אין אדעס און זיי האָבען געזונגען דאָרטען אין די וויין־קעהלערען.

אין אדעס האָט שטארק אויסגענומען דאָס ליעד „דאָס אדע־סער ווייבעל." ווי אלע ליעדער פון דעם סאָרט אין יענער צייט, איז דאָס „אָדעסער ווייבעל" געווען פערזעהן מיט פּראָזע, וואָס האָט געדארפט רעכט מאכען דאָס זינגען. אין דער „אדעסער ווייבעל" קומען אריין דריי פּערזאָן. א חסיד, א לעהרער און א פרוי. עס איז פערשפּאָרט צו זאָגען, אז קיין פרויען האָבען דאמאָלט ניט געזונגען און ניט געשפּיעלט אין די לאָקאלען. גראדנער האָט זיך אָנגע־טהאָן ווי א חסיד'ל, און פינקעל האָט זיך פערקליידט פאר א ווייבעל.

דער אינהאלט פון „אדעסער ווייבעל" איז אזא:

א ווייבעל האָט געהאט א מאן א חסיד. ער איז געזעסען אין בית־המדרש און האָט גע'שכור'ט. א לעהרער איז אריינגעקומען. זי קלאָגט זיך פאר איהם, אז איהר מאן איז א לא יוצלח, א באנק־

ניען און אין רוסלאנד איידער גאָלדפֿאַדען האָט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע.

„דער גנב" איז א ליעד, וואָס איז געשריעבען געוואָרען פון דעם בעוואוסטען פֿאָלקס־דיכטער וועלוועל זבארזשער (עהרענ־קראנץ). א קאָמפּאניע זינגער האָבען גענומען דאָס ליעד און צו־געגעבען דערצו א סצענקע. א איד זיצט אויפ'ן בעט און לייענט קריאת־שמע און ווען ער לעגט זיך שלאָפען, קומט אריין א גנב דורכ'ן פענסטער און פאקט איין די זאכען. דער איד כאפט זיך אויף פון דעם גערויש און מאכט א גוואלד. דער גנב אנטלויפט, נאָר מען כאפט איהם און ווען דער פּאָליסמאן פיהרט איהם אריין צוריק אין שטוב, שטעלט זיך דער גנב זינגען דאָס ליעד: „דער גנב".

„דער וכוח צווישען חסיד און דייטש" איז איינע פון יענע ליעדער, וואָס זיינען געשאפען געוואָרען אין א גרויסער צאָהל אין דער צייט פון השכלה. די זעלביגע קאָמפּאניע, וואָס האָט „פער־זינגערט" דעם „גנב" האָט דאָס זעלביגע געטהאָן מיט'ן וכוח. עס ווערט פאָרגעשטעלט, ווי א מלמד לערענט מיט א אינגעל אין חדר און כאפּט זיך אז עס איז שוין צייט צו געהן דאווענען. ער געהט ארויס פון שטוב און ער קעהרט זיך באלד צוריק אלס דייטש. פון דעם שמועס מיט'ן אינגעל ווייזט זיך ארויס, אז דער דייטש איז דעם מלמד'ס א ברודער. ער איז מיט יאָהרען צוריק אוועקגעפאָה־רען שטודירען און האָט זיך יעצט צוריקגעקעהרט אהיים. ער ער־קלערט דעם אינגעל די גרונדלאגען פון השכלה און לעגט חסידות אין דר'ערד אריין. עס פערשטעהט זיך, אז ער רעדט דייטש, און דער אינגעל פערשטעהט ניט א וואָרט, און אז ער איז פארטיג מיט'ן רעדען הויבט ער אָן צו זינגען א ליעד און דער אינגעל ענט־פערט איהם, און עס קומט ארויס א מין דועט.

די „פּראָזע", אָדער די ווערטער וואָס די זינגער האָבען גע־רעדט, איידער זיי זיינען צוגעקומען צום ליעד, איז ניט געווען קיין פערשריבענע, דאָס האָבען די זינגער אליין פערפאסט און האָבען עס גערעדט בעל פּה. זיי האָבען געקאָנט בייטען די ווערטער, צוגעבען הכיצאות און טהאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט.

אויף אזא אופן זעהען מיר, אז די נויטהיגע שטיינער פאר א בנין פון א טהעאטער זיינען שוין געווען אָנגעגרייט און עס האָט זיך נאָר געפאָדערט דער בוימייסטער, וואָס זאָל פערשטעהן, וואָס מען קאָן אויסבויען פון דעם גרייטען מאטעריאל.

קוועטשער. דער מאַן קומט און עס הויבט זיך אָן א קריעג צווישען איהם און איהר אין דער פאָרם פון א דועט:

ע ר. זאָג מיר, דו ווייבעל, דו שעהנע, דו פיינע,
וואָס זיינען דיר פערוויינט די אויגען דיינע?
ז י. וואָס זאָל איך ניט וויינען, אין דר'ערד ניט אריין,
איך האָב אזא חסיד, א פליאסקע א מאַן.

אזוי זיינען געווען געבויעט אלע ליעדער, וואָס די זינגער האָבען געזונגען אין אָנהויב פון די זיעבעציגער יאָהרען, סיי אין רוסלאנד, סיי אין רומעניען און סיי אין גאליציען. שטימען אליין זיינען ניט געווען גענוג פאר די דאָזיגע ליעדער, די זינגער האָבען געדארפט קאָנען געבען א מין פאָרשטעלונג. וואָס לעבעדיגער איינער האָט זיך ארויסגעוויעזען אין אזא פאָרשטעלונג, אלץ גרעסער איז געוואקסען זיין נאָמען צווישען די בעזוכער פון די וויין־קעהלערען.

ווי פרימיטיוו אזעלכע פאָרשטעלונגען זיינען ניט געווען, זיינען די זינגער אין א קליינעם פארמאט געווען אקטיאָרען, און הגם זיי האָבען נאָר געהאט געצעהלטע ראָלען — א חסיד'ל, א „דאטש", א ווייבעל — האָבען זיי אבער געוואוסט, ווי א קעהר צו טהאָן זיך אויף א ביהנע און ווי פארצושטעלען א לעבעדיגען מענשען.

די פערשיעדענע קאָמפּאניעס, וואָס האָבען ארומגעוואָגעלט איבער די גרעסערע שטעדט אין רוסלאנד, רומעניען האָבען געוויזען, אז עס האָט זיך שוין פאָרמירט א היבש פובליקום, וואָס לעקט די פינגער פון אזא מין אונטערהאלטונג וואָס האָט א שייכות מיט א טהעאטער־פאָרשטעלונג, און צו טהעאטער איז געווען אין אידישען גייסט צו ניט. דער עולם האָט זיך שוין איבער אזעלכע פראגען ניט פערטראכט און איז מיט א גרינגען הארצען געגאנגען זעהן און הערען די זינגער אין די וויין־לאָקאלען.

אנגעצונדען די פאנטאזיע פון די אנדערע תלמידים און דיווענד אליין פון דער ראבינער־שול האבען גערעדט וועגען טהעאטער.

אברהם גאלדפאדען איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער דאזיגער אטמאספערע און דערצו האט אויף איהם געמאכט אזא שטארקען איינדרוק דר. עטינגער'ס דראמע אז נאך מיט עטליכע יאהר פריהער, ווי ער האט זיך גענומען צו א אידישען טהעאטער, האט ער אנגעשריבען א קאמעדיע אדער א פארס, וואס ווייזט דייטליך אויף בולט דעם איינפלוס פון „סערקעלע."

די קאמעדיע הייסט „די מוהמע סאסיע" און איז גאנץ לעבעדיג געשילדערט. דער סיוזשעט איז א ביסעל א פערפלאנטערטער, גאר ניט ווי אין די אנדערע שפעטערדיגע פארסען. סאסיע ווי סערקעלע איז די עקרת הבית און געהט אין ספאדעק. זי וויל זעהר אויסגעבען איהר שוועסטער און געפינט א שניידער א ליטוואק, וועלכער איז פיקס און פארטיג צו געהן צו דער חופה. נאר אין דעם טאג פון דער חתונה קומט אן דעם ליטוואק'ס ווייב און דערלאזט ניט איהר מאן עובר זיין אויפ'ן חרם דרבנו גרשם. אין דער שטיק איז נאך איינגעוויקעלט א צווייטער סיוזשעט. סאסיע האט א פלימעניצע און טהוט איהר אן געבראטענע צרות. דער מאן וואלט זיך וועלען אננעהמען פאר איהר, האט ער אבער מורא פאר זיין פלונית'טע (גראד ווי אין סערקעלע). זיין פריינד איספאנסקי קומט צו הילף און דורך א רמאות געלינגט זיי חתונה צו מאכען די ארימע פלימעניצע. די בילדער זיינען אזוי לעבעדיג, אז דער דאזיגער פארס איז א סך בעסער פון די אלע אנדערע פון דעם מין, וואס גאלדפאדען האט נאכדעם געשריבען.

אין 1872 האט גאלדפאדען אויך געדרוקט א דיאלאג, אונטער'ן נאמען „צוויי שכנות". דאס איז א שמועס צווישען צוויי ווייבער, וועמעס קינדער, אלטערוניו און זיידוניו, שפיעלען זיך אן א זייט. שיינדעלע און גנעסיע מאכען איינע די צווייטע אמת'ע ווייבערשע קאמפלימענטען און געפינען ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען זייערע הייסע ווינשעוואניעס איינע פאר דער צווייטער:

שיינדעלע. און איך וועל טאנצען ביי אייער זוהן אויף דער חופה!

אכטער קאפיטעל.

דער גרינדער פון אידישען טהעאטער.

אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָהרען זיינען שוין אלע דריי נויטיגע עלעמענטען פאר א אידישען טהעאטער געווען פארטיג. עס זיינען געווען די דיכטער וואָס האָבען פערשטאַנען צו שאפען דראמאטישע זאכען פאר דער ביהנע; עס זיינען געווען די פאָלקס־זינגער, וואָס האָבען געגעבען אין ויין־קעהלערען מיניאטורע פאָר־שטעלונגען און עס איז שוין געווען א היבשע פובליקום וואָס האָט זיך לחלוטין ניט געקימערט וועגען „מושב לצים„ און וואָס האָט געפאָדערט אזא אונטערהאלטונג, וואָס מען געפינט אין א טהעא־טער.

אין דער צייט האָט זיך בעוויזען אברהם גאָלדפאדען. נאָך זיינענדיג א תלמיד פון דער זשיטאָמירער ראבינער־שול האָט ער ארויסגעוויזען א תשוקה צו טהעאטער. אין די זעכציגער יאָהרען האָבען די תלמידים מיט דער צומוטהיגונג פון די אידישע לעהרער געגעבען א פאָרשטעלונג פון „סערקעלע", און גאָלדפאדען האָט גע־שפּיעלט די הויפּט־ראָלע אין דער דאָזיגער פּיעסע. אָט דער פאקט דארף אויסגעטייטשט ווערען, אז די היסטריאָנישע קונסט איז איהם געווען נאָהענט צום הארצען און זיינע חברים האָבען געוואוסט, וואָס ער קאָן דערינען אויפטהאָן.

די אטמאָספער פון דער זשיטאָמירער ראבינער־שול צו דער צייט וואָס גאָלדפאדען האָט דאָרטען געלערענט איז געווען אזא, וואָס האָט געוועקט די תשוקה פון די תלמידים צו דער דראמאטי־שער קונסט. דער גרויסער ערפאָלג פון די תלמידים, וועלכע האָבען אין די פופציגער יאָהרען געגעבען עטליכע אידישע פאָרשטעלונגען אין בערדיטשעוו און דער אָפּיציעלער דאנק וואָס זיי האָבען גע־קריגען פון דער רעגיערונג פאר זייער גוטער ארבייט, האָט ממש

קודש׳דיגען שיר. דער בעוואוסטער שרייבער אברהם בער גאָט־לאָבער איז דעמאָלט געווען לעהרער אין דער דאָזיגער קאזיאָנער שול און האָט זיך פּעראינטערעסירט מיט דעם גרעסטענעם אינגעל און האָט זיך בעזונדערס אָבגעגעבען מיט איהם, געלערענט איהם העברעאיש און געוועקט אין איהם דעם פּאָעטישען געפיהל.

גאָטלאָבער איז אבער ניט נאָר געווען א העברעאישער שרייבער און דיכטער, ער האָט אויך געשריבען אידישע לידער. פון זיין טאַטען דעם חזן האָט ער גע׳ירש׳עט א גוטע שטים און א ליעבע צו נגינה. ער פלעגט אליין שאפען די נגונים צו זיינע לידער. די דאָזיגע לידער מיט די נגונים האָט גאָלדפאדען איבערגענומען און פלעגט זיי שפּעטער מיט חשק זינגען אין דער ראבינער שול.

ביי גאָטלאָבער׳ן האָט ער זיך אויך באקאנט מיט דער אידישער דראמע, און אויב גאָלדפאדען האָט אין דער „מוהמע סאָסיע“ ארויסגעוויזען דעם שטארקען איינפלוס פון „סערקעלע“, האָט ער אין די שפּעטערדיגע פארסען געוויזען דעם איינפלוס פון גאָטלאָבער׳ס „דעקטוך“.

די אידישע לעהרער און ראבינער־שול האָבען געהאלטען אן עולם ומלאה פון דעם יונגען דיכטער גאָלדפאדען און געלעגט אויף איהם גרויסע האָפנונגען און נביאות געזאָגט, אז ער וועט אמאָל זיין א ציערונג פאר דער העברעאישער ליטעראטור, און דאָס האָט איהם געהאָלפען ארויסצוקומען פון די עקזאמענס מיט גאנצע ביינער. ווי די מייסטע פּאָעטען האָט ער ניט ליעב געהאט קיין מאַטעמאטיק און די טרוקענע חשבונות זיינען איהם געווען דערווידער. ער וואָלט קיין מאָל ניט אויסגעהאלטען דעם עקזאמען אין דער דאָזיגער חכמה, נאָר א דאנק זיין וואקסענדען, פערשפּרעכענדען טאַלאנט, איז ער נצול געוואָרען פון דעם גזלן דעם לעהרער פון מאַטעמאטיק.

נאָכ׳ן ענדיגען די ראביענר־שול איז ער געוואָרען א לעהרער פון קאזיאָנער שול, פריהער אין סימפערעאָפאָל און נאָכדעם אין אדעס, וואו ער האָט חתונה געהאט מיט ווערבעלס טאָכטער.

גאָלדפאדען איז געווען צו לעבענס־לוסטיג פאר אזא טרוקענע פּראָפעסיע און א חוץ דעם איז דער געהאלט פון א לעהרער דע־

גנעסי. און איך וועל אייערען צוטראגען די גילדערנע יויך!

שיינדעלע. און איך וועל טאנצען א קאזאטשאק מיט'ן מחותן.

גנעסי. און איך וועל טאנצען מיט די מאנסבילען אין מיטען.

שיינדעלע. א פאר לייכטער דרשה־געשאנק אייער אלטע־רוניון!

גנעסי. און איך א פאר פריאלען אייער זיידוניון!

שיינדעלע. און איך וועל אייער פאר־פאלק אונטערבעטען דאס קישען.

גנעסי. אוי, דאס איז א גוטער פריינד, לאמיר זיך צוקושען.

און בשעת די דאזיגע הייסע ווינשעוואניעס פליהען פון איינער צו דער צווייטער און די הערצער פון די יונגע מאמעס זיינען אזוי דערווארעמט, אז די שכנות כאפען זיך אזש קושען, קאנען זיך די קינדער צווישען זיך מיט עפעס ניט צוטהיילען און הויבען זיך אן צו שלאגען.

די הייסע פריינדשאפט צווישען די שכנות ווערט תיכף איבערגעריסען. יעדע גיט זיך א ווארף צו איהר קינד און איינע הויבט אן אויסצו'בטל'ען אלע איהרע חלומות אויף דער צווייטער און איינע אויף דער אנדערער לייענט אוים א צעטיל פון כל דבר אסור.

אברהם גאלדפאדען איז געבארען געווארען דעם 20טען יולי, 1840, אין אלט קאנסטאנטין, וואלינער גובערניע, רוסלאנד. זיין פאטער איז געוועזן א זייגער־מאכער, וועלכער איז געווארען אנגעשטעקט פון דער השכלה. דעמאלט איז געוועזן די צייט פון פאניקעס און געוועהנליך האט מען פאר רעקרוטען געכאפט די קינדער פון בעלי מלאכה'ס. די קינדער פון רייכערע בעלי בתים האט מען ניט אנגעריהרט, נאר בעלי מלאכה'ס האבען אויך געהאט א מיטעל ווי אזוי צו בעווארענען זייערע קינדער פון די כאפערס, און דער מיטעל איז געוועזן צו שיקען זיי, די קינדער הייסט עס, אין שקאלעס. אברהם גאלדפאדען איז געוועזן צווישען די ערשטע קינדער אין דער קאזיאנער שקאלע. ער האט ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען און צו צעהן יאהר האט ער אנגעשריבען א לשון־

וואוינט צום נאָמען „געשעפטסמאַן," איז ער געצוואונגען געווען צו ערקלערען זיך באנקראָט. און שוין גאָר ניט ווי א געשעפטסמאַן איז ער אוועק ניט נאָ פון אדעס נאָר אויך פון רוסלאַנד.

ער איז אָנגעקומען אין מינכען און דאָרטען געוואָלט שטודי־רען מעדיצין. אלס געענדיגטער פון ראבינער־שול, זיינען פאר איהם געווען אָפען די אוניווערזיטעטען אין רוסלאַנד, נאָר מסתמא צוליעב דעם באנקראָט האָט ער דאָרטען שטודירען ניט געקענט. נאָר אין מינכען האָט ער געטראָפען א געוועזענעם לעהרער פון אלט קאָנסטאַנטין, וועלכער האָט דאָרטען אויסגעשטודירט אויף דאָקטאָר מעדיצין. יענער האָט איהם קלאָר געמאכט, אז מיט זיינע פאָ־דערונגען פון לעבען וועט ער לאנג קיין סטודענט ניט בלייבען און ער וועט גאָר אומזיסט זיך פלאָגען און ער האָט די עצה געפאָלגט און אָבגעזאָגט זיך פון דעם געדאנק צו שטודירען ווייטער.

אין דער צייט איז שוין זיין נאָמען געווען פאָפולער צווישען די העברעאישע און אידישע לעזער און מעהר צווישען די אידישע, ווייל דערצו האָבען געהאָלפען זיינע ליעדער, וואָס מען האָט צו דער צייט געזונגען אין א סך, א סך אידישע הייזער.

ער האָט זיך מיישב געווען, אז נאָך אלעמען איז זיין פאך לי־טעראטור און ער האָט אָנגעהויבען צו טראכטען וועגען א אידישע צייטונג. אין רוסלאַנד האָט ער קיין צייטונג ניט געקאָנט ארויס־געבען — דערצו האָט זיך געפאָדערט א ספעציעלע ערלויבניס פון דער רעגיערונג און דאָס איז געווען שווער אָדער גאָר אונמעגליך צו קריגען. נאָר דערפאר האָט א צייטונג, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אויסלאַנד, געמעגט אריין אין רוסלאַנד. ער איז אוועק אין לעמבערג און צוזאמען מיט יואל לינעצקי צוגעטראָטען צו א ווע־כענטליכער הומאָריסטישער צייטונג אונטער'ן נאָמען „ישראליק." דאָס איז געווען אין 1875. נאָר די צייטונג האָט לאנג זיך ניט גע־האַלטען, און אין א יאָהר ארום, אין 1876, גיט ער שוין ארויס אין בוקאָווינא אן אנדער צייטונג אונטער'ן נאָמען „דאָס בוקאָווינער איזראַעליטישע פאָלקס בלאט." די צווייטע צייטונג האָט געהאַט נאָך אן ערגערען מזל און נאָר א קליינע צאָהל נומערען זיינען פון איהר ארויס. אין דער צייט איז איהם אָנגעקומען א בריעף פון

כיאַלט געווען נאָך צרה'דיגער ווי איצט. „18 רובעל מיט קאָפּי־קעס האָט א לעהרער דעמאָלט בעקומען געהאלט!" האָט גאָלדפאַדען שפּעטער געמאכט חוזק דערפון. און דאָס קומט אויס א פיער רובעל א וואָך, כמעט אזוי פיעל, וואָס אן אָרימער מלמד האָט גע־קריגען אין א קליין שטעדטעל. ער האָט אוועקגעוואָרפען חרפה א־א זייט און איז אריין אלס קאסיר אין א מאַגאַזין פון דאמען־היט.

די שכירות פון א קאסיר אין אזא געשעפט זיינען אויך ניט געווען אזעלכע, וואָס האָבען איהם געקאָנט צופריעדען שטעלען. נאָר ווי עס שיינט האָט ער דערביי געהאט אן אנדער כונה. ער האָט זיך געוואָלט בעקאָנען מיט'ן דאָזיגען געשעפט, כדי ער זאָל שפּע־טער קענען אליין עפענען אזא מאגאזין. און טאקע אזוי איז גע־ווען. ס'האָט לאנג ניט געדויערט און אויף איינער פון אדעסער גאַ־סען האָט זיך געעפענט א מאגאזין פאר פרויען־היט מיט א שילד, פון וואנען עס האָט ארונטערגעקוקט דער נאָמען גאָלדפאדען.*) דאָס געשעפט איז אָנגעגאנגען גאנץ לעבעדיג כל זמן מען האָט גע־געבען סחורה אויף קרעדיט, נאָר ווען די קרעדיטאָרען האָבען גענו־מען פאָדערען געלד, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז עס איז ניטאָ מיט וואָס צו בעצאָהלען זיי, און איידער ער האָט זיך נאָך רעכט צוגע־

---

*) ווען ער איז אריינגעטראָטען אין ראבינער־שול האָט ער געהייסען גאָלדענפאָדים און האָט נאָך דעם דאָזיגען נאָמען געברויכט, ווען ער האָט געלאָזט דרוקען זיין זאמלונג פון אידישע ליעדער „אידעלע" (1866). דאָס לעצטע ליעד אין דער דאָזיגער זאמלונג ענדיגט זיך מיט'ן פערז:

„מיר נעהמען ניט בײדע מיט פון דאנען,
מיך זיינען בײדע גלייכע צדדים;
מיך ווערט מען כאָטש אַ צייט דערמאנען:
דאָס האָט געשריבען א. גאָלדענפאָדים.

נאָר אויף דער עצה פון אַ לעהרער אין ראבינער־שול האָט ער גע־ענדערט דעם נאָמען אויף גאָלדענפאדען, כדי אָבצורייבען פון איהם דעם פראָסט־אידישען קלאנג און נאָך שפּעטער האָט ער שוין אַליין פער־קירצט אויף גאָלדפאדען.

גראדנער האָט זיך אויסגעצייכענט פון אנדערע ליעדער־זינגער סיי מיט זיין טאַלאנט, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אין א רוי־ הען, ווילדען צושטאַנד, און סיי מיט זיין מוטה, ענערגיע און אונ־ טערנעהמונגס־גייסט. ער איז געווען געבענשט מיט א געבאָרענעם טאלאנט, וואָס האָט נאָר געפאָדערט ענטוויקלונג און שולונג. ביי די ערשטע ווארימע שטראהלען פון א ביהנע האָט זיך זיין טאַ־ לאנט צובליהט און ער האָט זיך אויסגעצייכענט סיי אין קאָמישע ראָלען און סיי אין טראגישע, און ער איז געוואָרען דער גרעס־ טער אקטיאָר פון זיין צייט.

גאָלדפאדען האָט איהם כאראקטעריזירט אין די ווערטער:

„גראדנער האָט שעהנע פעהיגקייטען: ער בעזיצט א געזונ־ טע אנגענעהמע נאָר נישט נאָך אויסגעארבייטע באריטאָן־שטימע. זיינע בעוועגונגען און מימיק איז בעפריעדיגענד נאָר ווילד. ער פאָדערט איינע רעגעלמעסיגע ענטוויקלונג און מעלאָדיע.“

דאָס איז די כאראקטעריסטיק פון גראדנער, ווען גאָלדפאדען האָט איהם ערשט דערקאָנט.

מען ווייסט זעהר ווייניג וועגען דעם ערשטען בעדייטענדסטען אקטיאָר. אלץ וואָס מען ווייסט וועגען איהם איז, אז ער איז גע־ בּאָרען געוואָרען אין דער ליטא און דאָרטען האָט ער זיך אויסגע־ האָדעוועט. אלס יונגער בחור׳ל האָט ער געהאט די מלאכה פון א פאפיראָסענמאכער און האָט געארבייט אין ווילנא ביי שישמאָן און דורונטש אין פאבריק. נאָר די דאָזיגע ארבייט איז איהם ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער וועלט פּרובען זיין מזל. ווי אזוי ער איז געוואָרען א ליעדער זינגער איז ניט בעקאנט. נאָר ווען גאָלדפאדען האָט איהם בעגעגענט אין יאסי, האָט ער ארויסגעוויזען מעהר אנטרעפּרענעאָרישען גייסט ווי די אנ־ דערע.

גראדנער האָט זיך ניט בענוגענט ווי די אנדערע ליעדער־זינ־ גער צו געבען א „פאָרשטעלונג“ ערגעץ אין א שטוב ביי א בעל־ הבית אָדער אין א שיינק. ער האָט געשטרעבט נאָך גרעסערעס און האָט אויסגעקליבען די גרויסע שטעדט פאר זיין טהעטיגקייט. ווען ער איז אָנגעקומען אין א גרויסער שטאָדט האָט ער גענומען א

זיינעם אן אבאָנענט, מיט'ן נאָמען יצחק ליברעסקו, וועלכער איז געוועזן איינער פון די משכילים אין יאסי, רומעניען, און וועלכער האָט איהם געמאכט דעם פארשלאג, אז ער זאָל די רעדאקציע פון דעם בלאט איבערטראָגען אהין. א. גאָלדפאדען האָט זיך אן דעם פאָרשלאג אָנגעכאפּט און איז אָנגעקומען קיין יאסי, צווישען די ימים טובים אין 1876.

אין יאסי איז דעמאָלט געוועזן דער ליעדער־זינגער גראדנער, וועלכער האָט יעדען שבת צו נאכט אָבגעגעבען „זמירות" אין א קליין גערטענדעל ביי שמעון מארק.

גראדנער איז געוועזן יאקאָווקע'ס א תלמיד און זיין רעפּוטאַציע האָט צו יענער צייט דערגרייכט אין דריי מדינות: רוסלאנד, עסטרייך און רומעניען. ער איז געוועזן א פרעמדער פלאנץ אויף דעם דאָזיגען פעלד. ער איז אפשר געוועזן דער איינציגער ליטוואק צווישען די ליעדער־זינגער און דאָך האָט ער פערנומען צווישען זיי דעם אויבען־אָן.

עס איז שוין געוועזן דערמאָנט וואָס די ארבייט פון א ליעדער־זינגער איז געוועזן. פאר א ליעדער־זינגער איז ניט געוועזן גענוג צו זינגען א ליעד; ער האָט דאָס זינגען געדארפט בעגלייטען מיט תנועות און העויות און מיט טענץ. איז דאָס ליעד געוועזן וועגען א חסיד, האָט ער זיך אָנגעטהאָן ווי א חסיד'ל, און אויפ'ן לשון פון די בעזוכער האָט עס געהייסען „פערשטעלען" זיך. איז דאָס ליעדעל געוועזן וועגען א בעל־העגלה, האָט ער זיך אָנגעטהאָן ווי א בעל־העגלה. איז דאָס ליעדעל געוועזן וועגען א מלמד, האָט ער זיך אָנגעטהאָן ווי א מלמד, און דאָס גלייכען. דערביי האָט ער געמאכט די מימיק פון די פארשוינען וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט. אויפ'ן לשון פון די בעזוכער האָט די מימיק געהייסען „מאכען אָנשטעלען."

ווען א ליעד האָט געפאָדערט א צווייטע פערזאָן האָט דער זינגער גענומען א מיטהעלפער, וועלכער האָט אויך געמאכט די זעל־בינגע קונצען. און אזוי ווי די ליעדער האָבען צו דער צייט געהאט דעם כאראקטער פון מיניאטורע פאָרשטעלונגען האָבען זיך געוועהנליך געפאָדערט דערצו לכל הפּחות צוויי פערזאָן.

רען — אז ער אליין וועט ערשיינען פאר'ן פובליקום און דעקלא־מירען זיינע אייגענע ליעדער. דער בעל הבית פון דעם גערטעל האט זיך אנגעכאפט אן דעם און איז מרוצה געוואָרען צו געבען גאָלדפאדען הונדערט פראנק פאר דעם אָבענד און די איינטריט פרייזען זיינען פאר דעם אָבענד געהעכערט געוואָרען.

די ראָל פון א דעקלאמאטאר איז פאר גאָלדפאדען ניט געווען ניי. מיט עטליכע יאהר צוריק האט ער געגעבען אזא אָבענד אין אדעס פאר דער אינטעליגענץ און דער אָבענד איז געקרוינט געוואָ־רען מיט גרויס ערפאָלג.

גאָלדפאדען דערצעהלט וועגען דעם אבענד אין יאסי אזוי:

דער גערטעל איז געווען געפאקט, ווען גאָלדפאדען איז ער־שיענען אויף דער עסטראדע אין א פראק, אין ווייסע גלאסעע האנד־שוה, און האט ארונטערגענומען זיין צילינדער און פערנייגט זיך פאר'ן פובליקום. ער האט ערווארט דונערענדע אפלאָדיסמענטען, נאָר א חוץ עטליכע פערעהרער האט קיינער קיין האנד ניט אויפגע־הויבען און דאָס פובליקום איז געבליבען ווי פערשטיינערט.

ער האט אבער בשעת מעשה ניט פערשטאנען די ריכטיגע בע־דייטונג דערפון און האט זיך גענארט מיט'ן געדאנק, אז דאָס האט ער מיט זיין ערשיינונג אזוי איבעררראשט די פערזאמעלטע, אז זיי האבען זיך אין גאנצען פערלאָרען און ניט געוואוסט וואָס צו טהאן. ער האט קיין שהיות ניט געמאכט און דעקלאמירט „דאָס פינטעלע איד.“ ווען ער האט דאָס ליעד געענדיגט, האט ער זיך גראציעז פערנייגט צום צייכען, אז מען קאָן שוין אפלאָדירען. נאָר צו זיין טרויעריגער איבערראשונג, האָבען זיך נאָר אויפגעהויבען די עט־ליכע הענד פון די פערעהרער און דער גאנצער עולם איז געבליבען שטיל.

„דאָס פינטעלע איד“ איז אן ערנסטע ליעד און גאָלדפאדען האט א טראכט געטהאָן, אז אפשר איז דאָס צו ערנסט פאר'ן פובליקום און ער האט אָנגעהויבען צו דעקלאמירען א הומאָריסטיש־סאטירישע געדיכט „דער מלאך“, וואָס בעשטעהט פון צוויי אב־טהיילונגען: די יונגע נשמה און די אלטע נשמה. ער האט אבגע־רעקלאמירט „די יונגע נשמה.“

גרויסען לאָקאל, געמאכט דאָרטען א פּלאטפּאָרם, געלאָזט נומערי־רען די ביינקלעך און אָבדרוקען קליינע אפישען מיט דער מעלדונג, אז ער זינגט די בעסטע לידער פון די בעליעבטע פאָלקס־דיכטער: אליקום צונזער, וועלוויל זבארזשער, יואל לינעצקי און אברהם גאָלד־פאדען.

ווען גאָלדפאדען איז אָנגעקומען קיין יאסי, מיט׳ן צוועק אי־בערצוטראגען אהער זיין רעדאקציע, האָט גראדנער געגעבען זיינע זמירות אָדער קאָנצערטען אין א קליינעם גאָרטען און זיין מיט־העלפער איז געווען שכר גאָלדשטיין.

גראדנער איז געוועזן פון די ערשטע צו קומען אבגעבען איהם א ווארימען שלום עליכם. זיי האָבען ביידע ניט פערשטאַנען די בעדייטונג פון דער דאָזיגער היסטאָרישער בעגעגעניס. גראדנער האָט זיך פּשוט דערפרעהט מיט׳ן דיכטער, וועמעס לידער ער האָט געזונגען און וועלכער איז פאר איהם געווען א קוואל פון פּרנסה. לידער קאָן מען ניט זינגען שטענדיג די זעלביגע און מען דארף האָבען פון צייט צו צייט נייע. גאָלדפאדען האָט אין איהם געזעהן א קונד, וועמען ער וועט קאָנען פערקויפען עטליכע נייע לידער, און אין זיין דאמאָלדיגען צושטאנד וואָלט איהם דאָס ביסעל געלד זעהר צוניץ געקומען. עס איז אבער געווען פון ביידע זייטען א מקח טעות. גאָלדפאדען דערצעהלט מיט א ווייכען הומאָר, ווי גראדנער האָט איהם ערקלעהרט, אז דעם שכר פאר זיינע לידער בעקומט ער אין פּאָפּולאריטעט. אָט איז ער, גאָלדפאדען, ערשט גע־קומען אין א פרעמדער שטאָדט, און זיין נאָמען איז שוין דאָ בע־קאַנט פון איין עק ביז׳ן צווייטען, און דאָס איז דערפאר וואָס ער גיט אָן דעם נאָמען פון דעם דיכטער פון יעדען ליעד וואָס ער זינגט. קיין אנדער שכר קאָן מען פון קיין לידער זינגער ניט ערוואר־טען, ווייל קיין גרויסע גליקען מאכט ער דאָך אליין ניט.

גאָלדפאדענס פערעהרער האָבען איידער וואָס ווען געזוכט צו מאכען פאר איהם אביסעל געלד, וואָס ער האָט געדאַרפט זעהר נויטיג. זיי האָבען דערוויזען מיט אלע ראיות דעם אייגענטהי־מער פון דעם גערטעל, וואו גראדנער האָט געזונגען, וואָס פאר א פּוראָר עס וועט מאכען גאָלדפאדען, ווען עס וועט אַנאָנסירט ווע־

פרעהליכע חסיד'ל" פון גאָלדפאדען און דערביי געקרימט זיך און געטאַנצט און דער עולם האָט איהם דערפאר בעלוינט מיט דונערענ־דע אפּלאָדיסמענטען.

גראָדנער האָט געראטעוועט דעם אָבענד און פערמידען א מיאוס'ען סקאנדאל.

דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע לעקציע אין דעם געשמאַק פון יענעם עולם, וואָס האָט פערלאנגט אזא אונטערהאלטונג, וואָס האָט דערמאנט טהעאטער. אויב גאָלדפאדען האָט פריהער געהאט טהעאָריעס וועגען א ביהנע, זיינען זיי נאָך דעם דאָזיגען אבענד צושפּרונגען געוואָרען, ווי א זייפענבלאָז. דאָ האָט ער זיך בעגעג־נענט פּנים אל פּנים מיט יענעם עלעמענט, וואָס וועט בעזוכען א אידישען טהעאטער און ער האָט בעשיינפּערליך געזעהן, וואָס דער דאָזיגער עלעמענט פערלאנגט, און ווי אזוי מען קאָן צו איהם צו־קומען.

דאָס אלץ ערקלערט גאָלדפאדען אליין.

די נאָהענטע שייכות פון גאָלדפאדען'ס ערשטער ערשיינונג אויף א ביהנע אלס דעקלאמאטאר אין יאסי מיט דעם ווינקעל־שטיין פון דעם אידישען טהעאטער, און די וויכטיגקייט פון דעם דאָזיגען מאָמענט פאר דער אידישער ביהנע פון א היסטאָרישען שטאנדפּונקט איז אזוי גרויס, אז דאָס פערדיענט א גענויערע בע־טראכטונג און עס איז כדאי לענגער דערויף אבצושטעלען זיך.

מען דארף קיינעם קיין פינגער ניט לעגען אין מויל, פאר וואָס גאָלדפאדען האָט איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען פון דעם דאָ־זיגען דעביוט זיינעם אין יאסי. ער האָט געשילדערט יענעם אָווענד ביי שמעון מארק אין גערטעל מיט יאָהרען און יאָהרען שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען מעהר א זייטיגער צושויער און האָט גע־קוקט אויפ'ן אידישען טהעאטער מיט די אויגען פון א היסטאָרי־קער. עס איז פאר איהם ניט געווען קיין סוד, אז מען בעטראכט איהם אלס פאָטער פון אידישען טהעאטער און ער האָט גוט געדענקט ווי מען האָט איהם אויפגעוואָרפען פאר וואָס זיינע ערשטע שטי־קער זיינען געווען אזעלכע נארישע בורלעסקעס. ער האָט דאריבער געוואָלט ווייזען, אז דער פאָטער פון אידישען טהעאטער האָט קיין

דער עולם שווייגט.
דעקלאמירט „די אלטע נשמה."
דער עולם שווייגט.

ער האט זיך געלאזט געהן פון דער ביהנע, איז געווארען נאך ערגער. דער עולם האט פערלארען די געדולד און האט אנגעהויבען צו פייפען, וואס האט בעדייט: אי טייער געצאהלט אי פער־פוילטע פיש גענעסען.

די פיאסקא איז געווען די גרעסטע, וואס מען האט זיך אפילו ניט געקאנט פארשטעלען.

גראדנער איז די גאנצע צייט געשטאנען אן א זייט און האט דערפון גרויסען צער געהאט. ער איז ארויף אויף דער פלאטפארם און האט אויסגעזידעלט דאס „ווערטהע פובליקום" מיט די ערגסטע ווערטער. דער עולם איז גאר לעבעדיגער געווארען און האט איהם אפלאדירט.

פארטיג געווארען מיט'ן גאב, איז גראדנער ארונטערגעלאפען פון דער פלאטפארם, צוגעגאנגען צו גאלדפאדען און געטרייסט איהם און אין קורצע ווערטער ערקלערט איהם די אורזאך פון דער פיאסקא. דער עולם וואס האט געזעהן גראדנער'ן, וועלכער האט נאר געזונגען גאלדפאדען'ס ליעדער, פלעגט זיך ווייזען אין לאנגע פאות'ן און אין א שטריימעל און געמאכט האפקעס, האט ערווארט, אז דער מאן וואס מאכט אליין די ליעדער וועט מסתמא ערשיינען און וועט ווייזען אזעלכע האפקעס, וואס מען האט דאס נאך ניט געזעהן, און ווער ווייסט, אפשר וועט ער אויך ציהען רוי־טע שטענגעס פון נאז. ענטטוישט אין זיין ערווארטונג איז דער עולם, נאטירליך, געווען בייז און אויפגעבראכט.

גראדנער האט זיך דערמיט ניט בענוגענט און געסטארעט זיך צו פערגלעטען דעם שלעכטען איינדרוק. ער האט זיך גיך ארייג־געווארפען אין א כאלאטעל, ארויפגעכאפט א פאר פאות און א שטריימעל און איז ארויפגעשפרונגען אויף דער פלאטפארם. פון גרויס איילעניש האט ער פערגעסען אנצוטהאן א בארד, נאר דאס האט גאר ניט געשטערט. ער האט אנגעהויבען צו זינגען „דאס

שענקעל, און די ערשטע שטיקער זיינען געווען די נארישסטע, ווילדסטע, אומגעלומפערטסטע זאכען, וואס מען קען זיך נאר פאר־שטעלען, און ביי אן אינטעליגענטען מענשען האט דאס פנים גע־דארפט פלאמען פאר בושה, אז עפעס אזוינס זאל טראגען זיין נאמען.

גאלדפאדען גופא האט עס ניט געקענט פערשטעהן. ערגעץ שרייבט ער אזוי:

„איך האב ניט געקענט בעגרייפען וויפיעל מאל אין מיין יו־גענד, ביי אזא ענערגיע, ווילען און פעהיגקייטען, וואס איך האב דעמאלט געהאט און האב מיך בעשטרעבט גלייך מיט אלע מיינע שול־קאמעראדען, מיר מאכען א דעפיניטיווע קאריערע און גלייך ווי זיי ענדיגען איינע האהע־שולע אלס יוריסט אדער מעדיצינער, און ווי אויף צו להכעיס, נאר איבער א קליינע אורזאך איז דאס מיר איבערגעשלאגען געווארען. ענדליך אין דער קריעגס־צייט האב איך געהאט די געלעגענהייט גלייך ווי אנדערע פאדריאטשיקעס פער־דיענען ממון קרח און ווערען א גביר, נאר עפעס איבער א נארי־שער קליינינגקייט האט זיך דאס דריידעל א קעהר געטהאן קאפויר...“

און די קאריערע פון זיין לעבען האט ער אנגעהויבען, ווי ער דריקט זיך אויס, פון שמוציגסטען שענקעל.

ער האט פערגעסען אדער גערעכענט פאר איבעריג אנצוגע־בען די קליינע אורזאך, וואס האט איהם געשטערט צו מאכען א „דעפיניטיווע קאריערע“, נאר דאס איז פאר אונז ניט נויטיג. דאס שטודירען אין ראבינער־שול האט ארויסגערופען ניט נאר גרויסע האפנונגען אויף עולם־הזה, נאר אויך געשאפען גרויסע פאדערונ־גען פון לעבען. א גוטער יוריסט, א גוטער דאקטאר האט געלעבט אין גרויס רחבת און דער דאזיגער וועג איז געווען אפען פאר די תלמידים פון ראבינער־שול. ווען אבער א געענדיגטער ראבינער האט צוליעב וועלכער עס איז אורזאך ווייטער ניט שטודירט, האט ער זיך געמוזט בענוגענען מיט א קאזיאנער קרוין פון רבנות אדער גאר ווערען א לעהרער. גאלדפאדען איז געווען צופיעל הומאריסט פאר א מין רבנות וואס איז בעשטאנען אין שרייבען מעטריקעס און האלטען א סטערעאטיפישע דרשה אין טאבעלנע טעג. ער האט דע־

אנדער ברירה ניט געהאט און ער האט געמוזט געהן מיט'ן וועג, מיט וועלכען ער איז געגאנגען.

דאס איז אזוי ריכטיג, אז קיין צוויי מיינונגען קאנען גאר ניט זיין דערין.

דער טעות אבער שטעקט אין די מאטיווען. גאלדפאדען האט געגלויבט, אז דער דעביוט זיינער אין יאסי איז געווען דער פינגער פון גאט, וואס האט איהם געוויעזען דעם ריכטיגען וועג צו ער־פילען זיין גרויסע מיסיאן צו ווערען דער פאטער פון איצטיגען טהעאטער, און אין יענעם אווענד, ווען ער איז געשטאנען פאר א גרויסען פובליקום און דעקלאמירט זיינע ליעדער, איז איהם אנט־פלעקט געווארען ווי און וואס ער זאל שאפען. דאס איז ניט ריכ־טיג שוין דערפאר אליין, ווייל ווען ער וואלט צוגעטראטען צו זיין מיסיאן מיט אן אויסגערעכענטקייט, וואלט ער קיין מאל ניט גע־ווארען דער גרינדער פון דער אידישער ביהנע.

דער בעגעהר צו ווייזען, ווי אויסגערעכענט עס זיינען געווען די ערשטע טריט פון דעם אידישען טהעאטער האט איהם געטריבען איבערצוגעבען די איינצעלהייטען פון זיין דעביוט אין יאסי אין א ראטושירטער פארם. גאלדפאדען האט פערפעהלט צו דערצעהלען נאך א פאר איינצעלהייטען, וועלכע בעלייכטען בעסער זיין ריכטיגע פיזיאנאמיע און ערקלערען בעסער פיעלע פונקטען, וואס זיינען אונפערשטענדליך פאר דעם וואס שטודירט יענע צייט. ער האט די דאזיגע אנדערע איינצעלהייטען דורכגעלאזט, ווייל זיי האבען ניט הארמאנירט מיט דער קאנצעפציע, וואס ער האט געמאכט פון זיך גופא.

דער ערשטער אונפערשטענדליכער פונקט איז, ווי קומט איי־נער, וואס האט זיך יאהרען־לאנג מכין געווען צו רבנות, זאל זיין אפילו קאזיאנע רבנות, אנשליסען זיך אן די פאלקס־זינגער און ארומפאהרען מיט זיי און געבען נארישע פארשטעלונגען. מען דארף זיך דאך ניט נארען, די מחיצה צווישען א ראבינער און א פאלקס־זינגער איז געווען אזוי הויך, אז זיי האבען ניט געקענט האבען קיין שום מגע ומשא איינער מיט'ן צווייטען; דאס וואס מען האט דע־מאלט גערופען טהעאטער איז געווען ניט מעהר ווי א שמוציגער

א דינער פעדימעל, וואס גאלדפאדען וואלט אונטער אנדערע אומשטענדען קיין מאל ניט בעמערקט, האט געמאכט א פערבינ־דונג צווישען דעם פאלקס־זינגער און דעם פאלקס־דיכטער. גראדנער האט געזונגען גאלדפאדען׳ס ליעדער און דאס האט איצט צווישען זיי געמאכט א מין שייכות ווי פון א תלמיד און א רבי׳ן. גראדנער האט ניט נאר גערעכענט פאר זיין היילינגסטען חוב צו קומען אב־געבען כבוד זיין רבי׳ן, נאר דאס איז ביי איהם אויך געווען א פרא־גע פון פרנסה. גאלדפאדען, וועמען די צורה פון א מטבעה איז שוין באלד געווארען פרעמד, האט איצט געדארפט דענקען זעהר פלינק און ער האט אויך גלייך אבגעלערענט א קל וחומר פון גראדנער׳ען, אז דאס עפענט זיך פאר איהם א ברייטע פעלד פון פערשיעדענע מעגליכקייטען. וואס ניעדריגער ער האט ארונטער־געקוקט אויף די פאלקס־זינגער, אלץ מעהר אפטימיסטיש איז ער געווארען וועגען זיך אליין און אלץ מעהר האפנונגען האט ער גע־לעגט אויף זיין געבילדעטקייט און קענטנים פון דער וועלט. ער האט זיך איצט ניט געקימערט, וואס ער וועט טהאן אויף דעם דא־זיגען פעלד; ער איז געווען גרייט אויף אלץ.

אין זיין שילדערונג וועגען זיין דעביוט אין יאסי האט גאלד־פאדען פערגעסען צו דערמאנען איין קלייניגקייט, וועלכע ווייזט אונז, וואס ער איז געווען גרייט צו טהאן אין יענער צייט. ער האט ניט דערמאנט, אז ווען ער איז ארויס אויף דער עסטראדא האט ער זיין ליעד ניט דעקלאמירט, נאר געזונגען. גאלדפאדען האט געהאט א גוטען קול און האט ליעב געהאט נגינה. די חברים אין ראבי־נער־שול האבען געלעקט די פינגער פון זיין זינגען און פון זיינע אידישע ליעדער. נאר ער האט ניט פערשטאנען, אז דאס וואס איז געווען גוט פאר חברים, האט ניט געטויגט פאר א פובליקום, וואס איז געקומען אבגעבען כבוד דעם גרויסען דיכטער. דעם אווענד האבען פאר איהם געמאכט זיינע פערעהרער און עס פערשטעהט זיך, אז זיי זיינען געקומען פארטיג צו אפלאדירען איהם, און ווען ער וואלט טאקע דעקלאמירט קען זיין, אז דער פראסטער עולם וואלט געבליבען זיצען שטיל, אבער די פערעהרער וואלטען געפאטשט בראווא מיט אלע כחות. ווען אבער דער גרויסער פאלקס־דיכטער

ריבער קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו נעהמען זיך צו לעה־רעריי. נאָר ווי שוין געזאָגט אין דעם פאָריגען ארטיקעל, איז ער געוועזן צו לעבענסלוסטיג פאר אזא אָרימער און טרוקענער פּראָפּע־סיע. און ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט ער די לעהרעריי א שליידער געטהאָן און אריינגעווארפען זיך אין מסחור.

ווען מסחור געלינגט, גיט ער א סך מעהר רחבות ווי די בעסטע פּראָפּעסיע. און גאָלדפאדען האָט ניט סתם געוואָלט זיין א סוחר'על. ער האָט חשק געהאט צו לעבען גאָר אויף'ן ברייטען פוס און האָט זיין מסחור געפיהרט פון דער גרויסער האנד. ווערליג בעקאַנטע זיינע זאָגען, האָט דער באנקראָט זיינער אין אדעס בעטראָפען א סומע פון אכציג טויזענד רובעל, ווען ער האָט געמוזט אויפגעבען זיין מאגאזין פון דאמען־היט.

נאָכדעם זיינען שוין פאר איהם אָבגעהאקט געוואָרען אלע וועגען פון א לעבען און ער איז געבליבען נאָר מיט די גרויסע פאָ־דערונגען און אָהן שום מיטלען.

אָבער דער בייטש פון לעבען האָט איהם געטריבען צו געפי־נען עפּעס א וועג פאר זיך. פאר איהם איז נאָך געווען אָפען איין וועג, וואָס האָט געהאט א שייכות מיט זיינע פריהערדיגע פארבע־רייטונגען און מיט זיין טאלאנט און דאָס איז געווען דאָס פעלד פון זשורנאליסטיק. ער האָט אין גאָר א קורצען משך געגרינדעט איין צייטונג נאָך דער אנדערער און זיי האָבען זיינע האָפנונגען ניט פערווירקליכט.

אין יאסי איז ער פערוואָגעלט געוואָרען צוליעב די אינטערע־סען פון א נייער צייטונג, וואָס ער האָט געהאָפט דאָרטען צו גרינ־דען נאָר ער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאפּט ווי איינער וואָס טרינקט זיך אָן א שטרוי. ער האָט שוין געוואוסט, אז דאָס זשורנאליסטי־שע פעלד פערמאָגט זעהר ווענינ פאר איהם. ער האָט נאָר געקענט האָפען אויף א חיי שעה, און ערגער דערפון האָט שוין קיין זאך ניט געקאָנט זיין. ער איז איצט געווען גרייט צו ווארפען זיך אויף אלץ, און אין דעם מאָמענט פון זיין לעבען האָט זיך פאר איהם געוויעזען דער פאָלקס־זינגער גראָדנער.

נײנטער קאפּיטעל.

דער װינקעלשטײן געלעגט.

די פּיאסקאַ פון גאָלדפאדען׳ס דעביוט אין יאסי און די דאנק־באַרקײט צו גראדנער׳ן פאר זײן קומען איהם צו הילף אין אזא קרי־טישען מאָמענט, האָט זײ נאָך דעם דאָזיגען אָװענד געמאכט א סך נעהענטער אײנער צום צװײטען און פון דעם דינעם פעדימעל איז צװישען זײ געװאָרען א שטארקער באנד, און װען אויף מאָרגען נאָכ׳ן דעביוט איז גראדנער געקומען בעטען בײ גאָלדפאדען עטליכע נײע לידער, איז שוין אין גאָלדפאדען׳ס קאָפּ פארטיג געװאָרען דער גאנצער פּלאַן.

גאָלדפאדען האָט מיט׳ן אויג פון א קענער ריכטיג אָבגעשאצט גראדנער׳ס פעהיגקײטען און האָט תיכף אײנגעזעהן, אז פון איהם קען ארויסקומען א פײנע כלי. ער האָט איהם ערקלעהרט, אז עס איז א שאָד, אז אזא טאלאנט זאָל פערלאָרען געהן אויף לידעלעך און האָפּקעס און האָט איהם גלײך געמאכט דעם פאָרשלאָג, ער זאָל זיך האלטען אָן איהם, װעט ער איהם געבען די מעגליכקײט צו שפּיעלען אין אמת׳ע טהעאטער־שטיקער.

און אין יענעם מאָמענט איז געלעגט געװאָרען דער גרונד־שטײן פון א אידישען טהעאטער.

גראדנער איז געװען אַן אמת׳ער ארטיסט און די פּערספּעקטיװ פון װערען אַן אמת׳ער אקטיאָר אויף אַן אמת׳ער ביהנע, אין אַן אמת׳ען טהעאטער, איז געװען מעהר, װי ער האָט װען געקענט האָ־פען אין חלום׳ען, און ער האָט זיך דערין אָנגעכאפּט מיט בײדע הענד. ער איז איצט געװען גרײט צו דיענען דאָס גאנצע לעבען גאָלדפאדענען, אבי צו זעהן די פערװירקליכונג פון אזא שעהנעם חלום. אויס זינגער, נאָר שוין אקטיאָר! אויס שענקעל, נאָר שוין א טהעאטער! אויס קרימען זיך, נאָר טאקע אמת שפּיעלען! און

איז ארויסגעטראָטען אלס א פאָלקס־זינגער, האָבען זיי דערפיהלט א פאטש אין פנים און ביי זיי האָט זיך קיין האנד ניט געקענט הויבען. און דער פּראָסטער עולם האָט פון זיין זינגען קיין התפעלות ניט געקענט כאפען און דער אָוועגד האָט זיך געמוזט ענדיגען מיט א פיאסקא.

נאָר גאָלדפאדען׳ס ארויסטרעטען אלס זינגער ווייזט ווי אזוי דער שיקזאל האָט איהם פערבונדען מיט די ערשטע אידישע אקטיאָ־רען און ווי אזוי אויף זיין גורל איז אויסגעפאלען צו ווערען דער גרינדער פון אידישען טעהאטער.

גאָלדפאדען האָט אין דעם מאָמענט פון זיין ערשטער פיאסקא גלייך איינגעזעהן, אז אלס זינגער וועט ער זיך קיין רעפּוטאציע ניט שאפען און עס איז געוועזען לאָגיש פאר איהם צו קומען צום שלוס, אז ער קען א סך מעהר אויפטהאָן, ווען ער שטעלט זיך בראש פון די זינגער און ווערט זייער וועג־ווייזער. אויב זיי האָבען דעם טאלאנט צו זינגען און צו טאנצען און צו מאכען די נויטיגע תנועות און האוואיעס, בעזיצט ער דעם טאלאנט אריינצובלאָזען דעם גייסט פון לעבען אין זייער אונטערהאלטונג און ער האָט דעם פיינערען געשמאק צו פערוואנדלען די ווילדע תנועות און האוואיעס אין א גוטער מימיק. מיט איין וואָרט, ער קען ווערען דער דירעק־טאָר, דער דראמאטורג, דער רעזשיסער און אלץ וואָס איז נויטיג פאר א טהעאטער.

שען און דראמאטישען ווערטה. און ווי שוין געזאגט, ווען אפילו די אינטעליגענטען וואלטען זיך ניט געקרימט אין יענער צייט אויף „זשארגאן“, האט מען דעמאלט פשוט ניט געקענט אויפפיהרען קיין בעסערע פיעסען, ווייל א בעסערע פיעסע פאדערט בעסערע אקטיא־רען, און זיי קען מען פון פינגער ניט אויסברעכען.

גאלדפאדען האט דעריבער געטהאן דאס בעסטע אונטער די אומשטענדען. ער האט זיך גלייך אנידערגעזעצט און אויף דער הייסער מינוט אנגעשריבען עטליכע ערנסטע און קאמישע ליעדלעך און זיי באלד איינגעשטודירט מיט זיינע צוויי אקטיארען גראדנער און שכר גאלדשטיין.

דאס איז געווען די ערשטע שטיק, וואס גאלדפאדען האט צו־געגרייט ביים לעגען דעם גרונדשטיין פון דעם אידישען טהעא־טער. ווי דאס שטיק האט געהייסען, האט ער שפעטער אליין ניט געוואוסט, נאר דער עיקר פון דער דאזיגער פיעסע זיינען געווען די ליעדלאך. די צוויי אקטיארען האבען אויסגעלערענט די ליעד־לאך. ער האט זיי ערקלערט, וואס די האנדלונג דארף זיין, וואס זיי האבען צו טהאן און וואס צו רעדען. אויסער די ליעדלאך איז קיין זאך ניט געשריבען געווארען און קיין ראלען האט מען ניט געמאכט. בשעת מען האט שטודירט די ליעדלאך, איז אויסגעאר־בייט געווארען די „פראזע“, וואס די אקטיארען האבען געדארפט רעדען לויט דער האנדלונג. עס האט ניט אויסגעמאכט צו די אק־טיארען וועלען געדענקען אקוראט צו ניט. עס איז קיין בייז ניט געווען, אז זיי זאלען זאגען, וואס אין מויל וועט זיי ארייגפאלען. די הויפט־זאך איז געווען, אז זיי זאלען וויסען, ווען צו קושען זיך, ווען צו שלאגען זיך און ווען צו טאנצען.

דאס דאזיגע „שטיק“ איז ארויסגעקומען אין צוויי אקטען און גאלדפאדען דריקט זיך אויס וועגען איהם אזוי:

„וואס זאג איך א שטיק! א — איך וויים אליין ניט וואס — א מין דולענים, אן אונזין, א קאלאטוכע—“

און דאס איז ניט געווען קיין עניוות פון זיין זייט.

אין דעם דאזיגען שטיק איז גראדנער געווען א יונגער חסיד און גאלדשטיין זיין יונגע ווייבעל. די האנדלונג אין ערשטען

דאָס אַלץ אונטער דער השגחה און פּערזענליכער לייטונג פון אַזאַ געבילדעטען מענשען ווי גאָלדפאַדען !

גראָדנער׳ען האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען אַזאַ גליק, נאָר גאָלדפאַדען האָט איהם ערקלערט, אַז דאָס איז זיין ערנסט, און ער האָט טאַקע גלייך גענומען פערווירקליכען זיין פּלאַן.

דעם גרעסטען פערדיענסט האָט זיך גאָלדפאַדען געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט ריכטיג פערשטאַנען אָבצומעסטען די סי־טואַציאָן און בויגען זיך צו די אומשטענדען. ער האָט שוין מיט יאָהרען פריהער אָנגעשריעבען אַ קאָמעדיע „די מוהמע סאָסיע“, וועלכע ווערט גערעכענט אַלס איינע פון זיינע בעסערע שטיקער. נאָר ער האָט פערשטאַנען, אַז פאַר׳ן פּובליקום פון די זינגערס איז אַזאַ פּיעסע קיין סחורה ניט און מיט׳ן איינציגען טאַלאַנטירטען זינגער קען מען צום טיש ניט געהן. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס טהעאַטער דאַרף אויסוואַקסען פון די ליעדלעך און זינגער, וואָס ער האָט דאָ געטראָפען אין יאַסי, און די ענטוויקלונג פון דער ביהנע און פון דעם געשמאַק פון דעם פּובליקום קען נאָר צוגעהן בהדרגה. ווען ער זאָל עס ניט פערשטעהן, וואָלט ער קיין מאָל ניט געוואָרען דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאַטער.

גאָלדפאַדען איז געווען אַ קינד פון זיין פאָלק. ער האָט געקענט אויסגעצייכענט אַלע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. ער האָט אויסגעצייכענט געוואוסט דעם געשמאַק פון די בעזוכער פון די שיינקען און רעסטאָראַנען און פון דער אידישער אינטעליגענץ. ער האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז אַ אידישער טהעאַטער קען ערוואַרטען די שטיצע נאָר פון יענעם עלעמענט, וואָס האָט פּאַטראָניזירט די זינגער. ער האָט געזעהן, ווי אַזוי כּיינציג פּראָצענט פון זיינע געוועזענע חברים אין ראַבינער שול האָבען זיך פערהאַלטען צו איד־דיש. ער האָט ניט געקענט האָבען דעם מינדסטען צווייפעל, אַז דער אינטעליגענטערער אידישער עולם וועט קרימען די נאָז אויף אידישע פאָרשטעלונגען.

פאַר די אידישע אינטעליגענטען זיינען געווען אָפען די טהי־רען פון אַלע טהעאַטערס, וואו עס האָבען געשפּיעלט געשולטע אַק־טיאָרען און וואו מען האָט אויפגעפיהרט פּיעסען פון אַ ליטעראַרי־

און שטעלט אוים דעם חסיד א צונג, און דער חסיד בלייבט מיט א נאז.

דאס דאזיגע שטיק איז אויפגעפיהרט געווארען אין יאסי ארום די ימים טובים אין 1876, גאלדפאדען אליין האט עס ניט בע־טראכט פאר קיין דראמאטישע ווערק און ער האט דערויף געקוקט ניט מעהר ווי אויף א פראבע צו מעסטען זיינע אייגענע און די זינגערס קרעפטען. ווי עס שיינט, איז ער מיט דער דאזיגער פראַ־בע ניט געבליבען צופריעדען און עס איז זעהר מעגליך, אז מעהר ווי איין מאל האט מען דאס „דולענים" ניט געשפיעלט. אבער דאס האט איהם ניט אבגעשלאגען די פליגלען. ער נעהמט זיך ווייטער מיט מעהר מוטה און מעהר ענערגיע צו דעם בנין וואס ער האט אנגעהויבען.

פאר יאסי איז זיין דעביוט און די ערשטע שטיק געווען אי־בערגענוג און ער האט בעשלאסען צו פרובירען זיין מזל אין אן אנדער שטאדט. און גלייך נאך די ימים טובים האט ער זיך אוועקגעלאזט אויף זיין ערשטער רייזע מיט א טרופע, וואס איז בעשטאנען פון אנדערטהאלבען אקטיארען פון יאסי, נאך באטו־שאני. ער האט גלייך געדונגען א לאקאל און געווענדט זיך צום פרימאר נאך אן ערלויבנים צו שפילען.

דאס האט געדארפט געדויערען א קורצע צייט און אין מי־טען האט דארטען אויסגעבראכען די בהלה.

דאס איז געווען א האלב יאהר פאר דער רוסיש־טערקישער מלחמה, און רומעניען האט שוין אנגעהויבען צו מאכען הכנות צו דעם קריעג. די הויפט־זאך איז געווען אנצוגרייטען חיל און דארטען איז דאס צוגעאנגען ניט ווי אין אנדערע לענדער. א בע־פעהל איז ארויסגעגעבען געווארען צו כאפען יונגע מענשען און אב־געבען זיי פאר סאלדאטען. אין רומעניען זיינען געווען פיעל רו־סישע אידען, וואס זיינען אריבער דעם גרענעץ מיט דעם צוועק צו בעפרייען זיך פון דיענסט. איצט זיינען בעאמטע אין דער בע־גלייטונג פון זשאנדארען בעפאלען אלע קאפע־הייזער און אז מען האט געכאפט יונגע מענשען, האט מען קיין שאלות ניט געמאכט און מען האט זיי אבגעגעבען פאר סאלדאטען. פאר א יונגען מענ־

אקט איז בעשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבען זיך געקריעגט און גע־זונגען, געזונגען און געזידעלט זיך.

אין צווייטען אקט איז דאָס ווייבעל מגולגל געוואָרען אין א בחור'על, וועלכער איז געזעסען ביי א נעה־מאשין און האָט געזונ־גען. גראָדנער שטעקט אריין דעם קאָפּ אין טהיר און דערקענט אין איהם דעם קאָמוניסט, וואָס האָט געוואָלט אברעדען זיין ווייב, און בשעת ער שטעהט אזוי מיט'ן קאָפּ אין טהיר דערצעהלט ער דעם עולם, אז ער לויפט נאָכ'ן שמש און מען וועט איהם אבגעבען פאר א סאָלדאַט.

ווען דער חסיד פערמאכט די טהיר, כאַפּט דער אינגעל א קליידעל מיט א שאַל, טהוט זיי אָן און נעהט ווייטער.

דער חסיד קעהרט זיך אום צוריק און טרעפט א שעהנע מיי־דעל ביי דער מאשין. ער ווערט דערפון איבערראשט און באַלד הויבט ער זיך אָן צו שארען צו איהר און ערקלערט איהר, אז ער וועט שלאָגען כפרות מיט זיין ווייב און חתונה האָבען מיט איהר.

די מיידעל גיט זיך ארויס פאר א יונגער אלמנה און שטימט איין אויף זיין פאָרשלאַג, נאָר זי בעדויערט דעם גרויסען חסרון וואָס זי האָט, און דער חסרון איז, וואָס איהר טויטער מאַן וויל איהר ניט אָבלאָזען און אַלע האלבע נאכט יאָוועט ער זיך אין איהר צימער און קנייפּט איהר.

דער חסיד לאַכט זיך אויס דערפון און ערקלעהרט איהר, אז ער איז שוין גאָר ניט פון די שרעקעדיגע און ביי איהם איז דאָס קיין חסרון ניט. דערווייל ווערט האלבע נאכט און דער זייגער שלאָגט צוועלף. די טהיר עפענט זיך, און א בחור אין ווייסען שטעהט פאר איהם.

דער חסיד דערשרעקט זיך צום טויט און פאלט אנידער מיט'ן פנים צו דער ערד. דער טויטער רעכענט איהם אויס אַלע זיינע חטאים און דער חסיד קלאַפּט זיך על חטא אין הארצען און דער טויטער צעהלט איהם מיט א בעזים פיערציג מלקות.

נאָך די מלקות רופט זיך דער טויטער אָב:

— איצט פערשווינד איך און דו מעגסט נעהמען מיין ווייב. דער בחור'ל ווארפט דערווייל אראָב דאָס קליידעל און שאַל

סען געשריעבען מיט א פופציג יאָהר פאר גאָלדפאדען'ס שטיק און וואָס האָט געהאט צו טהאָן מיט רעקרוטען איז ארויסגעקומען א טראגעדיע. די בהלה האָט נאָר דערמאָנט גאָלדפאדענען, אז ביי די אומות העולם זיינען געשריבען געוואָרען א סך פארסען, וואו דעם גאַנצען שפאס גיט דער נארישער פויערשער רעקרוט, און דאָס האָט געטריבען זיינע געדאנקען אין א בעשטימטער ריכטונג און געגעבען איהם שוין א פארטיגע פאָרם. אבער, ניין, אפילו די דאָזיגע פארטיגע פאָרם האָט זיך נאָך ניט געפאסט פאר א טרופע, וואָס איז בעשטאנען פון פוטהאלבען שפיעלער. ער האָט געדארפט האָבען אַזאַ פארם, וואָס זאָל קאָנען אויסגעפיהרט ווערען פון דעם איינציגען שפיעלער אויף וועלכען ער האָט געבויט, דאָס הייסט גראדנער, און אין דער זעלביגער צייט זאָל דער פארם האָבען אונ־טערהאלטונג גענוג, אז דעם עולם זאָל ניט דערעסען צו זעהן דעם איינציגען שפיעלער א לענגערע צייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט געזעהן „אז ווען איין אקטיאָר וויל אויספילען אליין א סאָלאָ שפיעל — עס זאָל דויערען לאנג און דאָך אונטערהאלטען דאָס פובליקום, האָבען זיך אלע קאָמיקער פון יעדער נאַציאָן גע־וועהלט איינעם און דעם זעלביגען סיוזשעט פאָרצושטעלען אין קאָמישער ווייזע דעם „רעקרוט“, דאָס הייסט די פלומפהיִיט פון א רויהען דומען בויער־יונג, ווען מען נעהמט איהם פאר א רעקרוט.“

ער איז געווען טריי צו זיין כלל, „אז מען מוז שטרעקען נאָך די עקען“ און ניט פערמעסטען זיך גרעסער, ווי זיין מאטעריאל האָט איהם ערלויבט.

גאָלדפאדען האָט זיך מישב געווען מיט גראדנער'ען וועגען דעם און יענער האָט איהם ערקלעהרט, אז ער האָט שוין ניט איין מאָל פרובירט פאָרצושטעלען א בילד פון א אידישען רעקרוט און טאקע גלייך דאָרטען אויפ'ן בוידים געוויזען די גרימאסען. גאָלד־פאדען איז געבליבען צופריעדען און האָט זיך גענומען מאכען א שטיק אין דריי אקטען. אזוי ווי פאר א דריי אקטיגע שטיק זיי־נען צוויי פערזאָן וועניג, איז בעשלאָסען געוואָרען צו דינגען א זעקס אָדער אכט אינגלעך פון גאס אלס סטאַטיסטען און אויב זיי וועלען האָבען עפעס צו זאָגען אָדער צו זינגען, וועט ער מיט זיי

שען איז ניט געוועז זיכער צו ווייזען זיך אין גאס, און אפילו אזעל־כע, צו וועמען רומעניען האט קיין שליטה ניט געהאט, האבען זיך געמוזט בעהאלטען, ווייל איידער וואס ווען האט מען זיי שוין אריינגעהאקט אין די קאזארמעס, און אויב שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי זיינען פרעמדע אונטערטהאנען האט מען זיי ארויסגעלאזט.

די יונגע לייט זיינען זיך צולאפען וואו די אויגען האבען זיי געטראגען. מייסטענס האט מען זיך אריבערגעכאפט דעם גרענעץ נאך בוקאווינא און מען האט דארטען געווארט, ביז די בהלה וועט אריבער.

איצט איז ניט נאר ניט געוועז קיין צייט צו שפיעלען טהעא־טער, נאר גאלדפאדען מיט זיינע צוויי אקטיארען האבען זיך גאר מורא געהאט צו ווייזען, און דער בעל אכסניא האט זיי געטהאן א גרויסע טובה, וואס ער האט זיי בעהאלטען ביי זיך אויף א בוידעם.

ווען די בהלה וועט זיך ענדיגען, האט קיינער ניט געוואוסט און ליעגענדיג אויפ'ן בוידים האט גאלדפאדען מיט גראדנער'ען גע־האט צייט צו בעטראכטען בעסער זייער נעקסטען שריט. נאך דער ערשטער אונגעלונגענער פראבע מיט א „דולענים" האט זיך ביי גאלדפאדען געוויזען די אמביציע צו שטעלען א בעסערע זאך און ער האט פאר זיינע צוויי אקטיארען איבערגעלייענט די „מוהמע סאסיע." נאר נאך א קורצען ישוב הדעת זיינען זיי געקומען צום שלום, אז די דאזיגע שטיק פאדערט פינף פרויען־ארטיסטקעס און א מענער־פערסאנאל פון לכל הפחות ניין ארטיסטען און דאס איז געוועזן אונמעגליך, און ער האט זיך גענומען צו א נייער שטיק.

די בהלה האט איהם אריינגעגעבען א געדאנק וועגען אידישע רעקרוטען און דעם פארס וואס ער האט געשאפען אויפ'ן בוידים האט צוליעב דעם געקריגען דעם נאמען „די רעקרוטען."

עס וועט אבער זיין ניט אין גאנצען ריכטיג צו זאגען, אז די בהלה אליין האט איהם בעגייסטערט פאר א שטיק וואס זאל האבען צו טהאן מיט רעקרוטען. ווען ער זאל שעפען די בעגייסטערונג פון דער בהלה גופא, וואלט דערפון ארויסגעקומען מעהר טראגעדיע ווי פארס. מיר האבען שוין געזעהן ווי איינע פון די ערשטע פיע־

דער צווייטער ענטפערט מיט געזאנג:

ווען מיר זאָל נאָר באשערען מיין בעשעפער
ביי דער היינטיגער לאָטעריע, ביים היינטיגען ציהען,
אז איך זאָל קענען מאכען דעם הויפּט־טרעפער,
ווייסט איהר וואָס איך וואָלט געטהאָן?

אלע אין איינעם:

וואָס? וואָס? וואָס?

צווייטער זינגט:

נאָר דיך אליין וואָלט איך געדיענט, טייערער טאטע,
נאָר דיך אליין, זיסער גאָט!
און דו אליין וואָלסט טאקע נעבען מיר לעת עתה
אויך הנאה געהאט.
איך וואָלט געמאכט און געמאכט און גע...

אלע:

וואָס וואָלסטו געמאכט?

צווייטער זינגט:

אַ פאבריק פון גרעגערס און המן־קלעפּליך
פון דריידלעך און פאָהנען גאָר אַ פּראכט;
אַ קאָנדיטאָריי פון קוגעלעך און קרעפּלעך
פאר מיין אשה צנועה געמאכט.
גאנצע סלויעס פון המוציא מיט האָניג
אין די שאפעס שעהן אויסגעשטעלט,
און פלוימעניויך מיט אַ גרויסען פּאָלאָניק
וואָלט איך געזופּט ביי מיר אָהן געלד.

אַ דריטער חסיד טרעט ארויס און פאנגט אָן זינגען פון אָנ־פאנג „ווען מיר זאָל נאָר בעשערען מיין בעשעפער" כסדר אין דער אָרדנונג ווי פריהער, ביז ער קומט צו „און וואָלט געמאכט."

איינשטודירען, און די גרעסערע ראָלען וועלען שפּיעלען די צוויי אקטיאָרען. אזעלכע ראָלען זיינען געווען מעהר ווי צוויי, נאָר גראדנער און גאָלדשטיין האָבען זיך גיך גענארפט איבערטהאָן און ערשיינען אין די דאָזיגע אלע ראָלען. עס פערשטעהט זיך, אז דערביי האָט זיך געפאָדערט ניט מעהר ווי צוויי גרעסערע ראָלען אין איין צייט אויף דער ביהנע.

די בהלה האָט לאנג ניט אָנגעהאלטען און אלע אנטלאָפענע און בעהאלטענע האָבען זיך געמעגט פראנק און פריי און זיכער אומקעהרען אהיים און אלע באטושאנער יונגע לייט האָבען זיך צוריקגעקעהרט. דער עולם איז געוואָרען לעבעדיגער און פרעהלי־כער. גאָלדפאדען מיט זיין טרופּע איז אויך ארונטער פון בוידעם און האָט זיך גענומען צום אויפפיהרען די שטיק אונטער'ן נאָמען „די רעקרוטען".

צווישען די טהעאטער בעזוכער וועט מען טרעפען זעהר ווענינע, וואָס האָבען געהערט פון דער דאָזיגער שטיק און אזוי ווי אין איהר ווייזט זיך שוין ארויס גאָלדפאדען מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, וועלען מיר איבערגעבען דעם אינהאלט מיט מעהר איינצעלהייטען.

ערשטער אקט. שטעלט פאָר א קלויז. פיעלע בטלנים לוי־פען ארום הין און הער. מאנכע זיצען אויף א באנק, קוקען אריין אין א ספר, ווארפען זיך און שרייען, מאנכע זיצען רוהיג און לער־נען שטיל. מאנכע טענה'ן גלאט צווישען זיך. ארום איינעם שטעהט א רעדעל און מען הערט ווי ער דערצעהלט דעם נס, ווי דער רבי האָט געמאכט דעם הויפּט־טרעפער אין דער לאָטעריע דוקא אָהן א לאָטעריע־צעטעל. עס ווערט א מהומה, א געפּילדער, א גע־שריי. אלע ריידען, אלע שרייען. איינער גיט א שטארקען גע־שריי „שאט!" אלע שרייען „שאט". איינער שלעפּט ארויס א צווייטען און פרעגט:

— אנו, לאָמיר הערען, למשל, וואָס וואָלסטו געטהאָן, ווען דו זאָלסט געווינען דעם גרויסען געווינס?

געלאסען אויף זיין אורטהייל, אלס קאָנטראסט פון דעם רעקרוט, וואָס האָט ניט געוואָלט געהן פרייוויליג. ווען דער כאפער ערקלעהרט איהם, אז ער מוז איהם נעהמען פאר א סאָלדאט, ענטפערט צדוק, אז ער וועט גערן טהאָן זיין פליכט און שולדיגקייט צו דיענען זיין פאָטערלאנד, נאָר פאר'ן אוועקגעהן זאָל ער איהם ערלויבען אויף א ווײלע צו זעגענען זיך מיט דעם ווינקעל, וואו ער האָט פער־בראכט די יוגענד און וועט דאָס אפשר שוין מעהר ניט ווידערזעהן.

דאָס ליעד וואָס צדוק זינגט איז א פאראָדיע אויף יאָהאנאס ביעד אין שילער'ס „יונגפרוי פאָן אָרלעאנס“:

זייט געזונד, איהר סטענדערס, וואָס איך פלעג ביי אייך שוויצען
איהר אָבגעריבענע בײנק — זייט געזונד!
צדוק וועט אויף אייך שוין מעהר ניט זיצען,
צדוק זאָגט אייך אויף אייביג — זייט געזונד!
איהר, אלטע ספרים, וואָס איך פלעג אייך קנייטשען דאָ,
רוהט אייך ווייטער, רוהט אייך אין א גוטער שעה!
זייט געזונד, איהר גרילען, אויך איהר אלע פליגען,
וואָס איהר פלעגט מיר אונטערהאלטען צו מיין גמרא־נגון,
ווען איך פלעג מיר לערנען ביי נאכט אין קלויז אליין,
צדוק געהט — און קומט מעהר ניט צוגעהן.

ער זינגט נאָך עטליכע קופלעטען און דאָ פאלט דער פאָרהאנג אויפ'ן ערשטען אקט.

דער צווייטער אקט שטעלט פאָר א פעלד אונטער דער שטאָדט: פאר א פעסטונג שטעהט א סאָלדאט אויף דער וואך און זינגט א סאָלדאטסקע ליעדעל. דער סאָלדאט איז צדוק און אז ער ווערט פארטיג מיט'ן זינגען קומט אריין דער רעקרוט חיים שעיה. צוויי־שען זיי קומט פאר א קאָמישער דיאלאָג און דאן קומט אריין אַן אונטער־אָפיציער און הויבט אָן צו לערנען דעם רעקרוט גימנאס־טיק און דער אקט ענדיגט זיך דערמיט, וואָס מען הערט טראָמ־פייטען און פויקען אלס סיגנאל צום עסען. דער טאמבור מאזשאָר אין בעגלייטונג פון אייניגע סאָלדאטען מארשירען ארויף אויף דער ביהנע. דער רעקרוט שלעפט זיך נאָך אין א קאָמישער פאָזע.

אלע: וואס וואלסטו געמאכט?
דער דריטער:

א שיינק פון ראזינקעס־וויין אין טעפליך
פעסליך מיט פסח'דיגען בארשט א פראכט.
און אפאטהייק פון קאנעס און האניג צעפלאך
פאר מיין אשה צנועה געמאכט.
מים שלנו וואלט איך פערקויפט אויפ'ן שעפיל
מוהל מעהל זעהר וואלוועל אויף דעם פוד,
און „מרור" וואלט ביי מיר געגעסען גאנצע לעפיל
יעדער עהרליכער כשר'ער איד.

דער פיעדטער (ווידערהאלט זיך דער זעלביגער סדר):

א קאנטאר פון גבאים און מצוה שלוחים
פון בטלנים און לעהרנערס־משניות ביי נאכט;
א מאנופאקטור קלייט פון תכריכים
פאר מיין אשה צנועה געמאכט.
כ'וואלט אבגעקויפט מיט רוחים
אויף א בית הקברות א פעלד א פוסט,
ביי די דייטשען וואלט איך גענומען גוטע מקחים,
און חסידים געלאזט בעגראבען גאר אומזיסט.

מען שמועסט ווייטער און דא קומט פאר א קאמישער דיאלאג צווישען צוויי חסידים וועגען תכסיסי מלחמה, ביז עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין דער כאפער מיט א רויטען גארטעל און טהוט א קלאפ מיט זיין שטעקען. אלע כאפען זיך ארוים פון קלויז. נאר א יונג חסיד'ל פערטיעפט אין לערנען האט ניט בעמערקט דעם כאפער. דא קומט פאר א קאמישע סצענע, וואו דער כאפער פרואווט איהם נעהמען און ער לאזט זיך ניט. ביז ענדליך דער סאלדאט, וואס איז געקומען מיט'ן כאפער, שלעפט איהם מיט געוואלט אוועק.

דער כאפער געהט צו איינעם צדוק, וועלכער שטעהט די גאנצע צייט און ווארימט זיך ביים אויווען. ער שטעהט רוהיג און ווארט

דאט האט געמארשירט בעסער ווי א סטאטיסט וואלט עס דערוויזען און ער האט געהאט מעהר פנים פון א סאלדאט. גאלדפאדען האט געהאט אזא אויג פאר רעאליזם. אזוי ווי ער האט אנגעהויבען צו גרינדען דעם טהעאטער אהן אקטיארען און ער האט געדארפט זוכען מיט ליכט בחורים און יונגע לייט פאר די ערשטע שטיקער און זיי זיינען געווען פערזאנען, וועמען די קונסט פון שפיעלען איז געווען פרעמד, האט ער זיך געקליגט צו העלפען זיך דערמיט, וואס פון צייט צו צייט האט ער פון גאס ארויפגעשלעפט אויף דער ביהנע די מענשען, וואס האבען אין לעבען קארעספאנדירט מיט די פערזאנען, וואס מען האט געדארפט פארשטעלען. אין דעם פאל פון די „רעקרוטען“ האבען מיר געזעהן, ווי ער האט ארויפגעבראכט אויף דער ביהנע אמת׳ע סאלדאטען אנשטאט סטאטיסטען אדער אקטיארען וואס זאלען זיך פערקליידען פאר סאלדאטען. אין אנדערע פיעסען איז ער געגאנגען פיעל ווייטער. אזוי, למשל, האט גאלדפאדען דערצעהלט, אז פאר איינער פון זיינע ערשטע שטיקער האט ער געדארפט האבען א שוסטער אויף דער ביהנע. ער האט געטראפען אזא כוואטסקען שוסטער און טאקע אויפ׳ן ארט האט גאלדפאדען איהם געהייסען זיך פארשטעלען, אז ניט ווייט פון איהם שטעהט זיין ווייב און זי גיט איהם א גאב און ער ענטפערט איהר מיט פראצענט. גאלדפארען האט איהם סופלירט וואס צו זאגען און יענער האט עס ארויסגעבראכט מיט דער ריכטיגער פארב און מיט׳ן ריכטיגען טראפ.

עס זיינען ניט וויכטיג די איינצעלהייטען, ווי אזוי גאלדפאדען מיט זיין קליינער טרופע האט זיך ארומגעשלעפט דעם ערשטען ווינטער איבער די קלענערע שטעדט אין רומעניען, און מיר וועלען נאר דערמאנען די שטאדט גאלאץ, וואו גאלדפאדען האט אנגעשפארט ארום פורים צייט אין 1877. זיין אנקומען אין גאלאץ ווארפט א ליכט, ווי אזוי ער האט אין יענער שווערער און ביטערער צייט „געהויבען הקפות“ און ווי אזוי ער האט דערוויזען אריבערצופיהרען זיינע „פוטהאלבען“ אקטיארען פון איין שטעדטעל אין דעם צווייטען.

אין רומעניען האבען די אידען דעמאלט געהאט א פעראיין,

דער דריטער אקט שטעלט פאר דאס זעלבע פעלד. אז א זייט שטעהען ביקסען צוזאמענגעשטעלט אין פיראמידען־פארם. אייניגע רעקרוטען ליגען אויסגעלעגט אויף דער ערד, זיי רוהען זיך אויס. אויסער חיים שעיה'ן געפינען זיך אויך די אידישע רעקרוטען: עוזר לאזער, געצעל מיכאל. זיי דערמאהנען די גליקליכע יאהרען פון דער היים. איינער הויבט זיך אויף און זינגט דאס הומאריסטישע ליעד „רבש"ע, הורא!" דער אונטער־אפיציער קומט אריין. אלע כאפען זיך אויף, נעהמען די ביקסען און שטעלען זיך אויס אין א רייהע. דער אונטער־אפיציער ערקלעהרט, אז היינט וועט ער זיי לערנען שיסען, און אז ער וועט זאגען „פייער!" מוזען אלע אויס־שיסען. ער ווייזט זיי דעם ערשטען ביישפיעל און שיסט אויס. אלע פאלען אנידער אהן לשון מיט די פנים'ער צו דער ערד. דער אונטער־אפיציער זעהט, אז ער קאן מיט זיי גאר ניט מאכען, געהט ער אוועק מיט'ן ענטשלוס צו בעפרייען זיי אלעמען פון מיליטער־דיענסט. באלד קומט ער ווידער אריין און זאגט זיי, אז זיי קענען געהן אהיים, נאר זיי זאלען אומבייטען זייערע קליידער, און ווען זיי ווייזען זיך ווידער אמאל אויף דער ביהנע, זיינען זיי שוין אנגעטהאן ווי חסידים און זינגען און טאנצען א חסידים־טאנץ.

די הויפט־ראלע פון דער שטיק איז פון דעם רעקרוט חיים שעיה, דאס הייסט די קאמישע, און געשפיעלט האט איהר גראד־נער. דעם נאמען חיים שעיה האט גראדנער אליין אויסגעקליבען און דאס ווייזט, אז ער האט אויך געהאט א האנד אין די רעק־רוטען.

עס איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז די סאלדאטען וואס מאר־שירען אריין מיט'ן טאמבור מאזשאר צום שלום פון צווייטען אקט, זיינען ניט געווען סטאטיסטען נאר אמת'ע זעלנער. עס איז ניט בעקאנט, צי דאס איז געטהאן געווארען מיט אן אויג פאר עקאנא־מיע, דאס הייסט אז עס איז געווען ביליגער צו בעשטעלען עטליכע אמת'ע סאלדאטען, אז זיי זאלען ארויפמארשירען אויף דער ביהנע, ווי צו דינגען סטאטיסטען און לערנען זיי ווי צו מארשירען און שאפען פאר זיי די נויטיגע סאלדאטסקע קליידער, אדער דאס איז געטהאן געווארען מיט אן אויג פאר רעאליזם. דער אמת'ער סאל־

דאציע צו א געוויסען אהרן שנאפ, וועלכער האט איהם געהאָלפען צו קריגען דעם טהעאטער „זשיגניצע“ און ער האט דאָרטען גע־שטעלט די „רעקרוטען“. מען האט אין דעם דאָזיגען טהעאטער געשפּיעלט נאָר איינמאָל, און ביי יענער פאָרשטעלונג איז צוגע־קומען נאָך אן אקטיאָר, שאפּירא, דער פאָטער פון דער אקטריסע שאפּירא, וועלכע שפּיעלט איצט אין ניו יאָרק.

נאָך דער דאָזיגער פארשטעלונג האט גאָלדפאדען גענומען א האָל ביי א געוויסען לאזאר.

די גאנצע צייט האט גאָלדפאדען געזוכט קרעפטען ווי מיט ליכט. די דריי אקטיאָרען, וואָס ער האט איצט געהאט, זיינען געווען ווייניג אפילו פאר די „רעקרוטען.“

ווי מיר האָבען שוין געזעהען, זיינען די ערשטע קרעפטען זיי־נע געווען ליעדער זינגער אָדער פאָלקס זינגער. אזעלכע זיינען געווען גראָדנער און שכר גאָלדשטיין, און שפּעטער האָבען זיך א שאָט געטהאָן די ליעדער זינגער פון אלע זייטען צום אידישען טהעאטער.

נאָר די לאָקאלען זיינען ניט געווען דער איינציגער קוואל, פון וואנען גאָלדפאדען האט גענומען זיינע קרעפטען. שוין גלייך ביי זיין אָנקומען אין בוקארעסט האט ער ענטדעקט א צווייטען קוואל, און דאָס איז געווען די חזנ׳ישע וועלט.

די חזנ׳ישע וועלט האט שוין ביי די ערשטע טריט פון דעם אידישען טהעאטער ארויסגעוויזען א פיינדשאפט צו איהם. די חזנים גופא, אלס פאָרשטעהער פון שוהל און בית המדרש, האָבען ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא מיט אן אינסטיטוציאָן, וואָס האט פערשפּראָכען צו פערשפּאָטען אידישע טראדיציעס און אלס מנגנים האָבען זיי גערעכענט פאר א פחיתת הכבוד צו האָבען עפּעס א שייכות מיט א קונסט וואָס האט איהר מקום מנוחה געפונען אין טראקטירען און סטאדאָלעס.

אָבער די חזנ׳ישע וועלט איז ניט בעשטאַנען בלויז פון גע־צעהלטע חזנים. די חזנים וועלט איז געווען א סך, א סך רייכער אין משוררים, און פאר יענע האט דאָס טהעאטער געהאט מעהר רייץ ווי די שוהל. די משוררים, אלס א קלאָס, זיינען גייסטיג גע־שטאַנען מיט איין פוס אויסער בית המדרש. די שוהל איז פאר זיי

וואָס האָט געהייסען „לעבאנאָן." די לעבאניסטעו אין יאסי האָ־בען מקרב געווען גאָלדפאדען און האָבען איהם געמאכט פאר זייער עהרען־פּרעזידענט. און איידער ער איז אוועקגעפאָהרען קיין גאַלאַץ, האָט דער פּרעזידענט פון די יאסער לעבאָניסטען געלאָזט וויסען די גאַלאצער לעבאַניסטען, אז דער עהרען־פּרעזידענט א. גאָלדפאדען, דירעקטאָר פון אידישען טהעאטער מיט זיין קאָמפּאניע, קומט צו זיי און זאָלען איהם געבען א פיינעם קבלת פּנים.

עס האָט זיך געגרינדעט א קאָמיטעט פון פ׳נף און צוואנציג פּערזאָן, וועלכער איז ארויס מקבל פּנים זיין איהם. זיי האָבען ער־ווארט צו בעגעגענען אן אימפּאָזאנטע טרופּע, די זיילען פון דעם אידישען טהעאטער מיט׳ן בעוואוסטען דיכטער אלס דירעקטאָר, און צו זייער גרויסער פערוואונדערונג האָבען זיי געטראָפען איין מענשען, און דאָס איז געווען גאָלדפאדען.

ער האָט זיי לאנג ניט געלאָזט וואונדערען זיך און האָט זיי ערקלערט, אז זיין קאָמפּאניע איז געבליבען אין וועג, ווייל ער האָט פּשוט ניט געהאט אויף הוצאות.

מען האָט איהם געשאפען די נויטיגע הוצאות און ער האָט תיכף אראָבגעבראכט זיינע צוויי אקטיאָרען.

אין א רעסטאָראן האָט מען פאר איהם געדונגען א זאָל, וואו מען האָט אויפגעבויט א ביהנע, און ער האָט דאָרטען אויפגעפיהרט די „רעקרוטען" מיט ערפאָלג. דאָרטען האָט ער אויך געשפּיעלט די „באָבע מיט׳ן אייניקעל."

אין א וואָך צוויי ארום איז גאָלדפאדען מיט זיין טרופּע אוועק־געפאָהרען קיין בוקארעסט. עס האָט זיך איהם אפילו ניט גע־חלום׳ט, ווען ער איז אריינגעפאָהרען אין בוקארעסט אָהן א פּרוטה אין קעשענע, מיט א טרופּע פון צוויי אקטיאָרען, מיט א טהעאטער מעהר אין דער פאנטאַזיע ווי אין דער ווירקליכקייט, מיט אויס־זיכטען אויף א ציגיינערשען ארומוואנדלען פון שטאָדט צו שטאָדט, מיט פּלענער ווי צו „הויבען הקפות", אז אין עטליכע וואָכען ארום וועט פאסירען אזעלכעס, אז מען וועט האָבען צו דערצעהלען ווע־גען דעם צו קינד און קינדס קינדער.

גאָלדפאדען איז געקומען קיין בוקארעסט מיט א רעקאָמענ־

גאָלדפאדען איז געווען אזוי געפעלען די פארשטעלונג, אז ניט נאָר האָט ער צוגענומען מאגולעסקא אין זיין טרופע, נאָר ער האָט איהם אויך צוגעזאָגט, אז ער וועט לאָזען דאָס שטיק איבערזעצען און דערפון וועט ער מאכען א אידישע פיעסע פאר איהם.

צוקערמאן האָט געקראָגען ביים פערהער צו זינגען עפּעס פון „לוטשיא“. ער האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט מיט זיין שטים און אלע צוזאמען מיט מאגולעסקא זיינען אריינגענומען געוואָרען אין דער טרופע.

דינמאן האָט געקריגען לאָמפען־פיעבער, פשוט געזאָגט, ער האָט זיך געשראָקען, און דערצו האָט ער ניט געקענט קיין אידיש. און הגם ער האָט געהאט א גוטע טענאָר שטימע, איז ער פערבראַ־קירט געוואָרען. דאָך בעגעגענט מען איהם אין א קורצער צייט ארום אויף דער ביהנע. דאָס איז געווען אין גאַלאַץ, נאָכדעם ווי גאָלדפאדען האָט אָנגעשריעבען „ני בע ני מע ני קוקי רעקו“. גאָלד־פאדענ׳ס קאָמפאני איז געווען צושלאָגען און ער האָט אוועק־געשיקט צוקערמאן ער זאָל ברענגען דינמאן. ער איז אויפגעטראָטען אין דער ראָלע פון פּראָקוראָר. מיט זיין זינגען האָט ער געמאכט א פוראָר, נאָר די מורא פאר דער ביהנע האָט ער ניט געקענט ביי־קומען. אין דעם לעצטען אקט האָט ער געדאַרפט מיט בייזקייט פרעגען: ווער זייט איהר? איז ער אבער געווען אזוי דערשראָ־קען, אז ער האָט די דריי ווערטער ניט געקענט אויסרעדען. און דער קאָמיקער צוקערמאן האָט זיך צו איהם אנגערופען טאקע אויף דער ביהנע:

— האָט קיין מורא ניט, מיר זיינען דאָ ניט קיין גזלנים.

ער האָט געשפּיעלט נאָר עטליכע וואָכען און איז אוועק פון דער ביהנע. מיט יאָהרען שפּעטער איז ער געוואָרען קאנטאָר אין וויען.

אויך משה זילבערמאן איז אָנגענומען געוואָרען און גאָלדפאַ־דענ׳ס טרופּע איז מיט אמאָל אויסגעוואקסען.

סיי דער פערשטאָרבענער מאָגולעסקא, סיי צוקערמאן און סיי אלע יענע, וואָס האָבען זיך פערבונדען מיט גאָלדפאדען ביי זיין אָנקומען קיין בוקארעסט אדער באלד נאָכדעם האָבען אלע בפה אחד דערצעהלט, ווי אזוי שמענדריק איז איבערגעמאכט געוואָרען אויף

געווען ניט מעהר ווי א פרנסה, און אזוי גיך ווי זיי זיינען אוועק פון עמוד, האבען זיי אויסגעטהאן דעם גייסטיגען טלית און גע־פיהרט א לעבען פון הפקרות. אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל זיינען די משוררים געווען די פרעהליכסטע קונדסים. אין א לוס־טיגער געזעלשאפט האבען זיי נאכגעקרימט און איבערגעמאכט די תנועות און האוואיעס פון אנגעזעהענסטע בעלי בתים, ווי אויך פון די חזנים, קיינער איז פאר זיי ניט געווען צו חשוב, קיין זאך איז פאר זיי ניט געווען צו הייליג.

ווען גאָלדפאדען איז אָנגעקומען קיין בוקארעסט, איז דאָרטען דער חזן געווען דער בעוואוסטער קופער. צווישען זיינע משוררים זיינען געווען זעליג מאגולעסקא, לייזער צוקערמאן, זילבערמאן, דינמאן. אין דער זעלבער צייט וואס מאגולעסקא, דעמאָלט א אינ־געל פון זיבצעהן יאָהר, און צוקערמאן מיט א יאָהר אָדער צוויי על־טער זיינען געווען אָנגעשטעלט אלס משוררים ביי קופער'ן, האָבען זיי אויך געזונגען אין א קירכע. עס פערשטעהט זיך, אז דער חזן און די בעלי בתים האָבען דערפון ניט געטאָרט וויסען. זיי האָבען אויך שוין געהאט געלעגענהייטען צו זינגען אלס כאָריסטען אין אָפּערעס, און דאָס שפּיעלען, וואָס זיי האָבען געזעהען ביי די דאָ־זיגע געלעגענהייטען, האָט געמאכט אויף מאָגולעסקאַ'ן אזא איינ־דרוק, אז ווען מען פלעגט צו א שמחה פעררופען די משוררים, פלעגט מאָגולעסקא אונטערהאלטען דעם עולם ניט נאָר מיט זינ־גען, נאָר אויך מיט נאָכמאכען געוויסע רומענישע אקטיאָרען. אויך פלעגט ער אזעלכע שטיקלאך ווייזען ביים חזן אין הויז, ווען די משוררים און פיינע בעלי בתים פלעגען זיך צוזאמענקלייבען ביי איהם א שבת־צו־נאכט און דער עולם האָט פון זיי געלעקט די פינ־גער.

דאָס האָט דערגרייכט צו גאָלדפאדען, און ער האָט תיכף נאָך זיין קומען קיין בוקארעסט געשיקט רופען צו זיך די אויבענדער־מאָנטע פיער משוררים: מאָגולעסקא, צוקערמאן, דינמאן און זיל־בערמאן. ביים פערהער האָט מאגולעסקא פארגעשטעלט א סצענע פון דעם רומענישען שטיק „וולאדוצו מאמו“, און דאָס איז געווען דער אָריגינאל פון דער צוקונפטיגער פיעסע „שמענדריק.“

די לעמבערגער אויסגאבע גיט ניט אן דעם נאמען פון דעם פערפאסער און מען דארף קומען צום שלום, אז אדער עס איז אריינגעפאלען א גרייז אין דעם דאטום אדער דער דאטום איז מיט א כיון פערגרייזט געווארען.

גאלדפאדען האט אין יענער צייט ניט ארויסגעלאזט קיין מא־נוסקריפט פון האנד און קאפירען זיינע א פיעסע איז געווען כמעט אונמעגליך. ווען אקטיארען פון זיין טרופע זיינען אוועק פון איהם און געמאכט שבת פאר זיך, האבען זיי קיין קאפיעס פון זיינע פיע־סען ניט געהאט. זיי האבען אונגעשטערט געקענט שפיעלען זיינע שטיקער, ווייל אין רומעניען איז דער זכות פון מחבר געזעצליך ניט אנערקענט געווארען. ווען אזא טרופע האט יא אויפגעפיהרט א פיעסע פון גאלדפאדען'ס רעפערטואר, האבען די אקטיארען גע־דארפט זאגען זייערע ראלען פון זכרון. עס קען דאריבער זיין, אז עפעס אן אקטיאר פון גאליציען האט אנגעווארפען די ראלען פון זכרון און דערפון איז ארויסגעקומען די „קאמישע חתונה", וואס האט זיך געדרוקט אין לעמבערג. ער האט דערביי אויך געברויכט זיין אייגענעם פערגרייזטען אויסלעגען און לאקאלע ווערטלאך און דער־פון איז ארויסגעקומען א מיש מאש פון גאלדפאדען'ס זיד־רוסי־שען לשון מיט א גאליצישען אויסלעגען און גאליצישע ווערטלאך. עס פערשטעהט זיך ממילא, אז ווען מיר נעהמען אן די דאזיגע הנחה, מוזען מיר בעשליסען, אז דער דאטום פון דער לעמבערגער אויסגאבע איז א פערגרייזטער.

מיט דער נייער קאמפאניע האט גאלדפאדען אויפגעפיהרט די „באבע מיט'ן אייניקעל". דאס דאזיגע שטיק בעשטעהט פון עטלי־כע ליעדער. צו וועלכע מען האט פון פארענט און פון הינטען און אין מיטען צוגעגעבען אביסעל פראזע. גראדנער האט געשפיעלט די ראל פון דער באבע, מאגולעסקא פון אייניקעל, פנחס שאפירא— שדכן, זילבערמאן — פון דער לעהרער און צוקערמאן די ראל פון דעם טערק אין דעם לעצטען אקט.

די באבע און אייניקעל זיינען צוויי פרויען ראלען, נאר די ערשטע פאר חדשים אין בוקארעסט האט מען נאך ניט געקענט בע־וועגען קיין מיידעל אדער ווייבעל אויפצוטרעטען אויף דער אידי־

זייערע אויגען פון „וואלאדוצו מאמו.“ פון מאגולעסקא׳ס רייד איז אויסגעקומען, אז איהם האט געלדפאדען געהאט צו פערדאנקען פאר דעם דאזיגען שטיק, און די אנדערע וואס זיינען דערביי געוועזען האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן, ווי געלדפאדען האט עס פערפאסט. עס איז מערקווירדיג דערביי, וואס די אלע גע־דענקען גוט דעם נאמען פון דעם אריגינאל, הגם צעהנדליגע יאה־רען זיינען זייט דעמאלס אריבער. עס קען דאריבער קיין שום ספק ניט זיין, אז „שמענדריק“ איז געשאפען געווארען פון געלד־פאדען אין בוקארעסט באלד נאך זיין קומען אהין, דאס הייסט אין 1877.

מיר מוזען דאריבער קומען צום שלוס, אז דער „שמענדריק“, וואס איז געווען געדרוקט אין לעמבערג אין 1875 איז ארויסגעגע־בען געווארען אונטער א פאלשען דאטום.

דער דערמאנטער „שמענדריק“ איז ארוים פון דעם דרוק און פערלאג פון ב. ל. נעבעלעס, און דער דאטום איז דארטען אנגעגע־בען 1875. די דאזיגע פיעסע הייסט אין יענעם פערלאג:

די קאמישע חתונה
פאן
שמענדריק
מיט די כלה
אין דריי אקטען.

דער שער האט אויך אן אויפרוף צו די קונים:

„צו שמענדריק מיט די כלה. לויפט קוינים (קונים) אלו. וועט אור האבען א שיינום אונטערהאלט. וועט עטץ זעהן וואס מוט אוז גישעהן באלד. מען האט די כלה פאר בוטען (פערביטען) אונ־טער די חופה אין מיטען.

„עס איז איין פערגנוגען פאר די וועלט. איר וועט דאס קענון קויפין פאר א שפאט געלד.“

דער דאזיגער לשון און אויסלעגען דארפען ווייזען אויף גא־ליציען, אז דארטען איז עס געשריעבען געווארען. אבער אלע אויספארשונגען האבען געוויזען, אז „שמענדריק“ איז גענומען פון א רומענישער שטיק און דער פערפאסער איז געווען געלדפאדען.

פאר גאָלדפאדען, אז ער האָט ניט אויף הצטרכות, האָט ער איהם ניט פערשפּראָכען קיין שפּעטרע מאטעריעלע גליקען, נאָר האָט איהם געוואוינליך געענטפערט:

— איך וועל דיר אנשרייבען א ראָל. אי, וועט דאָס זיין א ראָל! דאָס וועט דיר מאכען א נאָמען און דו וועסט ווערען גרויס!

און דאָס איז געווען די בעסטע הבטחה.

מען קען זיך דאריבער לייכט פארשטעלען, ווי גראדנער איז פערביטערט געוואָרען, ווען די הויפּט ראָל פון „שמענדריק" האָט געקריגען מאָגולעסקא. דאָס איז געווען ניט נאָר א פּאטש אין פּנים דעם לייכטענדען שטערן, ווייל גראדנער איז געווען די וויכטיגסטע קראפט אויף דער ביהנע און ביז „שמענדריק" האָט ער פערנומען דעם אויבען אָן, נאָר דאָס איז אויך געווען א פערראטה צו איהם, וועלכער האָט גאָלדפאדענען געהאָלפען טראָגען די שטיינער צום פונדאמענט פון אידישען טהעאטער. ער האָט זיך געבויגען פאר גאָלדפאדען, אבער ער האָט זיך ניט געוואָלט בויגען פאר קיין אנדערן אויף דער ביהנע, און די אויפפיהרונג פון „שמענדריק" מיט מאָגולעסקא אין דער הויפּטראָל איז געווען דער סוף פון דער פריינדשאפט און געמיינזאמער ארבייט צווישען גאָלדפאדען און גראדנער. און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אז די ערשטע קאָמפּאניע, וואָס האָט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס און האָט נאָך קיין ריכטיגען טהעאטער ניט געהאט, האָט זיך צושפּאָלטען, און גראדנער איז אוועקגעפאָהרען קיין יאסי און האָט געמאכט שבת פאר זיך.

און אויף אזא אופן, איידער גאָלדפאדען האָט נאָך צייט געהאט דורכצופיהרען א וועג פאר איין טהעאטער, האָט זיך שוין געוויזען א צווייטער און די קרעפטען זיינען צושפּאָלטען געוואָרען.

וועדליג די אָרימע קרעפטען פון דער ערשטער קאָמפּאניע, האָט גראדנער'ס ארויסטרעטען געדארפט רואינירען די גאנצע עקזיסטענץ פון דעם אידישען טהעאטער, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאלטען אויף היהנערשע פיסלאך. נאָר דאָס האָט קיין ווירקונג ניט געמאכט און די פאָרשטעלונגען זיינען אָנגעגאנגען אָהן גראדנער'ן ווי מיט גראדנער'ן. דער עולם האָט אזוי געלעקט די פינגער פון

שער ביהנע, ווייל דאס האט זיך גערעכענט ערגער ווי אונאנשטענ־ד׳ג, און מאנסביל האבען געשפיעלט פרויען־ראלען.

גראדנער האט זעהר שטארק אויסגענומען אין דער ראל פון ־ער באבען, און דער איינדרוק איז געווען אזוי גרויס, אז מיט יאהרען און יאהרען שפעטער, ווען די ביהנע האט געצעהלט ניט ווייניגער פרויען ווי מענער, האבען די גרויסע קאמיקער, ווען נאר זיי האבען געהאט די געלעגענהייט, געשפיעלט די באבע.

דאס פובליקום איז געווען פון די סאמע פראסטע עלעמענטען און בעשרענקט אין צאהל. דער אינטעליגענטער טהייל פון שטאדט האט פון דעם טהעאטער ניט געוואלט וויסען און אין זיינע אויגען איז עס ניט געשטאנען פיעל העכער פון א שטאל, וואו מען קען זעהן קאמעדיאנשטשיקעס. און אזוי ווי די צאהל טהעאטערגעהער איז געווען ניט קיין גרויסע, האט מען אלע ווילע געדארפט האבען נייע שטיקער, כדי אויפצוואוועקען א נייעם אינטערעס אין די צו־שויער.

נאך דער „באבע מיט'ן איניקעל" איז אויפגעפיהרט געווארען די „אינטריגע", אדער „דוואסיע די פליאטקעמאכערין," אדער „דוואסיע די ספלעטניצע". אין דעם דאזיגען שטיק האט מאגולעס־קא געשפיעלט צוויי ראלען, איינע פון א יונגער ווייבעל רחל'ע און די צווייטע פון א משרת א זאאיקע. די דראמאטישע ראל האט גע־שפיעלט גאלדפאדען, און מאגולעסקא האט אזוי גוט קאפירט א יונג ווייבעל, אז ווען גאלדפאדענ'ס פרוי איז געזעסען אין טהעאטער און האט דערזעהן, ווי איהר מאן קושט זיך אויף דער ביהנע מיט א שעהנער מיידעל, איז זי געווארען אייפערזיכטיג.

„שמענדריק" האט גאלדפאדען געשריעבען מיט אן אויג פאר א ראל פאר מאגולעסקא, און אזוי ווי דאס איז געווען די הויפט ראל, האט גראדנער'ן פערדראסען, וואס אין זיינע שיך טרעט אריין א פרעמדער. די קנאה צווישען אקטיארען פאר ראלען איז שטענ־דיג זעהר גרויס. איינער פערגינט ניט דעם צווייטען איבריגע עט־ליכע צייל'ען און בפרט ווען עס האנדעלט זיך וועגען א הויפט ראל. אין יענער צייט איז די ראל געווען כמעט די איינציגע בעלוינונג, וואס דער אקטיאר האט געהאט. ווען אן אקטיאר האט זיך געקלאגט

זעהר א לעבעדיגע סחורה. זיין גרויסער חסרון איז געווען, וואס ער האט ניט געהאט קיין מאס, און זיין האלטונג אויף דער ביהנע איז געווען א ווילדע. ער האט ניט געוואוסט פון קיין ווייכע איבערגאנגען, פון ווייכע שאטירונגען און אלץ וואס ער האט געטהאן איז געווען איבערטריבען.

איבריגענס, ווערליג גאלדפאדען כאראקטעריזירט גראדנער'ן, איז דער לעצטער אויף אזוי געווען א'ן יענער צייט, און אפשר זיינען אלע אזוי דעמאלט געווען. אלענפאלס האט דער עולם בעסער ניט פערשטאנען און האט געפאדערט גראבע פארמען.

צוקערמאן איז אפשר געווען דער איינציגער וואס איז פון דעמאלט אן געבליבען מיט גאלדפאדען, ביז דאס אידישע טהעאטער איז מיט יאהרען שפעטער פערבאטען געווארען אין רוסלאנד. און צוליעב זיין איבערגעבענהייט צום גרינדער פון אידישען טהעאטער האבען די אנדערע אקטיארען איהם גערופען: אליעזר עבד אברהם.

דערווייל האט אויסגעבראכען די רוסיש־טערקישע מלחמה און פון רוסלאנד האבען זיך א שאט געטהאן קיין רומעניען מחנות מענשען אין דער האפענונג צו פערדיענען א לייכטען רובעל. דער קאמיסאריאט פון דער רוסישער ארמעע האט זיין הויפט־קווארטיר געמאכט אין בוקארעסט און פון דארטען האט א שטראם גאלד געפלייצט איבער די קעשענעס פון אלע יענע, וואס זיינען נאר ניט פויל געווען עס צו נעהמען. קיין זאך איז אזוי ניט ביליג געווען, ווי געלד. מענשען וואס זיינען געקומען ארים, זיינען אין א קורצער צייט עשירים געווארען. און מיט'ן לייכט געקריגענעם געלד איז געקומען א פאדערונג אויף לעבען א גוטען טאג, הוליאנקעס און דאס גלייכען.

דאס טהעאטער איז געווען ווי פשוט בעשאפען פאר זיי. און דער גרויסער אנגעלאפענער, רייך געווארענער עולם האט זיך ממש דערפרעהט מיט אזא אונטערהאלטונג. מען האט איצט געשפיעלט פאר געפאקטע הייזער, און אין טהעאטער איז געווארען א גרויסע שפע. פון לעדיגע בענקלאך האט מען שוין מעהר ניט געוואוסט און די אקטיארען האבען פערגעסען די הונגעריגע טעג.

דאס פובליקום האט אויך בעקומען גאר אן אנדער פנים. אנ־

מאַגולעסקא ווי פריהער פון גראַדנער, און ווען אין א קורצער ווייל־ע ארום איז מאַגולעסקא אוועק פון גאָלדפאַדען, האָט עס ווידער קיין ווירקונג ניט געמאכט אויפ׳ן טהעאַטער.

נאָך גראַדנער׳ס אוועקגעהן האָט גאָלדפאַדען אריינגענומען צו „שמענדריק“ א נייעם אקטיאָר אין דער טרופע. דאָס איז געווען משה טייך (גאַזניק). ער איז געווען א פאָלקס־זינגער און איז גע־קומען פון גאַליציען.

משה טייך איז אינטערעסאַנט צוליעב דעם, וואָס ער איז גע־ווען א טויבער און אלס אזעלכער האָט ער, פערשטעהט זיך, ניט געקענט הערען וואָס מען רעדט צו איהם אויף דער ביהנע. נאָר ער האָט שטענדיג געמאכט זיין רעפּליק ריכטיג. ער האָט אין די ליפּען דערקענט, וואָס דער צווייטער זאָגט. אלס אקטיאָר האָט נאָר מאַגולעסקא געהאט וועגען איהם א גוטע מיינונג און האָט זיך וועגען איהם אויסגעדריקט, אז ער איז געווען א וואונדערבארער כאַ־ראַקטער־שוישפּיעלער.

אלע אנדערע האָבען פון איהם ניט געהאלטען און יעקב אדלער האָט איהם שפּעטער כאראקטעריזירט אזוי:

„משה טייך, א טויבער איד, מיט קרומע אויגען, א נידעריגער, זעהר א מיאוס׳ער מענש און קיין טאַלאַנט. ער איז געווען דער ליעב־האָבער, דער טראַגיקער. זיינע ראָלען האָט ער אויסגעפּויקט ווי א פּאַנאָגראַף.“

ווען מאַגולעסקא איז אוועק פון גאָלדפאַדען און, ווי שוין גע־זאָגט, איז דאָס געשעהן אין א פּאָר חדשים ארום, איז לייזער צו־קערמאַן געוואָרען די הויפּט־קראַפט פון דער טרופּע.

די ערשטע און וויכטיגסטע פאָדערונג פון אן אקטיאָר אָדער אקטריסע איז דעמאָלס געווען, ער אָדער זי זאָל קענען זינגען. עס האָט געזונגען דער קאָמיקער, עס האָט געזונגען דער ליעבהאָבער, עס האָט געזונגען די פּרימאַדאָנא, עס האָט געזונגען די סוברעטין. אלע האָבען געדאַרפט זינגען. צוקערמאַן האָט געהאַט א פיינע שטים און אלס זינגער איז ער אפשר בעסער געווען פון מאַגולעסקא, הגם דער לעצטער האָט זיך מעהר אויסגעצייכענט אלס מנגן. ער, צו־קערמאַן הייסט עס, איז אויך געווען א פיינער טענצער און בכלל

רוסישער קאמיסאריאט איז אריבער אין בוקארעסט.

באלד קומט אויך אריין אין גאלדפאדען'ס טרופע דער קאמי־קער וויינבלאט. ער איז געווען א משורר און האט זיך געלערנט שחיטה, נאר איהם איז בעסער געפעלען געווארען דאס זארגלאזע און פרעהליכע לעבען פון די קעלער־זינגער און ער האט זיך געלאזט געהן אויף דעם דאזיגען וועג. דערפון האט ער אבער ניט געקענט מפרנס זיין קיין ווייב, און ער האט גענומען טראכטען וועגען א תכלית. א נשמה־זארגער האט איהם צוגערעדט צום שמד, און ער איז מיט דעם צוועק געפאהרען קיין בוקארעסט, און איז אריינגע־פאלען אין גאלדפאדענ'ס טרופע. אין טהעאטער איז די שפע געווען גרויס און דאס לעבען איז געווען זעהר א פרעהליכס.

גראדנער איז אונטער דער צייט ניט געזעסען ליידיג. ער איז אוועק פון גאלדפאדען איידער עס איז אזוי לעבעדיג געווארען אין בוקארעסט. ער איז אוועקגעפאהרען קיין יאסי און דארטען געגריג־דעט אן אייגענע קאמפאניע. קיין גרויס הכבדה איז דעמאלט ניט געווען צו עפענען אליין א טהעאטער. די הינטער־שטוב אין א שיינק איז געווען איבער גענוג דערצו, און די עטליכע גראשען וואס מען האט געדארפט האבען אין אויסלאג האט אזא ווי גראדנער שטענדיג געקענט קריגען ביי א מלוה. יענער האט אין דער קאסע אריינגעזעצט זיינעם א מענשען, וועלכער האט קודם־כל ארונטער־גענומען דעם חוב און די פראצענטען, און אויף אזא אופן איז די הלואה געווען מעהר אדער ווייניגער געזיכערט. און ווען די נויטיגע קרעפטען און די נויטיגע עטליכע גראשען זיינען פארהאן, איז די איינציגע זארג נאר געבליבען וועגען פיעסען. נאך אפילו מיט שטיקער האט מען זיך אויך געקענט ווי עס איז אן עצה געבען. אין רומעניען האט מען ניט אנערקענט דעם זכות פון אן אויטאר, בפרט ווען די ערשטע שטיקער זיינען געווען גענומענע אדער צוזאמענ־געשטעלט פון עטליכע ליעדלאך מיט אביסעל פראזע. גראדנער האט זיך אויף אזא אופן גרינג געקענט אן עצה געבען מיט גאלדפאדענ'ס שטיקער, וועלכע ער האט פריהער געשפיעלט.

מיט דער טרופע האט קיין גרויסע שוועריגקייט ניט געקענט זיין. אלע, וואס האבען דעמאלט געשפיעלט, זיינען געווען ניי־געבאקענע

שטאָט וואָס ביז איצט זיינען די בעזוכער נאָר געווען פון די סאַמע נידריגע שיכטען, האָט מען שוין איצט געקענט דאָ זעהן דעם פיי־נעם היימישען בעל הבית, דעם משכיל און דער טהעאַטער ווערט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב אַן אינסטיטוציאָן פון דעם גאַנצען פאָלק.

אין טעהאַטער זעהט מען איצט אויך אַ צומיש פון רוסישע אַפּיצירען. די פּזמונים און טענצלאַך מיט וועלכע די ערשטע שטי־קער זיינען געווען דורכגעפּלאָכטען, זיינען פערשטענדליך און צו־גענגליך פאַר אַלעמען, בפרט ווען די האַנדלונג איז דורכאויס פון אידישען לעבען און די לאַנגע קאַפּאָטעס און בערד מיט פאות'ען זיינען גוט בעקאַנט דעם רוסישען. אויב דער דאָזיגער צומייש האָט ניט געהויבען די ביהנע, האָט ער אַבער פיעל געהאָלפען דער קאַ־סע.

דער קליינער האָל, וואָס גאָלדפאַדען האָט געהאַט ביי לאַ־זאַר'ן אין שיינק, איז געוואָרען צו קליין פאַר דעם גרויסען פּובלי־קום, און דאָס טהעאַטער האָט זיך אַריבערגעצויגען אין דעם גרעס־סערען האָל „פּאַמול ווערדי" (גרינער בוים).

צווישען די אָנגעלאָפענע אין בוקאַרעסט איז אויך געווען משה פינקעל. ער איז געקומען פערדיענען אַ גרינגען רובל ביים קאָמי־סאַריאַט, נאָר ער איז באַלד אַריינגעפאַלען אין גאָלדפאַדענס טרופּע.

משה פינקעל איז געווען אַ וואַנדערער פאָלקס־זינגער און, ווי עס זעהט אויס, האָט ער אַלס אַזעלכער שוין געגעבען פריהער פאָר־שטעלונגען אין רומעניען. נאָך איידער גאָלדפאַדען איז אַהין געקו־מען. דערפון וואַרשיינליך האָט זיך גענומען דער פערשפּרייטער איינדרוק, אַז גאָלדפאַדען האָט ביי זיין אָנקומען אין רומעניען גע־טראָפען גראַדנער'ן און פינקלען, און מיט זיי האָט ער געגעבען זיינע ערשטע שטיקער.

מאָגולעסקאָ דערצעהלט עס אין זיינע עראינערונגען אַלס אַ פאַקט און פיעלע, וואָס געדענקען נאָך די ערשטע גאָלדפאַדען שטי־קער, זיינען אויך אונטער דעם זעלבען איינדרוק. נאָר דאָס איז ניט ריכטיג. פינקעל איז ניט געווען אין גאָלדפאַדענ'ס טרופּע ביז דער

שכר גאלדשטיין
סאפיע קארפ

לאזער צוקערמאן און פרוי

מ. היינע (חיימאוויטש)



אבא שענגאלד מאקס קארפ
חיה שרה שענגאלד

זעליג מאגולעסקא

ישראל גראדנער

אקטיארען, און אזעלכע האבען זיך געפונען אין יעדער שטאדט.

גראדנער׳ס אונטערנעהמונג האט אין יאסי פינאנסירט דער שיינקער מאריץ ראט, און יאסי האט געקריגען אן אייגענעם אידי־שען טהעאטער.

עס איז כאראקטעריסטיש וואס גראדנער האט באלד אריבער־גענומען מאגולעסקא׳ן פון גאלדפאדען׳ס בוקארעסטער טרופע צו זיך, דעם זעלביגען זעליגעל מאגולעסקא צוליעב וועלכען ער האט צוריסען מיט גאלדפאדען. ער האט אויך אבגערעדט זילבערמאנען, וועלכער האט ארויסגעוויזען גע׳שעפּטס־פעהיגקייטען, און שכר גאלדשטיין איז שוין פון פריהער געווען מיט איהם. אויף אזא אופן האט די טרופע פון יאסי געקענט זיך בעריהמען מיט עטליכע פון די בעסטע קרעפטען פון יענער צייט און האט זיך בשום אופן ניט גע־דארפט שעהמען פאר דער בוקארעסטער טרופע.

נאר די ערשטע עטליכע פיעסען, וואס גראדנער האט מיט זיך געהאט זיינען באלד אלט געווארען און מען האט דעם עולם גע־דארפט געבען נייע. אלס ליעדער־זינגער פלעגט גראדנער אמאל אנשרייבען פאר זיך אן אייגענעם קליינעם וואדעוויל, אבער גאלד־פאדען האט שוין געגעבען א געוויסע פארם פאר שטיקער, און אזעלכע האט ער אליין ניט געקענט שאפען. ארום דער צייט איז אין דער יאסער קאמפאני׳ע אריין יוסף לאטיינער אלס סופלער, און די אויגען פון דעם דירעקטאר און פון דער קאמפאניע האבען זיך גע־ווענדעט צו איהם, אלס צום מאן וואס פערשטעהט זיך אויף די שווארצע פינטלאך.

יוסף לאטיינער איז געווען א געבארענער א יאסער (1853) און האט ביז זיעבצעהן יאהר געקראגען א אידישע ערציהונג, נאר די כוואליע פון השכלה האט אויך דערגרייכט אהין און ער האט זיך גענומען צו חכמות חיצוניות. מיט גאלדפאדען׳ס אנקומען אין יאסי האט זיך ביי איהם דערוועקט א חשק צו שרייבען טהעאטער־שטיקער, און ווען גראדנער האט דערפיהלט א דוחק אין פיעסען, איז לאטיינער ארויסגעקומען מיט זיין ערשטען שטיק „יענטע די פיפערנאטערין.“ באלד נאכדעם האט ער גענומען איבערמאכען פון דער דייטשער פיעסע „נאטהאן שלומיאל“ א אידישע שטיק, וואס

ער האָט א נאָמען געגעבען „שמואל שמעלקעס“, און גאָלדפאדען האָט באלד דערפון געמאכט דעם בעקאנטען פארס „ביידע קוני לע־מילס.“

אין דער צייט האָט גאָלדפאדען דערוויזען צו קריגען א פרוי פאר דער ביהנע אין בוקארעסט. ווי שוין געזאָגט, האָבען די ערשטע צייט מאנסביל געשפּיעלט פרויען־ראָליען. ווייל אידישע מיידלאך און ווייבלאך האָבען מורא געהאט איינצושטעלען זייער רעפּוטאציע. דער טהעאטער האָט קיין גוטען נאָמען ניט געהאט, די בעזוכער זיינען געווען דער גרעבסטער עלעמענט. די מייסטע אקטיאָרען האָבען זיך אויפגעפיהרט ווי הפקר־יונגען, און פאר א מיידעל אָדער ווייבעל ארויפצוגעהן אויף דער דעמאָלטיגער אידי־שער ביהנע איז געווען ניט בעסער ווי צו געהן אין א שיינק צווי־שען שלעכטער קאָמפּאניע. נאָר דער דראנג איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט אפילו בייגעקומען די איינגעבאָרענע צניעות פון דער אידישער פרוי. עס איז נאָר געווען שווער, אז די ערשטע פרוי זאָל זיך ווייזען אויף דער ביהנע און באלד נאָכדעם האָבען זיך א שאָט געטהאָן פרויען פון אלע זייטען.

ווער איז געווען די ערשטע פרוי?

די געשעהעניסען אין יענער צייט זיינען געקומען אזוי האַס־טיג איינע נאָך די אנדערע, אז אפילו אזא וויכטיגע און אינטע־רעסאנטע פּאסירונג ווערט איבערגעגעבען אנדערש פון פערשיעדע־נע פּערזאָנען. דער פערשטאָרבענער דראמען־שרייבער הורוויטש האָט מיר דערצעהלט, אז איהם קומט דער קרעדיט פאר ארויפברענ־גען די ערשטע פרוי אויף דער אידישער ביהנע. אבער צו דער צייט איז נאָך זיין נאָמען גאָר ניט פערבונדען מיט'ן אידישען טהעא־טער, און ערשט אין עטליכע חדשים ארום ווייזט ער זיך מיט זיינער א טרופּע.

אין זיינע עראינערונגען, גיט אונז איבער זעליג מאָגולעסקאָ, אז די ערשטע פרוי אויף דער אידישער ביהנע איז געווען ראָזא פריעדמאַן. ער דערצעהלט, אז איידער דאָס אידישע טהעאטער האָט זיך בעוויזען, האָט ראָזא פריעדמאַן געטאַנצט און געזונגען אין די קאָנסטאנטינאָפּאָלער קאפעס, זי האָט זיך דעריבער ניט גע־

אויף א יונגע מיידעלע, א נייטערקע מיט'ן נאמען שרה, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט א זיסען קול'כעל. פאר איהר זים זינגען האט מען איהר גערופען „פאסאריקא," דאס איז א רומעניש ווארט וואס בעדייט פויגעלע. און גאלדפאדען האט געבראכט דערצו, אז זי האט איינגעוויליגט צו שפיעלען א ראל אין דעם שטיק, וואס ער האט זיך געקליבען צו שטעלען. זי האט איין אבענד אבגעשפיעלט, נאר איהר מוטער האט ערקלערט מיט'ן הארבען ווארט, אז זי וועט ניט לאזען איהר טאכטער מעהר שפיעלען און שרה'ס שידוך מיט דער ביהנע האט זיך נאך יענעם אבענד געענדיגט אין גאלאץ.

אבער די יונגע שרה האט דוקא השק געהאט צו שפיעלען און זי האט אריינגע'טענה'ט מיט איהר מאמען, נאר די טענות האבען איהר גאר ניט געהאלפען און די מוטער האט קאטעגאריש ערקלערט, אז כל זמן זי איז ביי איהר טאר קיין טהעאטער ניט געדאכט ווערען, נאר ווען זי וועט חתונה האבען, וועט זי קענען טהאן וואס זי וויל.

שרה האט געלאזט וויסען גאלדפאדענ'ען דעם אורטהייל, וואס איהר מוטער האט ארויסגעגעבען, און דער גרינדער פון אידישען טהעאטער האט צוזאמענגערופען זיינע צוויי אקטיארען און האט מיט זיי געהאלטען א ראט. ער אליין האט געהאט א ווייב, גראדנער איז אויך געווען א בעווייבטער און אויף אזא אופן איז שכר גאלדשטיין געווען דער איינציגער וועלכער האט מיט איהר געקענט חתונה האבען מיט'ן צוועק צו געווינען איהר פאר דער ביהנע. גאלדפאדען און גראדנער האבען איהם איבערגערעדט, אז ער זאל עס טהאן נאר ווי עס ווייזט אויס האט דאס אנפאנגס געקלונגען ווי א המצאה, נאר ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען אין עטליכע חדשים ארום, איז שכר גאלדשטיין טאקע אריבערגעפאהרען קיין גאלאץ, האט מיט איהר חתונה געהאט און געבראכט איהר קיין יאסי שפיעלען.

ארום דער צייט האט זיך אין בוקארעסט געוויזען א נייער אנטרעפעניאר מיט א נייער טרופע אקטיארען.

דאס איז געווען משה הורוויטש.

משה הורוויטש איז געבארען געווארען אין סטאניסלאוו, גא-

האט וואָס צו שעהמען פאר'ן אידישען טהעאטער און זי איז געוואָרען די ערשטע אידישע אקטריסע און איז אוועק אין גאָלדפאדען'ס טרופע.

לייזער צוקערמאן בעהויפטעט, אז מינדעל צוקערמאן און גאָלדיצע זיינען געווען די ערשטע אקטריסעס און שוין ביי „שמענדריק" האָבען זיי זיך געוויזען אויף דער ביהנע.

נאָר דער אלגעמיינער איינדרוק ביי טהעאטער־מענשען, וואָס האָבען גוט געדענקט יענע צייט, איז געווען, אז די ערשטע אקטריסע איז געווען שרה, אָדער ווי זי איז שפּעטער בעסער בעוואוסט געוואָרען אונטער'ן נאָמען סאָפיע קארפ, די מוטער פון ראָזא קארפ. און דער דאָזיגער איינדרוק איז ניט קיין אומזיסטער.

ווען גראָדנער האט דערהערט, אז גאָלדפאדען האט אריינגעקריגען א פרוי אין זיין טהעאטער, האט ער ניט גערוהט און אָנגעהויבען צו זוכען א פרוי מיט ליכט. שכר גאָלדשטיין, וועלכער האט געשפּיעלט צוזאמען מיט איהם, האט זיך ארויסגערופען צו העלפען איהם קריגען א פרוי, און אַ דאנק איהם איז שרה אריין אין גראָדנער'ס קאָמפּאניע. נאָר איידער דאָס איז געשעהן, האט גראָדנער געשריבען צו זיין ווייב אין קרעמענטשוג, אז זי זאָל צו איהם קומען קיין יאסי, און גלייך ווי זי איז געקומען איז זי אריין אין זיין קאָמפּאניע. און ווען גאָלדשטיין איז אָנגעקומען מיט שרה, האט שוין פרוי גראָדנער געשפּיעלט.

נאָר ווי עס ווייזט זיך ארויס איז שרה'ס דעביוט ניט געווען אין יאסי און איהר ערשטער אויפטריט אויף דער ביהנע איז זעהר אינטערעסאנט.

זי איז ערשיענען צום ערשטען מאָל אויף דער ביהנע מיט גאָר דער ערשטער קאָמפּאניע, נאָך איידער גאָלדפאדען איז צוגעקומען צו בוקארעסט. דאָס איז געווען אין גאַלאַץ, ווען גאָלדפאָדען'ס קאָמפּאניע איז בעשטאַנען פון דריטהאלבען אקטיאָרען. אין א פריהערדיגען קאפּיטעל איז שוין געווען בעשריבען ווי אזוי גאָלדפאָדען האָט געגעבען די ערשטע פאָרשטעלונג אין גאַלאַץ. ער האָט געדארפט האָבען מעהר קרעפטען, ווי ער האָט פערמאָגט, און ער האָט זיי געזוכט מיט ליכט. אין גאַלאַץ איז זיין בליק געפאַלען

רעסט. זיין טרופע איז בעשטאַנען פון אבא שעהנגאָלד, וועלכער האָט זיך דעמאָלט בעוויזען צום ערשטען מאָל, משה טהייך, הער־שעל גאָלדענבערג און א געוויסע גאָלדשטיין.

זיין ערשטע שטיק איז געווען „דאָס פוילישע אינגעל“, גענו־מען פון לינעצקי׳ס ווערק אונטער דעם זעלביגען נאָמען. דערביי איז נויטיג צו בעמערקען, אז דאָס דאָזיגע שטיק האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט׳ן „פוילישען אינגעל“, וואָס הורוויטש האָט אָנגעשריבען מיט יאָהרען שפּעטער און וואָס איז עד היום געבליבען אין רעפּער־טואר.

באַלד נאָכדעם האָט ער אָנגעשריבען א צווייטע שטיק „באַנ־קיי טיראַן“, נאָר זי איז מאוס דורכגעפאַלען און א דריטע שטיק „די וויסטע אינזעל“, אַן איבערזעצונג פון רומעניש.

גאָלדפאדען׳ען איז ניט געפעלען געווען צו האָבען א קאָנקו־רענט ביי דער זייט, און כדי פּטור צו ווערען פון איהם, האָט ער געשיקט נאָך אבא שעהנגאָלד, וועלכער איז געווען די הויפּט קראַפט פון הורוויטש׳עס טרופּע און האָט איהם אריינגענומען צו זיך.

אָהן אבא שעהנגאָלד האָט זיך די טרופּע ניט געקענט האַלטען און זי איז גלייך צופאַלען געוואָרען.

אָבער דאָס האָט הורוויטש׳ן ניט געמאַכט פאר אויס דירעק־טאָר. ער האָט שוין דעם טעם פון טהעאטער פערזוכט און ער האָט שוין געוואוסט מיט וואָס מען עסט עס. אין בוקארעסט איז פאר איהם בעת מעשה קיין פּלאַץ ניט געבליבען, האָט ער זיך אוועקגע־לאָזט איבער די אנדערע רומענישע שטעדט.

אויף דער פּראָווינץ האָט ער זיך געטראָפען מיט גראדנער און אזוי ווי איצט זיינען זייביידע געווען דורכגעדרונגען מיט א שנאה צו גאָלדפאדען האָבען זיי צוזאמען געשלאָסען איין קאָמפּאַניע און אוועקגעלאָזט זיך צוריק קיין בוקארעסט צו לערנען מיט איהם בלק.

די טרופּע האָט איצט געטראָגען דעם דאָפּעלטען נאָמען פון גראדנער און הורוויטש, און דער לעצטער האָט דאָ אויך פערנומען א פּלאַץ אלס שוישפּיעלער. צוזאמען מיט זיי איז אויך געקומען פייוועלע פריעדמאַן.

אָבער הורוויטש און גראדנער האָבען ניט געקענט הויזען צו־

ליציען, אין 1844, ביי פרומע עלטערען און האט געקראגען א אידי־
שע ערציהונג. ביז פופצעהן יאהר האט ער געלערנט אין ישיבות
און נאכדעם האט ער זיך גענומען לערנען שחיטה, נאר אין דער
צייט איז ער געכאפט געווארען פון דער השכלה און ער האט זיך
אבגעגעבען מיט זייטיגע למודים. צו אכטצעהן יאהר האט ער
פערלאזט גאליציען און איז אוועק נאך רומעניען און איז געווארען
א לעהרער פון העברעאיש אין יאסי. אין 1871 האט ער אנגעהוי־
בען ארויסצוגעבען א צייטונג אין העברעאיש און רומעניש, וועלכע
האט געהייסען „טימפּול“ (די צייט), נאר זי האט קיין ערפאלג ניט
געהאט. ווען יאסי איז פאר איהם געווארען צו ענג איז ער אוועק
קיין בוקארעסט. הורוויטש האט בעהויפטעט, אז ער איז געווען א
לעהרער פון געאגראפיע אין דעם בוקארעסטער אוניווערזיטעט און
דערפון האט ער זיך גענומען די פרעטענזיע אויפ'ן טיטעל פּראפעס־
סאר. ווי ווייט די דאזיגע פרעטענזיע האט א ממשות איז ניט
בעשטימט, נאר זיכער איז, אז ער איז געווען א דירעקטאר פון א
אידישער שולע אין בוקארעסט. די אידישע בעלי בתים פון בוקא־
רעסט זיינען מיט איהם צוליעב וואס עס איז ניט געווען צופריעדען
און זיי האבען איהם ארויסגעיאגט פון זיין שטעל. ער האט זיך
דערפאר מיט זיי אבגערעכענט אויפ'ן סאמע נארעשסטען אופן און
האט זיך גע'שמד'ט.

אלס איינער וואס האט זיין חיונה געדארפט זוכען פון א אי־
דישער שולע האט דאס איהם קיין גוטס ניט געקענט טהאן און אויב
ער האט ערווארט אז די קריסטליכע נשמה־פערזארגער וועלען איהם
קומען צו הילף, האט ער זיך אין זיין חשבון גענארט. און ארום
דער צייט וואס גאלדפאדען האט געגרינדעט זיין טהעאטער אין בו־
קארעסט, איז משה הורוויטש ארומגעגאנגען אהן א קנעלונג און
האט ניט געוואוסט, צו וואס צו נעהמען זיך.

די קורצע צייט וואס דער רוסישער קאמיסאריאט איז געזע־
סען אין בוקארעסט האט מען אין אידישען טהעאטער געמאכט
גלענצענדע געשעפטען און דאס האט באוואויגען משה הורוויטש
צו פרובירען זיין מזל אויפ'ן נייעם פעלד.

נאך פסח אין 1878 האט ער געעפענט א טהעאטער אין בוקא־

פערטראָגען די אפּלאָדיסמענטען, וואָס מען האָט געשענקט שרה גאָלדשטיין (שפּעטער בעוואוסט אלס סאָפיע קארפּ). די קנאה צווי־שען די אקטיאָרען און די אקטריסעס איז געוואָרען אזוי גרויס, אז זיי האָבען מעהר ניט געקענט שטעהן צוזאמען.

נאָר מיט'ן אָבפּאָהרען פון די גראָדנערס איז די טרופּע גע־בליבען אין יאסי, און איצט איז דער הויפּט פון דער קאָמפּאניע גע־וואָרען זעליג מאגולעסקא און זי האָט געטראָגען זיין נאָמען. פון אקטיאָרען און אקטריסעס איז שוין איצט קיין מניעה ניט געווען. אין דער צייט האָט מען שוין מעהר קיין שהחיינו ניט געדארפט מאכען אויף א אידישען אקטיאָר אָדער אידישע אקטריסע. אזוי ווי שוועמלאָך נאָך א רעגען זיינען זיי ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען. דער צעטיל פון אקטיאָרען און אקטריסעס איז גאָר אין קורצען משך אויסגעוואקסען גאָר א היבשער. איידער די ביהנע איז אלט געוואָרען א יאָהר צו צוויי, האָט מען שוין אָנגעצעהלט עט־ליכע צעהנדליג שוישפּיעלער און שוישפּיעלערינס. אזוי בעגעגענען מיר שוין אין די פערשיעדענע שטעדט אין רומעניען, אין דער צייט פון דעם רוסיש טערקישען קריעג: גראָדנער, גאָלדשטיין, שאַפּירא, מאגולעסקא, צוקערמאַן, זילבערמאַן, מיכל גליקמאַן, ישראל וויינ־בלאט, משה טהייך, בויקע, אבא שעהנגאָלד, משה פינקעל, ראָזענ־בערג, ספּיוואקאָווסקי, וואָלף שפּייזער, וויינבערג, מאָרים קריץ, לייזער שווארץ, שמחה דיימאָנד, בערגמאַן, צלאל גרינבערג, פייוועל פריעדמאַן, עדעלמאַן, גאָרטענשטיין, און נאָך פיעלע אנדערע, וואָס האָבען זיך אויף דער ביהנע לאנג ניט געהאלטען. אויף דער צעטיל פון פרויען אויף דער ביהנע איז אין דעם משך פון די ערשטע צוויי יאָהר היבש אויסגעוואקסען. אזוי בעגעגענען מיר שוין דעמאָלט די אקטריסעס: ראָזע פריעדמאַן, מאַרגאַרעטע שווארץ, אנעטא שווארץ (פינקעלס ערשטע ווייב), גאָלדיצע, שרה נאטהאַן, שרה גאָלדשטיין (שפּעטער סאָפיע קארפּ) אנעטע גראָדנער, מינדעל צוקערמאַן, שארלאָטע הורוויטש (שפּעטער גרינבערג), ראָזע אקסעלראד, קלאָ־רא שעהנגאָלד, פּאָלינע פינקעלשטיין (שפּעטער עדעלשטיין) און איהר שוועסטער, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען פרוי מאגולעסקא און נאָך אנדערע. עס איז שוין דעמאָלט אפילו געווען א יונגע מיי־

זאמען. מען דארף פערשטעהן, אז זיי האבען קיין גלענצענדע גע־שעפטען ניט געמאכט און דערצו נאך האט זעהר פיעל געהאט צו זאגען, וואס יעדער פון זיי האט זיך גערעכענט פאר דאס אויי־בערסטע פון שטויסעל, און זיי האבען זיך ניט נאר געריסען נאר עס פלעגט אפט קומען ביי זיי צו א געשלעג. די געשלעגען זיינען געווען אזוי אפט, אז עס איז געווארען א ווערטעל: ווען מען זעהט צוויי צילינדערס וואלגערען זיך אין גאס, זאל מען וויסען אז זיי זיינען גראדנערס און הורוויטשעס.

דאס האט לאנג ניט געקענט אנהאלטען און זיי האבען זיך צוטהיילט. הורוויטש האט צוזאמענגעשטעלט א נייע טרופע, אין וועלכע עס זיינען אריין זיין טאכטער שארלאטע, צלאל גרינבערג (שפעטער זיין איידעם) און אנדערע, וועלכע זיינען לאנג ביי דער ביהנע ניט געבליבען. ער האט אויך אריינגעקראגען צוריק אבא שעהנגאלד און אוועקגעלאזט זיך אויף דער פראווינץ. אין בער־לאט איז צו דער טרופע צוגעקומען א נייע אקטריסע, דאס איז געווען חיה שרה אדער קלארא, מיט וועלכער שעהנגאלד האט חתונה געהאט און א לאנגע צייט האבען זיי ביידע פערנומען דעם אויבען אן אויף דער אידישער ביהנע.

גראדנער און זיין ווייב האבען זיך אוועקגעלאזט געבען קאנ־צערטען, ווי ער האט עס געטהאן פאר גאלדפאדען. ער האט גע־האפט, אז צוזאמען מיט מרס. גראדנער וועלען די קאנצערטען צו־געהן לעבעדיגער, נאר דער דאזיגער סארט אונטערהאלטונג איז אין די פאר יאהר פון מאדע ארויס און זיי זיינען ביידע אוועקגעפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל.

איידער גראדנער האט שותפות געמאכט מיט הורוויטשען, האט ער געהאט זיין אייגענע טרופע אין יאסי. אלס דירעקטאר האט ער געטהאן אלץ וואס ער האט געקענט, אז זיינע פארשטעלונגען זאלען אויסנעהמען ביים עולם און ער האט דאריבער אבגערע־ט מאגולעסקא פון גאלדפאדען און געווירקט דורך שכר גאלדשטיין, אז ער זאל מחנך זיין זיין יונגע ווייבעל שרה צו דער ביהנע. נאר אלס שוישפיעלער האט ער ניט געקענט פערטראגען, ווען דער עולם האט אפלאדירט מאגולעסקא און מרס. גארדנער, האט ניט געקענט

קען, אז ווערבעל, דער פערפאסער פון „חולדה ובור“ איז געווען גאָלדפאדענ׳ס שווער.

די שפע איז געווען גרויס אין אידישען טהעאטער אין דער דאָזיגער צייט. די גרעסטע שפע איז געווען אין גאָלדפאדענ׳ס טהעאטער אין בוקארעסט און דער דירעקטאָר און די אקטיאָרען האָבען זיך ממש געבאָדען אין כל טוב. און דערצו איז אפילו ניט געווען נויטיג, אז די אקטיאָרען זאָלען קהיגען זעהר גרויסע שכירות. אזוי גיך ווי א פאָרשטעלונג אין טהעאטער האָט זיך געענדיגט, האָבען שוין פאָדריאטשיקעס געוואָרט אויף זיי און געפיהרט זיי אין די רייכסטע רעסטאָראנען, וואו מען האָט געגעסען, געטרונקען און געהוליעט ביז גרויסען טאָג. אזוי איז געווען נאכט איין נאכט אויס און די טייערסטע ווייגען האָבען זיך געגאָסען ווי וואסער.

מען דערצעהלט אן אנעקדאָט, וואָס כאראקטעריזירט גוט יענע צייט. דער אקטיאָר נ. נ. איז פּלוצים קראנק געוואָרען און א דאָקטאָר האָט איהם ערקלערט, אז ער דאַרף האָבען אן אפּעראציע. ווען ער האָט זיך אָנגעפרעגט, וואָס דאָס איז פאר א חלאת, האָט איהם דער דאָקטאר געזאָגט, אז ער ליידט פון וואסער אין מאָגען. ער האָט זיך צולאכט, און דער דאָקטאָר האָט נאָך אזא מין ערקלערונג געקראָגען א פנים פון חוזק אין זיינע אויגען. ווייל דאָס איז געווען אין דער סאמע צייט פון דער גרויסער שפע אין טהעאטער און ער האָט געקענט שווערען אז זינט די אידישע פאָדראטשיקעס זיינען אָנגעלאָפען אין בוקארעסט, איז אפילו א טראָפּען וואסער ניט אריין אין זיין מויל, און ער האָט זיך ממש געבאָדען אין שאמפאניער.

און די שפע איז ניט נאָר געווען אין בוקארעסט; אין יעדער היבשער שטאָדט, וואוהין גאָלדפאדען איז געקומען גאסטראָלירען מיט זיין טרופּע, איז דאָס טהעאטער געווען געפּאקט. אין גאַלאַץ האָבען זיך צוויי אונטערנעהמער ארויסגערופען צו בויען א טהעאטער ספּעציעל פאר גאָלדפאדען. דאָס איז שוין געווען אין די לעצטע חדשים פון דעם קריעג.

אויך דאַרף מען פערשטעהן, אז אין דעם טהעאטער אין יאסי האָט מען אויך ניט געמאכט קיין שלעכטע געשעפטען. אזוי, למשל,

דעלע, א קינד, וואָס פּלעגט ערשיינען אויף דער ביהנע און זינגען קופּלעטען, לאַקסער האָט זי געהייסען, און זי איז איצט אויך בע־קאַנט אונטער דעם נאָמען אויף דער ביהנע.

אונטער דער צייט האָט גאָלדפאַדען געשאַפען נאָך עטליכע אָפּערעטקעס, אויפ'ן זעלביגען שניט ווי די פריהערדיגע. די דאָזיגע אָפּערעטקעס זיינען איצט איבערגעמאַכט געוואָרען פון גווישע בי־ליגע שטיקער אָהן שום פּרעטענזיעס אויף ליטעראַטור. זיינע שטי־קער פון דער דאָזיגער צייט זיינען געווען: „א מאַן מיט הערנער" אין דריי אקטען, „טודרוס בלאָז" אין דריי אקטען (די לצים צווי־שען די אקטיאָרען האָבען גערופען די דאָזיגע שטיק „טודרוס דוי"), „די שטומע כלה" אין דריי אקטען (מיט יאָהרען שפּעטער האָט זאַ־לאַטאָרעווסקי פון דאַנען ארויסגענומען די גאַנצע סצענע מיט'ן רבי און גבאי און מיט אלע וויצען פאַר זיין „ישיבה בחור"), „ברייג־דעלע קאָזאַק", „די כישוף מאַכערין," „ני־בע ני־מע, ני־קוקעריקו", און נאָך אנדערע. די דאָזיגע ווי אויך גאָר די ערשטע שטיקער זיי־נען שטענדיג געשטעלט געוואָרען מיט א צוגאָב, דאָס הייסט מיט א קליינעם וואָדעוויל. „אַזוי למשל, איז צו „שמענדריק" צוגעגעבען געוואָרען „א גלאָז וואַסער", צו אן אנדער שט־ק — „דער קאַטאַר" צו נאָך אן אנדערער — „די שוועבעלעך" און דאָס גלייכען.

און ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען צווישען די דראַמענ־שרייבער האָט גאָלדפאַדען אויך איבערגעמאַכט דעם „באַנקיי טי־ראַן" און „די וויסטע אינזעל" און אריינגענומען זיי אין זיין רע־פּערטואַר. דערביי איז אפשר כדאי צו בעמערקען, אז גאָלדפאַ־דענ'ס „באַנקיי טיראַן" האָט געהאַט מעהר ערפאָלג ווי הורוויטשעס.

אין יאַסי האָט לאַטיינער אונטער דער צייט געגעבען „לומפּאַ־ציוס וואַגאַבונדוס" (איבערזעצט פון רומענישען) און „די ליעבע פון ירושלים."

די „ליעבע פון ירושלים" איז טהיילווייז געווען גענומען פון מפּו'ס „אהבת ציון" און טהיילווייז פון ווערבעל'ס „חולדה ובור", און דאָס הייסט, אז דער אינהאַלט איז עהנליך געווען צו גאָלד־פאַדענ'ס מייסטערווערק „שולמית", וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט עטליכע יאָהר שפּעטער. דערביי איז אויך כדאי צו בעמער־

צופריעדען נאָכדעם ווי זיי האָבען געלעבט אַזאַ גוטען טאָג.

אין יאסי איז מאגולעסקאָ׳ס טרופּע באלד נאָך דער מלחמה צושלאָגען געוואָרען און די אקטיאָרען האָבען זיך צושפּרייט איבער׳ן לאַנד.

אין בוקארעסט האָט גאָלדפאדען איינגעזעהן אז דאָרטען איז שוין מעהר פאר איהם קיין פּלאַץ ניט געבליבען און ער האָט איצט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען רוסלאַנד.

פאר פּסח אין 1879 האָט גאָלדפאדען איבערגעלאָזט זיין טרופּע אין רומעניען און איז צוזאמען מיט זיין סעקרעטער יצחק ליברעסקו אוועקגעפאָהרען קיין אדעס.

זעהען מיר, אז דער אקטיאָר ישראל וויינבלאט, וועלכער איז אריי־בער פון גאָלדפאדען צו מאגולעסקא אין יאסי האָט געקריגען 250 פראנק א חודש. ביי גאָלדפאדען אין בוקארעסט האָט ער געקרי־גען 170 פראנק א חודש.

געשפּיעלט האָט מען דעמאָלט ניט מעהר ווי פיער מאָל א וואָך: שבת צו נאכט, זונטאג ביי נאכט, דינסטאג און דאָנערש־טאג. ווי עס איז צו זעהן האָט מען זיך דעמאָלט געהיט ניט אויפ־צורייצען די פרומע אידען געגען טהעאטער און אזא אבענד ווי פרייטאג צו נאכט, ווען אלע אידען סיי פרומע און סיי ניט פרומע זיינען פריי, האָט מען ניט געשפּיעלט, הגם אין די פּיעסען פון יע־נער צייט איז אָנגעגאנגען א שטענדיגער „קאמף מיט'ן פאנאַטיזם" און מען האָט חוזק געמאכט פון די פרומע אידען.

הגם מען האָט זיך געדארפט רעכטען, אז די מלחמה וועט אייביג ניט געדויערען און פריהער אָדער שפּעטער וועט זי זיך ענדי־גען, האָט אבער קיינער וועגען דעם ניט געטראכט. מען האָט גע־גלויבט, אז אזא איז געוואָרען דער צושטאַנד פון אידישען טהעא־טער און די שפע וועט אלע מאָל אָנהאלטען. נאָר דאָ איז אָנגע־קומען איין בעריכט נאָכ'ן צווייטען, אז די מלחמה האָט זיך געענ־דיגט און דער גאנצער קאָך ארום דעם קאָמיסאריאט איז מיט אמאָל שטילער געוואָרען. איינער נאָכ'ן צווייטען האָבען די אידישע פאָד־ריאטשיקעס פערפאקט זייערע זאכען צוזאמען מיט'ן אָנגעקליבענעם גאָלד און געלאָזט זיך פאָהרען צוריק אהיים, און איידער מען האָט זיך גוט ארומגעקוקט, איז קיינער פון די אָנגעלאָפענע ניט געבלי־בען, א חוץ יענע וואָס האָבען ניט געהאט אויף הוצאות.

מיט'ן אויפהערען פון דעם גאָלדענעם מבול האָט אויך אויפ־געהערט די שפע אין אידישען טהעאטער. עס איז ווידער געבליבען דער זעלבינער אָרימער עלעמענט, וואָס האָט פאטראָניזירט די אי־דישע ביהנע פאר דער מלחמה. די ביינקלאך זיינען געבליבען האלב אָדער דריי פיערטעל לעדיג, אין דער קאסע איז געווען א חושך, נאָר אויב פאר דער מלחמה האָבען די דירעקטאָרען און אקטיאָרען צופריעדענגעשטעלט זיך מיט אזא צושטאַנד אין דער האָפנונג אויף בעסערע צייטען, האָבען זיי איצט בשום אופן ניט געקענט בלייבען

עם זיינען אריין יאנקעל קאצמאן, מענדעל אבראמאוויטש (ער איז שפּעטער געוואָרען דער מאן פון דער בעקאנטער אקטריסע מרס. אבראמאָוויטש, וועלכע איז איצט מרס. יאָוועליר) אריה שראגע, אהרן טאגער, באָרים אלטמאן און סאָפיע אבערלענדער, וועלכע האָט געשפּיעלט אונטער'ן נאָמען מיכעלסאָן (זי האָט שפּעטער חתונה געהאט פאר דעם בעוואוסטען שוישפּיעלער יעקב אדלער), געדונגען דעם רעמעסלעני קלוב און צום ערשטען מאָל אין אָדעס האָט מען גענומען שפּיעלען אידישע שטיקער.

דעם ערשטען אבענד האָט מען געשפּיעלט דריי וואָדעווילען: „פיער פּאָר פאָרצעלייענע טעלער", „די שוועבעלאָך," און „די דריי טויבע," אלע געשריעבען פון א. גאָלדפאדען; א חוץ דעם האָבען די נעכטיגע פּאָלקס זינגער געזונגען קופּלעטען פון גאָלדפאדענ'ס רע־פּערטואר.

דער עולם האָט דערפון געלעקט די פינגער און מען האָט דעם זעלביגען פּראגראם אָנגעהאלטען עטליכע מאָל.

עס ווייזט אויס, אז ראָזענבערג און ספּיוואקאווסקי, וועלכע האָבען זיך שוין בעטראכט אלס גרויסע קינסטלער, האָבען מורא געהאט צו פערלאָזען זיך מיט א גאנצע שטיק אויף די נעכטיגע פּאָלקס זינגער און דעריבער האָבען זיי אָנגעהויבען מיט וואָדעווי־לען, וועלכע זיינען געוועזען נעהנטער צו זיי.

די ערשטע גאנצע שטיק איז געוועזען „ברײנדעלע קאָזאק", פון א. גאָלדפאדען.

מען איז פּשוט געשטאַנען אויף די קעפּ, אזא גרויסער עולם איז געקומען זעהען די קאָמעדיע. די פּאָדריאדטשיקעס, וואָס האָ־בען זיך צוריקגעקעהרט פון בוקארעסט, האָבען זיך נסים אָנדער־צעהלט פון אידישען טהעאטער. די פּאָלקס זינגער האָבען אויפגע־כאפּט די קופּלעטען פון גאָלדפאדענ'ס שטיקער און אריינגעבראכט זיי אין די אידישע הייזער. און דאָס אלץ האָט אָנגעצונדען די נייגיערדע צו זעהן, וואָס מען שפּיעלט אין א אידישען טהעאטער.

מען האָט נאָכדעם געשטעלט „שמענדריק„ און די „קאפּריזנע טאָכטער". די הויפּט ראָל פון „שמענדריק" האָט געשפּיעלט קאצ־מאן און ער האָט זיך אין איהר אויסגעצייכענט און גלייך בעקומען

צעהנטער קאַפּיטעל.

טהעאטער קלייבט זיך איבער קיין רוסלאנד.

איידער גאָלדפאדען האָט בעשלאָסען צו פאָהרען קיין רוסלאנד, האָבען זיך פון זיין טרופּע אָבגעטהיילט עטליכע אקטיאָרען און זיינען אוועקגעפאָהרען קיין אדעס. צווישען זיי זיינען געווען ישראל ראָזענבערג און ספּיוואקאָווסקי.

ראָזענבערג איז פריהער געווען אן אדעסער וואוילער יונג, האָט זיך געריבען ארום געריכט, געשריבען פּראָשעניעס און תמיד געזוכט א גרינגען רובעל צו פערדיענען. בשעת די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז ער אוועק קיין בוקארעסט, וואוהין עס זיינען געלאָפען אלע, וואָס האָבען געהאט אן אויסקוק אויף א גרינגען פערדיענסט, נאָר א ליץ פון דער נאַטור, און אָהן א בעשטימטען צוועק אין לעבען, איז ער אריינגעפאלען אין גאָלדפאדענ׳ס טרופּע און איז געוואָרען אן אקטיאָר. ער איז געווען א קאָמיקער און האָט זיך דעמאָלט אויסגעצייכענט מיט זיין שפּיעלען. אזוי גיך ווי ער האָט דערזעהן, אז אין טהעאטער אין בוקארעסט ווערט אומעדיג, האָט ער זיך מיישב געווען און אוועקגעלאָזט זיך צוריק קיין אָדעס. איהם זיינען געווען בעקאנט אלע וועגען און שטעגען פון דאָרטען און האָט ריכטיג אויסגערעכענט, אז אין אָדעס איז פארהאַן א גוטער פּלאַץ פאר א אידישען טהעאטער.

ראָזענבערג און ספּיוואקאָווסקי האָבען צוגעצויגען צו זיך די אֲדעסעְר פּאָלקס זינגעְר, צוזאמענגעשטעלט א טרופּע. איז וועְלכע

תשוקה צו דעקלאמירען און איבערקרימען און נאכשפעטען יעדען און אלעם.

אלם משגיח איבער קלאקיארען איז ער אין טהעאטער ניט גע־גאנגען ווי א געוועהנליכער בעזוכער. ער האט זיך ניט אזוי אינ־טערעסירט מיט די פיעסען, ווי מיט די אקטיארען. ער האט געהאט זיינע אקטיארען, פאר וועלכע ער איז כורעים געפאלען און וועלכע ער האט פערגעטערט. און צוזאמען מיט אנדערע העלדען פון דער גאליארקע האט מען אויסגעדריקט די בעגייסטערונג פאר זיי מיט דונערענדע אפלאדיסמענטען. און פערקעהרט, ווען אן אקטיאר איז זיי ניט געפעלען געווען האט מען איהם אויסגעפייפט. אין אמע־ריקא אויפ׳ן אידישען טהעאטער לשון הייסען אזעלכע „פאטריא־טען“, און פיעלע אקטיארען זיינען ארויסגעקומען פון די דאזיגע „פאטריאטען“.

דאס אידישע טהעאטער איז געווען ווי געוואונשען פאר איהם. און ער איז גלייך געווארען א בן בית הינטער די קוליסען. אין דער שטיל האט ער זיך גענומען צוגרייטען פאר א טהעאטער קאריער. ווען ער פלעגט בלייבען אליין, איז ער לאנג געשטאנען פאר׳ן שפיעגעל, געמאכט פערשיעדענע גרימאסען, געגלאצט מיט די אויגען און געזוכט אויסצודריקען אלערליי געפיהלען. ער האט אויך פערלאזט מעשה ארטיסט, לאנגע האר און געווארט אויף דער געלעגענהייט צו ערשיינען אויף דער ביהנע און ווערען אן אקטיאר מיט אקטיארען גלייך. נאר וועגען אדלער אלם שוישפיעלער ווע־לען מיר רעדען שפעטער.

ביי א פראבע פון דער נעקסטער שטיק האט זיך ארויסגע־וויזען, אז איינער פון די אקטיארען איז ניט געקומען. מען האט זיך געקליבען שטעלען אויף מארגען גאלדפאדענ׳ס „סצוציק און מור־ציק“ און די ראל פון אבעלע איז ניט געווען בעזעצט. די דאזיגע ראל האט געדארפט שפיעלען „בארים באד גוי“ און דאס איז געווען די ערשטע געלעגענהייט, וואס אדלער האט געקריגען צו שפיעלען א ראל מיט ווערטער. ביים אויפטרעטען אין דער דאזיגער ראל איז איהם די נשמה ארויסגעפאלען. ער האט ניט געזעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דער ביהנע און האט ניט געהערט דעם סופלער, נאר

די העכסטע אנערקענונג.

די „קאפריזנע טאָכטער" פערדיענט דאָ צו ווערען ספּעציעל דערמאָנט, ווייל אין דעם דאָזיגען שטיק, אין „רעמעסלעני קלוב" האָט יעקב אדלער געמאכט זיין דעביוט. ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאט די זכיה צו קריגען א ראָל מיט ווערטער, נאָר ער האָט געהאט א צד אין דער קאָמפּאַניע, ער איז געווען א גוטער ברודער מיט ראָזענבערג און דער לעצטער האָט איהם איינגעטהיילט א שטומע ראָל. דאָס איז די ראָל פון דער שיקסע מארדיאָלא, וואָס קבצנזאָן פיהרט ארויף אויף דער ב הנע ביים סוף פון דריטען אקט. מארדיאָלא טאַנצט א קאדריל און דער פּארהאנג פאַלט.

יעקב אדלער איז ניט קיין פּאָלקס־זינגער און זינגען איז געווען זיין אכילעס'עס פּיאטע, דאָס הייסט זיין שוואכסטער פּונקט. ער איז געווען א בן יחיד ביי אָרימע עלטערען און אלס אזעלכער האָט ער איבער זיך ניט געהאט קיין אויבער האר. ער האָט קיין חשק ניט געהאט צום לערנען און איז לאנג אין קיין חדר ניט געזעסען און אויך ניט אין קיין שקאָלע. די גאס איז איהם געווען בעסער געפעלען און ער האָט זיך אין גיכען קונה שם געווען אלס מזיק ווען ער איז אביסעל אונטערגעוואקסען האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין געשלעגען און מען האָט איהם דערפאר גערופען „יאנקעלע קולאק".

זיין פאָטער האָט איהם אריינגעגעבען אין א שניט קראָם, כדי ער זאָל האָבען א בעשעפטיגונג. ער האָט דאָ געדארפט טראָגען קלומקעס צו די קונים און דאָס איז איהם נאָך וועניגער געפעלען געוואָרען. ער האָט געהאט א שעהנע האנדשריפט און ער האָט גענומען זוכען א פּרנסה אלס איבערשרייבער. ער האָט זיך געוואָרפען פון איין בעשעפטיגונג אויף דער צווייטער, פון איין שטעלע אויף דער צווייטער, און האָט זיך ביי קיין זאך ניט אבגעשטעלט, און די לעדיגע צייט האָט ער מיט יונגע חברה פערבראכט אין דעם שטאָדטישען טהעאטער, וואו ער האָט זיך דערהויבען צו דער מדרגה פון א משגיח איבער קלאקיארען. אין די לאָקאלען, וואו ער האָט געהערט די פּאָלקס־זינגער, און געמאכט אליין הוליאנקעס, איז ער געווען דער קאָמיקער און נאָכשפּאָטער. ער האָט געהאט א

גאָלדפאַדען איז געווען זעהר גרויס צווישען די אַקטיאָרען, און זיי האָבען איהם גערופען „רבי“ און „טאַטע“.

גאָלדפאַדען האָט גלייך געדונגען דעם רעמעסלעני קלוב, און ווען ער האָט מיט ליבערעסקו געמאַכט דעם חשבון, זיינען זיי געקומען צום שלום, אַז מען דאַרף דערצו האָבען לכל הפחות פינף טויזענד רובעל.

און עס האָט זיך איצט אויסגעוויזען, אַז פון די אַלע גליקען, וואָס גאָלדפאַדען האָט געמאַכט אין רומעניען, איז איהם ניט געבליבען געננג אפילו אויף אריבערצונעהמען די טרופע פון בוקאַרעסט קיין אָדעס. נאָך דעם גרויסען גאָלדענעם מבול איז ער אין אָדעס אָנגעקומען אָרימער, ווי ער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק אנטלאָפען פון דאָרטען. די סומע פון פינף טויזענד רובעל איז גאָר אַן אונבעדייטענדע און יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט עפּעס א שייכות מיט'ן טהעאטער וואָלט עס געקענט גרינג שאַפען פאַר אזא אונטערנעהמונג, בפרט דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער, נאָר דער פריהערדיגער באנקראָט איז איהם געווען אין וועג, און ער האָט געמוזט אוועקשיקען זיין סעקרעטאַר ליבערעסקו צוריק קיין רומעניען און יענער זאָל דאָרט הויבען אַן הקפה. עס האָט לאנג ניט גענומען ליבערעסקו צו שאַפען אין רומעניען די נויטיגע סומע און חל המועד פסח איז ער צוזאַמען מיט דער קאָמפּאַניע אוועקגעפאָהרען קיין אָדעס. ער האָט מיטגעפיהרט מיט זיך צוויי און פערציג פּערזאָן, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען קרעדיטאָרען.

די קרעפטען פון דער קאָמפּאַניע זיינען געווען: צוקערמאַן, פינקעל, טהייך, אנעטע שווארץ, מארגאריטע שווארץ, מינדעל צוקערמאַן, בויקע, יאנקעלע ראָזענפעלד, הערשעל גאָלדענבערג און אנדערע.

אין אָדעס האָט גאָלדפאַדען אריינגענומען אין זיין טרופּע פון דער פריהערדיגער קאָמפּאַניע: אריה שראַגע, יאנקעל קאַצמאַן, באָרים באַד־גוי, באראָדקין, שאול וויינשטיין און פאשענקא מאָשקאָוויטש, און געשטעלט די „כשוף מאכערין“, „ברײנדעלע קאָזאַק,“ „קאפריזנע טאָכטער“, און „שמענדריק“. צוקערמאַן איז

פון דעם אבענד אָן האָט מען איהם אָפּט אייגנגעטהיילט קליינע, אונבעדייטענדע ראָלען, און ער איז שוין געווען פעררעכענט אַזוי גוט ווי איינער פון דער קאָמפּאַניע.

די פיהרער פון דער טרופּע האָבען געלעבט א גוטען טאָג, די געשעפטען אין טהעאטער זיינען געווען גוט און די אקטיאָרען האָבען אָנגעטהאָן צילינדערס, לאנגע „ווינטשיקאווס", וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע און זעמישענע הענדשקעס.

ארום דער צייט האָט זיך גאָלדפאדען אויסגעקליבען צו פאָהרען קיין אָדעס.

אין א פריהערדיגען קאפּיטעל איז שוין געווען דערמאָנט, אז צוליעב א באנקראָט האָט גאָלדפאדען געמוזט פערלאָזען אדעס אין צוליעב די בעלי חובות האָט ער אהין ניט געקענט קומען. עס איז שווער אויסצוגעפינען, ווי אזוי גאָלדפאדען האָט איצט געמאכט די רייזע קיין אָדעס. די מיינונגען זיינען וועגען דעם גרונט פערשיעדען. מען זאָגט, אז ארום יענער צייט איז אָבגעשאַפט געוואָרען דער שולד געזעץ און אויף אזא אופן האָט ער מעהר ניט געדארפט מורא האָבען פאר זיינע קרעדיטאָרען. מען זאָגט אויך, אז אויס כבוד אויפ'ן דיכטער און דראמאטורג האָבען די קרעדיטאָרען בעשלאָסען ניט צו פערפאָלגען איהם און ער האָט איצט געקענט זיין פראנק און פריי אין אָדעס. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז ער פאר פסח, צוזאמען מיט יצחק ליברעסקו, אוועקגעפאָהרען קיין אדעס. זיי זיינען געקומען אליין, אָהן דער טרופּע, נאָר דאָס איז געווען גענוג, אז ראָזענבערג און ספּיוואקאָווסקי זאָלען אויפהערען צו געבען זייערע פאָרשטעלונגען. אין רומעניען איז ניט אנערקענט געווען קיין אויטאָרס רעכט, נאָר אין רוסלאנד איז דער זכות פון דעם שרייבער בייגעשטאנען איהם, אז פרעמדע זאָלען זיך מיט זיינע ווערק ניט בענוצען.

א חוץ דעם איז געווען גענוג, וואָס גאָלדפאדען אליין איז געקומען, אז די פריהערדיגע קאָמפּאַניע זאָל אבטרעטען אָן א זייט. די דאָזיגע קאָמפּאַניע האָט געהאט אנדערע פּיעסען — לאטיינער'ס און הורוויטש'עס, נאָר מיט זיין קומען איז ביי זיי אָבגעפאַלען יעדער חשק צו מאכען שבת פאר זיך. די מורא און דרך ארץ פאר

דער „כשוף מאכערין“, נאר ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט א ווידערשפעניגסטען גייסט און האט ניט געקענט פערטראגען צו האבען איבער זיך אן אויבערהאר. ער האט געהאט זיינע אייגענע צוויי שטיקער און האט געקריגען אן ערלויבניס צו שפילען זיי א ן ניקאלאיעוו. ער האט אבגערעדט פינקלען, משה טהייך און שעהנגאלד און נאך אנדערע און צוזאמענגעשטעלט אן אייגענע טרופע. גראדנער האט אבער געמאכט א טעות, ווען ער האט געמיינט, אז עס איז גענוג צו האבען אן ערלויבנים צו שפיעלען. ער האט ניט געוואוסט, אז א חוץ דער ערלויבנים דארפען די פיעסען זיין צענזורירט און זיינע פיעסען האבען דעם הכשר פון דער צענזור ניט געהאט. דער ניקאלאיעווער פאליצמייסטער האט איהם די ערלויבנים אונטערגעשריעבען, נאר ווען עס איז געקומען צו די פיעסען, האט מען זיך געכאפט, אז זיי זיינען ניט צענזורירט. האט זיך גראדנער אן עצה געגעבען אויף'ן רומענישען אופן און האט אויסגעקליבען די „כשוף מאכערין“, וואס האט געהאט דעם נויטהיגען הכשר, נאר גוטע מענשען האבען וועגען דעם געלאזט גלייך וויסען גאלדפאדען, וועלכער האט תיכף טעלעגראפירט צום פאליצמייסטער, אז די „כשוף מאכערין“ איז זיינע און האט איהם אויפגעפאדערט ער זאל ניט ערלויבען צו שפיעלען איהר. דער פאליצמייסטער האט געשיקט רופען גראדנער'ן און געמאכט איהם א שארפען אויסרייד. גראדנער איז גלייך אבגעפאהרען פון ניקאלאיעוו און די טרופע איז דארטען געבליבען שטעקען אויף גרויסע צרות. נאר אין שטאדט האט מען זיך אויף זיי מרחם געווען און מען האט זיי אבגעשיקט קיין אדעס. דא האבען זיי אנגעשטעלט מענשען, אז מען זאל זיך אריינלעגען אין א שלום, און גאלדפאדען האט זיך געלאזט איבערבעטען און צוריק אריינגענומען זיי אין זיין טהעאטער.

אין דער צייט האט זילבערמאן פערלאזט מאגולעסקא'ס רומענישע טרופע און איז אנגעקומען צו גאלדפאדען און האט דא אויך געמאכט א גרויסען פוראר.

אין אדעס איז איצט אויך אנגעקומען מאקס קארפ. ער איז נאך קיין אקטיאר ניט געווען, נאר ער האט געהאט א נאהענטע בע־

געווען דער פער פון דער קאמפאניע און די פרעסע האט איהם זעהר געלויבט און ער איז געווען דער ליעבלינג פון טהעאטער.

מען האט אזוי אבגעשפיעלט עטליכע חדשים און עס האט אויסגעזעהן, אז דאס אידישע טהעאטער האט שוין געפונען זיין ריכטיגע היים, נאר דא האבען זיך אנגעהויבען מסירות און אין א שעהנעם טאג איז אנגעקומען פון פעטערבורג א בעפעהל, מען זאל ניט לאזען שפיעלען קיין אידיש טהעאטער.

אין אדעס איז דעמאלט געווען א געוויסער קאך־לעפעל מיט'ן נאמען קרוג. ער איז געווען בעקאנט מיט'ן פעטערבורגער גאלאווא און איז געווען אויסגעמישט מיט „נאטשאלסטווא". ער האט זיך ארויסגערופען אויסצוכלאפאטשען אן ערלויבנים, אז מען זאל מעגען שפיעלען אידיש טהעאטער, ניט נאר אין אדעס נאר אין גאנץ רוס־לאנד, און דערפאר האט ער פערלאנגט, אז גאלדפאדען זאל מיט איהם מאכען דעם טהעאטער שותפות. גאלדפאדען איז דערויף איינגעגאנגען און זיי זיינען ביידע אוועקגעפאהרען קיין פעטער־בורג.

נאר אזוי ווי קיינער האט ניט געקענט וויסען אויף זיכער, צי פון דער שתדלנות וועט עפעס ארויסקומען, און סתם זיצען און ווארטען איז ניט געווען קיין פלאן, האט די טרופע דערווייל גע־מאכט א רייזע צוריק קיין רומעניען און האט זיך אבגעשטעלט אין יאסי, און געשפיעלט דארטען פינף וואכען צייט. דאן איז אנגעקו־מען א טעלעגראמע פון רוסלאנד, אז מען מעג שוין ווידער שפיע־לען אידיש טהעאטער און די טרופע האט מיטגענומען מיט זיך אבא שעהנגאלד און א נייע אקטריסע, ליזע איינהארן, וועלכע האט שעהן געשפיעלט פיאנא און גוט געזונגען.

איצט איז שוין דער רעמעסלעני קלוב געווען צו קליין, צו אונבעדייטענד פאר'ן אידישען טהעאטער און גאלדפאדען האט גע־דונגען דעם מארינסקי טהעאטער. די קאמפאניע האט זיך געהאל־טען אין איין סטאלירען, קרעפטען האבען זיך געביטען, איינינגע זיינען צוגעקומען און אנדערע זיינען אבגעפאלען. באלד איז דא אריין ספיוואקאווסקי און אויך גראדנער מיט זיין פרוי. גראדנער האט געמאכט א גרויסען פוראר אין דער ראלע פון דער באבע אין

שפּיעלט יונגע און אַלטע פרויען און אויך קאָמישע ראָלען. דאָס איז געווען דער בעקאַנטער קאָמיקער אברהם פישקינד.

אין קעשענעוו האָט די דאָזיגע קאָמפּאַניע געגעבען דוד קעס־לער'ן די ערשטע געלעגענהייט צו פערזוכען דעם טעם פון א ביהנע. ער האָט ניט געהאַט אַזאַ גליק אריינצושפּרינגען גלייך אין א ראָל. פאַר דער ערשטער צייט איז געווען איבער גענוג, אז ער האָט גע־קראָגען די זכיה צו שטעהן אויף דער ביהנע אַלס סטאַטיסט. נאָר ער האָט געהאַט א גוטע שטים און ער האָט געקענט האָפען צו שטייגען העכער און דערגרייכען צו דער מדרגה פון אַן אַקטיאָר.

אין קעשענעוו זיינען אויך אריינגעקומען די פאָלקס־זינגער מ. היימאָוויטש (היינע) און גרודבערג. אַלס פאָלקס־זינגער האָ־בען זיי שוין קיין אונטעררריכטונג אין דער קונסט פון שפּיעלען ניט גערדאַרפט האָבען און זיי זיינען גלייך אריין אַלס אַקטיאָרען.

ווען די דערמאָנטע קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען קיין סמילע, האָט אויסגעפעהלט אַן אַקטריסע. ביז איצט האָט אין דער קאָמ־פּאַניע געשפּיעלט פריילין דאַיען (שפּעטער מרס. קאַצמאַן), נאָר דעם פאָטער איז ניט געפעלען געווען, וואָס זי פאָהרט אַרום מיט אַקטיאָרען און ער איז געקומען און אוועקגענומען איהר. נאָר אפילו אין אַזאַ קליינעם שטעדטעל ווי סמילע האָט מען לאַנג ניט גע־דאַרפט זוכען א נייע קראַפט. דאָ האָט די קאָמפּאַניע געטראָפען פריילין סאָניעם און זי איז אַרויף אויף דער ביהנע. פריילין סאָ־ניעם איז קיין אַנדערע ווי די שפּעטער געוואָרענע בעוואוסטע שוי־שפּיעלערין קעני ליפּצין.

ווי עס זעהט אויס, איז אַלץ וואָס האָט זיך געפאָדערט איז געווען צו געבען נאָר א רוף, און פאַרטיגע אַקטיאָרען זיינען ווי דורך א כשוף פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען. אין די שטעדט, וואו מען האָט נאָך קיין טהעאַטער אין די אויגען ניט געזעהען, האָט מען שוין געזונגען פיעלע טהעאַטער ליעדלאַך מיט'ן אמת'ן טראָפּ און מיט די ריכטיגע האוואַיעס פון טהעאַטער און דאָס זיינען געווען ניט נאָר פאָלקס־זינגער נאָר אויך יונגע פועלים, וואָס האָבען שוין געטראָפען דעם וועג אין אַ קעלער. אַלע אַזעלכע, אויב זיי האָבען נאָר געהאַט שטימען, זיינען געווען פיקס און פאַרטיג פאַר

קאנטשאפט מיט'ן אידישען טהעאטער. און אזוי ווי ער האט גע־האט א גוטע שטים האט מען איהם באלד אריינגענומען אין טהע־אטער.

ווען גאָלדפאדען האט אין אדעס גענומען מארינסקי טהעא־טער, האט ער קיין חשק ניט געהאט צו מאכען שותפות מיט קרוג, הגם בשעת עס איז פערבאָטען געוואָרען צו שפּילען אידיש טהעאַ־טער און קרוג האט זיך אונטערגענומען אויסצואווירקען אן ער־לויבנים, האט איהם גאָלדפאדען צוגעזאָגט צו מאכען איהם פאר א שותף אין טהעאטער, אויב פון זיין שתדלנות וועט עפּעס ארויסקו־מען. אבער דערפאר האט גאָלדפאדען צוזאמענגעשטעלט א קאָמ־פּאניע פאר דער פּראָווינץ אונטער דער דירעקציאָן פון זיין ברו־דער טוביא און קרוג און האט זיי אוועקגעשיקט איבער זיך רוס־לאנד.

די קאָמפּאניע איז בעשטאַנען פון ראָזענבערג, קאצמאַן, סאָ־ניע אָבערלענדער, שבתי (עלטערער ברודער) און אנדערע. מיט דער קאָמפּאניע איז אויך מיטגעפאָהרען אדלער און עס האט געדויערט א קורצע צייט ביז ער איז געוואָרען א גאנצער אקטיאָר.

עס פערשטעהט זיך, אז די קאָמפּאניע האט קיין נייע זאכען ניט געשפּיעלט און ניט געדארפט. פאר די שטעדט און שטעדטלאך, וואו די קאָמפּאניע האט אָנגעשפּארט, איז אלץ וואָס מען האט גע־שפּיעלט געווען שפּאָגעל ניי.

קיין איבעריגע קרעפטען האט די קאָמפּאניע ניט פערמאָגט און אויב עס האט אויסגעפעהלט א קראפט אין א שטאָדט האט מען זי דאָרטען גופא געזוכט און געפונען. די הויפּט פאָדערונג פון אן אקטיאָר איז דעמאָלט געווען, אז ער זאָל קענען זינגען.

אזוי האט שוי'ן ביים ערשטען ארויספאָהר אין כערסאָן אויס־געפעהלט דער קאָמפּאניע א קאָמיקער פאר דער ראָל פון האָצמאַך אין דער כשוף־מאכערין. נאָר גלייך האט זיך אָבגעזוכט א בחור, וואס איז געווען בעקאנט מיט'ן גאנצען רעפּערטואר פון די פאָלקס־זינגער און אין א פּאָר טעג האט ער אָבגעקנאַקט זיין ראָל אזוי, אז ער האט אויסגענומען ביי די דירעקטאָרען און איז פערבליבען אין דער קאָמפּאניע און איז מיטגעפאָהרען איבעראל און האט גע־

טיאַרען און אקטריסעס, נאָר ניט קיין שטערען. און פאר דער דאָזיגער ערשיינונג איז ניטאָ קיין שום ערקלערונג.

מיר האָבען שוין דערמאָנט, אז קיין מניעה פון שפּיעלער איז ניט געווען. אפילו אין די פּערוואָרפּענסטע שטעדטלאך האָט מען זיי געקענט שאפען, אויב מען האָט זיי געדאַרפט. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז געווען דערפאר, וואָס דער מאַסשטאַב פון שפּיעלען איז געווען זעהר א נידריגער — און די וואָס האָבען פּערנומען דעם אויבען אָן אויף דער ביהנע זיינען געווען אויך ניט מעהר ווי אָנפאנגער. און דער דאָזיגער צושטאַנד האָט גרינג געמאכט פאר יעדען וואָס האָט געוואָלט ווערען אן אקטיאָר ארויפצוגעהן אויף דער ביהנע.

נאָר וואָס איז געווען די צויבערקראפט, וואָס האָט אזוי גרינג צו זיך צוגעצויגען אזוי פיעל יונגע מענשען צו דער ביהנע?

א מאטעריעלען געווינס האָבען די דאָזיגע יונגע מענשען ניט געקענט ערוואַרטען. די מאטעריעלע לאגע פון די אידישע אקטיאָרען די ערשטע יאָהרען אויף דער ביהנע איז געווען ניט בעסער ווי פון די משוררים׳לאך ביי די חזנים אין די קלענערע שטעדט. די דאָזיגע משוררים׳לאך האָבען ניט אלע מאָל געהאט אפילו ריכטיג אבצועסען און ווען ניט די „גוטע ברידער“, וואָס מען קען געפינען אין יעדען שטעדטעל, וואָלטען זיי נאָך מעהר צוגעהונגערט. די גוטע ברידער, וואָס האָבען ליעב געהאט די נגינה, פלעגען אונטערדרוקען די משוררים עפּעס א ביס אָדער א נאַשעריי און שטילען זייער הונגער. מיט דער אויסנאהם פון דער צייט וואָס דער רוסיש-טערקישער קריעג האָט געדויערט, און א גאָלדענער מבול האָט זיך א גאָס געטהאָן אויף אלעמען, האָבען די קלענערע אקטיאָרען די ערשטע יאָהרען גאָר ניט געקענט ערוואַרטען פון דער ביהנע. עס האָט געהייסען, אז די אקטיאָרען קריגען בעשטימטע שכירות, נאָר דאָס רוב זיינען די שכירות געווען אויף׳ן צעטעל און מעהר ניט. ווען גאָלדפאדען האָט אויסגעריכט די ערשטע קאָמפּאַניע פון אדעס און אוועקגעשיקט איהר אין די אנדערע שטעדט, האָבען די אקטיאָרען אין אדעס גופא א לענגערע צייט זייערע שכירות ניט בעקומען, ווייל עס איז פשוט ניט געווען מיט וואָס

דער ביהנע און מען האָט זיי נאָר געדאַרפט ווייזען דעם שניט און זיי זיינען געוואָרען פארטיגע אקטיאָרען.

נאָר איין זאַך איז שווער צו ערקלערען. מיר האָבען געזעהן ווי אזוי איידער דאָס אידישע טהעאטער איז אַלט געוואָרען עטליכע חדשים האָבען מיר שוין אויף דער אידישער ביהנע געהאַט אזעלכע אקטיאָרען ווי ישראל גראדנער, זעליג מאגולעסקא און איידער דאָס אידיש טהעאטער איז אַלט געוואָרען א יאָהר אין רוסלאנד האָבען מיר שוין געהאַט יעקב אדלער, דוד קעסלער, קעני סאָניעס. עס איז אמת, גראדנער און מאגולעסקא זיינען געווען דעמאָלט נאָך גאָר רויהע טאַלאנטען און סיי אדלער און סיי קעסלער און סיי סאָניעס האָבען נאָך ניט דערגרייכט אפילו צו דער מדרגה פון וואָס מען רופט אויפ'ן טהעאטער לשון פורציעס. אדלער איז געווען א קטן שבקטנים אין אן אונבעדייטענדע פראָווינציעלע קאָמפּאַניע און קעסלער איז געווען ניט מעהר ווי א סטאַטיסט, נאָר זיי זיינען שוין פון דער ביהנע מעהר ניט אָבגעשטאַנען און עס האָט ניט געדויערט זעהר לאַנג און זיי האָבען זיך גענומען רוקען צום אויבען אָן אויף דער ביהנע מיט זיכערע טריט און זיינען דאָרטען פערבליבען ביז היינטיגען טאָג.

מאכט מען א חשבון פון אַלע שטערען וואָס האָבען געלויכטען אויף דער ביהנע מיט א שטענדיגען שיין, געפינען מיר גיך אויס, אז מיט דער אויסנאַהם פון מאַדאַם קאַליש, זיינען קיינע אידישע ערשטע קלאַסע אקטיאָרען ניט צוגעקומען דורך אַלע יאָהרען. עס איז אמת, אז עס זיינען געווען א סך, א סך שטערען אין אידישען טהעאטער די ערשטע יאָהרען, נאָר זייער שיין האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, און איידער מען האָט זיך ארומגעקוקט, זיינען זיי אויסגעלאָשען געוואָרען. שטערען וואָס האָבען אויסגעהאַלטען די פּראָבע פון צייט, זיינען געווען מאָגולעסקא, גראדנער, אדלער, קעסלער, ליפּצין, דאָס הייסט די זעלביגע וואָס האָבען זיך בעוויזען די סאמע ערשטע צייט אין רומעניען און אין רוסלאַנד. און דורך אַלע יאָהרען און וואנדערונגען פון דער אידישער ביהנע איז אויסער מאדאם קאַליש ניט צוגעקומען קיין איינציגער גרויסער שטערן. עס זיינען צוגעקומען פיעל גוטע, אמת גוטע אק־

קייט, וואס די שפיעלער פיהלען אויף דער ביהנע איז געווען און איז און וועט זיין דער טריב צו ווידמענען זיך דער ביהנע.

נאר עס וואלט געווען א גרויסער טעות צו ערקלערען דערמיט אליין, פאר וואס יונגע מענשען האבען אזוי אבגעשלאגען די שוועלען פון דער ביהנע. נאך אלעמען דארף מען זיך ניט נארען, מען האט דעמאלט געקוקט אויף די שפילער ווי אויף די פסולת פון דער גהעטא. אין בעסטען אופן האט מען זיי גערופען פורים שפיעלער, אקטיארסטשיקעס, קאמעדיאנסטשיקעס און אנשטענדיגע מענשען האבען זיך געהאלטען פון זיי פון דערווייטענס. און דאס האט בשום אופן ניט געקענט געבען דער ביהנע אזא צויבער, וואס זאל צוציהען יונגע לייט אין אזא גרויסער צאהל.

קוקט מען זיך גוט צו ווי די שפיעלער האבען דעמאלט פערבראכט זייער צייט, געפינען מיר א שטארקערע צויבערקראפט פאר דער ביהנע. די ביהנע האט געהאט דעם זעלטענעם גלאנץ פון הפקרות. אזוי גיך ווי איינער איז ארויף אויף דער ביהנע, האט זיך פאר איהם אנגעהויבען א לעבען, וואו עס זיינען אבגעשאפט געווארען אין גאנצען אזעלכע ווערטער ווי „עס איז ניט שעהן", „עס פאסט ניט," „מען טאר ניט." ווען מען איז אריין אין דער חברה שפיעלער איז שוין אלץ געווען שעהן, אלץ האט געפאסט און אלץ האט מען געמעגט.

אין יענער צייט און אפילו נאך איצט אויך אין אזעלכע פלעצער וואו א טהעאטער שטעהט אויף היהנערשע פיסלאך זיינען געוועהנליך די מעצענאטען דער סאמע פסולת פון דער שטאדט. אלע וואס זיינען מעהר אדער ווייניגער בעקאנט מיט'ן אידישען טהעאטער ווייסען, אז די דירעקטארען זוכען שטענדיג צו געפעלען ווערען דער מאסע. דאס טהוט מען בשום אופן ניט אויף צו להכעיס די אינטעליגענטערע טהעאטער-בעזוכער אדער אויס שנאה צו דער בעסערער דראמע. די דירעקטארען זיינען איבערציינט, אז זייער ברויט קומט פון דער גרויסער מאסע, און ניט ווייל די מאסע איז אזוי גרויס און די צאהל אינטעליגענטערע בעזוכער איז א קליינע, נאר ווייל דער פראסטער עולם איז טאקע מעהר פעראינטערעסירט אין טהעאטער. די ערשטע יאהרען פון א טהעאטער איז ער איי־

צו צאָהלען זיי. נאָר דאָס האָט ניט אָבגעהאַלטען סיי פּאַרטינע אַקטיאָרען און סיי אַזעלכע וואָס האָבען ערשט געזוכט צו ווערען אַקטיאָרען אַנצושליסען זיך אין דער קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער די קלענערע שטעדט. די דירעקציאָן פון דער דאָזיגער קאָמפּאַניע האָט אויך אויפגעהערט צו צאָהלען שכירות אַזוי גיך ווי די קאַסע איז געוואָרען שוואַכער. און עס איז אפילו ניט געווען נויטיג פאַר דער קאַסע צו ווערען שוואַכער, אַז די פערשפּראָכענע שכירות זאָלען ניט אויסגעצאָהלט ווערען פּינקטליך. די דירעקציאָן איז ניט געווען בלינד, די דירעקטאָרען האָבען געזעהן, וואָס פאַר אַ גדלות עס ווערט אויף אַ בחור אָדער אַ מיידעל, אַז מען נעהמט איהם אָדער איהר אריין אין טהעאַטער און מען לאָזט איהם אָדער איהר ערשיינען אויף דער ביהנע, און זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען, אַז די גדולה אַליין איז אַ גענוגענדע געצאָהלט פאַר דער ארבייט. און דאָס איז טאַקע געווען אמת, פּיעלע פון דער קאָמפּאַניע זיינען געווען העכסט צופריעדען מיט די בעסאַראַביער וויינען, וויינטרויבען און פּאַסטראָמאַ און האָבען מעהר גאָר ניט פערלאַנגט.

הייסט עס אַז קיין מאַטעריעלען געווינס האָבען די יונגע קרעפטען ניט געזוכט ביים אריינטרעטען אין טהעאַטער, און נאָך ווענינער וואָלט געווען צו פערדעכטיגען אין די דאָזיגע קרעפטען אַ שטרעבונג צו קונסט. דעמאָלט איז קונסט געווען נאָך גאָר אַ פרעמדע זאַך פאַר די יונגע בחורים און מיידלאַך, וואָס האָבען געוואָלט ארויפטרעטען אויף דער ביהנע.

עס פערשטעהט זיך, אַז די ביהנע האָט דעם צויבער פון אויפהויבען עטליכע פערזאָנען איבער טויזענדע. די וואָס שטעהן אויף אַ ביהנע פיהלען, ווי טויזענדע אויגען זיינען צוגעשמידט צו זיי, ווי טויזענדער הערצער קלאַפּען מיט שמחה אָדער טרויער פון זייערע ווערטער און פון זייערע האַנדלונגען, און זיי פיהלען זיך ווי העלדען צווישען אַ מאַסע. אַזאַ מין גרויסע אויפמערקזאַמקייט ווי דער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע ציהט צו זיך, קען פערדרעהען דעם קאָפּ פּיעלע מענשען. און עס דאַרף ניט זיין קיין צווייפעל, אַז די דאָזיגע גרויסע אויפמערקזאַמקייט, די דאָזיגע מדרגה פון העלדיש־

מיר זיינען כלומרשט געווען די נאטשאלסטווא און אזוי האבען מיר געהוליעט גאנצע נעכט.

„אין מיין נייער קאריערע האב איך נאך קיין וואונדער ניט דערוויזען, נאר אין דער קורצער צייט האב איך שוין בתכלית השלמות אויסגעלערענט די תורה צו קומען יעדען פריהמארגען אהיים מיט ניט זיכערע טריט, מיט א בערוישטען מוח און צו שלאפען א גאנצען טאג ווי אן אונפערשעהמטער פוילענצער. אין מיין טהיר האבען אנגעהויבען צו קלאפען אונגעבעטענע געסט; איך האב אנגעהויבען צו בעקומען ליעבעס־בריעף... קורץ, מיין אויפפיהרונג איז געווען מעשה אקטיאר.“

און אויב דאס איז געווען דער בעגריף וועגען דער אויפפיהרונג פון אן אקטיאר, דארף גאר קיין וואונדער ניט זיין, פאר וואס אזוי פיעל יונגע בחורים האבען מיט קנאה ארויפגעקוקט צו די אקטיארען און פאר וואס זיי האבען אזוי אבגעשלאגען די שוועלען פון דער ביהנע.

אזא אויסגעלאסען לעבען האט א רייץ פאר א געוויסען סארט מענשען. בפרט ווען די הפקרות איז צוגעדעקט מיט דעם שעהנעם מאנטעל פון קונסט.

אברהם גאלדפאדען האט זיך אין אדעס איצט דערפיהלט טאקע ווי גאט אין אדעס. ער האט זיך ניט נאר געזעהען אלס גרינדער פון אידישען טהעאטער, נאר אלס פערקערפערטער אידישער טהעאטער. ער איז געווען דער טהעאטער און אהן איהם האט זיך די אידישע ביהנע ניט געמארט א ריהר טהאן. אונטער דער פאפירענער קרוין פון דער ביהנע האט ער זיך פארגעשטעלט אלס אבסאלוטער הערשער אין דעם אידישען טעמפעל פון קונסט. אויף זיינעם א מאך מיט'ן פינגער איז זיינער א ברודער, אן איינפאכער בעל מלאכה, געווארען אן אנטרעפאניאר און האט מזכה געווען די אידען אויף דער פראווינץ מיט טהעאטער פארשטעלונגען, און אויף זיינעם א וואונק האט יעדע אידישע פארשטעלונג געמוזט גלייך אויפהערען. ער האט זיך אין דער צייט גאר ניט געקענט פארשטעלען, אז ער זאל דארפען קאנקורירען מיט וועמען עס איז אויף דעם דאזיגען פעלד.

גאנצען אַבגעלעגט אויף דעם סאמע פּראָסטען עולם. נאָר דער פּראָסטער עולם איז אָרים און דאָס העכסטע וואָס ער קען איז קוי־פען אַ בילעט און וייטער גאָר ניט. ווען דער דאזיגער עולם איז זעהר אַ גרויסער, דאַרף דער טהעאטער צו קיינעם ניט אָנקומען, נאָר ווען דער עולם איז ניט זעהר קיין גרויסער, פאָדערען זיך שוין מע־צענאטען. און אזוי ווי די בעלי בתים, די נגידים ווייכען אין אזא צייט פון דעם טהעאטער, נעהמען אויף די ראָל פון מעצענאטען אזעלכע, וועמען א קערבעל קומט אָן זעהר גרינג. און דאָס זיי־נען געוועהנליך פּערזאָנען פון דער אונטער־וועלט. די דאזיגע חברה־לייט פיהלען זיך בעשמירט, וואָס זיי קענען זיך קאָמפּאנירען מיט מענשען, וואָס טראגען צילינדערס, פּאָלירטע שיך, זעמשענע הענדטשעקעס און פּעלערינעס. צוזאמען מיט די חברה־לייט הויבט מען אָן צו לעבען א גוטען טאָג. אזוי גיך ווי מען ווישט אָב די שמינקע פון געזיכט נאָך א פּאָרשטעלונג שטעלט מען זיך אין גאנ־צען אין דעם רשות פון די חברה לייט און מען שלעפּט זיך איבער שענקען, רעסטאראנען, וואו מען עסט און מען שכור'ט אויף וואָס די וועלט שטעהט און פון דאַרטען לאָזט מען זיך אוועק איבער די פרעהליכע הייזלאך און מען הוליעט כל זמן מען קען נאָר האלטען זיך אויף די פיס.

אָן אָנצוהערעניש ווי אזוי מען האָט די ערשטע יאָהרען זיך אויפגעפיהרט ביים טהעאטער, גיט דער בעוואוסטער שוישפּיעלער יעקב אדלער:

„...וואָס זאָל מען זיך לייקענען, איך בין קיין צדיק פריהער אויך ניט געווען, נאָר פריהער איז דאָס געווען מעשה יונגערמאַן, דאַן און וואַן, אבער איצט האָט מיך געצויגען יעדע נאכט צו פערברענ־גען ביז'ן פריהמאָרגען אין לוסטיגע געזעלשאפטען, וואו עס שפּאַ־צירען א סך מאמזעלען פאר'ן שיין פון פיעלע ליכט... עס האָבען זיך פערברידערט מיט אונז מענשען מיט א שלעכטען רענאָמע און די קליינע פּאָליציי בעאמטע, ווי פּריסטאווס, נאדזיראטעלס, צוזאמען מיט דעם ביינאַכטיגען פּאטרול קאָזאקען. זיי האָבען אָנגעטהאָן קאַ־פּאָטעס אין אונזער גארדעראָב, און מיר אין זייערע שינעלען און

וועט מאכען אין אדעס. ער האט זיך אונטערגענומען אריבערצו־
ברענגען מאגולעסקא'ן מיט זיין קאמפאניע, מיט זיין רעפערטואר.

מיר קענען ניט בעשטימען, צי ספיוואקאווסקי איז געווען דער ערשטער, וואס האט אריינגעגעבען שכל אמער'ן און אויפגעגעבען איהם דעם דאזיגען פלאן, צי עס האבען זיך שוין געפונען פאר איהם אזעלכע וואס האבען געוואלט רעכענען זיך מיט גאלדפאדען, נאר זיכער איז, אז אמער האט געשיקט ספיוואקאווסקי'ן אלס שליח קיין רומעניען, ער זאל ברענגען מאגולעסקא'ן מיט זיין טרופע. אין יאסי האט ספיוואקאווסקי געטראפען יצחק ליבערסקו, וועלכער איז ביז א קורצע צייט צוריק געווען די רעכטע האנד פון גאלדפאדען. אין אדעס האט גאלדפאדען איהם אבגעזאגט פון זיין שטעל און צו־ריקגעשיקט איהם אהיים קיין יאסי. ער האט דערפאר געהאט א כעס אויף גאלדפאדען און צו איהם האט זיך ספיוואקאווסקי גע־ווענדעט, אז זיי זאלען אלס גאלדפאדענס שונאים צוזאמענשטעלען א טרופע און פאהרען קיין אדעס.

מאגולעסקא און לאטיינער זיינען דעמאלט געווען אין באטו־שאן און זיי האבען קוים קוים זיך דורכגעשלאגען. זיי האבען זיך אנגעכאפט אן דעם פארשלאג ווי אן א הייסען שטיין און אלע פיער זיינען גלייך אוועק קיין אדעס.

ליבערסקו האט אין גרונד קיין זאך דארטען ניט געהאט וואס צו טהאן, נאר פאר זיין הילף האט מען איהם איינגעטהיילט אן ארבייט איבערצושרייבען פיעסען.

דאס אלץ איז געטהאן געווארען בשתיקה, כדי גאלדפאדען זאל דערפון ניט געוואהר ווערען, איידער מען וועט זיין זיכער, אז מא־גולעסקא קען האבען א קיום אין רוסלאנד און צי ער וועט האבען פיעסען פאר'ן טהעאטער.

עס פערשטעהט זיך, אז אמער האט געגארט צו האבען גאלד־פאדענ'ס רעפערטואר, נאר מען האט איהם ערקלערט, אז פון שטי־קער וועט קיין מניעה ניט זיין. לאטיינער האט שוין עטליכע אויס־געפרובירטע שטיקער געהאט און מאגולעסקא האט אויך מיטגע־בראכט דעם „פוילישען אינגעל“ פון הורוויטש. אמער איז מיט די דא־זיגע שטיקער אוועקגעפאהרען קיין פעטערבורג און געלאזט זיי צענ־

די געשעפטען אין אדעס זיינען אוועק זעהר גוט. די אידישע בעפעלקערונג האט שטארק פאטראניזירט די קונסט, וואס איז געווען אזוי ניי ביי אונז, און צום טהעאטער זיינען כסדר צוגעקומען נייע קרעפטען און אנדערע זיינען אוועק. די לייכטקייט מיט וועלכע נייע קרעפטען זיינען געשאפען געווארען האט געפיהרט דערצו, וואס גאלדפאדען האט איבער זיי ניט געציטערט און מיט זיי קיין צערעמאניעס ניט געמאכט. און יענע אקטיארען וואס זיינען פון איהם אוועק האבען אויף איהם קיין גוט הארץ ניט געהאט.

איינער פון די דאזיגע אונצופרידענע אקטיארען איז געווען ספיוואקאווסקי. אנגעהויבען צו שפיעלען האט ער אין רומעניען אין דער צייט פון דעם קריעג. ער איז אין בילדונג געשטאנען מיט פיעל קעפ העכער פון אלע אידישע אקטיארען, זיין האלטונג און בענעהמונג איז געווען אריסטאקראטיש און ער איז געווען דער ליעבהאבער פאר עקסעלאנס. מיר זעהען, אז באלד ווי גאלדפאדען האט גענומען דעם מארינסקי טהעאטער, האט ספיוואקאווסקי געשפיעלט אין זיין טרופע און אין א קורצע צייט נאכדעם טרעפען מיר איהם שוין אויף דער פראווינץ אין טוביא גאלדפאדענס טרופע. עס איז גרינג אנצושטויסען זיך, אז דאס האט ער ניט געטהאן פאר נחת, און ער איז געווען זעהר אויפגעבראכט אויפ'ן גרינדער פון טהעאטער.

די גוטע געשעפטען, וואס גאלדפאדען האט געמאכט אין מארינסקי טהעאטער האבען געריסען די אויגען דעם בעל הבית פון דעם דאזיגען טהעאטער. דער אייגענטימער איז געווען א גרעק און געהייסען האט ער אמער. גאלדפאדען האט דעם טהעאטער פון איהם גערונגען, נאר ווען אמער האט דערזעהן וואס פאר גוטע געשעפטען דער דירעקטאר מאכט, האט ער אנגעבאטען גאלדפאדענ'ען צו ווערען מיט איהם א שותף. גאלדפאדען האט דערפון ניט געוואלט הערען, און דאס האט דעם גרעק בייז געמאכט.

אמער אליין האט קיין בעגריף ניט געהאט וועגען די אנדערע אידישע אקטיארען אין רומעניען, נאר דא האט זיך אריינגעמישט ספיוואקאווסקי און איהם ערקלערט וועגען דער גרויסער רעפוטאציע וואס מאגולעסקא האט זיך ערווארבען, און וואס פאר א פוראר ער

ביהנע א היסטאָרישע פּיעסע. דער ערפאָלג איז געווען אזא גרויסער, אז מען האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען יעדען אבענד, אויך פרייטאג צו נאכט. ביז דעמאָלט, סיי אין רומעניען, סיי אין אָדעס און סיי אויף דער פּראָווינץ, האָט מען נאָר געשפּיעלט עטליכע מאָל א וואָך און קיין מאָל ניט פרייטאג צו נאכט.

אָבער עס האָבען זיך גלייך א שאָט געטהאָן בריעף צו גאָלדפאַדען, אז אויב ער וועט ווייטער מחלל שבת זיין און ניט אויפהערען צו שפּיעלען פרייטאג צו נאכט, וועט מען מאכען אין טהעאטער אזעלכע סקאנדלען, אז ער וועט דארפען אנטלויפען פון שטאָדט און ער האָט זיך בערעכענט אז עס לוינט ניט איינצורייסען מיט'ן פּרומען עלעמענט, און ער האָט נאָכגעגעבען.

„שולמית" איז דאָס בעסטע ווערק, וואָס גאָלדפאדען האָט אָנגעשריבען. זי צייכענט זיך אוים מיט אזא איינפאכקייט, מיט אזא פּשטות, וואָס מען בעגעגענט ניט אין די אנדערע שטיקער, און זי איז געווען דאָס ערשטע שטיק וואָס האָט געגעבען דער אידישער ביהנע א רעכט צו רופען זיך מיט אזא נאָמען און געוויזען איהר דעם ריכטיגען וועג אויף וועלכען צו געהן.

„שולמית" איז אן אָפּערעטע און די מוזיק האָט גאָלדפאדען אליין געשאפען. גאָלדפאדען איז ניט געווען קיין מוזיקער, נאָר ער האָט ליעב געהאט נגינה און האָט געהאט דערין א בעל־הבית'שען בעגריף. ווי שוין געזאָגט, האָט ער זיך צו שולמית גענומען נאָך אין רומעניען, און טאקע באלד ווי ער האָט געגרינדעט א טהעאטער אין בוקארעסט. ער האָט אויף דער אָפּערעטע געלייגט גרויסע האָפענונג און האָט אָבגעשאצט איהר ריכטיגען ווערטה. דעמאָלט האָט מאָגולעסקא געשפּיעלט אין זיין קאָמפּאניע, און אזוי ווי דער לעצטער איז געווען א מנגן, האָט ער זיך מיט איהם מיישב געווען וועגען דער מוזיק.

און מאָגולעסקאָ'ס השפּעה פערשפּרייט זיך כמעט איבער דעם גאנצען ערשטען אקט. דאָס האָט ער צוגעפּאסט וועלוועלע טשעסטאָפּאָלער'ס „לך, השם, הגדולה" צום ערשטען כאָר: „אָנגעלאָדען." די סאָלאָ וואָס שולמית זינגט, ווען זי פערבלאָנדזשעט: „לאָז זשע דיין נס" איז גענומען פון דעם זעלביגען וועלוועל טשעסטאָפּאָ־

זורירען, און ווען ער איז געוואָרען זיכער מיט א טרופע און פיע־סען, האָט ער אָהן צערעמאָינעס ארויסגעוואָרפען גאָלדפאדען פון טהעאטער און ארייננענומען מאָגולעסקא מיט זיין קאָמפּאניע.

דאָס ערשטע שטיק האָט מען געשטעלט „יענטע פּיפּערנאָטער“ פון לאטיינער, און זי איז דורכגעפאלען בתופים ובמחולות. נאָר דאָס צווייטע שטיק, וועלכע איז אויך געווען לאטיינערס און האָט געהייסען „שמואל שמעלקעס“, האָט זעהר אויסגענומען.

גאָלדפאדענ׳ען האָט זיך אָנפאנגס ניט געגלויבט, אז א טהעאטער וועט זיך קענען האלטען אָהן איהם. נאָר איצט, ווען ער האָט דערזעהען, אז מאָגולעסקא האָט גענומען אדעס מיט שטורעם און אז לאטיינער׳ס שטיק האָט אויסגענומען, האָט ער צוזאמענגענומען א קאָמפּאניע און האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער פּראָווינץ. זיין ערשטער אָבשטעל איז געווען אין ניקאָלאיעוו, וואו זיין קאָמפּאניע האָט געשפּיעלט דריי חדשים נאָכאַנאַנד, און ביי יעדער פאָרשטעלונג איז דער טהעאטער פול געווען.

גאָלדפאדען איז אהין אָנגעקומען חנוכה צייט אין 1880 און ער האָט גענומען דורכלופטערן זיין אלטען רעפּערטואר, און די קאָמפּאניע האָט געשפּיעלט „שמענדריק“, „כשוף מאכערין,“ „ברייגדעלע קאָזאק“ און דאָס גלייכען. דערווייל האָט גאָלדפאדען דערוואוסט זיך, אז מאָגולעסקא קלייבט זיך צו שטעלען לאטיינער׳ס פּיעסע „די ליעבע פון ציון“, א שטיק וואָס איז געווען גענומען פון ווערבעל׳ס „בור וחולדה“ און פון מפּו׳ס „אהבת ציון.“ איצט האָט זיך גאָלדפאדען דערמאָנט אז נאָך אין רומעניען האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען א פּיעסע „שולמית“ וואָט האָט זיך אויך געשטיצט אויף „בור וחולדה“, און ער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער ארבייט. ער האָט איצט געפיהלט, אז ער דאַרף עפּעס אֹויפטהאָן, און אויפטהאָן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל קלאָר און דייטליך מאכען, אז די ביהנע האָט נאָר איין צויבערער און דאָס איז קיין אנדערער ווי גאָלדפאדען.

אין ניקאָלאיעוו האָט ער „שולמית“ געענדיגט און דאָרטען אויפגעפיהרט, און זי האָט געמאכט א גוואלדיגען רעש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי מען האָט געזעהען אויף דער אידישער

איז ער געווען א כאריסט און מען האט איהם אויך אנפערטרויט קליי־נע ראלען. צוקערמאן האט איהם אוועקגעפיהרט קיין כארקאוו, וואו ער איז אריין אין גאלדפאדען'ס טרופע. אין כארקאוו איז די טרופע געשטאנען זעקס וואכען, און דא האט שוין „שולמית" ניט אזוי שטארק נושא חן געווען. נאר דערפאר האט מען דא געלעקט די פינגער פון „שמענדריק" און „קוני לעמעל."

טאבאטשניקאוו איז גלייך אריין אויף ליעבהאבער ראלען, וועלכע ביז איצט האט געשפיעלט זילבערמאן. דער לעצטער איז דערפאר ארויס פון דער קאמפאניע און איז אוועק פון כארקאוו.

נאך די זעקס וואכען איז גאלדפאדען מיט זיין טרופע אוועק־געפאהרען קיין מאסקווע, וואו ער איז געשטאנען דריי חדשים. דא איז די גאנגבארסטע סחורה געווארען „שמענדריק" און דאס פוב־ליקום איז געווען א געמישטע. מען רעכענט, אז א העלפט בעזו־כער זיינען געווען קריסטען און אזוי גיך ווי די ערשטע פארשטע־לונגען זיינען געגעבען געווארען, האט מען אנגעהויבען צו בעגריסען אידען אין די מאסקווער גאסען מיט'ן נאמען „שמענדריק". וואו נאר א קריסט האט בעגעגענט א אידען האט ער איהם גערופען שמענד־ריק.

דאס איז זעהר ניט געפעלען געווארען די מאסקווער אידען און זיי האבען אנגעהויבען צו מורמלען געגען גאלדפאדען. די אי־דישע אינטעליגענץ האט איהם אויפגעווארפען, אז מיט זיינע שטי־קער ברענגט ער א חרפה אויפ'ן אידישען נאמען און מ'איז איהם אזוי דערגאנגען די יאהרען, אז נאכדעם ווי זיין טרופע האט דאר־טען געשפיעלט דריי חדשים, האט ער ערקלערט צוקערמאנ'ען, אז ער איז שוואך און אויסגעמאטערט און ער וויל אברוהען, און דער־ביי האט ער איהם געמאכט א פארשלאג, אז ער זאל נעהמען די טרופע און אוועקלאזען זיך אין דער ליטע. און אליין איז גאלד־פאדען אוועקגעפאהרען נאך קיעוו.

פינקעל האט זיך געפונען בעליידיגט, וואס די ממשלה איבער דער טרופע איז איבערגעגעבען געווארען צו צוקערמאן. ער האט גענומען אנעטע שווארץ, מיט וועלכער ער האט חתונה געהאט און איז מיט איהר אוועקגעפאהרען קיין אדעס.

לער'ס „ד' זכרני" (הלל), און אזוי כמעט דורך דעם גאנצען ערש־טען אקט. נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז מאַגולעסקא ארויסגע־טראָטען פון זיין קאָמפּאַניע איידער גאָלדפאדען איז פארטיג גע־וואָרען מיט דער מוזיק פון דעם ערשטען אקט, און דאָס האָט איהם אָבגעהאלטען פון ענדיגען די אָפּערעטע די ערשטע עטליכע יאָהר.

דערמיט דאַרף אויך ערקלערט ווערען, ווי אזוי לאטיינער איז געקומען צו דעם זעלביגען סיוזשעט אין זיין „ליעבע צו ציון". פון גאָלדפאדענ'ס טרופּע איז מאַגולעסקא אוועק קיין יאסי און דאָר־טען איז לאטיינער געוואָרען זיין סופלער און פערפאסער. און עס איז מעהר ווי וואהרשיינליך אז מאגולעסקא האָט איהם אויפמערק־זאם געמאכט אויף „בור וחולדה" און ער אליין האָט שוין צוגעגע־בען דערצו דעם „אהבת ציון."

עס איז אויך נויטיג צו בעמערקען, אז גאָלדפאדען האָט אליין אויך געשאפען נגונים פאר שולמית. אין צווייטען אקט איז גאָלד־פאדענ'ס „קום צו מיר, דו שעהנער בחור", ווי אויך דער געזאנג פון חתן און כאָר, און דאָס גלייכען: די מוזיק פון דעם „פּאסטור־כעל" האָט געגעבען מינדעל צוקערמאַן פון א טערקישען ליעד. און דערפאר איז גרינג צו זעהען, אז ביים שאפען די מוזיק פאר שולמית האָט גאָלדפאדען געהאט שטארק אין זינען צוצופאסען זיך צום אמת'ען אידישען גוסט.

דער ערפאָלג האָט אריינגעגעבען גאָלדפאדענ'ען פרישען מוטה און ער איז באלד אוועקגעפאָהרען צוזאמען מיט פינקעל קיין וואר־שא, מיט דער האָפענונג צו קריגען דאָרטען א „ראזרעשעניע" (ער־לויבנים) צו עפענען א אידישען טהעאטער, נאָר זיין מיה איז גע־ווען אומזיסט.

און גאָלדפאדען האָט געמוזט נעהמען דעם וואנדער־שטעקען און געהן פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. פון ניקאָלאיעוו איז ער אוועק קיין יעליסאוועטגראד, קיין קרעמענטשוג, קיין כאר־קאָוו. דאָ האָט ער אוועקגעשיקט צוקערמאנען קיין פּאָלטאווע, וואו עס האָט געשפּיעלט טוביה'ס קאָמפּאניע און אין פּאָלטאווע האָט ער זיך בעגעגענט מיט טאַבאַטשניקאָוו, וועלכער האָט געזונ־גען ביי א חזן און אין אן איטאַליענישער אָפּערע. אין דער אָפּערע

(„דוואַסיע די פּליאַטקע מאכערין“) און ער האָט געמאכט א גרויסען פוראָר.

אזוי ווייט איז „שולמית“ געווען די איינציגע נייע פּיעסע וואָס איז געשאַפען געוואָרען צווישען ויסעו און ויחנו אויפ׳ן וועג. ווען מען האָט געהאַלטען אין איין אַרומפאָהרען פון איין שטאָדט אין דער צווייטער, איז ניט געווען קיין שום נויטיגקייט צו שאַפען נייע פּיעסען. די אַלטע שטיקער זיינען געווען ניי אין יעדער פּראָווינציעלער שטאָדט, וואוהין א נע ונד קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען. און די קאָמפּאַניעס האָבען געקענט אַרומפאָהרען יאָהרענלאַנג און די ביהנע זאָל גאָר ניט געווינען.

אָבער אַנדערש איז די זאַך געווען אין אדעס. דאָרטען איז דאָס פּובליקום שטענדיג געווען כמעט דאָס זעלביגע און די אַלטע פּיעסען האָבען דאָרטען ניט געקענט געהן. מען האָט געדאַרפט האָבען עפּעס און עפּעס נייע שטיקער און דער טהעאַטער האָט שוין מעהר ניט געקענט זיין דער רשות היחיד פון איין פּערפאָסער.

אונטער דער צייט האָט דער בעל הבית פון מארינסקי טהעאַטער אָמער געהאַט אויף זיך עפּעס א פּראָצעס און ער איז געווען געצוואונגען צו פערלאָזען אדעס. דעם טהעאַטער האָט איבערגענומען לערנער.

לערנער איז ניט אראָבגעפאַלען פון הימעל, ווען ער האָט איבערגענומען דעם מארינסקי טהעאַטער. ער איז בעקאַנט געווען מיט׳ן אידישען טהעאַטער פון דער ערשטער שעה, וואָס ער האָט זיך געגרינדעט אין בוקארעסט.

ווי עס זעהט אויס פ.ן דעם אָנהויב פון זיין קאריער איז ער געווען אַן אוּנרוהיגע נאַטור און האָט זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען. געענדיגט די גימנאַזיע אין זשיטאָמיר, האָט ער א יאָהר שטודירט אין אדעסער יורידישען פאקולטעט, נאָר ער איז ווייטער ניט געגאַנגען און גענומען זיך צום זשורנאַליזם. ער איז באַלד אריין אין „אדעסקי וויעסטניק“ און איז דאָרטען געוואָרען א שטענדיגער מיטאַרבייטער, נאָר ווען דער רוסיש־טערקישער קריעג האָט אויסגעבראָכען, טרעפען מיר איהם שוין אין בוקארעסט אַלס אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון א טעגליכער רוסישער צייטונג „זאַפּיסקי

צוקערמאן האט איבערגענומען די ממשלה איבער דער טרו־פע, נאר קיין געלד מיט וואס צו פאהרען איז ניט געווען. ער האט דאריבער איבערגעלאזט די קאמפאניע אין מאסקווע און איז אליין אוועקגעפאהרען קיין מינסק. דא האט ער ניט נאר געדארפט בע־זארגען א טהעאטער, נאר אויך שאפען געלד אויף אריבערצוברענ־גען די קאמפאניע. אין שטאדט האט מען איהם אנגעוויזען אויף א מלוה און ווען ער האט זיך צו איהם געווענדעט נאך דער הלואה האט יענער געפרעגט:

— און וואס איז דער משכון?

— די גארדעראב פון שולמית.

נאר אזוי ווי די סומע וואס צוקערמאן האט געבעטען איז גע־ווען טויזענד רובעל, האט ער זיך געקוויינקעלט און נאך א לענגע־רען ישוב הדעת האט ער געפרעגט:

— און וואס איז מכח די פערד?

צוקערמאן האט גלייך פערשטאנען, אז דער מלוה מיינט, אז ער האט דא צו טהאן מיט א צירק און ער האט איהם געענטפערט:

— אה, מיר האבען פערד און שקאפעס!

און די הלואה איז געשאפען געווארען.

די טרופע איז געשטאנען אין מינסק זעקס וואכען און האט געמאכט גלענצענדע געשעפטען. די גאנצע אינטעליגענץ פון שטאדט איז געקומען זעהען די אידישע פארשטעלונגען און האט אנגעקוואלען פון „שמענדריק" און „קוני לעמיל" און די „כשוף־מאכערין." דאס זעלביגע איז געווען אין קאוונע — פון וואנען די טרופע איז אוועקגעפאהרען קיין דינאבורג. דא איז צו דער טרופע צוגעקומען י. אדלער און זיין ווייב.

אונטער דער קורצער צייט איז שוין אדלער געווארען אן אמת'ער אקטיאר און האט חתונה געהאט מיט סאפיא אבערלענדער. אזוי ווי ער האט קיין גוטע שטימע ניט געהאט, האט ער געזוכט אויס־צוצייכנען זיך מיט עפעס אנדערש. און ער איז געווען דער ערש־טער אקטיאר צו ווייזען, אז א חוץ זינגען דארף מען אויך שפיע־לען אויף דער ביהנע. זייער ערשטער אויפטריט אין דינאבורג איז געווען אין דער דראמאטישער ראל פון יאזעף אין דער „אינטריגע"

צו נעהמען א גוטע דראמע פון די גוים און דערלאנגען איהר די בע־זוכער פון אידישען טהעאטער. דער פראסטער טהאטער בעזוכער וועט אויף אזא דראמא קוקען ווי א האהן אויפ'ן בני אדם, און די אידישע אינטעליגענץ וועט אויס'בטל'ען אלע בייזע חלומות צום דירעקטאר פון טהעאטער. וואס פאר א פנים האבען געקענט האבען די פארשטעלונגען פון גוטע אייראפעאישע פיעסען אויף דער אי־דישער ביהנע, ווען די ניי־געבאקענע אידישע אקטיארען האבען אפילו ניט געוואוסט דעם אלף־בית פון שפיעלען?

לערנער האט דעריבער געמאכט א קאמפראמיס. ער האט אויס־געקליבען ביי די אומות העולם אזעלכע פיעסען אין וועלכע די האנדלונג און די פערזאנען זיינען געווען אידישע. פון דעם דייטשען רעפערטואר האט ער אויסגעקליבען גוצקאוו'ס „אוריאל אקאסטא", פון דעם פראנצויזישען האט ער גענומען סקריב'ס „די יודין" און האט זיי איבערגעזעצט אין א ריינעם אידיש. די דערמאנטע פיע־סען האבען ניט נאר געהאט די מעלה, וואס זייער אינהאלט איז געווען א אידישער און פערשטענדליך פאר דעם דורכשניטליכען אידישען טהעאטער געהער, נאר זיי זיינען געווען אין דעם רעפער־טואר פון יעדער אייראפעאישער מדינה און די אידישע אקט־ארען האבען געקענט געהן זעהן בעריהמטע רוסישע אדער דייטשע אק־טיארען שפיעלען אין די דאזיגע פיעסען, און אויב זיי האבען נאך אליין דעמאלט ניט געקענט אויספאסען אזעלכע ראלען האבען זיי עס געקענט אבלערנען פון בעריהמטע אקטיארען.

די הויפט־ראלען אין די דאזיגע צוויי פיעסען האבען גע־שפיעלט אבא שעהנגאלד און סאפיע גאלדשטיין (קארפ) און האבען זיך אויסגעצייכענט אין זיי. און יאהרען־לאנג איז געווען די שטרעבונג פון יעדען אמביציעזען אקטיאר און אקטריסע, וואס האבען געשפיעלט די ראלען פון ליעבהאבער און ליעבהאבערין צו ער־שיינען אין „אוריאל אקאסטא," וואס איז ביז היינטיגען טאג גע־בליבען א רעפערטואר שטיק. און אויב „זשידאווקא" (די יודין) האט ניט אזוי מאריך ימים געווען, איז דאס געווען דערפאר, וואס זי איז ניט נאר א דראמא, נאר אויך אן אפערא (די מוזיק האט גע־

גראזשדאנינא." אזא בעשעפטיגונג האט נאר געקענט זיין א צייט־ווייליגע, ווייל לאנג האט די מלחמה ניט געקענט אנהאלטען, און בוקארעסט איז ניט געווען דער פלאץ פאר א רוסישער צייטונג.

דערווייל האט ער געהאט די מעגליכקייט צו זיין ביים ברית פון אידישען טהעאטער און שליסען מיט איהם א נאהענטע בע־קאנטשאפט.

אליין וואלט לערנער'ן קיינמאל ניט איינגעפאלען, אז די צייט איז געקומען פאר א אידישען טהעאטער. ער איז געווען ווייט פון יענעם אידען, וועלכער האט זיך געניטיגט אין אזא אונטערהאל־טונג, וואס א אידישער טהעאטער האט געקענט געבען. נאר ווען דער טהעאטער איז שוין געווען א טהאטזאך, איז איהם אריין א געדאנק, אז דאס איז א פרוכטבארע פעלד, ווען מען זאל עס בע־ארבייטען ווי געהעריג איז.

לערנער האט בעלאנגט צו אן אנדער פליגעל פון דער אידי־שער אינטעליגענץ. ער האט זיך ניט געשטעלט צופריעדען מיט גאלדפאדען'ס אראבלאזען זיך צום פאלק. ער האט גערעכענט, אז די אויפגאבען פון א אידישען טהעאטער איז אויפצוהויבען דאס פאלק צו זיך. און אזוי ווי איהם איז אויסגעקומען צו זעהען אין בוקארעסט די ערגסטע בורלעסקעס אין אידישען טהעאטער, האט זיך אין איהם גענומען ענטוויקלען א פערלאנג צו ווייזען וואס מען קען אויפטהאן מיט א אידישען טהעאטער און ער האט געווארט אויף אזא געלעגענהייט.

די דאזיגע געלעגענהייט האט זיך געמאכט אין אדעס. נאר צו געבען די בעסערע פיעסען פון וועלכע ער האט געטרוימט האבען זיך געפאדערט שרייבער, וועלכע זאלען זיי קענען שאפען. מיר האבען שוין דעמאלט געהאט גוטע טאלאנטפולע אידישע שרייבער, נאר זיי האבען ניט געהאט קיין בעקאנטשאפט מיט דער ביהנע. לערנער האט די דאזיגע שווערע פראגע פערענטפערט דערמיט, וואס ער האט זיך געווענדעט צו די שרייבער פון די אומות העולם. ער האט בעגריפען, אז דער גאנצער אויפטהו וועט ניט ווערטה זיין קיין שאס פולווער, אויב די בעסערע שטיקער וועלען ניט האבען אידישעס אין זיך. ער האט בעגריפען, אז עס וועט זיין גאר א קנאפער קונץ

דעלע מוכר ספרים איז געווען אן אפטער בעזוכער און האט געהאט דעם חשק צו שאפען עפעס פאר דער ביהנע. אין א דראמאטישער פארם האט ער שוין מיט יאהרען פריהער געשאפען א ווערק און ער האט געוואלט שרייבען אזא פיעסע, וואס מען זאל אויך קענען שפּיעלען. די שטיקער וואס ער האט געזעהן האבען צו זיין האר־צען ניט גערעדט און זיין וואונש איז געווען צו געבען א ווערק, וואס זאל האבען א העכערען פאעטישען און ליטעראַרישען ווערטה, א חוץ דעם דראמאטישען. אין טהעאטער איז אויך געקומען משה ליב ליליענבלום און האט געזוכט נעהענטער צו בעקאנען זיך מיט די ספעציעלע פאדערונגען פון דער אידישער ביהנע. אן אפטער בעזוכער איז אויך געווען יצחק יואל לינעצקי, וועלכער האט מיט עטליכע יאהר פריהער ארויסגעגעבען צוזאמען מיט גאלדפאדען א צייטונג. זיי זיינען געקומען ניט נאר זעהן ווי מען שפיעלט אי־דיש טהעאטער, נאר טאקע מיט א הייסען בעגעהר צו העלפען פארמירען די אידישע ביהנע און מאכען פון דעם אידישען טהעא־טער א נאציאנאלע אינסטיטוציאן.

ארום דער צייט אדער אביסעל שפעטער האט לערנער אנגע־שריעבען „מנחם בן ישראל“, קאצענעלענבויגען איז ארויסגעקומען מיט א דראמא „רשי׳“, ליליענבלום האט צוגעגרייט א שטיק, וואס האט געהייסען „דוואַיעזשאנעץ“. פון דעם רוסישען נאמען האט מען געדארפט שליסען, אז דאס איז געווען אן איבערזעצונג, נאר די אקטיארען וואס געדענקען נאך די צייט ווען מען האט די דאזיגע שטיק אויפגעפיהרט זיינען אונטער דעם איינדרוק, אז עס איז גע־ווען אן אריגינעלע פיעסע, און עס איז אונפערשטענדליך, פאר וואס ליליענבלום האט געמוזט אנקומען צו אזא רוסישען ווארט, וואס איז ניט אין געברויך ביי די אידען אין רוסלאנד.

ביי דער ערשטער אויפפיהרונג פון דער דערמאנטער פיעסע איז ליליענבלום געווען הינטער די קוליסען אין טהעאטער. ער האט זיך צוגעקוקט צו דער פארשטעלונג פון הינטער א קוליסע מיט א גרויסער געשפאנטקייט. עס האבען זיך געקייקעלט טרערען פון זיינע אויגען ווען עס איז צוגעקומען נעהנטער צום קלימאקס אין דריטען אקט. נאר דא האט ער פלוצים דערזעהן עפעס אזוינס, וואס

שריבען האלעווי) און שוין א לאנגע צייט ווי אפעראס זיינע פערשוואונדען פון דער אידישער ביהנע.

עס וואלט אבער געווען א גרויסער טעות צו דענקען, אז לער־נער איז געווען דער איינציגער, וועמען עס איז איינגעפאלען צו געבען דער אידישער ביהנע א ליטעראַרישען פנים.

אין אן אנדער פלאץ איז געווען בעמערקט, אז אין דער זעל־ביגער צייט האט גאלדפאדען פערענדיגט די ערשטע פיעסע, וואס האט דעם אידישען טהעאטער געגעבען א רעכט צו טראגען אזא נאמען. און דארטען איז אויך געווען בעמערקט, אז גאלדפאדען האט די דאזיגע פיעסע „שולמית" אנגעהויבען צו שרייבען נאך אין בוקארעסט.

אונטער די בעסטע אומשטענדען האט דער אידישער טהעא־טער אין בוקארעסט געהאט ניט מעהר ווי א לאקאלען כאראקטער, און א נאציאנאלע בעדייטונג האט ער ערשט געקראגען ווען זיין השפעה האט זיך גענומען פערשפרייטען איבער א גרויסען טהייל פון פאלק. און דאס איז געשעהן, ווען דער טהעאטער איז ארי־בערגעטראגען געווארען פון רומעניען נאך רוסלאנד, וואו עס איז געווען דער ראשו ורבו פון דעם אידישען פאלק. און עס איז געווען דא מעהר ווי צו ערווארטען אז די אנשטרענגונגען זאלען זיין גרע־סער פאר א נאציאנאלער ביהנע, ווי פאר א לאקאלען טהעאטער. אין בוקארעסט האט דער שרייבער ניט געפיהלט קיין גרויסע פער־אנטווארטליכקייט און זיין גאנצע שטרעבונג איז געווען צו שטע־לען צופריעדען דעם ארטיגען בעזוכער, ווער ער איז ניט געווען. נאר אפילו דארטען זעהען מיר, ווי גאלדפאדען האט שוין דעמאלט גע־טראכט וועגען עפעס אזוינס, וואס זאל האבען א גרעסערען און שטארקערען קיום. אין אדעס האט דער דראמענשרייבער אויף זיך דערפיהלט א נאציאנאלע פעראנטווארטליכקייט און גאלדפא־דען האט איצט מיט מעהר התמדה גענומען זיך צו „שולמית", לערנער האט זיך גענומען צו בעקאנטע דראמען פון די אומות העולם מיט א אידישען אינהאלט און איבערזעצט זיי. די בעוואוס־טע אידישע שרייבער, וואס האבען אין יענער צייט געוואוינט אין אדעס האבען זיך ערנסט פעראינטערעסירט מיט'ן טהעאטער. מענ־

האנדלונג קיין שום ממשות ניט און קריגט א פנים פון חוזק. דער אבסורד דערפון האט אזוי א קיצעל געטהאן דעם הומאריסט, אז לינעצקי האט אויסגעשאסען אין א געלעכטער און אויסגערופען:

— צו אלדי רוחות! דאס איז דאך נארעש. אין אלע ווינקע־לאך פון טהעאטער וועט מען הערען, וואס ער זאגט, נאר די וואס שטעהען לעבען איהם דארפען אויף דער מינוט טויב און בלינד ווערען און קיין זאך ניט הערען און קיין זאך ניט זעהן. פוי!

ער האט ענטשלאסען פערמאכט די העפט און ניט געוואלט לייענען ווייטער. און פיעל גאלדפאדען איז צו איהם ניט צוגע־שטאנען און ערקלערט איהם, אז דאס איז גוט אזוי, אז דאס איז די ליסענץ פון דעם דראמאטורג און אז אנדערש קען גאר ניט זיין, האט ניט געהאלפען. וואס איז געווארען פון יענע שטיק, איז ניט בעוואוסט. זי איז קיין מאל ניט געדרוקט געווארען. און שפע־טער האט ער זיין חשק צו דראמא געשטילט דערמיט, וואס ער האט איבערזעצט לעסינגס „נאטהאן דער ווייזע."

עס איז א פערדרוס, וואס א שרייבער מיט אזא געפיהל פאר װארהייטליכקייט אויף דער ביהנע און מיט אזא טאלאנט האט ניט געהאט די געלעגענהייט צו בעקאנען זיך מיט דער נייערער ביהנע־טעכניק, וואס האט אבגעשאפט די „אפארטס" און „ביי זייט" און וואס וואלט איהם געוויזען א וועג, ווי אויסצוקומען אהן זיי.

דערוויילעט פון דעם טומעל פון טהעאטער האט זיך גאלד־פאדען גענומען פאר א נייער פיעסע, וואס זאל מעהר ענטפערען די שטרענגערע פאדערונגען, וואס זיינען געשאפען געווארען ארום דער ביהנע אין אדעס. אזעלכע דראמען ווי „אוריאל אקאסטא" האבען צו איהם ניט אפעלירט און ער איז געבליבען טריי זיין טאקטיק צו געבען דעם פאלק אפערעטענמעסיגע שטיקער. און די װארימע אויפנאהמע פון „שולמית" האט איהם געוויזען דעם אויסוועג. ער האט זיך ווידער גענומען צו א היסטארישען שטיק און דאס איז געווען „בר כוכבא". נאר מיט דער מוזיק איז ער ניט פארטיג געווארען, ביז ער האט זיך צוריקגעקעהרט קיין אדעס, וואו מאגולעסקא איז איהם געקומען צו הילף.

נאר סיי פיעסען אין דעם גוסט פון לערנער און סיי אזעלכע

האט איהם בשעת מעשה אביסעל צומישט. פאר'ן שלום אקט האט זיך אבגעשפיעלט א סצענקע, וואס איז איהם געווען אין גאנצען פרעמד. ער האט אויף דער ערשטער מינוט ניט פערשטאנען, וואס דאס איז אזוינס און פון וואנען דאס האט זיך גענומען. נאר באלד האט ער זיך אנגעשטויסען, וואס דאס איז. די צוויי קאמיקער, וואס האבען געשפיעלט אין דעם שטיק, מאגולעסקא און ווייגבלאט, האבען ניט אנפרעגענדיג זיך ביים פערפאסער, אליין אריינגעשטוקעוועט א קאמישע סצענע, וואס האט זיך לחלוטין צו דער פיעסע ניט געפאסט. ליליענבלום האט זיך דערפיהלט דערפון אזוי ניט גוט, אז ער האט אוועקגע'חלש'ט אויפ'ן ארט.

דער אידישער טהעאטער אין אדעס האט אויך ביי לינעצקי'ן ארויסגערופען א חשק צו נעהמען זיך צו דער דראמא. אזוי ווי ער האט געהאט א גוטען חוש פאר הומאר, האט מען פון איהם ערווארט א צאפעלדיגע קאמעדיע. דער פאקט, אז אין רומעניען האט הורוויטש דראמאטיזירט זיין „פוילישען אינגעל“, האט איהם געוויזען, אז ער קען שאפען אריגינעלעם פאר דער ביהנע. און ער האט זיך טאקע גענומען צו א פיעסע, וועלכע איז פארטיג געווארען, ווען גאלדפאדען האט זיך צוריקגעקעהרט קיין אדעס.

גאלדפאדען און די גאנצע קאמפאניע איז געקומען הערען לינעצקי'ס נייעסטע שאפונג. לינעצקי האט געלייענט און גאלדפאדען און די אקטיארען האבען זיך געהאלטען אין די זייטען פון לאכען. פלוצים האט זיך לינעצקי איבערגעהאקט אין מיטען. ער איז געקומען צו א שטעלע, וואס הייסט אויף דעם לשון פון דער ביהנע „אפארט“ אדער „ביי זייט“. דאס רעדט איינער ארויס אויף דער ביהנע וואס ער טראכט אין הארצען און די צושויער דארפען פערשטעהן, אז ווען ער רעדט אזוי, ה ע ר ע ן נ י ט ד י א נ ד ע ר ע וואס שטעהען לעבען איהם אויף דער ביהנע וואס ער זאגט.

עס איז גראד אויסגעקומען, אז די רייד, וואס זיינען געווען בעצייכענט אפארט האבען אויסגעזאגט א סוד, וואס די אנדערע פערזאנען אויף דער ביהנע האבען בשום אופן ניט געטארט וויסען, און ווען זיי ווערען דערפון געוואר האט די גאנצע ווייטערע

ווען לערנער האט זיך דערפיהלט זעהר ענג אין פיעסען, האט ער זיך געווענדעט צו גאלדפאדען און אויסגעווירקט ביי איהם, אז ער זאל איהם ערלויבען צו שטעלען זיינע שטיקער.

עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז ווי חריף פיעסען זיינען דעמאלט ניט געווען, האבען די צוויי אויטארען וועלכע האבען מיט עטליכע יאהר שפעטער געהאלטען די גאנצע ביהנע אין אמעריקא אין זייערע הענד, גאר ניט געשאפען אין רוסלאנד. אין אן אנדער ארט איז שוין געווען בעמערקט, אז יאזעף לאטיינער איז געקומען צו אמער אלס אויטאר און די ערשטע צייט האט מען געשפיעלט זיינע שטיקער, וואס ער האט מיטגעבראכט פון רומעניען און צווישען וועלכע איז אויך געווען די „ליעבע פון ציון“. אויך משה הורוויטש איז אנגעקומען אין אדעס, ווען שייקעוויטש האט פארטיג געמאכט זיין „פראצענטניק“ און ער איז אנגאזשירט געווארען אלס אקטיאר צו שפיעלען א ראל אין דעם דאזיגען שטיק. נאר אלס אויטאר האט ער קיין פלאץ ניט געפונען.

ארום דער צייט האט שלום יעקב אבראמאוויטש גענומען שרייבען דעם „פריזיוו“ פאר דער אידישער ביהנע. זיינע אפטע בעזוכען אין אידישען טהעאטער האבען איהם געוויזען, וואס א נייע ביהנע פאדערט און ער האט געזוכט צו שאפען א שטיק לויט דעם מוסטער וואס ער האט דארטען געזעהן.

ער האט דעם שניט געכאפט און טאקע דערפאר איז דער „פריזיוו“ ארויסגעקומען אהן א פנים. ער האט זיך געקליגט אריינצוברענגען דעם קאמישען עלעמענט און האט אפילו ניט פערגעסען קיין פזמונים און טענצלאך, נאר אנשטאט צו קאנצענטרירען זיך אויף דער דראמע איז ער פערקראכען אין זייטיגע דרכים. אויב אבראמאוויטשעס ווערק געווינען פיעל חן פון זיין „ניט דאס בין איך אויכען“ איז דאס גענוג צו הרג'ענען א דראמע. אין „פריזיוו“ קומען אריין פיעל סצענעס, וואס האבען מיט דער דראמע ניט צו טהאן, די סצענקעס גופא זיינען מייסטערהאפט געשילדערט, נאר זיי געהערען זיך ניט אן מיט דער דראמע, און דער פועל יוצא דערפון איז, אז די ענטוויקלונג פון דער דראמע בלייבט אפט שטעהן און נאכדעם גיט זי מיט אמאל א שפרונג.

ווי „שולמית“ און „בר כוכבא“ זיינען געשאפען געווארען ניט אזוי גרינג. און אין דעם אייראפּעאישען רעפּערטואר זיינען זיי געווען זעהר וועניג. און דער אידישער טהעאטער אין אדעם האט געפאדערט נייע שטיקער. לערנער האט זיך געווענדעט צו מאיר שייקעוויטש (שמ״ר), וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין אדעם און דער לעצטער האט זיך גענומען צו דראמאטיזירען זיינע אייגענע ראמאנען. ער האט דראמאטיזירט דעם „אידישען פּריץ“, דעם „קאטארזשניק“, דעם „פּראצענטניק“ און זיי האבען אויסגענומען ביים עולם.

דאס האט אריינגעגעבען שייקעוויטש׳ען א געדאנק, אז ער זאל אליין ווערען אן אנטרעפּעניאר. פון קיין אקטיארען איז שוין דעמאלט קיין מניעה ניט געווען און א פּלאץ צום שפּיעלען האט מען געקענט געפינען אין יעדער שטאדט. דער עיקר איז געווען פּיעסען, און א פּערפאסער וואס האט געקענט צוזאמענשטעלען א קליינעם רעפּערטואר האט גרינג געקענט ווערען א דירעקטאר. שמ״ר האט צוזאמענגעשטעלט א קאמפּאניע, וואס איז בעשטאנען פון גראדנער און פרוי גראדנער. מאירסאן, היינע (חיימאוויטש), קנעלער, קויפמאן, פריילין זאקס, געלים און פרוי געלים, קאצמאן, וואכטעל, פרידזעל, וועלכער איז געווען א כאהר דיריגענט און אקטיאר און נאך אנדערע.

אבער שייקעוויטש איז געווען א צו רוהיגער און שטילער מענש, אז ער זאל קענען אויסהאלטען פון די אקטיארען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אייניגע, וואס האבען זיך ספּעציאליזירט אין אינטריגעס און מחלוקות און ער האט זיך באלד אבגעטרייסעלט פון זיי. די קאמפּאניע איז געבליבען אליין און די דירעקציאן האט איבערגענומען היינע. ער האט זיך בעזארגט מיט שייקעוויטש׳עס פּיעסען און אוועקגעלאזט זיך איבער דער פּראווינץ. די דאזיגע קאמפּאניע האט צו זיך צוגעצויגען א נייע קראפט, א יונגע אדעסער מיידעל. דאס איז געווען שרה לעוויצקי, די איצטיגע מרס. אדלער. זי האט געהאט א גוטע שטים און איהר ערשטער אויפטריט איז געווען אין כערסאן אין א ראל אין „פּראצענטניק“ און זי האט שטארק אויסגענומען.

פאדען האט נאך צייט געהאט אנצופרעהען זיך מיט דעם ערפאלג, איז ארויסגעגעבען געווארען די ביטערע גזרה, וואס האט פערבאטען אידישען טהעאטער אין גאנץ רוסלאנד.

דאס איז געווען אין סעפטעמבער 1883.

מען זאגט, אז די גזרה האט זיך גענומען פון א מסירה. עמיצער האט גע'מסר'ט, אז „בר כבבא“ איז ניט קיין כשר'ע שטיק און אז דער פראלאג איז געציעלט געווארען געגען דער רעגיערונג. מען זאגט אויך, אז די מסירה איז געקומען פון א פערפאסער, וועלכער האט ניט אזוי שלעכט געמיינט, ווי עס האט זיך אויסגעלאזט. ער האט געהאפט צו ווערען צענזאר און דאס וואלט איהם געגעבען די אויבערהאנד אין טהעאטער.

נאר ווי אזוי דאס איז ניט געשעהן, האט דער אידישער טהעאטער אין רוסלאנד געקריגען א טוידט קלאפ און זיינע טהויערען זיינען אין אלע שטעדט פערשלאסען געווארען.

די וואנדערענדע טרופען האבען זייערע אויגען ניט געוואלט גלויבען און דער גרעסטער טהייל פון זיי האבען זיך געאיילט צו קומען קיין אדעס. זיי האבען געהאפט, אז אלע צוזאמען וועלען אפשר געפינען א מיטעל געגען דער גזרה. אלענפאלס וועט מען זיך קענען קלאר מאכען, וואס מען האט צו ערווארטען. נאר אין אדעס איז צווישען די אקטיארען די פערצווייפלונג געווען נאך גרעסער, און אלע האבען זיך גענומען צום וואנדער־שטעקען.

מאגולעסקא, די פינקעלס, וויינבלאט, קעסלער, פיינמאן, מארגארעטא שווארץ, אסתר פינקעלשטיין און פאלינע עדעלשטיין זיינען אריבער דעם רומענישען גרעניץ און געלאזט זיך וואנדערען איבער רומענישע שטעדט, וואו די מייסטע פון זיי האבען זייער קאריער אנגעהויבען. די קאמפאניע איז געווען אויך גרויסע צרות און נאכדעם ווי זיי האבען זיך א פאר יאהר אבגעמאטערט, האבען זיי אוועקגעשיקט פינקלען קיין גאליציע, אז ער זאל דארטען אויסבלאפאטשען א קאנצעסיע, אהן וועלכער מען טאר דארטען ניט שפיעלען. דאס איז געווען אנהויב זומער אין 1886 און אין א וואך ארום איז פון איהם אנגעקומען א בריעף, אז מאגולעסקא זאל קו־

עס איז נויטיג צו בעמערקען, אז אין „פריזיוו“ האט אבראַמאָוויטש אנגעוויזען אויף א רייכען קוואל פאר ליעדלאך. אין גאָלדפאדענס שטיקער האבען די ליעדלאך פערנומען א בכבוד׳יגען פּלאץ און די ערנסטע זיינען דורכגעדרונגען מיט א פּאַטעטישען געפיהל. ער האט די ליעדער אליין געשאפען און אפט זיינען זיי געווען דער בעסטער טהייל פון זיינע שטיקער. די אנדערע דראמענשרייבער זיינען ניט געווען געבענשט מיט אזא מתנה צו שאפען ליעדער מיט א פּאַטעטישען פונק און זיי האבען ענטוועדער געהאָלפען זיך מיט פרעמדע אָדער אליין געמאכט גראמען, וואָס האבען קיין שום טעם ניט געהאט. אבראמאָוויטש איז געווען דער ערשטער וואָס האט זיך בענוצט מיט פאָלקס ליעדער און אין „פריזיוו“ זינגט די דיענסטמיידעל דוואסיע אזעלכע ליעדלאך ווי „אויפ׳ן פריפעטשאק“, „צו מיר, צו מיר, דו נשמה מיינע,“ „אבינו מלך“, און אין דער הינזיכט פון ליעדלאך וואָלט די אידישע ביהנע א סך געוואונען, ווען די דראמענשרייבער וואָלטען זיך דערמיט בענוצט.

ווי עס ווייזט אוים, האט אבראמאָוויטש שפעטער איינגעזעהן, אז ער איז צו דער ביהנע צוגעטראָטען מיט א פאלשען דרך, ווייל אין א פּאָר צעהנדליג יאָהר ארום אין א געשפרעך מיט א ניו יאָרקער דירעקטאָר האט ער זיך אויסגעדריקט, אז זיין וואונש איז צו שאפען א פּאַטעטישע דראמע אין דעם גייסט פון לוצאטא.

אבראמאָוויטש איז פארטיג געוואָרען מיט זיין פיעסע, ווען דער אידישער טהעאטער אין רוסלאנד האט שוין געצעהלט זיינע לעצטע טעג.

עס האט לאנג ניט גענומען און גאָלדפאדען איז ווידער געוואָרען דירעקטאָר אין דעם טהעאַטער אין אדעס, נאָר יעצט איז די מלוכה געווען צוטהיילט צווישען איהם, לערנער און שייקעוויטש. אָבער באלד האט זיך אנגעהויבען א רייסעריי צווישען זיי און גאָלדפאדענען איז געלונגען ארויצושטופען לערנער׳ן פון טהעאטער.

גאָלדפאדען האט ביים צוריקקעהרען זיך קיין אדעס מיטגעבראכט זיין צווייטע היסטאָרישע פיעסע „בר כּכבא“ און מיט מאַגולעסקא ביי דער זייט איז ער גיך פארטיג געוואָרען מיט דער מוזיק. „בר ככבא“ האט שטארק אויסגענומען. נאָר איידער גאָלד-

האָט זיך דער סקאנדאל אָנגעהויבען גלייך ווי דער פאָרהאנג האָט זיך אויפגעהויבען און מען האָט מעהר דעם אבענד ניט געקענט שפּיעלען און די אקטיאָרען האָבען געמוזט אנטלויפען דורך א הינטער טהיר.

נאָר ווי טרויריג דער רעזולטאַט איז דעמאָלט ניט געווען, האָט שוין בערגער געוואוסט דעם וועי קיין דייטשלאנד און ווען אידישער טהעאטער איז פערבאָטען געוואָרען אין רוסלאנד, האָט ער זיך ארויסגערופען צו זיין דער וועג־ווייזער פאר דער דערמאָנטער קאָמפּאניע אין דייטשלאנד און בזכות זה איז ער געוואָרען איהר דירעקטאָר.

עס ווייזט אויס, אז אין קעניגסבערג האָט מען ביז דעמאָלט קיין אידישע שפּיעלער ניט געזעהן, און עס איז געווען גרינג פאר דער קאָמפּאניע צו קריגען א טהעאטער. דאָס ערשטע שטיק איז געווען „שולמית" און האָט שטארק אויסגענומען ביים קעניגסבערגער פּובליקום. נאָך „שולמית" זיינען געקומען „קוני לעמילם", „שמענדריק" און די קאָמפּאניע איז דאָרטען געשטאַנען צוויי חדשים. אַן אגענט איז אין דער צייט געקומען נאָך דער קאָמפּאניע פון דאנציג, וואו זי האָט געשפּיעלט צוויי וואָכען און פון דאָרטען איז זי אוועקגעפאָהרען קיין בערלין.

דאָ האָט מען די אידישע שפּיעלער ניט בעגעגענט מיט קיין סבר פנים יפות. אזוי גיך ווי מען האָט זיך דערוואוסט, אז זיי זיינען אידישע אקטיאָרען, האָט מען פאר זיי קיין אנדער נאָמען ניט געהאט ווי „חיים שאיע". דאָס איז דער נאָמען פון דעם קאָמיישען כאראקטער אין די „רעקרוטען", וואָס די ליבערסקו־בערגער קאָמפּאניע האָט דאָ געשפּיעלט מיט א יאהר צוריק און וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אזא ביטערע ניעדערלאגע. קיין דירעקטאָר האָט איצט צו די אידישע אקטיאָרען קיין צוטרוי ניט געהאט און עס האָט געדויערט א וואָך צייט ביז מען האָט קוים גע'פועלט צו געבען זיי א פּראָבע און זיי זאָלען ווייזען וואָס זיי קענען. די פּראָבע איז געווען פאר קריטיקער און קינסטלער, אויף וועלכע די נייע קאָמפּאניע האָט געמאכט א גוטען איינדרוק. די פּראָבע האָט מען

מען צו איהם אין לעמבערג. באלד איז פון מאגולעסקא אנגעקומען א ידיעה, אז ער און פינקעל זיינען אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא.

א צווייטע טרופע וואס איז בעשטאנען פון צוקערמאן, ספּי־וואקאווסקי, שעהנגאלד, שרה גאלדשטיין, גאלדשמיט, וויינשטאק, וויינשטיין, קויפמאנס און נאך אנדערע האט אריבערגעוואנדערט קיין דייטשלאנד. דער פיהרער פון דער קאמפּאניע איז געווען דער סופלער בערגער, וועלכער איז אוועקגעפאהרען פריהער און געגר־מען אין קעניגסבערג מייערס לאקאל. בערגער האט שוין געהאט אביסעל ערפאהרונג אין דייטשלאנד, ווייל מיט א פּאר יאהר פריהער, ווי דער טהעאטער איז פערבאטען געווארען, איז אין אדעס געקומען ליברעסקו נאך פּיעסען, און אין יענער צייט איז א חוץ דעם פערפאסער דער סופלער געווען די איינציגע פּערזאן ביי וועמען מען האט זיי געקענט קריגען. בערגער האט פערשטאנען זיין גרויסע וויכטיגקייט און האט געפאדערט א חלק אין געשעפט, און דער סוף איז געווען, אז ער איז אוועקגעפאהרען צוזאמען מיט לי־ברעסקו קיין גאליציען און דארטען האבען זיי צוזאמענגענומען מענ־שען פון גאס, צוזאמענגעשטעלט א קאמפּאניע און האבען אנגע־שפּארט אין בערלין, וואו זיי האבען געגומען דעם אלעקסאנדער טהעאטער און מזכה געווען דאס בערלינער פּובליקום מיט אידישער קונסט. דאס ערשטע שטיק איז געווען „די רעקרוטען“ און געקו־מען זיינען ניט נאר אידען נאר אויך קריסטען. אין טהעאטער האט זיך באלד אנגעהויבען א פייפעריי און געשריי: „ניעדער מיט די יודען!“. די אידישע בעזוכער, אויב זיי האבען קיין נחת ניט געהאט פון דער קונסט וואס מען האט זיי געוויזען, האבען אין די געשרייען געזעהן אז אנטיסעמיטישע שטעלונג און האבען געענט־פערט: „ניעדער מיט שטעקער!“ דאס איז געווען די צייט פון שטעקער׳ס גדולה אין דייטשלאנד. ביים דריטען אקט איז געווארען א גרויסער סקאנדאל אין טהעאטער, און דער דירעקטאר האט געמוזט ארויסטרעטען פאר׳ן עולם און בעטען, מען זאל זיך האלטען אנשטענדיג.

פון דעסטוועגען האט ליברעסקו אויסגעווירקט ביים דירעק־טאר פון טהעאטער ער זאל געבען א צווייטע פארשטעלונג, נאר דא

געווארען אלס טערקישער טענאר, צוקערמאן אלס רומענישער קייזערליכער קאמיקער, וויינשטאק אלס רוסישער באריטאן און אזוי ווייטער. א טהעאטער האבען זיי גלייך געקריגען און כדי צוצו־געבען לאקאלע פארב האבען זיי געהאקט ווערטער וואס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. שוין אין ערשטען אקט האט זיך אנגעהויבען א פייפעריי צווישען פובליקום און ביים דריטען אקט האט מען געמוזט ארונטערלאזען דעם פארהאנג, צו פערמיידען א גרויסען סקאנדאל.

נאך דעם אבענד זיינען די אקטיארען געבליבען ווי אבגע־שמיסענע און האבען זיך שטיל ארייגגע׳גנב׳עט אין דעם אידי־שען קווארטאל. דא זיינען זיי צוריק געווארען „די אידישע אריענ־טאלישע טרופע״ און נאך צוויי חדשים שפיעלען מיט מאטערנים האבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין בערלין. נאר איצט איז שוין זייער רעפוטאציע געוועזן פערפלעקט און הגם זיי האבען דא גע־שפיעלט נאך פיער הדשים זיינען זיי בעהאנדעלט געווארען אהן הענדשקעס און דער סוף איז געוועזן, אז די טרופע איז אין בערלין צושלאגען געווארען.

די צוקערמאנס און שעהנגאלדס האבען זיך צוריקגעקעהרט אין רוסלאנד און געזוכט א מקום מנוחה אין ווארשא. אזוי ווי אידישע שטיקער האט מען ניט געטארט שפיעלען, האבען זיי געגעבען קאנצערטען אין עלדאראדא. באלד זיינען צוגעקומען די איבריגע אקטיארען פון דער „אידישער אריענטאלער קאמפאניע״, ספיוואק־קאווסקי, וויינשטיין, וויינשטאק און אנדערע און צוזאמען האט מען זיך געקליגט, ווי אזוי אונטער׳ן נאמען קאנצערט ארייגצופעק־לען אן אקט פון א שטיק און אמאל א גאנצע פיעסעלע. ביי די דאזיגע קאנצערטען האט זיך געוויזען טאנצמאן, פריהער אלס סופלער און נאכדעם אלס אקטיאר. אפט ביי אזעלכע קאנצערטען האט געטראפען, אז אין מיטען פון א סצענע האט מען אנגעזאגט, אז א פריסטאוו קומט אין טהעאטער און תוך כדי דבור, האט מען אויף דער ביהנע אנגעהויבען צו זינגען סתם אין דער וועלט אריין. אזא שפיעלען איז די אקטיארען ניט געוועזן צום הארצען און

געמאכט פון „שולמית“ און נאך דער פארשטעלונג איז יאאכים ארויף אויף דער ביהנע, האט געבעטען ארויסרופען צוקערמאן און געפרעגט איהם, וועמעס איז די מוזיק פון צווייטען אקט? צוקערמאן האט געענטפערט, אז די מוזיק איז גאלדפאדענס און יאאכים האט איהם געבעטען, ער זאל אין זיין נאמען שיקען גאלדפאדענען א דאנק.

די קאמפאניע האט איצט געקריגען דעם טהעאטער, קווארקס פלאץ, אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. לויט דעם קאנטראקט האט די קאמפאניע בעקומען זעכציג פראצענט פון הכנסה. זעקס חדשים נאכאנאנד האט מען געשפיעלט „שולמית“ און אויף דער פאדערונג פון דער דירעקציאן האט מען אויסגעשניטען פון דער אפערעטע די ראל פון דעם כהן, וואס איז בעטראכט געווארען אלס בעליידיגונג פאר אידען. נאך „שולמית“ האט מען אויפגעפיהרט די „כשוף־מאַ־כערין“ און דא ווידער האט די דירעקציאן געפאדערט מען זאל אויסשניידען די סצענע מיט די נאדלען צוליעב דעם זעלביגען טעם. די קאמפאניע איז אין בערלין געשטאנען אכט חדשים און איז גע־ווען בעקאנט אונטער'ן נאמען „די אידישע אריענטאלישע טרופע.“

דער טהעאטער האט געמאכט גוטע געשעפטען און די טרופע האט אבגעכאפט דעם אטהעם. נאר בערגער איז געוועזן א דרעה קאפ און איהם איז איינגעפאלען, אז מען וועט קענען מאכען פיעל בע־סערע געשעפטען, אז מען וועט דעם נאמען פון דער טרופע פער־קירצען און זי זאל זיך ארויסגעבען פאר אן עכטע אריענטאלישע. דער חשבון איז געווען, אז א טהעאטער מיט אזא טרופע וועט ניט זיין אבגעלעגט אויף דעם בעשרענקטען אידישען עולם, נאר וועט פאטראניזירט ווערען פון דעם גרויסען דייטשען פובליקום, וואס וועט קומען בעוואונדערען די שפיעלער און זינגער פון די מזרח פעלקער. די קאמפאניע האט געבראכען דעם קאנטראקט מיט קווארקס פלאץ און איז אוועקגעפאהרען קיין האמבורג. דאר־טען האט בערגער ארויסגעלאזט אפישען, אין וועלכע ער האט מודיע געווען דעם האמבורגער עולם וועגען דעם אנקומען פון דער בעריהמטער אריענטאלישער טרופע און שעהנגאלד איז אנאנסירט

סעלראר, קלמן יאוועליר, יעטע רויך, (פרוי יאוועליר), פרוי סא־מוילאף (שפּעטער פרוי שאר).

אין בודאפעסט האט זיך הורוויטש פערפלאנטערט. ער האט פערברויכט געלד, וואס די אנגעשטעלטע אין טהעאטער האבען איהם געגעבען אלס ערבות. ער איז ארעסטירט געווארען, נאר איידער דער פּראצעס האט זיך געענדיגט, איז ער אנטלאפען קיין קאנסטאנ־טינאפּאל. דארטען האט ער זיך א קורצע צייט אבגעפלאגט און איז אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן, וואו ער איז אנגעקומען ארום סוף 1886. ער איז אבער לאנג ניט פערבליבען אין לאנדאן און האט זיך מיט'ן שטראם אוועקגעלאזט קיין אמעריקא.

שטארקער פון אלעמען האט דער פערבאט געטראפען דעם גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער. ער האט געהאט א געפיהל, ווי זיין גאנצער בנין איז אהן א שום ווארנונג איינגעפאלען און בע־גראבען אונטער זיך דאס בעסטע וואס ער האט פערמאגט. דער קלאפּ איז געוועזען אזא שטארקער, אז ער האט זיך אין גאנצען פערלארען. זיין טאלאנט איז איצט געווען אין סאמע בליהען. ער האט מיט א קורצער צייט צוריק פערענדיגט „שולמית“ און ערשט געשאפען „בר כוכבא“, און נאך עטליכע יאהר טאפּען אין דער פינסטער און ווארפען זיך פון איין פרעמדער נארעשער בורלעסק אויף דער צוויי־טער, האט ער געפונען זיך אליין און דעם ריכטיגען וועג פאר דער אידישער ביהנע. און מיט אמאל איז אלץ צושטערט געווארען און פון אלץ איז געווארען א תל.

דער קלאפּ האט פאראליזירט זיין שאפענדען גייסט און אונ־טערגעהאקט זיינע שאפענדע קרעפטען. גאלדפאדען האט שפּעטער געשריבען נאך היסטארישע אפּערעטען און קאמעדיעס, נאר עס האט איהם גענומען יאהרען לאנג ביז ער איז געקומען צו זיך און דאס איז געווען, ווען ער האט אנגעשריבען „משיח'ס צייטען“ און דערנאך האט ער זיך ווידער אבגעלאזט.

גאלדפאדען איז געווען דער איינציגער פון אלע יענע, וואס האבען ביז דעמאלט געשריבען פאר'ן אידישען טהעאטער, צו בע־גרייפען דעם תוך פון דער ביהנע און מעהר פון אלע האט ער

איינציגווייז האָבען זיי זיך אוועקגעלאָזט זוכען זייער גליק אין אנ־דערע מדינות.

די גראדנערס און יעקב אדלער זיינען געוועזן אין ריגע, ווען דער פערבאָט איז ארויסגעגעבען געוואָרען און זיי האָבען קיין איבריגע שהיות ניט געמאכט און צוזאמען מיט פרוי אדלער (מי־בעלסאָן), פריילין טשיזיק, קארפ, קעמפנער, באָם, וואכ־טעל און אנדערע זיינען זיי אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן און ארום דער זעלביגער צייט האָט זילבערמאַן צוזאמענגעשטעלט א קאָמ־פּאניע און אוועקגעלאָזט זיך אין אמעריקא. די קאָמפּאניע איז בע־שטאַנען פון זילבערמאנען און פרוי זילמערמאן, חיימאָוויטש (היי־נע) און פרוי חיימאָוויטש, באראדקין און פרוי באראדקין. דער וועג קיין אמעריקא האָט זיך דעמאָלט גערעכענט אזוי ווייט, אז די קאָמפּאניע האָט זיך פריהער אָבגעשטעלט אין לאָנדאָן און ערשט פון דאָרטען געגומען א שיף קיין ניו יאָרק, צוזאמען מיט קארפ, וואכטעל און יאָזעף לאטיינער אלס סופלאר און אויטאָר.

משה הורוויטש האָט קיין שום שייכות געהאט מיט'ן אידי־שען טהעאטער אין רוסלאנד. ער איז א לענגערע צייט געבליבען אין רומעניען און געשפּיעלט מיט גרינבערג, שפּייזנער, בערגמאַן און פרוי אקסעלראָד, ראזע אקסעלראד, פּייוועלע פריעדמאן און אנדערע. נאָר אזוי ווי אין רומעניען איז שוין הורוויטש געוועזן אויסגעשפּיעלט, האָט ער אריבערגעוואנדערט קיין גאליציען און מיט זיין טאָכטער שאָרלאטע און איידעם גרינבערג האָט ער זיך אָנגע־שלאָסען אן גראדנערס קאָמפּאניע, וואָס איז בעשטאַנען פון גראד־נער און פרוי גראדנער, וויינבלאט, עסקרייך, לענארד, הערמאלין און צוזאמען האָבען זיי פריהער געשפּיעלט אין די גרעסערע גאלי־צישע שטעדט און נאָכדעם האָבען זיי אָנגעשפּארט אין וויען און גענומען דעם רינג טהעאטער. קיין כבוד האָבען די אידישע אקטיאָ־רען דאָ ניט געוואונען און די טרופּע איז דאָ צושלאָגען געוואָרען.

נאָך א קורצען וויזיט אין אדעס, וואו הורוויטש האָט געהאָפט אריינצוטרעטען אין טהעאטער אלס אקטיאָר, האָט ער זיך מיט לע־דיגען צוריקגעקעהרט קיין גאליציען, וואו ער האָט געטראָפען א פּארטיגע קאָמפּאניע, וואָס איז בעשטאַנען פון די גרינבערגס, אק־

נאך א טענדענץ און דאס איז צו עפענען די אויגען פון דעם טהע־אטער געהער אויף דעם זיסען ליכט פון השכלה. א חוץ דעם וואס גאלדפאדען איז א קונדס איז ער אויך קאמפסלוסטיג, נאר זיין קאמף פיהרט ער אהן שנאה, אהן א פערביטערקייט, אהן גאל. ער האט אין די מייסטע שטיקער זיינע געהאט אן אויג, אז דארטען וואו ער פערשפאט א געוויסען סארט אידען זאל אויך זיין א שעה־נער איד און אז „פאראלעל“ מיט דעם „פעהלער“ זאל זיין די „מעלה“.

די מוסטערס וואס ער האט אויסגעקליבען פאר זיינע ערשטע שטיקער זיינען געווען גראבע פארסען פון די אומות העולם, וואו די פערזאנען און האנדלונגען ווערען ניט געמאלט נאר געשמירט. נאר ווי גראב און אונגעלומפערט זיי זיינען גיט געווען, האבען זיי זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מ ט צוויי זאכען: ערשטענס, האבען די פרעמדע פארסען אנגענומען מעהר אדער ווניגער א אידישע פארם און מעהר אדער ווניגער איז אין זיי געשאפען געווארען א אידישע אטמאספער און, צווייטענס, האבען זיי געהאט איינ־הייטליכקייט און גאנצקייט. דער פארם איז געווען פארם פון אנ־הויב ביז'ן סוף אהן וועלכער עס איז צומישונגג. די האנדלונג איז נ־ט פערקראכען אן א זייט און ניט איבערגעהאקט געווארען.

אין די דאזיגע שטיקער האט זיך גאלדפאדען ניט אראבגע־לאזט צום עולם פון זיין פאעטישער הויכקייט. ער וויזט ניט קיין זויערע מינע, ווען ער מאכט א משונה'דיגע הלצה, איהם קימערט גאר ניט, וואס א סיטואציע קומט ארויס אונגעלומפערט, אבי עס איז נאר לעבעדיג און ער לאכט אליין און קוועלט דערפון און האט שטארק הנאה דערפון. די מאסע פיהלט, אז דער שרייבער איז אין הארצען און אין דער נשמה מיט איהר און זי לאכט און קוועלט אזוי הערצליך ווי דער שרייבער גופא.

ניט דער תלמיד פון דער ראבינער שול, ניט דער פאעט האט אנגעטאפט דעם דופק ביים פאלק. דאס איז געווען דער קונדס אין גאלדפאדען, וואס האט געפונען דעם וועג צום הארצען פון פאלק און געשטעלט איהם אויף איין ברעטעל מיט דער מאסע. זיינע שפא־סען, זיינע המצאות, זיינע הלצות, זיינע קונדס'דיגע איינפעלע און

אינסטינקטיוו געפיהלט וואס עס פאדערט זיך פאר אן ערשט גע־שאפענעם טהעאטער.

אלע שטיקער פון דעם מיטען זיבעציגער יאהרען ביז׳ן מיטען אכציגער זיינען דורכגעדרונגען מיט דער זעלביגער טענדענץ. אין זיי אלע ווערט געפיהרט א קאמף פאר השכלה. זיי אלע לאכען אויס דעם נארעשען חסיד און מאכען שפאט פון דעם פאנאטיקער און שטעלען ארויס אין א שעהנעם ליכט די געבילדעטע. אין דעם זיי־נען גלייך גאלדפאדען און לאטיינער און הורוויטש און שייקע־וויטש. און אזוי ווי די ערשטע זיבען יאהר איז גאלדפאדען געווען דער קעניג פון דעם אידישען טהעאטער, האט ער זיך מעהר ווי די אלע אנדערע אויסגעצייכענט אין דעם דאזיגען קאמף און זיין שטים האט זיך געהערט העכער פון אלע אנדערע.

נאר אין דעם אופן פון אויסלאכען דעם נארישען חסיד און אבשפאטען פון דעב פאנאטיקער איז אן אונטערשייד צווישען גאלדפאדען און אנדערע. גאלדפאדען ווארעמט זיך אנטקעגען דער זון פון השכלה און פיהלט זיך זעהר אנגענעהם דערפון. ער איז גוט אויפגעלעגט און שפאסט אין גוטען מוטה. ער איז די גאנצע צייט לוסטיג, פרעהליך, לעבעדיג און איז תמיד גרייט אבצוטהאן עפעס א קונדס׳עריי.

און טאקע די ערשטע יאהרען פון זיין טהעטיגקייט אויף דער ביהנע, האט דער קונדס אין איהם אין גאנצען פערטריבען דעם פאעט און עס איז געווען דער קונדס אין איהם, וואס האט זיך אזוי גרינג צוגעפאסט צו האמעטנע פארסען, גראבע בורלעסקעס און בי־ליגע קאמעדיעס. דא קען מען לאכען, שפאטען, חוזק מאכען אויף וואס די וועלט שטעהט. „די באבע מיט׳ן אייניקעל“, „שמענדריק“, „קוני לעמיל“, „די קאפריזנע טאכטער“, „ני בע ני מע“ און דער גאנצער צעטיל פון די שטיקער אין בוקארעסט ווייזען מיט די פינ־גער אויפ׳ן קונדס. דאס זיינען אלץ גראבע פארסען, וואס האבען אין אריגינאל געהאט נאר איין צוועק צו אונטערהאלטען א גראבען געשמאק און מאכען א פראסטען עולם צו לאכען. גאלדפאדען איז אויך אויסען צו לאכען און מאכען דעם עולם פרעהלאך. נאר די זעלביגע פארסען, ווען זיי געהען דורך זיינע הענד, נעהמען זיי אן

זיין טאַלאַנט רייפער. דער טיכטיגסטער געגנער פון בר כוכבא, דער פרעדיגער פון קושען דעם שונא'ס רוט איז געוועזן רבי אלעזר, און איצט ווערט ער געשילדערט גאר אנדערס.

אין דעם פראָלאָג, אין דער סצענע אין שוהל, וואו רבי אלעזר קלאגט אויף דעם תל, וואָס איז געוואָרען פון ירושלים, ווענדעט ער זיך צו די פערזאמעלטע מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„מיר זיינען שולדיג אין אונזער אונגליק מיר, יעדער בעזונדער:
ווי נארישע, שלעכטע קינדער האָבען מיר געהאנדעלט אונגלויביג
געגען אונזער גרויסען גאָט, וואָס ער לעבט אייביג.
ער האָט אונז געליעבט, מיר האָבען זיך דערפון ניט געמאכט,
ער האָט אונז א תורה געשענקט, מיר האָבען זי פעראכט,
ער האָט אונז גוטס געגעבען מיר האָבען עס ניט געוואוסט צו שעצען,
מיר האָבען איהם דערצאָרענט מיט פרעמדע געצען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דערפאר לאָמיר זיך האלטען שטיל, אויף גאָט זיך ניט בעקלאָגען,
און דאָס שלעכטס, וואָס קומט אויף אונז מיט בטחון איבערטראָגען.
לאָמיר איהם בעטען מיט א ריין הארץ, ניט פערשטעלט, מיט נאמנות,
אונזער הארץ זאָל זיין דער מזבח, אונזערע ריינע געדאנקען — די קרבנות.
לאָמיר בעטען פאר'ן ביסעל אידען, וואָס נאָך פערבליבען,
פאר די וואָס זיינען דאָ, פאר די וואָס זיינען פערטריבען.
לאָמיר פאָלגען די נייע הערשער, וואָס זיי אונז געביטען,
וועלען זיי אונז בעהאנדלען מיט חסד און מיט גוטען.
לאָמיר בעטען פאר'ן שלום פון אונזער צעזאר הנעלה,
ווייל אין זיין שלום וועט אונז שלום זיין אמן סלה!

אין די דאָזיגע ווערטער זעהט איהר דעם אלטען פרומען גרייז, אין וועמעס הארצען זיינען שוין אָבגעשטאָרבען אלע שטורמס,

שפּיצלאָך זיינען ניט קיין געמאַטערטע, זיי קוועלען פון הארצען. ער אליין האָט פון זיי הנאה און די מאסע קוועלט מיט איהם און לעקט פון זיי די פינגער.

דער פיינערער געשמאַק אין גאָלדפאדען האָט איהם אונטער־געזאָגט ווי ווייט ער קען ערלויבען דעם קונדס צו טרעטען איבער דעם דאָזיגען געפעהרליכען וועג און זאָל ניט ארייִנפאלען אין די גריבער פון וואולגאריטעט און אונאנשטענדיגקייט. און דאָס האָט מעגליך געמאכט, אז זיינער א פארס זאָל קענען אונטערהאלטען ניט נאָר דעם פּראָסטען עולם נאָר אויך א צושויער מיט א בעסערען געשמאַק.

גאָלדפאדען האָט דעם קונדס קיין מאָל ניט פערטריבען, ווייל ער איז געווען א טהייל פון זיין „איך“, נאָר וואָס לענגער ער האָט געשריבען, האָט ער איהם אלץ מעהר קאָנטראָלירט, אלץ מעהר אָב־געשטופּט צום הינטערגרונד און אלץ מעהר געמאכט פּלאַץ פאר דעם דיכטער.

איבריגענס, עס האָט לאנג ניט געדויערט די פרייד מיט דער השכלה. איבער גאנץ רוסלאנד האָט אָבגעקלונגען דער אימה׳דיגער געשריי פון די פּאגראמען און אלע גליקליכע האָפנונגען פון די פאָרטגעשריטענע אידען זיינען פּלוצים אויסגעלאָשען געוואָרען. גאָלדפאדענס הארץ האָט געשלאָגען מיט אמת׳ער ליעבע צו זיין פאָלק און ער האָט דערפיהלט דעם גאנצען ווייהטאָג פון דעם גרוי־סען חורבן. ער האָט שוין איצט מעהר ניט געקענט לוסטיג מאכען זיך איבער זיינע פאנאטישע ברידער און פון זיין מוזע האָבען זיך דערהערט נייע טענער. אין דער צייט האָט ער געשאפען „בר כוכבא“. פאר א קעמפער פון השכלה איז „בר כוכבא“ געווען א סיוזשעט, אויף וועלכען ער האָט זיך גרינג געקענט אויסגליטשען. „בר כוכבא“ איז געווען א קעמפער און פערטרעטער פון דעם נייען דור אין זיין צייט. זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט געדארפט גע־ווינען די גאנצע סימפּאטהיע פון א שרייבער, וועלכער האָט א בי־טערען קאמף געהאט מיט׳ן אלטען דור. פאר די פּאגראמען וואָלטען די געגנער פון בר כוכבא ארויסגעקומען פון גאָלדפאדענס פעדער ווי שווארצע טייוואָלים. נאָר איצט איז זיין בליק געוואָרען טיעפער,

מענשליכע ווארהייט. אין דיזע עטליכע צייל‌ען צייגט זיך ארויס א טאַלאנט, און דאָס ווערק הויבט זיך אויף צוליעב דעם אויף א העכערע מדרגה.

אין זיינע שפּעטערע ווערק זיינען צואוואַרפען א סך טהייערע פּערל‌ען. נעהמט למשל די היסטאָרישע אָפּערעטע „עקדת יצחק“, און ל‌עזט די געדאַנקען פון אברם׳ן, ווען ער בעט אויף א יורש.

אויף אזא יורש האָב איך געבעטען, וואָס ער זאָל
פערפלאַנצען ווייטער
פון דור צו דור די תורות פון זיינע פאטער,
אַה, קען ער דען הייסען בוים, ווען ער לאָזט ארויס קיין
צווייגען?
קען ער הייסען קוואַל, ווען זיינע וואַסערן שטעהען
און שווייגען?

. . . .

אַך, ווי אונגליקליך פיהלט זיך דער מענש, ווען ער
בלייבט אין זיין צעלט
מיעד פון זיין לעבען אליין, און דאַרף געהען פון דער וועלט
און אויף די עלטערע יאָהר
בלייבט ער עלענד גאָר
אָהן כח און אָהן געזונד
און אָהן איין איינציג קינד.
ווער קען איהם טרויסטען, ווען ער ווערט נעביך קראַנק,
ווער וועט איהם בעגלייטען, ווען ער געהט דעם לעצטען גאַנג?
זיין קבר שטעהט אין פּוסטע פעלד איינער אליין,
קיין טרעהר פון א קינד בענעצט קיינמאָל דעם גלאַטען שטיין.
פערגעסען, פערלאָרען ווערט זיין נאָמען אויף אייביג, אוי,
אָהן א קינד.

דאָס זיינען איינפאכע ווערטער, ניט געצאַצקעטע, ניט געקינצעלטע און זיי ריהרען די טיעפסטע סטרונעס פון מענשליכען הארצען.

אזעלכע פּערל‌ען זיינען צוזייעט איבער אל‌ע שפּעטערע ווערק, וואָס גאָלדפאַדען האָט געשאַפען. וואָס ווייטער ווערט זיין טאַלאנט

אין וועמעס אדערען דאס בלוט רינט שטיל, און וועמעס אלע גע־דאנקען זיינען פערנומען מיט דער בעסערער וועלט, אויפ׳ן שוועל פון וועלכער ער שטעהט שוין גרייט און קלאפט אין טהיר. דער אלטער גרייז דארף נאר געצעהלטע טעג געהן אין דעם יאך פון דעם שונא, זיינע אבגעשטארבענע ליידענשאפטען לאזען איהם רוהיג טראכטען וועגען דעם מקור פון דעם גרויסען אידישען אונגליק. זיין טיעפע אמונה זאגט איהם, אז דער שונא איז נ״ט מעהר ווי א שליח פון גאט, און ווען אזוי איז דער ווילען פון גאט, וואס וועט זיין די פעולה פון א מרידה? יא, ער קען אנדערס ניט רעדען, ווי נאר וועגען הכנעה, וועגען בויגען דעם רוקען.

דער יונגער בר כוכבא האט קאכעדיג בלוט. יוגענד וואגט, וואו עלטער טראכט. ער רופט צום קאמף:

„הויבט אויף אייערע קעפ, אלטע, וועט איהר אליין זאגען,
אז אויף די לעבעדיגע איז דא מעהר ווי אויף די טוידטע
צו קלאגען.
א מינדסט רוימיש אינגעל שפייט אייך אין פנים,
רייסען אייך אב די קליידער, מאכען אייך סימנים.
איהר רעדט מיט זיי מיט גוטען, זיי ענטפערן אייך מיט כעס
אונזער פערמעגען רויבט מען עפענטליך אין מיטען דער גאס.
אונזערע פרויען שענדען זיי, און מיר טארען זיך ניט קלאגען.
אה, ניין, וואס איהר ווילט מעגט איהר אייך זאגען,
די יונגע הייסע בלוט קען ניט צוזעהן אזוי קאלט,
יעדע מינוט פאר זיך דעם שונא׳ס מערדעריש געשטאלט.
האקט מיר אב דעם קאפ, ווארפט איהם אריין אין קבר,
נאר ניט רייסען יעדע מינוט צו ביסלעך איטליכס אבר.
כל זמן די האנד איז דא, לאמיר זי אויפהויבען,
אז שטארבען זאלען מיר אלע, וואס טויג איינעם אליין לעבען.
שטעהט אויף, ברידער, אין נאמען פון אונזער הייליג לאנד
און לאמיר אויסקעהרען פון איהם, דעם שלעכטען בייזען
פיינד!

אזוי רעדט עס בר כוכבא און אזוי רעדט יוגענד, קוראזש, כח, מוטה, און גאלדפאדען איז דא געלונגען אויסצודריקען אן אייביג

ליגט זיין קעפעלע
טיעף אין דר'ערד פון לאנג.

אזעלכע ליעדעלאך וואס פאסען זיך צו דעם שטיק ווי א היינטמאדישער הוט צו דער נאקעטער מוטער חוה'ן, קען מען טרעפען כמעט אין יעדען ווערק, און די איינציגע אורזאך פאר וואס מען האט זיי אהין אריינגעקוועטשט איז נאר די, וואס די ליעדעלאך געפעלען דעם עולם.

אמאל פיהלט זיך גאלדפאדען פערשעמט פאר אזא אונגעלומפערטקייט און סטארעט זיך צו מאכען עפעס א היתר, ווי, למשל, אין „שולמית“, לאזט ער זיין העלד אבשלום'ן צובינדען זיין פעקיל און נעהמט ארויס ראזינקעס און זאגט:

ראזינקעס מיט מאנדלען, עס עראינערט מיך אן די ליעדעלע,
מיט וואס בת ציון האט פערוויגט איהר בן יחיד אידעלע.

נאר אפט האט ער אפילו אזא היתר אויך ניט. עס טרעט ארויס דער קאמיקער און הויבט אן צו זינגען סתם אין דער וועלט אריין.

א גרויסען געוויכט האט גאלדפאדען געלעגט אויף די דעקאראציעס און אויסשטאטונג, און זיין רייכע פאנטאזיע ארבייט שטארק, ווי אזוי צו פאנגען דאס אויג פון דעם צושויער, און ער לאזט ניט דורך די מינדעסטע געלעגענהייט צו מאכען א ביהנע עפעקט.

אין „עקדת יצחק“ אין ערשטען אקט, ווען אברהם ווערט אנדערמילט, לאזט זיך אראב אין דער ארקע פון דעם הינטערגרונט אן ענגעל אין דער געשטאלט פון א קליין קינד און בלייבט הענגען אין דער לופט. דאס קינד דעקלאמירט, ידוע תדע כי גר יהיה א. ז. וו. און בשעת מעשה ערשיינט א טראנספארענט-בילד וואס שטעלט פאר ווי די אידען ארבייטען עבודת פרך אין מצרים. און ווען דאס קינד דעקלאמירט ונתתיך לגוים ומלכים ממך, דאן ערשיינט אן אנדער טראספארענט־בילד, וואס שטעלט פאר אלע אידישע מלכים.

דער שלום פון דעם ערשטען אקט ענדיגט זיך דערמיט, וואס די דריי אורחים וואס זיינען געקומען צו אברהם'ן געהען צו דער ארקע און שטעלען זיך ארויף אויף דעם וואלקען, וואס ליגט אויף

מעהר צייטיג און מעהר ענטוויקעלט, און איהר קענט הערען ווי ער זאגט: „נו קינדער, מיר האבען שוין גענוג געשטיפט, עס איז איצט שוין צייט צו ווערען אביסעל לייטישער!"

נאר די הארמאניע צווישען דעם אויטאר, פובליקום און שוי־שפיעלער פלאצט ניט דערפון, וואס די פיעסען הויבען אן צו אטהע־מען מיט מעהר ערנסטקייט; דאס פובליקום און די אקטיארען זיינען אויך ארויס פון די וויקעלאך און אויסגעוואקסען פון די ערשטע קונדס־שטיקער. די ענטוויקלונג פון די דריי עלעמענטען איז ניט קיין געצוואונגענע, קיין אנגעווארפענע, נאר א גאנץ נא־טירליכע.

נאר ווי ערנסטער גאלדפאדען ווערט ניט, פערגעסט ער אויף איין סעקונדע ניט, אז ער האט צו טהאן מיט א ביהנע און ער ווענדעט אן אלע מיטלען וואס די ביהנע פערמאגט אויסצונעהמען ביים פובליקום. וואס מען זאל ניט שפיעלען מוזען אריינקומען ליעדעלאך, פזמונים׳לאך, שאנסאנעטען און איז דערביי ניט שטארק מקפיד צו די צייט און פלאץ ערלויבען איהם עס צו טהאן. אין „שולמית", למשל, שפארט ער אריין דאס ליעד „ראזינקעס און מאנדלען." דאס ליעדעל איז א שעהנס, נאר אין דער צייט ווען אי־דישע מיידלאך האבען געטאנצט אין די וויינגערטנער און גערופען צו די בחורים אז זיי זאלען מיט זיי חתונה האבען, האט מען ניט געקענט זינגען וועגען ווערטה פאפיערען און קאנטארען און אייזענ־באהנען, פון וועלכע יודעלע וועט פערדיענען א סך געלד. גאלד־פאדען האט עס געוואוסט אויסגעצייכענט און אין א בעמערקונג צו „ראזינקעס מיט מאנדלען„ פערענטפערט ער זיך: „כאטש דאס ליעד (ראזינקעס און מאנדלען) איז נישט אין פלאץ, נאר איך האב עס דערפאר אהער ארויסגעשטעלט, ווייל דעם פובליקום איז ז׳אס זעהר ליעב און בעקאנט." אדער אין „עקדת יצחק" זינגט לוט „דאס פערבאטענע עפעלע."

„אוי חוה מיט דער שלאנג!
דער קאסירער טהוט מיר באנג,
איבער דעם עפעלע

שטיק ארויסקומען אהן הענד, אהן פיס, אהן א קאפּ, אהן א לייב און אהן לעבען.

גאָלדפאדענס שטיקער זיינען גאר אנדערש געבויט. די אר־בייט פון דעם שוישפּיעלער איז א טפל, די גאנצע קראפט ליגט אין דעם שטיק גופא. עס איז געגוג אז אן אקטיאר זאל קענען אביסעל זינגען, אביסעל שפּרינגען, אביסעל רעדען, אביסעל מאכען לצנות, און די אויפפיהרונג פון דער פּיעסע וועט דורכגעהן גלאט. גאָלד־פאדענס א שטיק שטעהט ניט אין געפאהר, אז זי זאל ארויס אהן הענד און אהן פיס און אהן לייב און לעבען צוליעב דעם שפּיעלען פון א שוישפּיעלער. ווער עס האט נאר א נישט־קשה׳דיגע שטים צום זינגען און האט מוטה און קוראזש ארויסצוטרעטען אויף א ביהנע וועט קענען שפּיעלען אין גאָלדפאדענס א ווערק. דאס שטיק נעהמט אויס ביים פּובליקום מיט די ווערטער, ווערטלאך, סיטוא־ציאנען, ליעדלאך און אויב נאר דער אקטיאר איז ניט אין גאנצען א קאליקע וועט דאס שטיק האבען ערפאלג.

רעדט מיט וועלכען קאמיקער איהר ווילט, וואס האט נאר געשפּיעלט אין גאָלדפאדענס צייט אין רומעניען אדער רוסלאנד, וועט ער אייך דערצעהלען, אז נאך אזא „שמענדריק“, נאך אזא „קוני לעמיל“, נאך אזא באבע באנציע ווי ער איז ניט געווען. לאָ־מיר שוין אויפמערקזאם מאכען, אז מאגולעסקא איז געווען אונ־איבערטרעפליך אין די דאזיגע ראָלען, נאר די אנדערע קאמיקער בעריהמען זיך אויך ניט ווען זיי דערצעהלען, ווי מען האט פון זיי דעמאלט געלעקט די פינגער. ביי יעדען קאמיקער פון יענער צייט וועט איהר געפינען אויסשניטע פון צייטונגען, ווי מען האט איהם געריהמט פאר זיין שפּיעלען.

מיר זעהען דאריבער, אז אלע קליינע טרופּעס, וואס פאהרען ארום איבער דער פּראָווינץ, נעהמען זיך געוועהנליך צו גאָלדפא־דענס שטיקער. זיי פיהלען, אז אין די דאזיגע שטיקער וועלען זיי קענען אונטערהאלטען א פּובליקום און מען וועט זיי מיט פּוילע אייער ניט פערוואָרפען.

מען דארף אויף איהם קוקען ווי אויפ׳ן פאטער פון דער אי־דישער ביהנע, גרינדער פון אידישען טהעאטער. עס איז אמת, אז

דער ערד, ווארפען אראב די מאנטלען, עפענען אויף די פליגלען. די וואלקען הויבען זיך אויף און פערשווינדען מיט זיי אין הימעל. דאס בילד ווערט בעלייכטעט מיט וויאלעט פייער. די אנדערע אק־טען ענדיגען זיך אויך מיט אזעלכע עפעקטען.

אין „שולמית“ ביים שלום פיערטען אקט הויבט זיך אויף איין פארהאנג נאכ׳ן צווייטען נאר מיט דעם צוועק צו ווייזען דעם אויג בילדער פון דער צייט ווען דער בית המקדש איז געווען.

ביים שלום לעצטען אקט אין „באבע מיט׳ן אייניקעל“ עפענט זיך אין דער טיעף פון דער ביהנע א וואנד, דאס בילד שטעלט פאר רבי מאיר בעל נס קבר, ארום א בלאס פייער זיצען ארץ ישראל אידען און זינגען שטיל. דאן הויבט זיך אויף א צווייטער פארהאנג און מען זעהט ארעלען מיט איגנאצען אומגעארעמט אין חופה קליידער, בעלייכטעט פון בענגאליש פייער.

ביים שלום לעצטען אקט אין „בר כוכבא“ איז א גאנצע אי־לומינאציע פון פערשיעדענע בענגאלישע פייערן. איבערהויפט האט גאלדפאדען ארויסגעוויזען א שוואכקייט צו בענגאלישע פייערן און מלאכים.

נאר די עפעקטען זיינען ביי איהם אויך ניט קיין אויסגע־טראכטע, זיי זיינען ניט די פרוכט פון א קאלטער אויסרעכענונג, נאר טאקע איהם גופא זיינען זיי געפעלען געווען. זיי זיינען אפשר נאא׳וו און דערמאנען גיכער א קינד, וואס שרייט מיט התפעלות „זו זו“ פון אן אנגעצונדענעם שוועבעלע, נאר די דעמאלסדיגע צושויער זיינען געווען נאך נאאיווער.

גאלדפאדענס שטיקער, סיי די ערגערע און סיי די בעסערע, סיי די ערשטע און די שפעטערע צייכנען זיך אויס דערמיט, וואס די גאנצע קראפט ליעגט אויפ׳ן אויטאר. אין מאדערנע פיעסען איז די ארבייט פון דעם אויטאר נאר א האלבע, די פיעסע איז ניט מעהר ווי א נאקעטע נשמה און די ארבייט פון דעם שוישפיעלער איז צו דערפילען די צווייטע העלפט, געבען דער נשמה א קערפער. עס בלייבט פאר׳ן שוישפיעלער צו געבען דער פיעסע אלע חושים און גליעדער, און אויב ער טהוט ניט זיין ארבייט בשלמות, ווערט דאס

ניט אַן אויפ'ן פובליקום מיט גוואלד זיינע בעסערע שטיקער. אזוי ווי ער האָט פריהער ניט געשריעבען גראבע, נארעשע בורלעסקעס כדי צו געפעלען ווערען דעם פובליקום, נאָר ער האָט זיי געשריעבען ווייל דער קונדס אין איהם האָט פון זיי הנאה געהאט, אזוי שרייבט ער שפּעטער אויך ניט בעסערע שטיקער כדי אויסצונעהמען ביי אינטעליגענטע מענשען. די שטיקער ענטוויקלען זיך אויף א נאטירליכען אופן. אין די ערגסטע בורלעסקעס האָט ער ארויסגעוויעזען אז ער האָט אן אָפענעם אויג וואָס האָט בעמערקט און אונטערגעכאפּט כאראקטעריסטישע סצענעס פון דעם אידישען לעבען און געגעבען זיי א לעבעדיגען קאָליר, דאָ און דאָרטען רייסט זיך ביי איהם ארויס א פערעל פון פּאָעזיע; און שפּעטער קומען מענשליכע, לעבעדיגע האנדלונגען עפּטער. דאָס פובליקום און די אקטיאָרען וואקסען מיט איהם, און די ביהנע געהט אויף אזא אופן אלץ פאָרווערטס און פאָרווערטס.

אין זיינע ערגערע שטיקער ציהט ער זיין גאנצע יניקה פון דעם קאמף צווישען השכלה און פאַנאַטיזם. ער איז בעגייסטערט פאר בילדונג, און זוכט צו עפענען די אויגען דעם אלטען דור. ער בייזערט זיך פאר וואָס מען איז פערגלויבט אין נארעשקייטען און קעמפּט פאר די אידישע טעכטער וואָס ווערען פערקויפט צו יחוס. און טריי צום רעצעפּט פון דער צייט פון השכלה קומט ביי איהם ארויס דער אלטער דור שווארץ, און פערקעהרט דער נייער דור שטעלט מיט זיך פאָר, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דארף מיט זיך פאָרשטעלען אלץ וואָס איז ליכטיג, וואָס איז פיין און וואָס איז גוט. פון דעסטוועגען אז עס מאכט זיך איהם א געלעגענהייט צו מאכען חוזק פון נייערן דור האלט ער זיך ניט אָפּ. אין דער „קאפּריזנער טאָכטער" לאכט ער אָפּ פון די היינט־וועלטיגע מיידלאך, וואָס האָבען איבערגעלייענט עטליכע ביכלאך און מיינען אז דאָס איז בילדונג.

בכלל אבער האָט ער בשום אופן ניט געקענט כאפּען די בילדער פון זיינע פּאָזיטיווע העלדען. זיי קומען גאָר ניט ארויס קיין מענשען. זיינע געבילדעטע קומען ארויס אָהן לייב און אָהן לעבען.

מעהר פון אלע היסטאָרישע אָפּערעטען איז איהם געלונגען

אָהן גאָלדפאדען וואָלט אויך א ביהנע בעשאפען געוואָרען, ווייל די פאָדערונג אויף אזא אונטערהאלטונג איז שוין געוועזען ביי׳ם פאָלק, און די אונטערהאלטונג גופא אין דער פאָרם פון גראבע פארשטעלונגען איז שוין אויך געוועזען, נאָר עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ווען ניט גאָלדפאדען וואָלט די אידישע ביהנע בעשאפען געוואָרען א סך שפעטער. גאָלדפאדען איז בעזעסען יענע קראפט, וואָס האָט געמאכט מעגליך, אז א טהעאטער זאָל קענען זיך האלטען ביי אידען.

און אז א טהעאטער זאָל זיך קענען האלטען האָט זיך געפאָדערט, אז עס זאָל זיין א הארמאָניע צווישען דעם גרינדער פון טהעאטער, אקטיאָרען און פובליקום. אָהן אזא הארמאָניע איז געוועזען אונמעגליך, אז אידיש טהעאטער זאָל האָבען א קיום. די פאָדערונג אויף אידיש טהעאטער איז נאָר געוועזען ביים פראָסטען עולם, ווייל דער אינטעליגענטער קלאס האָט זיך געשעהמט מיט אלץ, וואָס איז געוועזען אידיש. און כדי אויסצונעהמען ביים פראָסטען עולם האָט דער שרייבער פון פיעסען געמוזט עפעס האָבען אין זיך, וואָס זאָל איהם שטעלען אויף איין ברעטיל מיט דער מאסע. אזא פאָדערונג האָט געקענט נאָכקומען איינער, וואָס איז ניט געשטאָנען העכער פון דער מאסע, אלענפאלס אין געשמאק ניט העכער. ווען אזא וואָלט געוועזען דער גרינדער פון אידישען טהעאטער, וואָלט די אידישע ביהנע אָנגענומען דעם כאראקטער פון א קאפע־שאנטאן און וואָלט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אין א מוזיק האָל. אונטער גאָלדפאדענס הענד האָט די ענטוויקלונג פון אידישען טהעאטער אָנגענומען א געזונטען כאראקטער. גאָלדפאדען האָט אָנגעהויבען מיט שטיקער וואָס זיינען ניט געוועזען צו הויך פאר א קאפע־שאנטאן. דער קונדס אין גאָלדפאדען האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו שרייבען אזעלכע שטיקער. נאָר ביי די דאָזיגע שטיקער האָט ער זיך לאנג ניט געהאלטען. דער גוטער פאָעט אין גאָלדפאדען און דער בעסערער געשמאק הויבען אָן צו פאָדערען א בעפריעדיגונג, און זיי ווייזען זיך ארויס אלץ מעהר און מעהר אין די שפעטערע שטיקער.

נאָר גאָלדפאדען איז ניט קיין כופה הר כגיגית. ער ווארפט

„שולמית“. די איינפאכקייט, די תמימות פון דער דראמע האָט איהר פערגלייכונג מיט'ן ביבלישען ראמאן רות.

ווי וואָלט אָנגעגאנגען די ווייטערע ענטוויקלונג פון גאָלדפאַדען, ווען זיין קאריער וואָלט ניט איבערגעריסען געוואָרען, איז שווער צו בעשטימען. גאָלדפאדען האָט געקראָגען א טוידט־קלאפּ, ווען די רוסישע רעגיערונג האָט פערבאָטען די אידישע טהעאטערס. דאָס איז געווען די צייט, ווען גאָלדפאדען האָט געשאפען זיינע בעסטע שטיקער. זיין טאלאנט איז דאמאָלסט געוואָרען צייטיגער, דאָס פּובליקום און די אקטיאָרען זיינען אויך דאמאָלסט צייטיגער געוואָרען. דאָס איז געווען א גוטע ערמונטערונג, אז ער זאָל געהן ווייטער און ווייטער. נאָר ווען דער טהעאטער איז פערבאָטען געוואָרען האָט ער זיין גאנצע פּובליקום פערלאָרען, ער האָט אויך פערלאָרען זיינע אקטיאָרען, מיט וועלכע ער איז צוזאמען אויסגעוואקסען, און ווען ער האָט גענומען וואָגלען פון לאנד צו לאנד, איז שוין קיין הארמאָניע ניט געווען צווישען איהם, פּובליקום און אקטיאָרען. דאָס האָט געהאט א שלעכטען איינדרוק אויף זיין שאַפען און די ענטוויקלונג פון זיין טאלאנט האָט זיך איבערגעריסען.

עס איז שווער צו בעשטימען, ווי וואָלט זיך זיין טאלאנט ענטוויקעלט, ווען מען וואָלט איהם אין מיטען ניט איבערגעריסען; עס איז שווער צו זאָגען, צו וואָלט ער שפּעטער אָנגעהויבען צו שרייבען מאָדערנע דראמען. גאָלדפאדען האָט בעהויפּטעט, אז ער וואָלט פון זיין וועג ניט אָבגעטראָטען. ער האָט ניט ליעב געהאט קיין טראָגעדיעס, אלענפאלס זיין הארץ האָט ניט געצויגען צו פאָרשטעלונגען וואָס רופען ארויס טרעהרען. ער האָט ליעב געהאט קאָמעדיעס און אָפּערעטען. נאָר עס איז קיין שום צווייפעל ניט, אז ווען גאָלדפאדען וואָלט די גאנצע צייט געבליעבען ביים טהעאטער, וואָלט זיין ענטוויקלונג געווען א געזינטערע, און די אידישע ביהנע וואָלט בעפרייט געוואָרען פון א סך אָנשיקענישען, מיט וועלכע זי איז געשטראָפט געוואָרען נאָך איהם.

ב. גאָרין

(י. גוידא)

די געשיכטע
פון
אידישען טעאַטער

(צוויי טויזענט יאָהר טעאַטער ביי אידען)

אילוסטרירט

צווייטער באַנד

ספּעציעלע אויפלאַגע פון „פאָרווערטס"

ניו יאָרק, 1929

יעקב פ. אדלער

דוד קעסלער

יעקב גארדין

קעני ליפצין

בערטא קאליש (קאליך)

אינהאַלטס פערצייכניס.

ערשטער קאַפּיטעל: — די נייע היים פון אידישען טהעאטער.

די שייכות פון די רדיפות אין רוסלאנד מיט'ן אידישען טהעאטער אין אמעריקא.—
פאר וואס אמעריקא איז געווארען די היים פון אידישען טהעאטער. — ב. טהאמא־
שעפסקי און די גאלובאקס. — די ערשטע פארשטעלונג אין טורן האל. — אמאטא־
רישע קאמפּאַניע נעהמט דעם „אלד בויערי גארדען". — וואס דער עולם איז געקו־
מען זעהן אין טהעאטער. — די ערשטע ראיעלע טרופּע. — אריענטאל טהעאטער
און רומעניע אפּערע הויז. — די קאנקורענץ און רייסערייען צווישען די צוויי
טהעאטערס — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 5

צווייטער קאַפּיטעל: — די גאַנצע משפּחה אין ניו יאָרק.

לאנדאן איז געווארען די ערשטע סטאנציע. — יעקב אדלער און ישראל גראדנער
האבען זייער היים געמאכט אין לאנדאן. — קיין טהעאטער ניט געהאט און גע־
שפּיעלט אין קלובען. — דער אונגליק אין פּרינסעס קלוב. — יעקב אדלער מיט א
קאמפּאניע קומט קיין אמעריקא. — די טרופּע שפּיעלט א קורצע צייט אין שיקאגא
און ווערט צושלאגען. — יעקב אדלער פערלאזט אמעריקא. — ניו יארקער קאמפּא־
ניעס ווערען רייכער מיט קרעפטען. — גאלדפאדען קומט קיין ניו יארק נאר די
טהירען פון טהעאטער ווערען פערמאכט פאר איהם. — די הארפּע ראווידס. —
פּולס טהעאטער ווערט א אידישער. — שייקעוויטש קומט קיין אמעריקא. — אדלער
קומט צום צווייטען מאל און ווערט א תושב. — דער גרויסער דייטשער טהאליא
טהעאטער ווערט א אידישער. — די ווארפּעניס פון איין טהעאטער אין דעם צוויי־
טען. — שיקאגא א עיר מקלט. — דער אונטערגאנג פון עטליכע שטערען. — יעקב
גארדין קומט קיין אמעריקא — — — — — — — — — — — — — — — 45

דריטער קאַפּיטעל: — די שעפער פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקא.

מיט דער קאנקורענץ צווישען די טהעאטערס ווערט איינגעפיהרט דער אמעריקאנער
פּרינציפּ „הארי אפּ". — א פּערפאסער ביים טהעאטער דארף שיטען שטיקער פון
ארבעל. — די איינפאכע סיוזשעטען ווערען אבגעשאפט. — ווי מען האט איבער־
געמאכט גוי'שע שטיקער. — די מלאכה פון מאכען דראמען. — וואס לאטיינער האט
אויפגעטהאן. — דער אויפטהו פון משה הורוויטש. — שייקעוויטשעס פּיעסען. —
א פּערפאסער וואס מאכט חוזק פון אייגענע שטיקער. — די צוויי רינעס אין די
אידישע שטיקער — — — — — — — — — — — — — — — — 72

פיערטער קאַפּיטעל: — עס פּלאַצט די האַרמאָניע.

די פּאטענטירטע אויטארען. — ווער האט זיך גערעכענט פאר א יאלד אין טהעא־
טער. — ווי די אקטיארען האבען געטריבען שפּאס מיט די יאלדען. — די פּאטענ־
טירטע אויטארען ארונטער א שטאפּעל. — די הארמאניע צווישען די דריי עלע־
מענטען פּלאצט. — די אידישע אקטיארען הויבען זיך אן צו מעסטען מיט די
כחות מיט די גרויסע שוישפּיעלער פון די אומות העולם. — ווי אזוי אקטיארען
זיינען פריהער גרוים געווארען. — טהאמאשעפסקי יאגט איבער אדלער'ן אין קונץ.—
די אויסגעשטעלטע מאראלישע צונג — — — — — — — — — — — — 94

פינפטער קאַפּיטעל: — דער רעפּאַרמאַטאָר פון דער אידישער ביהנע.

גארדינ'ס קאריער ביז אמעריקא. — די לאגע פון אן איינגעוואנדערטען אינטעלי־
גענט סוף פאריגען יאהרהונדערט. — גארדין שפּיעלט די ראל פון פּריסטאוו אין
„פּאגראם." — גארדינ'ס ערשטע שטיקער. — דער אידישער קעניג ליר. — די ערנסטע
האלטונג צו די פּיעסען. — א שווערער נסיון. — די ערשטע חסידים פון דער בע־
סערע דראמע. — דער נייער גייסט אויף דער ביהנע — — — — — — — 107

Copyright by B. Gorin
1918.

ערשטער קאַפּיטעל.

די נייע היים פון אידישען טהעאטער.

עס וואָלט געווען א טעות צו דענקען, אז אידישער טהעאטער איז אין רוסלאנד פערבאָטען געוואָרען צוליעב א מסירה. די אורזאַך פון דעם פערבאָט איז געלעגען א סך טיעפער, מיט אלעקסאנדער דעם דריטענס ארויפטרעטען אויפ׳ן רוסישען טהראָן, זיינען אי־דען ערקלערט געוואָרען פאר הפקר אין דער צארישער מדינה, און דער פערבאָט פון אידישען טהעאטער איז געווען אין אנקלאנג מיט די שרעקליכע רדיפות, וואָס די רעגיערונג האָט אָנגעהויבען געגען די אונגליקליכע אידען.

און טאקע די זעלביגע הפקר לאגע, אין וועלכע אידען זיינען געשטעלט געוואָרען אין רוסלאנד, האָט געשאַפען א נייע היים פאר׳ן אידישען טהעאטער, און נאָך איידער די גזרה געגען אידישען טהעאטער אין רוסלאנד איז ארויסגעגעבען געוואָרען, האָט זי פאָר־מירט די נויטיגע יסודות פאר אַ אידישען טעמפעל פון קונסט אין אַן אנדער לאנד.

ווי בעקאנט, האָט זיך די ראָזיגע שרעקליכע הפקר לאגע אָנ־געהויבען מיט די אזוי גערופענע ערשטע פּאָגראמען, און די זעל־ביגע פּאגראמען האָבען אין רוסלאנד געשאפען א גרויסע אידישע אויסוואנדערונג. די געשלאָגענע און גע׳רודפ׳טע אידען האָבען זיך געזוכט צו ראטעווען ווי פון א פייער און זיי זיינען געלאָפען וואו־הין די אויגען האָבען זיי געטראָגען. זיי זיינען געלאָפען קיין ארץ ישראל, קיין זיד אפריקא, געלאָפען קיין ארגענטיניען, געלאָפען קיין

זעקסטער קאַפּיטעל: — די רעוואָלוציע פון די אַקטיאָרען.
אַקטיאָרען צוברעכען זייערע אבגעטער. — די קלאַסישע מגפה. — פאַר וואָס שעקס־
פּיר האָט אויסגענומען ביים פּראָסטען אידישען טהעאַטער בעזוכער. — אברהם
מיכל שאַרקאַנסקי. — די איינציגע פּיעסע פון מאָריס ראָזענפעלד. — די קאָמבי־
נאַציע פון שטערען. — עהרענפּיעסען און ברויטפּיעסען. — לעאָן קאָבריז, ז. ליבין
ז׳ון אַנדערע פּנים חדשות אויף דער ביהנע — — — — — — — — — — 127

זיבעטער קאַפּיטעל: — טהעאַטער אין גאַליציען און רומעניען.
גאַליציען ווערט בעזוכט פון אידישע נע ונד קאָמפּאַניעס. — די שוועריגקייט צו
עפענען אַ אידישען טהעאַטער אין גאַליציען. — ערשטער אידישער סטאַבילער
טהעאַטער אין לעמבערג. — בערטהאַ קאַליש. — אברהם גאָלדפאַדען אין לעמבערג. —
זשייניצאַ אין בוקאַרעסט. — די אידישע טרופּען אין רומעניען. — גאָלדפאַדען
ווידער אַמאָל דירעקטאָר אין בוקאַרעסט. — די גדולה פון אידישען טהעאַטער
אין לאָנדאָן געהט אונטער. — אַמעריקאַ שלינגט איין די גאַנצע טהעאַטער־
קונסט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 142

אַכטער קאַפּיטעל: — די גאָלדענע עפּאָכע.
הורוויטש און הורוויטש אין ווינדזאָר טהעאַטער. — אדלער — טהאָמאַשעפסקי אין
פּיפּלס טהעאַטער. — די אַמעריקאַנער עקסטראַוואַגאַנצאַ. — קעני ליפּצין און די
בעסערע פּיעסען. — אַ דלות וואָס פערוואַנדעלט זיך אין אַן אוצר. — קעסלער און
קאַליש אין טהאַליאַ. — דער גרויסער ערפאָלג פון „בן הדיר". — וואָס הייסט אַ
וואַך אין אידישען טהעאַטער. — תחית המתים פון די בעסערע פּיעסען. — אַמע־
ריקאַנער אינטעליגענץ פּעראַינטערעסירט זיך מיט׳ן אידישען טהעאַטער. — דער
ערשטער טהעאַטער געבויט לכתחילה פאַר אידען — — — — — — — — — 155

נײַנטער קאַפּיטעל: — דער פאַל פון דער בעסערער דראַמע.
דער ערשטער שטיין אין וועג פון דער בעסערער דראַמע. — די סיסטעם פון
מאַרקען און פאַר וואָס די אַקטיאָרען זיינען געווען אונצופריעדען מיט איהר. —
אַקטיאָרען און אַרבייטער ביים טהעאַטער אָרגאַניזירען זיך. — אַמעריקאַנער די־
רעקטאָרען וואַרפען אַן אויג אויף די אידישע קרעפטען. — בערטהאַ קאַליש פער־
לאָזט דעם אידישען טהעאַטער און געהט צו דער אַמעריקאַנער ביהנע. — קאַליש,
אדלער און קעסלער. — די ערפאַהרונג פון אידישע אַקטיאָרען אויף דער אַמעריקאַ־
נער ביהנע. — די שייכות פון איינוואַנדערונג מיט׳ן גייסטיגען צושטאַנד פון טהע־
אַטער. — די מגפה אויף מוזיק האָלס. — גאָלדפאַדען קומט אויסלעבען זיינע
לעצטע טעג אין אַמעריקאַ. — די לעצטע פּיעסע פון יעקב גאָרדין. — אבשאַצונג
פון יעקב גאָרדין — — — — — — — — — — — — — — — — — 171

צעהנטער קאַפּיטעל: — טהעאַטער אין רוסלאַנד און אַנדערע מדינות.
די אידישע ביהנע אין רוסלאַנד איז אַ לאַנגען משך געווען טוידט. — די אידישע
קאָמפּאַניעס זיינען געווען הפקר. — פון 1900 האָט די ביהנע אין רוסלאַנד אָנגע־
הויבען צו ווייזען סימנים פון אויפלעבונג. — די בעוועגונג פאַר בעסערע דראַמען
פון אויבען. — אידישער טהעאַטער אין אַפריקאַ. — אידישער טהעאַטער אין אַר־
גענטינאַ. — פרויען־הענדלער און גאַסען פרויען איבען אויס זייער איינפלוס אויפ׳ן
טהעאַטער — — — — — — — — — — — — — — — — — 190

עלפטער קאַפּיטעל: — האַרץ, נשמה, פּינטעלע.
דער זיעג פון שונד. — מוזיק האָלס קענען מעהר ניט קאָנקורירען מיט די טהעאַ־
טערס. — פאַר וואָס קאָברין איז געבליבען אין שאָטען. — ליבין לאָזט זיך אויפ׳ן
וועג פון מעלאָדראַמע. — רודאָלף שילדקרויט קומט פון דער דייטשער ביהנע צו
דער אידישער. — רחל קאַמינסקאַ גאַסטראָלירט אין ניו יאָרק. — צוויי גרויסע
נייע טהעאַטערס. — די אַלטע קאָמבינאַציע מיט אַ נייען אונטערשלאַק. — דער
חשבון איז דאָ נאָר געלד איז ניטאָ. — די אַנדערע דראַמענשרייבער. — פּרץ׳עס
גאָלדענע קייט. — די קליינע טהעאַטערס. — די דראַמאַטישע קלובען — — 203

רעזימה פון די פּיעסען אין אידיש׳ן רעפּערטואַר — — — — — — — — — 232

טעל און דערפיהלט זיך מיט לייטען גלייך. אבער נאכדעם ווי ער
האט זיך דערמיט אנגעזעטיגט, אליין דורכגעטאפט אלע דעקלאך
און געלאזט בעקאנטע דורכטאפען זיי און געשאצט און איבערגע־
שאצט וויפיעל זיי זיינען ווערטה אויף געלד, האט ער דערפיהלט
עפעס א מין פוסטקייט ארום זיך. נאך דער שווערער ארבייט אין
פאבריק האט זיך געלוסט עפעס אן ענדערונג, עס האט זיך געביינקט
נאך עפעס שעהנערעס, בעסערעס, וואס זאל צופריעדענשטעלען
די נשמה. אויב דער זעלביגער עלעמענט האט שוין די גייסטיגע
פוסטקייט דערפיהלט אין דער אלטער וועלט, איז זי נאך דריקענ־
דער געווארען אין דער נייער, וואו יעדער איז געווען ארויסגעשלא־
גען פון זיין קאלייע און פערשטויסען פון זיין סביבה. נאך דער
ארבייט איז מען ארומגעגאנגען ווי אין עולם התהו און דער פשוט'ער
ארבייטער האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט זיך. קיין קלו־
בען, בעלער, לעקציעס, צייטונגען זיינען דעמאלט נאך ניט געווען
אדער כמעט ווי ניט געווען.

אזעלכע נאקעטע נשמות וואלטען אבגעשלאגען די שוועלען פון
א טהעאטער. פאר זיי איז א טהעאטער ווי א מתנה פון הימעל.
און עס דארף דאריבער קיין חדוש ניט זיין, אז אין ניו יארק האט
מען געמאכט א פערזוך צו שפיעלען אידיש טהעאטער נאך מיט
צוואנציג יאהר פריהער, איידער גאלדפאדען האט געלעגט דעם
פונדאמענט אין בוקארעסט. ווען ב. טהאמאשעפסקי און גאלובאק
האבען באלד נאך די ערשטע פאגראמען געוואלט אויפפיהרען אין
ניו יארק „מכירת יוסף“. און, ווי זיי האט געדוכט, צו שפיעלען
א אידיש שטיק צום ערשטען מאל אין אמעריקא, האט זיך ארויס־
געוויעזען, אז א מאלער פון עסעקס סטריט האט מיט פינף און
צוואנציג יאהר פאר זיי פרובירט צו שפיעלען דאס דאזיגע שטיק
און דאס רעכט פון דעם שטיק בעלאנגט צו איהם. ווער ווייסט פיע־
לע נאך אזעלכע, האבען פרובירט צו מאכען אזעלכע אונטערנעה־
מונגען דא אין אמעריקא און זיי זיינען ניט געלונגען?

און הגם אין ניו יארק איז שוין פאר די פאגראמען געווען א
פובליקום, וואס האט אויסגעקוקט די אויגען אויף א אידיש טהעא־
טער און האט געהאט דאס געלד אויסצוגעבען אויף אזא פערגעני־

בראזיליען. און הגם מען איז געלאָפען בלינד, טאַקע ווי נאָר פון א שרפה, און אין דער גרויסער מהומה האָט זיך קיינער קיין רעכנונג ניט אָבגעגעבען, האָט דאָך דער אונגעלומפּערטער געלאָף אין א קורצער צייט אָנגענומען מעהר אָדער ווענינער א בעשטימטען כאַראקטער, און גאָר דער גרויסער שטראָם האָט זיך א גאָס געטהאָן קיין אמעריקא. אין עטליכע גרויסע שטעדט פון די פעראייניגטע שטאַטען איז אין דעם משך פון א פּאָר יאָהר געוואָרען א גרויסער אידישער קבוץ, און מעהר פון אלע האָט זיך מיט אזא קבוץ אויסגעצייכענט די שטאָדט ניו יאָרק. פון 1881, דאָס הייסט באלד נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאנד, איז די אידישע בעפעלקערונג אין ניו יאָרק געוואַקסען מיט א וואונדערבארער שנעלקייט, און די אידישע בעפעלקערונג האָט דאָ אָנגענומען אזא פּראָפּארציע, וואָס מען האָט ניט געזעהן אין קיין אנדער גרויסער שטאָדט אין קיין אנדער לאנד.

און קיין אנדער לאנד איז ניט געוואָרען אזוי מסוגל, אזוי צוגעפּאסט פאר אן אידישער ביהנע, פאר אן אידישען טהעאטער, ווי אמעריקא. און ערגעץ אנדערס זיינען די אומשטענדען ניט געווען אזוי גינסטיג, ווי אין די פעראייניגטע שטאַטען.

די אידען וואָס האָבען איינגעוואנדערט אין אמעריקא האָבען באלד פערזוכט דעם טעם פון אזעלכע פערדיענסטען, וואָס האָבען זיך זיי אפילו ניט גע'חלומ'ט אין דער אלטער וועלט. זיי האָבען פערדיענט ניט נאָר גענוג אויף א פיינעם אנשטענדיגען לעבען, נאָר עס איז זיי אויך געבליבען פון די שכירות אויף זייטיגע זאכען. אויב דער איינגעוואנדערטער איז געווען א בחור און אָרים פון דער היים, האָט ער די ערשטע צייט געהאַט אן אידעאל איינצושאפען זיך א „וואטש ענד טשיין" (א זייגער מיט א קייטעל), וואָס שווערער דער זייגער און וואָס דיקער דאָס קייטעל, איז אלץ גרעסער געווען דער נחת. עס ווייזט אויס, אז היינטיגע צייטען זעהט מען גאָר ניט אזעלכע דיקע גאָלדענע זייגערס, נאָר אין יענער צייט זיינען זיי צווישען די פּראָסטע ארבייטער געווען די גאַנגבארסטע סחורה און אזא בחור האָט ניט גערוהט, ביז ער האָט זיך פערשאפט א שווערען גאָלדענעם זייגער און א דיקע גאָלדענע קיי־

מורא האָבען ארויסצורעדען א פריי וואָרט אפילו בחדרי חדרים, ווייל וועגד האָבען אויערען, האָבען זיי דאָ געפונען א לאַנד, וואו מען האָט געקענט רעדען, וואָס מען האָט געוואָלט. זיי האָבען זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט מיט הענד און מיט פיס. עס זיינען באַלד בע־שאַפען געוואָרען בעוועגונגען, אין וועלכע די אינטעליגענטען האָ־בען זיך אריינגעוואָרפען מיט לייב און לעבען. די ראַזיגע אינטע־ליגענטען און האַלבע־אינטעליגענטען האָבען אויך געאַרבייט אין פאַבריק, געקלאַפּט אויף די מאַשינען און געשוויצט צוזאַמען מיט אַלעמען. זיי האָבען אויך געדאַרפט האָבען עפּעס אַן ענדערונג אין דעם וואָכעדיגען לעבען, עפּעס א בעפריעדיגונג פאַר דער נשמה יתירה, נאָר קיין בעסערע גייסטיגע בעפריעדיגונג האָבען זיי ניט געקענט געפינען ווי אין די בעוועגונגען, וואָס זיי האָבען געשאַפען.

די פּראָסטע אידישע ארבייטער פון די איינגעוואַנדערטע זיי־נען דאַמאָלט געווען זעהר א גראָבער עלעמענט, דער גרעבסטער וואָס מען האָט געקענט בעגעגענען צווישען אידען. מען האָט צווי־שען זיי געקענט בעגעגענען א סך, א סך וואָס האָבען אפילו ניט געקענט לייענען קיין אידיש, הגם ווי מיר האָבען אמאָל געוואוסט האָט יעדער אידיש איינגעל געמוזט געהן אין א חדר, און אויב ניט קיין תורה האָט מען זיך אין א חדר לכל הפּחות עברי אויסגע־לערנט לייענען.

זיי זיינען געווען דער גרעבסטער עלעמענט, היינטיגע צייטען זעהט מען שוין כמעט ניט אזעלכע פּראָסטע מענשען, און דאָס איז געווען דער עלעמענט וואָס האָט אויסגעקוקט די אויגען אויף אזא פערגניגען, וואָס א טהעאטער האָט געקענט שאַפען. און דער עלע־מענט איז געווען גרויס גענוג צו שטיצען א טהעאטער און געבען איהם די מעגליכקייט צו עקזיסטירען.

אין אמעריקא האָט זיך שוין קיין גאונות ניט געפאָדערט איינ־צוזעהן, אַז די צייט און דער פּלאַץ איז פאַרטיג פאַר א אידישער ביהנע. מען האָט דאָ ניט געדאַרפט האָבען קיין טיעפען בליק צו זעהן, ווי אזא גרויסער עולם געהט ממש אויס נאָך אידיש טהעאטער. אין אמעריקא זיינען שוין געווען א סך מענשען, וואָס האָבען געזעהן גאָלדפאַדענס טהעאטער שטיקער, נאָך מעהרערע האָ־

גען, איז אבער ניט געווען גענוג פובליקום אז עס זאל קענען אויס־
האלטען אזא אונטערנעהמונג ווי טהעאטער. און דער באדען פאר א
טהעאטער אין אמעריקא איז ערשט פארטיג געווארען ווען עס האט
זיך אנגעהויבען דער גרויסער שטראם עמיגראציע פון רוסלאנד
קיין אמעריקא.

עס איז אמת, אז צווישען די וואנדערער, וואס דער שטראם
האט געבראכט זיינען געווען פיעלע פון דעם עלטערן דור, די
מעהרסטע פון זיי האבען איבערגעלאזט ווייב און קינדער אין דער
היים און מען האט געדארפט זארגען ניט נאר וועגען חיונה פאר זיי
נאר אויך וועגען אנקלייבען גענוג געלד, אז מען זאל זיי קענען
אריבערברענגען אהער, און פון זיי האט א טהעאטער גאר ניט
געקענט ערווארטען. די פרימערע פון זיי האבען דא אויך געפונען
די שוהל און זיי האבען קיין אנדערע פערגעניגענס ניט געזוכט
ווי די וואס מען געפינט אין שוהל. נאר דער גרויסער שטראם האט
געבראכט אהער א סך יונגע לייט, וואס האבען געוואלט לעבען א
גוטען טאג און זיי זיינען געווען אין דער מעהרהייט.

און כדי בעסער צו פערשטעהן דעם גאנג פון דער ענטוויק־
לונג פון דעם אידישען טהעאטער אין אמעריקא איז נויטיג א בי־
סעל לענגער אבצושטעלען זיך אויף דעם כאראקטער פון די וואנ־
דערער, וואס זיינען געקומען מיט יענעם שטראם.

דער שטראם האט געבראכט אהער דריי סארטען וואנדערער:
אידען פון אלטען דור, אידישע יונגע לייט פון נייען דור מיט א
מעהר אדער ווייניגער אויראפעאישער בילדונג, און אידישע פראס־
טע ארבייטער. די אידען פון אלטען דור זיינען ניט געווען שטארק
פערטראטען, און ווי שוין געזאגט האבען זיי דא אויך געפונען די
שוהל און ניט געזוכט קיין אנדערע פערגעניגענס. די אינטעליגענ־
טען הגם זיי זיינען געווען פיל אומעדום און האבען פון זיך שטארק
געלאזט הערען זיינען נאך אלעמען געווען ניט מעהר ווי א קליין
הייפעלע. די דאזיגע אינטעליגענטען און האלבע אינטעליגענטען
האבען דא געפונען גאר א נייען פערגעניגען און דאס פערגעניגען
איז בעשטאנען אין דעם, וואס מען האט דא געקענט רעדען פריי.
געקומען ערשט פון דעספאטישען רוסלאנד, וואו מען האט געדארפט

איז געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „עם עולם בעוועגונג." דער צוועק פון דער דאָזיגער בעוועגונג איז געווען צו שאפען א גרויסען פאָנד און בעזעצען א גאנצען שטאט אין אמעריקא מיט אידען און אויף אזא אופן שאפען א זיכערע אייגענע היים פאר'ן גע־רודף'טען אידישען וואנדערער. נאָר איידער די אידישע קאפיטא־ליסטען וועלען קומען צו הילף איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאפען א טהייל פון דעם פאָנד דורך ספעקטאקלען. כדי דער פראָפיט זאָל זיין וואָס גרעסער, האָט זיך געפאָדערט, אז די דאָזיגע ספעקטאק־לען זאָלען ניט האָבען קיין הוצאה אויף אַקטיאָרען, און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז צום שפּיעלען האָט זיך גענומען גאָר אן אנדער עלעמענט. מען האָט צווישען זיי בעגעגענט אינגערע משכילים, סטודענטען, גימנאַזיסטקעס א. ד. גל. א געוויסע צאָהל פון זיי איז געקומען אהער צוזאמען מיט די פארטיעס פון דעם עם עולם, און אזוי ווי פון דעם גרויסען פּלאן צו בעזעצען א שטאט אין דער וועסט מיט אידען איז גאָר ניט געוואָרען, זיינען די אריבערגע־קומענע געבליבען שטעקען אין ניו יאָרק. און גאָר גיך זיינען זיי אריינגעפאלען ווי די אנדערע וואנדערער אין די פאבריקען און ווערקשטאטען.

איידער א טהעאטער איז בעשאפען געוואָרען אין ניו יאָרק זיינען די קליינע פאבריקען געוואָרען קליינינקע טהעאטערס אין דעם זינען, וואָס מען האָט דאָרטען געזונגען און איבערגעזונגען אלע בעקאנטע טהעאטער־ליעדעלאך. עס איז געווען שווער צו גע־פינען א ווערקשטאט, וואו עס זאָלען ניט זיין לכל הפחות עטליכע, וואָס האָבען אויף יענער זייט ים ניט בעזוכט אידישען טהעאטער, און וואו אזעלכע זיינען געווען האָט מען געזונגען אויף וואָס די וועלט שטעהט. אין יענע פאבריקען וואָס האָבען געהאט די זכיה צו האָבען צווישען די ארבייטער א געוועזענעם סטאטיסט אָדער דילעטאַנט איז געווען נאָך פרעהליכער. מען האָט דאָרטען געקענט הערען סאָלאָס, דועטען, טערצעטען, קווארטעטען און וואָס ניט. עס האָבען הנאה געהאט דערפון די ארבייטער, ווייל דאָס זינגען האָט פערשלאָגען דאָס נודנע קלאפען פון די מאשינען און האָט אריינגעבראכט א ליכטיגען שטראהל אין די אומעדיגע פאבריי־

גען געזונגען די ליעדער פון גאלדפאדיענס ״טיקער, און טהעאטער איז געלעגען ביי אלעמען אין מויל. עס האט זיך דאריבער נאר גע־פאדערט א פראקטישער מענש, וואס זאל איינזעהן, אז טהעאטער קען דא זיין א גוטער געשעפט און זאל וועלען אויסלעגען א ביסעל געלד אויף דעם.

צווישען די יונגע איינוואנדערער זיינען געווען פיעלע, וואס ווען זיי זיינען נאך געווען אין דער היים, האבען ניט דערעסען, ניט דערטרונקען, אבי צו קענען זיך ארויפכאפען אויף דער גאליארקע פון אידישען טהעאטער, און זיי האבען געקענט אלע ליעדעלאך וואס מען האט געזונגען אין טהעאטער, און האבען נאכגעמאכט די העויות און תנועות פון די אקטיארען וואס זיי האבען געזעהען אין דעם אידישען טהעאטער. זיי האבען זיך געסטארעט צו רעדען מיט׳ן קול פון דעם אקטיאר, וועלכער האט אויף זיי געמאכט דעם שטארקסטען איינדרוק און האבען געקוועטשט דעם טראפ אויף די ווערטער, ווי דער דאזיגער אקטיאר. אזעלכע זיינען דא נאך די פאגראמען געווען ניט ווייניג, און די גרעסטע אמביציאן ביי אזעל־כע איז צו ווערען אן אקטיאר.

א חוץ זיי זיינען דא שוין געווען אמת׳ע סטאטיסטען, וועל־כע האבען געהאט דאס גליק צו שטעהן אויף אן אמת׳ע ביהנע, אטהעמען די לופט פון די ערשטע אקטיארען, טראגען פארטיגע בערד און זופיצעס. אזעלכע זיינען געווען געהאוועגט אין דעם דאמאל־דיגען אידישען רעפערטואר ניט ערגער ווי די אקטיארען גופא און האבען געקענט זינגען אלע ליעדעלאך פון טהעאטער.

יענע מערקווירדיגע צייט האט ארויסגערוקט נאך אן עלע־מענט, וואס האט געהאט פרעטענזיעס אויף שפיעלען, הגם אין קיין אנדער צייט וואלט ער מיט שוישפיעלעריי גאר ניט געהאט צו טהאן. דאס זיינען געווען דילעטאנטען, אמאטארען, וואס האבען אנגעהויבען צו שפיעלען לשם מצוה. די דאזיגע דילעטאנטען הא־בען פאר זייער קומען קיין אמעריקא געהאט א גרויסע נאציאנאלע אויפגאבע, דהיינו אויסצולעזען דאס אידישע פאלק פון רוסלאנד און שאפען ערגעץ א אידישען שטאאט. גלייך נאך די עריש־טע פאגראמען האט זיך אין אדעס אנגעהויבען א בעוועגונג וואס

שמחה", „בריסטעלאך לעבעדיגע, בריסטעלאך", „אוי ווער, דלות", און אנדערע. ווען עס האט זיך געפאדערט, האבען אלע פאבריק ארבייטער מיטגעהאלפען אין כאר.

דער אויפזעהער, א געוועזענער פאקוסניק, האט שטארק הנאה געהאט פון דעם זינגען און אפילו דער פאבריקאנט אליין מיט זיין זוהן פלעגען זיצען אין קאנטאר און אנקוועלען פון די טהעאטער ליעדלאך.

א חוץ די טהעאטער ליעדלאך פלעגט טהאמאשעווסקי אויך זינגען עפּעס חזנ'ישעס, דעם „יהי רצון" פון ראש חדש בענשען אדער דעם „רבונו של עולם" אדער עפּעס א סאלא פון א אידישער קאמפּאזיציאן.

דער סטאטיסט האט אויך איינשטודירט מיט די ארבייטער ביים טיש דאס ערשטע קאהר פון „שולמית". אויב די פאבריק האט ניט אויסגעזעהן ווי א טהעאטער אויף א קליינעם מאסשטאב איז דאס נאר געוועזען דערפאר, וואס דארטען האבען געפעהלט דעקא־ראציעס און מען איז זיך בעגאנגען אין גאנצען אהן שפּיעלען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ווען א מענעדזשער וואלט זיך דעמאלט גענומען צו גרינדען א טהעאטער וואלט ער געזוכט אק־טיארען אין די דאזיגע פאבריקען און ווערקשטאטען, גראד ווי גאלד־פאדען האט זיי געזוכט אין די וויין קעלערען און טראקטירען אין רומעניען. און צווישען די גרינגע ארבייטער וואלטען זיך געפונען א סך בעלנים, וואס וואלטען מיט'ן גרעסטען פערגעניגען פערביטען די פאבריק אויף דער ביהנע. עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אז פיעל ארבייטער וואס האבען געהאט גוטע שטימען און האבען גע־קענט נאכמאכען א „שמענדריק" אדער א „קוני לעמעל" האבען געטרוימט און פאנטאזירט וועגען א קאריער אויף דער ביהנע און געווארט און אויסגעקוקט אויף דער גוטער שעה, ווען א טהעאטער וועט זיך עפענען, נאר זייער האפנונג האט ניט געקענט אין גאנ־צען מקוים ווערען גאר צוליעב א זייטיגע אורזאך. זייער האפנונג האט ניט געקענט אין גאנצען מקוים ווערען, ווייל אויף יענער זייט ים האט מען שוין פון עטליכע יאהר געשפּיעלט טהעאטער. און אין דעם פערלויף פון די דאזיגע עטליכע יאהר זיינען בעשאפען געווא־

קען. עס האָבען אויך אָנגעקוואָלען די פאבריקאנטען, ווייל זייער נשמה איז אויך ניט געמאכט פון קלאַטשע און זיי האָבען געלעקט די פינגער פון די טהעאטער ליעדלאך. א חוץ דעם, ארבייט זיך טא־קע געשמאקער אונטער די קלאַנגען פון זינגען.

אזא מיניאטור טהעאטערל איז געוועזען די פאפיראָסען פאב־ריק, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם פלאַץ וואו עס געפינט זיך איצט דער בינעזישער טהעאטער אין ניו יאָרק. אין דער פאבריק האָבען געארבייט א פינף זעקס הונדערט פערזאָן. צווישען די אר־בייטער זיינען דאָרטען געווען: א געוועזענער סטאטיסט, וועלכער האָט זיך ארויסגעגעבען פאר א אידישען אקטיאָר פון דער היים און א פאפיראָסען מאכער פון דער היים, וואָס האָט געהאט צוויי ברידער אמת'ע אקטיאָרען. דער סטאטיסט האָט זיך בערימט, אז ער האָט געשפיעלט אין אידישען טהעאטער אין אָדעס, נאָר מען האָט איהם ניט געגלויבט. די איינפאכע ארבייטער האָבען ניט געקענט בעגרייפען, ווי אזוי ועט א מענש אוועקווארפען אזא גדולה און זעצען זיך אין א פאבריק ביי א וואָכעדיגער ארבייט. א חוץ די צוויי האָט אין דעם שאפ געארבייט ב. טהאָמאשעפסקי, און הגם ער האָט נאָך דאמאָלס קיין שייכות מיט טהעאטער ניט געהאט, איז ער אבער געווען א זינגער פון דער היים; פאר די פאָגראמען איז ער געווען א משורר ביים בערדיטשעווער חזן, ניסן בעלזער, און אזוי ווי זינגען איז געווען די הויפט זאך אין די אידישע שטיקער, איז ער געשטאַנען נעהנטער צום טהעאטער ווי די דער־מאָנטע צוויי פערזאָנען.

ב. טהאָמאשעווסקי דערצעהלט וועגען דער דאָזיגער פאבריק אזוי:

איין טיש אין פעקטאָרי האָט געהייסען „יחום טיש“ און דאָר־טען זיינען נאָר געזעסען יענע, וואָס האָבען נושא חן געווען ביים אויפזעהער. ביי יענעם טיש זיינען געזעסען טהאָמאשעווסקי, א. גאָלובאָק, וועלכער האָט געהאט צוויי ברידער אקטיאָרען און דער סטאטיסט.

דער סטאַטיסט פלעגט האַלטען אין איין זינגען שטיקלאך פון אידישען טהעאטער, ווי „די באבקעלאך“, „וואָס טויג מיר מיין

ווען ניט פריהער ווי אין יולי און ניט שפעטער ווי אין אויגוסט פון 1882.

פיעל לעגענדעס זיינען ארום איהר געשאפען געווארען אזוי, אז עס איז שווער אבצוטהיילען דאס אויסגעטראכטע, די פיקציע פון דעם אמת. און אום ניט צו זינדיגען געגען דעם אמת, וועל איך איבערגעבען די פערשיעדענע וואריאציעס, און דאן בעלייכטען ווי ווייט מעגליך, וואס איז אמת און וואס איז אויסגעטראכט.

עס איז זעהר אינטערעסאנט, וואס ב. טהאמאשעווסקי דערצעהלט וועגען דער ערשטער אויפפיהרונג פון דעם דערמאנטען שטיק.

אין א שעהנעם פריהמארגען איז ווי א באמבע אריינגעפאלען אין דער פאפיראסען פאבריק, וואס איז אויבען געווען בעשריעבען, די נאכריכט, אז גאלובאקס ברידער שפיעלען אידיש טהעאטער אין לאנדאן. די נאכריכט איז געווען אזא, אז דער גרעסטער אפיקורוס האט ניט געקענט אבלייקענען. דער פאפיראסען־מאכער א. גאלובאק האט עס געהאט שווארץ אויף ווייס. אין פאבריק איז איהם אנגעקומען א פאקעט פון לאנדאן, מיט וויקטאריעס א מארקע און פון דעם פאקעט האט ער ארויסגעשלעפט אן אפישע געדרוקט מיט אידישע ווערטער, און דארטען איז מיט גרויסע בוכשטאבען אנגעזאגט געווארען דעם לאנדאנער אידישען עולם, אז די בעריהמטע שוישפיעלער, ברידער גאלובאקס מיט נאך אנדערע וועלען שפיעלען די „קאלדוניא". דער עולם איז אין דעם געווען אזוי פעראינטערעסירט, אז מען האט אפילו פערגעסען דעם טאבאק און גילזען אויפ'ן טיש. עס האט זיי אויסגעוויזען, אז דער אידישער טהעאטער איז שוין דא אויפ'ן שוועל און מען דארף נאר זיך א רוק טהון, און מען קען שוין זעהן א אידישע פארשטעלונג.

פון דעם בריעף, וואס איז געווען צוזאמען מיט דער אפישע, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די בעריהמטע שוישפיעלער אין לאנדאן, ויינען אויף גרויסע צרות. זיי וואלטען וועלען קומען אהער, ליעגט אבער דער גרויסער אקעאן אין מיטען און קיין געלד אויף שיפס־קארטען פערמאגען זיי ניט.

רען פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרען, וועלכע האָבען שוין געקענט די שטוקעס פון דער ביהנע און די נויטיגע קונצען ארויסצורופען אפּלאָדיסמענטען. ווען אין רוסלאנד וואָלט די ביהנע געגאנגען כשורה, וואָלטען זיי, דאָס הייסט די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּיעלער דאָ קיינעם אין וועג ניט געשטאנען, נאָר דאָרטען האָט די אידישע ביהנע אין גיכען געדארפט קריעגען א שרעקליכען קלאפּ, און דער קלאפּ האָט געדארפט צוזייען און צושפּרייטען די פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרען אין פערשיעדענע מדינות, און אזוי ווי ניו יאָרק האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א גרויסער אידישער קהלה און מיט די גליקען פון אמעריקא האָט געקלונגען אומעדום, איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אז די מייסטע פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרען זאָלען קומען אהער זוכען זייער פערלאָרענע גדולה, און די היגע „גרינע“ ארבייטער וואָס האָבען געהאָפּט און געריכט זיך צו ווערען אקטיאָרען, האָבען ניט געקענט קאָנקורירען מיט די פארטיגע שוישפּיעלער.

נאָר ווי די זאך איז, צו די שוישפּיעלער אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא זיינען געקומען פארטיגע פון יענער זייט ים, צו זיי האָבען דאָ אנגעהויבען צו שפּיעלען, איין זאך איז קלאָר, אז די שוישפּיעלער זיינען מיט זעהר ווייניגע אויסנאהמען געשטאַנען אויף דער זעלביגער מדרגה פון ענטוויקלונג, ווי דאָס פּובליקום וואָס האָט אויסגעקוקט די אויגען אויף א אידיש טהעאטער.

דאָס ערשטע שטיק וואָס מען האָט אויפגעפיהרט אין ניו־יאָרק מיט א כאָר, מיט מוזיק, מיט דעקאָראציעס א ז געוועזן „קאָלדוניא“. ווי אזוי מען האָט אויפגעפיהרט דאָס ערשטע שטיק איז אן אינטערעסאנטער קאפּיטעל געשיכטע.

ווען מען האָט דאָס דאָזיגע שטיק אויפגעפיהרט איז שווער אויסצוגעפינען. די וואָס האָבען געשריבען וועגען יענער פּאָרשטעלונג האָבען פערגעסען אָנצוגעבען דעם דאטום. ב. טהאָמאַשעווסקי האָט געהאט זעהר פיעל צו טהאָן מיט דער אויפפיהרונג פון דעם ערשטען שטיק, נאָר ער גיט אָן ניט קיין ריכטיגען דאטום. ער בעהויפּטעט, אז דאָס איז געוועזן אין דעם יאָהר 1880 און דאָס קען ניט זיין שוין דערפאָר אליין, וואָס ער איז נאָך דעמאָלט ניט געוועזן אין אמעריקא. מען דאַרף דענקען, אז די דאָזיגע פּאָרשטעלונג איז גע־

פאר דער ערשטער פארשטעלונג האט דער אנטרעפעניאר גע־נומען טורן האל אויף 4טע סטריט, צווישען צווייטער און דריטער עוועניוס און עס איז בעשלאסען געווארען אויפצופיהרען די „קאל־דוניא". מען האט ארויסגעלאזט אפישען און ווי א בליץ האט זיך די נאכריכט צוטראגען איבער'ן אידישען קווארטאל, אז בעריהמטע אקטיארען און אקטריסעס: מ. גאלובאק, ל. גאלובאק, פרוי קראנצ־לעטען צוכאפט ווי מצה וואסער. מען האט געצאהלט אזוי הויך ווי צו פינף דאלאר פאר א בילעט.

די ראלען זיינען פערטהיילט געווארען צווישען די פאלגענדע אקטיארען און אקטריסעס: מ. גאלובאק, ל. גאלובאק, מרס. קראנצ־פעלד, הער און פרוי ספעקטאר און סיימאן.

עס ווייזט אויס, אז די קרעפטען, וואס מען האט אראבגע־בראכט פון לאנדאן זיינען ניט געווען גענוג צום אויפפיהרען דאס דערמאנטע שטיק, און מען האט געדארפט זוכען קרעפטען צווישען די ניט לאנג אריבערגעקומענע פון רוסלאנד. צווישען די נעמען פון די שוישפיעלער, וואס האבען געשפיעלט ביי דער ערשטער אויפפיהרונג פון „קאלדוניא" טרעפען מיר די נעמען פון הער און פרוי ספעקטאר און זיי זיינען קיין מאל אין לאנדאן ניט געווען און זיינען געקומען פון אדעס מיט דער דריטער פארטיע „עם עולם".

ב. טהאמאשעפסקי האט פאר זיין ארבייט און זיין גרויסע סטאראניע שוין געקריגען די ערשטע בעלוינונג. אויף דער אפישע איז געווען אנגעגעבען, אז דער וועלט בעריהמטער זינגער־מאסטער בארים טהאמאשעפסקי וועט זינגען „די באבקעלאך."

די טרופע האט זיך געגעבען גרוים מיהע אויפצופיהרען דאס שטיק מיט'ן גאנצען קנאק, מען האט געמאכט פראבען, מען האט איינגעשטודירט א גרויסען כאר, וואס מען האט צוזאמענגענומען פון עטליכע טעמפלען, דער ארקעסטער איז געווען א דאפעלטער און איז בעשטאנען פון 24 מאן, א קאפעלמייסטער האט מען גע־נומען פון טהאליא טהעאטער, וואס איז דאמאלס געווען א דייט־שעס טהעאטער און מיט'ן כאר האט איינגעשטודירט טהאמא־שעפסקי.

ב. טהאָמאשעווסקי איז געווען איינער פון יענע, וואָס האָבען געטרוימט און פאנטאַזירט צו ווערן אקטיאָרען. דאָ האָט ער דער־זעהען א גלענצענדע געלעגענהייט ווי אזוי צו קומען צו דער ביהנע. אויב איהם זאָל איצט געלינגען צו פעראינטערעסירען איי־נעם וואָס האָט געלד, אז ער זאָל אריבערברענגען די גרופּע פון לאָנדאָן און דאָ שפּיעלען אידישע שטיקער, וועט ער שוין זיין אן אייגענער מענש אויף דער ביהנע און דער וויכטיגסטער שריט צו פערווירקליכען זיינע האָפנונגען וועט זיין געמאכט. ער דערצעהלט, ווי אזוי ער האָט יענע נאכט גע'חלום'ט, ווי די צוויי ברידער גאָ־לובאָק פיהרען איהם פאר די הענד ארויף אויף דער ביהנע און ווי זיי לאָזען וויסען דעם עולם, וואָס פאר א נייער שטערן עס איז ערשיענען אין אידישען טהעאטער.

טהאָמאַשעפסקי אלס פּאפּיראָסען־מאכער האָט אזעלכע בע־קאנטע ניט געקענט געפינען, נאָר אין יענער צייט האָט ער אויך געהאט א שבת'דיגע בעשעפטיגונג, און די בעשעפטיגונג איז גע־ווען צו זינגען פרייטאָג אבענד און שבת צו מוסף אין הענרי סטריט שוהל. דאָרטען האָט ער זיך בעקאנט מיט א געוויסען שענקער פון עסעקס און העסטער סטריט, מיט'ן נאָמען פרענק וואָלף. דער דאָ־זיגער שענקער פלעגט איהם יעדען שבת נאָך'ן דאווענען נעהמען צו זיך אהיים צו מיטאָג און דערפאר האָט ער פאר איהם געזונגען. ווען ער איז דעם שבת נאָכדעם ווי עס איז אָנגעקומען דער פּאקעט פון לאָנדאָן געגאנגען פון שוהל מיט'ן שענקער האָט ער איהם גע־מאכט דעם פּאָרשלאָג ער זאָל אריבערברענגען די טרופּע פון לאָנ־דאָן און זאָל ווערען דירעקטאָר. דער שענקער האָט באלד איינגע־זעהען, אז דאָס קען זיין א גוטע „ביזנעס“ און טאקי גלייך אויף מאָרגען האָט ער ארויסגעשיקט אכט שיפס־קארטען קיין לאָנדאָן.

אין עטליכע וואָכען ארום איז די טרופּע אין א מזל'דיגע שעה אָנגעקומען, די אקט־אָרען זיינען געווען אָבגעריסען, אָבגעשלי־סען, מיט צובראָכענע קאפּעלושען און אויסגעקרימטע שיך. אין דער טרופּע זיינען געווען זעקס מאן און צוויי פרויען. צווישען די מענער זיינען געווען די ברידער גאָלובאָקס און צווישען די פרויען איז געווען די פּרימאַדאָנא קראַנצפעלד.

ליבע וואנדערער האט שטארק אפעלירט צו יענע אידען אין דער פרייער אמעריקא, וועלכע האבען פאר זיי עפעס געקענט טהאן. און זיי האבען עס געטהאן מיט ווארימקייט, ניט פון יוצא וועגען, ניט אויסצופיינען זיך, נאר טאקע ווייל עס האט זיי וועה געטהאן דאס הארץ פאר זייערע ברידער. אפילו די אמעריקאנער גופא האבען זיך אויך דעמאלט שטארק אינטערעסירט מיט'ן גורל פון די אידישע וואנדערער. דער קאמיטעט האט זיך געפונען ניט ווייט פון קעסל גארדען, און האט געוויזען די איינוואנדערער וואו צו קעהרען זיך און וואו צו ווענדען זיך אין דער נייער מדינה.

דער בעריכט, אז די טרופע אידישע שוישפיעלער איז אנגעקומען קיין ניו יארק, האט דערגרייכט צום קאמיטעט, און די מיטגליעדער פון קאמיטעט זיינען געווארען נייגעריג צו וויסען, וואס פאר שטיקער זיי קלייבען זיך צו געבען. עס האבען זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען געוואוסט דעם אינהאלט פון דער „קאלדוניא“ און מען האט דעם קאמיטעט איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען וועגען דעם שטיק. דער קאמיטעט איז געווארען שטארק אויפגעבראכט און האט בעשלאסען אנצואווענדען אלע קרעפטען ניט צו דערלאזען שפיעלען די שטיקער. דעם קאמיטעט איז ניט געפעלען געווארען, וואס אידען ווערען ארויסגעשטעלט אין דער „קאלדוניא“ אין א שלעכטע ליכט.

דעם קאמיטעט איז ניט געפעלען געווארען, וואס מען פיהרט אויף א שטיק, אין וועלכען עס קומט פאר א האצמאך, א פעדלער וואס בעשווינדעלט די קונים אין מארק, מאכט זיך נאריש און לאכט אפ פון אידען, און א אידענע א קארטענווארפערקע וואס צינדט אונטער א הויז און אידען ווערען פערברענט. דער קאמיטעט האט געפונען, אז דאס איז א חלול השם פארצושטעלען אזא זאך אין א לאנד, וואו אידען ווילען זיך מאכען א היים.

אזוי האבען די מיטגליעדער פון קאמיטעט גערעכנט, ווערליג ב. טהאמאשעפסקי דערצעהלט, און דאריבער זיינען זיי געווען אזוי בייז, וואס מען שטעלט אזא שטיק.

דער פרעזידענט פון דעם קאמיטעט האט געהאלטען א לאנגע

אלץ איז געגאנגען כשורה, די שטימונג איז געווען א געהויי־בענע, א יום טוב'דיגע. די אקטיארען האט מען בעקליידט און אב־געווישט פון זיי דעם דלות, די גאלובאקס און טהאמאשעפסקי האַ־בען געקראגען צילינדערס און האבען גענומען שפרייזען מיט פער־ריסענע קעפ איבער'ן אידישען קווארטאל. אין גיכען זיינען ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסען די בעקאנטע סאטעליטען וועלכע ווייזען זיך שטענדיג ארום שטערען און טרעטען פון זיי ניט אב און דרע־הען זיך ארום זיי. די שטימונג איז געווען געהויבען, יום־טוב־דיג, נאר פלוצים האט זיך דערהערט א קנאל.

דער קנאל איז געקומען פון א ריינעם הימעל. דאס איז געווען עטליכע טעג פאר דער פארשטעלונג. דורך אן הזהרה'ן שמש האט מען געלאזט וויסען דער דירעקציאן פון דער טרופע, אז דער קאַ־מיטעט, וואס האט דעמאלט געהאלפען מיט ראטה און טהאט עמיג־ראנטען וויל זיי זעהען.

דער קאמיטעט וואס איז בעשטאנען פון דייטשע יהודים האט אויפגענומען ניט זעהר פריינדליך די ערשטע פארשטעהער פון דער אידישער ביהנע. אפילו די צילינדערס פון די פארשטעהער האבען קיין ווירקונג ניט געמאכט אויף די רייכע יהודים. פערקעהרט, ביי איינינע מיטגליעדער פון קאמיטעט האט זיך אפען געוויעזען א שמייכעל אויף די ליפען, אבער ניט א שמייכעל וואס דריקט אוים צופריעדענהייט, נאר א שמייכעל וואס געהט שטעכענדיג אין אלע גליעדער.

די ערשטע פארשטעהער פון דער אידישער ביהנע, די ערש־טע פערשפרייטער פון אידישע קונסט האבען פלוצים ארויסגע־לאזט זייערע פעריסענע נעזער, און גלייך פערלארען די מינע פון קוקט־נאר־אונז־אן.

די דירעקציאן איז בעשטאנען פון די ברידער גאלובאקס און טהאמאשעפסקי, אלע דריי זיינען נאך געווען גרינע און האבען פאר'ן קאמיטעט מורא געהאט אימת מות.

דער אימיגראנטען קאמיטעט האט דעמאלט גענומען גרויסען אנטהייל אין דער לאגע פון די איינוואנדערער. דער וועהטאג פון די פאגראמען איז געווען ניי און פריש, דער גורל פון די אונגליק־

געוועזן צו גרויס, אז מען זאָל זיך אָבשרעקען פאר א בלויען ראָק. (אמעריקאנער פאָליציסטען טראָגען בלויע רעק) און פאָלירטען פלעקיל. די וואָס האָבען בעלאגערט די גאס ארום טורן האָלל האָבען אפילו ניט געקענט האָפען אריינצוקומען אין טהעאטער, ווייל זיי האָבען געוואוסט אז מען קען שוין קיין בילעטען ניט קריגען, נאָר מען האָט געהאָפט צו כאפען א בליק פון א שוישפּיעלער, אפשר וועט זיך א טהיר עפענען און מען וועט קענען כאפען א בליק, ווי עס זעהט אויס אינעווענינ, אפשר וועט מען קענען כאפען א קלאנג פון דעם זינגען, מאלע וואָס מען קען זעהען לעבען א פּלאַץ, וואו מען שפּיעלט א אידישע שטיק צום ערשטען מאָל!

דער קאָמיטעט האָט אויך ניט געשוויגען, און אין מיטען דער מהומה ארום טורן האָלל האָבען זיך פלוצים געוויזען עטליכע גרויסע וועגען מיט א פייפען און באראבאנעוען און אָבגעשטעלט זיך אויף די ראגען גאס. דערנאָך האָבען זיך אויף די וועגען בעוויזען רעדנערס וועלכע האָבען גערעדט צו די פערזאמעלטע און ערקלערט זיי, וואָס פאר א שאנדע און חרפּה די פאָרשטעלונג איז פאר׳ן אידישען פאָלק און געבעטען דעם עולם, מען זאָל זיך רוהיג צוגעהן א היים און ניט שענקען די אקטיאָרען און זייערע פאָרשטעלונגען די מינדסטע אויפמערקזאמקייט.

דער קאָמיטעט איז געגאנגען נאָך ווייטער און האָט זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט פאר אַ מיאוס׳ן מיטעל צו געבען שוחד דער איינציגער פרימאדאָנא, אז זי זאָל אין איהר ראָל ניט ערשיינען. דער קאָמיטעט האָט געשיקט רופען מר. קראנצפעלד, דער פרימאדאָנאס מאן און אָנגעבאָטען איהם א פאָר הונדערט דאָלאר, אז פרוי קראנצפעלד זאָל ניט ערשיינען אויף דער ביהנע אויף דער דערמאָנטער פאָרשטעלונג.

אָבער ניט ערשיינען אליין איז געווען ניט גענוג. עס האָט זיך אויך געפאָדערט, אז זי זאָל וועגען דעם ניט דערצעהלען די טרופּע, כדי די אקטיאָרען זאָלען ניט האָבען קיין צייט אָבצוזוכען ווען מען עס איז, וואָס זאָל קענען פערנעהמען איהר פּלאַץ.

הינטער די קוליסען איז מען פאר דער פאָרשטעלונג געווען אזוי פערהאבעוועט, פערשמאיעט, צוטומעלט, אז קיינער האָט זיך

רעדע פאר דער דירעקציאָן און גע'מוסר'ט זיי, און ערקלעהרט זיי און געבייזערט זיך אויף זיי און ענדליך אויסגעשריען:

„ניט אומזיסט האָט מען אייך ארויסגעטריבען פון רוסלאנד, מען וועט אייך נאָך פון אמעריקא אויך טרייבען פאר אזעלכע פיה־רונגען. דאָ מאכט מען ניט קיין חוזק פון אידען.“

דער פרעזידענט פון קאָמיטעט האָט געפרובט מיט גוטען און מיט בייזען. ער האָט די אקטיאָרען געסטראשעט, אז ער וועט זיי צוריק שיקען אין רוסלאנד און ער האָט אויך געפרופט איינרעדען זיי, אז זיי זאָלען בעסער אויסלערנען זיך א מלאכה און מאכען א בכבוד'יגען לעבען, נאָר זיי האָבען אויף דעם געקוקט ווי אויף א גזרה פון די דייטשע יהודים און זיי זיינען אוועק פון קאָמיטעט מיט צובראָכענע הערצער, צושלאָגענע האָפנונגען און צושטערטע פלענער.

די גרינע דירעקציאָן האָט זיך מיט אן אמת געשראָקען, אז אויב זיי וועלען עובר זיין אויף דער גזרה וועט מען אלע אקטיאָ־רען צוריק שיקען קיין רוסלאנד, נאָר דער אנטרעפּעניאר זייערער, דער שענקער פון העסטער און עסעקס סטריט איז שוין גאָר ניט געוועזן קיין גרינער און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס איז פארגעקומען צווישען דער דירעקציאָן און קאָמיטעט, האָט ער די אקטיאָרען געטרייסט און בערוהיגט זיי און ערקלערט, אז ער וועט הערען דעם קאָמיטעט, ווי דעם פאר א יאָהריגען שנעע.

די ערשטע פארשטעלונג איז געבאָרען געוואָרען מיט יסורים, ווייטאָג און צושפּאָלטענע קעפּ. צוויי שטונדען פאר דער פארשטעל־לונג זיינען די גאסען ארום טורן האָלל געווען שווארץ מיט מענ־שען. דער בעל הבית פון טורן האָלל, א דייטש, האָט זיך דערשראָ־קען פאר'ן גרויסען עולם און געשיקט נאָך פּאָליציי. א סקאדראָן פּאָליציסטען איז תיכף געקומען און אָנגעהויבען ארבייטען מיט די „קלאָבס“ (אזעלכע קליינע בולאַווקעס) און די גרינע אידישע ארבייטער האָבען געמאכט שהחיינו איבער'ן אמעריקאנער פלעקיל און פערזוכט זיין ביטערן טעם.

נאָר די בולאוועקס האָבען ניט אָבגעהאלטען דעם עולם פון שפּארען זיך. דער בייז וואונדער פון א אידישען טהעאטער איז

די פארשטעלונג האט זיך געענדיגט מיט א געשלעג און סקאנדאל.

אזוי דערצעהלט ב. טהאמאשעפסקי וועגען דער ערשטער פארשטעלונג, אויף וועלכער ער האט געזונגען „די באבקעלאך“ און עס קען דאריבער קיין צווייפעל ניט זיין, אז ער איז דערביי געווען.

אבער די אנדערע אקטיארען, וואס האבען געשפיעלט אויף יענער פארשטעלונג גיבען איבער די מעשה גאר אנדערס, א סך איינפאכער און פראזאאישער.

זיי זאגען, אז קיין גרויסע אויסכאפעניש אויף די בילעטען איז ניט געווען, און זיי געדענקען זיכער, אז עס האט זיך ניט געפונען קיין איינציגער בעלן צו צאהלען פינף דאלאר פאר א פופציג סענטיגען בילעט ווי מר. טהאמאשעפסקי בעהויפטעט. זיי געדענקען אויך ניט, אז מען האט אזוי בעלאגערט דעם טורן האלל, אז מען האט געדארפט ארויסרופען א סקאדראן פאליסלייט. אלענפאלס איז די איננאהמע געווען ניט אזא געהויבענע, אז דער אנטרעפעניאר זאל ארויסלעגען דריי הונדערט דאלאר דער פרימאדאנא. אין יענע צייטען וואלט זיך ביי א שוישפיעלער ניט נאר פערדרעהט דער קאפ פון אזא סומע געלד, נאר ער וואלט געקענט קריגען א הארץ קלאפ פון שרעק. פרוי קראנצפעלד האט זיך ניט געמאכט קראנק, נאר זי איז טאקע געווען הייזעריג, און זי האט יענעם אבענד ניט געקענט זינגען. אויך געדענקען זיי ניט, אז דער עמיגראנטען קאמיטעט זאל מאכען אזעלכע אנשטרענגונגען צו שטערען די אויפפיהרונג פון דער „קאלדוניא.“

אלס בעווייז, אז די ערשטע פארשטעלונג האט זיך בעצאהלט ערגער ווי מען האט ערווארטעט, איז דער פאקט, וואס דער אנטרעפעניאר איז גלייך געווארען אבהענדיג און ער האט אזוי גיך קיין צווייטע פארשטעלונג ניט אונטערגענומען, הגם ער פערזענליך איז געווען פערקאכט אין אידישען טהעאטער. עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז ער האט זיך ווידער איינגעשטעלט צו אונטערנעהמען צוזאמען מיט שותפים אנדערע פארשטעלונגען.

צי די ערשטע אידישע פארשטעלונג האט זיך געענדיגט טרויע־

ניט געכאַפּט, אַז די פּרימאַדאָנא פעהלט. און ערשט ווען מען האָט געדאַרפט אויפהויבען דעם פאָרהאַנג און מען האָט אַנגעקלאַפּט אין איהר גאַרדעראָבע אין טהיר און זי האָט ניט געענטפערט און מען איז אַריין אינעווייניג און זי איז דאָרטען ניט געווען, האָבען זיך ביי דער טרופּע אונטערגעבויגען די פיס. מען האָט געשיקט סטאַ־פעטען, גענומען איהר זוכען, נאָר ניטאָ, קיינער האָט זיך אפילו ניט געקענט דערמאָנען, אַז מען האָט איהר געזעהען.

ערשט ווען דער זייגער האָט געשלאָגען ניין און דער עולם אין טהעאַטער האָט פערלאָרען די געדולד זיינען ד' דירעקטאָרען אוועקגעפאָהרען צו דער פּרימאַדאָנא אהיים, זי האָט זיך אָנ־געפאַנגען געמאַכט קראַנק, נאָר באַלד האָט דער מאַן אויסגעזאָגט דעם סוד. ב. טהאָמאַשעפסקי דערצעהלט, אַז פרענק וואָלף האָט פערקאַסערט די פּאַלע. אַרויסגענומען דעם טייסטער און אַנידער־געלעגט דריי הונדערט דאָלאַר מזומן און די פּרימאַדאָנא איז אוועק־געפאָהרען מיט די דירעקטאָרען אין טהעאַטער.

דערווייל אָבער איז שוין געוואָרען שפּעט ; גאָר דער גרויסער עולם איז מיעד געוואָרען וואַרטענדיג און איז אוועק פון טהעאַ־טער. עס זיינען אויך אוועקגעגאַנגען די מוזיקער און דער כאָר. עס זיינען נאָר געבליעבען די פערביטענע און זיי האָבען געקעהרט א וועלט אין טהעאַטער.

אָהן אַן אָרקעסטער און אָהן א כאָר האָט די פּרימאַדאָנא ניט געוואָלט זינגען, און די מישענינע, דער טומעל, דער געשריי, דער געפּילדער, דער ליאַרם צווישען די פערבליעבענע איז געוואָרען נאָך גרעסער. הינטער די קוליסען איז אויך ניט צוגעגאַנגען גאַנץ רו־היג, די מיטגליעדער פון דער טרופּע האָבען זייער האַרץ אויס־געלאָזט צו דער פּרימאַדאָנא, זי פון איהר זייט האָט אויך ניט געשוויגען און עס האָט זיך דאָרטען אָנגעהויבען א זידלעריי, א שיל־טעריי מיט די סאַמע אָבגעקליעבענע קללות און חרמות, די קולות פון הינטער די קוליסען און פון טהעאַטער האָבען זיך צוזאַמענגע־מישט און דער וואָס האָט קיין אַנטהייל ניט גענומען האָט געמוזט אַנטלויפען.

עס האָט אויסגעזעהען, אזוי ווי די שטאָדט ניו יאָרק איז נאָך ניט דערוואקסען צו דער מדרגה צו האָבען א אידיש טהעאטער און זי דארף זיך נאָך פריהער לייטערן ביז זי וועט קומען דערצו.

ענדליך איז גאָלובאָק׳ן געלונגען צו פעראינטערעסירען דעם אייגענטהימער פון דעם „אָלד באוערי גארדען“ און האָט מיט איהם אָבגעמאכט צו שפּיעלען דאָרטען צוויי מאָל א וואָך יעדען פרייטאג אבענד און שבת מאטינעע. גאָלובאק האָט געמאכט א קאָנטראקט אויף דריי יאָהר, און די אידישע ביהנע האָט נאָך אזוי פיעל פּלאָ־גען און מאטערן זיך געקריגען אויב ניט קיין ריכטיגע היים, איז לכל הפּחות א שאָטען פון א היים. די ניו יאָרקער אידישע תושבים אָדער ריכטיגער געזאָגט גרים, וואָס האָבען זיך אינטערעסירט מיט׳ן אידישען טהעאטער האָבען איצט געוואוסט, ווען און וואו צו געהן זעהן א אידישע שטיק. דער „אָלד באוערי גארדען“ האָט זיך געעפענט פאר אידישע שטיקער אָ חדשים צוויי נאָך סכות, דאָס הייסט כמעט סוף 1882.

די קאָמפּאַניע איז געווען די זעלביגע, וואָס האָט געשפּיעלט סכות און איצט ווען די אקטיאָרען האָבען זיך געפיהלט מעהר היימיש האָט מען אויך אָנגעהויבען צו טראכטען וועגען עפּעס אנ־דערע שטיקער א חוץ „קאלדוניא“, „שמענדריק“, „באָבע מיט׳ן אייניקעל“. מען האָט דעם רעפּערטואר רייכער געמאכט מיט אַ פּאָר שייקעוויטשעס פּיעסען, ווי דער „בעל תשובה“, „אידישער פּריץ“ און דאָס גלייכען. צווישען די אקטיאָרען האָט זיך געפונען איינער וועלכער האָט אויך געשריעבען פּיעסען. דאָס איז געווען דער אק־טיאָר באָרסקי, און ער האָט אָנגעשריבען פאר דער קאָמפּאַניע די פּיעסען: „די וואהנזיניגע“ און „דער פּאָגראָם“.

דער אינהאַלט פון דער „וואהנזיניגע“ איז געווען אזא. ער־געץ אין רוסלאנד האָט געוואָהנט א רייכער, קארגער איד. זיין טאָכטער האָט זיך פערליעבט אין א קבצן א קינסטלער. עס פער־שטעהט זיך, אז דער פאָטער איז געגען דעם שידוך און ער וויל איהר חתונה מאכען פאר עפּעס א רייכען אויסוואורף. די טאָכטער שטעלט זיך געגען איהם און דער פאָטער פערשפּארט איהר אין א דאָרף. זי ווערט דאָרטען משוגע. איהר געליעבטער דער קינסטלער

רוג צוליעב די שוישפּיעלער, אָדער צוליעב דעם פּובליקום — קיין אנדערע אידישע פּאַרשטעלונגען זיינען שוין ניט געווען ביז סכות.

איצט אָבער האָט שוין איין דירעקטאָר ניט געוואגט צו מאכען אזא אונטערנעהמונג און פרענק וואָלף, האָט אָבגעזוכט נאָך צוויי שותפים, איינער פון זיי איז געווען א קצב פון באַיארד סטריט און מען האָט געמאכט אלע הכנות פאר די יום טוב׳דיגע פארשטעלונגען.

די טרופּע איז איצט געוואָרען א גרעסערע און בעדייטענדערע; צו די שפּיעלער וואָס זיינען אין מיטען זומער אריבערגעקומען פון לאָנדאָן, זיינען צוגעשטאַנען מעהר דילעטאנטען, וואָס זיינען געקומען מיט׳ן „עם עולם". די קאָמפּאניע איז איצט בעשטאַנען פון די פאָלגענדע פּערזאָנען:

לעאָן גאָלובאָק, מיראן גאָלובאָק, ספּעקטאָר און זיין פרוי, בארסקי, ראָזענבלום, באיארסקי, בערנשטיין (ניט דער בעוואוסטער קאָמיקער בערנשטיין), סיימאָן, זשופּניק און ב. טהאָמאשעפּסקי.

ווי מען קען זעהן פון דעם צעטעל, איז דאָ געווען א דוחק אויף פרויען, און מענער האָבען געמוזט שפּיעלען פרויען ראָלען. ב. טהאָמאשעפסקי האָט דעמאָלט אָנגעהויבען צו ערשיינען אין פרויען ראָלען.

אזוי ווי טהאָמאשעפּסקי האָט זיך יעמאָלט ערשט אָנגעהויבען צו ווייזען אויף דער ביהנע, האָט מען די ראָלען אָנפאנגס געדארפט ספּעציעל פאר איהם צושניידען, דאָס הייסט ארויסווארפען די פּראָזא און ער זאָל נאָר זינגען די נומערען, וואָס די פרוי אין דעם שטיק האָט געדארפט זינגען.

געשפּיעלט האָט מען די וואָך פון סכות די אלטע שטיקער פון גאָלדפאַדענס רעפּערטואר: „קאָלדוניא", „קאפּריזנע טאָכטער", „באָבע און איינִיקעל" און הגם מיט׳ן זכות פון יום טוב האלט מען זיך א לאנגע צייט אין א טהעאטער, האָט דאָ אפילו דער יום טוב אויך ניט געהאָלפען און די הכנסה פאר דער וואָך פון סכות איז געווען א טרויעריגע. די דירעקטאָרען האָבען פערלאָרען געלד און האָבען זיך אָבגעטרייסעלט פון טהעאטער, און די אקטיאָרען זיינען געבליעבען אויסגעשטעלט.

יענער זייט, פאר דיר איז שוין צייט צו האָבען מעהר שכל! פוי זאָלסטו ווערען!"

„מאכען זיך נארעש", אָט וואָס א געוויסע קלאסע פון פוב־ליקום איז געגאנגען זעהן אין טהעאטער. פראָפעסיאָנעלע מענשען מאכען זיך נארעש, מאכען געוויסע העויות און דער עולם קען דער־ביי לאכען, הנאה האָבען. א פראָסטער מענש האט אָפט ליעב צו זעהן ווי מען מאכט זיך נארעש, אפשר איז דאָס דערפאר, וואָס דאָס הויבט איהם אויף אין זיינע אייגענע אויגען. נאָר נאריש מא־כען זיך פאסט נאָר פאר אינגלאך, יונגע שקצים, אָבער ניט פאר עלטערע אידען, מיט גרויסע בערד. אז א שפיעלער גרימירט זיך — דאָס האָבען ניט אלע פערשטאַנען. אין יענער צייט האָבען די אק־טיאָרען אויך ניט געטאָרט ערלויבען זיך צו טהאָן אויף דער ביהנע עפּעס אזוינס וואָס עס קען אָנריהרען די געפיהלען פון א פרומען אידען. אין א שטיק קען למשל פארקומען אז דער אקטיאָר זאָל דארפען אָנצינדען א לאָמפּ, אָדער ער זאָל דארפען אויפרייסען א בריעף און דאָס גלייכען, און אזוי ווי מען האָט געשפּיעלט פרייטאג צו נאכט און דאָס וואָלט ניט געפעלען געוואָרען א טהייל פון דעם פובליקום, האָט מען עס געזוכט אויסצומיידען. קיין פּאַפּיראָסען האָט מען גאָר ניט גערויכערט, א בריעף האָט מען דערלאנגט ;; געעפענטע און א לאָמפּ האָט מען אָנגעצונדען איידער דער פאָר־האנג האָט זיך אויפגעהויבען.

אין דער פּיעסע „עלילת דם" קומט פאָר, ווי די בעל הבית'טע רופט אריין דעם גוישען משרת און הייסט איהם פערלעשען דאָס ליכט. אזוי גיך, ווי דאָס איז געשעהען אויף דער ביהנע, האָט זיך דערהערט א בייזער קול פון פובליקום:

— העי, העי, חברה מאן! ווען ביזט דו עס געוואָרען אזא „סמאַרטער" יונג? דו ביזט דערצו געוואָהנט פון דער היים? הא? שעהם זיך אין דיין ווייטען האלז!

— שא, שא! האָט געענטפערט דער אקטיאָר פון דער ביהנע.

— איך בין דאָך איצט א גוישער משרת און א גוי מעג אויסלעשען א ליכט אום שבת.

דערפון קען מען אויך דרינגען, אז א חוץ דעם געוואוינליכען

איז אוועק געפאָה, ען פון דער היים און ווען ער האָט זיך געמאַכט א גרויסען נאָמען אין דער וועלט און איז געוואָרען רייך האָט ער זיך צוריק געקעהרט א היים, האָט אויסגעפונען וואו זיין געליעבטע איז און האָט מיט איהר חתונה געהאַט. דער פאַטער האָט אונטער דער צייט פערלאָרען דעם גאַנצען פערמעגען, האָט אויך פערלאָרען זיינע אויגען און א בלינדער איז ער ארומגעגאַנגען איבער די הייזער. איין מאָל איז ער, ניט וויסענדיג, צוגעקומען צו זיין טאָכטערס וואָהנונג און האָט גענומען זינגען א בעטעל־ליעד אונטער'ן פענסטער. זי האָט איהם אריינגענומען אין שטוב און דערקענט אין איהם איהר פאָטער. מען האָט גערופען דאָקטוירים און געמאַכט איהם ווידער זעהענדיג.

דער פערפאַסער פון די דאָזיגע שטיקער האָט ניט וועניג שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען די דערמאָנטע פּיעסען, און ווען ער האָט ניט געהאַט קיין בעשעפטיגונג ביי דער ביהנע האָט ער געארבייט ביי שניידעריי פאַר זיך און אויף זיינע קאַרטלאַך, וואו עס איז געווען געדרוקט, אז ער איז א שניידער און ער נעהמט בגדים צום פעררינכטען, פּרעסען און פאַרבען האָט ער אויך ניט פערפעהלט אָנצוגעבען, אז ער איז דער מחבר פון דער „וואָהנזיניגע" און דעם „פּאַגראָם".

מחשבותן, דער „פּאָגראָם" האָט קיין שום שייכות ניט מיט'ן „פּאָגראָם" וואָס י. גאָרדין האָט שפּעטער אָנגעשריעבען.

עס איז אויך אינטערעסאַנט, ווי אזוי די טהעאַטער בעזוכער האָבען דעמאָלט געקוקט אויף די אַקטיאָרען און אויפ'ן שפּיעלען.

ווען מען האָט אויפגעפיהרט דעם „בעל תשובה" אין דעם „אָלד באַוערי גאַרדען," און ספּעקטאָר, דעמאָלט א יונגערמאַן פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר, איז ערשיענען אין דער טיטעל ראָלע, האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען א אידענע אין דער צווייטער רייהע און אויסגעשריען: „העי, דו אַלטער תרח, ווי שעהמסטו זיך ניט אין דיין ווייטען האַלז! אין דיינע יאָהרען, צו מאַכען זיך אזוי נאַרעש! מילא, די יונגע שנעקעס, אז זיי מאַכען זיך אזוי נאַרעש זיינען ניט מעהר ווי אינגלאַך, אבער דו, שוין מיט א פוס אויף

פיעל א שפעטערדיגע צייט איינגעטהיילט אין דריי פעריאָדען: די פעריאדע פון פעכנען פאר הונגער, די פעריאדע פון געשוואָלען ווערען פאר הונגער און די פעריאדע פון פגר׳ן פאר הונגער.

נאָר מיט׳ן ביסעל, וואָס דאָס טהעאטער האָט אריינגעבראכט האָבען זיי זיך ניט געקענט צוטהיילען. אין יענער צייט איז נאָך קיין יוניאָן ניט געווען, וואָר זאָל ריכטיג אָבשאצען דעם ווערט פון יעדען שפיעלער און בעשטימען, פיעל יעדער איז בערעכטיגט צו קריעגען. דאָס פובליקום האָט נאָך אויך ניט געהאט צייט צו בעשטימען, ווער געפעלט איהם בעסער, און פאר יעדען אפלאָדיסמענט וואָס איז געפאלען האָט מען זיך געריסען. יעדער האָט גע׳טענה׳ט, אז אויף זיינע פלייצעס שלעפט ער דאָס טהעאטער, אז נאָר איהם צו פערדאנקען קומען בעזוכער אין טהעאטער און דערפאר קומט איהם די גרעסטע דעה. יעדער האָט געוואָלט ווערען א בעל הבית, דער מאכער, דער קנאקער און אלע אנדערע זיינען געווען געגען איהם. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז באלד זיינען אין דער טרופּע בעשאפען געוואָרען אָפּאָזיציאָנעלע קרעפטען און די קאָמפּאניע איז צוטהיילט געוואָרען אויף פיינדליכע לאגערען.

אין גיכען האָט זיך טהאָמאשעפסקי׳ס פאָטער אָבגעטהיילט פון דער טרופּע און האָט געגומען דעם „נעשאָנעל טהעאטער" אנטקעגען איבער דעם „אָלד באוערי גארדען." פסח טהאמאשעפסקי וועלכער איז געקומען מיט׳ן עם עולם, האָט אין דער קורצער צייט, וואָס מען האָט אָנגעהויבען צו שפיעלען טהעאטער מחנך געווען זיינע צוויי טעכטער צו דער ביהנע און צוזאמען מיט זיין זוהן ב. טהאָמאשעפסקי האָט ער שוין געהאט דריי קרעפטען, און דאָס איז געווען כמעט אזוי גוט, ווי א האלבע טרופּע. די אנדער האלבע טרופּע האָט מען אָבגעזוכט אין די פאבריקען. פסח טהאָמאשעפסקי האָט אליין אָנגעשריעבען א פּיעסע מיט׳ן נאָמען „די אינקוויזיציע", נאָר אויב איין טרופּע האָט זיך קוים געקענט האלטען, איז פאר צוויי טהעאטערס געווים קיין פּלאץ ניט געווען. דער נעשאָנאל טהעאטער האָט געהאט קיצור ימים, נאָר אויך דער „אָלד באוערי גארדען" האָט אָנגעהויבען צו ווייזען סימנים פון גסיסה. אַ חוץ דער רייסערייי צווישען די מיטגליעדער,

עלעמענט, וואס איז געווען פערקאכט אין טהעאטער, זיינען פון צייט צו צייט אויך געקומען אין טהעאטער פרימערע מענשען, און די פאדערונגען אויף א אידישען טהעאטער דרינגט טיעפער אריין אין דער אידישער מאסע און כאפט ארום א גרעסערען קרייז. עס קומען שוין אין טהעאטער ניט נאר אזעלכע, וועלכע געפינען דארטען א צופריעדענשטעלונג פאר זייער ביינקענים נאך עפעס בעסערס, העכערס, נאר עס קומען אויך אזעלכע וועלכע ווילען אין טהעאטער פערגעסען א ווייל די דאגות, זארגען, קאפדרעהענים פון דעם שווערען לעבען; און ביי זיי קען מען זאגען געהען אין איין אויער אריין און פון צווייטען ארויס וואס זיי הערען אין טהעאטער. זיי געהען ניט צו נאשען עפעס פון טהעאטער, ארויסצוטראגען עפעס פון דארטען, זיי ווילען בשעת זיי זיצען אין טהעאטער האבען די מעגליכקייט צו געבען א לאך און ארויסלאזען א זיפץ, און אויך א טרעהר אין סימפאטהיע מיט אלע וואס ליידען.

אזוי ווערט ביסלעכוויז פערשפרייט אלץ מעהר די פאדערונג אויף א אידישען טהעאטער און דאס פובליקום ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די פאדערונג אויף א אידישען טהעאטער האט זיך אלץ מעהר פערשפרייט צווישען די מאסען, האט זיך די טרופע אין דעם „אלד באוערי גארדען" ניט געקענט האלטען. אין דעם אבער איז שוין ניט געווען שולדיג דאס פובליקום, נאר די שפיעלער גופא.

קיין גליקען האבען זיי דעמאלט ניט געמאכט, פון די צוויי מאל שפיעלען א וואך האט מען געהאט אפשר ניט מעהר ווי די אקטיארען וואלטען פערדיענט ווען זיי זאלען ארבייטען אין א פאבריק. קיין גרעסערע פערדיענסטען האט מען זיך דעמאלט ניט פארגעשטעלט, און די אקטיארען זיינען ניט געווען געוואוינט צו גרויסע הכנסות. עס האט געדויערט לאנגע און לאנגע יאהרען ביז אקטיארען האבען זיך אנגעהויבען צו באדען אין געלד און, פערהעלטניסמעסיג, איז דאס געווארען גאר ניט לאנג. ביז אבער די גליקליכע צייט איז געקומען זיינען די אקטיארען שטארק ארויסגעצויגען געווארען. א געוויסער אקטיאר האט יענע און נאך א

דייטשע יהודים, וואָס זיינען דאָ שוין געווען תושבים, האָבען אין אידישען טהעאטער ניט פערשמעקט, אנדערע אידען וואָס זיינען געקומען פאַר די פּאָגראָמען האָבען זיך דאַמאָלס גיכער אמעריקאַניזירט און זיי זיינען אין אידישען טהעאטער ניט געגאַנגען. די טהעאטער בעזוכער זיינען געווען גרינע, גראָד ווי די אקטיאָרען און מען האָט ניט געקענט ווייזען אויף קיין זאַך, וואָס זאָל האָבען אין זיך עפּעס אמעריקאַנישעס.

נאָר מען דאַרף ניט דענקען, אַז דערפאַר, וואָס דער טהעאַטער איז דאָ געווען א פאָרטזעצונג פון דעם היימישען, איז זיין ווייטערער גאַנג געווען דער זעלביגער און זיין גייסט דער זעלביגער. דאָס איבערפּעקלען זיך האָט דעם טהעאטער קיין גוטס ניט געטהאָן.

די ערשטע שטיקער וואָס גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבען זיינען געווען ליעדלאַך, קופּלעטלאַך צוגעשטוקעוועט צו אביסעל פּראָזע. איך האָב שוין געהאַט א געלעגענהייט אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז מען האָט אָפּט אפילו דאָס ביסעל פּראָזע געמוזט פערבויגען, כדי צו געבען א זינגער די מעגליכקייט צו זינגען די דאָזיגע ליעדלאַך, ווען מען האָט איהם ניט געקענט אָנטרויען, אז ער וועט די עטליכע געוואוינליכע אַלטעגליכע ווערטער קענען ארויסרעדען אויף דער ביהנע. דער עיקר איז געווען דאָס זינגען, דאָס טענציל. ווען די זינגער און די שפּרינגער און די טענצער האָבען זיך אביסעל אויסגעריבען אויף דער ביהנע און די בעזוכער פון טהעאטער זיינען ארויסגעוואקסען פון אזא אונטערהאלטונג האָט זיך דער פערפאסער גענומען צו שאפען עפּעס בעסערס און ער איז אזוי געגאַנגען פון ערגער צו בעסער, פון גרעבער צו איידלער. דער וועג פון ני־בע־ני־מע ני־קי־קע־רע־קו ביז „שולמית“ איז א ווייטער, אזוי ווייט אז עס ווילט זיך כמעט ניט גלויבען, אז זיי זיינען די ווערק פון איין פערפאסער. ביי דער צייט ווען די נייע קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען אהער האָט די ביהנע אין רוסלאַנד שוין דערגרייכט צו אזא מדרגה, אז עס איז דאָרטען געוואָרען מעגליך אויפצופיהרען אזא שטיק, ווי „אוריאל אקאסטא“ און ה״ג דאָס דאָזיגע שטיק איז אן איבערזעצטע, ווייזט עס אבער, אז דאָס פּוב־

האָבען א פּאָר אקטיאָרען אָנגעהויבען אויפצופיהרען זיך זעהר שלעכט הינטער די קוליסען, דער טהעאטער האָט געקריעגען א מיאוס'ען נאָמען, און אנשטענדיגע מענשען האָבען אָנגעהויבען צו ווייכען פון איהם ווי פון א פעסט. דער טהעאטער איז געוואָרען א נעץ פאר מיידלאך און ווייבלאך. דער גרעסטער טהייל פון דער קאָמפּאניע האָט א מאך געטהאָן מיט׳ן דער האנד אויפ׳ן טהעאטער, און צייט דעמאָלט האָבען זיי שוין מעהר קיין שייכות ניט געהאט מיט דער ביהנע.

אין דער צייט, דאָס הייסט אין 1883 איז אין ניו יאָרק אַנגע־קומען א נייע קאָמפּאניע מיט די פאָלגענדע מיטגליעדער: הער און פרוי זילבערמאן, הער און פרוי חיימאָוויץ (איצט פרוי אדלער), קארפּ, הער און פרוי בארא‎דקין און וואכטעל. צוזאמען מיט דער דאָזיגער קאָמפּאניע איז אויך געקומען י. לאטיינער.

עטליכע מיטגליעדער פון דער נייער קאָמפּאַניע האָבען גע'שמ'ט ווייט און ברייט אין דער אלטער אידישער וועלט און אנטקעגען זיי האָבען די פריהערדיגע שפּיעלער געהאט א פּנים פון דילעטאַנטען און פאר זיי איז געוואָרען אונמעגליך צו שפּיעלען ווייטער אי׳ן ניו יאָרק. זיי האָבען גלייך פערקויפט דעם קאָנטראקט, וואָס זיי האָבען געהאט מיט׳ן טהעאטער צו דער נייער קאָמפּאניע און ל. גאלובאק איז אוועק קיין שיקאגאָ און די טהאָמאשעפסקי פאמיליע האָט זיך אריבערגעצויגען קיין פילאדעלפיע און דאָרטען געשפּיעלט טהע־אַטער.

אין גרונט גענומען איז דער טהעאטער אין אמעריקא געווען אין די ערשטע יאָהרען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א פאָרטזע־צונג פון דעם היימישען; דער טהעאטער האָט מיט האק און פּאק איבערגעפּעקעלט זיך פון רוסלאנד אָדער רומעניען קיין אמעריקא. די נייע קאָמפּאניע איז שוין געקומען אהער א פארטיגע. אין גאנצען צוזאַמענגעשטעלט פון דער אלטער היים און האָט אפילו מיטגעבראכט א סופלער. לאטיינער האָט דאמאָלס סופלירט און שפּעטער איז ער געוואָרען דער אויטאָר ביי דער קאָמפּאניע. שטי־קער האָט מען אויך געשפּיעלט אלטע פון דער היים, און אפילו דאָס פּובליקום קען מען זאָגען איז אויך געווען פון דער אלטער היים. די

דעם טיטול פון די צוויי נייע שטיקער. אין יענער צייט איז די אי־דישע ביהנע אלט געווען סך הכל פינף זעקס יאהר. אין די קורצע פינף־זעקס יאהר האט די אידישע ביהנע דורכגעמאכט אזוי פיעל, ווי עס האט אנדערע ביהנען גענומען לאנגע יאהרהונדערטע דורכ־צומאכען.

ווי אונז איז שוין בעקאנט, האט מען מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק געשפיעלט אידישע שטיקער, וואס האבען געטראגען כמעט די זעלביגע נעמען, און נאכדעם ווי די אידישע ביהנע האט דורכגעמאכט אין די פינף זעקס יאהר נאכ'ן רוסיש־טערקישען קריעג אזא גאלאפירענדע קאריערע, זיינען דא געשאפען געווארען די צוויי „נייע" שטיקער „אסתר און המן" און „יוסף מיט זיינע ברידער". מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז מען האט אנגעהויבען דא ניט נאר מיט די ערשטע שטיקער נאר מיט פאר־די־ערשטע.

איבריגענס, זיינען די דאזיגע שטיקער געווען אידישע, ניט קיין איבערגעמאכטע פון גוי'שע מיט אידישע נעמען און זיי האבען שטארק אויסגענומען ביים עולם. אפילו דייטשע יהודים האבען זיך פעראינטערעסירט אין די דאזיגע שטיקער און ארום טהעא־טער פלעגען שטעהן קארעטען אזוי ווי ארום בראדוויי טהעאטערס. ניט פריהער און ניט שפעטער האט מען אזא ערשיינונג געזעהען ארום די אידישע טהעאטערס, ווען מען זאל ניט רעכענען די קא־רעטען וואס א פאר דירעקטארען האבען זיך איינגעשאפט.

ארום דער צייט האט יאזעף לאטיינער געשאפען דאס ערשטע ווערק, וואס האט געהאט א שייכות מיט'ן לאנד, וואו די אידישע איינוואנדערער און די אידישע ביהנע האבען געזוכט א היים. די פיעסע האט געהייסען „די עמיגראציע נאך אמעריקא". מיט דעם שטיק איז געמאכט געווארען דער ערשטער פערזוך צו שטעלען זיך אויף די אייגענע פיס, און פון דעמאלט א, געהט די אידישע ביהנע אין אמעריקא מיט איהר אייגענעם וו"ג.

ביז 1885 האט דאס אידיש טהעאטער אין אמעריקא געלעבט מיט'ן זכות פון די אלטע שטיקער פון דער אלטער וועלט, די אק־טיארען האבען מיט זיך געבראכט אלץ וואס זיי האבען געקענט פערנעהמען פון דער ביהנע אין דער היים. דער טהעאטער דא איז

ליקום האָט זיך גיך ענטוויקעלט, און די ביהנע האָט געמאַכט א ריעזיגען שריט פאָראויס.

די ענטוויקלונג איז געווען א נאַטירליכע, ניט קיין געצוואונגענע, די בעסערע שטיקער האָט מען אויפ׳ן פובליקום ניט אָנגעוואָרפען. די בעסערע שטיקער האָבען זיך בעוויזען, ווען די איצטיגע אקטיאָרען האָבען שוין געהאט עפּעס א פּנים און מען האָט זיי געקענט אנטרויען א שטיקעל „פּראָזא“, ווען דער געשמאַק ביים פּובליקום האָט זיך אביסעל אויסגעפיינערט, אויסגעאיידעלט. און ווען די ביהנע וואָלט זיך אין רוסלאַנד ענטוויקעלט כשורה, דאָס הייסט ווען די רעגיערונג וואָלט ניט פערבאָטען אידיש טהעאטער, וואָלט די אידישע דראמא אויסגעוואקסען א געזונטע, א שטארקע און געוואָרען א ציערונג ביי אידען. ווען מען האָט אין זינען, אז פון „ני־בע ני־מע ני־קי־קו־רע־קו“ ביז „שולמית“ און צווישען „שמענדריק“ און „אוריאל אקאָסטא“ ליגען ניט מעהר ווי עטליכע יאָהר, דאַרף אזא בעהויפּטונג ניט אויסווייזען איבערטריבען.

מיט׳ן אריבערפּעקלען זיך קיין ניו יאָרק האָט די ענטוויקלונג פון דער ביהנע ניט נאָר אויפגעהערט, נאָר מען האָט געמוזט אָנהויבען גאָר פון דאָס ניי. ווי מיר האָבען געזעהן, איז די ערשטע פאָרשטעלונג אין ניו יאָרק געווען „קאָלדוניא“, איינע פון די ערשטע שטיקער מיט וועלכע די ביהנע האָט זיך אָנגעהויבען. ווען די נייע קאָמפּאניע איז געקומען האָט זי אָנגעהויבען גאָר פון דאָס ניי. זי האָט ווידער אָנגעהויבען מיט די ערשטע שטיקער און די זעקס יאָהר פון דעם געוואַלדיגען פּראָגרעס פון דער אידישער ביהנע אין דער היים זיינען אין גאַנצען פערלאָרען געוואָרען.

די ערשטע שטיקער זיינען נאָך אַלעמען געווען ניט פיעל און יעדער טהעאטער בעזוכער האָט זיי שוין געקענט באַלד ניט ערגער פון די אקטיאָרען. עס האָט זיך אָנגעהויבען א פאָרדערונג אויף נייע שטיקער און אין 1884 האָט דער אויטאָר פון דער קאָמפּאניע יאָזעף לאַטיינער געשאַפען זיין ערשטע ווערק אין אמעריקא „אסתר און המן“ און אין דעם זעלביגען יאָהר האָט ער געשאַפען זיין צווייטען ווערק „יוסף און זיינע ברידער“.

ניט ווילענדיג מוז מען א שמייכעל טהאָן, ווען מען רעדהערט

צוריק אהיים און ברענגען די קאָמפּאניע אהער. אביסעל געלד האָט ער געשיקט אויף הוצאות, און דאָס איבעריגע האָט ער געדארפט מאכען פון פאָרשטעלונגען אויפ'ן וועג. דער רעכנונג איז געווען, אז ווען די קאָמפּאַניע וועט אנאָנסירען, אז זי פאָהרט קיין אמע־ריקא און גיט די לעצטע פאָרשטעלונגען, וועט די איינגאהמע זיין א סך אַ גרעסערע ווי געוועהנליך און מיט'ן כח פון אזעלכע איינ־נאהמען וועט זיך די קאָמפּאניע דערשלעפּען ביז ניו יאָרק.

סוף אויגוסט איז מאגולעסקא צוריק געקומען מיט דער גאנ־צער קאָמפּאנ־ע. אין דער דאָזיגער קאָמפּאניע זיינען געווען: ד. קעסלער, ז. פיינמאן, וויינבלאט, בלאנק, הער און פרוי אבראמא־וויץ, פינקעל, אניוטא פינקעל, מיסס וויינבלאָט און אנדערע.

דער שיקאגער דירעקטאָר האָט אבער קיין טהעאטער ניט גע־האט און האָט אויך קיין טהעאטער ניט געקענט קריגען אין אידי־שען קווארטאל. ענדליך איז איהם געלונגען צו נעהמען דעם „טע־רעס גארדען" אויף 58טע סטריט אויף דער וואָך פון סכות, און די קאָמפּאניע האָט דאָרטען געגעבען זיין פאָרשטעלונגען.

וועגען די דאָזיגע פאָרשטעלונגען איז כדאי צו רעדען עטלי־כע ווערטער. זיי ווייזען די נייע טענדענץ, וואָס די נייע טרופּע האָט מיט זיך געבראכט, ווי אויך ווי אזוי דאָס פּובליקום האָט זיך פער־האלטען צו דער נייער טענדענץ.

אין די ניין פארשטעלונגען האָט מען אויפגעפיהרט דריי שטי־קער און יעדע שטיק האָט מען געשפּיעלט צו דריי מאָל. די שטיקער זיינען געווען „בלו בארד" און „פעריקאלא", צוויי אָפענבאך'ס אָפּערעטען און „די קאָקעטע דאמען" פון מ. שייקעוויטש.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די קאָמפּאניע האָט אויפגערו־דערט די טהעאטער בעזוכער פון ניו יאָרק, און דער עולם האָט מיט גרויס אונגעדולד געווארט צו זעהען די נייע שפּיעלער אויף דער ביהנע, האָט א קעלט געבלאָזען אין טהעאטער, ווען מען האָט או־פגעפיהרט די דערמאָנטע צוויי אָפּערעטען, און דער עולם איז ארויס פון טהעאטער אונצופריעדען. די פרעמדע אָפּערעטען זיי־נען דעם עולם ניט געפעלען געוואָרען אוז די טהעאטער בעזוכער

געוועזן, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, א פארטזעצונג פון דעם היימישען, נאר פון איצט אן זוכט ער צו ווערען מעהר אדער וועניגער זעלבסטשטענדיג.

אין רוסלאנד איז דער אידישער טהעאטער פערבאטען געווארען אין דעם יאהר 1883, און די אקטיארען זיינען צוזייעט און צעשפרייט געווארען איבער פערשיעדענע מדינות, וואס זיינען געווען נ ט ווייט פון רוסלאנד. קיין שטענדיגע היים האבען די אקטיארען ניט געפונען און זיי האבען געדארפט ארומוואנדערען פון שטאדט צו שטאדט. אויב א קליינע טרופע איז געבליעבען שטעקען אין איין פלאץ, איז זי געווען אויף גרויסע צרות. די גרעסטע טרופע האט פון רוסלאנד אריבערגעוואנדערט קיין רומעניען, נאר די אידישע בעפעלקערונג פון דער דאזיגער מדינה האט ניט געקענט אויסהאלטען א גרויסע טרופע. די קלאנגען וועגען די גליקען אין אמעריקא האבען דערגרייכט צו זיי.

די פיהרער פון יענער טרופע זיינען דעמאלט געווען ז. מאגולעסקא און מ. פינקעל און מיט גרויסע צרות איז זיי געלונגען צונויפקלייבען דעם נויטיגען קאפיטאל, אז זיי ביידע זאלען קענען אונטערנעהמען אזא ווייטע רייזע. קיין לאנדאן איז געווען נעהענטער און דעם ערשטען בעזוך האבען זיי געמאכט אין דער הויפט שטאדט פון ענגלאנד. דארטען האט דעמאלט געשפיעלט י. אדלער, נאר קיין גליקען האט ער ניט געמאכט. געשפיעלט האט ער אין א פלאץ וואו פון פארענט איז געווען א יאטקע און פון הינטען איז געווען דאס, וואס מען האט גערופען טהעאטער. מאגולעסקא און פינקעל זיינען דארטען לאנג ניט געבליעבען און אין חודש יולי 1886 זיינען זיי אנגעקומען קיין ניו יארק.

דער נאמען מאגולעסקא האט געקלונגען ווייט און ברייט און קיין פאר טעג זיינען ניט אריבער און זיי האבען אונטערגעשריבען א קאנטראקט מיט א דירעקטאר.

דער דירעקטאר איז געווען א שיקאגער און האט דא קיין טהעאטער ניט געהאט. ער האט אבער געוואוסט אז מאגולעסקא מיט זיין טרופע וועט מאכען א רושם אומעדום וואו זיי וועלען שפיעלען.

דער אבמאך איז געווען, אז מאגולעסקא זאל גלייך פאהרען

ליקום ניט וו סען. אן אויסנאהמע מאכט עס נאר מיט'ן קאמיקער, צו איהם פיהלט עס א שוואכקייט, איהם פערגיט עס אלע חטאים, און ווי ער זאל ניט האנדלען אויף דער ביהנע, ווי ער זאל זיך ניט אויפפיהרען, וועט דאס פובליקום שטענדיג שמייכלען גוטמוטהיג און אפילו קאטשען זיך פאר געלעכטער.

די דאזיגע כאראקטעריסטיק איז פון יעדען פראסטען פובליקום ביי יעדען פאלק אין דער גאנצער וועלט. די ערשטע צייטען ווען מען האט אנגעהויבען שפיעלען טהעאטער אין פוילען און מען האט אויפגעפיהרט דאס שטיק „יעזוס", האט א פאליאק א צושויער ניט געקענט פארטראגען די ניעדערטרעכטיגקייט פון יהודה איש קריות און איז אזוי אויפגעבראכט געווארען געגען איהם, דאס הייסט געגען דעם אקטיאר וואס האט געשפיעלט די ראל פון יהודה, אז ער האט ארויסגעכאפט זיין רעוואלווער און דערשאסען דעם אקטיאר צום טויט.

און די אקטיארען גופא ווען זיי שטעהען אויף דער זעלביגער שטופע פון ענטוויקלונג, ווי דאס פובליקום פערשטעהען אויך ניט בעסער און זיי גלויבען, אז ווען זיי שפיעלען די ראל פון א דענקער, ארטיסט, דיכטער זיינען זיי טאקע דער דענקער, דער ארטיסט אדער דער דיכטער. און, פערקעהרט, ווען זיי קומט אוים צו ערשיינען אין ראלען פון גראבע מענשען, שלעכטע מענשען, דענקען זיי אז זיי ווייזען זיך ארוים אין א שלעכטען ליכט און זיי אליין ווייזען זיך ארוים אלס גראב און שלעכט.

די נייע ריכטונג איז געווען צו געבען גאנץ פרעמדע שטיקער פון די אומות העולם ניט איבערגעמאכט, נאר ווי זיי שטעהען און געהען אין איבערזעצונג, וואס איז בעשטאנען אין עטוואס איבערפיהרען די דייטשע שפראך. פון די דריי שטיקער וואס די נייע קאמפאניע האט אויפגעפיהרט, זיינען צוויי געווען איבערזעצטע אפערעטעס, און הגם מען האט זיי אויפגעפיהרט אונטער די בעסטע אומשטענדען זיינען זיי דורכגעפאלען. דעם ערפאלג האט געהאט א אידישע שטיק. און צייט דעמאלט האט זיך אין דער הינזיכט קיין זאך ניט געביטען אויף דער אידישער ביהנע. עס איז אן אנגענומענער כלל, אז אן איבערזעצטע שטיק

האבען זיך געפיהלט אין טהעאטער ווי זיי וואלטען אריינגעפאלען אויף א פרעמדער חתונה.

דערפאר ווען מען האט אויפגעפיהרט די „קאקעטע דאמען“ איז די שטימונג געווארען א געהויבענע, א יום־טוב'דיגע אין טהעאטער. די טהעאטער בעזוכער האבען זיך דערפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים, און די צופריעדענהייט פון פובליקום איז געוואקסען מיט יעדער פארשטעלונג. שוישפיעלער זיינען גלייך געשטיעגען אין די אויגען פון פובליקום, און וואס מעהר דאס שטיק האט אויסגענומען, האט מען אלץ מעהר געלעקט די פינגער פון די אקטיארען.

עס איז א געוועהנליכע כאראקטעריסטיק פון א פובליקום וואס שטעהט אויף א ניעדעריגע שטופע פון ענטוויקלונג, אז עס אנערקענט ניט קיין פערפאסערס און ווייס נאר פון די שוישפיעלער. ווען א שטיק נעהמט אויס ביי אזא פובליקום, קריגט די אנערקענונג דער שוישפיעלער, פאר יעדען קלוגען ווערטיל שטייגט דער שוישפיעלער אין זיינע אויגען. און, פערקעהרט, אויב דאס שטיק געפעלט איהם ניט, האט ער ניט קיינע טענות צום פערפאסער און ער ווארפט די גאנצע שולד ארויף אויפ'ן שוישפיעלער. פאר אזא פובליקום עקזיסטירט גאר ניט קיין פערפאסער, ווי עס עקזיסטירט אויך ניט פאר איהם די פערזאן וואס קומט פאר אין דעם שטיק. פילאזאפירט דער אקטיאר, הייסט עס אז דער אקטיאר איז א גאנצער פילאזאף, אן אויפגעקלערטער מענש. קומט פאר עפעס א מיאוס'ע האנדלונג, א ניעדערטרעכטיגער טהאט הייסט עס אין די אויגען פון א פראסטען פובליקום, אז דער אקטיאר איז א מיאוס'ער, א ניעדערטרעכטיגער מענש. דעם גוטען אקטיאר, דעם קלוגען אקטיאר, דעם העלדישען אקטיאר אפלאדירט ער און, פערקעהרט, דעם אקטיאר וואס האנדעלט ניט ארדענטליך אויף דער ביהנע, וואס ווייזט ארויס פיינהייט. אדער וואס ווייזט זיך ארויס פאר א שוטה פייפט ער אויס און אויף אלערליי אופנים דריקט ער אויס זיין אונצופריעדענהייט. אז דער אקטיאר שפיעלט נאר די ראל פון א גוטען צו שלעכטען מענשען, פון א קלוגען צו נארעשען מענשען, פון א העלד צו פון א פייגלינג, ווייל אזא פוב-

און דער צווייטער איז געווען א שניידער און האָט געהייסען ראָזענגארטען. זיי זיינען דאָס געווען די געלט־מענשען און זיי האָבען אוועקגעשיקט מאנדעלקערן קיין לאָנדאָן נאָך אדלער׳ן, און הגם זיי האָבען זיך אויסגעגלייכט אויף אלע פונקטען איז דערפון גאָר ניט געוואָרען.

און געוואָרען דערפון גאָר ניט איז צוליעב דעם האנדגעלד, וואָס אדלער האָט געקריגען. די צוויי שיקאגער אונטערנעהמער האָבען צוגעשיקט פינף הונדערט דאָלאר אויף הוצאות פאר איהם און זיין קאָמפּאניע, נאָר איידער מען האָט זיך געריהרט אין וועג איז דאָס געלד ביי אדלער׳ן צושלאָגען געוואָרען, און אזוי ווי אין יענער צייט זיינען גראָד אָנגעקומען קיין לאָנדאָן מאגולעסקא און פינקעל, האָט זיך מאנדעלקערן געאיילט צו שליסען מיט זיי דעם שדוך, און אויף אזא אופן איז אנשטאט אדלער מיט זיין קאָמפּאניע אָנגעקומען אין ניו יאָרק מאָגולעסקאס קאָמפּאניע.

גלייך נאָך סכות האָט זיך צווישען די שיקאגאָער דירעקטאָרען און מאָגולעסקא׳ס קאָמפּאניע אָנגעהויבען א רייסעריי און קריגעריי. די דירעקטאָרען האָבען ניט געקענט קריגען קיין טהעאטער אין ניו יאָרק אָדער זיי האָבען ניט געקענט אריין אין א צו גרויסע הוצאה און דער קאָנטראקט האָט געלויטעט, אז אויב די דירעקטאָרען קריגען ניט קיין טהעאטער אין ניו יאָרק דאַרף די קאָמפּאניע פאָהרען אויף א טור איבער דער פּראָווינץ אונטער זייער דירעקציאָן. פאר דער קורצער צייט וואָס די קאָמפּאניע האָט דאָ געשפּיעלט האָט מאגולעסקא און די אנדערע מיטגליעדער דערוואוסט זיך, אז דער איינציגער ריכטיגער פּלאַץ וואו צו שפּיעלען טהעאטער איז ניו יאָרק. דער גרעסטער טהייל פון די אידישע וואנדערער, וואָס פאָהרען נאָך אמעריקא בלייבט אין ניו יאָרק און די אידישע בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך דאָ מיט א געוואלדיגער שנעלקייט. נאָר דער עיקר איז, וואָס ניו יאָרק טראָגט דעם כאראקטער פון א גרויסען כרך, בשעת די אנדערע שטעדט, ווי גרויס זיי זאָלען ניט זיין אין שטח און ווי שנעל די אידישע בעפעלקערונג זאָל דאָרטען ניט וואקסען בלייבען זיי פּראָווינציאָנעלע שטעדט.

און ווי גרויס די מיטגליעדער פון דער קאָמפּאניע זיינען ניט

האט קיין מאל קיין ערפאלג ניט אויף דער אידישער ביהנע, עס מאכט ניט אויס ווי גוט דאס שטיק זאל ניט זיין, און וואס פאר א געוואלדיגען ערפאלג עס זאל האבען ביי די אומות העולם. און אזעלכע שטיקער פיהרט מען נאר אויף ווען א טהעאטער כאפט זיך, אז ער האט ניט קיין אנגעגרייטע פיעסען, אדער אין צווישען סעזאנען.

אין גרונט גענומען, איז מאגולעסקא׳ס קאמפאניע געקומען קיין ניו יארק אלס א במקום, ווייל עס האט געזאלט קומען יעקב אדלער מיט זיין קאמפאניע, ווי מען קען עס זעהן פון א מודעה, וואס איז געווען געדרוקט דעם 21טען יולי, 1886, אין א ניו יארקער אידי־שער צייטונג. די מודעה האט געלויטעט אזוי:

„אדלער קאמט מיט דער ריכטיגע יודישע טרופפע דיא אין ניו יארק נאך ניט געשפיעלט האט, מיט איבער הונדערט נייע שטיק, (?) דיא מאן נאך אין ניו יארק ניט געזעהן האט. וויר זינד איבערציינגט, דאס דאס היעזיגע פובליקום ערוואַרטע מיט גרויס אונגעדולד אויף דעם בעריהמטען יודישען שוישפיעלער א ד ל ע ר דער דעם גרעסטען סוקסעס (ערפאלג) געמאכט האט אין דיא גרעסטע שטעדט אין יוראפ (אויראפע), יעצט קאמט ער אהער מיט זיינער וועלט בעריהמטען טרופפע פון יוראפ אום צו צייגען דען ניו יארקער יודישער פובליקום, דאס עס ווירקליך עקסעסטירט איינע ריכטיגע יודישע טרופפע.“

אונטער דער מודעה איז געווען אונטערגעשריבען „דיא נייע אידישע טהעאטער געזעלשאפט“, און דער גאנצער אויפטהוער דער־פון איז געווען א געוויסער מאנדעלקערן, וועלכער האט געהאט עפעס א קליינע שייכות מיט דער פריהערדיגער קאמפאניע און ווען צווישען זיי איז געוואָרען אויס שידוך האט ער געהאפט, אז ווען איהם וועט געלינגען אראבצוברענגען א נייע טרופע וועט ער הא־בען א גרעסערען אנהאלט ביים נייען טהעאטער.

מאנדעלקערן אליין איז געווען אן ארימער אימיגראנט, נאך איהם איז געלונגען צו פעראינטערעסירען אין דער דאזיגער אונטע־נעהמונג צוויי שיקאגער אידען, איינער פון זיי האט געהייסען דראזדאוויטש און האט געהאט א שניידער מאגאזין אין שיקאגא

לאר פאר שליסעל געלד און האבען איבערגעביטען דעם נאמען פון דעם טהעאטער אויף „רומעניע אפערע הויז“.

ארום דער צייט איז פון לאנדאן אנגעקומען קיין ניו יארק משה הורוויטש, וועלכער האט פון בוקארעסט אן ערגעץ קיין מקום מנוחה ניט געפונען און די נייע קאמפאניע האט איהם אנגעשטעלט אלס אויטאר.

דאס ערשטע אריגינעלע שטיק, וואס מען האט אויפגעפיהרט אין דעם „רומעניא אפערא הויז“ איז געווען „טיסא עסלאר“ פון מ. הורוויטש. דאס איז געווען די איינציגע פיעסע אויף דער אידישער ביהנע, וואס איז געגאנגען מיט א פארטזעצונג. די דאזיגע פיעסע האט זיך אין איין נאכט ניט געענדיגט און די צושויער האבען גע־מוזט קומען א צווייטען אבענד צו זעהן דעם סוף. דאס שטיק האט געהאט א גרויסען ערפאלג, נאר מעהר פיעסען מיט פארטזעצונגען האט ער ניט געשריבען.

אין „טיסא עסלאר“ האט הורוויטש געמאכט א פערזוך אויפ־צוכאפען א גרויסע סענזאציע וואס האט אויף דער מינוט געהאל־טען געשפאנט אלעמענס אויפמערקזאמקייט און מאכען דערפון א דראמע. דער בלבול פון טיסא עסלאר איז דעמאלט נאך געווען פריש ביי אלעמען. יעדער איד האט זיך אינטערעסירט מיט דעם דאזיגען בלבול און דאס איז געווען א לעבעדיגע טאגעס־פראגע. דער ער־פאלג פון דעם שטיק האט איהם געוויזען, אז מיט אזעלכע שטי־קער קען מען זאך דער הייסער מינוט פעראינטערעסירען א פוב־ליקום, און ווען עס האט זיך געמאכט עפעס א פאלקס־צרה אדער א מדינה־אונגליק האט ער זיך געאיילט אנצואווארפען דערפון א דראמע.

דאס שטיק „טיסא עסלאר“ איז שוין ניט געווען ניי. הור־וויטש האט עס אנגעשריבען בשעת ער איז נאך געווען אין רומעניען.

נאך „טיסא עסלאר“ האט הורוויטש אנגעשריבען א צווייטע שטיק מיט'ן נאמען „שלמה המלך“ און מיט דעם שטיק הויבט זיך אן דער וויכטיגסטער טהייל פון דער ארבייט, וואס ער האט געלי־פערט פאר דער אידישער ביהנע, דאס הייסט היסטארישע אפע־ראס.

געווען האָבען זיי גרינג איינגעזעהן, אז אוועקצולאָזען זיך אין דער פּראָווינץ און בלייבען דאָרטען שטעקען הייסט בעגראבען און פערשאָטען ווערען, און זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט צו ריהרען פון אָרט.

הגם א לאנגע צייט איז געווען א געוואוינליכע זאך פאר אקטיאָרען צו ברעכען קאָנטראקטען, דאָך דארף מען זיך אָנשטויסען, אז די „גרינע" קאָמפּאניע וואָלט די ערשטע וואָכען אין אמעריקא מורא געהאט צו טהאָן אזא זאך, ווען עס זאָלען זיך ניט געפינען גוטע מענשען און צוגעבען זיי מוטה. און די גוטע מענשען האָבען געהאט זייער אייגענע כונה דערביי. עס האָבען זיך דאָ געפונען בעלנים מיט מעהר געלד, וואָס זיינען געווען גרייט צו ווערען דירעקטאָרען פון דער קאָמפּאניע. איינער מיט'ן נאָמען שרייבער, וועלכער האָט געהאלטען א קאפע אין דעם אידישען קווארטאל אין ניו יאָרק האָט צוזאמענגעפיהרט דעם אדוואָקאט ליוויי, דעם גלאָזענדלער ראָט און דעם הענדלער מיט הייזער און לאנד גאָלדמאן מיט מאגולעסקא און זיין קאָמפּאניע און די ערשטע דריי האָבען זיך אונטערגענומען צו קריגען א טהעאטער אין דעם אידישען קווארטאל אין ניו יאָרק און אריינלעגען אזוי פיעל געלד ווי עס וועט זיין נויטיג. מיט אן אַדוואָקאט אלס איינער פון די דירעקטאָרען, האָט זיך די גרינע קאָמפּאַניע געפיהלט מוטהיג גענוג צו ברעכען דעם קאָנטראַקט מיט די שיקאגאר דירעקטאָרען. די לעצטע האָבען ניט געשוויגען און ווען מאגולעסקא מיט זיין קאָמפּאַניע האָבען זיך אבגעזאָגט פון צו פאָהרען אויף דער פּראָווינץ, האָבען זיי ארויסגענומען פון געריכט א בעפעהל, אז איידער וואָס ווען טאָר די קאָמפּאניע אין ניו יאָרק ניט שפּיעלען. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגען א וואָך זעקס און אונטער דער צייט איז די קאָמפּאַניע געזעסען מיט פערלעגטע הענד, נאָר די שיקאגאר דירעקטאָרען האָבען דעם פּראָצעס פערלאָרען, און מאגולעסקא מיט זיין קאָמפּאניע זיינען געבליבען אין ניו יאָרק.

ליוויי, ראָט און גאָלדשטיין האָבען אָנגעהויבען צו זוכען א טהעאטער און באלד האָבען זיי איבערגענומען דעם נעשאָנאל טהעאטער. מען זאָגט, אז זיי האָבען בעצאָהלט צוואנציג טויזענד דאָ־

האט אפט געהייסען א גוטער מיטאג, וואס מען האט זיך ניט אזוי אפט געקענט פערגינען, אדער עטליכע סיגארען, וואס האבען פער־שאפט הרחבת הדעת, אדער א גוטער טרונק, וואס האט צוגעגע־בען מוטה צו הונגערן און קעמפפען וייטער. אזא גליק האבען אבער געהאט נאר די שטערען. די קלענערע אקטיארען האבען גע־מוזט בענוגענען זיך מיט „פאטריאטען", „יאלדען", „סטיידזש איינדזשעלס", „סאוקערס." דאס זיינען געוואוינליך געווען ארימע ארבייטער, וואס האבען די גאנצע וואך געפראצעוועט אין פאב־ריק, און אין זייערע טעג פון רוה און די אבענדען האבען זיי פער־בראכט אין טהעאטער און ארום טהעאטער. זיי זיינען געווען פער־קאכט אין די אקטיארען, און עס קען זיין, אז יעדער פון זיי האט גע׳חלומ׳ט צו ווערען מיט דער צייט א שוישפיעלער. די קלענערע אקטיארען האבען פון אזעלכע ניט געקענט אבלעקען קיין פעטען ביינדעל, נאר א טאסע קאפע מיט טארט און א פעקיל פאפיראסען האט מען פון זיי געקענט נאשען. און בשעת הרחק איז דאס א גוטע זאך.

א חוץ דעם האט דאס די אקטיארען געגעבען די מעגליכקייט צו ברענגען קונדען אין שרייבערס קאפע און דערפאר האט א בע־וויבטער אקטיאר געקענט קריגען א ברייטעל מיט א הערינג צו שטילען דעם הונגער פון ווייב און קינדער אין דער היים.

אויף צרות זיינען געווען אלע אקטיארען אין ביידע טהעא־טערס, און דאס האט געפיהרט דערצו, אז די פיינדשאפט פון איין טהעאטער צום צווייטען איז געוואקסען אלץ גרעסער. וואס ווייטער איז די שנאה אלץ מעהר פערשארפט געווארען. די טהעאטערס האבען זיך שוין ניט בענוגענט דערמיט, וואס איינער האט אויסגע־כאפט א טיטעל אדער דעם אינהאלט פון א פיעסע פון צווייטען טהעאטער. די ביטערע קאנקורענץ האט זיך דערמיט שוין ניט גע־קענט שטילען. די דירעקטארען האבען ארויסגעלאזט קליינע אפי־שען, אין וועלכע זיי האבען געווארפען שמוץ איינער אויפ׳ן אנדערן און אויסדערצעהלט איינער אויפ׳ן צווייטען וואס אין קארט שטעהט. די הויפט אויפגאבע פון איין טהעאטער איז געווען צו דיסקרעדיטירען דעם צווייטען טהעאטער. א חוץ די אפישען האט

די קאָנקורענץ צווישען די צוויי טהעאטערס איז אזוי פער־שארפט געוואָרען, אז א טהעאטער האָט זיך ניט בענוגענט מיט די קרעפטען, וואָס ער איז בעזעסען, נאָר יעדער האָט געזוכט אויסצו־כאפען די שטיקער פון דעם אנדערן, און אזוי ווי די שטיקער האָט מען ניט געקענט אויסכאפען, ווייל יעדער טהעאטער האָט געהאט זיין פערפאסער, האָט מען געזוכט אויסצוכאַפּען דעם אינהאלט פון א שטיק. מיר זעהען אז אין דער זעלבער צייט, וואָס די „רו־מעניא אָפּערא הויז“ פיהרט אויף די אָפּערא „שלמה המלך“ פון מ. הורוויטש, פיהרט מען אויף אין אָריענטאל טהעאטער די אָפּער „משפט שלמה“ פון י. לאטיינער. פערשטעהט זיך, אז דאָס איז ניט קיין בלינדער צופאל, נאָר אַ געוויסע טאַקטיק, ביי וועלכער די אי־דישע טהעאטערס האָבען זיך געהאלטען א לאנגע צייט.

נאָך „שלמה המלך“ האָט מען אין רומעניא אפּערע הויז אויפ־געפיהרט „יהודה וישראל“. הורוויטש האָט דאָס שטיק האלב אי־בערזעצט, האלב איבערגעמאכט פון דער דייטשער פּיעסע „די צוויי סערזשאנטען“. דערנאָך האָט מען אין דעם זעלביגען טהעא־טער אויפגעפיהרט „דאָן יאזעף אברבנל“, וואָס הורוויטש האָט גע־נומען ווי עס שטעהט און געהט פון קאצעבו'ס „ערעמיט אויף פארמענטערא“. דאָס דאָזיגע שטיק איז געשאפען געוואָרען צו־ליעב דעם, וואָס אין דעם צווייטען טהעאטער איז אַנאָנסירט געווען א נייע שטיק פון ראובן ווייסמאן אונטער'ן נאָמען „דאָן יצחק אברבנל.“

דער פועל יוצא פון דער קאָנקורענץ איז געווען, אז ביידע טהעאטערס האָבען זיך געמאטערט, אדער ריכטיגער וועט זיין צו זאָגען, אז ווייל ביידע טהעאטערס האָבען זיך געמאטערט, איז די קאָנקורענץ געווען צווישען זיי אזא שארפע. נאָר אין דעם איז קיין ספק ניט, אז די אקטיאָרען זיינען געווען אויף גרויסע צרות.

אין יענער צייט איז פאר אן אקטיאָר געווען אן עולם ומלאה. ווען עס האָט זיך געפונען עפּעס א פאבריקאנטעל, וואָס האָט פּאט־ראָניזירט די קונסט און וואָס פלעגט נאָכ'ן שפּיעלען צוקומען צום ליעבלינג שוישפּיעלער, א געזונטען קלאַפּ טהאָן איהם אין פּלייצע און א זאָג טהאָן: „קום, ברודער, לאָמיר עפּעס צובייסען.“ דאָס

צווייטער קאַפּיטעל.

די גאַנצע משפּחה אין ניו יאָרק.

ווי שלעכט עס האָט זיך ניט געלעבט די אקטיאָרען אין דעם נייען לאַנד, איז דאָס געווען אַ גן עדן אנטקעגען די אנדערע לענדער, וואו אידישע אקטיאָרען זיינען פערוואָרפען געוואָרען. אומעדום האָט מען געזעהן, ווי דער עולם לאָזט זיך אוועק קיין אמעריקא און פון דאָרטען זיינען אָנגעקומען בריעף, וואָס האָבען דערצעהלט וועגען אזעלכע גליקען, וואָס מען האָט ערגעץ אנדערסוואו ניט געהערט, און יעדער אקטיאָר און יעדע אקטריסע, וואו זיי זיינען ניט געווען האָבען געשטרעבט נאָך דער גאָלדענער מדינה.

דער וועג איז געווען אַ צו ווייטער, און ניט אזוי דער מרחק ווי די גרויסע הוצאה, וואָס אזא רייזע האָט געדאַרפט קאָסטען, און מיט ווייניגע אויסנאהמען האָבען כמעט אַלע אקטיאָרען געשפּאָלטען די רייזע אין צווייען. די ערשטע סטאַנציע איז געווען לאָנדאָן, דאָ האָבען זיי זיך אבגעשטעלט, ארומגעקוקט זיך, אבגענומען נעהענטערע גערוסען וועגען אמעריקא, געשטאַנען אַ קירצערע אָדער לענגערע צייט און נאָכדעם אוועקגעלאָזט זיך צו דער גאָלדענער מדינה. אזוי איז געווען מיט די ערשטע האַלבע אקטיאָרען, וואָס האָבען אין ניו יאָרק געגעבען די ערשטע פאָרשטעלונגען, אזוי איז געווען מיט דער ערשטער ראַיעלער טהעאטער קאָמפּאַניע, פון וועלכער זילבערמאַן איז געווען דער קאָפּ. די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט זיך פריהער אבגעשטעלט אין לאָנדאָן און אַ דאַנק איהר איז מעגליך געוואָרען צו געבען צוזאמען מיט די אָרטיגע

מען געהאלטען רעדעס פון דער ביהנע און געגאָסען פעך און שוועבעל איינע אויף די אנדערע. מען האָט אויך פערפאסט ספּעציעלע קופּלעטען און ארייגגעשטוקעוועט זיי אין די פּיעסען. אין די דאָזיגע קופּלעטען האָט מען אָבגעלאכט, חוזק געמאכט פון די אקטיאָרען פון דעם צווייטען טהעאטער. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס האָט ניט געשטערט איין טהעאטער אריינצונעהמען פון צווייטען טהעאטער אן אקטיאָר, פון וועלכען מען האָט אבגעלאכט, וועלכען מען האָט בעשימפּפט און בעשמוצט.

קיין חן האָבען די דאָזיגע רייסערייען, צאנקערייען, זידלערייען, קריגערייען די טהעאטערס ניט צוגעגעבען, און די געשעפטס־זייט פון די טהעאטערס איז דערפון ניט פערבעסערט געוואָרען.

יסוד פון דעם קלוב זיינען געווען די מיטגליעדער, נאָר דער גרעס־טער טהייל הכנסה איז געקומען פון זייטיגע בעזוכער, וועלכע די מיטגליעדער האָבען זיך געקליגט אריינצולאָזען. די מיטגליעדער האָבען געצאָהלט א שילינג א וואָך און דערפון האָט נאָר געקריגען דער הויפט אקטיאָר און די אנדערע האָבען זיך געדארפט צופריע־דענשטעלען מיט דער קונסט, צו וועלכער זיי האָבען זיך געווידמעט. נאָר אפילו דער הויפט אקטיאָר האָט קוים געהאט וואסער אויף קאשע.

די פאָרשטעלונגען אין א קלוב זיינען צוגעגאנגען מיט א בע־זונדערן סדר. אין מיטען האָל איז געשטאַנען א טיש און דאָרטען זיינען געזעסען דער פארזיצענדער און דער קאָמיטעט, אויף א צייכען פון פאָרזיצענדען האָט זיך דער פארהאנג אויפגעהויבען און מען האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען.

ווי עס ווייזט אויס, זיינען גראדנערן ניט געפעלען געוואָרען די פאראנדקעס פון לאָנדאָן, ווייל ער האָט באלד גענומען זיין ווייב און איז מיט איהר אוועקגעפאָהרען קיין פאריז צו געבען דאָרטען פאָרשטעלונגען, אבער ער האָט גאר גיך אויסגעפונען, אז אין דער הינזיכט איז פאריז נאָך ערגער פון לאָנדאָן און ער האָט זיך צוריק־געקעהרט אין דער הויפטשטאָדט פון ענגלאנד און האָט געמאכט שבת פאר זיך, דאָס הייסט ער האָט צוזאמענגעשטעלט א קאָמפּאַ־ניע און געשפּיעלט אין זיינעם אן אייגענעם קלוב.

אזוי ווי לאָנדאָן איז געווען די ערשטע סטאַנציע פאר אלע יענע, וואָס זיינען געפאָהרען קיין אמעריקא, זיינען דורך דער צייט דאָרטען פיעלע פערבליבען און די אקטיאָרען פאמיליע האָט זיך מיט יעדען יאָהר פערגרעסערט. אויך זיינען צוגעקומען שפּיעלער פון דער אידישער בעפעלקערונג אין לאָנדאָן גופא. אזוי איז אין לאָנדאָן אין די ערשטע פאָר יאָהר געוואָרען אן אקטריסע פרוי מאנע, וועלכע האָט זעהר ווייניג אידיש געקענט און שפּעטער איז צוגעקומען אנא העלד. די לעצטע הגם א געבאָרענע פון ווארשא האָט נאָך אלס קינד עמיגרירט קיין פאריז און פון דאָרטען איז זי אריבערגעקומען קיין לאָנדאָן און איז אריינגעטראָטען אלס כאָריסטקע אין דער אידישער טרופּע אין לאָנדאָן און האָט זיך אין א קורצער צייט דערהויבען צו

אַקטיאָרען עטליכע פּארשטעלונגען אין א ריכטיגען טהעאטער. אויף דער אוואנגארד פון דער צווייטער קאָמפּאַניע, מאָ־גולעסקא און פינקעל, איז פריהער אריינגעפאלען אין לאָנדאָן און צופעליג דאָרטען געטראָפען זיך מיט א שליח, וואָס איז נ ט געקומען נאָך זיי. און אזוי איז געווען דער פאל במעט מיט אלע אנדערע אקטיאָרען וואָס זיינען אין יענער צייט געקומען קיין אמעריקא.

צייט טהעאטער איז פערבאָטען געוואָרען אין רוסלאנד, איז אין לאָנדאָן געשטאַנען א קאָמפּאניע. יעקב אדלער איז געווען פון די ערשטע אקטיאָרען וואָס האָט זיך בעזעצט אין לאָנדאָן און דאָרטען האָבען זיך אויך בעזעצט די גראדנערס. הגם זיי זיינען געווען פון די וויכטיגסטע קרעפטען וואָס די ביהנע האָט דעמאָלט פערמאָגט, האָט זיך אבער זייער שפּיעלען אויסגעביטען אויף קליין געלד. קיינער פון זיי האָט ניט געהאט קיין ריכטיגען טהעאטער און די גאנצע צייט אין לאָנדאָן האָבען זיי געשפּיעלט אזוי צו זאָ־גען אין קלובען.

ניט אדלער און ניט גראדנער האָבען געקענט דערוויזען צו נעהמען א ריכטיגען טהעאטער אין לאָנדאָן. אזא טהעאטער א״ז פערבונדען מיט א גרויסער הוצאה און דער אידישער עולם אין לאָנדאָן איז געווען צו אָרים דערפאר. אין אנדערע מדינות האָט מען זיך געהאָלפען דערמיט, וואָס מען האָט גענומען א שטאָל אָדער א טראקטיר און א נאָמען געגעבען איהם טהעאטער און געעפענט דאָרטען א קאסע. נאָר אין לאָנדאָן האָט מען אזוי ניט געקענט טהאָן. א געביידע וואָס טראָגט דעם נאָמען טהעאטער, דארף זיין צוגעפּאסט צו די תקנות פון שטאָדט, אז ניט טאָר מען דאָרטען ניט שפּיעלען.

אנדערש איז אבער דער דין מיט א קלוב. די מיטגליעדער האָ־בען א רעכט צו פערזאמלען זיך ביי זיך אין קלוב און געבען פּאָר־שטעלונגען, נאָר זיי טאָרען קיין בילעטען ניט פערקויפען. די מיט־גליעדער דינגען א האָל און גיעבען דאָרטען זייערע פאָרשטעלונגען.

אדלער האָט געשפּיעלט אין אזא קלוב און די פּאָרשטעלונגען זיינען געגעבען געוואָרען שבת צו נאכט און זונטאג אבענד. דער

בעסטע קרעפטען פון יענער צייט, נאר אויך א גאנצע מחנה שוי־שפיעלער.

אזוי זעהען מיר, אז סוף 1886, ווען דער פרינסעס קלוב איז פארטיג געווארען זיינען אין לאנדאן געווען: אדלער, גראדנער, פרוי גראדנער, פרוי ליפצין, מאקס ראדקינזאן (זיין ביהנען־נאמען איז געווען רודאלף מארקס), קאצמאן און פרוי קאצמאן, מאקס ראזענטהאל, דינה שטעטין, מאנע און פרוי מאנע, גאלד, באם, פייוועלע פריעדמאן, אנא העלד, א געוויסער שרגא, יאקובאוויטש, פרוי יאקובאוויטש און נאך אנדערע. און טאמער זיינען די געווען נאך ווייניג האט מען ארויסגעבראכט קיין לאנדאן אבא שעהנגאלד און זיין פרוי קלארא שעהנגאלד. אין יענער צייט האט זיך אבא שעהנגאלד גערעכענט פאר'ן גרעסטען דראמאטישען שוישפיעלער אויף דער אידישער ביהנע.

אין פרינסעס קלוב איז שוין איינגעפיהרט געווארען א נייע טאקטיק צו צאהלען די אקטיארען שכירות, און אזא קראפט ווי אדלער האט געקריגען אן ערך פון דריי פונט און צעהן שילינג א וואך, דאס האט מען גערעכענט פאר גוואלדיג גרויסע שכירות. איצט האט מען שוין געשפיעלט די גאנצע וואך, א חוץ פרייטאג צו נאכט און שבת בייטאג. מען האט אבגעהיט שבת ניט דערפאר, וואס דער דירעקטאר און אקטיארען זיינען געווען אזוי פרום און אויך ניט דערפאר וואס דער אידישער לאנדאנער עולם האט ניט געוואלט מחלל שבת זיין, נאר ווייל די פרומע האבען געהאט א בייטש איבער'ן קלוב. ווי עס איז שוין פריהער געווען ערקלערט איז דאס שפיעלען אין קלוב ניט צוגעגאנגען אין גאנצען כשר, און א חוץ דעם איז דער דירעקטאר געווען א קצב און ער האט געמוזט פיהרען אן אידישען שטאט.

דער רב הכולל פון יענער צייט אין לאנדאן דר. אדלער און די אידישע אריסטאקראטיע האבען געקוקט קרום אויף די אידישע פארשטעלונגען אין די קלובען. זיי האבען פון זייער אסימילאטארישען קוק ניט געקענט רוהיג צו זעהן א אידישע ביהנע, וואס פערשפרעכט איינצואווארצלען דעם „זשארגאן" און א אידישע קולטור צווישען די אריבערגעקומענע אידען און וואס וועט זיי שטערען צו

דער מדרגה פון א פּרימאַדאָנא. יאהרען שפּעטער האָט זי א נאָמען געוואונען אויף דער ענגלישער וואדעוויל ביהנע און א סך לעגענדרען זיינען וועגען איהר ארומגעגאנגען. אזוי איז אויך פּעני עפּשטיין געווען א כאַריסטקע אין לאָנדאָן, איידער זי איז פון איינעם פּער־פיהרט געוואָרען קיין אינדיען, וואו א פּרינץ מיט'ן נאָמען וואדיא האָט זיך אין איהר פערליעבט. נאָכדעם האָט זי זיך צוריקגעקעהרט קיין לאָנדאָן און געוואָרען א אידישע שוישפּיעלערין. אין די דאָ־זיגע יאָהרען האָט דינה שטעטין (שפּעטער פרוי דיינע פיינמאן) געמאכט איהר דעביוט ביי גראַדנער'ן אין קלוב, אויך מאקס ראָזענ־טהאל האָט אין דער זעלביגער צייט צום ערשטען מאָל אויפגעטרא־טען אין גראדנערס קאָמפּאניע.

ווי ווייט די אקטיאָרען האָבען זיך דאָרטען געפּלאָגט, קען מען זעהן דערפון, אז די גרעסטע איינגאהמע וואָס מען האָט אין אזא קלוב געקענט האָבען פון א פאָרשטעלונג איז העכסטענס געווען זיבען אָדער אכט פונט, דאָס הייסט פינף און דרייסיג אָדער פער־ציג דאָלאר. אדלער האָט אין די שפּעטערע יאהרען מיט א וויה־טאָג דערצעהלט, ווי אזוי ביי איהם איז אין לאָנדאָן א קינד גע־שטאָרבען, ווייל ער האָט ניט געהאט די מיטלען צו האלטען א דיענסט און מען האָט עס צו יעדער פאָרשטעלונג געדארפט טראגען אין טהעאטער און פון טהעאטער.

נאָר דאָס האָט ניט אָבגעהאלטען די פאמיליע אקטיאָרען צו פערגרעסערען זיך מיט יעדען יאָהר. די אקטיאָרען האָבען זיך פער־איינינגט און דאָ צוגאנגען זיך און דאָרטען וואו איין קאָמפּאניע האָט זיך געפּלאָגט האָט זיך געגרינדעט א צווייטע און א דריטע און קאָנקורירט אזוי לאנג ביז זיי האָבען זיך ווידער פעראייניגט און אזוי יאהר איין יאָהר אוים זיינען געשלאָסען געוואָרען שידוכים און עס איז געוואָרען אוים שידוך און מזכה געווען דעם לאָנדאָ־נער אידישען עולם מיט ״טהעאטער קונסט.

דער וויכטיגסטער דירעקטאָר פון יענער צייט אין לאָנדאָן איז איז געווען א געוויסער קצב מיט'ן נאָמען סמיטה, וועלכער האָט געגומען בויען א קלוב אין פרינס סטריט, און ווען די נייע געביי־דע איז פארטיג געוואָרען, האָט שוין לאָנדאָן געהאט ניט נאָר די

צו שאפען די נויטיגע הוצאות פאר איהם און די קרובים און זיין קאמפאניע ביז שיקאגא, אבי פטור צו ווערען פון זיי פון לאנדאן און א פאר וואכען פאר פורים האט מען זיי אויסגעריכט אין וועג.

די קאמפאניע איז בעשטאנען פון יעקב אדלער, די ליפּצינס, גאלד, פייוועלע פריעדמאן, פידלער, באנעס, באם, אבערלענדער און אנדערע.

געפאהרען איז אדלער מיט דער קאמפאניע קיין שיקאגא, נאר געהאפט האט ער צו בלייבען אין ניו יארק, און איידער ער האט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן שיף, האט ער אנגעשריבען בריעף צו די־רעקטארען פוןביידע ניו יארקער טהעאטערס אז ער קומט מיט זיין טרופּע קיין אמעריקא און זיין ערשטער אבשטעל וועט זיין אין ניו יארק. דערמיט האט ער געגעבען צו פערשטעהן, אז ער וועט זיך לאזען רעדען, אויב זיי וועלען האבען חשק אריינצונעהמען איהם צו זיך. נאר ווען דאס שיף איז אנגעקומען, איז קיינער פון די טהעאטער לייט ניט געקומען איהם בעגעגענען. ער האט פער־שטאנען, וואס דאס בעדייט און ער האט קיין שהיות ניט געמאכט און גלייך מיט זיין טרופּע אוועקגעפאהרען קיין שיקאגא.

זיי זיינען אנגעקומען פורים ביינאכט, פונקט צו דער סעודה. ער האט נאך אין דער זעלביגער נאכט אבגעזוכט דראזדאוויטש און ביי דער סעודה א ז דער עסק געשלאסען געווארען צווישען זיי. דראזדאוויטש אין עטליכע טעג צייט האט געפונען שותפים און צוזאמען האבען זיי גענומען מעדיסאן סטריט טהעאטער און נאך פאר פסח האט אדלער מיט זיין קאמפאניע אנגעהויבען צו שפּיע־לען.

די שטיקער וואס מען האט דארטען אויפגעפיהרט זיינען גע־ווען פון דעם אלטען רעפּערטואר פון רוסלאנד. מען האט געשפּיעלט „אוריאל אקאסטא“, „דאקטאר אלמאסאדא“, „די משוגענע אוים ליעבע“. דאס לעצטע שטיק איז פערפאסט געווארען אין אדעס פון א שוסטער מיט'ן נאמען וואזעלינסקי. דער עולם איז געקומען זעהן די פּיעסען, נאר מען האט העכסטענס געקענט שפּיעלען א שטיק צוויי דריי מאל און קיין נייע פּיעסען האט די טרופּע ניט געהאט.

תיכף נאך פסח האט די טרופּע ערקלערט א סטרייק אדלער'ן

אנגלאַזירען זיך אזוי גיך, ווי זיי האָבען עס געוואונשען. און דר. אדלער האָט געהאט נאָך אן אנדער אורזאַך צו זיין אונצופריעדען מיט דער אידישער ביהנע. אויף דער אידישער ביהנע געהט אַז די גאנצע צייט א שרעקליכער חלול הקודש, וואָס מען ערלויבט זיך ניט ביי קיינע פון די אומות העולם. ער האָט ניט געקענט ליידען, וואָס מען מאַכט אויף דער ביהנע א ברכה לבטלה און אפילו אין אזא שטיק ווי „אוריאל אקאסטא" האָט ער געזעהן א חלול הקודש דערין, וואס מען בלאָזט דאָרטען פון אן אמת'ן שופר. און ער האָט טאקע גע'פועל'ט ביי דער קאָמפאַניע, אז מען זאָל בלאָזען פון א פאַפּירענעם שופר און ער אליין האָט אזא שופר בעשטעלט און צוגעשטעלט.

נאָר צו דער אריסטאָקראַטישער טהייל אידען אין לאָנדאָן האָט געקוקט קרום אָדער גלייך, האָט ער קיין איינפלוס ניט אויסגעאיבט אויף דער אידישער ביהנע און די אקטיאָרען אין לאָנדאָן האָבען די ערשטע עטליכע יאָהר געבראַכט אזוי ווייט, אז אין פּרינסעס קלוב האָט מען שוין געשפּיעלט יעדען אבענד און ארום דער דאָרטיגער אידישער ביהנע האָבען זיך גרופּירט די בעסטע קרעפטען פון יענער צייט. עס האָט געשיינט, אז דער אידישער טהעאטער אין לאָנדאָן וועט ניט נאָר ניט דארפען זיך שעמען פאַר'ן אידישען טהעאטער אין אמעריקא, נאָר ער וועט נאָך פּערדרייסען דעם קאָפּ געגען איהם.

אָבער איידער דאָס איז געשעהן, האָט געטראָפען אן אונגליק אין דעם פּרינסעס קלוב בשעת מען האָט דאָרטען געשפּיעלט. אין מיטען ווינטער אין 1887 האָט עמיצער אויסגעשריען „פייער!" און אין דער מהומה זיינען זיבעצען מענשען אומגעקומען. די אקטיאָרען האָבען נאָך דעם פּערלאָרען דעם מוטה און האָבען געזוכט צו אנטלויפען וואָס גיכער פון לאָנדאָן. אבא שעהנגאָלד און זיין ווייב זיינען אוועקגעפאָהרען קיין ניו יאָרק, גראַדנער און זיין פרוי זיינען אוועקגעפאָהרען קיין ווארשא און אדלער האָט זיך דערמאָנט, אז אין מ׳טען זומער איז צו איהם געקומען א שליח פון שיקאגער אונטערנעהמער און ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען נאָך שיקאגאָ. ער האָט זיך געווענדט צום רב הכולל און יענער האָט איינגעוויליגט

ביידע טהעאטערס האָבען זייער קאריער אָנגעהויבען אדער ביי איהם אָדער אין זיינע קאָמפּאניעס, — אויב ער האָט ערוואָרט פון זיינע תלמידים א פריינדליכען קבלת פנים, האָט ער זיך ביטער גענארט אין חשבון. די צוויי אויטאָרען לאטיינער און הורוויטש האָבען אין איהם דערזעהן א געפעהרליכען קאָנקורענט און זיי האָבען געטהאָן אלץ וואָס זיי האָבען געהאט בכח צו פערצאמען פאר איהם דעם וועג צום טהעאטער. נאָר אויך ניט פיעל פריינדלי־כער האָבען זיך געוויזען צו איהם די אקטיאָרען. זיי האָבען גוט געדענקט די צייט, ווען גאָלדפאדען איז געווען א גאנצער קיסר, און זיי זיינען פאר איהם געשטאַנען מיט דער טיעפסטער הכנעה, ווען ער איז געווען גאָר, און זיי גאָרנישט און זיי האָט אויסגעוויזען, אז קוים דארף ער נאָר ארייגשטעלען א פוס אין טהעאטער און זיי וועלען ביי איהם צוריק ווערען פערשקלאפט.

גאָלדפאדען האָט בעגעגענט זעהר א טרוקענעם ברוך הבא, ווען ער האָט מיט זיי אָנגעהויבען צו רעדען וועגען ארבייטען צוזאמען אויף דער נייער ביהנע אין דעם נייען לאנד. ער האָט געוואָלט האָ־בען אן אייגענעם טהעאטער און אויסקלייבען א גוטע קאָמפּאניע, נאָר שוין די ערשטע און וויכטיגסטע מניעה האָט זיך ארויסגעוויזען פון דער זייט פון די אקטיאָרען.

די דירעקטאָרען פון דער „רומעניע אָפּערע הויז“, ליוויי און גאָלדשטיין האָבען זיך דוקא אנגעכאפּט אָן גאָלדפאדען און זיי האָבען זעהר געוואָלט ארייננעהמען איהם אין זייער טהעאטער, נאָר די סאמע וויכטיגע קרעפטען פון דער קאָמפּאניע, ווי מאגולעס־קא, פינקעל, קעסלער און פיינמאן האָבען מיט'ן הארבען ווארט ער־קלערט, אז זיי וועלען ניט שפּיעלען אונטער זיין דירעקציאָן, און די דירעקטאָרען איז אויסגעקומען אויסצוקלייבען צווישען גאָלד־פאדען און דער קאָמפּאניע. די דירעקטאָרען האָבען דעם וואהל גע־מאכט און האָבען אין „רומעניע אפּערע הויז„ ארייגגענומען גאָלד־פאדען. די געשעפטען אין טהעאטער זיינען ניט געווען קיין געהוי־בענע און זיי האָבען געהאפט, אז מיט דעם גרינדער פון דעם אידי־שען טהעאטער אלס איינער פון דער דירעקציאָן וועט זיך אָנהוי־בען א שפע אין דער קאסע. אלס פּראָטעסט איז די גאנצע קאָמפּא־

און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אז דאָרטען וואו איין טהע־אטער האָט זיך ניט געקענט האַלטען זיינען באַלד געוואָרען צוויי טהעאטערס. אדלער האָט אָבגעזוכט די עטליכע אקטיאָרען, וואָס זיינען פערוואָרפען געוואָרען אין שיקאגאָ מיט עטליכע יאָהר פריי־הער און האָט זיך געשטעלט מיט זיי שפּיעלען. נאָר ביידע טהעאָ־טערס זיינען איצט געווען אויף גרויסע צרות און ביידע האָבען אין גיכען געפּלאַצט.

כמעט די גאנצע קאָמפּאניע וואָס איז געקומען מיט אדלער׳ן פון לאָנדאָן איז געבליבען שטעקען אין שיקאגאָ. ווער עס האָט חשק געהאט האָט זיך גענומען צו א מלאכה, איינער איז געוואָרען א קוטשער, א צווייטער איז אריין אלס משרת צו אן אדוואקאט אנדערע האָבען געזוכט פּערדיענסטען אָהן בעשעפטיגונג און אד־לער און די ליפּצינס זיינען אוועקגעפאָהרען קיין ניו יאָרק.

פרוי ליפּצין איז גלייך אנגאזשירט געוואָרען אין „רומעניא אפּערע הויז“ און איהר דעביוט פאר׳ן ניו יאָרקער פּובליקום איז געווען אין „דעבאָראה“. אין דער זעלביגער צייט איז אויך קאָרפּ אריבער פון דעם אָריענטאל טהעאטער אין דער „רומעניע אפּערע הויז“ און ער האָט אויך מיטגענומען סאָפיע גאָלדשטיין, נאָך וועל־כער זיין קאָמפּאניע האָט איהם געשיקט קיין אייראָפּע מיט איבער א יאָהר צוריק און ער האָט איהר געבראכט קיין ניו יאָרק. אבא שעהנגאָלד און זיין פרוי קלארא זיינען אריין אין דעם אָריענטאל טהעאטער, נאָר אויף אדלער׳ן האָט זיך קיין בעלן ניט געפונען. אין איין טהעאטער זיינען געגען איהם געווען מ. הורוויטש, קעס־לער און פיינמאַן און האָבען איהם ניט געוואָלט האָבען ביי זיך, און אין צווייטען טהעאטער האָט זילבערמאַן יא חשק געהאט אריינצונעהמען איהם, אבער זיי האָבען זיך ניט געקענט אויסגלייי־כען וועגען דער איינטהיילונג פון ראָלען און אדלער האָט זיך צו־ריקגעקעהרט קיין לאָנדאָן.

ארום דער צייט, אין 1887, איז אברהם גאָלדפאדען אנגעקו־מען קיין ניו יאָרק, צוזאמען מיט ספּיוואקאָווסקי.

אויב ער האָט ערווארט א פריינדליכען קבלת פּנים פון די אק־טיאָרען, וואָס ער האָט געשאפען, און כמעט אלע אקטיאָרען אין

קונפט ניט געזעהן אין אמעריקא און זיי האבען אנגעהויבען צו טראכטען וועגען השיבנו נאזאד. אין מיטען זומער האבען זיי בע־שלאסען צו געבען עטליכע פארשטעלונגען און אויף אזא אופן שא־פען הוצאות אויף דער רייזע צוריק נאך אויראפא.

אין דער צייט ווען די לאגע פון דער „רומעניא אפערע הויז“ קאמפאניע איז געווארען אזא קריטישע, איז דער אויטאר פון דער קאמפאניע, מ. הורוויטש געפאלען אויף אן אריגינעלען פלאן. מ. הורוויטש האט בעמערקט אז די אידען טרעטען גערן אריין אין לאזשען און זיי זיינען צופריעדען צו צאהלען פיינע עטליכע דא־לאר א יאהר צו זיין בעווארנט מיט קרקע און טוידטען־בענעפיט.

איהם איז דאריבער איינגעפאלען צו פעראייניגען טהעאטער מיט אן ארדען, און מיט דעם צוועק האט ער ארויסגעלאזט א פאמ־פלעט אין וועלכען ער האט בעשריעבען די וויכטיגקייט און גרוים־קייט פון אזא מין ארדען, וואס וועט זיין געבויט אויף פערגעניגען און אין דער זעלבער צייט וועלען די מיטגליעדער געניסען די פרוכטען פון א געוועהנליכען ארדען.

דערביי איז אויסגעארבייט געווארען דער גאנצער פלאן פון דעם נייעם ארדען וואס האט געדארפט הייסען „הארפע דאווויד'ס“. איינטריט געלד זאל זיין איין דאלאר, און יע־דער מיטגליעד וועט דארפען צאהלען צוויי דאלאר א חודש. נאר ניט ווי אין אלע אנדערע ארדענס וואו א מיטגליעד ווייסט מעהר ניט פון צאהלען און צאהלען און זיין גאנץ לעבען האט ער דערפון קיין הנאה ניט, וועט א מיטגליעד פון דער „הארפע דאווידס“ קריגען דעם פולען ווערטה פון דעם געלד וואס ער צאהלט איין טאקע גלייך אויף דער שטעל. יעדער מיטגליעד דארף קריגען פאר די צוויי דאלאר בילעטען אין טהעאטער, און אויף אזא אופן וועט יעדער מיטגליעד פון דער „הארפע דאווידס“ האבען דעם קרן, וואס ער צאהלט איין אין ארדען אויף דער וועלט, און די פראצענטען וועט זיין ווייב און קינדער האבען נאך זיין טויט.

דער פלאן איז געפעלען געווארען דעם עולם און אין גאר א קורצער צייט האט דער ארדען שוין געצעהלט 900 מיטגליעדער, אוןביים אינסטאלירען דעם ארדען האט מען געמאכט א פרא־

ניע ארויסגעטראָטען פון „רומעניע אָפּערע הויז" און גאָלדפאדען האָט ניט נאָר געדארפט זאָרגען וועגען פּיעסען נאָר אויך וועגען אקטיאָרען.

ווי עס ווייזט אויס, האָט גאָלדפאדען זיך ניט אבגעגעבען קיין רעכנונג, אז פון דער צייט וואָס ער האָט דאָס ערשטע שטיק אויפ־געפיהרט אין יאסי ביז זיין ערשיינען אלס דירעקטאָר אין ניו יאָרק, זיינען אריבער מעהר ווי צעהן יאהר און דאָס וואָס איז געווען גוט דעמאָלט האָט שוין נ"ט געטויגט איצט. ער האָט ניט בעגריפען, אז צעהן יאָהר זיינען געווען א לאנגער, לאנגער משך אין דער געשיכ־טע פון דעם אידישען טהעאטער און מען האָט שוין מעהר ניט גע־קענט צוזאמענגעמען, ווי אמאָל, שור־בור און מיט זיי ארויסטרע־טען פאר אן עולם. ער האָט אויך ניט בעגריפען, אז זיין רעפּערטואר האָט מען דאָ געשפּיעלט די גאנצע צייט אָהן איהם און מיט די אלטע שטיקער האָט מען קיין עולם אין טהעאטער ניט געקענט צו־ציהען.

גאָלדפאדען האָט צוזאַמענגעקליבען א קאָמפּאַניע פון אונבע־דייטענדע שפּיעלער אדער וואָס זיינען גאָר קיין שפּיעלער ניט גע־ווען, האָט ארויסגענומען פון זיין רעפּערטואר אן אלטע אָבגע־שפּיעלטע שטיק, וואָס האָט שוין געקלונגען ווי פון מלך סאָביעצ־קים צייטען, האָט איבערגעביטען דעם נאָמען פון „טודרוס בלאָז" אויף „צויבער פלייטע" און האָט דערמיט מכבד געווען דעם ניו יאָרקער פּובליקום.

די געשעפטען אין „רומעניע אָפּערע הויז" זיינען אוועק נאָך טרויעריגער ווי פריהער, און די דירעקטאָרען האָבען קיין געדולד ניט געהאט. אזוי גיך ווי זיי האָבען געזעהן, אז די קאסע איז לעדיג האָבען זיי אָהן שום צערעמאָניעס געבעטען גאָלדפאדען און זיין קאָמפּאַניע, אז זיי זאָלען געהן און האָבען צוריק אריינגענומען די אלטע קאָמפּאַניע.

נאָר אין „רומעניא אָפּערע הויז" איז שוין געגאַנגען מיט'ן פּוטער אראָב. מען האָט קוים דערצויגען ביז'ן סוף סעזאָן און דער טהעאַטער האָט זיך פערמאכט. די גרויסע קאָמפּאַניע איז געבליבען אויסגעשטעלט. די מיטגליעדער האָבען מעהר פאר זיך קיין צו־

די פאַרשטעלונגען אין פּול'ס טהעאטער זיינען אוועק אויסגע־צייכענט, נאָך די הונגער יאָהרען האָבען איצט די אקטיאָרען אָב־געלעבט. הורוויטשעס פּלאַן פון פעראייניגען טהעאטער מיט אָן אָרדען האָט זיך ארויסגעוויעזען זעהר גוט. מען האָט געשטעלט אַלטע שטיקער און דער טהעאטער איז געווען פול, די מיטגליעדער א חוץ די וואָס האָבען אליין געדאַרפט נעהמען זייערע בילעטען האָבען אויך געארבייט פאר'ן „וואָהל און בעסטען“ פון דעם אָר־דען און האָבען געבראַכט פריינד און בעקאַנטע, עס פערשטעהט זיך, אז די פריינד און בעקאנטע האָבען געדאַרפט קויפען בילע־טען, און אין דער קאַסע איז געווען א היבשע שפע. שפּעטער אין סעזאָן האָט הורוויטש אָנגעשריבען א שטיק „די ציגיינערין“.

דערפאר איז אין „אָריענטאַל טהעאטער“ געווען צרה'דיג, אָנ־הויב סעזאָן זיינען אהין אריין פיינמאַן און פינקעל וועלכע האָבען ביז דעמאָלט בעלאנגט צו די „רומעניא אָפּערא הויז“ און וועלכע זיינען דעמאָלט געווען פעררעכענט פאר גרויסע שוישפּיעלער, נאָר זיי האָבען דעם עולם ניט געקענט אָבציהען פון פּול'ס טהעאטער. עס האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי פּול'ס טהעאטער וועט איינשלינגען דאָס גאַנצע פּובליקום טהעאטער־בעזוכער און וועט מאכען א תל פון די אנדערע טהעאטערס.

מ. הורוויטש דער איניציאַטאָר פון דעם פּלאַן, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזען אזוי ערפאָלגרייך, האָט זיך באַלד דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, אז ניט דער טהעאטער איז בעשאפען געוואָרען פאר דעם אָרדען, נאָר אז דער אָרדען איז באשאפען ספּעציעל פאר'ן טהעאטער, און אזוי ווי דער טהעאטער איז גע־ווען ער, האָט עס געדאַרפט הייסען אז דער גאַנצער אָרדען איז בעשאפען געוואָרען פאר איהם. ער האָט דעריבער געוואָלט קריגען יעדען אמט אין דעם אָרדען, און פיהלען זיך ווי דער אייגענטהי־מער פון דעם אָרדען. דערמיט האָט ער גענען זיך אויפגעבראַכט די אנדערע בעאמטע און עס האָט זיך צווישען זיי אָנגעהויבען פריהער א שטילע רייסעריי און באַלד נאָכדעם אן אָפענער קריעג. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און די רייסעריי איז איבערגעגאַנ־גען אין געריכט, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א חתונה מיט גע־

צעסיאָן און אַן עקסטרא פאַרשטעלונג אין טהעאַטער. מ. הורוויטש האָט אָנגעשריבען לכבוד דער פאַרשטעלונג אַ פּיעסע, וואָס האָט געהייסען די „הארפע דאווידס“.. אין דעם טאָג פון דער פּראָצעסיאָן איז איסט בראָדוויי ווי אויך די ארומיגע גאסען געווען שווארץ מיט מענשען. אַ טהייל מיטגליעדער האָט מען בעזאָרגט מיט פערד, אַן דער שפּיצע איז געווען מ. הורוויטש און צוויי פרויען אין ווייסע קליידער האָבען איהם געפיהרט מיט גרויס פּאַראַד אונטער די הענד. די פּראָצעסיאָן האָט זיך אָנגעהויבען מיט די פרעהליכע קלאַנגען פון מוזיק און וואָס לענגער די פּראָצעסיאָן האָט זיך געצויגען אַלץ גרעסער און גערדיכטער איז געוואָרען דער עולם.

מיט גרויס פּאַראַד האָבען די מיטגליעדער אריינגעמאַרשירט אין טהעאַטער און מיט גרויס כבוד האָט מען מ. הורוויטש ארויפגעפיהרט אויף דער ביהנע. דאָרטען האָבען זיך אָנגעהויבען רעדעס און דער ערפאָלג פון דעם טהעאַטער אָרדען איז געווען געזיכערט.

מ. הורוויטש און שרייבער האָבען אין דעם נאָמען פון דער „הארפע דאוויד'ס“ גענומען פּול'ס טהעאַטער, וואָס איז דאַמאָלסט געווען אויף דער 8טער גאַס לעבען דער דריטער עוועניו. דער גרעסטער טהייל פון דער אויסגעשטעלטער קאָמפּאַניע פון דער „רומעניא אָפּערא הויז“ איז איצט אויפ'ן נייען סיזאָן פון 1887-1888 אריינגעטראָטען אין דעם נייען פּול'ס טהעאַטער. מען האָט די אקטיאָרען אריינגענומען אויף שכירות. מר. היינע, איינער פון די וויכטיגסטע אקטיאָרען פון „אָריענטאל טהעאַטער“ און פון די גרעסטע בעלי בתים אין יענעם טהעאַטער איז פון דאָרטען ארויסגעטראָטען און איז אריין אין דעם נייען פּול'ס טהעאַטער.

פּול'ס טהעאַטער האָט זיך געעפענט ערב ראש השנה. עס איז כדאי צו בעמערקען, אַז הגם דער הויפּט פון דעם טהעאַטער איז געווען מ. הורוויטש, האָט זיך דער טהעאַטער געעפענט מיט גאָלדפאַדען'ס „ביידע קוני לעמילס“. דער גורל אויף די ביידע קוני לעמילס איז געפאַלען דערפאַר, וואָס אין פּול'ס טהעאַטער זיינען איצט געווען אַי מאָגולעסקאָ, אַי חיימאָוויטש (היינע) און דאָס דאָזיגע שטיק האָט געהאַט גרויסע ראָלען פאַר ביידע קאָמיקער.

פּאַניע איז געבליבען שפּיעלען אויך אויף שכירות, נאָר מיט'ן פאַל פון „דאַוויד'ס האַרפע" האָט דער עולם אַנגעהויבען וועניגער בע־זוכען דעם טהעאטער און דאָס געשעפט איז געגאַנגען ערגער און ערגער.

דאָס טהעאטער פּובליקום איז דעמאָלט געווען א בעגרענצטע, ווען איין טהעאטער האָט געמאַכט בעסערע געשעפטען, איז דער צווייטער געווען אויף צרות, סיידען אין ביידע טהעאטערס האָבען די שטיקער, ווי מען דריקט זיך אויס אוי"פ'ן טהעאטער לשון, זעהר „אַנגעריסען". און ווען אין פּול'ס טהעאטער האָט מען גערארפט שפּיעלען פאַר האַלב לעדיגע הייזער, האָט מען אַנגעהויבען צו מאַ־כען בעסערע געשעפטען אין אָריענטאַל טהעאטער. די קאָמפּאַניע פון אָריענטאַל טהעאטער האָט זיך דערפיהלט אזוי שטייף, אז זי האָט איבערגענומען פּול'ס טהעאטער און די קאָמפּאַניע וואָס האָט דאָרטען געשפּיעלט דעם סיזאָן איז געבליעבען אָהן א קנעלונג.

פון דער בייטענים און וואַרפענים, זיינען די עלטערע צוויי טהעאטערס, דער אָריענטאַל טהעאטער און די רומעניא אָפּערא הויז, געבליבען פּוסט, און זיי זיינען פערב'טען געוואָרען אויף פּול'ס טהעאטער. פּולס טהעאטער האָט שוין געהאט א פּנים פון אן אמת'ן טהעאטער, ער איז געווען פיעל גרעסער, שעהנער און דער חלוף איז געווען פון ערגער אויף בעסער.

די גרעסטע העלפט פון די אידישע שוישפּיעלער זיינען גע־בליבען אויסגעשטעלט, נאָר ביי דער צייט זיינען זיי שוין וואַהר־שיינליך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ערגעץ קען מען אזוי גוט ניט בעמערקען דעם גלגל החוזר ווי אין דער טהאטער וועלט. וואָס האָט זיך ניט איבערגעקעהרט אין צוויי יאָהר צייט ? גאָלדפאַדען איז געקומען און האָט געקריגען א טהעאטער, בשעת הורוויטש און די קאָמפּאַניע פון רומעניא אָפּערא הויז איז געבליבען א'ן דרויסען. אין איין וואָך צייט איז דער טהעאטער פערמאַכט געוואָרען פאַר גאָלדפאַדען, און הורוויטש און די אַלטע קאָמפּאַניע זיינען ווידער געווען דאָרטען. אין א פּאָר חדשים אַרום מוזען זיי אין גאַנצען אַרויס פון טהעאטער און די גאַנצע קאָמפּאַניע ברעכט דעם קאָפּ ווי אזוי צו שאַפען אויף הוצאות צו קענען פאָהרען צוריק קיין אוי־

זעצליכע איסורים. עס האָט ניט זעלטען פּאסירט, אז אין איין וואָך זאָלען זיך צוויי מאָל בייטען די בעלי בתים אין קאסע. היינט האָט הורוויטש ארויסגעקריגען א געזעצליכען איסור געגען די אנדערע און ער איז געווען דער בעל הבית אין דער קאסע, אויף מאָרגען האָבען די אדוואָקאטען פון דעם אנדער צד אויסגעפונען עפּעס א נייע פּריטשיפּקע און די אנדערע בעאמטע זיינען געווען אין דער קאסע.

אין געשעפט גיבען אזעלכע רייסערייען קיין געזונד ניט אריין, בפרט ווען עס האנדעלט זיך ווענען אן אָרדען. די מיטגליעדער פון דער „הארפּע דאווויד'ס" האָבען נאָר גערארפט קומען צום שלום, אז מיט די בילעטען נעהמען זיי ניט נאָר אָב דעם קרן נאָר אויך די פּראָצענטען און אז אנשטאט צו בעלאנגען צו אַן אָרדען, זיינען זיי גאָר פערפליכטעט צו קויפען יעדען מאָנאַט בילעטען אין איין טהעאטער, און דער סוף איז געוואָרען א גיכער מיט'ן אָרדען.

די אקט־אָרען, וועלכע האָבען געקריגען שכירות, האָבען בעת מעשה דערפון ניט געליטען. פארקעהרט, אין דער מהומה פון די געזעצליכע איסורים האָבען זיי אָפט געכאפּט צוויי מאָל שכירות אין איין וואָך פון ביידע צדדים. מר. היינע דערצעהלט אז איין וואָך האָט ער געקריגען גאנצע דריי מאָל שכירות, און אזוי איז אויך געווען מיט די אנדערע אקטיאָרען. נאָר דער טהעאטער האָט שוין אנגעהויבען צו פּיהלען דעם קלאפּ פון די רייסערייען. דער „אָריענטאל טהעאטער" האָט זיך דערווייל בענוצט מיט דער געלעגענהייט און האָט אויסגעכאפּט מאגולעסקא'ן פון פּול'ס טהעאטער. ער האָט איהם געגעבען 500 דאָלער מזומן, און אין יענע צייט זיינען 500 דאָלער פאר אן אקטיאָר געווען א גאנצער אייגענס.

עס האָט לאנג ניט געדויערט און די „הארפּע דאווויד'ס", וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מיט א גוואלדיגען פּויקען און טראָמפּייטען, איז צובראָכען געוואָרען, און הורוויטש איז געוואָרען אויס קאַפּעלוש־מאכער.

פּול'ס טהעאטער איז איבערגעגאַנגען אין אנדערע הענד, א געוויסער הענגען האָט איהם איבערגענומען אין די זעלבינע קאָמ־

גען די גרויסע אקטיאָרען. נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי געהאט א שוואכען בעגריף וועגען יוניאָניזם, ווייל באלד האָבען זיי אין דער יוניאָן אויך אריינגענומען די דירעקטאָרען, וועלכע זיינען אריינגעטראָטען מיט דעם איינציגען צוועק צו צושלאָגען איהר, און טאקע באלד איז די יוניאָן צופאלען געוואָרען.

מר. חיימאָוויטש (היינע) האָט צוריק גענומען דעם אָריענטאל טהעאטער און ער האָט אריינגענומען הורוויטשען אלס אויטאָר. נאָר הורוויטש האָט זיך דאָרטען לאנג ניט געהאלטען און ער איז אריבער אין פּול'ס טהעאטער. פּול'ס טהעאטער האָט אויף אזא אופן געהאט די גאנצע מאָנאָפּאָליע אויף די אויטאָרס, ווייל לאַטיינער איז דאָרטען נאָך פון פריהער געווען אָנגעשטעלט. פאר אין ברירה האט מען אין אָריענטאל געשפּיעלט אלע פּיעסען, נאָר אפילו מיטביידע אויטארען איז פּול'ס טהעאטער געווען אויף צרות. מען האָט דאָרטען אויפגעפיהרט צוויי נייע שטיקער פון הורוויטש, נאָר זיי זיינען דורכגעפאלען.

עס ווייזט אויס אז די דירעקטאָרען האָבען זיך ארומגעזעהען, אַז דער טהעאטער פּאָדערט נייע בלוט. היינע און מאגולעסקא האָבען פאר'ן סיזאָן פון 1890 גענומען פּול'ס טהעאטער און זיי זיינען אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן אראָבברייננגען י. אדלער. אדלער איז דאָרטען געווען אויף צרות און ער האָט זיך אָנגעכאפּט אָן דעם פּאָרשלאג צו קומען קיין ניו יאָרק.

זיין ערשטען אויפטריט אין ניו יאָרק, אין פּול'ס טהעאטער האָט אדלער געמאכט אין דעם „אדעסער בעטלער" און ער איז דורכגעפאלען בתפים ובמחולות. איבעריגענס, עס איז ניט בעוואוסט, צו דורכגעפאלען איז אדלער מיט זיין שפּיעלען, צו דורכגעפאלען איז דאָס שטיק. נאָר אזוי ווי דאָס פּובליקום פון יענער צייט האָט ניט געוואוסט קיין אונטערשיעד פון דעם אקטיאָר'ס שפּיעלען ביז דעם אקטיאָר'ס שטיק, איז אלץ אויסגעלעגט געוואָרען צום אקטיאָר, און דער דורכפאל האָט געשמעקט דערמיט, אז אדלער זאָל דארפען צוריק פערקערעווען דעם דישעל און זעגענען זיך מיט ניו יאָרק.

אויף דער צווייטער וואָך האָט אדלער אויפגעפיהרט א צוויי-

ראָפּע. פּלוצים גיט א שיין הורוויטשעס שטערן און מיט פּויקען און טראָמפּייטען פּיהרט מען איהם אריין אין א גרעסערן, שעה־נערען טהעאטער און ער באָדט זיך אין שפע. עס געהען ניט פערבייקיין פּאָר חדשים און זיין קאָמפּאַניע ווערט ארויסגעוואָרפען פון טהעאטער און ער אליין געהט ממש אויס פון הונגער.

גאָלדפאדען איז דערווייל ניט געזעסען מיט צונויפגעלעגטע הענד און ער האָט זיין מערכה געפּרופט אויף דער פּראָווינץ, נאָר אויב די אקטיאָרען און אויטאָרען האָבען זיך אזוי געמאַטערט און געפּלאָגט אין ניו יאָרק, איז די לאגע געווען א סך, א סך ערגער אין די אנדערע שטעדט. און גאָלדפאדען איז באלד געקומען צום שלום, אז אין אמעריקא האָט ער ביי דער ביהנע גאָר ניט צו טהאָן. אין א קורצער צייט ארום האָט ער זיך צוריקגעקעהרט קיין ניו יאָרק, נאָר ער האָט שוין מעהר ווענען טהעאטער ניט געטראַכט. ער האָט זיך דאָ צוריקגענומען פאר דער בעשעפטיגונג, וואָס ער האָט געהאט איידער ער איז דאָס ערשטע מאָל אריינגעפאָהרען קיין רומעניען. דאָס הייסט צו א צייטונג. ער האָט אין ניו יאָרק אָנגע־הויבען ארויסצוגעבען א וועכענטליכע צייטונג מיט'ן נאָמען „די אילוסטרירטע צייטונג“, נאָר אויף דעם פעלד האָט ער זיך אויך ניט אויסגעצייכענט. די צייטונג האָט ניט דערלעבט קיין פולען יאָהר און איז אונטערגעגאנגען. איצט איז איהם שוין מעהר קיין זאך ניט געבליבען צו טהאָן אין ניו יאָרק און אן ענטטוישטער און פערביטערטער האָט ער פערלאָזט די גאָלדענע מדינה.

די קלענערע אקטיאָרען האָבען פון טהעאטער קיין לעבען ניט געמאכט. עס וועט ניט זיין איבערטריעבען צו זאָגען, אז א קלענע־רער אקטיאָר האָט אין יענער צייט פון שפּיעלען אין טהעאטער געהאט אפשר זיינע דריי דאָלאר א וואָך. נאָר אין א וואָך פון א יום טוב האָט אזא אקטיאָר געכאַפּט א פּאָר צעהנדליג דאָלאר. און אפילו די גרויסע אקטיאָרען האָבען ניט פערדיענט אזוי פיעל, ווי א גוטער שטעפּער, ווען ער ארבייט צו אביסעל שווערער. די אקטיאָרען האָבען דעריבער בעשלאָסען צו גרינדען א יוניאָן. די גרינדער פון דער יוניאָן זיינען געווען גאָלד, נאַכאַמקעס, שווארץ, קוראַזש, סעם אדלער און נאָך אנד. זיי האָבען באלד צו זיך צוגעצוי־

אריין א טרופע כינעזער, און די רומעניא אפערא הויז האט ניט געקענט קריגען די נויטיגע ערלויבנים. א קורצע צייט איז די רו־מעניא אפערא הויז געווען געשלאסען, דאן איז געקומען אהער א באסטאנער דירעקטאר, א קריסט, מיט'ן נאמען פולינג און האט איבערגענומען דעם טהעאטער פאר וואדעוויל און די רומעניא אפע־רא הויז האט שוין געהייסען „פולינג'ס טהעאטער.“

און דא הויבט זיך אן א כאראקטעריסטישע שפרינגענים פון איין טהעאטער אין צווייטען, א מישענים פון די קאמפאניעס, וואס מען האט נאך קיין מאל ניט געזעהען. די שפרינגעניש און מישע־נים איז אזוי אינטערעסאנט, אז עס איז כדאי אבצושטעלען זיך אויף דעם כאראקטעריסטישען סעזאן.

דער סעזאן האט זיך ערשט קוים אנגעפאנגען און היינע, דער דירעקטאר פון פול'ס טהעאטער האט זיך פלוצלונג געפונען אויס־געשלאסען. ער האט געקראגען א ידיעה, אז דער גרויסער דייטשער טהעאטער „טהאליא“ איז „צום האבען“, ווי דער טייטש זאגט, און ער האט קיין שהיות ניט געמאכט און איז אוועק צו אמבערג, וועלכער איז געווען דירעקטאר פון דעם דייטשען טהעאטער אויף דער 14טער סטריט, און וועלכער האט געהאט צו זאגען איבער טהאליא. היינע האט געקראגען דעם טהעאטער און ער איז גלייך אוועק צו מאגולעסקא און גע'פועל'ט ביי איהם, אז ער זאל מיט איהם אריין אין טהאליא אלם שותף. דער בעריכט, אז אין טהאליא טהעאטער וועט מען שפיעלען אידישע שטיקער איז אריינגעפאלען ווי א באמבע אין דעם קליינעם אידישען טהעאטער וועלטיל. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס מען האט געקריגען אזא גרוי־סען טהעאטער פאר אידישע שטיקער. די הויפט זאך אבער איז געווען, וואס טהאליא טהעאטער איז געווען אין דעם סאמע האר־צען פון אידישען קווארטאל, בשעת פול'ס טהעאטער איז געווען ווייט פון קווארטאל.

היינע האט אראבגעבראכט זילבערמאן און סאפיע קארפ פון קליוולאנד און צו'אמענגעשטעלט א טרופע. דער טהעאטער איז געווען געפאקט, און היינע און מאגולעסקא האבען געלאכט אין די הויפענם פון דער קאמפאניע פון וואנען מען האט זיי אויסגע־

טע שטיק פון זיין רעפּערטואַר, „משה׳לע סאָלדאַט“ און דאָס שטיק האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען ערפאָלג. אָדלער איז דערמיט געשטיגען אויף הונדערט פּראָצענט און ניט נאָר איז ער דערמיט געוואָרען אַ חשוב ביים פּובּליקום, נאָר אויך די דירעקטאָרען האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען חנ׳דלאַך צו איהם.

דערביי דאַרף מען בעמערקען, אַז די אַקטיאָרען דירעקטאָ־רען האָבען דעמאָלט געדונגען אַ טהעאַטער אויף אַנדערע בעדינ־גונגען ווי איצט. איצט דינגט דער דירעקטאָר אַ טהעאַטער, בע־צאָהלט דירה געלד און ער איז דער איינציגער בעל הבית. דעמאָלט איז דאָס געווען אַנדערש. דער בעל הבית פון פּול׳ס טהעאַטער איז געווען אַ געוויסער דייטש הענגען, די אידישע אַקטיאָרען דירעק־טאָרען, היינע און מאָגולעסקאָ האָבען ביי איהם געדונגען דעם טהעאַטער אויף פּראָצענטען. הענגען האָט געהאַט זיין מענשען אין דער קאַסע און האָט אין טהעאַטער גע׳בעל־הבית׳עוועט. ווען דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבען צו געהן שלעכט אין טהעאַטער, האָבען געליטען דערפון ניט נאָר די אידישע קאָמפּאַניע און די אידישע דירעקטאָרען, נאָר עס האָט אויך געליטען דער דייטשער בעל הבית פון דעם טהעאַטער. עס איז דעריבער איהם שטאַרק אָנגע־גאַנגען, אַז די געשעפטען אין זיין טהעאַטער זאָלען זיין גוטע. און דעריבער ווען ער האָט דערזעהן, אַז עס איז געקומען אַ נייער אַקטיאָר, וועלכער האָט אויסגענומען ביים פּובּליקום, האָט דער דייטשער בעל הבית אָנגעהויבען מיט איהם צו קאָקעטירען. דאָס האָט געהייסען אַזוי גוט, אַז אָדלער קען ווערען אַ דירעקטאָר און די פריהעריגע אונטערנעהמער מאָגולעסקאָ און היינע זיינען ביי איהם געפאַלען אין פּרייז.

ווען היינע איז נאָכדעם געקומען אין טהעאַטער האָט ער גלייך בעמערקט, אַז הענגען האָט אומגעביטען מיט איהם דעם טאָן. ער האָט גלייך פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט און ער האָט קיין שהיות ניט געמאַכט און גענומען זוכען אַ טהעאַטער.

די פריהערדיגע צוויי טהעאַטערס וואו מען האָט ביז איצט געשפּיעלט אידישע שטיקער, דער „אָריענטאַל“ און „רומעניאַ אָפּערא הויז“ זיינען אַרויס פון אידישע הענד. אין אָריענטאַל איז

די קאָמפּאַניע אין טהאליא טהעאטער איז געווען אונצופריע־דען, און אנטקעגען ניי־יאָהר איז דעם דירעקטאָר פון פּול'ס טהעא־טער געלונגען אָבצורעדען פון טהאליא טהעאטער קעסלערען, פיינ־מאַנען און פרוי ליפּצין, און פּול'ס טהעאטער האָט זיך ווייטער גענפענט. י. אדלער איז מיט זיי ניט אריין און אזוי ווי די קאָמ־פּאניע אין טהאליא טהעאטער איז צוקלאַפּט געוואָרען איז ער געבליעבען אויסגעשטעלט.

היינע האָט איצט געפונען די געלעגענהייט אריינצוקריגען צוריק טהאליא טהעאטער און ארויסטרייבען פון דאָרטען פינקעל מיט זיין קאָמפּאניע און ער האָט עס טאקע געטהאָן. און אזוי ווי טהאליא טהעאטער האָט זיך גערעכענט פאר א גרויסע מציאה און היינע האָט גענומען דעם טהעאטער טאקע אויף בעסערע בעדינ־גונגען האָט ער זיין קאָמפּאניע, וואָס האָט געשפּיעלט אין פּול'ס טהעאטער קיין חלק ניט געוואָלט געבען. ער האָט נאָר צוגענומען פון דאָרטען מאָגולעסקא. דאָס איז נאָך אלץ געווען די צייט ווען די קאָמיקער זיינען געווען דאָס אויבערשטע פון שטויסעל און מאָ־גולעסקא צוזאמען מיט היינע האָבען שוין צוזאמענגעשטעלט דעם גרעסטען טהייל פון דער קאָמפּאניע. שייקעוויטש איז געבליבען מיט'ן רעסט פון דער קאָמפּאניע אין פּול'ס טהעאטער. די קאָמפּא־ניע פון פּול'ס טהעאטער האָט געהאט קאָנטראקטען אי מיט היינע אי מיט מאָגולעסקא און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען א לוי־פענים אין געריכט. היינע און מאגולעסקא האָבען זיך בעדארפט היטען, מען זאָל זיי קיין הזהרה פון געריכט ניט דערלאנגען. א חוץ דעם זיינען די מוזיקער, די כאָריסטען אויך געבליעבען אין פּולינג טהעאטער און מען האָט געדארפט צוזאמענקלייבען מוזי־קער און כאָריסטען פון דער גאס. דאך האָט מען געשפּיעלט אין טהאליא טהעאטער און דער עולם האָט מעהר פאטראָניזירט דעם דאָזיגען טהעאטער. באלד איז אין טהאליא טהעאטער אריין מ. הורוויטש אלס אויטאָר און צו די שוישפּיעלער זיינען צוגעקומען י. אדלער און פרוי היינע (איצטיגע פרוי אדלער).

צוליעב דער משונה'דיגער שפּרינגענים פון איין טהעאטער זין צווייטען, די שנעלע בייטענים פון די קאָמפּאַניעס, האָבען זיך

שלאָסען.

די שמחה האָט אבער לאנג ניט געדויערט, די קאָמפּאַניע פון פּול׳ס טהעאטער האָט אויסגעדונגען טהאַליא טהעאטער. איצט האָט פינקעל געקראַגען דעם טהעאטער און די קאָמפּאַניע פון פּול׳ס טהעאטער איז איבערגעגאַנגען צו איהם.

אז פּול׳ס טהעאטער איז געוואָרען לעדיג האָבען מאָגולעסקא און היינע גענומען צוריק פּול׳ס טהעאטער.

פינקעל האָט אבער ביים אויסדינגען דעם טהעאטער איבער־געכאַפּט א ביסעל די מאָס, ער איז איינגעגאַנגען אויף צו שווערע בעדינגונגען, און די קאָמפּאַניע אין טהאַליא טהעאטער האָט גע־מאַכט ניט קיין גוטע געשעפטען. א חוץ דעם האָט י. אדלער דאַר־טען ניט געטאָרט שפּיעלען, ווייל הענגען האָט מיט איהם געהאַט א קאָנטראַקט.

היינע און מאָגולעסקא זיינען אויך ניט געבליעבען צופריעדען מיט פּול׳ס טהעאטער און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז פּולינג וויל ארויסלאָזען זיין טהעאטער זיינען זיי ארוים פון פּול׳ס טהעא־טער און אריין אין פּולינג׳ס טהעאטער.

דער זעלביגער הענגען האָט אויך געהאַט א קאָנטראַקט מיט מאָגולעסקא און ער האָט איהם פערבאָטען צו שפּיעלען.

אין דער צייט איז נ. מ. שייקעוויטש (שמר) אַנגעקומען קיין ניו יאָרק. זיין נאָמען איז שוין געווען גוט בעוואוסט אין דער טהעָ־אַטער־וועלט. די ניו יאָרקער קאָמפּאַניעס האָבען אָפט געשפּיעלט זיינע אַלטע פּיעסען, און אַזוי גיך ווי ער איז געקומען האָט איהם היינע אריינגענומען אַלס אויטאָר אין פּולינגס טהעאטער. דאָס ערשטע נייע שטיק וואָס ער האָט געגעבען דער קאָמפּאַניע איז גע־ווען „רבקה“ אָדער „א פּונק אידישקייט“. דאָס שטיק האָט אויסגע־נומען.

א וואָך זעקס אכט האָט אַנגעהאַלטען דער פערבאָט געגען אדלער און מאָגולעסקא, דערנאָך האָט דער דירעקטאָר פון פּול׳ס טהעאטער אויסגעגלייכט זיך מיט די קאָמפּאַניעס און די צוויי דערמאָנטע אקטיאָרען האָבען שוין געקענט שפּיעלען אין זייערע טהעאטערס.

אויפ'ן קאָנטראקט, און היינע האָט דיעזע פאָדערונג ניט גע־וואָלט נאָכגעבען, ער האָט איהם אבער אין דעם ניט אָבגעזאָגט אין גאנצען און האָט איהם אלץ אָבגעלעגט, אז שפּעטער וועט מען זעהן.

דערווייל האָט מען אין טהאליא טהעאטער אויפגעפיהרט הורוויטשעם „מבול פון דזשאהנסטאָון", דאָס איז געווען פאר פסח און דאָס שטיק האָט אויסגענומען ביים עולם. היינע, מענעדזשער פון טהאליא טהעאטער, האָט בשת־קה אָבגעמאכט מיט קעסלער, פיינמאן און מרם. ליפּצין, וועלכע האָבען געשפּיעלט אין פּול'ס טהעאטער, אז ער וועט זיי צאָהלען וועכענטליכע שכירות מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאָלען זיין גרייט צו געהן שפּיעלען ביי איהם, ווי נאָר מען וועט זיי רופען. עס איז אינטערעסאנט צו בעמער־קען, אז די שכירות פון א שטערן זיינען דעמאָלט געווען א דאָלאר 15 א וואָך.

פסח אין א שעהנעם אבענד, א קורצע צייט פאר'ן שפּיעלען איז י. אדלער ארוים מיט אָפענע דבורים און האָט ערקלערט, אז ער וועט ניט געהן שפּיעלען, אויב מען שטעלט איהם ניט ארויף אויפ'ן קאָנטראקט. היינע האָט געשיקט רופען קעסלער'ן און ווען ער האָט איהם ערקלערט, אז ער דארף שפּיעלען אדלער'ס ראָליע און טאקע גלייך זיך נעהמען אָנטהאָן, האָט קעסלער געענטפערט, אז ער קען אזא זאך ניט טהאָן געגען אדלער'ן. און אויף יענעם אבענד האָט היינע געבעטען גאָלד'ן אז ער זאָל שפּיעלען אדלער'ס ראָל. גאָלד האָט זיך אָן דעם אָנגעכאפּט מיט ביידע הענד, דאָס איז געווען א זעלטענע געלעגענהייט פאר א קלענערען אקטיאָר צו ער־שיינען אין דער ראָל פון א שטערן. דאן האָט היינע ערקלערט אדלער'ן, אז ער קען איהם אויפ'ן קאָנטראקט ניט ארויפנעהמען. אדלער האָט געענטפערט שטייף, אז ער וועט ניט געהן שפּיעלען. היינע האָט געמאכט אן אָנשטעל, אז דאָס וועט איהם טרעפען ווי א דונער פון א קלאָרען הימעל ווייל אין אזא קורצע צייט וועט איהם זיין אונמעגליך צו געפינען א פּאסענדען אקטיאָר, און אד־לער, וועלכער האָט עס אָנגענומען פאר תורת לאָקשען, איז געוואָ־רען נאָך שטייפער אין זייז דעה און האָט ענטשלאָסען ערקלערט,

אויך געמוזט טאַסעווען די אויטאָרען און ווען אַז אויטאָר איז גע־ווען אביסעל צו לאַנגזאַם אין שפּרינגען, איז ער געבליעבען גאָר אויסגעשטעלט. דאָס האָט געעפענט די טיהר פאַר זייטיגע שריי־בער. ווענען שייקעוויטש'ען איז שוין געווען דערמאָהנט, אַז ער איז גלייך ביים קומען קיין ניו יאָרק אריין אַלס אויטאָר אין פּולינג טהעאַטער, א זאַך וואָס עס וואָלט געווען אונמעגליך מיט א קורצע צייט פריהער, ווען עס זיינען געווען צוויי טהעאַטערע מיט שטענ־דיגע קאָמפּאַניעס, מיט אַנגעשטעלטע צוויי אויטאָרען, לאַטיי־נער און הורוויטש. איצט צוליעב די שפּרינגענים איז אַלע ווייליע לעדיג געוואָרען א פּלאַץ פאַר א זייטיגען שרייבער, אויב ניט אַז ער זאָל אריינקומען אַלס אַנגעשטעלטער אויטאָר, איז אבער געווען פּלאַץ צו פערקויפען א פּיעסע, און אין דער צייט ווייזען זיך אין די טהעאַטערע זייטיגע שרייבער מיט פּיעסען. אין טהאַליא טהע־אַטער האָט מען זיך געקליבען שטעלען הורוויטשעס ;נ שטיק „דער מבול פון דזשאָהנסטאַון" און די דירעקטאָרען פון פּול'ס טהעאַטער, וועלכע זיינען איצט געווען אויך מעסערם מיט טהאַליא טהעאַטער האָבען זיך מקדים געווען און בעשטעלט ביי יאָה:ן פּאַליי א שטיק, וואָס זאָל האָבען צו טהאָן מיט א פערפּלייצו:ג און זאָל הייסען דער „מבול פון דזשאָהנסטאָון". אין פּול'ס טהעאַטער האָט מען דאָס דאָזיגע שטיק אויפגעפיהרט פריהער, נאָר זי איז דאָרטען דורכ־געפאַלען. עטוואָס שפּעטער איז אויך מ. זייפערט ארויסגעטראָטען מיט עטליכע היסטאָרישע פּיעסען, צווישען די ערשטע שטיקער זיינען געווען „טיטוס", „שומר ישראל" און „גר צדק" און זיי האָבען געהאַט אַן ערפאָלג. ארום יענער צייט האָבען אויך געמאַכט א פערזוך צו שרייבען פּיעסען דוד אַפּאָטהעקער, דער געוועזענער אַקטיאָר שענקמאַן, יעקב טער, דער סופלער ווייסמאַן, וועלכער האָט נאָך אין רוסלאַנד געשריבען פאַר'ן טהעאַטער; י. בילדער, דער אַקטיאָר רודאָלף מאַרקס, וועלכער איז אריבערגעקומען פון לאָנ־דאָן קיין ניו יאָרק, דער אַקטיאָר פיינמאַן און נאָך אנדערע.

די דירעקטאָרען פון טהאַליא טהעאַטער זיינען אבער ניט גע־ווען זיכער מ ט די שטערן פון דער קאָמפּאַניע. י. אדלער האָט גע־שטעלט א פאָדערונג, אַז מען זאָל איהם ארויפנעהמען אַלס שותף

ביי דער ערשטער געלעגענהייט האבען זיי געבאפט זייער זעקיל און פעקיל און געקומען צולויפען קיין ניו יארק.

און ווירקליך אדלער מיט זיין קאמפאניע האבען ניט אויסגע־האלטען א סעזאן אין שיקאגא, און פאר פסח זיינען זיי געקומען קיין ניו יארק. אין דעם פערלויף פון דעם סיזאן 1901—2 האט מען געשפיעלט אידישע שטיקער נאר אין צוויי טהעאטערס איז טהאליא און אין פולינג'ס טהעאטער, וועלכער האט שוין וויעדער געהייסען „רומעניא אפערא הויז." אין פול'ס טהעאטער האט מען ניט געשפיעלט, און אדלער מיט טהאמאשעפסקי'ן האבען גענומען אויף פסח פול'ס טהעאטער.

דער קאנטראקט וואס היינע און מאגולעסקא האבען געהאט מיט טהאליא טהעאטער האט זיך געענדיגט אין מיטען זומער 1892, און קיין נייען קאנטראקט האבען זיי ניט געקענט קריעגען. פון דייטשלאנד זיינען געקומען די ברידער ראזענפעלד מיט ליליפוטאנער און זיי האבען גענומען טהאליא טהעאטער. איצט איז היינע געבליעבען אויסגעשטעלט און ער איז איצט געפאהרען קיין שיקאגא. טהאמאשעפסקי האט גענומען די „רומעניא אפערא הויז" און אדלער, מאגולעסקא, קעסלער, פיינמאן האבען גענומען פול'ס טהעאטער.

אויפ'ן ערשטען אויגענבליק קען אויסווייזען ווילד די באפע־נים, יאגענים, שפרינגענים, ווארפענים, נאר דאס איז געשעהען ניט אומזיסט. די איינוואנדערונג איז מיט יעדען יאהר פערגרעסערט געווארען, די פערדיענסטען זיינען געווען גוטע, די צאהל פון טהע־אטער בעזוכער איז געוואקסען און די פריהערדיגע צוויי קליינע טהעאטערס זיינען שוין געווען צו קליין, אונבעדייטענד, אז זיי זא־לען קענען צופריעדענשטעלען די פאדערונגען פון די אידישע טהע־אטער בעזוכער. די ערשטע צייט איז פול'ס טהעאטער אויף דער אבטער סטריט געווען א געווינס און א גרויסער שריט פארווערטס, נאר באלד האט זיך ארויסגעוויעזען, אז די איינוואנדערונג האט שוין איבערגעוואקסען אויך פול'ס טהעאטער. א חוץ דעם איז פול'ס טהעאטער געווען ווייטליך פון דעם אמת'ן אידישען קווארטאל. די פאדערונג איז איצט געווען אויף גרויסע טהעאטערס,

אַז ער שפּיעלט ניט. און נאָך איידער זיי האָבען געהאַט צייט אויס־צו׳טענה׳ן זיך, האָט זיך דער פאָרהאַנג אויפגעהויבען און אַדלער האָט צו זיין פערוואונדערונג דערזעהען, אַז גאָלד טרעט אויף אין זיין ראָל.

ביי דערזעלבער פאָרשטעלונג זיינען אויך ארויס פרוי חיימאָ־וויץ און שענגאָלד און זייערע פּלעצער האָבען פערנומען פרוי ליפּ־צין און פיינמאַן. אויף מאָרגען האָט שוין קעסלער איבערגענומען די ראָל פון גאָלד׳ן.

צוליעב דעם וואָס די גרעסערע אַקטיאָרען זיינען אַוועקגעגאַנ־גען, האָט זיך פּול׳ס טהעאַטער פערמאַכט נאָך פאַר פּסח, און פּו־לינג׳ס טהעאַטער האָט זיך געשלאָסען נאָך פּסח.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דער סיזאָן פון דער משונה׳דיגער שפּרינגענים פון איין טהעאַטער אין צווייטען און די בייטענים פון די קאָמפּאַניעס. אבער די שפּרינגענים און בייטענים האָט זיך ניט געענדיגט מיט דעם סעזאָן. די שפּיעל אין קאַץ און מויז איז אָנגעגאַנגען אויך ווייטער. עס איז איצט געוואָרען ניט גענוג צו האָ־בען א טהעאַטער און א קאָמפּאַניע און אַן אויטאָר. א דירעקטאָר האָט געמוזט האַלטעןביידע אויגען אָפען און פּיהרען א גאַנצע פּאָליטיק צו זעהן, אַז די קאָמפּאַניע זאָל פּלוצים ניט פערשוואונ־דען ווערען, אָדער אַז דער טהעאַטער זאָל ניט אויסגעכאַפּט ווערען.

אַדלער איז נאָך דעם ערשטען סעזאָן אַוועקגעפאָהרען פון ניו יאָרק, אויף׳ן וועג האָט ער זיך געטראָפען מיט ב. טהאָמאַשעפסקי, וועלכער איז אונטער דער צייט געוואָרען א פּאָלשטענדיגער אַק־טיאָר, און וועלכער האָט געשפּיעלט די גאַנצע צייט אויף דער פּראָ־ווינץ, און זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען קיין שיקאַגאָ. אין יענער צייט איז שיקאַגאָ געוועזען דער עיר מקלט, וואוהין עס זיינען געפאָה־רען יענע אַקטיאָרען, וועמען עס איז ענג געוואָרען אין ניו יאָרק. און אַזוי ווי אין יענער צייט איז קיינער ניט געוועזען בעוואָרענט, וואָס מאָרגען וועט זיין, האָט כמעט יעדער אַקטיאָר פריהער אָדער שפּעטער בעזעצט זיך אויף א געוויסע צייט אין שיקאַגאָ, די אויגען אָבער האָבען זיי שטענדיג געהאַלטען געווענדעט צו ניו יאָרק און

שיינען נייע שטערען, וועלכע האבען די ערשטע יאהרען פערנו־מען גאר א קליינעם פלאץ און וועלכע מען האט פריהער גאר ניט בעמערקט.

אין דער צייט איז אויך געקומען יעקב גארדין קיין ניו יארק און האט אנגעהויבען צו שרייבען פאר דער ביהנע.

אין גיכען האט מאגולעסקא גענומען ווינדזאר טהעאטער און אין אידישע הענד זיינען אויף אזא אופן אריין די גרעסטע צוויי אי־דישע טהעאטערס, וואס זיינען דעמאלט געווען אין דעם אידישען קווארטאל.

וואָס זאָלען זיין אין דעם סאמע אידישען קווארטאל. ניו יאָרק האָט שוין פערמאָגט א גרויסע שטענדיגע מחנה טהעאטער געהער. און דאָס ווייזט דער פאקט, אז אזוי גיך ווי היינע האָט אין מיטען סעזאָן אין שיקאגאָ בעקומען א ידיעה, אז ער קען וויעדער קריגען טהאליא טהעאטער, איז ער גלייך געקומען קיין ניו יאָרק און האָט איינגעוויליגט צו צאָהלען מיט 10 טויזענד דאָלאר א יאָהר דירה געלד מעהר, ווי די ברידער ראָזענפעלד האבען געצאָהלט, די ראָזענפעלדס האָבען געצאָהלט 12 טויזענד דאָלאר א יאָהר און היינע האָט געשלאָסען א קאָנטראקט אויף 22 טויזענד דאָלאר א יאָהר. דאָס איז געווען אזא סומע, וואָס מען האָט ביז דעמאָלט ניט געהערט צווישען אידישע אקטיאָרען.

א צווייטע אורזאכע איז געווען וואָס צווישען די אקטיאָרען גופא איז אָנגעגאנגען א שטילע רעוואָלוציע. די אקטיאָרען וואָס זיינען געווען פאָפולער די ערשטע יאָהרען האָבען אָנגעוועגדעט אלע קרעפטען צו האלטען זיך ביי דער חזקה, אונטער דער צייט אבער האָבען אנדערע אקטיאָרען וועלכע זיינען אָנפאנגס ניט געווען אנערקענט, געשטופט זיך אלץ שטארקער צום או בען אָן און געפאָדערט אנערקענונג. דאָס האָט געמוזט פיהרען צו א קאמפף צווישען די אנערקענטע אקטיאָרען פון פריהער און די וואָס האָבען איצט געזוכט אנערקענונג. עס איז געווען גענוג אז אן אנערקענטער אקטיאָר פון פריהער זאָל קריגען א קלענערען אפלאָז, ווי איינער וואָס האָט איצט געקריגען חן ביים פובליקום, אז דאָס זאָל פיהרען צו א שפאלטונג אין דער קאָמפאניע. דערביי דארף מען ניט פערגעסען, אז דאָס זיינען ניט געווען קיין טהעאָרעטישע פראגען, עס איז געגאנגען אין לעבען ווער עס זאָל זיין דער שטערן און ווער עס זאָל האָבען די דעה אין טהעאטער, און קיין עקשנות אין דעם האָט אויך ניט געהאָלפען, דאָס פובליקום האָט אָפען ארויסגעוויזען, מיט ועמען עס סימפאטיזירט און געגען דעם דעקרעט פון פובליקום האָט קיינער ניט געקענט געהן.

אין דער צייט האָבען טאַקע אָנגעהויבען אונטערצוגעהן עטליכע שטערען, וואָס זייענן אהער געקומען מיט א שטארקע סמיכה נאָך פון רוסלאנד אָדער רומעניען, און עס האָבען אָנגעהויבען צו

טהעאטער נאָר מיט איין פוס און ער האָט נאָכ'ן ערשטען סעזאָן גע־מוזט ארויסטרעטען פון דאָרטען. און, פערקעהרט, יאזעף לאטיינער און משה הורוויטש, וועלכע האָבען אין רומעניען און אין רוסלאנד וועניג געשאפען, האָבען אין דער נייער היים אריינגענומען די גאנצע ביהנע אין זייערע הענד און נאָר מיט זייער זכות האָט זיך דער טהעאטער געהאלטען אין דעם נייען לאנד. זיי האָבען דעם וועג אויסגעטראָטען אין אמעריקא פאר'ן אידישען טהעאטער, זיי האָ־בען געליפערט כמעט אלע שטיקער ביז'ן סאמע סוף אכציגער יאָהרען און זיי האָבען זייער שטעמפעל געלעגט אויפ'ן אידישען טהעאטער אין דער נייער מדינה.

דער פאקט, אז דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער האָט ניט געקריגען קיין דריסת הרגל אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא, ווייזט, אז א געוויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען ניט נאָר אין די אקטיאָרען און דעם פובליקום נאָר אויך אין דעם כאראקטער פון די שטיקער, און די דאָזיגע ענדערונג האָט איהם פרעמד געמאכט פון טהעאטער אין דער נייער היים.

וואָס איז געווען די ענדערונג?

יאָזעף לאטיינער איז געווען דער ערשטער פראָפעסיאָנעלער דראמענשרייבער וואָס איז געקומען קיין אמעריקא. ער האָט זיין קאריער אויף דער אידישער ביהנע אנגעהויבען אפשר מיט א יאָהר שפּעטער פון גאָלדפאדען. אין זיינע ערשטע ווערק איז ער געגאנ־גען אין גאָלדפאדענס טריט. „יענטע די פיפערנאָטערין", „שמואל שמעלקעס" זיינען געשריבען אין דעם זעלביגען גייסט פון די ערש־טע יאָהרען אין רומעניען. דער סיוזשעט פון „שמואל שמעלקעס" איז א גענומענער און פון איהם האָט באלד נאָכדעם גאָלדפאדען געמאכט „ביידע קוני לעמילם". אויך זיין „ליעבע פון ירושלים" האָט טהיילווייז דעם זעלביגען סיוזשעט, וואָס גאָלדפאדענס „שולמית" און איז פריהער געשריבען און געשפּיעלט געוואָרען.

ביז דער טהעאטער איז פערבאָטען געוואָרען אין רוסלאנד, האָט ער זעהר וועניג געשאפען, אויך וועניג האָט ער די ערשטע יאָה־רען אין אמעריקא געגעבען פאר דער ביהנע. נאָר אין די עטליכע שטיקער, וואָס ער האָט אנגעשריבען אין דעם נייען לאנד האָט ער

דריטער קאַפּיטעל.

די שעפער פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקא

ביים סוף אכציגער יאָהרען אין דעם פאָריגען יאהרהונדערט זיינען שוין אין אמעריקא געווען כמעט אלע פערפאסערם וואָס האָבען געשאפען פאר דער אידישער ביהנע פון דעם טאָג, וואָס דער גרונדשטיין פון אידישען טהעאטער איז געלעגט געוואָרען אין רומעניען. מיט דער ערשטער קאָמפּאַניע איז געקומען קיין ניו יאָרק יאזעף לאטיינער, מיט דריי יאָהר שפּעטער איז אָנגעקומען משה הורוויטש, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרען אלס פערפאסער פון דער צווייטער קאָמפּאַניע. באלד האָט זיך אין ניו יאָרק בעוויזען דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער אברהם גאָלדפאדען און אין צוויי יאָהר ארום איז אויך געקומען נחום מאיר שייקעוויטש. זיי אלע זיינען געווען פערבונדען מיט'ן אידישען טהעאטער נאָך פון רוסלאנד און זיי אלע זיינען צוגעצויגען געוואָרען צו דער נייער היים פון דעם אידישען טהעאטער.

און שוין אין די ערשטע יאָהרען פון דעם טהעאטער אין דער נייער היים האָבען זיך איבערגעקעהרט די יוצרות. דער פאטער פון דעם אידישען טהעאטער, וועלכער האָט אין דעם פערלויף פון די ערשטע זיבען יאָהר אין רומעניען און רוסלאנד געהאט די גאנצע השפעה אויפ'ן טהעאטער און פון איהם האָט די ביהנע געהאט איהר הויפּט יניקה, האָט ביים אָנקומען אין דער נייער היים געפונען די טהוירען פון דעם אידישען קונסט טעמפעל פערשפּארט און אויף זיין קלאפען האָט זיך קיינער ניט אנגערופען. אויך שייקעוויטש וועלכער איז געווען נאָך גאָלדפאדען דער פּראָדוקטיווסטער דראמענשרייבער אין רוסלאנד, איז אין דער נייער היים אריין אין

בען די נויטיגע עלעמענטען און צוזאמענשטעלען זיי פאר די בע־
זוכער פון זיין טהעאטער.

אויבערפלעכליך קען אויסווייזען, אז ער ווי אויך די אנדערע
אויטאָרען פון דעם חדר האָבען זיך דערין ניט אונטער־
שיידט פון גאָלדפאַדען, ווייל יענער האָט אויך גענומען פאר־
טיגע שטיקער און זיי איבערגעמאכט פאר'ן אידישען פובליקום.
נאָר עס איז גענוג עטוואס א טיעפערער בליק צו זעהן דעם גרוי־
סען אונטערשייד. גאָלדפאדען איז געווען געבענשט מיט טאלאנט
און דער שטעמפעל פון זיין טאלאנט איז ארויפגעלעגט געוואָרען
אויף די שטיקער, וואָס זיינען דורכגעגאנגען דורך זיינע הענד. און
ווי גרויס דער אונטערשיעד איז קען מען זעהן דערפון, וואָס לאטיי־
נער האָט אָנגעשריבען „שמואל שמעלקעס" און גאָלדפאדען האָט
אָנגעשריבען „ביידע קוני לעמילס", לאטיינער האָט אָנגעשריבען
די „ליעבע פון ירושלים" און גאָלדפאדען האָט אָנגעשריבען
„שולמית" און הגם לאטיינער האָט ביידע שטיקער אָנגעשריבען
פאר גאָלדפאדען און האָט א צייט, א צייט לאנג אין אמעריקא גע־
האלטען דעם טהעאטער אין זיינע הענד און גאָלדפאדען האָט דאָר־
טען קיין דריסת הרגל ניט געהאט, שפּיעלט מען נאָך עד היום גאָלד־
פאדענס „קוני לעמיל" און גאָלדפאדענס „שולמית", און לאטיי־
נער'ס „שמואל שמעלקעס" און „ליעבע פון ירושלים" זיינען געווען
טוידט באלד ווי מען האָט זיי די ערשטע צייט אָבגעשפּיעלט. א חוץ
דעם, האָט זיך ביי גאָלדפאדען דער טאלאנט ענטוויקעלט און וואָס
ווייטער זיינען זיינע שטיקער ארויסגעקומען בעסער, פיינער, איי־
דעלער, בשעת לאטיינער איז געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, און
זיינע שפּעטערע שטיקער ווייזען ניט קיין פערבעסערונג. פער־
קעהרט, אין די ערשטע יאָהרען, סיי אין רומעניען און סיי אין אמע־
ריקא האָבען זיינע שטיקער געהאט לכל הפחות איינפאכקייט און
וואָס ווייטער ווערט אפילו די דאָזיגע איינפאכקייט פערשוואונדען.

ווען לאטיינער האָט זיך נעכאפּט, אז די אַרבייט צו פערצאידי־
שען פּיעסען איז ניט נאָר א מאָרודנע נאָר אויך זעהר א שווערע,
און דער טהעאטער קען ניט ווארטען, האָט ער פשוט גענומען
פרעמדע שטיקער, האָט אויסגעשניטען פון זיי דאָס לייב און לע־

זיך נאך געהאלטען ביים מוסטער פון דער אלטער היים. „אסתר און המן“, „יוסף מיט זיינע ברידער“, „משפט שלמה“ זיינען אי־דישע שטיקער, מיט א אידישען אינהאלט. ער פרובירט אויך שריי־בען א צייטבילד און שילדערען די לאגע פון די איינוואנדערער אין דער נייער מדינה, נאר דאס געלינגט איהם ניט און זיין „אי־מיגריישאן טו אמעריקא“ האט ניט קיין ערפאלג. נאר מיט'ן אנ־קומען פון דער צווייטער טרופע, מיט א צווייטען דראמענשרייבער, האט זיך אנגעהויבען א קאנקורענץ און א פערפאסער וואס האט זיך געוואלט האלטען ביי דער ביהנע האט געדארפט קענען שיטען שטיקער פון ארבעל. דער פערפאסער אין דעם נייען לאנד האט זיך געמוזט האלטען ביים אמעריקאנער פרינציפ „הארי אפ“ (אייל זיך צו) און אז מען האט ניט פערשטאנען ווי עס צו טהאן איז מען ארונטער פון ביינקעל.

און הגם אין דער צייט איז שוין די ארבייט פון דעם אידישען דראמענשרייבער פערגרינגערט געווארען און ער האט שוין ניט גע־דארפט אליין שרייבען דאס שטיק און אליין שאפען די מוזיק און אליין פערפאסען די ליעדלאך, און עס זיינען שוין געוועזען בעזונ־דערע מענשען וואס האבען בעזארגט די בעזונדערע טהיילען פון דער אפערעטע, האט זיך לאטיינער פערלארען אין די ערשטע פאר יאהר, וואס א צווייטער טהעאטער האט זיך געעפענט. ער האט אליין גאר ניט געקענט שאפען און אפילו בארגען א פרעמדען סיו־זשעט און געבען איהם מעהר אדער וועניגער א אידישען פנים איז פאר איהם געווען א שווערע ארבייט, וואס האט געפאדערט צייט. לאטיינער האט ניט געהאט דעם טאלאנט צו שילדערן כאראקטערע און ער איז ניט געבענשט געווארען מיט'ן אויג, וואס קען אריינקו־קען אין א מענשענס הארצען. איהם האט אויך געפעהלט פאנטא־זיע, וואס פאדערען זיך פאר סענזאציאנעלע שטיקער. ער איז גע־וועזן ניט מעהר ווי א בעל מלאכה פון דער ביהנע און ער האט פער־שטאנען, ווי אזוי מען דארף מאכען א שטיק, וואס זיינען די נוי־טיגע עלעמענטען און ווי מען דארף זיי אריינשטעלען, און ווי אזוי צו שטעלען צופריעדען די אקטיארען, וואס שפיעלען אין דעם שטיק. ווען ער האט פאר זיך א פארטיגע שטיק, קען ער אויסקליי־

א דראמא, נאר א גאנצע פיעסע אן און פיר זיך און ווייטער ציהט זיך אן אנדער פיעסע איבער די אנדערע אקטען. דערפון ווערט דער סיוזשעט אזוי פערפלאנטערט, אזוי פערדרעהט, אז מען קען ניט געפינען קיין אנהויב און קיין סוף. עס איז רעכט, אז ביי יעדען אקט זאל זיך דאס שטיק ענדיגען, נאר צום גליק ווייסט מען, אז א אידישע שטיק דארף האבען פיער אקטען.

געוועהנליך האט איין סיוזשעט מיט'ן צווייטען גאר קיין שייכות ניט. נעהמט, למשל, „דאס אידישע הארץ“. א שטיק וואס איז פון זיינע לעצטערע און וואס האט געהאט א געוואלדיגען ער־פאלג. אין דעם דאזיגען שטיק קומען פאר צוויי בעזונדערע סיו־זשעטען. דער ערשטער, וואס ענטהאלט דעם דראמאטישען עלע־מענט איז אזא: א קריסטליכע פרוי פון מיטעלע יאהרען בעגעגענט זיך מיט א יונגען אידישען ארטיסט און דערקענט אין איהם איהר זוהן, וועלכען זי האט אוועקגעווארפען, ווען ער איז נאך געווען א קליינער. דעמאלט איז זי געווען אן ארימע פרוי. זי איז אנטלאפען מיט א גראף, וועלכער האט מיט איהר חתונה געהאט, געגעבען א פלאץ אין דער הויכער געזעלשאפט, ארומגערינגעלט איהר מיט כל טוב און וועלכער האט מיט איהר געהאט אנדערע קינדער. ניט די קינדער און ניט די הויכע געזעלשאפט ווייסען עפעס דערפון, און זי פיהלט זיך גאנץ בעקוועם, וואס דער געדיכטער שלייער איז פער־צויגען איבער דער אונאנגענעהמער פערגאנגענהייט. ערשט דא בעגעגענט זי איהר זוהן, מיט וועלכע די גאנצע מעשה פון איהר פערגאנגענהייט איז פערבונדען און די מוטער־ליעבע ערוואכט אין איהר. עס הויבט זיך אויף ביי איהר אין הארצען א קאמפף, צו זאל זי איינשטעלען אין קאן איהר איצטיגע גליקליכע לאגע, די ליעבע פון איהרע מיוחסים קינדער אדער צו לאזען זיך פערפיהרען פון דער מוטער־ליעבע צום זוהן, געגען וועלכען זי איז אזא שענדליכען פערברעכען בעגאנגען, אדער זי זאל זיך מאכען גאר ניט וויסענדיג און א מאך טהאן מיט דער האנד אויפ'ן זוהן, וועלכער ניט נאר עפענט דעם שלייער פון דער אונאנגענעהמער פערגאנגענהייט נאר ווייזט איהר נאך א מעהר אונאנגענעהמע צוקונפט.

איהר זעהט, דא איז שוין ניטא קיין געהיימניסע, דא איז שוין

בען, כדי צו מאכען פלאץ פאר ליעדלאך און האפקעס און פאר גז קאמישען עלעמענט, איבערגעביטען די גוישע נעמען אויף אידישע און דערלאנגט זיי דעם אידישען פובליקום.

אין גרונט איז לאטיינערס א שטיק פון דער שפעטערער צייט דאס רוב גאר ניט קיין דראמע. דאס שטיק איז א ראמאן, נאר אנ־שטאט קאפיטלאך איז איינגעטהיילט אין אקטען אדער בילדער. דער סיוזשעט איז אזוי פערוויקעלט, פערפלאנטערט, פערדרעהט ווי אין די גרויסע שונד ראמאנען, מיט א צופארבונג פון עפעס א גע־היימניסע. נעהמט „די פערבלאנדזשעטע נשמה“, למשל, דארטען ווערט דערצעהלט א מעשה פון א רייכען אידען, וואס קומט צו פאהר־רען פון אמעריקא צו זיין ברודער דעם רב אין גאליציען. דער רב האט צוויי קינדער א בחור מיט א מיידעל, איז דער בחור פערליעבט אין א היינט־מאדישע מיידעל, פון וועלכער דער רב וו ל גיט הערען און זעהן. פונקט ווי אין די שונדיגע ראמאנען קלעבט זיך צו דער מיי־דעל איין צרה נאך דער צווייטער און עס דערגרייכט שוין אזוי, אז אין דער גאנצער שטאדט מיידט מען איהר אויס. צום סוף לאזט זיך אבער אויס, אז די מיידעל איז דעם רייכען אמעריקאנער ברו־דער'ס א טאכטער, וועלכע האט געזאלט דערטרונקען ווערען אין ים און איז דורך א נס ניט דערטרונקען געווארען און ניט ער האט גע־וואוסט, אז ער האט א לעבעדיגע טאכטער און ניט זי האט גע־וואוסט, אז זי האט א לעבעדיגען טאטען.

אדער נעהמט די „סדר נאכט“, דארטען פערקאכט זיך א ראַ־מאן צווישען א אידישע מיידעל און א קריסטליכען בחור. דער פא־טער פון דעם מיידעל איז אין צווייען אונגליקליך. ביי איהם האט מען אמאל אוועקגערויבט זיין איינציגען זוהן און כדי צו טרייסטען זיך האט ער ערצויגען זיין פלימעניצע. צום סוף פערליעבט זיך די דאזיגע פלימעניצע אין א גוי. די צרות פון דער גאנצער פאמיליע איז גאר ניט משער צו זיין. אין לעצטען אקט לאזט זיך אבער אויס, אז דער קריסט איז דאס טאקע דעם פעטער'ס זוהן.

ווען ניט קיין געהיימנים, איז לאטיינער'ס א שטיק צוזאמענ־געשטעלט פון צוויי אדער מעהר פיעסען. דער ערשטער אקט גע־וועהנליך איז ניט קיין לייכטע פערבינדונג, ווי עס דארף זיין אין

אין פון אזא לייכטער אפעראציע איז דאָס גוישע שטיק אין איין מינוט געוואָרען „דאָס אידישע הארץ“.

אַזאַ ארבייט איז גאָר א גרינגע. דערצו פאָדערט זיך ניט קיין טאַלאנט, קיין גבורה, קיין ביהנענקענטשאפט. אלץ וואָס מען דארף איז צו געפינען א פאסענדע פארטיגע שטיק און געבען איהם אַן עכט אידישען נאָמען.

נאָר דאָס איז ערשט א טהייל פון דער מלאכה. אזא שטיק וואָלט געוועזן פונקט דער היפך פון די שטיקער, וואָס לאטיינער שרייבט פאר'ן אידישען פובליקום. לאטיינער וואָלט ניט געווען לאטיינער ווען ער זאָל זיך בענוגענען דערמיט, וואָס ער נעהמט א פארטיגע גוי'שע שטיק ווי עס שטעהט און געהט און בייט נאָר אי־בער דעם נאָמען פון דער פיעסע און די נעמען פון די העלדען. ער ברענגט אריין אין אזא שטיק א צווייטען עלעמענט און דאָס איז א גאנץ בעזונדערע קאָמעדיע, אָדער פארס אָדער בורלעסק וואָס האָט מיט דער דראמא קיין שום שייכות ניט. די קאָמעדיע ווידער קען זיין א גאנצע קאָמעדיע א גוישע, אָדער דעם פערפאסער'ס אַן איי־גענע שאפונג. אויב דער קאָמישער עלעמענט האָט א גאנצע האנד־לונג, מעג מען זיין זיכער, אז דאָס איז גענומען פון א וועלכען עס איז פארס, וואָס מען האָט געשפיעלט ביי די גוים און ניין מאָל פון צעהן וועט מען אזא געפינען. נאָר אויב דער קאָמישער עלע־מענט בעשטעהט נאָר פון נארעש מאכען זיך, איז דאָס זיכער אָרי־גינעל.

דער געדאנק אריינצושטוקעווען א גאנצען פארס אין דער דראמע בעלאנגט צו לאטיינער. דאָס איז זיין אויפטהו. דער חשבון דערביי איז אזא: מען ווייסט ניט, וואָס אַן עולם קען געפעלען ווערען, א מאָל וויל ער עפעס ערנסטעס, עפעס זאָל איהם א ציה טהאָן אין הארצען, און אמאָל וויל ער מען זאָל איהם קיצלען, כדי ער זאָל קענען זיך גוט אויסלאכען, און אמאָל וויל ער א שטיקעל נגינה, און אום צו זיין זיכער דארף מען איהם געבען אי א דרא־מע, אי א קאָמעדיע אי אַן אפערעטקע.

דערביי דארף מען בעמערקען, אז הגם אין אלע פיעסען אויף דער אידישער ביהנע מישט זיך דער קאָמישער עלעמענט מיט'ן

ניטאָ קיין פערוויקעלטער, פערדרעטער סיוזשעט. דאָ איז אַ ביטערער קאמף פון געפיהלען, א רייכער שטאָף פאר א דראמע. און ווירק־ ליך דאָס איז א גאנצע דראמע און ווען אפילו איהר זייט גאר קיין מבין ניט, פערשטעהט איהר, אז דאָס איז ניט קיין אידישע דראמע. הגם איהר ווייסט ניט, צו מען האָט אזא דראמע געשפיעלט ביי די גוים. און דער אָריגינאל דערפון איז טאַקע געווען געשריבען פון א פרעמדען לעבען פאר א פרעמדער ביהנע.

נאָר פאר לאטיינערען האָט כלל וכלל ניט געטויגט קיין גוישע שטיק, אבער איבערמאכען א גוישע שטיק אויף א אידישע איז א שווערע שטיק ארבייט, האָט ער, ערשטענס, דאָס שטיק א נאָמען געגעבען „אידישע" הארץ און צווייטענס האָט ער א פּאָר גוישע נעמען אומגעביטען אויף א־דישע. אבער דאָס איז ניט גענוג, ווייל דאָס איז צו טרוקען פאר א אידישען פובליקום, האָט ער אין דעם שטיק ארייגעפיהרט דעם קאָמישען עלעמענט אין דעם פארם פון א צווייטען סיוזשעט, און דער צווייטער סיוזשעט איז אַן און פאר זיך א גאנץ פערדרעהטער: אַן עלטערער איד שדכנ'ט זיך צו א יונגער מיידעל, וועלכע שפיעלט א ליעבע מ־ט'ן ארטיסט. וואָס ווייטער ווערט ארייגעפיהרט א ליעבע צווישען נאָך א יונג פּאָרל, אבער דאָס א־ז אויך ניט גענוג. אין דעם שטיק ווערט ארייגעפיהרט א מאַן, וואָס ליעגט ביים ווייב אונטער'ן פאנטאָפעל. פון דעם אלעם איז ארויסגעקומען די קאשע, וואָס האָט געהייסען „דאָס אי־ דישע הארץ".

ווען מיר וועלען אנאליזירען, ווי אזוי דער פערפאסער לאטיי־ נער האָט דאָס שטיק געמאכט, וועלען מיר געפינען דעם שליסעל צו אלע זיינע ווערק, צו דער גאַנצער מלאכה פון מאכען פּיעסען, ווי ער און זיינע חברים האָבען עס פערשטאַנען.

דער עיקר פון דער פּיעסע, דאָס וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער פּיעסע, איז אין גאנצען גויש, נאָר אזוי ווי עס טויג ניט צו געבען א גוישע זאך פאר א אידישען פובליקום און דער פערפאסער האָט ניט געהאט קיין כוח צו פעראידישען דאָס שטיק, האָט ער נאָר משנה השם געווען, אומגעביטען דעם נאָמען פון דעם שטיק,

באבעלע: אמת, דו ביזט מיין שוועסטער קינד, אבער זינדיגען טאָר מען ניט.

אזוי רעדט סעם, נאר אין צוויי מינוט ארום הערען מיר איהם זינגען אזא ליעד:

לערנען קען איך גוט, אוי, פאפא, או, פאפא.
קיין קינד בין איך שוין ניט, אוי פאפא, אוי פאפא.
צום לערנען האָב איך זיך געשטופט
שטעטס א גוט בוי געווען
און צייט איך האָב נאָר זי געזעהען
האָב איך מיך אין איהר פערליעבט א. ז. וו.

וועט איהר דאָך פרעגען א קשיא, ווי קומט צום אמעריקאנער באָי, וואָס קען ניט קיין אידיש, צו זינגען אזא ליעדעל? נאָר דאָס וועט דאָך הייסען אז דער פערפאסער איז פעראנטוואָרטליך פאר דער פריהערדיגער האנדלונג און אזא פעראנטוואָרטליכקייט נעהמט ער אויף זיך ניט. פריהער האָט איינער גערעדט אזוי און איצט רעדט ער אזוי, ווייל אזוי פאסט צום רומעל.

און אזוי ווי עס איז ניטאָ קיין שייכות פון איין אקט צום צווייטען, פון איין פערזאָן צו דער צווייטער, פון איין מאָמענט צום צווייטען אין דער זעלבער פערזאָן, איז דאָס לעבען, ווי מען קען זעהן אין לאטיינער׳ס שטיקער, א מערקווירדיגע. און ווען מיר זיצען אין טהעאטער און קוקען זיך צו צו דעם וואָס קומט פאָר פאר די אויגען, שיינט אונז אז מען האָט אונז אריבערגעפיהרט בשלום דעם טייך סמבטיון און מיר געפינען זיך הינטער די הרי חושך, אזוי פרעמד איז אונז די שפּראַך, די געפיהלען, די מנהגים, די אויפפיהרונג. מיר ווייסען ניט צו מיר שלאָפען, צו מיר וואכען, צו דאָס שפּיעלט מען טהעאטער, צו דאָס א־ז עפּעס א חלום. א מלך און א פאסטוך שטעהען געזעלשאפטליך אויף איין מדרגה, דער האר און דער קנעכט עסען פון איין שיסעל, עס איז ניטאָ, קיין נעכטען קיין מאָרגען, קיין פערגאנגענהייט, קיין צוקונפט, אלץ איז אויסגעמישט צוזאמען. אלעמען שיינט אבצוגעהען די זיבעטע קלעפקע און אלץ איז הפקר. מען דארף קיינעם ניט אבגעבען קיין

דראַמאַטישען, איז דאָרטען אָבער ניטאַ אַזאַ מין קאָמבינאַציע פון אַ גאַנצער בעזונדערער דראַמאַ און אַ גאַנצער בעזונדערער קאָמע־דיע. די דאָזיגע קאָמבינאַציע איז אין גאַנצען לאַטיינער'ס אויפטהו.

די מלאכה פון דעם פּערפאַסער דאַרף זיך אַרויסווייזען אין דעם, ווי אַזוי צוזאַמענמישען צוויי בעזונדערע שטיקער, וואָס האָ־בען ניט קיין שייכות איינע צו דער אַנדערער.

נאָר אָט די שייכות פערשטעהט ניט י. לאַטיינער. ער פער־שטעהט ניט צו וואָס דאַרף זיין אַ שייכות פון איין סיוזשעט מיט'ן צווייטען. ער פערשטעהט איבערהויפּט ניט צו וואָס דאַרף זיין אַ שייכות פון איין אַקט צום צווייטען, פון איין פּערזאָן צו דער צוויי־טער, פון פּערזאָן צום אָרט, צו דער צייט. זיין אויפפאַסונג פון אַ שטיק איז, אַז עס דאַרף ענטהאַלטען שטאָף, וואָס זאָל אַמאָל אַרויס־רופען ביים עולם אַ קעלט איבער'ן לייב און אַמאָל זאָל ער איהם מאַכען לאַכען. ווי אַזוי מען דערווייזט עס, געהט קיינעם ניט אָן. ער זעהט נאָר פאַר זיך די ביהנע און דאָס פּובליקום. אָט דאָ, זאָגט ער, וועט אַרויסגעהן דער ליעבהאָבער און זאָגען אַ שטאַרקען מאָנאָלאָג, וועט עס דעם עולם ריהרען. אָט דאָ וועט אַרויסגעהן דער קאָמיקער און וועט זאָגען אַזאַ המצאה און דער עולם וועט לאַכען. האָט דער קאָמיקער עפּעס אַ שייכות מיט'ן ליעבהאָבער? איז דאָ דער פּלאַץ פאַר איהם צו ערשיינען? איז איצט די צייט פאַר איהם עפּעס צו זאָגען? דאָס געהט איהם ניט אָן. פאַר'ן אַקטיאָר איז דער אַריינגאַנג צו דער ביהנע פריי און ער קען אַריינקומען, ווען דער מחבר הייסט איהם, און זאָגען וואָס ער וויל און ווי ער וויל, ניט האָבענדיג קיין שום פעראַנטוואָרטליכקייט צו זיינע פריהערדיגע האַנדלונגען.

אין דער „פערבלאָנדזשעטע נשמה", למשל, קומט פאָר אַן אַמעריקאַנער באַי, וואָס קען ניט קיין אידיש. ווי ווייט ער קען קיין אידיש ניט קען מען זעהן פון דעם פאָלגענדען געשפּרעך:

סעם: סוויט באַבעלע, יו נאָו, יו אַר מאַי קאָזין.

באַבאַלע: וואָס? דעם חזן דאַרפסטו? אָט וועל איך איהם באַלד אַריינשיקען.

סעם: יו נאָו, יו מאַי שוועסטער קינד.

בגד: מ. הורוויטש האט ביים מאכען די דראמע אויסגערעכענט, אט דא דארף דער עולם א לאך טהאן, אט דא דארף דער עולם דורכגעהן א קעלט איבער'ן לייב, אט דא דארף ער זיך קאטשען פאר געלעכטער, אט דא דארף זיין א פזמון און דא א טענצעל און דא עפעס אן עפעקט, ביי וועלכען דער עולם זאל עפענען די מיילער און בלייבען פערגאפט.

וואס איז שייך צו הורוויטש וואלט געווען אפשר ריכטיגער צו זאגען, אז ער איז געווען אן ארכיטעקטאר אין זיינע מייסטע דראמען. ער האט אויסגעארבייט א פלאן פאר א דראמע, איינגע־טהיילט אין סצענען און דערמיט האט זיך זיין אייגענע ארבייט געענדיגט. ווען עס איז געקומען צום אנשרייבען די סצענען, האט ער געזאגט צו זיך: שרייבען די סצענען קען איך ניט, דערצו דארף מען האבען טאלאנט, נאר דערפון דארף קיין מניעה ניט זיין; עס זיינען פאר מיר געווען און עס זיינען איצט פארהאן גענוג שריי־בער ביי די גוים, וואס בעזיצען דעם דאזיגען טאלאנט און אלץ וואס מען דארף טהאן איז אבצוזוכען עהנליכע סצענעס אין זייערע ווערק.

מ. הורוויטש האט געהאט א רייכע ביבליאטהעק, ער האט פער־שטאנען דייטש און רומעניש, און ווען ער האט געדארפט, לאמיר זאגען, א סצענע פון ליעבע, האט ער אויפגעמישט א גוישע דראמע, וואו עס געפינט זיך אזא סצענע און האט איהר איבערגעשריבען אדער אראפטירט און אריינגעשטעלט אין זיין דראמע. האט ער געדארפט א סצענע פון אייפערזוכט, א סצענע פון טרייהייט און איבערגעבענהייט א. ד. גלייכען, האט ער ווידער אבגעזוכט אין די פארטיגע דראמען אזעלכע סצענען און אריינגעשטעלט זיי אין זיין דראמע.

אלס געניטער דראמען־מאכער האט ער געוואוסט, אז מען קען קיין גאנצע גוישע פיעסע ניט געבען דעם אידישען פובליקום. דעם טאלאנט צו שרייבען אריגינעלע אידישע פיעסען האט ער ניט געהאט. האט ער זיינע פיעסען געמאכט אזוי, אז אויפ'ן קוק האבען זיי אויסגעזעהן אידישע און אין אמת'ן זיינען זיי געווען ניט קיין אידישע און ניט קיין גוישע.

חשבון, עס איז ניטאַ קיין פאר וואָס און פאר ווען, אזוי וויל דער מחבר און אזוי דארף געשעהן.

עס איז זעהר כאראקטעריסטיש, וואָס ביים גרויסען עולם, וועלכער האָט זיך דורכגעווייקט מיט דער געדיכטער אטמאָספּערע פון אזעלכע שטיקער, האָט זיך אויסגעארבייט א בעגריף אז וואָס פאלש, אונגעוועהנליך, ניט נאַטירליך, אונגעלומפּערט פּאסט פאר טהעאטער. איהר וועט זעהר אָפט הערען, ווען א שטייגער מען שטויסט זיך אָן אויף ערשיינונגען, אין וועלכע עס ווייזט זיך ארויס לעבערליכקייט אָדער איבערטריבענהייט אזא מין בעמערקונג: „כ׳לעבען, אָט האָבען מיר א טהעאטער!" דער בעגריף, וואָס דער עולם האָט ארויסגעטראָגען פון אזעלכע שטיקער, איז אז אויף דער ביהנע דארף יעדע זאך פּארקומען ניט ווי אין לעבען.

אַזאַ מין בעל מלאכה איז אויך געווען משה הורוויטש.

אלס אקטיאָר האָט ער בעשיינפּערליך געזעהן, וואָס ביים עולם נעהמט אויס, פון וואָס דער עולם האָט הנאה און פון וואָס דער עולם לעקט די פינגער. א חוץ דעם האָט ער אויך געוואוסט וואָס דעם אקטיאָר שטעלט צופריעדען און מיט וואָס ער נעהמט זיך אי־בער. מיט אנדערע ווערטער, ער האָט גוט געקענט די ביידע עלע־מענטען, פאר וועלכע מען דארף שרייבען דראמען. און עס האָט איהם לאנג ניט גענומען צו קומען צום שלוס, אז ער קען די דאָזיגע מלאכה ניט ערגער פאר אנדערע.

און מ. הורוויטש, אזוי ווי לאטיינער, טרעט צו צו דער ארבייט פון מאכען דראמען ווי צו א געוועהנליכער מלאכה. עס קען זיין, אז אין די ערשטע יאָהרען איז ער געווען פערנארט אין זיך און האָט געגלויבט, אז ער איז געבענשט מיט דעם טאַלאנט צו שרייבען דראמען. נאָר שפּעטער האָט ער זיך געכאפּט, אז דעם טא־לאנט דערצו האָט ער ניט. ווי א געניטער בעל מלאכה האָט ער געוואוסט, ווי ער דארף איינטהיילען די דראמע, וואו עס דארף זיין א לאך, וואו עס דארף זיין א קנאק, ער האָט געוואוסט, אז אַן אקטיאָר קען ניט ארויפגעהן אויף דער ביהנע און שווארצען דאָס פנים, מען מוז איהם געבען עפּעס, אז ער זאָל כאפּען א בראַוואָ, און ער האָט די דראמעס געמאכט, ווי א שניידער שניידט צו אַ

שפיעלען זיך אָב אמת'ע מענשליכע געפיהלען. דאָס איז די גע־באַרגטע סצענע וואָס ער האָט אריינגעשלעפּט אין זיין אייגענעם סיוזשעט. נאָר די דאָזיגע סצענע קלעבט זיך געוואוינליך ניט צו די פּערזאָנען און צו די אומשטענדען. שטעלט אייך פאָר, אז מיכעל דער שטעפער ווערט אייפערזיכטיג אויף זיין ווייב חייקע, נאָר אנ־שטאָט אָנצושרייבען אן אייפערזיכטיגע סצענע צווישען מיכעל און זיין חייקע, נעהמט דער פערפאסער די אייפערזוכטס־סצענע פון „אָטהעלאָ". די סצענע איז טאקע א שטארקע, נאָר ווען איהר זעהט, ווי זי שפּיעלט זיך אָב ביי מיכעל מיט חייקע, ווי די דאָ־זיגע פּארשוינען זיינען ביז איצט ארויסגעקומען פון זיין פּורעם, דאָס הייסט אָהן ליב און אָהן לעבען, מאכט די סצענע אויף אייך דעם אומעדיגען איינדרוק, אזוי ווי איהר וואָלט געכאפּט א בליק פון א נאקעטער אייפערזוכט, ווי זי האָט ערגעץ פערבלאָנדזשעט. ווען איהר זעהט אזעלכע שטיקער, אין וועלכע עס גנב'ענען זיך אריין אזעלכע סצענעס, בעגרייפט איהר די בעדייטונג פון „נשמות דאזלי ערטילאין" און רופען ביי אייך אזא סקרוך אויפ'ן לייב, ווי איהר זאָלט אזעלכע נשמות בעגעגענען.

די קאָנסטרוקציאָן פון הורוויטשעס שטיקער איז כמעט די זעלביגע ווי לאטיינערס, אזוי ווי זיי וואָלטען ביידע אין איין חדר געגאנגען. דער סיוזשעט איז געוועהנליך א פערדרעהטער, ווי פון א סענזאציאָנעלען שונד ראָמאן. דער סיוזשעט איז אָפט אזוי פערדרעהט, אז דאָס רוב ווייסט מען ניט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער ביהנע. עס איז גרינג צו זעהן, אז ער פאסט אויף א דראמע ניט ווי עפּעס א גאנצעס, נאָר ווי בעזונדערע סצענעס, פון וועלכע עס פאָדערט זיך ניט קיין שטייפע צוזאמענבינדונג.

די פּיעסען, וואָס הורוויטש האָט געשריעבען, דארפען איינ־געטהיילט ווערען אין דריי קלאסען: היסטאָרישע, לעבענס־בילדער און צייט־בילדער און אין דעם זעהט זיך ווידער א נייער אויפ־טהו. הורוויטש איז געווען דער ערשטער צו שרייבען צייט־בילדער. זיין ערשטע צייט־בילד איז געווען „טיסא עסלאר", וואָס איז שוין געווען דערמאָנט פריהער. די צייט־בילדער האָט ער געשריעבען גאָר אנדערש ווי די אנדערע פּיעסען. דאָ האָט ער זיך געהאלטען שטרענג

א סך פיעסען האָט מ. הורוויטש איבערגעמאכט אויפ'ן זעל־ביגען שטייגער ווי י. לאטיינער און די אנדערע דראמען־מאכער וואָס האָבען געשריעבען אין יענער צייט, דאָס הייסט גענומען א גאנצע גוישע ווערק, אומגעביטען די נעמען אויף אידישע, ארויס־געוואָרפען דאָס לעבען און אריינגעשטוקעוועט קאָמישע פערזאָ־נען נאָכ'ן געוויסען שאבלאָן, מיט וועלכען אויך לאטיינער און די אנדערע האָבען זיך בענוצט. אין דעם פרט שיידט זיך הורוויטש מיט קיין זאך ניט אונטער פון לאטיינער'ן. נאָר אין א סך פיעסען האָט הורוויטש געברויכט זיין אייגענע מעטהאָדע און האָט אויס־געפילט זיין אייגענע פאבעל מיט פרעמדע סצענעס, און דאָס איז געוועזן זיין אייגענער אויפטהו.

אָפט זיצט מען אויף הורוויטשעס א שטיק און עס איז שווער צו בעשטימען, ווער איז דער פערפאסער פון איהר. עס איז רעכט, אז דער פערפאסער זאָל זיין לאטיינער, צו פיינמאן, צו הורוויטש, צו עפּעס אן אנדערער פון די דאָזיגע אויטאָרען. די מייסטע פון יענעם סאָרט שטיקער זיינען אויסגעגאָסען פון איין פורעם, איהר זעהט, אז די מענשען אויף דער ביהנע זיינען קיין מענשען ניט, די ווערטער קלעבען זיך ניט איינס צום אנדערען, די האנדלונגען שלאָגען איינע די אנדערע אָדער האָבען קיין שום שייכות ניט איי־נע מיט די אנדערע און פלוצים ווערט איהר נשתומם צו הערען פון א הילצערנעם מענשעלע, וואָס געהט אויף ספּרונדזשינעס, ווערטער, ביי וועלכע איהר שפּיצט אויס נאָז און אויערען. עס ווילט זיך אייך בשום אופן ניט גלויבען, אז א מענשעלע אויף ספּרונדזשי־נעס זאָל עפּעס אזוינס רעדען. אז אזא מענשעלע קען ברומען ווי א לייב, קען זיך צאפּלען און ווארפען, קען קריכען אויף גלייכע ווענד, איז פערשטענדליך, ווייל דאָס ווערט אלץ געטהאָן מיט דער ספּרונדזשינע, נאָר ווי קומט עס צו רעדען ווערטער, וואָס גרייפען ביים הארצען, ריהרען אָן די מענשליכע סטרונע? אין אזא שטיק פיהלט איהר הורוויטשעס אויפטהו. ביי די אנדערע דראמען־מאכער וועט איהר אזא ערפאהרונג ניט האָבען.

אין הורוויטשעס שטיקער, וואָס זיינען געבויט לויט דער דאָ־זיגער מעטהאָדע קענט איהר אָפט טרעפען א סצענע. וואו עס

„טרפה'ניאק“, דער „בעל תשובה“, דער „קאטארזשניק“, די „אונגע־טרייע ווייב“ (דער „בלוטיגער אדיע“) דער „פראצענטניק“ און זיי זיינען אלע איבערגעמאכט פון זיינע אייגענע ראמאנען אונטער די זעלביגע נעמען. די דערמאנטע שטיקער טראגען אלע אויף זיך דעם שטעמפעל פון א ראמאן. ווען מען זיצט אין טהעאטער ביי די דא־זיגע שטיקער, דאכט אייך, אז איהר הערט, ווי דער פערפאסער זאגט: „און איצט לאזען מיר איבער אונזער העלד און מיר קעה־רען זיך צוריק צו אונזער העלדין.“ די סצענעס, די בילדער און די שטיקער זיינען ניט מעהר ווי קאפיטלאך אין א פערקירצטער פארם, ווייל עס איז דאך געווען אונמעגליך צו געבען א ראמאן פון עטליכע הונדערט זייטלאך אין פיער אקטען. און אויף אזא אופן איז שייקעוויטש געווען דער ערשטער וואס האט אריינגעבראכט די פארם פון דעם ראמאן אויף דער אידישער ביהנע און אין דער הינזיכט האט ער זיך ניט גענארפט אבלערנען פון לאטיינער און הורוויטש.

אזוי ווי די מייסטע שטיקער זיינע זיינען איבערגעמאכט פון זיינע ראמאנען איז שייקעוויטש וועניגער ווי אנדערע אנגעקומען צו פרעמדע שטיקער, נאר ווען ער איז אנגעקומען צו א פרעמדער פיעסע האט ער געברויכט די זעלביגע מעטהאדע פון לאטיינער און הורוויטש. ער האט ניט גענומען א פרעמדע גאנצע שטיק, און, ווי זיי, האט ער זיך נאר בענוצט מיט'ן סקעלעט אדער מיט א כא־ראקטער.

שייקעוויטש'ס שטיקער שיידען זיך ניט אונטער פון זיינע ראמאנען. זיינע א שטיק איז אנגעפיקעוועט מיט א סך בעגעבענ־הייטען, וועלכע דארפען האלטען דעם צושויער געשפאנט. די האנד־לונג ענטוויקעלט זיך ניט פון זיך אליין, נאר עס קומען איבערראַ־שונגען נאך איבערראשונגען, גראד ווי אין די ראמאנען, און ערשט אין די שפעטערע יאהרען איז די האנדלונג אין זיינע שטיקער געווארען עטוואס איינפאכער.

שייקעוויטש איז געווען א שנעלער שרייבער און ער האט גע־קענט שאפען אזוי פיעל שטיקער, ווי א טהעאטער האט געפאדערט. אין דעם ערשטען סעזאן, וואס ער איז געקומען קיין ניו יארק, האט

ביי די פאקטען, אזוי ווי ער וואָלט צוזאמענגעקליבען אלע פּראטאָ־קאָלעי אָ, פערנאַנדערגעסאָרטירט זיין אין סצענעס און אקטען. די צ-יט בילדער זיינען געווען געבויט אויף די הויפּט סענזאציעס פון דעם טאָג. עס פערשטעהט זיך, אז ביים נאַטוראליזם אין צייט־בילדער האָט ער זיך נאָר געהאלטען דעמאָלט, ווען די אורזאכען און פאקטען זיינען געווען קלאָר. אָדער ווען די אורזאכען און פאקטען זיינען ניט געווען בעשטימט האָט ער געגעבען פרייהייט זיין פאַנטאַזיע.

אין זיינע היסטאָרישע שטיקער האָט ער זיך ניט געהאלטען אלע מאָל ביי איין דרך. עס איז געווען ביי איהם רעכט צו האל־טען זיך אמאָל ביי דער געשיכטע און ניט אָבטרעטען ניט רעכטס און ניט לינקס, אמאָל איז געווען רעכט צו איבערטאַסעווען די פאקטען און מאכען פון א פערהייליגטע געשטאַלט א רויבער און אַ באַנדיט, און אמאָל איז גאָר רעכט געווען צו נעהמען עפּעס א גוישע שטיק פון היינטיגער צייט און געבען איהם א היסטאָרישען נאָמען.

אויב לאַטיינערס און הורוויטשעס שטיקער האָבען גיכער דערמאָנט א ראָמאַן, וואָס איז איינגעטהיילט אנשטאָט קאַפּיט־לאך אין אקטען אָדער בילדער, דערמאָנען עס נאָך שטארקער שייק־עוויטשעס שטיקער.

נחום מאיר שייקעוויטש האָט דעם דאָזיגען שניט ניט געקענט באַפּען פון לאַטיינער און הורוויטש, ווייל ער האָט איהם שוין געהאט אין יענער צייט, ווען עס איז נאָך געווען אָנגענומען גאָלד־פאַדענס מוסטער. גאָלדפאַדען און די אנדערע האָבען זייערע שטי־קער גענומען פון פרעמדע פּיעסען און ווי ווייט איינער האָט גע־קענט, האָט ער זיי געזוכט צו געבען א אידישען פּנים. נאָר מיט א אידישען פּנים אָדער אָהן א אידישען פּנים זיינען די שטיקער געווען געבויט פאר א ביהנע, און די קאָנסטרוקציע פון אָריגינאַל איז ניט געענדערט געוואָרען. אבער מיט שייקעוויטש איז דער פאל געווען אנדערס. ווען ער האָט גענומען שרייבען פאר'ן אידי־שען טהעאטער, האָט ער ניט געזוכט קיין פרעמדע פּארטיגע שטי־קער, נאָר ער האָט זיך געווענדעט צו זיינע אייגענע ראָמאַנען. צווי־שען זיינע ערשטע שטיקער געפינען זיך דער „אידישער פּריץ" אָ־ער

אלע אידישע דראמענשרייבער, וואס מאכט חוזק ניט נאר פון די שטיקער, פון וועלכע ער האט דעם שניט גענומען, נאר אויך פון זיינע אייגענע שאפונגען. און אין דער צייט ווען די אנדערע אוי־טארען האבען געגלויבט, אז זיי שאפען עטוואס אונשטערבליכעס, האט ער געמאכט שפאס פון דעם גאנצען רעפערטואר און פון זיי־נע אייגענע ווערק.

מ. זייפערט פערדיענט אויך אויפמערקזאמקייט צוליעב דעם, וואס ער איז געווען פון די ערשטע, וואס האבען איבערזעצט קלא־סישע פיעסען פאר דער אידישער ביהנע.

צווישען די אנדערע שרייבער זיינען געווען זיגמונד פיינמאן, רובענס ווייסמאן, דוד אפאטהייקער, יאהאן פאליי, בילדער און שינקמאן.

אין אלע שטיקער פון די אויסגערעכענטע פערפאסערס, סיי אין היסטארישע און סיי אין אזוי גערופענע לעבענסבילדער, פליסען צוויי פערשיידענע רינעס — איינע א דראמאטיישע רינע און די צווייטע א קאמישע. די דראמאטישע רינע שלעפט מיט זיך דעם העלד און די העלדין. דיזע פיגורען זיינען גענוועהנליך געקנאטען פון א העכערע מאטעריע. אין דעם העלד, אז עס צינדט זיך אן א ליידענשאפט איז עס שטארקער פון א פייער־שפייענדען וואולקאן. מיט זיינע פינף פינגער וועט ער בערג איבער־קעהרען, ימים טרוקען מאכען. קיין מאכט אין דער וועלט וועט זיך קעגען איהם ניט קענען שטעלען. דאס איז דער דין מיט א שטארקען העלד. און ווידער א זיידענער העלד איז אזוי ווייך, אז צו זיין ווייכקייט איז ניטא קיין שיעור. מיט זיין גוטסקייט וועלען אפילו מלאכים ניט קענען קאנקורירען. און פערשטעהט זיך, דער העלד פיהרט אוים מיט זיין ווייכקייט גראד אזוי פיעל ווי דער שטארקער העלד מיט זיין שטארקייט. די העלדין איז א פקחית, א גוטע און איבערהויפט א טרייע; צו איהר טרייהייט איז גאר קיין סוף ניטא. און ווער ווער האט איהר שוין ניט געוואלט פערפיהרען! דער גראס־אינקוויזיטאר האט איהר ממש דאס לעבען בעקומען. קיסריים האבען געדראהט די גאנצע אידישע אומה אומצוברענגען, אויב זי וועט ניט ברעכען איהר טרייהייט, גראס־פירסטען האבען זיך ביי

ער געליפערט פאר׳ן טהעאטער זעקס שטיקער און פון זיין זייט וואלט קיין מניעה ניט געווען, ווען דער טהעאטער וואלט געפאדערט מעהר. אבער שייקעוויטש איז געקומען אויף עטליכע יאהר צו שפעט און ,הגם זיינע שטיקער זיינען געווען אידישער ווי די אנדערע, האט ער זיך ביים טהעאטער ניט געקענט האלטען.

ארום סוף אכציגער יאהרען האבען זיך בעוויזען פנים חדשות ביים טהעאטער, נאר זיי האבען קיינער קיין נייעס ניט ארויסגע־בראכט אויף דער אידישער ביהנע. זיי זיינען געגאנגען אין די טריט פון לאטיינער און הורוויטש און גענומען זייערע ווערק פאר א מוסטער. עס האט אויסגעוויזען, ווי זיי האבען געזאגט: „אויב דאס איז דער גאנצער קונץ פון שרייבען שטיקער, קענען מיר דעם קונץ ניט ערגער פון זיי״, און זיי האבען געוויזען, וואס זיי קענען.

און דאס איז געווען דער טעות זייערער. צו שרייבען אזעלכע שטיקער ווי לאטיינער און הורוויטש האט מען זיי ניט גערארפט. אויף אזעלכע שטיקער האבען יענע געהאט א חזקה און דערצו הא־בען זיי שוין געהאט יענע געניטקייט, וואס האט געפעהלט די נייע שרייבער.

פון אלע דראמען שרייבער, וואס האבען זיך בעוויזען אין יע־נער צייט, פערדיענט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט משה זייפערט.

זייפערט האט געשמאלצען זיינע שטיקער אין דעם זעלביגען טיגעל, וואו אלע שטיקער פון יענער צייט זיינען דעמאלט געשמאל־צען געווארען. ער איז געגאנגען מיט׳ן זעלביגען דרך, וואס די פרי־הערדיגע דראמענשרייבער אין ניו יארק האבען אויסגעטראטען. ער האט אפשר אין זיינע היסטארישע שטיקער מעהר זיך געהאל־טען ביי דער געשיכטע, אין זיינע לעבענסבילדער איז אפשר ניט געווען אזוי פיעל לעבערוואורסט ווי אין די אנדערע, נאר ער האט אויך זיין מאטעריאל ניט געזוכט אין לעבען און געשעפט זיין בע־גייסטערונג פון דעם זעלביגען קוואל, און געברויכט די זעלביגע מיטלען, וואס די אנדערע. פון די אלע פנים חדשות, וואס האבען זיך בעוויזען אין יענער צייט, איז ער געווען דער פראדוקטיווסטער, נאר די ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פערדיענט ער צוליעב זיין שטעלונג צו דעם דראמאטישען פאך. ער איז דער איינציגער פון

העלדין און ווען עס דוכט זיך שוין, אז דער צדיק ווערט פערלארען און עס איז שוין ניטא קיין שום מיטעל צו ראטעווען איהם פון די רשעים'שע הענד, שווימען ארויס די נארעשע, אידיאטישע, שכור'ע קאמישע פערזאנען און עפענען דער בלינדער גערעכטיגקייט די אויגען און די רשעים כאפען זייער מפלה.

דער קאמישער עלעמענט איז אין יענער צייט געווען דער וויכטיגסטער, ווייל די גאנצע פיעסע האט זיך געהאלטען אויפ'ן זכות פון דעם דאזיגען עלעמענט. נאר מיט יעדען יאהר ווערט זיין טעם און ריח אויסגעוועבט. מיר האבען געזעהען, ווי גאלדפאדען האט שארזשירט, בורלעסקירט, אויב מען קען אזוי זאגען, האט שרעקליך איבערטריבען די קאמישע האנדלונגען, נאר ווען איהר נעהמט זיינע א קאמישע סצענקע האט זי אין זיך א געזונטען קערנדיל און זי איז כאראקטעריסטיש אידיש. איהר געדענקט, ווי אזוי די באבע לייענט דעם „צאינה וראינה" אין „באבע און איניקעל"? ווען די בלעטער זאלען זיין אזוי צוריסען, קענען אזעלכע זעצע ווי מען הערט דארטען בשום אופן ניט ארויסקומען, א חוץ דעם וואס ביי אזא בעל הבית'טע ווי די באבע, וואלט אזא צאינה וראינה שוין לאנג געלעגען צווישען די שמות. נאר דער געזונטער קערענדעל איז דאך פארהאן אין דער דאזיגער סצענע. א „צאינה וראינה" קען זיין אביסעל צוריסען, און ווען ביי דער באבען איז דער עיקר צו לייענען דעם הייליגען ספר, אבגעזעהען צו זי פערשטעהט וואס דארטען טהוט זיך צו ניט, קען גרייליך פאסירען א לייענים, וואו איין ווארט זאל זיך ניט קלעבען צום צווייטען. און דאס איז כאראקטעריסטיש אידיש, און דעם ריכטיגען איינדרוק טראגט איהר ארויס פון דער דאזיגער סצענע, און דאריבער לאכט איהר, ווייל ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דער אויטאר האט אויף זיין קונדס'דיגען אופן פערנאנדערגעבלאזט א פלייה אין אן עלעפאנט, זעהט איהר דאך פאר אייערע אויגען אן אמת'ן בילד פון דעם אידישען לעבען און די פערנאנדערגעבלאזענקייט ברענגט נאך ארויס בולט'ער פאר אייערע אויגען דעם קאמיזם פון לייענען הייליגע ספרים, וועלכע מען פערשטעהט ניט. איהר ווייסט אז אייער מאמע, אייער באבע, אייער מוהמע זיינען אפשר וואויל קענעוודיגע און וועלען אזא

איהרע פיס געוואַלגערט, געקושט דעם שטויב אַרום איהר, כדי צו געווינען איהר הארץ. עש רים האָבען געוואָלט אויף איהר פער־שווענדען א פערמעגען, נאָר איהר הארץ איז געבליבען ווי א טהו־רעם, און קיינעם איז ניט געלונגען דעם דאָזיגען טהורעם איינצו־ברעכען. קיין שוואַכקייט דרינגט ניט דורך איהר הארץ. זי איז טריי ווען אפילו „ער“ איז אונדאַנקבאַר, ווי עס איז אָפט דער פאַל מיט איהם, ווייל, ווי איהר ווייסט, איז זי שטענדיג ארומגערינגעלט מיט אינטריגאַנטען און זיי טהוען אלץ וואָס זיי קענען צו מאַכען א שנאה צווישען „איהם“ און „איהר“, און ער איז זיין בלינדער ליידענשאַפט הערט זיך אָפט צו צו די בייזע צינגער. דאָס איז די דראַמאַטישע רינע. די צווייטע רינע איז די קאָמישע. און זי שלעפּט מיט זיך די קאָמישע פּערזאָנען. עס איז שוין געווען דערמאָנט, אז אין אַזעלכע שטיקער שיינט אַלעמען אָבצוגעהען די זיבעטע קלעפּקע, נאָר איבערהויפּט צייכענען זיך דערמיט אוים די קאָמי־שע פּערזאָנען. די קאָמישע פּערזאָנען זיינען שוין געשאַפען פון דעם אויטאָר גופא און זיי זיינען כמעט אומעדום די זעלביגע.

געוועהנליך זיינען זיי משרתים, דיענסטען, און קומען פּאָר־וויין, א זכר מיט א נקבה, און אָפט צוויי פּאָר מיט אמאָל. אָפט איז גענוג, אז זיי זאָלען נאָר זיין נארעש, נאָר דאָס רוב האָבען זיי עפּעס א מום.

די קאָמישע פּערזאָנען האָבען א געוויסע פּריווילעגיע אויף דער ביהנע. בשעת די העלדען פון דער דראַמאַטישער רינע מוזען זיין ענטוועדער גוט ווי מלאכים אָדער שלעכט ווי די טייוואָלים אז ניט האָבען זיי ניט קיין דריסת הרגל אויף דער ביהנע, איז די פּערזאָנען פון דער קאָמישער רינע ערלויבט צו טהאָן אלץ אין דער וועלט. פאַר זיי איז ניטאָ קיין שום געזעץ, פאַר זיי איז די ביהנע פריי און זיי קענען טהאָן וואָס זייער הארץ געלוסט. נאָר געוועהנליך זיינען זיי גוטע מענשען, און זייער ארבייט איז צו דיענען ביי דעם העלד אָדער העלדין און דאַרפען פערהיטען דעם העלד אָדער די העלדין פון בייז, דאָס הייסט אז מען זאָל זיי קיין בייז ניט טהאָן. זיי דערשמע־קען, ווען די שונאים מאַכען עפּעס א בלבול אויפ׳ן העלד אָדער

נגון איז פארהאן, די געמאכטע ווערטער זיינען געגאָסען נאָך דעם פורעם פון די אמת'ע ווערטער. די אוננאטירליכקייט האָט דעריבער ניט נאָר א נאַטירליכקייט, נאָר זי ווייזט א קאריקאטור פון אמת'ן אידישען לעבען.

לאטיינער און די אנדערע פערפאסערס האָבען נאָר געכאפט די אוננאטירליכקייט, די ווילדקייט און די אונגעלומפערטקייט און דעם פולען לעבען ניט געקענט אריינגעבען.

איבריגענס, מען טאָר קיין גרויסע טענות ניט האָבען צו די ערשטע פערפאסערס אין אמעריקא. מען דארף ניט פערגעסען, אז זיי האָבען דאָ געהאט די שווערע אויפגאבע אויסצוטרעטען א נייען וועג און זיי האָבען דאָ געשאפען א פובליקום פאר'ן אידישען טהעאטער.

אונגעלומפּערטע עברי ניט לייענען, נאָר זיי לייענען א סך ספרים, וואָס זיי פערשטעהען ניט.

אָדער ווען איהר הערט דעם שדכן טוביה שמעיה אין דערזעל־ביגען שטיק, ווי ער דערצעהלט וועגען דעם פּלפּול וואָס ער האָט געהאט מיט'ן חתן: „איהר מעגט עס אויך הערען. מיר האָבען זיך געשפּארט איבער א שטיקעל מהר"שא, האָב איך איהם געפרעגט: סטייטש, מ ש מ ש ע מ כ ן, האָט ער מיר געענטפערט, מ כ י נ ו ס י מ כ נ ו ס י. האָב איך איהם געפרעגט: סטייטש, זיתכן ב ג ר י ט י ן ו ב ק ל י פ י ן. האָט ער געענטפערט: מ י ק י ר י נ ע מ פ אַ צ ע ר י נ ע, אזוי לאַנג אזוי ברייט, ביז איך האָב פערשטאַנען — אז ער פערשטעהט."

אויב איהר זייט אמאָל אין א חדר געגאַנגען און האָט אריינ־געקוקט אין א גמרא זעהט איהר אז דאָס איז חוזק געמאַכט, און חוזק געמאַכט מיט כיון. קען זיין עפּעס מעהר בורלעסק ווי אזא מין פּלפּול? שוין ניט צו ריידען דערפון וואָס איין זאַץ קלעבט זיך ניט צום צווייטען, זיינען די ווערטער ניט געשטויגען און ניט גע־פלויגען, און א איד וואָס ווייסט וועגען מהרש"א, ווען אפילו ער קען ניט לערנען, וועט אזא פּלפּול ניט איבערגעבען. און דאָך ווען איהר זיצט אין טהעאטער און איהר הערט דעם פּלפּול, קיצעלט עס אייך און איהר מוזט לאַכען. פאַר וואָס איז דאָס? ווייל די סצענע האָט ער פון קאָפּ ניט אויסגעטראַכט, פון דער לופט ניט געגריפען, זי איז אין תוך עכט אידיש. די באָבע האָט קוים זוכה געווען, אז איהר ליעבע זיסע אייניקעל זאָל שטעהען אין שידוכים. וואָס וויל זי פון דעם חתן, וואָס וועט פון איהר צונעהמען דעם אייניקעל?

זי זוכט ניט א חתן, וואָס זאָל זיין שטאַרק, געזונט, וואָס זאָל האָבען געלד, וואָס זאָל זיין א גרויסער פערדיענער. ניין, זי זוכט א חתן געקנאָטען אין יחוס און וואָס זאָל זיין א בן תורה. דער שדכן גיט איהר איבער א פּלפּול, וואָס ער האָט געהאט מיט'ן חתן און ווען ער זאָל איבערגעבען א ויש לישב ריכטיג וואָלט דאָס איהר ניט גע־קלונגען ווענינער טערקיש, ווי ווען ער מאַכט ווערטער וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. די באָבע האָט די זעלביגע הואה, זי דערקענט דעם בעקאַנטען נגון פון דעם למדן, און דער

זיינען געווען קלאָגענדיגע; אפט איז ניט געווען געגוג אויף ברויט אין שטוב. איבערהויפּט אין די וואָכען, ווען די איינגאהמען זיינען געווען צרה׳דיגע. און טאקע דערפאר וואס דאָס לעבען ביים טהעאטער איז געווען אזוי קלאָגעדיג און חושכ׳דיג, זיינען די אויטאָרען געשטאַנען אויף דער וואך, אז קיין זייטיגער מענש זאָל חס ושלום ניט צוקומען מיט קיין פּיעסע אין טהעאטער. די אקטיאָרען האָבען געגלויבט, אז דער אויטאָר דארף נאָר אריינקומען אין כעס און ניט געבען קיין פּיעסען, איז אויס טהעאטער.

לאטיינער און הורוויטש פון זייער זייט, האָבען אָנגעווענדט אלע קרעפטען צו פערשטארקען דעם גלויבען פון די אקטיאָרען אין זיי, און די אקטיאָרען האָבען וואָס ווייטער אלץ מעהר דורכגעדרונגען זיך מיט דעם דאָזיגען גלויבען. די צוויי אויטאָרען האָבען געבראכט די אקטיאָרען צו אַזאַ מדרגה, אז זיי האָבען געקוקט אויף יעדען איינעם, וואָס האָט געוואגט צו דענקען, אז ער קען אָנשרייבען א פּיעסע פאר׳ן טהעאטער, ווי אויף א „יאָלד“, פון וועלכען מען דארף חוזק מאכען.

און חוזק מאכען האָט מען געדארפט אזוי, אז דער עזות׳ניק, וואָס האָט געוואגט אנצושרייבען א פּיעסע זאָל האָבען א צייט צו געדענקען און די אקטיאָרען זאָלען א צייט לאנג האָבען צו דערמאָנען און לאכען.

די אקטיאָרען האָבען דאריבער געשליפען זייערע קעפּ און אויסגעטראכט פערשיעדענע מעטהאָדען פון אבלאכען, אָבשפּאָטען, חוזק מאכען.

אויב דער עזות׳ניק האָט זיך ארויסגעוויזען סתם א יאָלד, וואָס ווייסט ניט פון זיינע הענד און פיס און וואָס האָט געגעבען אנצוהערענים, אז ער קען זיך לאָזען האָסטען פאר׳ן כבוד צו זיין דער פערפאסער פון א שטיק, האָט מען זיך נאָר גענומען צו זיין קעשענע. מען האָט זיין שטיק אויסגעהערט, געלויבט עס אין טאָג אריין און אנגעוויזען אויף די הוצאות, וואָס עס דארף אריינטרייבען און געהייסען איהם צאָהלען. מען האָט איהם אזוי לאנג געפיהרט פאר דער נאָז, ביז ער האָט געקראָגען א פערדראכט אז מען נעהמט איהם אויף זיכער און ווען ער האָט דעם פערדראכט ארויס־

פיערטער קאַפּיטעל.

עם פּלאַצט די הארמאניע.

אין יענער צייט זיינען די אויטאָרען געווען שותפים אין געשעפט, דאָס הייסט ניט אז זיי האָבען געגעבען צושטייער געלד צו נעהמען א טהעאטער בשותפות און טהיילען זיך מיט די פערדיענסטען. די אויטאָרען האָבען דעמאָלט קיין געלד ניט פערמאָגט און זיי האָבען ניט געקענט שאפען קיין געלד צו נעהמען א טהעאטער בשותפות. דער געלד-געבער איז געוואוינליך געווען גאָר א זייטיגער מענש, וואָס האָט מיט דער פּראָפעסיאָן גאָר ניט געהאט צו טהאָן. די ערשטע און צווייטע און דריטע קאָמפּאַניעס האָבען קיין געלד ניט געהאט און זייטיגע מענשען זיינען געוואָרען ביי זיי דירעקטאָרען. די עובדא פון א דירעקטאָר איז געווען צו שאפען א טהעאטער און אויסלעגען די נויטיגע סומע געלד, די עובדא פון די שוישפּיעלער איז געווען צו שפּיעלען און די עובדא פון דעם אויטאָר איז געווען צו שאפען פּיעסען. דער דירעקטאָר האָט געוואוינליך אראָבגענומען דעם גרעסטען חלק פון דער אייננאהמע, אויב עס איז געווען פון וואָס אראָבצוענהמען, און מיט'ן איבעריגען האָבען זיך געטהיילט די אקטיאָרען מיט'ן אויטאָר. דער אקטיאָר וואָס איז געווען מעהר אָנגענומען ביים פּובליקום האָט געקריגען א גרעסערען חלק און די אקטיאָרען, וואָס זיינען ניט געווען שטארק אָנגענומען ביים פּובליקום, האָבען געקריגען א קלענערען טהייל. דער אויטאָר האָט געקריגען זיינע „מארקען“ ניט נאָר ווען מען האָט געשפּיעלט זיינע שטיקער, נאָר אויך ווען מען האָט געשפּיעלט א פרעמדענס שטיק.

די פערדיענסטען פון דעם אויטאָר אזוי ווי פון די אקטיאָרען

זיגמונד פיינמאן
שרה אדלער
לעאן בלאנק
מארים מאשקאוויטש
בינא אבראמאוויטש
מאקס ראזענטאל
בעסי טאמאשעפסקי
בארים טאמאשעפסקי

געוויזען, האָט מען איהם ערקלערט, אויב מען האָט געפונען פאַר נויטיג צו געבען א תירוץ, אז דער אויטאָר פון טהעאטער האָט מורא פאַר אזא געפעהרליכען קאָנקורענט און לאָזט ניט אויפפיהרען דאָס שטיק.

נאָר אזעלכע פעלע האָבען פאַסירט זעהר זעלטען. די ליעבסטע מעטהאָדע איז געווען צו „גרימירען" דעם פרעמדען שרייבער פון א פּיעסע.

ווען מיט א פּיעסע איז געקומען איינער אויף וועלכען עס איז געפאלען דער גורל, אז מען דארף איהם גרימירען, האָט מען איהם בעשטימט א טאָג צו קומען אין טהעאטער ווען מען שפּיעלט ניט, און אלע אקטיאָרען האָבען זיך פערזאמעלט צו דער בעשטימטער צייט. דעם שרייבער האָט מען אנידערגעזעצט אין מיטען, און די אקטיאָרען האָבען זיך ארומגעזעצט ארום איהם און געהייסען איהם לייענען. אזוי גיך ווי ער האָט זיך אביסעל דערוואַרעמט אין לייענען, האָט מען אָנגעהויבען צו רייבען שוועבעלאך און מיט'ן שווארצען עק פון די אבגעברענטע שוועבעלאך האָט איין אקטיאָר פון איין זייט און דער צווייטער אקטיאָר פון דער צווייטער זייט פון צייט צו צייט א פיהר געטהאָן ווי ניט בכיון דעם שרייבער איבער די באקען. אין א קורצע צייט איז דאָס גאנצע פּנים ביים שרייבער געוואָרען בעדעקט מיט שווארצע פאַסקעלאך, און די אקטיאָרען ארום האָבען געקוקט אויף איהם און געלאכט. דער אָרימער שרייבערל האָט נעבאך ניט פערשטאַנען, אז מען לאכט פון איהם און ער האָט געמיינט, אז דעם געלעכטער רופט ארויס די קאָמיזם פון זיין פּיעסע.

א צווייטע מעטהאָדע איז געווען אזא:

מען האָט דעם אונבעקאנטען שרייבער אָבגעלייגט א לייענים פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, און מען האָט אויף איהם אלץ געמאכט דעם איינדרוק, אז אוים מורא פאַר דעם אויטאָר פון טהע־אַטער מוז מען די לייענים אָבלעגען. מיט יעדען טאָג האָט זיך דער אונבעקאנטער שרייבער אלץ מעהר דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, אז די אקטיאָרען האָבען מורא פאַר דעם אויטאָר ווי פאַר'ן טויט און אז דאָס לייענען פון א שטיק דארף זיין א געהיימניס, אז ניט

גאָט וויים וואָס פאר א שטראָף זיי וועלען פון איהם קריגען. ענד־ליך האָט מען איהם מיט שמחה ערקלערט, אז היינט קען ער ליי־ענען דאָס שטיק. אלע אקטיאָרען זיינען געווען פערזאמעלט און דעם שרייבער האָט מען אנידערגעזעצט ביי א טישעל און געהייסען איהם לייענען. ווען דער שרייבער איז אריין אין טעם און האָט אָנ־געהויבען צו לייענען מיט היטץ, האָבען אלע אקטיאָרען פלוצלונג א הויב געטהאָן זיך מיט א געשריי: „דער פראָפעסאָר קומט!“ און זיי האָבען זיך געלאָזט לויפען מיט אימפעט פון דער ביהנע. דער אונגליקליכער שרייבער, וועלכער האָט בשעת דעם לייענען פערגעסען אויף וואָס'ער וועלט ער איז, האָט זיך דערשראָקען צום טוידט, געכאפּט זיין פּיעסע און געלאָזט זיך לויפען הענדרום־פענדרום, ווי מען וואָלט איהם געכאפט ביי א שרעקליכען פערברעכען און ער דאַרף אנטלויפען צו ראַטעווען זיך מיט'ן לעבען.

„דער פראָפעסאָר קומט“ האָט געהייסען, אז דער אויטאָר הורוויטש קומט.

נאָך א מעטהאָדע פון חוזק מאַכען איז געווען אזא:

ווען דער אונבעקאנטער שרייבער איז געקומען לייענען זיין פּיעסע, האָט מען איהם ערקלערט, אז צו קענען בעסער ריכטען וועגען דעם שטיק, וועלען די אקטיאָרען זיצען אין די סאמע לעצטע רייהען און ער זאָל פון דער ביהנע פאר זיי לייענען און אין דער זעלבער צייט ווי ווייט מעגליך אויך ווייזען ווי צו שפּיעלען. דער תמ'עוואטער שרייבער האָט געטהאָן ווי מען האָט איהם געהייסען, און די אקטיאָרען האָבען פון צייט צו צייט געהייסען איהם לייענען העכער. אז די אקטיאָרען זיינען זאַט געוואָרען מיט'ן שפּאָס, האָבען זיי זיך שטיל אויפגעהויבען און פערלאָזט דעם טהעאטער. דער נארעשער שרייבער האָט זיך הייזעריג געמאכט שרייענדיג צו די פיער ווענד און קרימענדיג זיך פאר די פיער ווענד, און געגלויבט די גאנצע צייט אז ענדליך האָט ער דערגרייכט זיין העכסטע אמ־ביציע, ביז ער האָט זיך געכאפּט, אז ער איז איינער אליין אין טהעאטער.

דאָס זיינען געווען די געוועהנליכע מעטהאָדען, ווי צו מאַכען חוזק פון די עזות'ניקעס, וואָס האָבען געוואגט צו שרייבען א

אין יענער צייט איז געווען ווי פון אינגלאַך, וואָס לויפען איינעם נאָך און וואַרפען איהם מיט שטיינער נאָך דערפאַר, וואָס די על־טערע מענשען האָבען וועגען איהם א שלעכטע מיינונג. די אקטיאָ־רען האָבען דעמאָלט אליין ניט געוואוסט, אז זיי טאַנצען נאָך אונבעוואוסט זייערע אויטאָרען און פיהרען נאָר אויס דעם וואונש פון די לעצטע.

אין דער גראָבער און צייטענווייז אכזריות'דיגער בעהאנדלונג פון דער זייט פון די אקטאָרען צו די וואָס האָבען געוואגט צו שרייבען אין יענער צייט א פיעסע, דאַרף מען זעהן אויך א שפלות, אן אונטערוואַרפענקייט, א קריכענים אויף אלע פיער פאַר די דערמאָנטע אויטאָרען. אין דער זעלביגער צייט וואָס די אקטיאָרען האָבען דערמיט צופריעדענגעשטעלט א גרעבערען אינס־טינקט, האָבען זיי אויך געוואָלט נושא חן זיין ביי די פאטענטירטע אויטאָרען. עס איז געווען אזוי גוט, ווי די אקטיאָרען זאָלען זאָגען: איהר זעהט, די אנדערע וואָס שרייבען פיעסען האָבען ביי אונז א פנים כעפרא דארעא, און נאָר פאַר אייך פאַלען מיר כורעים.

און דאָך איז שוין די לאַגע פון די אויטאָרען געווען מיט עטליכע מדרגות ניעדריגער, ווי אין דער צייט פון גאָלדפאַדען. אין רומעניען און אין רוסלאנד איז גאָלדפאַדען ניט נאָר געווען דער דעה זאָגער און טאָן־געבער, נאָר ער איז פאקטיש געווען דער גאנצער בעל הבית פון טהעאטער אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ער איז געווען דער גאנצער טהעאטער. ער האָט גענומען דאָס טהעאַ־טער, ער האָט געגעבען דאָס שטיק, ער האָט געפיהרט די הוצאה און האָט בעטראַכט די אקטיאָרען ווי אָנגעשטעלטע. ער האָט זיך מיט זייער מיינונג ניט גערעכענט און זיי פון זייער זייט האָבען ניט געוואגט אויפצוהויבען פאַר איהם דעם קאָפּ.

די אויטאָרען אבער אין אמעריקא, הגם זיי האָבען געהאַט די שטאַרקסטע דעה, זיינען געווען נאָך אלעמען ניט מעהר ווי קליינע שותפים, און זייער גאנצע דעה איז אוועק אויף דעם, אז מען זאָל קיין אנדער שרייבער ניט צולאָזען צו דער ביהנע. די דאָזיגע דעה האָט אבער לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען. די אונטערטהעניגקייט

פּיעסע. און דאָס האָבען געטהאָן די אַקטיאָרען אויף זייער אייגע־נעם חשבון, און די אויטאָרען, האָבען זיך אין דעם ניט געמישט. זיי האָבען געקענט זיין צושויער, אבער קיין אנטהייל האָבען זיי אין דעם ניט גענומען.

צו זאָגען דעם אמת, זיינען די מייסטע אונבעקאַנטע שרייבער וואָס זיינען געקומען מיט פּיעסען, געווען קיילעכדיגע עם־הארצים און האָבען ניט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט א דראמע. זיי זיינען דאָס רוב געווען פערקאָכטע בעזוכער פון דעם אידישען טהעאטער און זיינען געווען דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט דער אטמאָספער פון דער דאמאָלדיגער ביהנע. זיי האָבען געפיהלט, ווי אין די שטיקער, וואָס מען פיהרט אויף, קלעבט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט, ווי אלץ אויף דער ביהנע איז הפקר און זיי האָט אויסגעוויעזען, אז עס איז די גרינגסטע זאך אין דער וועלט אָנצו־שרייבען אזעלכע שטיקער און זיי האָבען געשריעבען וואָס ניט גע־שטויגען און ניט געפלויגען. עס זיינען צווישען די דאָזיגע אונבע־קאנטע שרייבער אויך געווען אזעלכע, וואָס האָבען געמיינט, אז אלץ וואָס מען דארף אָנשרייבען אין א פּיעסע איז צו מאכען א מין קורצען סצענאריום, א תכן ענינים און ווייטער איז שוין די אר־בייט פון די אקטיאָרען: זאָלען זיי ברעכען דעם קאָפּ און אויס־טראכטען וואָס צו רעדען אויף דער ביהנע. די אקטיאָרען האָבען ניט פערשטאַנען, וואָס פאר א פיינעם קאָמפּלימענט די דאָזיגע שרייבער האָבען זיי געמאכט: אזעלכע שרייבער האָבען געגלויבט, אז וואָס דער אקטיאָר רעדט אויף דער ביהנע איז דאָס אלץ פון זיין אייגענעם קאָפּ.

עס וועט אבער זיין א גרויסער טעות צו דענקען, אז חוזק האָט מען נאָר געמאכט פון אזעלכע „יאָלדען“. אין יענע ציַיטען האָט מען חוזק געמאכט פון יעדען שרייבער וואָס איז געקומען מיט א פּיעסע, ווען אפילו די פּיעסע איז געווען א סך א בעסערע פון די, וואָס מען האָט דעמאָלט געשפּיעלט אין די אידישע טהע־אטערס. מען האָט מיט זיי ניט געמאכט די געוועהנליכע קונצען, ווי גרימירען אָדער איבערלאָזען זיי מיט די פיער ווענד, נאָר חוזק האָט מען פון זיי געמאכט. אָבער דער חוזק פון די אקטיאָרען

האבען זיך ארומגעזעהען, אז זיי זיינען ניט מעהר ווי פורים־שפיעלער.

פיעלע וואס האבען געשריעבען וועגען דעם אידישען טהעא־טער האבען ניט ריכטיג פערשטאנען די זייט פון דער געשיכטע און ניט ריכטיג אבגעשעצט די וויכטיגקייט דערפון. פיעלע הא־בען אבגעלאכט פון די אקטיארען דערפאר, וואס זיי האבען זיך גענומען מעסטען מיט די כחות מיט די גרויסע שוישפיעלער ביי די אומות העולם. פיעלע האבען בעקלאגט, וואס די שוישפיעלער האבען זיך אראבגענומען פון זייער אויסגעטראטענעם וועג, און גענומען זוכען נייע וועגען. זיי האבען ניט פערשטאנען, אז די שטומע אונצופריעדענהייט פון די שוישפיעלער וועט פריהער אדער שפעטער מוזען געבען אן אנדער ווענדונג דער אידישער ביהנע.

אין דער גאנצער צייט פון דער ערשטער פעריאדע האבען די אקטיארען ניט געוואוסט אפילו דעם אלף בית פון שפיעלען. די שטיקער זיינען ניט געשריעבען געווארען פאר אקטיארען וואס קענען שפיעלען. עס איז שוין פריהער געוועזן דערמאנט, אז די פער־פאסערם האבען ניט מקפיד געוועזן אז איין סצענע זאל האבען א שייכות מיט דער צווייטער, אז איין אקט זאל זיך בינדען מיט'ן צווייטען אין א פיעסע. מען האט אפילו ניט מקפיד געוועזן, אז איין ווארט זאל זיך קלעפען צום צווייטען. פאר א פערפאסער איז א שטיק געוועזן הפקר און ער האט דארטען געקענט ארייגקלאפען, וואס איהם האט זיך פערקאלאטשעט אין קאפ. מען פערשפארט צו זאגען אז די או טארען האבען ניט געוואוסט, וואס הייסט דורכ־צופיהרען א כאראקטער. די רייד, די האנדלונגען זיינען געוועזן ווילד, פרעמד, גאר ניט פון מענשען, וואס מען בעגעגענט אין לעבען.

דער אקטיאר איז געגאנגען ביי זיין פערפאסער אין חדר און האט פון איהם געכאפט דעם שניט ווי צו שפיעלען. ער האט געזע־הען אז דאס שטיק איז ביים פערפאסער הפקר, האט ער געמאכט פאר זיך די ביהנע הפקר. ער האט געזעהען, אז ביים פערפאסער קלעפט זיך ניט א ווארט צו א ווארט, האט זיך זיין שפיעלען ניט געקלעבט צו די ווערטער. ער האט זיך דורכגעדרונגען מיט דער

פון די אקטיאָרען איז ניט געוועזן קיין נאַטירליכע, זי האָט זיך נאָר גענומען דערפון, וואָס זיי האָבען זיך איינגעוואָהנט מיט גאָלדפאדען'ס רעזשים, ווען ער איז געוועזן אַלץ און זיי גאָר נישט. און ווען זיי האָבען ארויסגעוויעזען אונטערטהעניגקייט די אויטאָרען, האָבען זיי נאָך אַליין ניט צוקייעט פאר וואָס זיי טהוען עס. נאָר דער פאקט, וואָס די אויטאָרען זיינען געוועזן ניט מעהר ווי קליינע שותפים און וואָס ביים טהיילען די מארקען האָט יעדער גרעסערער אקטיאָר געקריעגען ניט וועניגער פון דעם אויטאָר, האָט ענדליך געמוזט פיהרען דערצו, אז אין א שעהנעם פריהמאָרגען זאָל יעדער גרעסערער אקטיאָר פרעגען דעם אויטאָר: וואָס פאר א פריץ, וואָס פאר א דעה־זאָגער, וואָס פאר א טאָן־געבער ביזטו, אז דו נעהמסט ניט מעהר מארקען פון מיר? און דער זעלביגער אקטיאָר, וואָס האָט חוזק געמאכט פון אנדערע, וואָס האָבען געוואגט צו שרייבען א פיעסע, זאָל ענדליך אָנהויבען חוזק צו מאַכען פון דעם אויטאָר גופא. די אויטאָרען האָבען געהאָלפען די שוישפיעלער דורכדרינגען זיך מיט שפּאָט און פעראכטונג געגען די וייטיגע שרייבער פון פיעסען, און עס האָט זיך געפאָדערט דער מינדעסטער שטופּ, אז די שוישפיעלער זאָלען ארויסווייזען דעם שפּאָט און פעראכטונג געגען די אויטאָרען זעלבסט.

אָבער איידער דאָס איז געשעהן איז צווישען פּובליקום, אויטאָרען און אקטיאָרען געווען א פאָלשטענדיגע הארמאָניע. דער אויטאָר האָט פערשטאַנען די שוישפּיעלער און פּובליקום, די שוישפּיעלער האָבען פערשטאַנען דעם אויטאָר און דאָס פּובליקום, און דער עולם האָט געלעקט די פינגער פון דעם אויטאָר און אקטיאָרען.

ביים סוף פון דער ערשטער פעריאָדע איז שוין דעם פּובליקום דערעסען געוואָרען איינס און דאָס זעלביגע שטיק אונטער פערשיעדענע נעמען, איינע און די זעלביגע תנועות, איינס און דאָס זעלבע טענצעל, איינע און די זעלביגע לצים אין פערשיעדענע געשטאַלטען, און דאָס האָט געהייסען, אז די הארמאָניע צווישען די דריי עלעמענטען פּלאַצט. נאָר דער געפעהרליכסטער שפּאַלט אין דער הארמאָניע איז געקומען, ווען די שוישפּיעלער

די פאָדערונגען פון פובליקום. דאָס פובליקום איז ניט געקומען הע־רען ווי מען רעדט ביי זיך אין דער היים, נאָר ווי מען רעדט אין טהעאטער, און אין טהעאטער האָט מען געדארפט רעדען אנדערש ווי אין דער היים.

און אום צו ווערען גרויס, האָט אן אקטיאָר געדארפט זיך אויסצייכענען אין משונה׳דיגע תנועות, אין זיין מאַרדעווען זיך, אין זיין קריכען אויף גלייכע ווענד, איבערהויפט אויב ער האָט געשפיעלט העלדען־ראָלען. ער האָט געדארפט קאָנען צאַפּלען זיך, ווארפען זיך, טרייסלען זיך בעסער פון יעדען אנדערען און דאן האָט ער געקראָגען „פאטריאָטען“, וואָס האָבען איהם אפּלאָדירט און ער האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון א שטערן.

אינטערעסאנט איז וואָס ב. טהאָמאשעפסקי דערצעהלט אליין וועגען דעם סוף פון יענע פּעריאָדע. ער דערצעהלט אזוי:

„די אידישע ביהנע איז דעמאָלט געשטאנען אין גאנצען אויף לאטיינערס און הורוויטשעס ליטעראטור.

טריקא מיט גאָלדענע קרוינען מיט נאקעטע הענד, אויסגע־שניטענע העלזער, ארומגעוויקעלט מיט זיידענע מאנטלען, האָבען דאן אלע סטארס געטראָגען. דער אונטערשיעד איז נאָר געווען אין די פארבען. קעסלער האָט געטראָגען אויף דער ביהנע א גרויסען הוט מיט א לאנגען פעדער, מיט נאקעטע פיס און א העמדיל מיט פאטשערקעס פון רויטער פארב; און אדלער האָט געטראָגען נאָך א גרעסערען הוט מיט דריי פעדערען, ארומגעוויקעלט אין א גאָלדע־נעם שאַל מיט רענדלאך, אויך מיט נאקעטע פיס, נאקעטע הענד און א נאקעטען האלז. נאָר אום דאָס צו מאכען רעאליסטישער, האָט ער זיך אָנגעטהאָן קייטען מיט בראסלעטען און א פּאָר לאַנגע טערקישע אוירינגלאך און פון גרינער פארב. אום זיי צו איבער־שטייגען און זיי ווייזען, אז דעם קונץ פערשטעה איך בעסער פון זיי, האָב איך זיך אָנגעטהאָן מיט זיידענע זאָקען פון דריי קאָ־לירען, אנשטאָט איין מאנטעל האָב איך אָנגעטשעפּעט אויף זיך דריי מאנטלען, מיט קרוינען, שווערדען, פאנצערס, בראסלעטען, אוירינגלאך, טורבאנעס פון פערשיעדענע פארבען און פערשיעדענע

גערדיכטער אטמאָספער פון טהעאטער, אז אלץ, וואָס קומט דאָר־טען פאָר איז ווילד, משונה׳דיג, האָט ער אויך געשפּיעלט ווילד, משונה׳דיג.

און דאריבער ווען אן אקטיאָר האָט גערארפט ארויסגעהן אויף דער ביהנע, האָט ער ניט געקענט אריינקומען ווי א געוועהנליכער מענש, ווייל וואָס פאר א פּנים וואָלט עס געהאט? און ער איז אריינגעקומען מיט א ווילדען שפּרונג אָדער מיט א טענציל אָדער ווי עס איז עפּיס אויף א משונה׳דיגען אופן. האָט ער געדארפט רעדען האָט ער עס ניט געקענט טהאָן ווי א פּראָסטער בשר ודם טהוט, נאָר מיט עפּעס א משונה׳דיגען קול, אָדער מיט א ברומע־נים אָדער מיט א קוויטשענים, מיט איין וואָרט, עס זאָל נאָר ניט זיין עהנליך אויף א מענשליכען דבור. ווען ער האָט געדארפט ארויסווייזען א געפיהל פון כעס, א געפיהל פון שנאה, א געפיהל פון אייפערזוכט און דאָס גלייכען, האָט ער אלע זיינע קרעפטען אנגעווענדט ניט צו ווייזען עס ווי מען טהוט עס אין לעבען. מען קען זאָגען, אז דער שוישפּיעלער פון יענער פּעריאָדע האָט אויף יעדען טריט אויף דער ביהנע געהיט זיך מען זאָל אין איהם ניט בעמערקען קיין מענשליכע תנועה, קיין מענשליכע בעוועגונג. ער האָט פערשטאַנען, אז צו זיין אן אקטיאָר הייסט צו ווייזען אין יעדע זאך עפּעס א קונץ, ווייל אז ניט, טא וואָס איז דער קונץ צו זיין אן אקטיאָר? אויב שפּיעלען זאָל הייסען אז מען דארף געהן ווי א מענש, רעדען ווי א מענש, ווערען אין כעס ווי א מענש, ליעבען ווי א מענש, זיין אייפערזיכטיג ווי א מענש, קען דאך יעדער פון פּוב־ליקום ארויף אויף דער ביהנע און ווערען אן אקטיאָר.

דער פערשטאָרבענער כאראקטער קאָמיקער ס. טאָרנבערג האָט דערצעהלט, אז ווען ער איז נאָכ׳ן ערשטען מאָל שפּיעלען אראָב פון דער ביהנע, האָבען איהם מיט כעס געזאָגט די שוי־שפּיעלער: „ווער האָט עס אייך איינגעשמועסט, אז איהר זייט אן אקטאָר?״ איהר רעדט דאך אויף דער ביהנע, אזוי ווי מען רעדט אין דער היים.״ נאָך איינער האָט איהם געזאָגט: „אזוי רעדען ווי איהר האָט גערעדט, קען דאך מיין באָבע אויך!״

און דאָס האָט געשטימט מיט דעם גאנג פון דער פּיעסע און

דערצעהלט טהאָמאשעפסקי, איז א שטיק געגאַנגען דעם גאנצען סעזאָן און אין ווינדזאָר איז אַלע צוויי וואָכען אויפגעפיהרט גע־וואָרען א נייע שטיק. טהאָמאשעפסקי דערצעהלט, אז די קאָנ־קורענטען פון צווייטען טהעאטער האָבען גערעדט און גע׳דרשה׳ט פון דער ביהנע, אז ניט דאָס שטיק ציהט דעם עולם אין טהאַליא טהעאטער נאָר טהאָמאשעפסקי׳ס פּאָלקעס. די קאָנקורענטען זיי־נען דערמיט אויסען געווען צו ווארענען די טהעאטער בעזוכער, אז זיי זאָלען ניט לאָזען זייערע ווייבער און טעכטער געהן אין טהאליא טהעאטער. עס איז שווער צו בעשטימען די ראָל פון די פּאָלקעס אין דעם ערפאָלג פון יענעם שטיק. מען האָט דעמאָלט צוגעצוי־גען אַן עולם מיט א סך נאַרעשערע זאכען ווי מיט פּאָלקעס. דער עולם איז אין יענער צייט גלאָפען אַנקוקען א סטאַדע שעפּסעלאך אויף דער ביהנע און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ווען עס האַנ־דעלט זיך וועגען אזעלכע קונצען, האָבען א פּאָר געזונטע מענער־שע פּאָלקעס געהאט א גרעסערע צוציהונגס קראַפט פאר ווייבלאך און מיידלאך, ווי א סטאַדע שעפּסען, נאָר דערמיט אליין קען מען ניט ערקלערען דעם ערפאָלג, וואָס טהאָמאשעפסקי האָט יענעם סע־זאָן געהאט. די אורזאך דערפון איז א סך א טיעפערע. די אנדערע אקטיאָרען פון דעם צווייטען טהעאטער האָבען געשפּיעלט אין דעמזעלביגען סאָרט שטיקער און האָבען אויך געמאַכט די זעלביגע קונצען, נאָר זייער הארץ און נשמה איז שוין ניט געלעגען אין דעם שפּיעלען. זיי זיינען געקומען צום בעוואוסטזיין, אז זיי קרימען זיך, לאָמען זיך, ברעכען זיך פאר׳ן פּובליקום, אז זיי מאכען זיך נאריש, פּאיאצעווען, און דער דאָזיגער געפיהל האָט זיך גיך אי־בערגעגעבען צום פּובליקום. דאָס פּובליקום האָט באלד דער־שמעקט, אז די אקטיאָרען שטעלען איהם אויס א מאַראַלישע צונג פון דער ביהנע און עס האָט אויפגעהערט צו קומען אין טהעאטער. איבריגענס, די צונג וואָס די אקטיאָרען האָבען אויסגעשטעלט דעם פּובליקום איז גאָר ניט געווען קיין מאָראַלישע. די צייט איז שוין ניט געווען ווייט, ווען קעסלער פלעגט אויסשטעלען אן אמת׳ע צונג דעם פּובליקום, ווען ער האָט געמוזט ווייזען פּאיאצעריי אויף דער ביהנע. אָבער מיט טהאָמאשעפסקי׳ן איז דאָס געווען אנדערש.

סאַרטען. זיי האָבען געגען מיר א פנים געהאט ווי פּראָסטע סאָל־דאטען. דאן האָט זיך אָנגעפאנגען אן איבעריאַגעניס: האָבען זיי דעקלאמירט, האָב איך געזונגען. האָבען זיי געשאָסען, האָב איך געשטאָכען. זיינען זיי אריינגעפאָהרען אויף פערד, בין איך אריין אין א גאָלדענעם וואָגען מיט א גאנצער יוניאָן פערד. איז ביי זיי געווען א דונער, איז ביי מיר געווען א בליץ. האָט ביי זיי געשנייעט, האָט ביי מיר גערעגענט. האָט קעסלער געזונגען „מן המצר“, האָב איך געזונגען „יתגדל“. האָט מען ביי זיי דער׳הרג׳עט א שונא, האָב איך אויסגע׳הרג׳עט אלע שונאים אויף איין מאָל.“

עס מאכט ניט אוים, וואָס טהאָמאַשעווסקי צומישט דאָ די ארבייט פון דעם דראמען־מאכער מיט דעם שפּיעלען פון די אַק־טיאָרען. דאָס בילד גיט א קלאָרען בעגריף וועגען די דאמאָלדיגע קונצען פון די שוישפּיעלער און מיט וואָס איין אקטיאָר האָט גע־זוכט איבערצוויאָגען דעם צווייטען.

נאָר אזעלכע קונצען איז געווען גרינג צו מאכען דעם שוי־שפּיעלער כל זמן ער האָט אליין געגלויבט, אז דערמיט טהוט ער די עבודה אין דעם בית המקדש פון קונסט. גראדע ווי דער אוי־טאָר קען ניט אָבנארען די מאסע און געבען איהר עפּעס אזוינס, פון וואָס עס אליין מאכט חוזק, אזוי קען דער אקטיאָר ניט מאכען קיין פּאיאצעריי אויף דער ביהנע, ווען ער איז דורכגעדרונגען מיט׳ן געדאנק, אז זיין שפּיעלען איז פּאיאצעריי און ער מוז מאכען די פּוילע שטיק, ווייל דאָס פּובליקום פערשטעהט ניט קיין אנדער שפּיעלען. ווען ביים אקטיאָר גנב׳עט זיך אריין א ספק צו זיין שפּרינגען פון הויט איז אמת׳ע קונסט, וועט דער ספק גלייך אי־בערגעהן צום פּובליקום. און ווער רעדט, ווען דער אקטיאָר עפענט די אויגען און דערזעהט זיין נאקעטקייט, וועט שוין דער עולם בשום אופן ניט אפּלאָדירען איהם.

און מיר זעהען טאקע אז ביי דעם סוף פון יענער פּעריאָדע, ווען ווען וועלכער טהאָמאַשעפסקי דערצעהלט, האָט ער געשפּיעלט אין טהאַליא און אלע שטערען, ווי אדלער, קעסלער, פיינמאן, מאָ־גולעסקאָ האָבען געשפּיעלט אין ווינדזאָר, און אין טהאַליא, אזוי

פינפטער קאַפּיטעל.

דער רעפאָרמאַטאָר פון דער אידישער ביהנע.

ארום דער צייט האָט זיך געוויזען יעקב גאָרדין.

יעקב גאָרדין איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק אין 1890 און ער האָט גלייך געווענדט זיינע אויגען צום אידישען טהעאטער.

ביז זיין קומען אין ניו יאָרק האָט זיך דער אידישער אינטעליגענטער עולם דאָ מיט'ן אידישען טהעאטער ניט אינטערעסירט. דער אידישער טהעאטער איז אויפגעהאלטען און אויסגעהאלטען געוואָרען דורכאויס פון דעם פּראָסטען המון. אויב אַן אינטעליגענטערער מענש האָט אמאָל פון נייגיערדע פערשמעקט אהין, איז ער ארויס פון דאָרטען מיט'ן איינדרוק, אז דער אידישער טהעאטער איז א באַלאַגאַן און די אקטיאָרען — קאָמעדיאַנטשיקעס. ווען מאגולעסקא'ס טרופּע איז אָנגעקומען, האָט זיך אין די אינטעליגענטערע קרייזען געוויזען עפּעס אן אינטערעס צום טהעאטער. דער פיהרער פון דער דריטער פּאַרטיע „עם עולם" טאָנטשוק, א מאַן מיט אן אוניווערזיטעטס בילדונג, א מיטארבייטער פון די בעסטע רוסישע זשורנאַלען, האָט דעמאָלט געמאכט א פערזוך צו ווערען א שוישפּיעלער און איז ארייגעפאלען אין כהאָמאשעפּסקים קאָמפּאַניע אויף דער פּראָווינץ. אברהם קאהאן, א פיהרער פון די אידישע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק, האָט אין 1887 אָנגעשריעבען א פּיעסע, נאָר ווען מען האָט איהם ערקלערט די פאָדערונגען פון דעם אידישען טהעאטער און ווי אזוי מען דאַרף זיך צופּאַסען צו איהם, האָט ער א קעהר געטהאָן דעם רוקען צו דער אידישער ביהנע און האָט שוין מעהר קיין פערזוך ניט געמאכט אויפ'ן דראַמאַטישען פעלד. מסתמא האָבען נאָך אנדערע אזעלכע אינטעלי־

ער האָט לאַטיינער׳ס און הורוויטשעס שטיקער געשפּיעלט מיט הארץ און נשמה. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אז ער ווייזט גרויסע קונסט אין זיין שפּיעלען און קיין אקטיאָר וועט איהם ניט „ביטען“ אין שפּיעלען די דאָזיגע ראָלען.

פון זיין טהעטיגקייט אין רוסלאנד האט מען בשום אופן ניט געקענט ערווארטען, אז ער זאל אויסקלייבען די אידישע ביהנע פאר זיין קאריער. א מענש מיט רעליגיעזע רעפארמאטארישע אי־דעען האט זיכער ניט געקענט זוכען אין טהעאטער א פעלד פאר זיין טהעטיגקייט. א חוץ דעם, איז ער געווען ווייט פון אידיש. די ערשטע פאר יאהר האט ער גערעדט זעהר א הארבען מאמע לשון, מיט'ן רוסישען כפול שמונה'דיגען ריש און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א רוס וואס ברעכט זיין צונג צו רעדען אידיש. נאר ער ווי אלע אנדערע אינטעליגענטען האט געדארפט צאהלען די שטראף פון וואנדערען. אין דעם נייען לאנד וואס האט אזוי ליעבהארציג געשמייכעלט צו די צעהנדליגע טויזענדער אידישע איינוואנדערער און וואס האט זיי אלעמען פערשפראכען אזעלכע גרויסע מעגליכקייטען, האט דער אידישער אינטעליגענט דערזעהן שווארץ פאר די אויגען און עס האט איהם אבגעגעבען מיט א קאל־טען יאוש. איידער די וואנדערער האבען זיך צו עפעס געקענט דער־שלאגען, איז פאר זיי געווען אפען דער איינציגער וועג, וואס האט געפיהרט צו דער פאבריק אדער צו פעדלעריי. מילא, די איינגערע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען דאס רוב געווען דורכגעדרונגען מיט סאציאליסטישע אידעאלען, האבען נאך געקענט מאכען א פרעהלי־כען פנים צום אומעדיגען טאנץ. אבער גארדין איז שוין געווען צו אלט דערפאר. ער איז שוין געווען קרוב פיערציג און האט געהאט א גרויסע פאמיליע, און אין די יאהרען צו זעצען זיך ארבייטען אין א פאבריק, וואלט געווען ניט בעסער ווי א תפיסה.

און קיין אנדער בעשעפטיגונג, וואס זאל קענען צופריעדענ־שטעלען אן אינטעליגענטען מענשען, איז נאך דעמאלט אין אידי־שען קווארטאל ניט געווען. די פרעסע איז דעמאלט געווען אין א טרויריגען צושטאנד. א זייטיגער מיטארבייטער האט געקענט הא־בען א פאר דאלאר א וואך פון אן ארטיקעל און טאקע ניט מעהר, נאר אפילו אויף די דאזיגע ארימע פאר דאלאר זיינען געווען אזוי פיעל בעלנים, אז מען האט זיי ניט געקענט האבען רעגעלמעסיג יעדע וואך. רעדנער האבען דעמאלט ניט געקריגען בעצאהלט פאר זייערע לעקציעס און זיי זיינען געווען צופריעדען, אז זיי האבען

גענטען פּרובירט צו שרייבען פאר דער אידישער ביהנע, און ווען זיי האָבען זיך בעקאנט מיט די פאָדערונגען האָבען זיי זיך פון איהר אָבגעקעהרט.

י. גאָרדין האָט זיך אויך אָנגעשטויסען אויף די זעלביגע אונ־געלומפּערטע, עם־הארצ׳ישע פאָדערונגען פון די פיהרער פון טהעאַטער, נאָר ער האָט בעשלאָסען צו פּרובען זיינע כחות אויף דער אידישער ביהנע.

יעקב גאָרדין האָט שוין הינטער זיך געהאט א רייכע קאריער. ער איז געבאָרען געוואָרען אין 1853, אין מירגאָראָד, פּאָלטאַווער גובערניע, און האָט געקריגען א גוטע ערציהונג. ער האָט געהאט א גוטע ידיעה אין העברעאיש און צו זיבעצעהן יאָהר האָט ער אָנ־געהויבען צו שרייבען פאר רוסישע צייטונגען ארטיקלען און סקי־צען. די סקיצען זיינען געווען מעהר פּעליעטאָניסטיש, און די דאָזיגע פאָרם האָט זיך בעסער געפּאסט פאר זיין אונרוהיגען, שאר־פען גייסט. הגם ער האָט בעלאנגט צום לינקען פליגעל פון דער אינטעליגענץ, איז ער זיך צוזאמענגעגאנגען מיט די השכלה קעמ־פער אויף דער נעגאטיווער זייט פון זייער קאמפף, אבער ניט גלייך צו די משכילים האָט ער זיך ארומגעטראָגען מיט אידעען פון רע־פאָרמען. אלס א כלל זיינען די משכילים ניט געווען קיין בויער, נאָר צושטערער, און ווען זיי האָבען אבגעלאכט פון פערשימעלטע מנהגים, האָבען זיי קיין פּאזיטיווע זאך אין דער אמונה געגעבען, ווייל אין הארצען האָבען זיי קיין אמונה ניט געהאט. י. גאָרדין האָט זיך ניט בענוגענט מיט׳ן צושטערען און ער האָט אויך געזוכט צו בויען, און צו זעקס און צוואַנציג יאָהר איז ער שוין בעשעפטיגט מיט׳ן גרינדען א נייע סעקטע אין יעליסאַוועטגראַד. די סעקטע האָט געהייסען „ביבלייצעם“, נאָר זי האָט לאנג קיין קיום ניט געהאט.

צוליעב דעם אונרוהיגען גייסט, האָט די רעגיערונג געהאט אויף איהם אן אויג, און ער איז געווען געצוואונגען צו פערלאָזען רוסלאנד.

ווי ווייט עָס איז בעקאנט האָט גאָרדין ביז זיין קומען קיין אמעריקא מיט דער ביהנע קיין שייכות ניט געהאט.

נאָר מען דארף ניט מיינען, אז אלע אקטיאָרען האָבען ארויס־געוויזען אזא מין ביינקען און אזא פערשטענדניס. גארדין האָט דערצעהלט, ווי אזוי די אקטיאָרען האָבען איהם אויפגענומען, ווען ער האָט פאר זיי געלייענט דעם „אידישען קעניג ליר." ער האָט שוין דעמאָלט געהאט אויפגעפיהרט א פּאָר שטיקער און דעם נאָ־מען גאָרדין האָט מען שוין דערמאָנט מיט דרך ארץ אין די טהעא־טער קרייזען. נאָר פּיעלע אקטיאָרען האָבען זיך נאָך אלץ ניט גע־קענט אבגעוואוינען פון דעם געדאנק, אז א נייער פערפאסער איז א „יאָלד" און בשעת גאָרדין האָט פּאָרגעלעזען זיין נייע פּיעסע, האָט איינער פון די אקטיאָרען און דוקא פון די וויכטיגסטע דער־ביי געמאכט אזעלכע פּוילע שטיק, אז די אנדערע האָבען זיך גע־האלטען אין די זייטען פון לאכען. כל זמן דער געלעכטער איז גע־ווען איז די קאָמישע שטעלען, האָט גאָרדין איהם צוגעשריעבען אויפ'ן חשבון פון דער פּיעסע. נאָר ווען א שאַל פון געלעכטער האָט בעגעגענט א דראמאטישע סצענע, האָט ער אויסגעשפּיצט זיינע אויערען און באלד אויסגעפונען די אורזאך דערפון. דער שפּאס פון דעם דערמאָנטען אקטיאָר איז געווען אזא גראָבער, אז מען קען איהם ניט איבערגעבען אויפ'ן פּאפּיר.

ווען גאָרדין זאָל צוטרעטען צו דער ביהנע מיט א כונה צו רע־פאָרמירען איהר, וואָלט דערפון גאָר ניט ארויסגעקומען און ער וואָלט געפונען די טהיערען פון דעם טהעאטער פערשלאָסען פאר זיך. אזא כונה וואָלט בעדייט ארויפצוצווינגען אויפ'ן פּובליקום אזעלכע פּיעסען, וועלכע געפעלען איהם ניט, און דאָס קען מען ניט דערוויזען אין קיין טהעאטער. יעדער בעזוכער פון א טהעאטער איז זיין אייגענער בעל הבית, און יעדער דירעקטאָר רייסט זיך פון הויט צו שטעלען צופריעדען זיין פערלאנג. דער בעזוכער פון דעם טהעאטער צאָהלט דעם סכום און דאריבער האָט ער די דעה.

די כונה פון רעפאָרם האָט געדארפט זיין זעהר ווייט פון איהם, ווען ער האָט זיין בליק געווענדט צו דער ביהנע. אלס שריי־בער האָט ער אין דעם טהעאטער געפונען די איינציגע פּאסענדע בעשעפטיגונג, וואָס האָט איהם איצט געקענט צופריעדענשטעלען. די דאָזיגע בעשעפטיגונג האָט ניט נאָר צופריעדענגעשטעלט זיין

געהאט פאר ווענמען צו רעדען. די הונדערטע קהל'שע שטעלען, וועל־כע ווערען געשאפען פאר אינטעליגענטע איינוואנדערער פון פער־שיידענע קליינלאך היינטיגע צייטען, זיינען דעמאָלט ניט געווען. עס איז אויסגעקומען אָדער צו זעצען זיך נייהען העמדלאך, די מלאכה ביי וועלכע דאָס רוב ניו יאָרקער אינטעליגענטען פון יענער צייט האָבען געארבייט, אָדער צו נעהמען דעם פּאק אויפ'ן פּלייצע און פּעדלען.

יעקב גאָרדין איז אין אמעריקא אָנגעקומען אָהן געלד, און שוין די ערשטע טעג האָט ער ניט געוואוסט, פאר וואָס צו נעהמען זיך.

באלד נאָך זיין קומען, האָט מען איהם געמאכט א פאָרשלאג, ער זאָל ווערען רעדאקטאָר פון א רוסישער וועכענטליכער צייטונג. ער האָט זיך אן דעם אָנגעכאפּט מיט הענד און מיט פיס. דאָס איז געווען א בעשעפטיגונג, וואָס האָט זיך בעסער ווי אלץ געפּאסט פאר איהם. די רוסישע צייטונג, מיט וועלכער ער האָט זיך פער־בונדען, האָט געהייסען „פּראָגרעס“, נאָר אויב עס איז דעמאָלט קוים געווען פּלאץ פאר אידיישע פּעריאָדישע שריפטען, איז געווים קיין פּלאץ ניט געווען פאר א רוסישער. דער „פּראָגרעס“ האָט זיך לאנג ניט געהאלטען, און גאָרדין איז געבליבען אויסגעשטעלט און דער קאלטער יאוש האָט איהם ווידער א קוק געטהאָן אין פּנים.

און ווען ער איז געווען אין אזא פערצווייפעלטער לאגע און האָט זיך גענומען ארומקוקען, וואו ער איז אין דער וועלט, איז זיין בליק געפאלען אויפ'ן אידישען טהעאטער.

ווען יעקב גאָרדין זאָל קומען מיט עטליכע יאָהר פריהער, וואלט ער אומזיסט די אויגען געוואָרפען צום טהעאטער, ער וואָלט דאָרטען קיין שום תקומה ניט געפונען. די אקטיאָרען וואָס זיינען געווען איינגעגלויבט אין זייערע געשוואָרענע פערפאסערס, וואָלטען איהם אויפגענומען ווי א יאָלד. נאָר צום גליק איז ער געקומען אין א צייט ווען עס האָט געפּלאצט די הארמאָניע צווישען די אקטיאָ־רען און פערפאסערס און ווען די ערשטע האָבען אָנגעהויבען צו בענקען נאָך מענשליכע ראָלען.

ארבייט. ער פיהלט זיך נאך ניט היימיש אין דעם טעמפעל פון דער דראמע און ער בעוועגט זיך מיט אונזיכערע טריט.

נאר ווי ניט ליטעראריש די ערשטע שטיקער זיינע זיינען געוועזן, האבען זיי דייטליך און קלאר געוויזען א נייע שטרעבונג אויף דער ביהנע. שוין די ערשטע שטיק זיינע „סיביריא“, צייכענט זיך אויס מיט אזא איינפאכקייט, וואס מען האט ניט געזעהן אויף דער אידישער ביהנע צייט אידישער טהעאטער איז פערבאטען געוואָרען אין רוסלאנד. דער סיוזשעט איז ניט קיין פערפלאנטערטער, ניט קיין פערדרעהטער, און די האנדלונג האט זיך ניט איבערגעהאקט, ניט איבערגעריסען, ניט פערקראכען אן א זייט. די פערזאנען הגם ניט מעהר ווי שאטענס, זיינען זיי אבער שאטענס פון לעבעדיגע מענשען און זיי זיינען ניט קיין מאנעקינס, ניט קיין מענשעלאך אויף ספרונרזשינעס. די סצענעס האבען א שייכות מיט'ן לעבען און זיי זיינען ניט די פרוכט פון א וויסטער פאנטאזיע. יעדער שפעטערדיגער אקט איז שטייף פערבונדען מיט דעם פריהערדיגען און יעדע הפקרות פון א מחבר צו פון א שוישפיעלער איז אבגעשאפט. די ווערטער בינדען זיך איינס מיט'ן אנדערן און מען פערשטעהט. וואס אויף דער ביהנע קומט פאר. אין טהעאטער דערהערט מען ווידער ריינעם מאמע לשון, ניט קיין אידיש מיט פתחן, ניט קיין דייטשמעריש, נאר אמת'ן „אידישען אידיש“.

שוין איז זיין ערשטער דראמע „סיביריא“ ווייזט זיך ארויס גארדין מיט זיינע פעהלערען, מיט זיינע מעלות, מיט זיין טענדענץ, מיט זיין אנשויאונג, וועלכע ער בלייבט טריי די גאנצע צייט פון זיין טהעטיגקייט אויף דער ביהנע.

א יונגערמאן רובין קאהז איז פערשיקט קיין סיביר פאר עפעס א פערברעכען און איהם געלינגט צו אנטלויפען פון וועג. ער נעהמט אן אן אנדער נאמען, ראזענקראנץ, און בעזעצט זיך מיט זיין ווייב און צוויי קליינע קינדער אין א פרעמדער שטאדט. ער איז דא מצליח און עלטערט זיך אין כבוד, נאר זיין קאנקורענט בעריל טאראטוטיע געפינט אויס, אז ער איז אנטלאפען פון סיביר און דערלאנגט אויף איהם א מסירה.

אויבערפלעכליך שיינט עס צו זיין סתם א מעשה אין

גייסט, נאָר האָט אויך געדארפט פערטרייבען די נויט פון זיין הויז. אמת, די פערדיענסטען ביים טהעאטער פאר א זייטיגען פערפאסער זיינען געווען זעהר טרויריגע. הונדערט דאָלאר פאר א פיעסע האָט זיך גערעכענט א גרויסער פרייז. בעסי טהאָמאַ־שעפסקי דערצעהלט, אז פאר'ן „פאַגראָם". וואָס איז איינע פון זיי־נע ערשטע דראמען, האָט גאָרדין בעקומען זעכציג דאָלאר במזומנים, און אויב אין די אנדערע טהעאטערס האָט ער געקריגען מיט א פּאָר צעהנדליג דאָלאר מעהר, איז דאָס געווען א סך. אויף אזא אופן איז דער האָנאָראר פאר א פיעסע געווען אזא קליינער, אז ער האָט קוים געקענט געבען וואסער צו קאַשע. נאָר ווען איינער איז א גרויסער נצרך און, ווי גאָרדין האָט זיך אויסגעדריקט, אז מען דארף קויפען צוועלף פּאָר שיך פאר דער פאַמיליע, איז אזא סומע א גאנצער אייגענס.

און ווי ביטער די נויט איז געווען, קען מען זעהן דערפון, וואָס ווען ער האָט פערקויפט זייז „פאַגראָם" אין „רומעניא אָפּערע הויז" און דער דירעקטאָר פינקעל האָט איהם געמאכט א פּאָרשלאָג, ער זאָל שפּיעלען די ראָל פון דעם פּריסטאַוו, אָנבאָטענדיג איהם פאר'ן שפּיעלען פינף דאָלאר פאר יעדע פאָרשטעלונג, האָט ער זיך לאנג ניט נע'ישוב'ט און געענטפערט:

— גוט, איך האָב אצונד נויטיג געלד פאר מיין פאַמיליע.

אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט אפילו קיין רייד ניט גע־קענט זיין וועגען רעפאָרמירען די ביהנע. די רעפאָרם איז געקומען דערפון, וואָס יעקב גאָרדין איז געשטאַנען מיט צוואנציג קעפּ העך־כער פון אלע יענע. וואָס האָבען ביז איהם געשאפען די דראמע אין אמעריקא סיי אין טאלאנט, סיי אין בילדונג, סיי איז וועלט־אנשויאונג, סיי אין מענשענקענטשאפט סיי אין ווילענסקראפט, און דאָס האָט זיך ארויסגעוויזען אין זיינע פּיעסען און דאָס האָט געהאט א ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער ביהנע.

זיינע ערשטע דראמען האָבען גאָר א קנאפּען ליטעראַרישען און דראמאַטישען ווערטה. ער שרייבט מיט געדיכטע פארבען, די כאראקטערען זיינען נאָר אָנגעדייטעט און זיי זיינען גיכער שאַ־טענס ווי לעבעדיגע מענשען און אין גאנצען זיינען זיי טאַנדעטנע

ביז יענער צייט זיינען די קריסטען אלס א כלל געווען געשילדערט שווארצער ווי דער טייוועל. די אידישע דראמענשרייבער האבען די ביהנע אויסגעקליבען פאר דעם פלאץ וואו צו נעהמען ראכע פון די גוים, פאר אלע רדיפות וואס אידען זיינען פון זיי אויסגע־שטאנען. אין „סיביריא“ איז סאבוראוו א סימפאטהישע פערזאן, הגם דער פערפאסער געפינט פאר נויטיג צו בעמערקען, אז די אנ־דערע קריסטען זיינען ניט ווי ער.

א נייער אויפטהו פון גארדינען איז געווען צו פערטרייבען פון דער ביהנע די שאבלאנע קאמיקער און אריינגעבען לעבען אין דעם קאמישען עלעמענט. אין „סיביריא“ זיינען פארהאן צוויי פערזאן, וואס מאכען פרעהלאך דעם עולם. דער משרת פענדיק און פאניע טאראטוטיע. דער משרת פענדיק צייכענט זיך ווייניג אויס פון דעם שאבאלנעם משרת פון דער אידישער ביהנע, נאר פאניע איז אין גאנצען אויסגעגאסען אין גארדינס פורעם. פאניע איז א כאראק־טער און ווען זי שטיפט און מאכט אלעמען פרעהלאך, טריפט איהר הארץ מיט בלוט. און דאס איז געווען א חוק ולא יעבור כמעט אין אלע גארדינ'ס שפעטערדיגע פיעסען, אז דער קאמישער עלעמענט זאל האבען מעהר אדער ווייניגער אן עהנליכקייט צו לעבעדיגע מענשען.

נאך מעהר פון אלץ ווייזט „סיביריא“, אז גארדין האט געהאט דעם דראמאטישען חוש אויפצובויען א סיטואציע, וואס זאל פאק־קען דעם צושויער. דאס זעהט מען אין דעם דריטען אקט אין דער סצענע וואו ראזענקראנץ קומט בעטען בעריל טאראטוטיע, אז ער זאל אויף איהם רחמנות האבען. און הגם די דאזיגע סצענע איז האמעטנע און מעלאדראמאטיש, ווייזט זי אבער פאר וואס די אק־טיארען האבען זיך אנגעכאפט צו שפיעלען אין שטיקער, וואס זיינען געווען געגען אלע געזעצען פון דער לאטיינער־הורוויטש ביהנע, און פאר וואס גארדינען איז בעשערט געווען צו ווערען דער רעפארמאטאר פון דעם אידישען טהעאטער.

צו געווינען א דריסת הרגל אין אידישען טהעאטער איז ניט געווען גענוג צו קומען מיט נייע אידעען און מיט מעהר אייראפעאישע פארמען. די ערשטע און וויכטיגסטע זאך, וואס האט זיך געפא־

דער וועלט אריין, נאָר אזוי גיך ווי די דראמע הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען, ווייזט זיך ארויס די שארפע טענדענץ. „סיביריא" איז געשריבען אין דעם גייסט פון השכלה, די פרומע אידען ווערען דאָ פערשפּאָט און די היינטוועלטיגע ווערען ארויסגעשטעלט אין א פיינעם ליכט. אָבער גאָרדין גיט זיך ניט אָב מיט מאכען שפּאס פון זאַבאַוואָנעס, מנהגים און דינים און נעהמט זיך פאר דעם אידישען כאראקטער. מען זאָגט, אידען זיינען רחמנים בני רחמנים און דער כשר'ער איד בעריל טאראַטוטיע טרייבט מיט זיין אכזריות זיין אייגענע טאָכטער צו זעלבסטמאָרד, און צוליעב קאָנקורענץ מסר'ט דער זעלביגער בעריל זיין געגנער ראָזענקראַנץ און רוהט ניט ביז יענער פאלט אריין אין גוטע הענד.

די גאנצע טראגעדיע פון „סיביריא" איז געשטיצט אויף מסירה און אכזריות, און די פּיעסע איז דורכגעדרונגען מיט א שארפען פּראָטעסט געגען דעם. דאָס איז די אידעע, וואָס האָט דעם שטיק געגעבען לעבען און וואָס האָט געמאכט דעם צושויער נאָכדענקען, ווען ער איז ארויס פון טהעאטער.

אז מסירה איז געוואוינליכע ערשיינונג אין אידישען לעבען, איז פערשפּארט צו זאָגען. יעדע אידישע שטעדטיל האָט געליטען פון דער דאָזיגער מכה. נאָר מען האָט ניט געדארפט זיין קיין גרויסער בעאבאכטער צו בעמערקען, אז די חברה-לייט וואָס גיבען זיך אָב דערמיט לויפען ניט דריי מאָל א טאָג אין בית המדרש, לערנען ניט קיין פּרק משניות נאָכ'ן דאַווענען און זיצען אודאי ניט ביי זיך אין דער היים איבער א בלאט גמרא. דער וואָס שלאָגט מיט דער צונג דארף האָבען גאָר אנדערע געוועהר, ווי מען קען געפינען אין בית המדרש. די דאָזיגע חברה לייט האָבען קיין שייכות ניט מיט חובת הלבבות, און דער אמת'ער פרומער איד וועט ניט זיין קיין מסר.

אין „סיביריא" איז בעריל טאראַטוטיע א פרומער איד און לערנט א בלאט גמרא בשעת זיין קרבן ראָזענקראַנץ קומט צו איהם ווייך מאכען זיין הארץ.

דער נייער פּנים אין „סיביריא" איז דער סליעדאָוואַטעל סאָבוראָוו. במעט אין אלע שטיקער, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען

פאר דער אידישער ביהנע. עס איז געוועזן א געוואוינליכע זאך ביי די פריהערדיגע פערפאסערס צו נעהמען א פרעמדע פיעסע, ארויס־קוועטשען פון איהר יעדען טראפען זאפט, איבערבייטען די גוישע נעמען אויף אידישע, אנקלעבען די מאנסביל בערד און פאות׳ן און לאזען זיי פאראדירען אויף דער ביהנע אלס אידען.

אין דעם „אידישען קעניג ליר" האט גארדין גענומען נאר דעם טרוקענעם סקעלעט פון שעקספיר, אבער ניט גלייך צו די פריהער־דיגע פערפאסערס האט ער איהם אזוי ניט איבערגעלאזט, נאר ער האט אליין די כאראקטערס געשאפען, ווי אויך די האנדלונג. דער טרוקענער חריף, דער פליאסקעדריגעדיגער חסיד, ר׳ משה׳לע, זיינען אפשר ניט מעהר ווי שאטענס, נאר זיי זיינען שאטענס פון אמת׳ע אידען און ארום זיי איז געשאפען געווארען א אידישע אט־מאספער. מען זעהט דא ריין א דישע סצענעס, עס בעוועגען זיך אידישע געשטאלטען און צו גוט צו שלעכט, צו בעסער צו ערגער, טרעט גארדין ארויס אלס שעפער און ניט ווי א בעל מלאכה.

ביז דעם „אידישען קעניג ליער" האט מען געזאגט אין טהע־אטער קרייזען, אז גארדין שרייבט „טרוקענע" שטיקער. די טרו־קענקייט איז בעשטאנען דערין, וואס ער האט ניט ערלויבט אריינ־צוהאקען דועטען, טערצעטען, קווארטעטען און די געוואוינליכע האפקעס פון דער סוברעטין און דעם קאמיקער. דאס הייסט ניט אז אין גארדינס שטיקער איז מען זיך אין גאנצען בעגאנגען אהן זינגען אדער טאנצען, אזוי ווי מען איז זיך ניט בעגאנגען אין גאנ־צען אהן א קאמישען עלעמענט. נאר אנשטאט דעם, אז מען זאל אריינהאקען פזמונים סתם אין דער וועלט אריין, און דער קאמי־קער מיט דער סוברעטין זאלען פון העלער הויט ארויספלאצען אין א דועט און אנהויבען צו ווארפען מיט די פיסלאך, האט גארדין אריינגעפיהרט ליעדער און טענץ און דערביי געזעהן, אז זיי זאלען מעהר אדער ווייניגער אריינפאסען זיך אין דער האנדלונג. און דאס איז געבליבען א הלכה לאידישען טהעאטער, אז אפילו אין די בע־סערע פיעסען מוז מען אריינפיהרען געזאנג און אויב מעגליך אויך טענץ, הגם טענץ קומען ניט אריין אזוי אפט, און דערביי דארף מען זיך אנשטרענגען צו געפינען עפעס א היתר דערצו. און הגם

דערט איז געווען די קראַפט צו ריהרען די הערצער פון די טהעאַ־טער בעזוכער, און די דאָזיגע קראַפט האָט גאָרדין פערמאָגט. דער דראַמאַטישער חוש איז אין יענער צייט געווען ביי איהם פיעל שטארקער ווי דער דראַמאַטישער טאַלאַנט און דאָס האָט איהם גע־האָלפען צו געווינען חן ביי די אַקטיאָרען און ביים בעסערען טהייל פון די שטענדיגע טהעאַטער בעזוכער. געפיהרט פון דעם דערמאָנ־טען חוש האָט ער אַלץ מעהר און מעהר געקענט צוטרעפען דעם געשמאַק פון דער מאַסע און זיין טאַלאַנט, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין אַ רויהען צושטאַנד, האָט איהם דערין ניט געשטערט.

דאָס ערשטע שטיק „סיביריא“ האָט אויף דעם געוואוינליכען טהעאַטער בעזוכער קיין גרויסען רושם ניט געמאַכט, נאָר זי האָט אין טהעאַטער געבראַכט אַזעלכע מענשען, וואָס מען האָט דאָרטען פריהער ניט געזעהן. דאָס פובליקום האָט בעקומען אַ צופאַרבונג פון דער אינטעליגענץ, און דער קרייז פון די טהעאַטער בעזוכער איז בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרען. די אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט אַ בעגריף וועגען דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דער אידישער ביהנע פאַר גאָרדינס ערשיינען, האָט איצט געכאַפּט גרויסע התפעלות פון דעם נייען סאָרט פיעסען. זיי האָבען מיט די אויגען געזעהן, ווי דער נעכטיגער באַלאַגאַן ווערט פערוואַנדעלט אין אַ טהעאַטער און ווי די נעכטיגע קאָמעדיאַנטשיקעס ווייזען אַלע סימנים פון אמת׳ע קינסטלער. זיי האָבען ניט געהאַט קיין אויגען פאַר די גרויסע חסרונות אין די דאָזיגע ווערק און זיי האָ־בען נאָר געזעהן דעם וואונדער וואָס זיי שאַפען.

דאָס ערפאָלגרייכסטע פון גאָרדינ׳ס ערשטע שטיקער, איז דער „אידישער קעניג ליער“, וועלכער איז געבליבען אין רעפּערטואַר ביז היינטיגען טאָג און וועט נאָך לאַנג, לאַנג ריהרען די הערצער פון די אידישע טהעאַטער בעזוכער. עס איז איבריג צו זאָגען, אַז פון אַ ליטעראַרישען שטאַנדפונקט איז דאָס דאָזיגע שטיק אַ ביליגע זאַך, און די ביליגקייט ווארפט זיך נאָך מעהר אין די אויגען דערפאַר, וואָס דער סיוזשעט איז גענומען פון איינער פון די בעס־טע טראַגעדיעס פון דער וועלט ביהנע. נאָר אין יענער צייט איז דער „אידישער קעניג ליר“ געווען אַ ריעזיגער שריט פאָרווערטס

א זעץ געטהאָן אין טיש און א געשריי געטהאָן: „הערט אויף! דאָס איז אין מאנוסקריפּט ניטאָ!“

אין אן אנדער טהעאטער ביי אן אנדער פּיעסע האָט זיך אמאָל אָנגעהויבען א וכוח צווישען איהם און פיינמאַן. דער לעצטער האָט קאטעגאָריש אבגעזאָגט זיך צו פאָלגען, וואָס גאָרדין האָט פערלאנגט און ערקלערט, אז ער וועט רעדען וואָס ער וויל. גאָרדין איז דערפון אזוי אויפגעבראכט געוואָרען, אז ער האָט איהם דערלאנגט א פּאטש. ווידער אמאָל איז ער געזעסען אין א לאָזשע, ווען מען האָט געשפּיעלט זיינע א פּיעסע. מאגולעסקא האָט דאָרטען גע־שפּיעלט א קאָמישע ראָל און מיט'ן געוואוינליכען היתר פון א קאָמיקער האָט ער אריינגעשטעלט אן אייגענעם וויץ. גאָרדין האָט פון דער לאָזשע אויסגעזידעלט איהם אויפ'ן קול.

פון דעסטוועגען האָט ער ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, ווען איהם האָט אויסגעוויזען, אז ער קען געווינען די גרויסע מאסע און ער האָט פּרובירט צו קאָנקורירען מיט די אנדערע פּערפאסערס, ארונטערלאָזענדיג זיך צו זייערע מעטהאָדען. ער האָט אָנגעשרי־בען „מחמד“, די „דריי פּרינצען“, דעם „מאָרד אין מעדיסאָן סקווער“ און נאָך אנדערע, נאָר אויף דעם פעלד האָט ער זיך ניט אויסגעצייכענט און די גרויסע מאסע ניט געוואונען.

צו דער מדרגה פון אן אָנגעשטעלטען אויטאָר איז ער דער־הויבען געוואָרען, ווען אדלער האָט איבערגענומען דעם רומעניא אָפּערע הויז. אלס אָנגעשטעלטער אויטאָר האָט ער געדאַרפט שי־טען פּיעסען פון ארבעל. און ער האָט דאריבער ניט געקענט זיין זעהר קלייבעריש. ער האָט אין א קורצער צייט געשאפען א קליי־נעם רעפּערטואר: דער „ווילדער מענש“, דער „יודישער גלח, „שלמה חכם“, די „געברידער לוריא“, דער „רוסישער איד“, דער „שווארצער איד“ און נאָך אנדערע. אייניגע פון די דערמאָנטע שטיקער זיינען איבערגעמאכטע, אדאָפּטירטע און אנדערע אָריגי־נעלע, נאָר אלע זיינען טאַנדעט געמאכט און זייער ליטעראַרישער ווערטה איז גאָר א קליינער. אבער ווי ווייניג זיי קענען צופריעדענ־שטעלען א בעסערען געשמאק, איז גאָרדינען געלונגען אריינצוגע־בען אין זיי אן אָטהעם פון לעבען און אנטהיילען זיי מיט זיין

כמעט אַלע גאָרדינס שטיקער האָבען געזאַנג און די ערשטע שטי־
קער האָבען געהאט היבש פּזמונים, איז דאָס ניט געווען גענוג פאַר
די דירעקטאָרען און זיי האָבען דערפאַר בעטראַכט זיינע פּיעסען
אַלס טרוקענע, וועלכע קענען ניט געפינען קיין חן ביי דער גרויסער
מאסע. אבער דער גרויסער ערפאָלג פון דעם „אידישען קעניג ליר“
האָט בעשיינפּערליך בעוויזען, אז זייער בעגריף וועגען טרוקענ־
קייט איז א פאַלשער, און גאָרדינס פּאָזיציע אין טהעאטער איז
פון איצט אָן געוואָרען א שטאַרקערע.

יעקב גאָרדין האָט זיך און דעם טהעאטער גענומען זעהר
ערנסט. עס וואָלט געווען לעכערליך צו דענקען, אז די ביליגקייט פון
זיינע ערשטע שטיקער האָבען זיך גענומען פון בעוואוסטזיניגען
באַגעהר צו שטעלען צופריעדען די גאַליאַרקע. ער האָט שטאַרק
מקפּיד געווען, אז די אקטיאָרען זאָלען אליין ניט אריינשמועלען קיין
ליעדלאך און ניט צוגעבען קיין אייגענע ווערטלאך. בעסי טהאָמא־
שעפסקי דערצעהלט, אז ביי דער ערשטער פּראָבע פון „פּאָגראָם“,
וואו גאָרדין אליין האָט געשפּיעלט, האָט זיך ביים ערשטען אקט
אָנגעהויבען א וכוח צווישען איהם און פינקעל. דער לעצטער האָט
געוואָלט אריינשטעלען אין דער סצענע מיט די פאַנדען א האַפּקע
און א פּזמון און גאָרדין האָט ניט ערלויבט. און ווען פינקעל האָט
ערקלערט, אז ער וועט טהאָן ווי ער פערשטעהט, האָט גאָרדין גע־
נומען דעם מאַנוסקריפּט און איז אוועק פון טהעאטער. ער האָט
זיך צוריק געקעהרט ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט איהם צוגע־
זאָגט, אז מען וועט טהאָן, ווי ער וועט הייסען.

עס איז שוין געווען דערמאָנט, אז אין „פּאָגראָם“ האָט גאָר־
דין געשפּיעלט די ראָל פון דעם פּריסטאָוו. דאָרטען קומט פאַר א
סצענע, ווי שרה העני האַלפּערן טראָגט צו דעם פּריסטאָוו א שטי־
קעל פיש מיט א שנאַפּס און ווינשט איהם חניפה׳דיג, אז ער זאָל
עסען געזונטערהייד. די ראָל פון שרה העני האָט געשפּיעלט בונע
אבראַמאָוויטש און געוואוינט מיט דעם אַלטען רעפּערטואַר, האָט זי
צוגעגעבען אפּאַרט: „דערוואָרגען זאָל ער ווערען!“ גאָרדין האָט
פערגעסען ,אז ער שפּיעלט איצט פאַר אַן עולם, האָט מיט׳ן קולאַק

דערטע טויזענדער איינוואנדערער האבען דא געפונען א היים מיט כל טוב און זיי זיינען געווען זעהר צופריעדען מיט'ן נייען לאנד. גארדין איז אפט אזוי שטארק בעהערשט געווארען פון זיינע געפיהלען, אז דאס האט איהם געשטערט צו זעהן די ווארהייט, ווי א קינסטלער דארף זי זעהן.

אלע וואס זיינען געוואוינט מיט דער אייראפעאישער דראמע, קרימען זיך געוואוינליך, ווען זיי זעהען דעם קאמישען עלעמענט אין גארדינ'ס שטיקער און הערען די פזמונים, וואס האבען דארטען קיין פלאץ ניט. אין דעם בעסטען פאל רייסען איבער די ראזיגע צוויי עלעמענטען די דראמאטישע האנדלונג און מאכען א שווערען איינדרוק אויף דעם בעסערן צושויער. מען גיט זיך אבער דערביי ניט אב קיין רעכנונג, אז ווען ניט די דאזיגע צוויי עלעמענטען, וואלט קיין גארדין ניט געווען אויף דער ביהנע. שוין אבגערעדט פון דעם פובליקום, האט א פיעסע פריהער פון אלץ געמוזט געפעלען די דירעקטארען און הויפט אקטיארען. ווען א שטיק האט ניט געפונען קיין חן אין זייערע אויגען, האט עס קיינמאל ניט געקענט קומען צום פובליקום. און א שטיק וואס זאל זיין אין גאנצען אהן קאמיזם און אהן געזאנג, האט ניט געהאט קיין שום שאנס אין אידישען טהעאטער. אזוי אויך האבען גארדינס שטיקער געקריגען א נאמען פאר טרוקענע, הגם זיי זיינען געווען בעזארגט מיט קאמיזם און געזאנג. און עס איז געווען א דאנק דעם וואס גארדין האט זיך געקליגט ארייןצוגעבען די דערמאנטע צוויי עלעמענטען, איז איהם געלונגען צו געווינען א דריסת הרגל אין טהעאטער און האלטען זיך. גארדינס אויפטהו צו געבען דעם קאמיזם א לייטישערען פנים און געפינען א היתר פאר געזאנג איז דאריבער געווען א וויכטיגע רעפארם אויף דער ביהנע. דאס האט פון איין זייט געהאלפען פערטרייבען פאיאצעריי פון דער ביהנע, יוייל צו די קאמישע טיפען אין גארדינ'ס פיעסען האט זיך שוין געפאדערט א כאראקטער שוישפיעלער, און פון דער צווייטער זייט האבען זיך די אקטיארען און דאס פובליקום ביסלעכווייז אנגעהויבען דורכצודרינגען מיט א נייען געדאנק, אז די ביהנע איז ניט הפקר, און מען קען ניט, דיר ניט מיר ניט, סתם ארויסקומען אויף דער ביהנע

גייסט. כמעט אַלע דערמאָנטע שטיקער זיינען געבליבען אין רעפּערטואר און יעדער יונגער שטייגענדער אקטיאָר ווען ער קומט צו א מדרגה, אז ער הויבט אָן צו גלויבען אין זיך, איז זיין גרעסטע אמביציע צו ערשיינען אין איינער פון יענע פּיעסען אין א הויפּט ראָל. ער קען אויסווייזען זעלטזאם, וואָס פון דעם דערמאָנטען צעטעל איז דוקא פערשוואונדען געוואָרען א שטיק, וואָס האָט אין יענער צייט געמאכט אַ שטאַרקען רושם, ניט מיט זיין ערפאָלג נאָר מיט די שארפע וכוחים, וואָס עס האָט דעמאָלט ארויסגערופען. דאָס איז „דער רוסישער איד אין אמעריקא“ מיט'ן אונפערגעסליכען הוזדאק, וועמעס קלאַסישער אויסדרוק: „צו וואָס דארף איך שכל, אז איך האָב א קאָנסטיטוציע“, איז אריין צווישען פאָלק און האָט געמאכט הייסע בלוט. אברהם קאהאן, רעדאקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער „ארבייטער צייטונג“, וועלכער איז אין טהעאטער געקומען צו א פאָרשטעלונג פון דעם „רוסישען אידען“ אלס קריטיקער, האָט פון א לאָזשע אויסגעשריען אין רוסיש: „עטאָ לאָזש!“ און לאנג, לאנג האָט מען דעבאטירט און געהיצט זיך צו גאָרדין איז געווען גערעכט צו די יוניאָנס, ווען ער האָט הוזדאק'ן ארויסגעשטעלט אלס זייער פאָרשטעהער.

קיין שטיק כאראקטעריזירט ניט אזוי גאָרדינען, ווי דער „רוסישער איד“. עס איז געווען מעהר ווי געוואגט צו געבען אזא שנעל אין נאָז די יוניאָנס, ווייל זיינע הייסעסטע אנהענגער האָט ער געהאט צווישען די פאָרטגעשריטענע ארבייטער. נאָר ער האָט דערפאר זיך ניט אָבגעשראָקען און האָט זיין בייסיגער סאטירע אָנגעווענדעט געגען דעם, וואָס ער האָט בעטראכט פאר אַן איבעל. און מיט יאָהרען שפּעטער אין אַן אנדער פּיעסע האָט ער זיך ווידער צוריקגעקעהרט צו דעם זעלביגען איבעל. אין דעם רוסישען אידען דריקט גאָרדין אויך אויס זיינע אייגענע געפיהלען צום נייעם אדאָפּטירטען לאנד. די געדיכטע פארבען זיינען ניט צוליעב אַן עפעקט, נאָר אזוי האָט ער זיי געזעהען. ער איז געווען זיכער, אז ער שילדערט א נאטור טרייען בילד פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא, נעהמענדיג זיך אליין פאר א מאָדעל, און האָט ניט בעגריפען, אז ער איז געווען אַן אויסנאהם פון דעם כלל, און די הונ־

הכל. אויב פון איין זייט האָט די בויערי, די גאס וואו די ערשטע אידישע טהעאטערם זיינען געווען, געלערענט זיי די גראָבע קונ־צען פון דער ווילדער מעלאָדראמע און פון דעם ביליגען מוזיק האָל, האָט זיי פון דער צווייטער זייט דער דייטשער טהעאטער געוויזען ווי מען שפּיעלט ביי לייטען. און גראד ווי עס איז קיין פראגע ניט, אז די בויערי, וואָס האָט געשאפען אונטערהאלטונג פאר שכור'ע מאטראָסען מיט אָבגעבלאַקעוועטע נקבות אויף זייערע קניע און וואו מען האָט געזעהן קונסט דורך א גלאָז ביער, האָט איהר שטעמפּעל ארויפגעלעגט אויף דער אידישער ביהנע, אזוי איז אויך קיין פראגע ניט, אז דער דייטשער טהעאטער פון דער זעלבער בויערי און די בעסערע ענגלישע טהעאטערס האָבען געהאט א גרוי־סע ווירקונג אויף די אידישע אקטיאָרען.

אין גאָרדינס שטיקער האָבען די אקטיאָרען דערזעהן מענשלי־כע ראָלען און די געלעגענהייט ארויסצוברענגען א מענשליכע גע־שטאַלט אויף דער ביהנע. דער בעסערער אקטיאָר האָט זיך דאָ גע־קענט פלייסען אריינצוגעבען אין די געשטאַלטען אזוי פיעל לע־בען ווי זיין מענשענקענטשאפט און טאלאנט האָט ערלויבט, און דאָ האָט זיך געעפענט א ברייטע פעלד פאר'ן שוישפּיעלער צו ווייזען וואָס ער קען שאפען. ווי דער טהעאטער בעזוכער איז ניט געווען פראָסט, האָט ער איצט בעסער געקענט ריכטען צו דער שוישפּיעלער ברענגט ארוים א לעבעדיגען מענשען צו ניט. אויף א מלך און בת מלכה פון צוויי טויזענד יאָהר צוריק איז ער קיין מבין ניט געווען, נאָר ווען אויף דער ביהנע האָט זיך בעוויזען זיין אייגענע משפחה, האָט ער גרינג געקענט זעהן, צו דער אקטיאָר איז א הילצערנער מענש צו א לעבעדיגער, צו ער שפּרינגט פון די האלאַבלעס און צו ער דרינגט אריין טיעפער אין דער נשמה. דערצו האָט זיך ביי די דאָזיגע פּיעסען בעוויזען דער אינטעליגענטערער טהייל פון דער בעפעלקערונג און די אבשאַצונג פון דעם אקטיאָר איז געקומען גלייך.

די פאָדערונגען פון אן אקטיאָר זיינען דורכדעם געוואָרען גאָר אנדערע. אויב פריהער איז דער עיקר געווען די שטים, ווייל די

און זאָגען אָדער טהאָן אָדער זינגען, ווען די האנדלונג פאָדערט עס ניט. און זאָל מען קיין טעות ניט מאכען און דענקען, אז דאָס איז נאָר א פראגע פון טעכניק: די דאָזיגע רעפאָרם האָט אנגע־ריהרט דאָס סאמע הארץ פון דער ביהנע און האָט ביסלעכווייז געפיהרט צו דער גרויסער איבערקעהרענים, וואָס איז שפּעטער גע־וואָרען אין אידישען טהעאטער.

די ערשטע וואָס זיינען געפאנגען געוואָרען פון דעם נייעם גייסט, וואָס גאָרדין האָט ארויפגעבראכט אויף דער ביהנע זיינען געווען די בעסערע אקטיאָרען. זיי האָבען פריהער ווי דאָס פּובלי־קום דערפיהלט די מעגליכקייטען, וואָס ער האָט פערשפּראָכען דער ביהנע, און ניט אזוי פאר דער ביהנע ווי פאר זיי גופא. זיי האָבען אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז זיי וואקסען אוים אויף דער ביהנע ווען זיי קומט אוים צו שפּיעלען אין א מעהר אָדער וועניגער מענש־ליכער ראָל. און הגם דעם פּראָסטען עולם איז געפעלען געווען צו זעהן ווי זיי האָבען זיך געוואָרפען און געצאפּעלט און געברומט און אויף די ווענד געקראָכען, האָבען זיי אבער אליין שוין גע־וואוסט, אז דאָס איז ניט געשפּיעלט און אז דאָס איז ניט קונסט. אויב זיי זיינען פריהער געווען פערנארט אין זיך און האָבען אויך אזוי געגלויבט ווי דער פּראָסטער עולם, האָבען זיך זייערע אויגען געעפענט ווען זיי זיינען געגאנגען זעהן די גרויסע שוישפּיעלער פון די אומות העולם. אין טהאַליא טהעאטער איז פריהער געשטאַנען אן אויסגעצייכענטע דייטשע טרופּע און די דייטשע שפּראך איז זיי געווען נאָהענט און זייער בעקאנטשאפט מיט די דייטשע דירעק־טאָרען ווייזט, אז זיי זיינען דאָרטען געווען אָפטע בעזוכער. אויב זיי האָבען פריהער מבטל געווען די גוישע שוישפּיעלער, האָט זייער אמונה אין זיך געמוזט פּלאַצען, ווען עס האָבען דאָ גאַסטראָלירט די גרויסע שוישפּיעלער פון אייראָפּע. אין דעם זעלביגען טהאַליא טהעאטער, וואָס די אידען האָבען איבערגענומען פון די דייטשען האָבען פריהער גאַסטראָלירט באַרניי, זאָנענטהאַל, מוטערוואורצער, יאזעף קאַינץ, פּאָסארט און נאָך אנדערע באַריהמטע שוי־שפּיעלער. זיי האָבען דעמאָלט געמוזט מאכען א חשבון מיט זיך און זיי האָבען דערזעהן א מאום'ען סך

צער קאריער, אז דער נייער גייסט זאָל בעהערשען די ביהנע. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן גאָרדינען און אויפגעפיהרט זיין ערשטע שטיק און דאָס צווייטע און דעם „אידישען קעניג ליר". ער האָט זיך אין זיין חשבון ניט גענאַרט און זיין רעפּוטאַציע איז שנעל געוואַקסען. ער האָט זיך מיט די דאָזיגע שטיקער זעהר בעליעבט געמאַכט ביים אינטעליגענטערן טהעאטער בעזוכער און זיין נאָמען איז פעראייניגט געוואָרען מיט דער בעסערער דראַמע. אַדלער האָט שוין געהאַט זיין אייגענעם טהעאטער, און די „רומעניא אָפּערע הויז" האָט געטראָגען זיין נאָמען „אַדלער טהעאטער" און איז געוואָרען די היים פון דער בעסערער דראַמע.

נאָר דערפון דאַרף מען ניט מיינען, אז דער נייער גייסט האָט זיך שוין איינגעוואָרצעלט אויף דער אידישער ביהנע, און דער טהעאטער האָט שוין אָנגענומען אַן אַנדער פּנים. גאָרדין איז דער־ווייל געווען ניט מעהר ווי א גאַסט אין טהעאטער און אַלץ וואָס איהם איז געלונגען ביז יעצט צו דערוויזען, איז געווען, אז מען זאָל אויף איהם ניט קוקען ווי אויף א „יאָלד" און מען זאָל איהם נעהמען ערנסט. די גרענדע אין טהעאטער פיהרען די פריהערדיגע פּערפאָרמערס און אין קאַסע שיט זיך גאָלד פון לאַטיינערס און הור־וויטשעס שטיקער. לאַטיינער האָט אונטער דער צייט אָנגעשרי־בען „קרח'ס אוצרות", „אלכסנדר", „בת שבע" און „בליהמעלע" און יעדע פון זיי איז געווען אַן אוצר פאַר'ן טהעאטער. אויך הור־וויטשעס שטיקער האָבען אין דער צייט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם און „בת כהן", „די עקדה" און „יפת תאר" האָבען געגעבען א סך געלד.

האָט מען זיך צוגעקוקט צו דער שמחה אויף דער אידישער ביהנע, האָט מען בשום אופן ניט געקענט זאָגען, אז א נייע עפּאָ־כע האָט זיך אָנגעהויבען. ניט אין די גאַנגבאַרע שטיקער און ניט אין דעם „קרעפּטיגען" שפּיעלען האָט מען עס געקענט מערקען. עס האָט פון אויבען אויסגעזעהן, אז אַלץ איז ווי געווען און קיין ענדערונג איז ניט פאָרגעקומען. נאָר דאָס איז אַלץ געווען אויבער־פלעכליך און אונטען איז אָנגעגאַנגען א שטילע רעוואָלוציע די גאַנצע צייט. אין טהעאטער האָט מען געפיהלט, אז עפּעס איז ניט

שטיקער זיינען כמעט אַלע געווען אַפּערעטענמעסיגע, האָט איצט די הויפּט זאַך געדאַרפט זיין דער טאַלאַנט צום שפּיעלען, ווייל אויב ליעדלאַך זיינען נאָך ניט אין גאַנצען אָבגעשאַפט געוואָרען, איז דאָס זינגען שוין געוואָרען א טפל. אויב פריהער איז דער קאָמיקער געווען דאָס אויבערסטע פון שטויסעל, ווייל מיט גאָלדפּאָדענס לייב־טער האנד איז די ראָל פון דעם קאָמיקער געווען די וויכטיגסטע, איז זיין פּלאַץ אין גאַנצען פערשוואונדען אין דער ערנסטער דראַ־מע און אפילו דער כאַראַקטער קאָמיקער האָט פערנומען דעם צווייטען פּלאַץ.

און הגם די נייע פּאָדערונגען זיינען נאָך ניט אין גאַנצען אריין אין קראַפט, האָבען זיי זיך שוין געלאָזט פיהלען. דער קאָפּ פון דער ערשטער קאָמפּאַניע, זילבערמאַן, איז ארויסגעשטופּט גע־וואָרען פון ניו יאָרקער טהעאַטער און ער איז געווען געצוואונגען צו נעהמען דעם וואַנדערשטעקען און אַוועקלאָזען זיך איבער דער פּראָווינץ. אבא שעהנגאָלד, וועלכער האָט פערנומען דעם כאַמע אויבען אָן אין דער ערשטער פּעריאָדע אַלס דראַמאַטישער שוי־שפּיעלער, האָט זיך אָבגעזעגענט מיט'ן ניו יאָרקער אידישען טהע־אַטער און געגומען וואָגלען צוזאַמען מיט זילבערמאַנען, מיט וועל־כען ער האָט געגרינדעט א קאָמפּאַניע און געוואָרען א פּראָווינץ שפּיעלער. אויך מאָגולעסקאָ, דער זייל פון אידישען טהעאַטער אין דער ערשטער פּעריאָדע, האָט זיך ארונטערגעגעקט אין הינ־טערגרונד. ער איז אָהן ספק געווען דער בעגאַבסטער אַקטיאָר אין אידישען טהעאַטער, נאָר ער האָט ניט פערשטאַנען דעם נייען גייסט און האָט געגלויבט, אַז פון זיין גדולה איז ער ארונטער, ווייל ער האָט זיך צופיעל אָבגעגעבען מיט שאַפען מוזיק פאר די שטיקער אין זיין טהעאַטער און האָט אליין קיין צייט ניט געהאַט צו לער־נען זיינע ראָלען. ער האָט ניט בעגריפען, אַז דער סאָרט קאָמיים וואָס ער האָט אַזוי ליעב געהאַט קען שוין מעהר ניט פערנעהמען דעם אויבען אָן אויף דער ביהנע.

דער ערשטער וואָס האָט פערשטאַנען דעם נייען גייסט איז געווען יעקב אַדלער. עס איז שוין געווען דערמאָנט, אַז ער האָט ניט געקענט זינגען, און עס איז איהם נוגע געווען אין זיין גאַנ־

זעקסטער קאפּיטעל.

די רעוואָלוציע פון די אקטיאָרען.

די שטילע רעוואָלוציע וואָס איז אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט פון דער צווייטער פּעריאָדע, האָט ענדליך ארויסגעפּלאַצט פון דער זייט פון די אקטיאָרען. און דער חוזק וואָס זיי האָבען פריהער ארויסגעוויזען געגען פּערפאַסער פון דער גאַס האָט זיך איצט אַ קעהר געטהאָן געגען די פּאַטענטירטע אויטאָרען גופא.

די אקטיאָרען האָבען איצט צובראָכען די אָבגעטער, פאַר וועלכע זיי האָבען זיך פריהער געבוקט און מיט אַ לייכטען הארצען אַ וואָרף געטהאָן זיך אויף די בעסטע דראַמען פון דעם וועלט־רעפּערטואַר. אין אַ קורצע צייט האָט גענומען שוויבלען און גריבלען אויף דער אידישער ביהנע מיט די גרעסטע קלאַסיקער. האַמלעט און אָטהעלאָ זיינען שוין פריהער אויפגעפיהרט געוואָרען און איצט קומען „ראָמעא און דזשוליעט“, „ריטשאַרד דער דריטער“. „מאַקבעט“, שילער׳ס „טוראַנדאָט“ אונטער׳ן נאָמען „מאיר בעל הנס“, די „רויבער“, „יוליוס צעזאַר“, „מאַריא סטואַרט“. „דאָן קאַרלאָס“, די „הוגענאָטען“. „ווילהעלם טעל“. „פאַאוסט“. דער „קויפמאַן פון ווענעדיג“, „קלעאָפּאַטרא“ אונטער׳ן נאָמען „קול שופר“, ווי אויך מאָדערנע אייראָפּעאישע דראַמען, ווי די „קאַמעליענדאַמע“, די „היימאַט“. די „עהרע“, און דאָס גלייכען.

די דאָזיגע שטיקער זיינען מייסטענס איבערזעצט געוואָרען, נאָר די איבערזעצונג איז געווען אַזאַ האַמעטנע, אז ניט די שוי־שפּיעלער און ניט דאָס פּובליקום האָבען געוואוסט פון זייערע הענד און פיס. דער עולם איז געזעסען אין טהעאַטער און געקוקט ווי אַ האָהן אויף „בני אדם“, און די אקטיאָרען האָבען געהאַקט פּראָזען.

ווי עס בעדאַרף צו זיין און מען האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען דער־מיט וואָס יעדער דירעקטאָר האָט געבראַכט פרישע כחות. אזוי האָט מען אין דער צייט אראָבגעבראַכט פון גאַליציען און לאָנדאָן די בעסטע קרעפטען, וואָס מען האָט דאָרטען געקענט געפינען. אין א קורצער צייט זיינען אָנגעקומען קיין ניו יאָרק דער דראמאטישער שוישפּיעלער מאקס ראָזענטהאַל, דער קאָמיקער בערנאַרד בערנ־שטיין, די פּרימאַדאָנא רעגינא פּראַגער, די דראמאַטיסטין בערטהא קאַליש, דער ליעבהאָבער און זינגער טאַבאַטשניקאָוו, די סובּרעטין ווילענסקי, דער קאָמיקער פּישקינד, דער קאָמיקער טאָנצמאַן און פרוי טאָנצמאַן, דער קאָמיקער קאַצמאַן, די דראמאַטישע שוישפּיע־לערין דינה שטעטין, דער דראמאטישער שוישפּיעלער און זינגער עליאַס ראָטהשטיין, דער קאָמיקער פּישקינד און אנדערע. די מייסטע פון זיי זיינען געווען ווייט פון וועלכען עס איז צווייפעל און צו־פריעדען מיט די אַלטע שטיקער, מיט זיך און מיט'ן פּובּליקום און זייערע פרישע כחות האָבען געהאָלפען אָנהאַלטען דעם אַלטען גייסט.

פאר'ן סאמע פראָסטען עולם איז די האנדלונג געגוג שטארק און ריהרענד צו האלטען איהם געשפאנט און מעהר איז ער ניט אויסען. דאָס וואָס די דאָזיגע קלאסישע ווערק זיינען ארויסגעקומען צוקאליעטשעט, האָט נאָר געקאָנט שאדען אין די אויגען פון דעם אינטעליגענטען בעזוכער, וועמען עס האָט געפעהלט אויף דער אידישער ביהנע דער גאנצער פּאָעטישער חן, וואָס די איבערזעצער האָבען ניט געקענט איבערגעבען, און דאָס איז פאר דעם פראָסטען עולם קיין חסרון ניט געווען.

אָבער די אַנדערע קלאַסישע ווערק האָבען ניט פערמאָגט די נויטיגע עלעמענטען צו פאנגען די פאנטאזיע און הארץ פון א פראָס־טען טהעאטער בעזוכער און ער האָט זיך פון זיי אָבגעקעהרט. די גרויסע נעמען פון די פערפאסערס זיינען ניט מעהר ווי א פוסטער קלאנג פאר א פראָסטען עולם.

אין דער שטרעבונג צו די קלאסישע און מאָדערנע אייראָפּע־אישע ווערק האָבען זיך בעטהייליגט אלע גרעסערע אקטיאָרען, און עס האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי זיי האָבען דערויף געקוקט ווי אויף אן עקזאמען, און ווער עס וועט פערפעהלען צו נעהמען דעם עקזאמען, וועט בלייבען אין הינטערגרונד. זיי האָבען דאריבער געזוכט איבערצויאָגען איינער דעם צווייטען, און ווער עס וועט האָבען מעהר קלאַסישע ווערק אויף זיין רעכנונג, וועט פערנעה־מען דעם אויבען אָן אויף דער ביהנע. אין אָנהויב האָט מען נאָר געקענט זעהן די שטרעבונג צו פערפלייצען די ביהנע מיט בעריהמטע ווערק, נאָר שפּעטער האָט זיך ארויס־געוויזען, אז יעדער אקטיאָר האָט זיינע בעזונדערע געטער. טהאָמאשעפסקי האָט זיך אָנגעכאפּט אן שעקס־פיר, אדלער האָט ארויסגעוויזען א ברייטערען וואהל אין קלאסיקער, און קעסלער האָט אויסגעקליבען זודערמאנען. און צו זייער קרע־דיט דארף מען זאָגען, אז הגם די גרויסע ווערק פון די אומות העולם האָט קיין געלד ניט איינגעבראכט, האָבען אדלער און קעסלער אָפט זיי געשפּיעלט פאר לעדיגע הייזער, אבי צופריעדענ־צושטעלען זייער קינסטלערישע אמביציע.

עס האָט לאנג ניט גענומען און די אקטיאָרען האָבען זיך

וואָס זיי האָבען ניט פערשטאַנען. עס איז פערשפּאָרט צו זאָגען, אַז די קלאַסישע שטיקער זיינען דורכגעפאַלען איינס נאָכ'ן אַנדערן און דער חדוש איז, וואָס עטליכע שעקספּירס דראַמען האָבען שטאַרק אויסגענומען. די קלאַסישע פּיעסען, וואָס האָבען נושא חן געווען ביים אידישען עולם זיינען געווען „האַמלעט", „ראָמעא און דזשוליעט" און „אָטהעלאָ".

ווען דער טומעל פון די קלאַסיקער איז אריבער, האָבען מאַנ־כע טהעאַטראַלען זיך ניט געקענט ערקלערען די אורזאַך, פאַר וואָס די לעצטע דריי פּיעסען האָבען אַזוי אויסגענומען ביים עולם און זיי זיינען געקומען צו אַ שלום, אַז דאָס איז געווען אוים מורא פאַר דעם גרויסען נאָמען פון שעקספּיר. מענשען האָבען זיך אַזוי פּיעל גנגעהערט וועגען דעם גרויסען ענגלישען דראַמאַטורג, אַז זיי האָ־בען זיך געשעמט צו זאָגען, אַז זיי געגעצען ביי זיינע דראַמען און ז'י זיינען געלאָפען אין טהעאַטער צו ווייזען זייער מבינות.

אייב אַזא ערקלערונג וואָלט געווען ווי עס איז גילטיג פאַר האַלב אינטעליגענטע מענשען, איז זי פּשוט לעכערליך, ווען עס איז נוגע פּראָסטע טהעאַטער בעזוכער, ווייל זיי זוכען ניט צו פּאַ־ראַדירען אַלס מבינים. אַ חוץ דעם דערצעהלט מען, אַז ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „האַמלעט", איז דער עולם געווען אַזוי צופריעדען, אַז זיי האָבען שטאַרק אַפּלאָדירט דעם פערפאַסער און האָבען פערלאַנגט, ער זאָל זיך ווייזען פאַר'ן פאָרהאַנג, און דאָס הייסט, אַז די בעזוכער האָבען קיין בעגריף געהאַט, ווער שעקספּיר איז.

די מעשה איז, אַז די וואָס זוכען ערקלערונגען, זיינען ניט אריין אין דעם תוך פון די דערמאָנטע שטיקער. שעקספּיר איז געווען אַ דראַמאַטורג, וואָס האָט הויפּטזעכליך געשריבען פאַר אַ טהעאַטער און האָט זיך גערעכענט מיט'ן געשמאַק פון זיין פּוב־ליקום, און אַ גרויסער טהייל פון זיין פּובליקום איז אין ענטוויק־לונג ניט געשטאַנען העכער פון די געוואוינליכע בעזוכער פון אי־דישען טהעאַטער. „האַמלעט", „ראָמעא און דזשוליעט" פערמאָגען אַל'ע עלעמענטען, וואָס אַפּעלירען צו דער פאַנטאַזיע פון יעדען דורכשניטליכען טהעאַטער בעזוכער און וואָס ריהרען זיין האַרץ.

פאַדים, וואָס האָט זיך איבערגעריסען ביי דער קלאַסישער מגפה און האָט זיך געלאָזט געהן מיט דעם אויסגעטראָמענעם וועג פון דער בעקאַנטער היסטאָרישער אָפּערעטע, אבער ער איז ניט געגאַנ־גען אין די זעלביגע טריט פון די פאַטענטירטע אויטאָרען. אין זיי־נע שטיקער האָבען זיך די ווערטער געקלעבט און די האנדלונג האָט זיך ניט איבערגעריסען.

ווי געזאָגט, איז ער געגאַנגען אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון דער בעקאַנטער היסטאָרישער אָפּערעטע, און דאָס האָט איהם קיין חן ניט צוגעגעבען אין די אויגען פון די אַקטיאָרען. כל־זמן ער האָט געשאַפען אזעלכע שטיקער, וואָס האָבען געבראַכט געלד אין דער קאַסע, האָבען די אַקטיאָרען געשוויגען, נאָר אזוי גיך ווי די קאַסע האָט איהם קיין רעקאָמענדאַציע ניט געקענט געבען, איז ער שטאַרק געפאַלען אין פּרייז, ביז ער איז אין גאַנצען דערוויַיטערט געוואָרען פון דעם טהעאַטער. ער האָט סך הכל אָנ־געשריבען א פינף שטיקער: „כל נדרי“, „ונתנה תוקף“, „רחל אָדער דגל מחנה יהודה“, „חבצלת השרון“ און „איוב“. אויסגענומען האָ־בען נאָר די ערשטע דריי, און די אַנדערע זיינען דורכגעפאַלען.

ארום דער זעלביגער צייט איז אויך ארויסגעקומען מיט א היסטאָרישער פּיעסע דער בעוואוסטער פּאָעט מאָרים ראָזענפעלד. די פּיעסע האָט געהייסען דער „לעצטער כהן גדול“, און אזוי ווי דאָס איז שוין געווען די צייט, ווען די אַקטיאָרען האָבען דיקטירט די פּערפאַסערס וואָס און ווי צו שרייבען, האָבען זיי צוגעלעגט א האַנד צו דער פּיעסע און אויסגעשניטען און אריינגעשטעלט וואָס זיי האָבען געוואָלט. דער „לעצטער כהן גדול“ איז דורכגעפאַלען און אזוי ווי ראָזענפעלד האָט געהאט אן אורזאַך צו דענקען, אז דאָס איז געשעהן דערפאַר, וואָס מען האָט זיין פּיעסע ניט אויפגעפיהרט, ווי ער האָט געשריבען, איז ער ארויסגעטראָטען אין א צייטונג געגען די אַקטיאָרען און האָט זיי מכבד געווען מיט אזא פּאָרציע, אז ער האָט זיך א צייט, א צייט לאַנג ניט געטאָרט ווייזען אין טהעאַטער און דערמיט האָט זיך געענדיגט זיין קאַריער אַלס דראַ־מענשרייבער.

די גרעסערע אַקטיאָרען, אָדער ריכטיגער געזאָגט די שטערען

איבערצייגט, אַז די ענטוויקלונג פון אַ טהעאַטער געהט ניט נאָך דעם ווילען פון איינצעלנע פּערזאָנען און זי האָט איהרע פעסטע געזעצען, וועלכע מען קען ניט אריבערטרעטען.

דאָס איז געווען אַ ביטערע ענטטוישונג, ווייל דאָס האָט געהייסען צוריקקעהרען זיך צו די פּערפאַסערס, וואָס האָבען פערשטאַנען דעם אידישען טהעאַטער בעזוכער, נאָר די שרייבער האָבען שוין מעהר קיין מאָל ניט פערנומען זייער פריהערדיגען פּלאַץ. דער עיקר אין טהעאַטער איז איצט געוואָרען דער אַקטיאָר, וואָס האָט געוואונען אַ פּובליקום און וואָס איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען סטאַר (שטערן) און דער פערפאַסער און די אנדערע אַקטיאָרען זיינען געוואָרען דער טפל. עס איז אמת, אַז די סיסטעם פון די אנגעשטעלטע פּאַטענטירטע אויטאָרען איז נאָך דערוויייל געבליבען ביים אלטען, נאָר זיי האָבען שוין מעהר קיין דעה ניט געהאַט, און דער שטערן האָט זיי דיקטירט ניט נאָר וואָס צו שרייבען, נאָר אויך ווי צו שרייבען.

די צייט איז געווען אַ שעת הכושר פאַר נייע שרייבער צו ווייזען זיך אויף דער ביהנע. אברהם מיכל שאַרקאַנסקי, אַ יונגער פּאָעט, ערשט אַ פּאָר יאָהר אין לאַנד, איז אַרויסגעטראָטען מיט זיין „ונתנה תוקף", און דאָס שטיק האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. און תיכף נאָכדעם איז ער אַרויסגעקומען מיט'ן צווייטען שטיק „כל נדרי", וואָס האָט געפאַנגען דעם טהעאַטער בעזוכער. די דאָזיגע צוויי שטיקער האָבען זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען אידישע, ניט נאָר אין נאָמען, נאָר אויך אין דעם אינהאַלט, און וואָס זיי האָבען געהאַט אַן אַנהויב, אַ מיטען און אַ סוף, הגם די פּערזאָנען האָבען געוויזען וועניג לעבען. די דאָזיגע שטיקער זיינען געווען ניט ווייט אָוועקגערוקט פון דער דורכשניטליכער היסטאָרישער אָפּערעטע, וואָס מען האָט פריהער געזעהן אויף דער ביהנע: דאָ איז געווען די זעלביגע באָמבאַסטיק, דער זעלביגער ביליגער עפעקט, די זעלביגע געריכטע פאַרבען, נאָר אין דער זעלביגער צייט איז די האַנדלונג געווען ניט קיין פרעמדע און דער ס ווזשעט ניט קיין פערפּלאָנטערטער און ניט קיין פערדרעהטער. אויף אַזאַ אופן האָט שאַרקאַנסקי צוריק פערקניפּט דעם

פשוט געפעלען געוואָרען דער אקט פון ברעכען טעלער, און ער האָט ווארעם אפלאָדירט. דאָס איז שוין געווען צופיעל פאר אד־לער'ן און הגם ער האָט געשפּיעלט די ראָל פון א שטילען, רוהיגען, בכבוד'יגען רב, האָט ער זיך אויך א נעהם געטהאָן צו די טעלער און האָט צובראָכען מעהר פון זיי ביידען.

זיי האָבען קוים דורכגעשלעפּט דעם סעזאָן און די קאָמבינאַ־ציע איז צופאלען געוואָרען. אדלער האָט צוזאמען מיט עדעלשטיין גענומען דעם גרויסען ווינדזאָר טהעאטער און זיי זיינען געוואָרען די דירעקטאָרען, און הגם קעסלער און טהאָמאשעפסקי זיינען אויך אריין אין דעם זעלביגען טהעאטער, איז אָבגעמאכט געוואָ־רען, אז מעהר זאָלען זיי אלע צוזאמען ניט שפּיעלען, און אזוי ווי די לעצטע צוויי זיינען אין דער דירעקציע ניט געווען פער־טראָטען, האָט מען געהאָפט, אז מען וועט זיך שוין ווי עס איז צוטהיילען מיט די ראָלען. נאָר שוין ביי דעם ערשטען שטיק פון דעם נייען סיזאָן האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אין חכמה, אין עצה ואין תבונה נגד עטליכע גרויסע אקטיאָרען אין איין טהעאטער, און קעסלער איז נאָך די ערשטע פאָר וואָכען ארויס פון ווינדזאָר און צוריק אריין אין טהאליא.

און אזוי איז דאָס געבליבען דורך א משך פון לאנגע יאָהרען און די וואָרפענים פון די גרעסערע אקטיאָרען פון איין טהעאטער אין דעם צווייטען האָט מעהר אָדער ווייניגער אויפגעהערט. פאר טהאָמאשעפסקי'ן איז געווען גרינג צו בלייבען מיט אדלער'ן אין איין טהעאטער, ווייל ער האָט זיין גרויסקייט אנערקענט און גע־רעכענט פאר א כבוד צו זיין צוזאמען מיט איהם און שפּיעלען די הויפּט ראָלען. און פאר אדלער'ן איז דאָס געווען ווי געוואונ־שען, ווייל דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט ארויסצומאכען זיך פון די ביליגע שטיקער, וועלכע זיינען נאָך אלץ געווען די גאנגבארסטע סחורה און ניט צו פערלירען די רעפּוטאציע אלס שפּיעלער פון דער בעסערער דראמע. אלס דירעקטאָר פון א גרוי־סען טהעאטער האָט ער מעהר פון אלץ געזאָרגט פאר דער קאסע, און אזוי ווי אין די טהעאטער־קרייזען איז מען געווען איבערצייגט, אז געלד קען מען נאָר מאכען פון באלאגאנסקע־שטיקער, האָט ער

זיינען נאָך אפשר שטאַרקער געוואָרען אין זייער איינדרוק, אַז זיי זיינען דער עיקר אין טהעאַטער, און אויב די געשעפטען זיינען ניט קיין געהויבענע, איז דאָס דערפאַר, וואָס זיי קאָנקורירען צווישען זיך. דער לאַגישער שלוס דערפון איז געווען, אַז די שטערען זאָ־לען זיך קאָמבינירען און שפּיעלען צוזאַמען. דער עולם וועט לויפען נאָר אין זייער טהעאַטער און וועט פון אנדערע ניט וועלען וויסען. אַדלער איז ארויס פון זיין אייגענעם קליינעם טהעאַטער און איז אריין אין טהאַליא טהעאַטער צוזאַמען מיט קעסלער און טהאָמאַ־שעפסקי, און ביי אַזאַ מין קאָמבינאַציע איז אפילו ניט נויטיג גע־ווען קיין נייע שטיקער. מען האָט ארויסגענומען פון רעפּערטואַר גאָרדין׳ס אַן אבגעשפּיעלטע שטיק „די געברידער לוריא“ און איינגעטהיילט די ראָלען צווישען די שטערען. אבער דער טהעאַ־טער עולם איז דערפון ניט נתפּעל געוואָרען און מען האָט קיין איבריגע ביינקלאָך ניט געדאַרפט אריינשטעלען. א חוץ דעם האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז א ביהנע פון איין טהעאַטער איז צו קליין פאַר עטליכע שטערען, און שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט זיך אָבגעשפּיעלט א כאַראַקטעריסטישע סצענע, וואָס איז אין דער פּיעסע ניט געווען. די קנאה צווישען אקטיאָרען איז א גע־וואוינליכע זאַך און צווישען די גרעסערע אקטיאָרען איז זי נאָך פּיעל שאַרפער. יעדער האָט דעם צווייטען אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, נאָר אויב קעסלער איז געווען גרייט צו מעסטען זיך מיט די כחות מיט אַדלער׳ן, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אנערקענען טהאָמאַשעפסקי׳ן פאַר א גוטען אקטיאָר. אַזוי גיך ווי דער פאָר־האַנג האָט זיך אויפגעהויבען און אַלע דריי שטערן זיינען ארויף אויף דער ביהנע, האָט קעסלער גענומען נאָכקרימען טהאָמאַשעפס־קי׳ן. דאָס האָט דעם לעצטען נערוועז געמאַכט און ער איז ארויס פון די כלים. ער האָט געשפּיעלט די ראָל פון גדליה לוריא און אין דער סצענע געדאַרפט צוברעכען א טעלער, האָט ער שוין פאַר כעס צובראָכען צוויי טעלער. קעסלער האָט ניט געשוויגען און האָט זיך אויך גענומען צו די טעלער. דעם עולם איז די מעשה געפעלען געוואָ־רען, ניט מחמת ער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז מען איז איהם מכבד מיט מעהר שפּיעלען, ווי איהם האָט געקומט, ניין, נאָר איהם איז

זיין טהעאטער און ער איז געווען צופריעדען נאָכצוגעבען קעס־לער'ן אין זאכען, וואָס זיינען נוגע געווען צום שפּיעלען, אבי ער זאָל קענען אויפפיהרען זיינע אייגענע פּיעסען. ווען ניט פיינמאַנ'ס איבריגע קיילעכדיגקייט, וואָס האָט איהם אונמעגליך געמאכט אלס ליעבהאָבער, וואָלט מיט דער צייט קעסלער זיך פערבונדען מיט די בעסערע פּיעסען און פיינמאַן וואָלט געבליבען ביי דעם אלטען סאָרט שטיקער. אזוי אבער האָט קעסלער געשפּיעלט די הויפּט־ראָלען איןביידע סאָרטען פּיעסען, און וואָס ווייטער האָט ער זיך אלץ מעהר און מעהר פערבונדען מיט דער בעסערער דראַמע.

שייקעוויטש איז די גאנצע צייט געווען דערוויטערט פון דער ביהנע, און ווען ער האָט דערזעהן, אז דער קליינער טהעאטער, גע־וועזענער רומעניא אָפּערע הויז, איז געבליבען לעדיג, האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט מאגולעסקא, וועלכער האָט געהאט אן אור־זאך צו זיין אונצופריעדען מיט דער נייער טאַקטיק, וואָס האָט די קאָמיקער פערשטופּט צום הינטערגרונד, און זיי זיינען ביידע אריין אהין אלס דירעקטאָרען. שייקעוויטש האָט אָנגעשריבען א שטיק, וואו די הויפּט ראָל איז געווען פון א קאָמיקער, און דאָס האָט ארויסגערופען ביי מאגולעסקא די האפנונג צו געווינען צוריק דעם אויבען אָן אויף דער ביהנע און צו ווייזען די טראגיקער, אז זיי האָבען נאָך ניט די בכורה אין טהעאטער. דאָס שטיק האָט גע־הייסען „המן דער צווייטער", און עס האָט שטארק אויסגענומען ביים עולם, נאָר די דירעקציאָן פון שייקעוויטש און מאגולעסקא האָט לאנג ניט געדויערט. די ראָד פון טהעאטער האָט זיך ניט געלאָזט שטופען צוריק, די צייט פון די קאָמיקער, אפילו פון אזא ברילליאנטענעם קאָמיקער ווי מאגולעסקא איז שוין אריבער און די ריכטונג פון דער ביהנע האָט ניט געפיהרט צו יענעם סאָרט שטיקער, וואָס שייקעוויטש האָט געשאפען.

דורך דער גאנצער צייט וואָס די רעוואָלוציע אויף דער ביהנע איז אָנגעגאנגען, איז פרוי ליפּצין געווען דערוויטערט פון טהעא־טער. זי האָט חתונה געהאט פאר אן ארויסגעבער פון א טעגליכער צייטונג, און הגם אידישע צייטונגען זיינען דעמאָלט געווען זעהר

זיי אָבגעגעבען דעם אויבען אָן, נאָר ווי ווייט ער האָט געקענט האָט ער דעם כבוד פון שפּיעלען די הויפּט ראָל מוחל געווען זיין אינגע־רען קאָלעגע. און דאָס איז איהם געווען גרינג צו דערווייזען, ניט אַזוי דערפאר וואָס ער איז געווען דירעקטאָר, ווי דערפאר וואָס ער איז ניט געווען קיין זינגער.

אין גאנצען איז איהם ניט געלונגען ארויסצומאכען זיך פון פּאַיאַצישע ראָלען, און ער טרעט אָפּט אריין אין די שיך פון דעם קאָמיקער און מאכט זיך נאַריש פאר'ן עולם, און הגם ער שילט דערביי די אויטאָרען, קען ער זיך פון די פּאַיאצקע ראָלען ניט אבזאָגען. נאָר דערפאר טרייסט ער זיך פון צייט צו צייט דערמיט, וואָס ער פיהרט אמאָל אויף א בעסערע פּיעסע און שפּיעלט אליין די הויפּטראָל, און ווייזט, אז ער האָט זיך נאָך ניט אין גאנצען אַ קעהר געטהאָן מיט'ן רוקען צו דער בעסערער דראַמע. און אַזוי איז דאָס שפּעטער געוואָרען די טאַקטיק פון דעם טהעאטער, אין וועלכען אדלער איז געשטאַנען צוזאמען מיט טהאָמאַשעפסקי. דער לעצטער האָט דעם גאנצען סעזאָן געשפּיעלט די נאַרעשע שטיקער, און דער ערשטער האָט אמאָל אין א שמיטה אויפגעפיהרט א בע־סערע פּיעסע, און וואָס ווייטער איז די מחיצה צווישען זייערע שטיקער געוואָרען אלץ גרעסער און די שייכות פון איין אקטיאָר צום צווייטענס שטיקער אלץ ווענינער.

קעסלער איז יאָהרענלאנג געבליבען אין טהאליא טהעאטער און עס האָט לאנג ניט גענומען און ער איז דאָרטען געוואָרען איי־נער פון די דירעקטאָרען. אַזוי ווי ער האָט ניט געהאט אויף וועמען ארויפצואווארפען די הויפּט ראָלען פון די נארעשע שטיקער, האָט ער זיי אליין געשפּיעלט און האָט אויף דער ביהנע חוזק גע־מאכט פון די שרייבער און פון דעם פּובליקום. צוזאמען מיט איהם האָט געשפּיעלט פיינמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען פּעררעכענט צווישען די גרעסערע אקטיאָרען. הגם דער לעצטער איז געווען אין איינע יאָהרען מיט איהם, איז ער אבער געווען צו קיילעכדיג צו שפּיעלען יונגע ראָלען און אין יענער צייט זיינען זיי געווען די הויפּט ראָלען און דאָס האָט מעגליך געמאכט פאר זיי צו שפּיעלען צוזאמען. א חוץ דעם האָט פיינמאַן אויך געשריבען שטיקער פאר

בייטער אין „פֿאָרווערטס“ און האָט דאָרטען געשריבען נייעס, אר־טיקלען, סקיצען פאר צעהן אָדער צוועלף דאָלאר א וואָך.

נאָר אויב די בעסערע פּיעסע איז נאָך בעטראכט געוואָרען אלס שטיפקינד אויף דער ביהנע, האָט זי שוין געוואונען א נאָמען, וואָס האָט קיין גוטס ניט פערשפּראָכען דעם אנדער סאָרט שטי־קער. איהר נייער נאָמען איז געוואָרען עהרען־פּיעסע און דאָס האָט בעדייט אזוי פיעל, אז א טהעאטער קען זיך פערשאַפען כבוד מיט דער בעסערער דראמע און פון איהר אליין קען דער שוישפּיע־לער ערווארטען א לאָרבער־קראנץ פאר זיין שפּיעלען, אבער מעהר ווי דאָס קען זי ניט געבען. ווען אן אקטיאָר וויל האָבען ברויט פון זיין שפּיעלען, מוז ער אָנקומען צו די ביליגע שטיקער, וועלכע האָבען דערפאר געקראָגען דעם נאָמען פון ברויט־פּיעסען.

און ווען די אקטיאָרען האָבען זיך קלאָר געמאכט וואָס יעדער סאָרט פּיעסע קען זיי ברענגען זיינען זיי געקומען צו א שלום, אז ווען נאָר א טהעאטער קען ניט ערווארטען קיין גרויסע הכנסה זאָל מען שטעלען א בעסערע פּיעסע. אזוי, למשל, איז געווען בעקאנט, אז די ערשטע און די לעצטע וואכען פון דעם סעזאָן ברענגען ניט קיין געלד און די איננאהמע אין דער קאסע איז זעהר א מאָגערע. די פּאַטענטירטע שרייבער, ווען זיי זיינען געווען פערבונדען מיט א טהעאטער האָבען קיין מאָל ניט דערלאָזען, אז זייערע א שטיק זאָל מען אויפפיהרען איידער דער אמת'ער סעזאָן האָט זיך אָנגע־הויבען, דאָס הייסט די פאָר וואָכען פאר סכות און אויך ניט די עטליכע וואכען נאָך פּסח. זיי האָבען געוואוסט, אז אין די דערמאָנ־טע צייטען קען קיין שטיק ניט אויסנעהמען און זיי האָבען פער־גונען זייטיגע שרייבער צו מאכען זיך א רעפּוטאַציע אלס פערפאַ־סערס פון מפיל־שטיקער. איצט האָבען שוין די גרעסערע אקטיאָרען געזעהן, אז פאר'ן סעזאָן און ביים סוף פון סעזאָן זאָל מען לכל הפחות שפּיעלען די בעסערע דראמע. אז מען קען קיין געלד ניט ערווארטען, זאָל מען כאָטש האָבען כבוד. און עס איז געוואָרען א מנהג אין טהעאטער, אז דער אָנהויב און אויסלאָז פון דעם סעזאָן זאָל זיין מיט די בעסערע פּיעסען.

דאָס איז געווען א מעלה און א חסרון פאר דער עהרען־פּיעסע.

אין אַן אָרימען צושטאַנד, איז איהר לאַגע דאָך געוואָרען אַזאַ, אַז זי האָט ניט געדאַרפט זיין אבהענגיג פון דעם טהעאַטער. מיט דער הילף פון איהר מאַן איז איהר געלונגען צו נעהמען אויף אַ וואָך צו צוויי אַ טהעאַטער און אויפפיהרען אַזעלכע פּיעסען, ווי זי אַליין האָט געוואָלט, ניט דאַרפענדיג זיך רעכענען מיט דעם גע־שמאַק פון דעם פּובּליקום און מיט דער קאַסע. אַזוי ווי גאָרדין איז געוועזען דער איינציגער שרייבער, וואָס האָט געקענט שאַפען אַ בע־סערע פּיעסע און וואָס האָט געקענט מאַכען די רעפּוטאַציע פון אַ שוישפּיעלער, האָט זי אָנגעהויבען אויפצופיהרען פון צייט צו צייט זיינע דראַמען. זי האָט ניט געקאָנט שטעלען קיין סך פּיעסען, נאָר דערפאַר האָט זי געהאַט די מעגליכקייט, אַ דאַנק איהר אויסעראָר־דענטליכער לאַגע, צו מאַכען די ווייניגע פּיעסען אַזוי פּאָפּולאַר, אַז זיי האָבען צו זיך געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ביסלעכ־ווייז, ביסלעכווייז האָט זי זיך איינגעשאַפט אַ קליינעם רעפּערטואַר און דער געווינס איז געווען אַ געגענזייטיגער. איהר נאָמען איז פערבונדען געוואָרען מיט דער גאָרדינישער דראַמע און פאַר גאָר־דינען האָט זיך אָנגעהויבען די סאַמע וויכטיגע עפּאָכע פון זיין שאַפען.

נאָר דערווייל האָט זיך די בעסערע דראַמע נאָך ניט איינגע־וואָרצעלט אויף דער ביהנע און צו שטעלען אַ גוטע פּיעסע, האָט געהייסען מקריב צו זיין די אינטערעסען פון דער קאַסע. קיין געלד האָט מען פון אַזאַ שטיק ניט ערוואַרט און אַזאַ פערגניגען האָט מען זיך ערלויבט אַמאָל אין אַ שמיטה. נאָר די בעסערע אַקטיאָרען זיינען שוין געקומען צום בעוואוסטזיין, אַז שפּיעלען קען מען נאָר אין אַ בעסערער דראַמע, בשעת אין די באַלאַגאַנסקע שטיקער בלייבט נאָר צו פּאַיאַצעווען. דער חוזק פון די אויטאָרען, וואָס האָבען צוגע־שטעלט די באַלאַגאַנסקע שטיקער, איז געוואַקסען, נאָר די שריי־בער פון די בעסערע פּיעסען האָבען נאָך דערווייל קיין תקומה ניט געפונען. גאָרדין איז פערשטופּט געוואָרען צום הינטערגרונד און מען האָט איהם זעלטען געזעהן אויף דער ביהנע און אַזוי ווי אין דער צייט האָט שוין ניו יאָרק פערמאָגט צוויי ראַדיקאַלע טעג־ליכע צייטונגען, איז ער אריינגעטראָטען אַלס שטענדיגער מיטאַר־

„מינא" און אין טהעאטער האָט מען איהם גערעכטפערטיגט. ער זאָל זיך ווענדען צו יעקב גאָרדין, וועלכער האָט זיין האנד צוגעלעגט צו דער פּיעסע און זי איז באלד אויפגעפיהרט געוואָרען אין ווינדזאָר טהעאטער פון יעקב אדלער'ן.

א כאראקטעריסטישער אינצידענט האָט פּאסירט ביי דער אויפפיהרונג פון „מינא". אויף די אַפּישען און אויף די פּראָגראמען איז אָנגעגעבען געוואָרען אלס פערפאסער דער נאָמען פון יעקב גאָרדין און קאברינ'ס נאָמען איז לחלוטין או סגעלאָזט געוואָרען. אויב יעקב גאָרדין האָט צו „מינא" צוגעלעגט א האנד, איז אבער זיין ארבייט דערביי ניט געוועזען אזא, וואָס זאָל איהם בערעכטיגען צו א פּרעטענזיע פון כלה שלי. ער האָט קאָברינ'ען אָנגעוויזען, וואָס צו פערבעסערן, וואָס צו פערפיינערען אין דעם שטיק און האָט אליין צוגעשריבען דעם פיערטען אקט. און דער פאקט, אז גאָרדין האָט זיך ניט אָבגעזאָגט צו אנטפּלעקען פאר אַן אָנפאנגער די סודות פון דראמענשרייבעריי און געהאָלפען איהם צו שטעלען זיין שטיק אויף דער ביהנע, ווייזט בשום אופן ניט, אז ער זאָל וועלען פערנעהמען א טהייל פון א פרעמדען פערפאסער. מען דארף דאריבער פערשטעהן, אז דאָס האָט דער טהעאטער ניט געוואָלט האָבען אויף דער אַפּישע און פּראָגראַם דעם נאָמען פון אַן אָנפאנגער. דער אקטיאָר האָט קיין צוטרוי ניט געהאט צו א נייעם שרייבער, הגם דער נאָמען קאָברין איז שוין געווען בעקאנט די לעזער פון דער בעסערער ליטעראטור אין אמעריקא, און אויף זיין אייגענער מבינות האָט ער ניט געקענט שטעלען.

און דאָס ווייזט די טרויעריגע לאגע פון דער אידישער ביהנע. ביז דער לעצטער רעוואָלוציע פון די אקטיאָרען זיינען געווען פּאַטענטירטע דראמענמאכער, וועלכע האָבען ניט געדארפט אָנפרעגען און אויסהערען די מבינות פון דער קאָמפּאַניע. זיי האָבען געשריבען ווי זיי האָבען פערשטאַנען און דער רעזולטאַט האָט געוויזען, צי די קאָמפּאַניע זאָל מיט זיי זיין צופריעדען צי ניט. נאָך דער רעוואָלוציע זיינען די אקטיאָרען געשטעלט געוואָרען אין אזא פּאָזיציע, אז זיי האָבען געהאט די גאנצע דעה איבער פּיעסען און נאָר אויף זייער מבינות זיינען זיי אָנגענומען אָדער פערבראַקירט גע־

די מעלה איז געווען וואָס דער שטערן האָט צו אזא שטיק ניט ארויסגעשטעלט קיין איבעריגע פאָדערונגען. סיי ווי סיי ערווארט מען ניט קיין גליקען פון אזא פיעסע און עס מאכט ניט זעהר אויס, אויב אפילו זי איז גאָר א טרוקענע. פערקעהרט, וואָס ליטעראַרישער אזא פיעסע איז געווען איז אַלץ בעסער געווען. נאָר פערשטעהט זיך, די ליטעראַרישקייט האָט בעדאַרפט זיין אזא, וואָס דער שטערן זאָל בעגרייפען. דאָס האָט געגעבען דעם בעסערן שרייבער די מעגליכקייט ארויסצולאָזען פון אויג די ספּעציעלע פאָדערונגען פון דעם אידישען טהעאַטער און שרייבען מעהר ווי איינער האָט געפיהלט און פערשטאַנען. נאָר פון דער צווייטער זייט זיינען אלע אזעלכע שטיקער שוין פון אָנהויב אָן פער'משפט געוואָרען צו א דורכפאַל און ביי די בעסערע שרייבער איז פערשטאַרקט געוואָרען די רעפּוטאַציע, אז פון זיי קען מען ניט ערווארטען קיין ברויט־פיעסען.

די חזקה אויף דעם אָנהויב און סוף בעזאָן האָט געהאַט יעקב גאָרדין און דאָס איז געווען אין גאַנצען, וואָס איהם איז געבליבען פון זיין פריהערדיגער טהעטיגקייט אויף דער ביהנע. נאָר איצט האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען פּנים חדשות אויפ'ן פעלד פון דער בעסערער דראַמע. מ. קאַץ, אַן אַנגעזעהענער ראַדיקאַלער רעדנער און זשורנאַליסט. האָט אדאַפּטירט א פיעסע פאַר אדלער'ן, נאָר זי איז גלייך דורכגעפאַלען. איך שלאָג זיך מיט דער דעה, צי זאָל איך דערמאָנען מיין אייגענעם דעביוט אַלס דראַמענשרייבער, וואָס איך האָב דעמאָלט געמאַכט, נאָר א זייטיגע אורזאַך בעוועגט מיך צו טהאָן, און די אורזאַך איז דער נאָמען פון מיין ערשטען שטיק. די פיעסע וואָס איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבען, האָט מען אין טהעאַטער א נאָמען געגעבען „דער ווילנער בעל הבית'ל". ביי מיר האָט זי געהאַט אַן אַנדער נאָמען, און אַזוי ווי מיט פיעל יאָהרען שפּעטער האָט מארק ארנשטיין אויך אָנגעשריבען א שטיק מיט'ן זעלביגען נאָמען, געפין איך פאַר נויטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז זיין פיעסע האָט מיט מיינער גאָר ניט געהאַט צו טהאָן, ווייל אין מיין פיעסע האָט גאָר ניט פיגורירט דער „ווילנער בעל־הבית'ל". לעאָן קאָברין האָט אָנגעשריבען זיין ערשטע דראַמע

וועג, וואָס זיין קאָלעגע לאַטיינער, נאָר אין דער זעלבינער צייט האָט זיך דער דירעקטאָר היינע אויף דערפיהלט ענג אין טהאליא טהעאטער, וואו ער איז געשטאַנען צוזאמען מיט הורוויטש, קעסלער און פיינמאן, און ער האָט בעשלאָסען איבערצונעהמען מיט הורוויטש׳ן דעם ווינדזאָר טהעאטער. אין יענעם יאָהר זיינען אדלער און עדעלשטיין ארויסגעטראָטען פון דעם דאָזיגען טהעאטער און האָבען איבערגענומען דעם גרויסען און שעהנעם פיפּלס טהעאטער, וועלכער איז ביז דעם יאָהר געווען אָבגעגעבען פאר ביליגע ענגלישע שטיקער. דאָס האָט פערלענגערט הורוויטשעס אָנהאלט ביים טהעאטער אין א צייט, ווען דאָרטען איז פאר איהם מעהר קיין פּלאַץ ניט געבליבען.

וואָס שאָקעלדיגער עס איז געוואָרען די פּאָזיציע פון די פריהערדיגע פּאַטענטירטע דראמענמאכער, אַלץ ברייטער האָט זיך געעפענט די טהיר פון דעם טהעאטער פאר נייע כחות. קאָברין איז אויפ׳ן צווייטען יאָהר נאָך „מינא“ ארויסגעטראָטען מיט זיין „איסט סייד גהעטא“ און זיין פּלאַץ ביים טהעאטער איז געוואָרען א געזיכערטער. יצחק זאָלאָטאָרעווסקי, אַן אונבעדייטענדער אַקטיאָר פון דער פּראָווינץ האָט זיך בעוויזען מיט זיין „אידישען מארטירער אָדער ישיבה בחור“, געשריבען נאָך דעם בעקאנטען מעלאָדראַמאַטישען שניט און דאָס שטיק האָט געבראַכט גרויס שפע אין טהעאטער ניט נאָר אין דעם סעזאָן, וואָס טהאָמאשעפסקי האָט עס אויפגעפיהרט אין ווינדזאָר טהעאטער, נאָר אויף דעם צווייטען סעזאָן אין פּיפּלס. מ. קאץ האָט דעמאָלט אדאפּטירט עטליכע פּיעסען און די בעסטע פון זיי איז געווען „דער אידישער דאָן קיכאָט“, און הערמאַלין האָט א קורצע צייט געליפערט היבש שטיקער פאר אַלע טהעאטערס, נאָר זיין מלוכה האָט געדויערט סך הכל א פּאָר סעזאָנען און ער איז פערשוואונדען אזוי אונבעמערקט, ווי ער האָט זיך בעוויזען אונבעמערקט. און באַלד האָט זיך אויך בעוויזען ז. ליבין, וועלכער האָט זיך שוין א נאָמען געמאכט אין די ראדיקאַלע קרייזען אלס סקיצענשרייבער פון אידישען לעבען אין אמעריקא.

ווארען. די מבינות וואס זיי האבען פערמאגט האט זיך באזירט אויף די פריהערדיגע מוסטערן פון דער ביהנע. דאס האט געמוזט פיהרען דערצו, אז די שטיקער זאלען האבען א געוויסע עהנליכקייט, ווייל קוים איז א נייע שטיק אבגעטראטען פון דעם אנגענומענעם מוסטער, האט מען שוין צו איהם קיין צוטרוי ניט געהאט. נאר אפילו שוין מיט א שטענדיגען מוסטער פאר די אויגען, האט זיי די מבינות ווייט ניט אוועקגעפיהרט, ווייל א ביהנע איז א לעבעדיגע זאך און דער געשמאק ביים עולם בייט זיך. און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז ביים טהעאטער זיינען געבליבען פירמען, אויף וועלכע דער אקטיאר האט זיך פערלאזט. ווען מען האט דעם אקטיאר געבראכט א נייע שטיק האט ער די ערשטע זאך א קוק געטהאן אויף דער פירמע. איז זי געווען א בעקאנטע, האט ער ארויסגעוויזען צוטרוי צו איהר. קוים אבער איז דער פערפאסער געווען אן אונבעקאנטער אויף דער ביהנע, האט ער זיך פון איהם אבגעקעהרט. און דאס איז די אורזאך, פאר וואס אזוי ווייניג גוטע שרייבער זיינען צוגעטראטען צו דער ביהנע.

די לאגע פון די פאטענטירטע שרייבער איז מיט יעדען יאהר געווארען אלץ ערגער און ערגער. זייער פירמע האט שוין אזוי גוט ווי געפלאצט. לאטיינער איז כמעט ארונטערגעשטופט געווארען פון דער ביהנע און הורוויטש האט געקעמפט מיט די לעצטע כחות. זיינע שטיקער זיינען געפאלען איינס נאכ'ן אנדערן, און אויב ער האט זיך ביז איצט געהאלטען מיט'ן זכות פון די פריהערדיגע ערפאלגען, איז ער איהם שוין מעהר ניט בייגעשטאנען. עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי הורוויטש האט פערלארען דעם דופק פון דעם טהעאטער געהער און קען איהם מעהר ניט אנטאפען. אין דער צייט האט ניט זעלטען פאסירט, אז א נייע שטיק וואס ער האט אויפגעפיהרט פרייטאג אבענד, זאל שוין שבת געהן צו דער קבורה. ביים טהעאטער האט מען ניט בעגריפען, אז דאס קומט פאר דער לאנגזאמער אקט פון אן איבערגאנגס־עפאכע און אין אזא צייט פאלען אלערליי שטיקער, סיי קלוגע, סיי נארישע, סיי בעסערע, סיי ערגערע. מען האט די שולד געווארפען אויף די צוויי אויטארען, און עס האט שוין געהאלטען, אז הורוויטש זאל געהן דעם זעלביגען

מאַנאַפּאָליע אויף אידישען טהעאטער אין דעם כּרך פון גאַלי־ציען. גימפּעל האָט געהאַט א גוטע שטים און אַלס יונגער בחור איז ער אריינגעטראָטען אין דעם כאָר פון דעם פּוילישען טהעאטער, וואו ער איז פערבליבען פיערציג יאָהר לאַנג. און פאַר דער דאָזיגער חשיבות האָט ער געקריגען די קאָנצעסיע פאַר לעמבערג. ער האָט זיין טהעאטער גערופען „זשידאָווסקי פּאָלסקי טהעאטער“ אין אנ־דענקונג מסתמא פון די פיערציג יאָהר וואָס ער האָט געדיענט אין דעם פּוילישען טהעאטער, נאָר די פּאָליאקען זיינען אויפגעבראכט געוואָרען דערפון און זייער פּראָטעסט האָט געווירקט, אַז גימפּעלס טהעאטער זאָל הייסען נאָר אידישער טהעאטער.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1888, און דער טהעאטער האָט באַלד צוגעצויגען וויכטיגע קרעפטען: ב. בערנשטיין, סובּרעטין ווילענסקי, טאבאטשניקאָוו, די וויינשטאָקס, פישקינד, זעליג שאָר, שליפערשטיין, פּתחיה גראַף, ח. שראמעק. פון זיי אַלעמען איז דע־מאָלט געווען דער וויכטיגסטער שפּיעלער טאבאטשניקאָוו, וועל־כער האָט גענומען לעמבערג מיט שטורם. אין א קורצע צייט ארום איז צוגעקומען די פּרימאַדאָנא טאָנצמאַן מיט איהר מאַן דעם קאָ־מיקער. די קאָמפּאַניע האָט געשפּיעלט דעם רעפּערטואַר פון רוס־לאַנד, וואָס איז זיי אַלעמען געווען בעקאַנט און מייסטענס גאָלד־פאַדענס שטיקער. אין א יאָהר צוויי ארום האָט גימפּעל אריינגע־נומען אין זיין טהעאטער די פּריילינס פּראַגער און בערטהא קאַ־ליש, ביידע געבאָרענע לעמבערגער.

בערטהא קאַליש איז געווען נאָך גאָר א יונגע מיידעל, ווען זי איז אריינגעטראָטען צו גימפּעל. איהר פּאָטער האָט געהאַט א בערשטעל פאַבריק און איהר מוטער האָט געהאַט א ווערקשטאַט, וואו מען האָט גענייהט פּרויען־קליידער. נאָר ביידע זיינען ניט גע־ווען די מענשען צו זאָרגען וועגען א תכלית. דער פּאָטער האָט ליעב געהאַט צו שפּיעלען פידעל און די מוטער האָט אָפט מיטגענומען די טאָכטער אין דער אָפּערע. בערטהא האָט ארויסגעוויזען א נייגונג צו נגינה נאָך גאָר פון די קינדערשע יאָהרען. איהר ערשטען איינ־דרוק פון אידישען טהעאטער האָט זי געהאַט. ווען די גראָדנערס האָבען גאַסטראָלירט אין לעמבערג פאַר זייער אַבּפאָהרען קיין

טהעאַטער אין גאַליציען און רומעניען.

אַלע קאָמפּאַניעס וואָס האָבען ארומגעוואַנדערט איבער רו־
מעניען האָבען זיך פון צייט צו צייט אַריינגעכאַפּט אין גאַליציען
און געגעבען דאָרטען פאָרשטעלונגען, און אין אָנהויב פון די אַכ־
ציגער יאָהרען האָבען זיך אין גאַליציען געגרינדעט בעזונדערע קאָמ־
פּאַניעס. דאָרטען האָט מען אָהן א קאָנצעסיע ניט געקענט שפּיע־
לען און פאַר פרעמדע איז געווען שווער, אויב ניט אונמעגליך צו
קריגען די נויטיגע ערלויבנים. א געוויסער וואָלגעשאַפען איז גע־
וועזען אַן אויסגעדיענטער סאָלדאַט און פאַר דעם דאָזיגען זכות האָט
ער געקריגען א קאָנצעסיע ארומצופאָהרען איבער די קלענערע
שטעדט מיט א טרופּע וואָס איז בעשטאַנען פון שמואל לוקאַטשער,
מייעראָוויטש, פרוי מייעראָוויטש, פריילין איינהאָרן, סעם אדלער
און נאָך אנדערע. ווידער האָט קלמן יאַוועליר געהאַט א קליינע
טרופּע און איז ארומגעפאָהרען איבער גאַליציען און רומעניען. ארום
1885 האָט טרייטלער געקריגען א קאָנצעסיע צו שפּיעלען אויף
דער פּראָווינץ און זיין טאָכטער, די איצטיגע פרוי לאָבעל, איז דע־
מאָלט אויפגעטראָטען צום ערשטען מאָל אין קאָלאָמעא אין
„עתליה“, אין דער ראָל פון דעם קינד יואש. דאָס זיינען אַלץ געוועז
נע ונד קאָמפּאַניעס און זיי זיינען לאַנג ניט געשטאַנען אויף איין
אָרט. דער ערשטער צו קריגען א קאָנצעסיע אויף א סטאַבילען
טהעאַטער אין לעמבערג איז געווען יעקב בער גימפּעל.

גימפּעל איז געווען א מאָלער פון שילדען, און אַלס אזעלכער
איז זיין זכות ניט געווען גרויס גענוג צו קריגען אזא וויכטיגע
קאָנצעסיע, וואָס האָט טהאַטזעכליך געהאַט די בעדייטונג פון א

א קאריער און זי וועט מיט דער צייט ביי איהם פערנעהמען א גרויסען פּלאַץ.

זי איז אָבגעווען אנדערטהאלבען יאָהר אין דעם פּוילישען טהעאטער און איז נאָכדעם אריבער צו גימפּעל.

זי איז דאָ אריין אין כאָר און מען האָט איהר אויך געגעבען קלענערע ראָלען. א שטארקען איינדרוק האט דאָ אויף איהר געמאכט די פּרימאַדאָנא טאַנצמאַן און זי האָט זיך צוגעקוקט צו איהר שפּיעלען און פערנומען איהר זינגען. אין דער צייט איז אין לעמבערג אנגעקומען פון אמעריקא מאנדעלקערן, וועמען מען האָט געשיקט נאָך א פּרימאַדאָנא. פרוי טאַנצמאַן האָט זיך ניט געלאָזט בעטען און איז באלד אוועקגעפאָהרען צוזאמען מיט מאנדעלקערן. גימפּעל איז געבליבען אָהן א פּרימאַדאָנא און בערטהא קאליש האָט איצט געהאט די זעלטענע געלעגענהייט אריינצוכאפּען זיך אין די פּרימאַדאָנישע שיך. גימפּעל האָט זיך געקווינקעלט, נאָר ער האָט געמוזט נאָכגעבען, און קאליש איז אויפגעטראטען אין „שולמית“, „שלמה המלך“ און „בר כוכבא“. אין דער צייט האָט מען אויך אויפגעפיהרט די אָפּערעטע „שמשון הגבור“, און די מוזיק דערצו האָט פערפאסט דער לעמבערגער חזן ברוך שאָר. נאָכ׳ן צווייטען אקט האָט דער עולם איהם ארויסגערופען, און קאליש, וועלכע האָט געשפּיעלט די ראָל פון דלילה, האָט איהם געדריקט די האנד אויף דער ביהנע. די לעמבערגער קהלה האָט איהם פאר דעם חטא אָבגעשיקט דעם כתב. אין גיכען איז אין לעמבערג אָנגעקומען אברהם גאָלדפאדען. דאָס איז שוין געווען נאָך זיין צוריקקעהרען זיך פון אמעריקא און גימפּעל האָט איהם גלייך אריינגענומען צו זיך און איבערגעגעבען איהם די לייטונג פון דעם טהעאטער. דאָ האָט מען צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט גאָלדפאדענ׳ס „רבי יאָזעלמאַן“, „ראָטהשילד“ און „דאָס צעהנטע געבאָט“. נאָר לענגער ווי א סעזאָן אָדער צוויי האָט זיך גאָלדפאדען דאָ ניט געהאלטען. ער האָט זיך צוקריגט מיט׳ן דירעקטאָר און איז ארויס פון דעם טהעאטער. גאָלדפאדען איז אין זיינע בעסטע צייטען קיין בעל תכלית ניט געווען און בפרט ווען ער האָט געדארפט נעהמען שכירות פון אן אָרימען דירעקטאָר. און ווען ער איז ארויס פון

רוסלאנד. זיי האבען דעמאלט געשפּיעלט די „כשופ׳מאכערין" און יאהרען און יאהרען נאכדעם האט זי ניט געקענט פערגעסען די גראדנערשע.

ווען זי איז אלט געווען א יאהר צעהן, האט זי זיך בעקאנט מיט דער פּוילישער פּרימאדאנא באבינסקא, וועלכע האט געוואוינט אנטקעגען איבער זייער דירה. זי פלעגט אפט אריבערקוקען פון פענסטער צו איהר, ווען יענע האט פּראקטיצירט און יענע האט איהר פון צייט צו צייט אריינגענומען צו זיך און בעקאנט געמאכט איהר מיט די סאמע עלעמענטארע כללים פון זינגען.

די תשוקה צום זינגען איז ביי איהר געווען גרעסער פון אלץ. א דירעקטאר פון דייטשען טהעאטער האט זיך מיט איהר פערינטערעסירט און געלערענט איהר קלאוויר, דעקלאמירען און אונטער זיין אויפזיכט איז זי צום ערשטען מאל אויפגעטראטען אין אן איינאקטער. די פארשטעלונג איז געווען אין א גרויסען האטעל, אבער זי האט דעמאלט ארויסגעוויזען מעהר נייגונג צום זינגען, און דער דירעקטאר האט איהר געראטהען אריינצוטרעטען אין דעם שטאדטישען קאנסערוואטאריום און א שכנה האט איהר דערין געהאלפען און מען האט איהר אריינגענומען אהן געלד. זי איז אין דעםקאנסערוואטאריום פערבליבען סך הכל א האלב יאהר און איז פון דארטען באלד אריין אין פּוילישען טהעאטער אלס כאריסטקע. אין דעם דאזיגען טהעאטער האט מען געשפּיעלט אפּערע, דראמע און אפּערעטע און עס האט לאנג ניט געדויערט און מען האט איהר אנגעהויבען אנצופערטרויען קליינינקע ראלכלאך און זי האט גלייך ארויסגערופען די קנאה פון די קריסטליכע כאריסטקעס.

אין דעם כאר האט זי דארטען געטראפען פריילין פּראגער און גימפּעל, און דער לעצטער האט דא איבער איהר גענומען רעדען, אז זי זאל געהן מיט איהם אין זיין טהעאטער. אלס איינער וואס האט פיערציג יאהר פערבראכט אין דעם כאר, האט ער איהר ערקלערט, אז זי וועט דא קיין האניג ניט לעקען. וואס מעהר זי וועט זיך אויסצייכענען אלץ מעהר נגישות וועט מען איהר אבטהאן און איהם וועט קיין וואונדער ניט זיין, אז מען וועט איהר דא פער׳סמ׳ען. לאפוקי אבער ביי איהם אין טהעאטער וועט זיך פאר איהר עפענען

מיט וועלכע זי האט געשפּיעלט ביי גימפּעל, זאָל זי זיך צו איהם צוהערען און האט געבראכען דעם קאָנטראקט מיט'ן נאַציאָנאל טהעאטער און איז אין א קורצע צייט ארום אנטלאָפען מיט איהם פון רומעניע צוזאַמען מיט איהר מאן לעאָפּאָלד שפּאַכנער.

עס איז איצט געוואָרען א שווערע אויפגאבע פאר א אידי־שען טהעאטער אין וועלכער עס איז מדינה צו שאפען און אָנצו־האלטען די נויטיגע קרעפטען. פון לעמבערג זיינען אוועקגעפאָהרען אלע אקטיאָרען, וואָס זיינען אהין געקומען פון רוסלאנד, און עס איז געוואָרען שווער צו קריגען אקטיאָרען פון ערגעץ אנדערסוואו. און אזוי גיך ווי די איינענע קרעפטען האבען אנגעהויבען ארויסצוא־ווייזען טאלאנט, האָבען זיך בעוויזען אמעריקאנער דירעקטאָרען און אויסגעכאפּט זיי. און דאָס איז געוואָרען א כלל פאר אלע טהע־אטערס אין גאליציען, רומעניען, ענגלאנד. די אמעריקאנער דירעק־טאָרען האָבען געהאט אן אויג אויף די שפּיעלער מעבר לים או, אזוי גיך ווי א סעזאָן האט זיך אין ניו יאָרק געענדיגט, האט זיך א דירעקטאָר אָדער א שליח אוועקגעלאָזט אין יענע מדינות, וואו אי־דישע אקטיאָרען האָבען געשפּיעלט און פערנומען וועמען זיי האָבען געדארפט.

ווען גימפּעל האט פערלאָרען אלע זיינע אקטיאָרען האט ער צוזאמענגעשטעלט א קאָמפּאניע פון לעמבערגער קרעפטען, צווי־שען וועלכע עס זיינען געווען קארל זילבער, י. גוטמאן, א. מעלצער. און שפּעטער זיינען צוגעקומען אנא בריה, ראָזא בריה, אידא בריה, פריילין זויער און פריילין יתום (די לעצטע צוויי כאָריסטקעס פון פּוילישען טהעאטער) בערטהא פישלער און אַנדערע.

אונטער דער צייט האָבען זיך די נע ונד טרופּען פערמעהרט אין גאליציען און זיי זיינען ארומגעפאָהרען איבער די קלענערע שטעדט, ווי אויך אריבערגעכאפּט זיך קיין רומעניען. א חוץ די טרופּען וואָס זיינען פריהער געווען דערמאָנט, האָבען ארומגעוואנ־דערט איין טרופּע אונטער דער דירעקציאָן פון טאַנענצאפּ, א צווייי־טע אונטער דער דירעקציאָן פון בערגמאן, א דריטע אונטער דער דירעקציאָן פון מרגליות. נאָר זיי אלע זיינען געווען ניט קיין וויכ־טיגע און זיי זיינען געווען אויף גרויסע צרות. די דירעקטאָרען

טהעאטער איז איהם טאקע פשוט אויסגעקומען צו הונגערען. אין דער צייט ווען ער פלעגט א הונגעריגער שפּאצירען איבער די איי־זיישע גאסען פון לעמבערג און ער האָט דערהערט פון העל־בעלויכ־טענע הייזער, ווי מען איז זיך משמח און מען זינגט די ליעדער פון זיינע אָפּערעטען, האָט ער מיט יאוש געפרעגט: ווייסען זיי דאָר־טען, אז ניט ווייט פון זיי שלעפּט זיך ארום דער פערפאסער און ווייסט ניט מיט וואָס זיין הונגער צו שטילען.

ער איז באלד אוועק קיין בוקארעסט, און איז אריין אַלס די־רעקטאָר אין דעם טהעאטער זשיגניצע, וואו ער האָט געטראָפען די סעגאַלעסקאָ־צוקערמאן קאָמפּאניע. צוקערמאן איז, ווי אין די פריי־הערדיגע יאָהרען, דאָ געווען דער בעליעבטעסטער קאָמיקער און סעגאַלעסקאָ האָט צו יענער צייט פערנומען דעם אויבען אָן אויף דער ביהנע. גאָלדפאַדען האָט באלד אריבערגעבראכט קאליש און שראמעק און אויפגעפיהרט „דאָס צעהנטע געבאָט“. קאליש האָט דאָ אזוי שטארק אויסגענומען ביי די טהעאטער בעזוכער, אז איהר שם האָט דערגרייכט צום אימפּרעסאריא פון דעם רומענישען נאַ־ציאָנאל טהעאטער און ווען זי האָט דעם דריטען סעזאָן געשפּיעלט ביי גאָלדפאַדען, האָט ער איהר אנגאַזשירט פאר דעם טהעאטער. זי האָט באלד איינגעשטודירט א רומענישע אָפּערעטע „די ווייסע דאַמע“ און איז געוואָרען א קייזערליכע זינגערין. א רומענישער טענאר האָט איהר געווארענט, אז זי זאָל ניט טרינקען קיין וואַסער אין טהעאטער און ניט שמעקען די בלומען, וואָס מען וועט איהר שענקען, ווייל די קנאה פון די אנדערע זינגערינס איז געוועזן זעהר גרויס צו איהר און מען האָט געדארפט מורא האָבען, אז מען זאָל איהר ניט זוכען צו פער׳סמ׳ען. דער דאָזיגער אומשטאַנד האָט פיעל געווירקט, אז ווען באלד איז אין בוקארעסט אָנגעקומען עדעל־שטיין פון דעם טהאליא טהעאטער אין ניו יאָרק און האָט איהר אָנגעבאָטען צו נעהמען איהר קיין אמעריקא, און זי וועט קריגען אזעלכע שכירות, וואָס האָט זיך א רומענישער פּרימאַדאָנא אפילו ניט גע׳חלומ׳ט און זי וועט שפּיעלען אין אזא טהעאטער, אנטקעגען וועלכען דער קייזערליכער רומענישער טהעאטער זעהט אויס ווי א באַלאַגאַן און זי וועט דאָרטען טרעפען אלע בעקאנטע אקטיאָרען,

אויף דער ביהנע וועניג געבליבען און ער איז געוואָרען א חזן אין א גויארקער שוהל. נאָך צוקערמאן איז דער קאָמיקער פערקויף געווען פעררעכענט צווישען די בעסטע אין רומעניען. טרייטלער האָט זיך אויסגעצייכענט אין ראָלען פון מלכים און אין באטושאן האָט מען זילבערט'ן ממש אויף די הענד געטראָגען.

ווען בערטהא קאליש איז אוועק פון זשיגניצא האָט גאָלדפאַדען בעצויגען פריילין טרייטלער (איצטיגע לאָבעל) און איהר פאָטער און זיי זיינען אריין אין זיין קאָמפאניע. נאָר בוקארעסט מיט די אָרימע טהעאטער בעזוכער איז ניט שטארק געפעלען געווען גאָלדפאדען און אין 1896 איז ער פון דאָרטען אוועקגעפאָהרען קיין פאריז.

סיי אין גאליציען און סיי אין רומעניען האָט מען געשפיעלט די אלטע שטיקער פון גאָלדפאדען, הורוויטש, לאטיינער און שייקעוויטש, מעהר פון אלע גאָלדפאדענס רעפערטואר. און פון צייט צו צייט האָט מען אימפּאָרטירט א שטיק פון דעם נייעם רעפּערטואר אין אמעריקא. ווען גאָלדפאדען איז אריין צו גימפעל אין לעמבערג און נאָכדעם אין זשיגניצא אין בוקארעסט, האָט ער זיך ניט בענוגענט מיט זיינע אלטע שטיקער און האָט דאָרטען געשאפען „משיח'ס צייטען", „רבי יאָזעלמאן" („מליץ יושר"), „ראָטהשילד", „דאָס צעהנטע געבאָט", („לא תחמוד") „עקדת יצחק", נאָר קיין אנדערע דראמענשרייבער זיינען דאָרטען ניט געווען. אמאָל אין א שמיטה האָט זיך עמיצער ארויסגעכאפּט מיט א נייע שטיק, נאָר קיין נויטיגקייט איז דערין ניט געווען. און ערשט צום סוף פון די נײַנציגער יאָהרען האָט מען אויפגעפיהרט משה ריכטער'ס ערשטע שטיק „חרם דרבנו גרשם", און ער האָט נאָכדעם געליפערט מעהרערע שטיקער פאר דער ביהנע אין גאליציען און רומעניען און האָט אליין בעקומען א קאָנצעסיע ארומצופאָהרען מיט א קאָמפּאניע איבער דער פּראָווינץ.

צום סאמע סוף פון די נײַנציגער יאָהרען האָט זיך געעפענט א שמאלץ־גרוב פאר די טהעאטערס אין גאליציען און רומעניען. פון אמעריקא האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין לעמבערג דער סופלער

האָבען אָנגעכאַפּט, אָנגעבאַרגט וואו זיי האָבען געקענט און ניט בעצאָהלט און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אז ווען א אידי־שע טרופּע איז געקומען אין אזא שטאָדט, האָט מען אויף זיי גע־קוקט ווי אויף שווינדלער. אין די רעסטאָראַנען האָט מען קיין זאַך צום טיש ניט דערלאַנגט, איידער די אַקטיאָרען האָבען בעצאָהלט און אין די אַכסניות האָט מען זיי געהיט ווי דאָס ווייסעל פון אויג.

אין רומעניען איז דער איינציגער סטאַבילער טהעאַטער געווען זשיגניצא, אין בוקארעסט, און ווי שוין געזאָגט, האָט דאָרטען גע־שפּיעלט די סעגאַלעסקאַ־צוקערמאַן קאָמפּאַניע. א לענגערע צייט האָט מען אידישע שטיקער געשפּיעלט אין דעם נאַציאָנאַל טהעאַ־טער אין באָטושאַן, און די שפּיעלער זיינען געווען די וואַנדערענדע טרופּען, נאָר שפּעטער האָבען איהם די קריסטען איבערגענומען. געוואוינליך האָבען די וואַנדערענדע טרופּען געשפּיעלט אין די עטליכע גרעסערע רומעניער שטעדט, ווי יאַסי, באָטושאַן, פאַלטע־שאַן, ראָמאַן, פּיאַטראַ, פאַקשאַן, גאַלאַץ, בראַהילאַ און קראַיעוואַ, נאָר אין דער צייט פון ירידים זיינען זיי אויך געפאָהרען איבער די קלענערע שטעדט. און אין רומעניען ווי אין גאַליציען האָבען זיך די נע ונד קאָמפּאַניעס געמאַטערט און ווען זיי האָבען אבגע־שפּיעלט אין א שטאָדט האָבען זיי דאָס רוב ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען זייערע חובות. נאָר אין יעדער שטאָדט האָט יעדע קאָמפּאַניע געהאַט צווישען די בעלי מלאכה איהרע אָנהענגער, וועל־כע האָבען זיי אויסגעהאָלפען ווי ווייט זיי האָבען געקענט.

לייזער צוקערמאַן האָט דעמאָלט נאָך אלץ פערנומען דעם אוי־בען־אָן אויף דער ביהנע, נאָר דאָרטען ווי אין אמעריקא האָבען די קאָמיקער אין די נײַנציגער יאָהרען געמוזט אברוקען זיך צום הינ־טערגרונד און מאַכען פּלאַץ פאַר דראַמאַטישע שוישפּיעלער, און דעם אויבען אָן האָט פערנומען סעגאַלעסקאַ. אבער דער לעצטער האָט זיין ראָל ניט אויסגעהאַלטען און צום סוף נײַנציגער יאָהרען האָט ער זיך אין גאַנצען ארונטערגערוקט און גענומען זיך צו חזנות. קאַרל שראַמעק איז געווען דער בעריהמטסטער אבישלום (אין שולמית) נאָר ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא איז פון זיין בעריהמטקייט

געפאהרען קיין פאריז, וואו עס האט זיך אנגעהויבען די גרויסע אויסשטעלונג (1889) און פון דארטען איז טאבאטשניקאוו און נאכדעם בערנשטיין אוועקגעפאהרען קיין לעמבערג.

אין דער צייט איז גאלדפאדען געקומען פון אמעריקא קיין לאנדאן, און ער איז אריין אין פרינסעס קלוב. אדלער צוזאמען מיט ראזענטהאל, רודאלף מארקס, קאצמאן און פריילין וואקס־מאן האט גענומען דעם וויינקארט האל, נאר ער האט דא לאנג ניט געשפיעלט, ווייל באלד איז אנגעקומען היינע און האט איהם פער־גומען קיין ניו יארק.

גאלדפאדען איז אויך לאנג ניט געשטאנען אין פרינסעס טהע־אטער, ווייל די פאליציי האט באלד ארעסטירט דעם דירעקטאר סמיטה און דעם טהעאטער צוגעמאכט. דאס איז געשעהן דערפאר, ווייל א קלוב האט ניט געטארט זיין קיין טהעאטער. עס איז אפשר כדאי צו בעמערקען, אז סעמועל מאנטעגיו, וועלכער איז נאכדעם דערהויבען געווארען צום טיטעל לארד סוויטלינג איז געוועזן פרע־זידענט פון דעם פרינסעס קלוב.

עס איז גרינג צו בעמערקען, אז ביז איצט האט לאנדאן קאנקורירט מיט ניו־יארק אין אלע הינזיכטען, א חוץ אין די געביידען, וואס מען רופט טהעאטער. לאנדאן האט צייט טהעאטער איז פערבאטען געווארען אין רוסלאנד, געהאט די בעסטע אידישע אקטיארען און אקטריסעס. לאנדאן איז געוועזן דער ערשטער פונקט צו וועלכען עס האבען זיך געצויגען סיי איינצעלנע שפיעלער און סיי גאנצע טרופען, נאר מעהר פון אלץ האט זיך די שטרעבונג צו זיין זעלבסטשטענדיג ארויסגעוויזען אין דעם. וואס לאנדאן האט פערמאגט א קליינעם רעפערטואר אייגענע פיעסען. פון 1887 איז כמעט ניט אריבער דאס יאהר, אז נחום ראקאוו זאל ניט ליפערן א נייע שטיק. דארטען האט אויך רודאלף מארקס איבערזעצט אדער אדאפטירט עטליכע שטיקער און דארטען האט אויך געשריבען פאר דער ביהנע דזשייקאב דזשייקאבס.

נאר די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אידישער ביהנע אין לאנדאן האט אנגעהאלטען ניט ווייטער ווי ביז'ן אנ־הויב פון די נייגציגער יאהרען. מיט'ן טוידט פון די גראדנערס און

צוויבעל און ער האָט געבראַכט דעם גאַנצען רעפּערטואר פון די אידישע טהעאטערס אין אמעריקא.

ארום דער זעלביגער צייט האָבען היינע און הורוויטש איבער־גענומען אין ניו יאָרק דעם ווינדזאָר טהעאטער און הורוויטש איז אוועקגעפאָהרען קיין רומעניען און האָט געבראַכט פאר זיין טהע־אַטער כמעט א גאַנצע קאָמפּאַניע, וואָס איז בעשטאַנען פון יאַווע־ליר, גראַף, זילבערט, כעם ראָזענשטיין, שרגא און אנדערע. אדלער האָט אין דער צייט אראָבגעבראַכט דעם קאָמיקער לייזער צוקער־מאַן און פון די מעהר בעקאַנטע אַקטיאָרען איז דאָרטען קיינער ניט געבליבען און דאָס איז געווען א טוידט קלאַפּ פאר דעם אידישען טהעאטער אין רומעניען.

נאָך דער מהומה איז פּרינסעס קלוב אין לאָנדאָן איז דער אי־דישער טהעאטער דאָרטען ניט אונטערגעגאַנגען. די אַקטיאָרען זיי־נען א קורצע צייט געבליבען ווי אבהענדיג און ווער עס האָט געקענט איז אנטלאָפען, נאָר גראָדנער האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט און ער האָט אריבערגעבראַכט דעם קאָמיקער גאַדאָלסקי און זיין פרוי און מיט נאָך עטליכע קרעפטען האָט ער צוריק געעפענט דעם פּרינ־סעס קלוב. ער האָט אבער קיין נחת פון טהעאטער ניט דערלעבט צו זעהן. אין א קורצע צייט ארום איז גראָדנער געשטאָרבען אין לאָנדאָן (1887).

דעמאָלט האָט זיך אדלער צוריקגעקעהרט פון שיקאַגא און ער צוזאַמען מיט פרוי גראָדנער זיינען אוועקגעפאָהרען קיין וואַרשא, וואו זיי האָבען געשפּיעלט א קורצע צייט און פון וואַנען זיי זיי־נען צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן איז איצט געוואָרען פרעהליכער. צוזאַמען מיט אדלער איז געקומען טאַבאַטשניקאָוו און בערנשטיין. פון וואַרשא איז אויך אָנגעקומען ראָטשטיין מיט א קוואַרטעט און פון אמערי־קא איז געקומען קארפּ. אדלער האָט אויפגעפיהרט „אחשורש" און עני העלד האָט געשפּיעלט די ראָל פון אסתר המלכה. אין דעם זעלביגען יאָהר, 1888, איז געשטאָרבען פרוי גראָדנער.

טאַבאַטשינקאָוו און בערנשטיין זיינען לאַנג אין לאָנ־דאָן ניט געבליבען. צוזאַמען מיט עני העלד זיינען זיי

קורענטעו אין לאנדאן ניט געהאט. פון צייט צו צייט פלעגען קו־מען קלענערע אקטיארען פון אמעריקא נאר זיי האבען קיין אויג אויף לאנדאן ניט געהאט, און ערשט אין דעם סאמע אנהויב פון היינטיגען יאהרהונדערט איז אנגעקומען טרייטלער מיט זיין קאמ־פאניע, צווישען די מיטגליעדער פון וועלכע עס זיינען געווען פרוי לאבעל, שערמאן, אקסעלראד און אנדערע. די קאמפאניע איז אנגע־קומען פאר פסח און האט געגומען אויף יום טוב דעם פאוויל און טהעאטער. אבער דער טהעאטער איז געווען צו גרויס און מען האט צו דער אונטערנעהמונג צוגעלעגט געלד. נאר דאס האט ניט אב־געהאלטען א געוויסען מארים כהן צו אנגאזשירען די טרופע און נעהמען א קליינעם טהעאטער אין א בעסערער געגענד און צו מא־כען א פערזוך צו שפיעלען יעדע נאכט. דער דאזיגער טהעאטער האט געהייסען מאנאר טהעאטער און צו דער ערשטער פארשטעלונג זיינען געקומען זאנגוויל און באנקיר זעליגמאן. די הוצאה אין דעם מאנאר טהעאטער איז געווען א קליינע און אין אנהויב האט אויסגעוויזען, אז די טרופע וועט זיך האלטען. נאר באלד האבען די אקטיארען אנגעהויבען אריינצוטרייבען אין א גרויסע הוצאה און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז דער דירעקטאר האט ניט אויסגעהאלטען און דער טהעאטער האט זיך פערמאכט. א טהייל פון דער טרופע איז איבערגעגאנגען צו וואקסמאן און טרייטלער מיט די איבריגע האבען זיך אוועקגעלאזט קיין קאנאדא. פרוי לא־בעל איז אין גיכען אנגעקומען פון דארטען קיין ניו יארק און איז אריינגעטראטען אלס דראמאטישע שוישפיעלערין אין פיפלס טהעאטער.

במעט אלע אקטיארען וואס זיינען געשטאנען מיט קאמפאניעס אין לאנדאן האבען זיך פון צייט צו צייט אריבערגעכאפט אין פא־ריז און געגעבען דארטען אידישע פארשטעלונגען, נאר לאנג זיינען זיי דארטען ניט געשטאנען.

ארום דעם אנהויב פון היינטיגען יאהרהונדערט האט כמעט יעדער אידישער שוישפיעלער, וואס האט זיך ערווארבען עפעס א נאמען אנגעשפארט אין ניו יארק און די האפנונג פון די אנדערע אידישע אקטיארען אין די פערשיידענע מדינות איז געווען צו שפיע־

אדלערס אריבערקלייבען זיך קיין אמעריקא, איז די אידישע ביהנע אין לאנדאן באלד ארונטערגעזונקען צו גאר א נידריגער מדרגה. א פאר יאהר האט זיך נאך אין וויינקארט האל געהאלטען א קאמ־פאניע, צווישען די מיטגליעדער פון וועלכע עס זיינען געווען מאקס ראזענטהאל, און דער קאמיקער קאצמאן, נאר זיי זיינען אויך פער־שלעפט געווארען פון דעם מעכטיגען שטראם, וואס האט זיך גע־צויגען קיין אמעריקא, און די ביהנע אין לאנדאן איז איבערגעגאנ־גען אין די הענד פון אמאטארען.

א געוויסער גאלדשמיד, וועלכער האט זיך געקענט איבער־נעהמען דערמיט, וואס ער האט געשפיעלט ביי גאלדפאדען, האט צוזאמענגענומען א קאמפאניע פון שניידער, שוסטער און אנדערע בעלי מלאכה און האט מיט זיי געשפיעלט אין פעלהעם סטריט קלוב גאלדפאדענס ערשטע אפערעטען. דער דאזיגער קלוב האט אונטען געהאט א שענק און באלד איז גאלדשמיד געווארען אונ־טען דער שענקער און דער קלוב אויבען איז אויפגעגעבען געווארען. אין דער צייט האט נחום ראקאוו אפט צוזאמענגעשטעלט א טרופע פון אמאטארען, געדונגען ערגעץ א האל און געשפיעלט מיט זיי. ארום דער צייט איז אויך טהעטיג געווארען מארים וואקסמאן, וועלכער האט אנגעהויבען צו שפיעלען אונטער דער לייטונג פון גאלדשמיט, און אזוי ווי קיין ריכטיגע אקטיארען זיינען שוין מעהר אין לאנדאן ניט געבליבען, איז ער דארטען אין 1897 ארויסגע־טראטען אלס שטערן און דירעקטאר. די הויפט מיטגליעדער פון זיין טרופע זיינען געווען זיין שוועסטער פעני וואקסמאן און דזשעני קייזער, וועלכע האט אמאל געשפיעלט מיט אדלער. קיין שטענדי־גען טהעאטער האט ער ניט געהאט און ער פלעגט דינגען אין לאנ־דאן א האל אויף שבת אדער אויף יום טוב און ארומפאהרען איבער דער פראווינץ. נאר אין דער צייט פון דער דרייפוס געשיכטע האט דאס שטיק „קאפיטאן דרייפוס“ געהאט א גרויסען ערפאלג אין לאנדאן, און דער רעזולטאט דערפון איז געווען, וואס וואקסמאן האט געקריגען א שעהנעם האל, דעם סטענדארד טהעאטער און ער האט דארטען עטליכע יאהר געשפיעלט א פאר מאל א וואך.

דורך דער דאזיגער גאנצער צייט האט וואקסמאן קיין קאנ־

אַכטער קאַפּיטעל.

די גאָלדענע עפּאָכע.

זינט די רעוואָלוציע פון די אקטיאָרען האָט זיך אָנגעהויבען, **איז** שוין מעהר ניט געווען אזא טהעאטער וואָס זאָל זיך אין גאנ־צען אָבגעבען מ׳ט א געוויסען מין שטיקער. אויף דער זעלביגער ביהנע אין דעם זעלביגען טהעאטער האָבען די זעלביגע אַקטיאָרען היינט געשפּיעלט א ווילדע שונד שטיק און מאָרגען א קלאַסישע ווערק. אזוי ווי פריהער איז ניט געווען קיין שייכות צווישען איין אקט און צווייטען, צווישען איין זאץ און צווייטען, צווישען איין פּערזאָן און צווייטער אין איין שטיק, אזוי איז נאָכדעם ניט געווען קיין שייכות צווישען איין פּיעסע און דער צווייטער. קיין טהעאטער האָט ניט געהאט קיין אויסגעהאלטענעם פּראָגראַם, קיין אויסגעהאַלטענע טאַקטיק און קיין בעשטימטען כאַראַקטער. וואָס מעהר די גרעסערע אקטיאָרען האָבען געוואונען די דעה און די מאַכט אין טהעאטער, אַלץ ווענינער בעשטימט איז געוואָרען זיין פּנים.

ווען היינע און הורוויטש האָבען איבערגענומען ווינדזאָר טהעאטער, האָבען זיך בולט׳ער גענומען ארויסווייזען די ריכטונגען פון יעדען טהעאטער בעזונדער. אין ווינדזאָר איז הורוויטש געוואָ־רען פּיעל תקיפ׳ער ווי ער איז ווען געווען, און דאָ האָט מען גע־שפּיעלט דעם זעלביגען סאָרט שטיקער, מיט וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען. דאָ האָט מען ווייטער געשפּיעלט די היסטאָרישע אָפּערעטע אזוי ווי אין די פריהערדיגע צייטען, ווי עס וואָלט קיין שום ענדערונג ניט פּאָרגעקומען ניט אין דעם געשמאַק פון דעם פּובליקום און ניט אין דעם געשמאַק פון די אקטיאָרען. איבריגענס,

לען אמאל אין אידישען טהעאטער אין ניו יארק. עס האט אויס־געזעהן, אזוי ווי אמעריקא האט איינגעשלונגען די גאנצע אידישע טהעאטער קונסט. ניו יארק האט פערמאגט די בעסטע קינסט־לער, וואס די אנדערע אידישע טהעאטערס פון דער גאנצער וועלט האבען ארויסגעגעבען, ניו יארק האט פערמאגט די גרעסטע און שעהנסטע אידישע טהעאטערס, און ענדליך האט נויארק פערמאגט אלע שרייבער, וועלכע האבען געקענט שאפען פאר דער אידישער ביהנע. און מיט ברעקלאך וואס זיינען פון איהר אבגעפאלען האבען זיך גענעהרט אלע אנדערע אידישע טהעאטערס אין די פערשיידענע מדינות.

אמעריקא, און ער מעהר ווי אלע אנדערע אקטיארען האט זיך גיכער דורכגעדרונגען מיט דער אזוי גערופענער אמעריקאנער עקס־טראוואגאנצא. די עקסטראוואגאנצא איז א ריינער אמעריקאנער פראדוקט און דער אמעריקאנער עולם לעקט דערפון די פינגער. די גאנצע אונטערהאלטונג בעשטעהט פון א זונג, א שפרונג, א וויץ, המצאה, שעהנע האלב נאקעטע מיידלאך און שעהנע עפעק־טען. דער אייראפעאישער קאפע שאנטאן איז א קבצנישע זאך און דערצו וואולגאר, בשעת די אמעריקאנער עקסטראוואגאנצא צייכענט זיך אויס מיט א רייכקייט און לוקסוס און ערלויבט ניט קיין גראב־קייט. די אמעריקאנער יוגענד און אמעריקאנער עלטערע מענשען שלאגען פשוט אב די שוועלען פון א טהעאטער, וואו מען גיט אזא אונטערהאלטונג. און ווייל טהאמאשעפסקי איז געווען אינגער פון אלע אנדערע אקטיארען ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, האט די עקסטראוואגאנצא געמאכט אויף איהם א שטארקערן איינדרוק, ווי אייף די אנדערע און אין דעם טהעאטער וואו ער האט גע־שפיעלט האט ער תמיד געזוכט אריינצוברענגען דעם דאזיגען גייסט. דאס הייסט ניט, אז זיינע שטיקער זיינען געווען אויסגע־גאסען אין דעם פורעם פון דער עקסטראוואגאנצא, פאר דער אידי־שער ביהנע איז זי צו לייכט, צו פריוואל, צו בדחניש, נאר טהא־מאשעפסקי האט אונבעוואוסטזיניג שטענדיג געשטרעבט צו געבען זיינע שטיקער לכל הפחות א צופארבונג פון דעם דאזיגען סארט אונטערהאלטונג. אין טהאמאשעפסקי'ס מעהר ווי אין ועלכען אנ־דער טהעאטער איז אבגעשאפט געווארען די מחיצה צווישען דער ביהנע און דעם פובליקום און די בעזוכער זיינען קאמעראדשאפט־ליך איינגעלאדען געווארען צו בעטהייליגען זיך אין א פזמון און זינגען אלע צוזאמען. אין טהאמאשעפסקי'ס מעהר ווי אין וועלכען אנדער טהעאטער האט מען געפאכט מיט דער אמעריקאנער פאהן, און ווען דער נאציאנאליזם האט זיך אנגעהויבען צו פערשפרייטען צווישען די אידען אין אמעריקא איז אויך צוגעקומען די בלויע ציו־ניסטישע פאהן. טהאמאשעפסקי'ן האט מעהר ווי די אנדערע גע־צויגען צו דער מוזיקאלישער קאמעדיע, וואס איז די גאנגבארסטע

דער דאָזיגער טהעאַטער האָט זיך בעוואָרענט מיט אימפּאָרטירטע אַקטיאָרען, וועלכע זיינען געווען אין גאַנצען אונבעריהרט פון דעם נייען גייסט פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקא.

דער הויפּט דירעקטאָר און דעה זאָגער אין פּיפּעלס טהעאַ־טער איז געוואָרען יעקב אדלער. ווען ער איז מיט עטליכע יאָהר צו־ריק געווען דירעקטאָר פון דעם רומעניא אָפּערא הויז, איז זיין טהעאַטער געוואָרען די היים פון דער בעסערער דראַמע. אין זיין טהעאַטער איז גאָרדין אָנגעשטעלט געוואָרען פאַר דעם גאַנצען סע־זאָן און דורך דער בעסערער דראַמע איז אדלער געוואָרען דער איינ־ציגער אנערקענטער אקטיאָר ביי דער אידישער א נטעליגענץ אין אמעריקא. אבער אין פּיפּלס טהעאַטער האָט ער שוין מעהר די אנ־ערקענונג ניט געדאַרפט, זיין רעפּוטאַציע איז שוין געווען א פאַר־טיגע און ער האָט זיך בענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָבגע־טרייסעלט פון די שונד־שטיקער און האָט רוה ג געלאָזט זיין איינ־גערן שותף באָרים טהאָמאשעפסקי געווינען לאָרבער קראַנצען אויף דעם דאָזיגען פעלד. איידער זיי האָבען זיך אריבערגעצויגען אין פּיפּלס טהעאַטער, ווען זיי זיינען צוזאַמען געשטאַנען אין ווינדזאָר האָט נאָך אדלער אָפט געמוזט נעהמען א ראָל אין א נאַרעשען שטיק און מאכען זיך נאַרעש גלייך מיט די אנדערע. דאָס האָט געפּאָ־דערט דאָס געשעפט און צוליעב געשעפט האָט מען געדאַרפט פער־בויגען דעם כבוד. נאָר אין פּיפּעלס האָט טהאָמאַשעפסקי געגאַרט צו ווייזען, אז ער קען זיין שטעדטיל אליין בעשטעהן, און קען אויף זיינע אייגענע פּלייצעס טראָגען די שטיקער וואָס ער פיהרט אויף. און אזוי ווי ער האָט אויפגעפיהרט די געזאַנג און טאַנץ־שטיקער האָט ער געשפּיעלט גוטע דריי פיערטעל סעזאָן, און אדלער פלעגט זיך ווייזען פון צייט צו צייט מ ט א בעסערער פּיעסע. אויף אזא אופן האָט פּיפּלס טהעאַטער אָנגענומען די געשטאַלט, וואָס טהאָ־מאשעפסקי האָט מאָדעלירט. און הגם פון אויבען אויף האָט געקענט אויסווייזען, אז פּיפּלס און ווינדזאָר האָבען דעם זעלביגען פּנים, האָט זיך אבער דער אונטערשייד צווישען זיי ארויסגעוויזען, ווען מען האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו זיי. טהאָמאשעפסקי איז געווען אַ יונגער בחור'ל, כמעט נאָך א אינגעל ווען ער איז געקומען קיין

מען זעהן דערפון, וואָס ביים נעהמען דעם פּיפּלס טהעאטער איז אדלער געווען דער הויפּט דירעקטאָר און טהאָמאשעפסקי איז נאָר געווען א שותף אויפ'ן פּאַפּיר, און אין עטליכע יאָהר ארום, האָט אדלער געמוזט פערלאָזען דעם דאָזיגען טהעאטער און טהאָמאשעפסקי איז געוואָרען דער הויפּט בעל הבית.

אין טהאַליא טהעאטער איז קעסלער געוואָרען דער וויכטיגסטער דירעקטאָר און ער האָט געקריגען די הויפּט דעה. א דאנק זיין שפּילען אין די בעסערע פּיעסען האָט ער זיך א רוק געטהאָן צום איבעגאַן, נאָר אין דער זעלביגער צייט איז ער געווען פרעמד דעם אינטעליגענטען אידישען פּובליקום. די קלאַסישע דראמען ווי אויך זודערמאנ'ס מאָדערנע פּיעסען, וואָס ער האָט אויפגעפיהרט האָבען דעם אינטעליגענטען אידישען בעזוכער ניט פעראינטערעסירט און די מאָנאָפּאָליע אויף די בעסערע אידישע שטיקער האָט ביז דעמאָלט געהאט אדלער. קעסלער איז דאריבער געשטאַנען אין א פאלשער פּאָזיציע, פון איין זייט האָט ער זיך לוסטיג געמאכט איבער דעם נארעשען פּובליקום, וואָס האָט די פינגער געלעקט פון די באַלאַגאַנסקע שטיקער און פון דער צווייטער זייט איז ער געווען פרעמד דעם בעסערען פּובליקום.

גראָד דעמאָלט האָט קעני ליפּצין אנגעהויבען ארויסצוטרעטען אונאבהענגיג פּאר'ן ניו יאָרקער פּובליקום מיט בעסערע פּיעסען. אזוי ווי זי האָט קיין טהעאטער ניט געהאט, פלעגט זי דינגען אזא, ווען דערצו האָט זיך געמאכט א געלעגענהייט, און די געלעגענהייט האָט זיך געוואוינליך געמאכט אין יענע וואָכען, ווען די געשעפטען אין טהעאטער זיינען גאַנץ שוואך. אזוי ווי שטיקער זיינען דעמאָלט געפאלען איינם נאָכ'ן אנדערן אין אלע טהעאטערס, האָט ליפּצין געקענט אויסקלייבען וועלכען טהעאטער זי האָט געוואָלט, נאָר א חוץ די ערשטע צוויי דראמען האָט זי אלע איהרע בעסערע פּיעסען אויפגעפיהרט אין טהאַליא טהעאטער. דאָ האָט זי אויפגעפיהרט „מירעלע אפרת“, די „שחיטה“, די „שבועה“ און הגם די הויפּט ראָל אין די דאָזיגע פּיעסען איז פאר א פרוי, איז דער אינטעליגענטער עולם אנגענעהם איבערראשט געוואָרען צו זעהן קעסלער'ן אין די פערשיידענע כאראקטערע פון די דערמאָנטע פּיע־

סחורה אויף דער אמעריקאנער ביהנע און וואָס איז א האַלבע אָפּגע־רעטע און א האַלבע עקסטראַוואַגאַנצא.

עס וואָלט געווען פאַלש צו זאָגען, אז טהאָמאשעפסקי האָט דעם דאָזיגען גייסט ארויפגעבראַכט אויף דער אידישער ביהנע. שוין ווען די ערשטע ראיעלע קאָמפּאַניע האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען אין ניו יאָרק האָט זיך אָן איהר אָנגעשלאָסען מאַקס אָווראַמאָ־וויטש, וועלכער איז צום אידישען טהעאַטער איבערגעגאַנגען פון א דייטשען קאַפע שאַנטאַן און ער איז געווען א מומחה אין דעם פאַך. אויף אזא אופן האָבען אַלע אידישע טהעאַטערס געהאַט דעם קאַפע שאַנטאַנישען גלאַנץ שוין פון די ערשטע טריט פון דער אי־דישער ביהנע אין אמעריקא. נאָר אין טהאָמאשעפסקי'ס טהעאַטער איז דאָס געווען מעהר אָרגאַניש און האָט בעסער געקענט צופריע־דענשטעלען די מעהר אמעריקאַניזירטע יוגענד. און דאָס איז געווען דער שטעמפּעל וואָס טהאָמאשעפסקי האָט ארויפגעלעגט אויף פּיפּלס טהעאַטער.

דערפון דאַרף מען אבער ניט דרינגען, אז טהאָמאשעפסקי'ס שטיקער זיינען געווען אַלע געגאָסען אין איין פורעם. טהאָמאַ־שעפסקי האָט זיך אויך געקענט פערגינען צו שפּיעלען א בעסערע פּיעסע. ער האָט אין יענער צייט אויף זיין אייגענעם סמך אויפגע־פיהרט גאָרדינ'ס „דבורה'לע מיוחסת“, און האָט זיך דוקא אויסגע־צייכענט אין דער ראָל פון דעם שמיעד. ער האָט אויך אויפגע־פיהרט גאָרדינ'ס „דוד'ל משורר“ און אין א קורצער צייט ארום איז ער אין א משך פון עטליכע יאָהר געווען דער איינציגער וואָס האָט אויפגעפיהרט קאָברינ'ס פּיעסען און נאָכדעם ליבינ'ס. ווי עס איז שוין אויבען געווען דערמאָנט איז ניט געווען קיין טהעאַטער, וואָס זאָל זיין געשוואָרען צו איין סאָרט שטיקער. אין ווינדזאָר טהעאַ־טער האָט מען באַלד ווי היינע און הורוויטש זיינען אהין אריין אויפגעפיהרט א בעסערע שטיק „צוריסענע קייטען“ פון ל. קאָברין. אָבער דאָס האָט דעם כאַראַקטער פון דעם טהעאַטער ניט געענדערט. און אזוי ווי הורוויטש האָט ארויפגעלעגט זיין שטעמפּעל אויף ווינדזאָר, אזוי האָט טהאָמאשעפסקי ארויפגעלעגט זיין שטעמפּעל אויף פּיפּלס, און ווי שטאַרק זיין איינפלוס האָט זיך געפיהלט קען

סעזאָן זיינען איצט געפאלען ווי פלאכעס, איז מען אבער ניט געווען געוואוינט צו צאָהלען פאר דורכגעפאלענע פיעסען ווי דעמאָלט האָט אויסגעוויזען אזא גרויסען פרייז. און די דירעקטאָרען צווישען זיך האָבען גענומען רעדען, אז כבוד איז טאקע א גוטע זאך, אבער מען קען זיך ניט לאָזען בדלות ווערען צוליעב דעם.

גאָר צי מען איז בדלות געוואָרען פון די פאָר בעסערע פיעסען צי ניט, איין זאך האָבען זיי קלאָר דערוויזען, אז אין זיי ליגט די קראפט צו מאכען די רעפוטאציע פון א שוישפיעלער. „די אידישע סאפהאָ" האָט גלייך צוגעצויגען צו דער יונגער קאליש די אויפ־מערקזאמקייט פון דעם בעסערען פובליקום און דאָ האָט זי צום ערשטען מאָל געהאט די מעגליכקייט צו ווייזען זיך אין איהר פו־לען גלאנץ און צו צייגען, אז זי בעזיצט אן אויסעראָרדענטליכען גרויסען טאלאנט.

מיט אזא געווינס אין רענאָמע האָבען די אקטיאָרען בשום אופן ניט געקענט אבזאָגען זיך פון די בעסערע פיעסען און הגם זיי האָבען אפשר מאטעריעל צוגעליטען, האָבען זיי געשטרעבט צו שפיעלען אין אזעלכע פיעסען, וואו זיי האָבען געקענט ארויסווייזען זיך און אויסצייכענען. און אויסגעצייכענט האָבען זיך ניט נאָר די שטערען, נאָר אויך די אנדערע בעסערע אקטיאָרען. אין „גאָט, מענש און טייוועל" האָט מאָריס מאָשקאָוויטש א שטארקען איינדרוק געמאכט מיט זיין שפיעלען אין דער סאמע וויכטיגער ראָל פון אוריאל מזיק. אין דער זעלביגער דראמע האָט זיך אויך אויס־געצייכענט לעאָן בלאנק אין דער קליינער ראָל פון דראכמע. אין דער „שחיטה" און אין „סאפהאָ" האָט זיך מאָגולעסקאָ געוויזען אין אזא ליכט, אין וועלכען מען האָט איהם ביז דעמאָלט ניט געזעהן. אין דער „שחיטה" האָט ער געשפיעלט ר' זיסעלע, א ראָל פון העכערער קאָמעדיע און אין „סאפהאָ" — מאטיאס פינגער־הוט, א כאראקטער ראָל. אין גאָרדינ'ס רעפערטואר האָט זיך בע־ליעבט געמאכט ביי דעם בעסערן פובליקום שמואל טאָרנבערג, איי־נער פון די אינטעליגענטערע שוישפיעלער, און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אין טהעאטער האָט זיך פאָרמירט א גרופע „גאָרדיניס־

סען. מען האָט וועגען קעסלער'ן אָנגעהויבן צו רעדען, דעבאַטירען וועגען זיין טאַלאַנט און קעסלער האָט גרינג געזעהן, אַז ער דאַרף נאָר האָבען די ריכטיגע פּיעסען און ער וועט זיך פּערמעסטען מיט די כחות מיט אבי וועמען אויף דער ביהנע.

צוזאמען מיט קעסלער'ן האָט אין טהאַליא טהעאַטער געשפּיעלט בערטהא קאַליש. געקומען איז זי קיין ניו יאָרק אלס פּרימאַדאָנאַ, נאָר באַלד האָט זי געצומען ארויסווייזען, אַז זי באַזיצט אַ דראַמאַטישען טאַלאַנט. די שטיקער אין וועלכע זי האָט געשפּיעלט האָבען איהר ניט געגעבען די מעגליכקייט ארויסצושיינען אין איהר פולער קראַפט און אלס ארטיסטין האָט זי דערפיהלט, אַז די שאַבלאָנע שטיקער זיינען אַ קבר פאַר איהר טאַלאַנט. זי האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען מיט'ן זעלביגען מיטעל, ווי די אַקטיאָרען פאַר איהר ווען זיי האָבען זיך דערזעהן אין אַזאַ לאַגע, דאָס הייסט זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איינראָפּעאישע פּיעסען און מען האָט פאַר איהר איבערזעצט אַ פּאָר שטיקער פון סאַרא בערנהאַרדט'ס רעפּערטואַר. און דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלביגער, וואָס מיט די פריהערדיגע שוישפּיעלער. דער פּראָסטער עולם האָט געגענעצט אין טהעאַטער און דער בעסערער עולם איז ניט געקומען און אין די אינטעליגענטע קרייזען האָט מען אפילו ניט געוואוסט, אַז אַ העכסט בעגאַבטע אַקטריסע וואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו פערנעהמען אין גיכען דעם סאַמע אויבען אָן אויף דער ביהנע.

אָבער די בעסערע דראַמע האָט איצט אָנגעהויבען צו ווערען אַ טייערער ביסען. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פּיעסע געווען אַ נישקשה'דיגער פּרייז, נאָר „מירעלע אפרת“ האָט דעם פּרייז בעדייטענד אַ הויב געטהאָן און ווען נאָכדעם האָט קעסלער בעשטעלט ביי גאָרדינען דריי פּיעסען פאַר אַ סעזאָן, האָט די סומע בעטראָפען אַכטצעהנהונדערט דאָלאַר. מען האָט דעמאָלט אין טהאַליא טהעאַטער אויפגעפיהרט אָנהויב סעזאָן „גאָט מענש און טייוועל“ און סוף סעזאָן „די אידישע סאַפּהאָ“. ביידע שטיקער זיינען דורכגעפאַלען, נאָר אויב מען איז געוואוינט אַז די עהרענפּיעסען, וואָס מען האָט געשפּיעלט אָנהויב און סוף סעזאָן זאָלען קיין ערפאָלג ניט האָבען, בפרט ווען די ברויט פּיעסען אין מיטען

ניט געהאָלפען. און ווען גאָרדין איז באלד נאָכדעם געקומען לייענען זיין „קרייצער סאנאטא“, האָט קעסלער פערבראקירט די פּיעסע. און הגם בערטהא קאליש האָט די דאָזיגע פּיעסע אויפגעפיהרט אויף איהר אייגענעם סמך און „קרייצער סאנאטא“ האָט געהאט א גרויסען ערפאָלג, איז שוין קעסלער געבליבען אונצופריעדען און אויפ'ן קומענדען סעזאָן האָט ער איבערגעלאָזט די גאנצע גדולה פון זיין א דירעקטאָר און איז אריינגעטראָטען אויף שכירות אין ווינדזאָר טהעאטער.

קיינער האָט זיך קיין רעכנונג ניט אבגעגעבען, פאר וואָס דער „בן הדור“ האָט געהאט אזא אונגעוואוינליכען און אונפערדיענטען ערפאָלג. דער „בן הדור“ איז ניט געוועזען קיין נייע שטיק. מיט יאָהרען פריהער האָט מ. הורוויטש אויפגעפיהרט עס אונטער אן אנדער נאָמען, דעמאָלט האָט עס געהייסען „יחזקיהו המלך“ און עס איז דורכגעפאלען. און ווען אפילו ער וואָלט עס אויסגעבעסערט, האָט עס אונטער געוואוינליכע אומשטענדען קיין גרויסען ערפאָלג ניט געקענט האָבען, ווייל דאָרטען איז אויסער דעם דעגען ניטאָ קיין זאך, וואָס זאָל אזוי נעהמען אן עולם.

דער אויסעראָרדענטליכער ערפאָלג פון „בן הדור“ איז געקומען גאָר פון א זייטיגער זאך. עס איז געוועזען דאָס יאָהר ווען אידען זיינען פערטריבען געוואָרען פון רומעניען, און א גרויסע צאָהל פון זיי זיינען אָנגעקומען אין ניו יאָרק. די דאָזיגע פערוואָגעלטע וואנדערער האָבען אין ווינדזאָר טהעאטער געטראָפען דאָס גאנצע ביסעל אָרימקייט, וואָס הורוויטש האָט אימפּאָרטירט פון רומעניען. אין ווינדזאָר טהעאטער האָבען זיי געטראָפען אלע יענע רומענישע אקטיאָרען, וועלכע האָבען זיי אונטערהאלטען אין יאסי, אין באטושאן, אין בראהילא, אין גאלאץ, אין בוקארעסט אין א משך פון לאנגע יאָהרען און זיי זיינען געלאָפען אין ווינדזאָר ווי אין א בעקאנטען טהעאטער. פאר זיי איז „בן הדור“ געוועזען די סאמע ריכטיגע סחורה, ווייל קיין בעסערס האָבען זיי ניט געזעהן און דאָס האָט געמאכט מעגליך, אז א שטיק וואָס איז מיט עטליכע יאָהר פריהער דורכגעפאלען זאָל זיך איצט קענען האלטען דריי פיערטעל סעזאָן.

טען“. זיי האָבען פיעל געהאָלפען, אז די „אָרדינישע דראמע זאָל זיך טיעפער איינוואָרצלען אויף דער ביהנע.

איבריגענס, אין די אַנדערע טהעאטערס וואו מען האָט זיך שטרענגער געהאלטען ביי די שאבלאָנע שטיקער איז אויך ניט געווען פרעהליכער, און עס איז געווען גיכער אַן אויסנאהם, ווען דאָרטען האָט זעהר שטארק אויסגענומען א שטיק. אזא אויסנאהם איז געווען אין פּיפּלס טהעאטער, ווען מען האָט דאָרטען אויפגעפיהרט שייקעוויטשעס „עמיגראנטען“, און אפשר זיינען געווען נאָך איינע אָדער צוויי אזעלכע אויסנאַהמען. אבער אלס א כלל זיינען דעמאָלט שטיקער געפאלען איינס נאָכ'ן אנדערן — און דאָס האָט געקענט זיין א טרייסט פאר א טהעאטער וואָס האָט זיך לכל הפּחות געקענט בעריהמען מיט בעסערע פּיעסען.

נאָר פּלוצים איז די דאָזיגע טרייסט אוועקגענומען געוואָרען. אין ווינדזאָר טהעאטער האָט מען אויפגעפיהרט א שטיק מיט'ן נאָמען „בן הדור“ פון מ. הורוויטש, און דער ערפאָלג איז געווען אזא, וואָס מען האָט שוין יאָהרען און יאָהרען ניט געזעהן אין טהעאטער. מען האָט געשפּיעלט „בן הדור“ דריי און צוואנציג וואָכען נאָכאַנאַנד, דאָס הייסט דריי פּיערטעל סעזאָן און דאָס איז אויסגעטייטשט געוואָרען, אז דער עולם פערלאנגט דורכאויס אזעלכע שטיקער, וואָס הורוויטש און לאטיינער האָבען געליפערט פאר'ן טהעאטער אין די גוטע אלטע צייטען. די הערצער פון די דירעקטאָרען פון די אנדערע טהעאטערס זיינען געוואָרען פערביטערט און מעהר פון אלעמען איז צורייצט געוואָרען קעסלער. אין טהאליא טהעאטער איז אין דעם זעלביגען סעזאָן געווען אַן אמת'ע מגפה אויף שטיקער, ערגער ווי אומערום. אזוי גיך ווי מען האָט א נייע שטיק אויפגעפיהרט, האָט מען עס געמוזט ארונטערנעהמען און די פּאָליטיקער פון דער קאסע האָבען ערקלערט, אז טהאליא האָט מיט די עטליכע בעסערע פּיעסען פון די פאָריגע סעזאָנען אזוי פערטריבען דעם עולם, אז קיינער וויל שוין גאָר אין טהעאטער ניט פערשמעקען. גאָרדין האָט אָנגעשריבען א סענזאַציאָנעלע נארעשע שטיק „אמעריקא“ און מען האָט עס אויפגעפיהרט אין דער האָפענונג, אז איצט וועט קומען דער נארעשער עולם, נאָר דאָס האָט אויך

צייט אַנגעהויבען צו ווייזען אַלץ מעהר און מעהר לעבען. געוואוינ־ליך ווען אַ שטיק פאַלט דורך די ערשטע אָדער צווייטע וואָך, דאַרף מען נאָך דעם זאָגען אַ רבנן קדיש. אזא שטיק ווערט טוידט פאַר דער ביהנע און קיין קראַפט קען עס מעהר פון קבר ניט ארויסשלע־פּען. גאַר גאַר אנדערס איז דער פאַל געווען מיט די מייסטע עה־רענפיעסען. אַ פּיעסע פון דעם מין האָט געמעגט דורכפאַלען די ערש־טע אָדער צווייטע וואָך, און מען האָט שוין געגלויבט אַז זי איז בעגראָבען און פערשאָטען. נאָר אין אַ קורצערע אָדער לענגערע צייט ארום, האָט מען די דאָזיגע פּיעסע פּרובירט שטעלען אַ שבת בייטאָג ווען די איננאהמע איז געוואונליך אַ שוואכע, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז אַ גרעסערער עולם ווי מען האָט ערוואַרט איז געקומען זעהן איהר און זי האָט אויסגענומען. און אַז מען האָט עס געטהאָן נאָך אמאָל און נאָך אמאָל, איז דער עולם אַלץ געוואַ־רען גרעסער, און די פּיעסע איז אַלץ ווארעמער אויפגענומען גע־וואָרען.

דערביי איז נויטיג צו בעמערקען וועגען דעם סדר פון שפּיע־לען נייע שטיקער. אין אידישען טהעאטער שפּיעלט מען יעדען אבענד אין וואָך און, אַ חוץ דעם, שבת און זונטאג אויך בייטאָג, אין אַלע־מען ניין מאָל אַ וואָך. די וויכטיגע פארשטעלונגען ווערען געגע־בען פרייטאג אבענד, שבת בייטאג און אבענד און זונטאג בייטאָג און אבענד. די דאָזיגע פינף פאַרשטעלונגען ווערען געגעבען „פאַר דעם הויז“, דאָס הייסט פון זיי האָט דער טהעאטער די הויפּט הכנסה. ווען אַ שטיק האָט אויסגענומען און דער טהעאטער איז געווען פול האָט מען אין די צייטען פון טהאליא און ווינדזאָר גע־קענט איננעהמען אין דער קאסע אַן אבענד אַ קיימא לן פון אַ דאָ־לאר אכט הונדערט. די איננאהמע שבת און זונטאג בייטאָג איז בעדייטענד אַ קלענערע און ארום ביי פולע הייזער זיינען די דערמאָנטע פינף פאָרשטעלונגען געווען גוט פאר דריטהאלבען— דריי טויזענד דאָלאר. די אנדערע פיער פארשטעלונגען, וואָס ווערען געגעבען מאָנטאג, דינסטאג און דאָנערשטאג, זיינען שוין ניט פאַר דעם הויז. די דאָזיגע אבענדען ווערען פערדונגען פאר בענעפיטען און פאַר אזא אבענד האָט דער בענעפיציאנט דעמאָלט געצאָהלט אַ

נאָר בשעת מעשה האָט קיינער ניט בעגריפען די אורזאַך און מען האָט שוין אָנגעהויבען צו רעדען גאַנץ הויך, אז עס איז צייט צוריקצוקעהרען זיך צו די פריהערדיגע אויטאָרען און אבדייבען פון דער ביהנע יעדען סימן פון דער רעאַליסטישער דראַמע.

אז דער ערפאָלג פון „בן הדור“ איז געווען א צופאַל און ניט קיין געוואוינליכע ערשיינונג האָבען געוויזען די קומענדע פּאָר סעזאָנען אין דעם זעלביגען ווינדזאָר טהעאַטער. שוין אויפ׳ן דריטען סעזאָן האָט הורוויטש געזוכט צו ראַטעווען זיין טהעאַטער דערמיט, וואָס ער האָט איהם פערוואנדעלט אין אַן אָפּערע הויז. ער האָט אריבערגעבראַכט פון אייראָפּא א קאָמפּאַניע זינגערס און מען האָט אין ווינדזאָר אָנגעהויבען צו שפּיעלען אָפּערעס. ער האָט אליין ניט בעגריפען, אז דערמיט שרייבט ער אונטער פאַר זיך אליין אלס אויטאָר א טוידטס אורטהייל, ווייל ווען אפילו די אונטערנעהמונג זאָל געלינגען, האָט ער אלס דראַמענשרייבער גאָר ניט צו טהאָן דערמיט. נאָר ער האָט קיין ברירה געהאַט. ער האָט געזעהן דעם גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון דער דראַמע און איז געקומען צום שלוס, אז אויף דער אידישער ביהנע איז שוין מעהר קיין פּלאַץ ניט געבליבען פאַר דעם סאָרט שטיקער, וואָס ער און זיינע קאָלעגען האָבען געשריבען. און דאָס איז געווען דער לעצטער סעזאָן, וואָס ער איז געווען פערבונדען מיט׳ן טהעאַטער. די אונטערנעהמונג מיט דער אָפּערע איז געווען א דורכפאַל און ער האָט פערלאָרען יעדען סענט וואָס ער האָט פערמאָגט. איבריגענס, ער האָט קיין מאָל קיין געלד ניט געהאַט און ער האָט פערלעבט, פיעל ער האָט פערדיענט. ער איז פון הארצווייהטאָג פּאַראַליזירט געוואָרען און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אבגעמאַטערט עטליכע יאָהר איז ער געשטאָרבען עלענד און פערלאָזען (4טען מערץ, 1910.)

דערווייל האָבען די עטליכע אקטיאָרען, וואָס האָבען אין די פריהערדיגע יאהרען אויפגעפיהרט די בעסערע היימישע דראַמע, אנגעשטויסען זיך אויף א מערקווירדיגע ערשיינונג. זיי האָבען בעמערקט, אז די זעלביגע פּיעסען, וואָס זיינען דורכגעפאַלען בשעת מען האָט זיי אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל און זיי האָבען קוים דערצויגען א וואָך אָדער צוויי אויף דער ביהנע האָבען מיט דער

געמאכט א בעזונדער קוואל פון הכנסה פאר דעם שטערן, וועל־בער איז אויך געווען דער הויפט דירעקטאר.

די דאזיגע בענעפיסען האבען אויך פיעל געהאלפען די בעסע־רע פיעסען אויפצושטעהן תחית המתים. דער גרעסערער אקטיאר זוען איהם איז שטארק געפעלען געווארען א ראל אין זיינער א דורכגעפאלענער בעסערער פיעסע פלעגט צורעדען די בענעפיציאנ־טען צו איהר און די האלטונג פון דעם פובליקום אין טהעאטער איז געווען דער ווייזער פאר איהם.

אויף אזא אופן זיינען אויפגעשטאנען תחית המתים די מייסטע בעסערע היימישע פיעסען, וועלכע זיינען פריהער דורכגע־פאלען און דאס איז געווען א נייע ערפאהרונג ביים טהעאטער. מיט די שאבלאנע שטיקער האט אזא פאל ניט פאסירט. פערקעהרט, די ערפאהרונג האט געוויזען אז דאס רוב שאבלאנע שטיקער וואס האבען איינגעבראכט אוצרות געלד בעת מען האט זיי אויפגעפיהרט נייערהייד, זיינען געווארען טוידט אזוי גיך ווי מען האט זיי ארונ־טערגענומען פון דער ביהנע, און די עטליכע אקטיארען וואס האבען זיך פריהער בעקלאגט, אז זיי זיינען בדלות געווארען פון די בעסע־רע פיעסען, האבען מיט אמאל אויסגעפונען אז זיי האבען אליין ניט וויסענדיג אנגעזאמעלט אין זיי א גרויסען אוצר.

איצט האט מען זיי שוין ניט געשפיעלט פאר׳ן און נאכ׳ן סע־זאן און פון עהרענפיעסען זיינען זיי געווארען ברויט פיעסען. איז טהאליא טהעאטער איז די בעסערע פיעסע געווארען די תושב׳טע און האט זיך ברייטלאך אויסגעזעצט אויף דער ביהנע. דער אידישער טהעאטער, הגם ער איז געווען אויף א פעררופענער גאס און אויף יעדען טריט האט מען זיך אנגעשטויסען אדער אויף א שכור אדער אויף א גאסענמיידעל פון סאמע רינשטאק, האט אנגעהויבען צו ציהען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער העכערער אמעריקאנער אינטעליגענץ. עס פלעגען קומען אין טהעאטער אמער קאנער פראַ־פעסארען, ליטעראטען און אלע יענע וואס האבען זיך אינטערע־סירט מיט א בעסערען צושטאנד פון דער אמעריקאנער ביהנע. עטליכע בעריהמטע אמעריקאנער קריטיקער האבען ארויסגעשטעלט דעם אידישען טהעאטער פאר א ביישפיעל צו דעם אמעריקאנעם

דאָלאַר צוויי הונדערט און דער טהעאטער האָט מ״ט דער איינּנאהמע גאָר ניט געהאט צו טהאָן.

די פינף פאָרשטעלונגען פון פרייטאג, שבת און זונטאג רע־כענען זיך אויף טהעאטער לשון א וואָך. די זאָרג וועגען א פּיעסע איז פאר די דאָזיגע דריי טעג. ווען מען פיהרט אויף א נייע שטיק שפּיעלט מען עס נאָר די דריי טעג, און וואָס איז שייך צו די אנדע־רע וואָכעדיגע פיער טעג שפּיעלט מען אלטע שטיקער און דער בע־נעפיציאַנט קלייבט אויס פון אָנגעגעבענעם רעפּערטואר אזא וואָס איהם געפעלט.

אין יענער צייט איז די מורא פאר א דורכפאל געווען אזוי גרויס, אז מען האָט ניט געוואגט צו שפּיעלען אלע פינף מאָל פון פרייטאג, שבת און זונטאג די נייע פּיעסע און מען האָט אזא דאָס רוב נאָר געשפּיעלט אין די דריי אבענדען, בשעת אויף שבת בייּ־טאָג און זונטאג בייטאג האָט מען אויפגעפיהרט א רעפּערטואר פּיעסע, וואָס איז געווען א גאנגבארע סחורה ביים עולם. א טהעאַ־טער האָט געציטערט א בער אזעלכע רעפּערטואר פּיעסען און האָט זיי גערעכענט פאר א גרויסען נדן. אָפּט האָט מען זיך אין דער לעצטער מינוט געכאַפּט, אז די נייע פּיעסע קען אפילו ניט געשפּיעלט ווערען אין די דריי אבענדען און מען האָט אין דער גיך איהר פער־ביטען מיט די שטארקסטע רעפּערטואר פּיעסען.

א חוץ דעם האָט א רייכערער רעפּערטואר געהאט א גרויסע בעדייטונג פאר די וואכעדיגע אבענדען. ווי שוין געזאָגט, האָט מען אזעלכע אבענדען פערדונגען פאר בענעפּיטען און געטהאָן האָט מען עס דערפאר, ווייל א טהעאטער האָט קיין מאָל ניט געקענט האָפען אריינצונעהמען אין דער קאסע אין מיטען וואָך אזא סומע, ווי מען האָט בעצאָהלט פאר א בענעפּיט און עס איז געווען אין די אינטערעסען פון טהעאטער צו האָבען אזעלכע אין מיטען וואָך וואָס מעהר. וואָס רייכער דער רעפּערטואר פון א טהעאטער, אלץ גרעסער איז דאָרטען געווען די צאָהל פון די בענעפּיטען, און הגם די אמת׳ע גאנגבארע רעפּערטואר פּיעסען האָט מען געוואוינליך פאר קיין בענעפּיט ניט געגעבען, האָט מען זיי אָבער פאר א גע־וויסער גרעסערע סומע זיי געקענט קריגען, און דאָס האָט ווידער

טהעאטער און זי איז דורכגעפאלען. לויט דעם כאראקטער פון יענעם טהעאטער איז דארטען ניט געווען קיין פלאץ פאר א שרייבער פון א בעסערער דראמע, נאר דאס איז אויסגעפאלען אין דער צייט ווען דאס שאבלאנע שטיק האט מעהר קיין קאפ ניט געקענט אויפהויבען און מען האט זיך געדארפט קליגען, ווי אזוי אנצוהאלטען א פובליקום, און עטליכע יאהר נאכאנאנד האט קאברין געשריבען אויסשליסליך פאר טהאמאשעפסקי.

די השפעה פון דער בעסערער דראמע האט זיך אויף אזא אופן פערשפרייט אויף דער גאנצער ביהנע און דער שם און דער מאטעריעלער צושטאנד פון דעם אידישען טהעאטער איז געווארען אזא, אז גרויסע אידישע שוישפיעלער, וואס האבען געשפיעלט ביי די אומות העולם אין אייראפא האבען געווארפען אן אויג אויף איהם. דער ערשטער פון אזעלכע אקטיארען איז געווען מאריץ מאריסאן, א קייזער קעניגליכער שוישפיעלער פון דער ראמאנטישער שולע. ער איז געקומען גאסטראלירען אין דעם דייטשען טהעאטער און פון דארטען האט ער פערבלאנדזשעט צו דער אידישער ביהנע, נאר ער איז קיין מאל ניט אבגעטראטען פון דעם קלאסישען רעפערטואר. ער אליין האט געשפיעלט אין דייטש און די אנדערע אקטיארען האבען געבראכען די צונג אין די דייטשע ראלען, און פון דעמאלט אן פלעגט ער כמעט יעדען יאהר קומען און געבען א געוויסע צאהל פארשטעלונגען. אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז ער אין גאנצען געווען אבהענגיג פון אידישען טהעאטער.

עטליכע וואס זיינען געווארען געטראפען פון דער נייער ארדנונג אויף דער ביהנע האבען זיך געזוכט צו ראטעווען דערמיט, וואס זיי האבען בעאיינפלוסט א געוויסען אויפגעקומענעם רוסישען אידען מר. הערי פישעל, ער זאל פאר זיי בויען א טהעאטער אין סאמע הארצען פון אידישען קווארטאל. צווישען זיי זיינען געווען: מארים פינקעל, סאפיע קארפ, יאזעף לאטיינער, דער קאפעלמייסטער פרידזעל, און זיי האבען אויך צוגעצויגען דעם קאמיקער ב. בערנשטיין. דעם טהעאטער האט מען אויסגעבויט אויף גרענד סטריט און מען האט דאריבער איהם א נאמען געגעבען גרענד טהעאטער.

פּובליקום און האָבען בעדויערט, וואָס אויף דער אמעריקאנער ביה־נע שטעלט מען ניט אזעלכע ערנסטע פּיעסען ווי אין אידישען טהעאטער.

אין אידישען טהעאטער זיינען אויך געקומען דירעקטאָרען פון אמעריקאנער טהעאטערס און זיי, תמיד אויף דער וואך פאַר נייע קרעפטען, האָבען זיך צוגעקוקט צו די אידישע אקטיאָרען. זיי האָבען ערוואַרט צו טרעפען קונצענמאכער, פּאיאצען און צו זייער גרויסער איבערראשונג האָבען זיי דאָ דערזעהען אמת'ע קינסטלער, מאנכע גאָר גרויסע, וואָס האָבען געקענט זיין א ציערונג אויף אויף דער אמעריקאנער ביהנע.

עס האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי די איבערגאנגס עפּאָכע האָט שוין געהאלטען ביים ענדיגען זיך, און דער גרויסער ניו יאָרקער עולם האָט זיך שוין באלד קלאָר געמאכט וואָס צו פאָדערען פון א טהעאטער. די היים פון דער בעסערער דראמע איז געוואָרען טהאַ־ליא טהעאטער און די זיילען אויף וועלכע זי האָט זיך געשטיצט זיינען געוועזן קעסלער, קאַליש און ליפּצין. די פריהערדיגע אויטאָרען וועלכע האָבען פריהער געהאט די גאנצע ביהנע אין זייערע הענד, האָבען זיך איצט מעהר ניט אנגעזעהן. די וויכטיגסטע קראַפט אויף דער ביהנע איז געוואָרען גאָרדין און אין דער צייט האָבען זיך אויך אָנגעהויבען צו לאָזען הערען קאָברין און ז. ליבין. אין די יאָה־רען האָט ליבין געמאכט זיינע ערשטע שריט אויף דער ביהנע און געטראָטען איז ער מיט אונזיכערע טריט. אלע זיינע ערשטע שטי־קער זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען אין טהאַליא טהעאטער און ביז „הענעלע" זיינען זיי כמעט אלע דורכגעפאלען, נאָר ליבין האָט גע־האט א גוטען נאָמען אלס סקיצענשרייבער און מען האָט פון איהם ערוואַרט, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער ארויסקומען מיט א בעסערע דראמע, וואָס וועט אין דער זעלביגער צייט זיין נאָהענט צום פאָלק.

ל. קאָברין האָט נאָך „מינא" אויך געזוכט א מקום מקלט אין טהאַליא טהעאטער און דאָרטען האָט מען אויפגעפיהרט זיין „איסט סייד געטאָ." זיין נעקסטע פּיעסע „סאָניע פון איסט בראָדוויי" אָדער „נאַטור, מענש און חיה" האָט מען אויפגעפיהרט אין פּיפּעלס

ניינטער קאפיטעל.

דער פאל פון דער בעסערער דראמע.

אין דער צייט וואס די בעסערע דראמע האט זיך ענטוויקעלט מיט אזא וואונדערבארע שנעלקייט און פערשפראכען צו ווערען דער שטאלץ פון אידען, האבען אונערווארטעט אנגעהויבען צו פאלען גרויסע שטיינער אין איהר וועג.

דער ערשטער גרויסער שטיין וואס איז געפאלען אין וועג דער בעסערער דראמע איז געוועזן די פארמירונג פון א יוניאן צווישען די אקטיארען.

דער אמת איז, אז די אקטיארען האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט. כל זמן שפיעלען טהעאטער איז געוועזן מעהר מעשה קונדס, האט מען זיך מיט דער מאטעריעלער פראגע ווייניג אבגעגעבען. מען האט געשפיעלט און אז עס איז אריינגעפאלען א מטבעה, האט מען געהוליעט, און אז די מטבעה איז ניט געוועזן האט מען צוגעהונגערט און געהאלפען זיך אויף פערשיידענע וועגען. זעהר אפט גאר אויף מאוס'ע און שענדליכע וועגען... נאר דאס איז אלץ געוועזן רעכט ווען דער טהעאטער איז געוועזן אן ארימע אינסטיטוציאן און די שפיעלער זיינען געוועזן יונגע חברה וואס האט וועגען קיין זאך ניט געטראכט און וועגען קיין זאך ניט געזארגט. נאר שוין ארום סוף אכציגער יאהרען האט דער אידישער טהעאטער אין אמעריקא אנגעהויבען צו ווייזען סימנים פון זאטקייט און רייכקייט און וואס ווייטער איז די רייכקייט געוואקסען, און די נעכטיגע יונגע הפקר אקטיארען זיינען געווארען מענער פון ווייבער, טאטעס פון קינדער, מיט א יאך אויפ'ן האלז.

דעמאלט האט זיך טאקע געגריינדעט די ערשטע אקטיארען יוניאן, און הגם זי איז באלד צופאלען געווארען, זיינען אבער געבלי־

דאָס איז געווען דער ערשטער טהעאטער וואָס איז געבויט געוואָרען לכתחילה פאר א אידישע טרופּע און פאר א אידישען פּובליקום. ער איז געעפענט געוואָרען מיט גרויס פּאראד אין דעם יאָהר 1903. אין דעם טהעאטער האָט די קאָמפּאניע געזוכט צו בע־שיצען זיך געגען דעם נייען שטראָם וואָס האָט שוין פערפלייצט די ביהנע. לאטיינער איז ארויסגעטראָטען מיט א היסטאָרישע אָפּע־רעטע „ציון אָדער על נהרות בבל“, וואָס האָט זיך מיט קיין זאך ניט אונטערשיידט פון זיינע אמאָליגע שטיקער. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער ווי די מיטגליעדער פון זיין קאָמפּאניע ניט געוואָלט גלוי־בען, אז דער עולם איז אויסגעוואקסען פון דעם פּורים שפּיעל, און ער איז געווען אונטער דעם איינדרוק, אז דאָס זיינען די דירעקטאָרען, וואָס האָבען זיך געשטעלט געגען די שאַבלאָנע שטיקער פון די אכ־ציגער יאָהרען. אין אן אייגענעם טהעאטער און אליין א דירעקטאָר וועט ער ווייזען, אז דער געשמאק ביים עולם איז דער זעלביגער. אָבער עס האָט לאנג ניט געדויערט און די קאָמפּאניע האָט איינגע־זעהן, אז קעגען שטראָם קען מען ניט געהן. דער פּועל יוצא פון דער שלים מזל׳דיגער אונטערנעהמונג איז געווען, אז די קאָמפּאניע האָט ניט אויסגעהאלטען און סאָפּיע קארפּ איז באלד פון שברת הלב גע־שטאָרבען.

פון דער בעסערער דראמע האָט מען נאָך דערווייל אויך ניט געמאכט קיין גרויסע גליקען נאָר אלע האָבען שוין געזעהן, אז זי איז די דראמע פון מאָרגען. די שטימונג איז געווען א געהויבענע און באלד נאָכדעם ווי די לעצטע אנשטרענגונג פון הורוויטש האָט זיך געענדיגט מיט א קראך, האָט זיך די קאָמפּאניע פון טהאליא אונטער דער דירעקציאָן פון לעאָפּאלד שפּאכנער און דוד קעסלער קאָמבינירט מיט קעני ליפּצין און איבערגענומען דעם ווינדזאָר טהע־אטער און די ביידע גרויסע קונסט טעמפּלען זיינען געווען געוויד־מעט דער בעסערער דראמע.

איז אבער געווען די צרה, וואס ביי דער חלוקה האבען די די־רעקטארען געמאכט צו גרויסע חשבונות און די אקטיארען האט מען קיין ביכער ניט געוויזען. זיי האבען געזעהן, אז מען שפיעלט א וואך צייט פאר געפאקטע הייזער, נאר אז עס קומט צו דער חלוקה ווייזען זיך ארויס אזעלכע הוצאות, אז א מארקע האט געהאט גאר א קליינעם ווערטה.

דאס האט געטריבען די אקטיארען צו פאדערען געוואוינליכע שכירות און די סיסטעם פון מארקען זאל אין גאנצען אבגעשאפט ווערען. די אקטיארען האבען מעהר ניט געוואלט זיין אליין בעלי בתים און ארבייטען אויפ'ן רוח און האבען בעסער פערלאנגט צו ווערען בעטראכט אלס אנגעשטעלטע ארבייטער און קריגען יעדע וואך שכירות. און כדי דאס צו דערווייזען האבען זיי זיך געמוזט ארגאניזירען אין א יוניאן.

אויבערפלעכליך ווייזט אויס, אז דאס האט גאר ניט צו טהאן מיט דער ענטוויקלונג פון דער בעסערער דראמע. עס איז געווען ניט מעהר ווי רעכט, אז ווען דער טהעאטער איז רייך געווארען, זאלען די אקטיארען דערפון געניסען, און די בעסערע דראמע האט ניט געקענט פערלירען און ניט געווינען, צו וועמען דאס געלד פון דער קאסע איז ניט אריינגעפאלען. נאר באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז די יוניאן איז טהיילווייז געבויט געווארען אויפ'ן חשבון פון דער בעסערער דראמע.

די אקטיארען האבען אין גיכען אויסגעפונען, אז אויב עס קומט צו'א צוזאמענשטויס מיט די בעלי בחים, וועלען זיי גיכער גע־ווינען זייער קאמף, אויב אלע וואס ארבייטען ביים טהאטער וועלען זיין ארגאניזירט. און זיי האבען ארגאניזירט די כאריסטען, די מוזיקער, די שמשים, די אנציהער, די טהיר־שטעהער און דאס גליי־כען און וואס מעהר זיי האבען דערפיהלט זייער קראפט, אלץ מעהר האבען זיי דעם טהעאטער פערוואנדעלט אין א פאבריק. זיי האבען גע'פסק'עט פיעל אקטיארען א טהעאטער זאל בעשעפטיגען. פיעל מוזיקער, פיעל כאריסטען, פיעל אנציהער, פיעל שמשים זאלען אנגעשטעלט ווערען און פיעל מען זאל זיי צאהלען. זיי האבען אריינגעטריבען א טהעאטער אין אזא הוצאה, אז עס איז רעכט, אז

בען די זעלבינגע אומשטענדען, וואָס האָבען איהר געשאַפען. און וואָס ווייטער איז די פאָדערונג אויף א יוניאָן געוואָרען גרעסער און שטאַרקער.

עס האָט געהייסען, אז די קאָמפּאַניע אין א טהעאַטער האָט געאַרבייט אויף א קאָאָפּעראַטיווען פּרינציפּ. דער גאַנצער פּראָפּיט איז צוטהיילט געוואָרען צווישען די דירעקטאָרען און שפּיעלער און דעם אויטאָר לויט דער מאַרקען סיסטעם. די דאָזיגע סיסטעם איז בעשטאַנען דערין, וואָס יעדער אקט־אָר, דירעקטאָר און אויטאָר איז אבגעשאַצט געוואָרען אויף אזוי פיעל און אזוי פיעל מאַרקען, וואָס גרעסער דער אקטיאָר איז געווען פּעררעכענט, אלץ מעהר מאַרקען האָט ער בעקומען, אזוי, למשל, האָט א גרעסערער אקטיאָר בעקומען הונדערט מאַרקען, א קלענערער זעכציג און גאָר א גרויסער הונדערט און פופציג. די מאַרקען פון אלע אקטיאָרען און דירעקטאָרען זיינען צוזאַמענגערעכענט געוואָרען און ווען, למשל, די סומע פון אלעמענס מאַרקען האָט בעטראָפען צוויי טויזענד און דער פּראָפיט פאַר דער וואָך איז געווען טויזענד דאָלאַר איז דער ווערטה פון א מאַרקע געווען פופציג סענט, און דער אקטיאָר וואָס האָט געהאַט זעכציג מאַרקען האָט געקריגען דרייסיג דאָלאַר. ווען דער פּראָפיט פאַר דער וואָך איז געווען הונדערט דאָלאַר, איז דער ווערטה פון א מאַרקע געווען פינף סענט, און דער זעכציג מאַרקעדיגער אקטיאָר האָט געקריגען דריי דאָלאַר און דער הונדערט פופציג מאַרקעדיגער אקטיאָר האָט בעקומען אכטהאַלבען דאָלאַר.

עס פערשטעהט זיך, אז איידער מען האָט אָנגעהויבען אויסצוטהיילען דעם פּראָפיט האָט מען פון דער הכנסה ארונטערגענומען דירה געלד, די קאָסטען פון בעהייצונג און בעלייכטונג, די שכירות פון די אָנגעשטעלטע ארבייטער און די אלע אנדערע הוצאות, וואָס א טהעאַטער האָט דורך דער וואָך.

די דאָזיגע חלוקה איז אַן און פאַר זיך א גאַנץ ריכטיגע. דאָס האָט געהייסען אז די גאַנצע קאָמפּאַניע איז איהר אייגענער בעל הבית און אז דער פּראָפיט איז א גרעסערער האָבען אלע מעהר שכירות און אז דער פּראָפיט איז א קלענערער האָבען אלע ווייניגער שכירות.

פערפלייצען די אידישע טהעאטערס אין אמעריקא מיט אימפּאָר־טירטע אקטאָרען. זיי האָבען געזעהן, ווי די דירעקטאָרען האָבען געמאכט א מאָדע אוועקצולאָזען זיך יעדען סוף סעזאָן נאך אייראָפּע און ברענגען פון דאָרטען גאנצע קאָמפּאניעס, און די פערמאכטע טהירען פון דער יוניאָן זיינען געווען אן ענטפער דערויף. און מען זאָרף ווידער זאָגען דעם אמת, אז געגען אימפּאָרטירטע אנערקענטע גרעסערע שוישפּיעלער האָבען זיי קיין זאך ניט אָנגעווענדט און ניט געמאכט זיי קיין שוועריגקייטען צו שפּיעלען אין טהעאטער. שפּעטער האָבען די אקטיאָרען איינגעזעהן, אז דער פּרינציפּ פון פערשלאָסענע טהירען קען זיך ניט צופּאסען צו א יוניאָן פון אקטיאָרען און זיי האָבען די טהירען עטוואָס געעפענט.

די גרעסטע צרה פאר דער בעסערער דראמע זיינען די אנדערע יוניאָנס, וואָס זיינען פערבונדען מיט'ן טהעאטער. די דאָזיגע יוניאָנס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין א צייט, ווען דער אידישער טהעאטער האָט געהאט אן אָפּערעטישען כאראַקטער. דאָס האָט נויטיג געמאכט כאָריסטען, מוזיקער, שניידער און דאָס גלייכען און נאך איצט קען מען זיך אָהן זיי אין גאנצען ניט בעגעהן, ווייל געזאנג און טאנץ איז ניט אָבגעשאפט געוואָרען אין אידישען טהעאטער. אבער דער דאָזיגער גאנצער באלאסט איז לחלוטין איבריג אין א טהעאטער, וואָס זאָל זיך ווערען אין גאַנצען אָבגעבען צו דראמע. ווען אזא טהעאטער זאָל זיך ווערען עפענען, ווערען די יוניאָנס ניט ערלויבען. פאר זיי איז גאנץ עגאָל צי א טהעאטער דארף האָבען דעם איבריגען באלאסט צי ניט, אָהן דעם וועט זיך קיין פאָרהאנג אין א טהעאטער ניט אויפהויבען. אלענפאלס אזוי איז געווען ביז היינטיגען טאָג. און אויב אזוי זאָל אָנהאלטען ווייטער וועט זיין שווער צו האָבען א בעסערע דראמע אין אידישען טהעאטער אין אמעריקא.

א צווייטער קלאָפּ פאר דער אידישער ביהנע איז געקומען פון די אמעריקאנער דירעקטאָרען. זיי האָבען געוואָרפען אן אויג אויף די אידישע שוישפּיעלער און די ערשטע וויכטיגע קראפט וואָס די אמעריקאנער ביהנע האָט צוגענומען פון דעם אידישען טהעאטער איז געווען בערטהא קאַליש.

ווען ער מאכט בלויז עטליכע וואָכען שלעכטע געשעפטען זאָל ער פּלאַצען.

עס איז פריהער געווען דערמאָנט, ווי אזוי כמעט אלע בעסע־רע פּיעסען זיינען די ערשטע צייט וואָס מען האָט זיי אויפגעפיהרט געווען א דלות פאר׳ן טהעאטער און ערשט שפּעטער זיינען זיי גע־וואָרען א קוואל פון גרויסע הכנסות. ווען די יוניאָן איז אריין אין איהר פולער קראפט, איז דאָס געוואָרען אן אונמעגליכקייט. א טהע־אטער האָט געמוזט דעקען אזוי פיעל הוצאות א וואָך און האָט ניט געקענט ערלויבען זיך צו נעהמען קיין שאנסען.

אין דער צייט ווען די אידישע דראמע האָט אָנגעהויבען אויפ־צובליהען, האָט זיך פאָרמירט צווישען די אקטיאָרען א קרייז פון גאָרדיניסטען. זיי זיינען געווען גרייט צו שפּיעלען פאר קלענערע שכירות אין א טהעאטער, וואו מען האָט אויפגעפיהרט גאָרדינס פּיעסען. שפּעטער איז יעדער דורכשניטליכער אקטיאָר געוואָרען אן אמת׳ער שונא פון א בעסערער דראמע, ווייל איהם האָט אויסגעווי־זען, אז זי איז מקפּח זיין פּרנסה און פיעלע אקטיאָרען שרעקען זיך פאר א גוטע פּיעסע, ווי דער שטן פאר ווייראך.

מען דארף בשום אופן ניט דענקען, אז זיי איז ליעבער צו שפּיע־לען אין נאַרעשע שטיקער, זיי ווייסען אויסגעצייכענט, אז ארויס־ווייזען זיך אלס שוישפּיעלער האָבען זיי נאָר א מעגליכקייט אין דער בעסערער דראמע, נאָר זיי זיינען זאַט געוואָרען און אין דער זאטקייט איז פערשוואומען געוואָרען דער ארטיסטישער אינס־טינקט.

איבריגענס, די אקטיאָרען אליין זיינען נאָך א האלבע צרה. זיי בעגרייפען ווען זיי כאפּען איבער די מאָס. אזוי איז אָנפאנגס געווען שטרענג דורכגעפיהרט אז די טהירען פון דער יוניאָן זאָלען זיין פערשלאָסען פאר נייע מיטגליעדער און דאָס האָט געהייסען, אז קיין פרישע בלוט זאָל מעהר ניט צוקומען צו דער ביהנע. זיי האָבען אויף אזא אופן פער׳משפּט דעם אידישען טהעאטער צו א טוידט דורך אויסצעהרונג. צו זאָגען דעם אמת, איז דאָס ניט אזוי געווען א מיטעל צו בעזאָרגען זיך מיט לעבענסלאַנגליכען ברויט, ווי צו בעוואָרענען זיך געגען די דירעקטאָרען, אז זיי זאָלען ניט

משה הורוויטש

משה זייפערט

יוסף לאטיינער

מארק ארנשטיין

משה קאץ



נ. מ. שייקעוויטש

(שמר)

ז. ליבין

לעאן קאברין

ביז דער צייט איז דער אידישער טהעאַטער אין ניו יאָרק גע־וועזן דער צענטער צו וועלכען די אויגען פֿון אַלע אידישע אַקטיאָרען זיינען געווען געווענדט. די אידישע ניו יאָרקער דירעקטאָרען האָבען געזוכט און געאַקערט אין יעדער מדינה, וואו אידישע אַקטיאָרען האָבען געשפּיעלט און וואו נאָר זיי האָבען געטראָפֿען א מעהר אָדער ווענינער וויכטיגע קראַפֿט, האָבען זיי איהר געבראַכט אין דער נייער היים פֿון אידישען טהעאַטער. דער אַמעריקאַנער דאָלאַר האָט איבערגעוואויגען יעדע אַנדערע מטבעה פֿון יעדער אַנדערער מדינה און א חוץ דעם האָט די ניו יאָרקער אידישע ביהנע גע׳שם׳ט ווייט און ברייט. און איצט האָט אַנגעהויבען צו שוועבען א געפֿאַהר, אַז די אַמעריקאַנער ביהנע וועט צונעהמען פֿון אידישען טהעאַטער יעדע בעסערע קראַפֿט.

בערטהא קאַליש האָט געהאַט די פּאָסטאַציע, די פֿיגור, דעם פּנים וואָס האָבען איהר געגעבען די מעגליכקייט צו ערשיינען אין די פֿערשיידענסטע ראָלען, און ארויסברענגען א פֿולשטענדיגע איל־לוזיע. זי האָט געקענט זיין מאַיעסטעטיש, אינטעליגענט, אויסגע־לאַסען, פֿערגרעבט. זי האָט געהאַט א וואונדערבאַרע שטים און דיקציע און א דאַנק דעם האָט זי געקענט רעדען אויפ׳ן נאַטירליכס־טען אופֿן און איהר שטים זאָל דערגרייכען אין די סאַמע ווייטסטע ווינקלען פֿון טהעאַטער. איהר טעמפּעראַמענט האָט איהר ערלויבט אויסצודריקען די טיעפֿסטע, שטאַרקסטע און איידעלסטע געפֿיהלען און די מוסקולען פֿון איהר געזיכט האָבען זיך אַזוי געלאָזט קאָנט־ראָלירען, אַז אָהן דער מינדסטער אַנשטרענגונג איז זי איבער פֿון איין מוטה אין דעם צווייטען. איהרע אויגען האָבען זיך מאָ־מענטאַן פֿון דער ווייכסטער ליעבע אָנגעצונדען מיט העלישען פֿייער. די בויגזאַמקייט פֿון איהר שטימע און געזיכטסציגע האָבען גאָר איהר מעגליך געמאַכט איבערצוגעבען די איידעלסטע שאַטירונגען פֿון א געפֿיהל און דאָס האָט איהר געמאַכט אונשאַצבאַר פֿאַר אינ־טעליגענטע ראָלען.

ווי ווייט דער קלאַפּ האָט זיך געפֿיהלט אויף דער ביהנע קען מען זעהן דערפֿון, אַז מיט איהר אַוועקגעהן פֿון אידישען טהעאַטער איז אונמעגליך געוואָרען צו שפּיעלען עטליכע פּיעסען פֿון איהר רע־

פערטואר. אזוי זיינען פערשטופט געווארען צום הינטערגרונד „סאַ־פהאָ“ און „קרייצער סאנאטא“. און דאָס הייסט אז געוויסע בעסערע פיעסען וועלכע וואָלטען געווען מעגליך מיט קאליש אויף דער אי־דישער ביהנע, האָבען אָהן איהר קיין ערפאָלג ניט געקענט האָבען.

עס איז געווען ניט מעהר ווי א צופאל, וואָס די אמעריקאנער דירעקטאָרען האָבען אוועקגענומען בלויז בערטהא קאליש פון אידי־שען טהעאטער. ווען יעקב אדלער זאָל זיין אינגער, וואָלטען זיי איהם אויך פערנומען. ער האָט שטארק חשק געהאט צו שפּיעלען אויף א פרעמדער ביהנע און זעהר געגארט צו געווינען אנערקענונג פון א פרעמדען פובליקום. אבער איהם איז אין וועג געשטאנען זיין עלטער און עס איז ניט געווען קיין שום האָפנונג, אז ער זאָל זיך ווען אויסלערנען ענגליש. און ער האָט זיך געמוזט צופריעדען שטע־לען דערמיט, וואָס ער האָט עטליכע פאָרשטעלונגען געגעבען אויף א פרעמדער ביהנע, מיט אן אמעריקאנער קאָמפּאניע און ער האָט זיין ראָל געשפּיעלט אין אידיש און די אנדערע אקטיאָרען האָבען געשפּיעלט אין ענגליש. דאָס איז געווען גרינג צו דערווייזען דער־פאר, וואָס צו די דאָזיגע פאָרשטעלונגען האָט ער אויסגעקליבען די פּיעסע „שיילאָק“.

דוד קעסלער האָט אויך שפּעטער געמאכט א פערזוך צו שפּיע־לען אויף דער אמעריקאנער ביהנע, נאָר די פּיעסע אין וועלכער ער איז ארויסגעטראָטען איז גלייך דורכגעפאלען און ער האָט זיך תיכף צוריקגעקעהרט צום אידישען טהעאטער.

אדלער און קעסלער זיינען פון די מענער שפּיעלער די סאַמע וויכטיגסטע אקטיאָרען אויף דער אידישער ביהנע. יאהרענלאנג האָבען זיי געזוכט צו מעסטען זיך מיט די קרעפטען, גראָד ווי פּראָ־פעסיאָנעלע אטלעטען מעסטען זיך אין אמעריקא מיט פיזישער גבורה, ווער פון זיי איז א גרעסערער שוישפּיעלער, און זיי האָ־בען ניט בעגריפען, ווי פערשיידען זיי זיינען איינער פון דעם צווייטען. אדלער איז א רעאליסטישער שפּיעלער מיט א נייגונג צו ראָמאנטישע פארבען, און קעסלער איז א נאטוראליסטישער אַק־טיאָר מיט אן אויג פאר לעבענס־ווארהייט. אדלער וועט אָנלייגען

רדיפות אין רוסלאנד וואס האבען אין די אכציגער יאהרען געשאפען אין אמעריקא די היים פון דעם אידישען טהעאטער, און פון וועלכע ער האט אלע יאהרען געצויגען זיין יניקה און דערהויבען זיך צו אזא גדולה, האבען אין עטליכע און צוואנציג יאהר ארום געגעבען דער בעסערער דראמע אין אמעריקא א טוידט קלאפ. נאך די קעשענעווער רציחות האט די אידישע איינוואנדערונג אין אמעריקא דערגרייכט די העכסטע מדרגה. די גרעסטע צאהל פון די דאזיגע איינוואנדערער האבען ביז זייער קומען קיין אמעריקא קיין טהעאטער ניט געזעהן, און ווען זיי האבען דא אביסעל אבגעכאפט דעם אטהעם און זיינען געקומען צו זיך, זיינען זיי נייגיעריג געווארען צו זעהן א אידישע פארשטעלונג. זיי האבען זיך א שאט געטהאן אין טהעאטער מחנות־ווייז, נאר די בעסערע פיעסען און דער העכערער סארט שפיעלען האבען ביי זיי קיין חן ניט געקענט געפינען. זיי איז בעסער געפעלען געווארען יענער מין אונגעלומפערטע שטיקער און יעזייר מין גראבער שפיעלען, וואס איז אין א משך פון א פאר צעהנדליג יאהר פערשטופט געווארען פון דער ביהנע. אבער אפילו די ביליגע שטיקער זיינען געוועזן צו הויך פאר זיי, די דאזיגע שטיקער האבען שוין איצט געהאט א געוויסע פאליטור און דאס איז געוועזן א חסרון צום שידוך. די נייע בעזוכער האבען געדארפט האבען עפעס אזוינס, וואס זאל האבען א נאהענטע שייכות מיט אן אמת'ן פורים־שפיעל.

ארום דער צייט האבען אויפגעבליהט די מוזיק האלס. זיי האבען זיך געוויזען מיט א פאר יאהר צוריק אין אידישען קווארטאל, נאר זיי האבען זיך געמאטערט. דער עולם האט זיך געהאלטען ווייט פון זיי, הגם באלד פון דער ערשטער צייט האבען זיך דארטען בעוויזען פיינע קרעפטען. דארטען האט זיך בעוויזען קעסטין, א טאלאנטירטער בוף קאמיקער, וועלכער האט שוין יאהרענלאנג געשפיעלט אויף דער פראווינץ; דארטען האט זיך בעוויזען קלארא יאנג, א בעגאבטע סוברעטין; דארטען האט געשפיעלט וויינטרויב און זיין פרוי, און שפעטער בירנבוים — אלע שפיעלער מיט טאלאנט און נאך אנדערע. איבריגענס, קעסטין און קלארא יאנג זיינען דארטען לאנג ניט געבליבען און מען האט זיי אריינגענומען

א סך וועג צו מאכען א שטארקערן איינדרוק, און קעסלער וועט זיך גיכער רעכענען מיט דער מענשליכער נאטור. אדלער פיהלט זיך ווי א פיש אין וואסער ווען ער קען ערשיינען אויף דער ביהנע אין גייסטיגע עפּאָלעטען, און קעסלער פיהלט זיך מעהר אין זיין עלע־מענט אין די ראָלען פון הפקר יונגען. אדלער׳ס שטים איז ווייך און לאסטשעדיג אין די אונטערסטע טענער און זיין פּנים איז מאג־נעטיש, נאָר דערפאר האָבען זיינע אויבערסטע טענער און אונאנ־גענעמע שארפקייט און אַן אַנגעשטרענגטקייט. ביי קעסלער׳ן, פער־קעהרט, ווען ער רעדט שטיל קומען אָפּט ארויס די ווערטער מבולבל און צוזאַמענגעגאַסען, נאָר דערפאר זיינען די אויבערסטע טענער לייכט און פריי און יעדער אטאָם ביי איהם איז פול מיט בעהאלטע־נער קראפט.

ביידע, סיי אדלער און סיי קעסלער קענען פיהלען שטארק און ביידע צייכענען זיך אוים אין העפטיגע סצ׳נעס, נאָר דאָס רוב ווענדען זיי דערצו אָן עלעמענטארע מיטלען. זיי האָבען ביידע אויסדרוקספולע פּנים׳ער און קענען לייכט איבערגעבען די פער־שיידענסטע געפיהלען.

אלס א כלל האָבען די אידישע שוישפּיעלער וואָס האָבען פּע־גומען דעם אויבען אָן אין אידישען טהעאטער ניט געהאט קיין אנגענעהמע ערפאהרונג אויף דער אמעריקאנער ביהנע. אפילו בערטהא קאליש, וועלכע איז פערבליבען אויף דער אמעריקאנער ביהנע ביז היינטיגען טאָג, האָט קיין גרויסע מציאה ניט געכאפּט. זי האָט ערוואָרבען א גרו סען נאָמען און פערדיענט מעהר געלד ווי אין אידישען טהעאטער, נאָר זי האָט די גאנצע צייט געפיהלט דאָרטען א פרעמדקייט און קאלטקייט, בשעת אויף דער אידישער ביהנע האָט זי געהאט מעהר אנערקענונג, מעהר כבוד און קיין געלד האָט איהר אויך ניט געפעהלט. און איהר אוועקגעהן פון אידישען טהעאטער איז געווען א גרויסער פערלוסט פאר דער בע־סערער דראמע.

אָבער דעם גרעסטען קלאַפּ האָט די בעסערע דראמע געקריגען פון דער גרויסער איינוואנדערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך די שרעקלישע קעשענעווער פּאָגראָמען. די זעלביגע אימה׳דיגע

זאָן איז שוין גאָרדין געווען אָנגעשטעלט אין גרענד אלס אויטאָר, און עס האָט געהאַלטען, אז אלע בעסערע קרעפטען זאָלען זיך קאָמבינירען צוזאמען. דאָס איז געווען קירצליך פאר דעם, ווי בערטהא קאליש איז אוועק פון אידישען טהעאטער און עס האָט געהייסען, אז יעקב אדלער, סאָניע אדלער, קעסלער און קאליש זאָלען צוזאמען שפּיעלען אין גרענד. נאָר די קאָמבינאציע האָט לאנג ניט אָנגעהאלטען און ווי מען האָט געדארפט ערווארטען זיינען די לעצטע צוויי אין גיכען ארויסגעטראָטען פון דעם טהעאטער. צוויי סעזאָנען האָט גאָרדין געשריבען פאר אדלער און אין גרענד זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען „דער מטורף“, „אלישע בן אבויה“, „אמת׳ע קראפט“, „גאליציע“ און נאָך א פּאָר אנדערע. פון זיי זיינען א פּאָר דורכגעפאלען מיט א קנאַק. „אלישע בן אבויה“ האָט זיך קוים געהאלטען א וואָך צי צוויי און „גאליציע“ האָט אפילו איין וואָך ניט דערצויגען, און צווישען אדלער און גאָרדין האָט זיך אָנגעהויבען די אייביגע לאָדענים. עס האָט ביי זיי זעלטען געטראָפען, אז זיי זאָלען אָבשטעהן א סעזאָן אָדער צוויי צוזאמען און ניט אָנקומען צום געריכט. גאָרדין איז געבליבען אָהן א טהעאטער און הגם ער האָט שוין פאר זיינס א ווערק געקריגען א פּאָר טויזענד דאָלאר, האָט ער אבער דערפיהלט, אז ער פערלירט דעם באָדען אונטער זיינע פיס און זיין אָנהאלט אין טהעאטער איז געוואָרען שוואַכער.

ער אליין האָט עס צוגעשריבען צו דעם נאציאָנאלען ערוואכען פון דעם אידישען פאָלק. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען דער נאציאָנאליסטישער געדאנק צווישען אידען, און זיינע דראמען וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן קאָסמאָפּאָליטישען גייסט האָבען שוין ניט געקענט ארויסרופען יענעם ענטהוזיאזם וואָס זיי האָבען פריהער בעגעגענט אין די ראדיקאלע קרייזען. עס איז מעגליך, אז ביז א געוויסען גראד האָט דער ערוואכטער נאציאָנאליזם געשאפען א געגנערשאפט געגען זיין ראדיקאלער טענדענץ. זיין „טהרת המשפחה“ האָט ארויסגערופען א שארפען פּראָטעסט אין די נאציאָנאל געזאָנענע קרייזען. צו זיין „גאליציע“ און „אלישע בן אבויה“ איז קיינער ניט געקומען. אבער דאָס

אין דער יוניאָן און זיי זיינען באַלד געוואָרען מיטגליעדער פון א ראיעלער טהעאטער קאָמפּאניע, און דאָס זעלבע איז אויך געשעהן מיט די וויינטרויבס און בירנבוים. אָבער נאָכדעם ווי די גרויסע איינוואנדערונג האָט זיך אָנגעהויבען האָבען מוזיק האָלס ארויסגע־שפּראָצט איבער׳ן גאנצען אידישען קווארטאל און אומעדום איז געוואָרען א גרויסע שפּע. די אונטערהאלטונג אין א מוזיק האָל איז געוועזן ווי געוואונשען פאר די ניי אריבערגעקומענע און זיי האָבען דאָ אָבגעשלאָגען די שוועלען.

די מוזיק האָלס זיינען געוואָרען א מכה אין זייט די טהעא־טערס. די דירעקטאָרען האָבען זיך צוגעקוקט צו דער גרויסער שפּע דאָרטען און זיי האָבען גענומען זוכען עצות, ווי אזוי צו גע־ווינען אזא גרויסע פּובליקום. עס האָט זיי לאנג ניט גענומען צו בע־גרייפען, וואָס דער דאָזיגער גרויסער עולם פארלאנגט און עס האָט זיך אָנגעהויבען א שארפע קאָנקורענציע צווישען די טהעאטערס און די מוזיק האָלס און איינע האָבען געזוכט איבערצושטייגען די אנדערע. אויב די טהעאטערס האָבען געהאט מעהר געלד, מעהר ערפאהרונג, מעהר טאלאנט און מעהר מעגליכקייט צו געבען ספּעק־טקעלדיגע זאכען, האָבען די מוזיק האָלס דערפאר געהאט יוגענד, שעהנקייט און מעהר וואריעטע. צו הויבען א פּיסעל אין א טענצעל האָט א יונגע שעהנע מיידעל אין מוזיק האָל געקענט עס דערוויי־זען מיט מעהר חן ווי אן עלטערע סוברעטין אין טהעאטער און צו זינגען א פּזמון האָט דער יונגער בחור פון מוזיק האָל מיט זיין פרישער שטים געקענט גיכער אויסנעהמען ווי דער עלטערער קאָ־מיקער פון טהעאטער מיט זיין געבראָכענעם קול. דער קאמף האָט אָנגעהאלטען עטליכע יאָהר.

דאָס איז געווען א ביטערע צייט פאר דער בעסערער דראמע. אונטער דער צייט האָט אדלער איבערגענומען דעם גרענד טהעא־טער און דאָ איז ער געוואָרען אליין בעל הבית, נאָר ער האָט זיך פערלאָרען און ניט געוואוסט אויף וועלכער זייט צו ווארפען זיך. דעם ערשטען סעזאָן אין גרענד האָט ער אויפגעפיהרט א סענטי־מענטאלע מעלאָדראמע פון ז. ליבין, „די צובראָכענע הערצער“, וועלכע האָט געהאט א גרויסען ערפאָלג. נאָר אויפ׳ן צווייטען סע־

געוואוינליכע רעדעס און בעגריסונגען האט מען ארויפגעפיהרט אויף דער ביהנע דעם פאטער פון אידישען טהעאטער אברהם גאלד־פאדען און ער האט די ביהנע איבערגעגעבען שלום עליכם'ען. עס איז איבריג צו זאגען, אז אברהם גאלדפאדען האט קיין ביהנע ניט געקענט איבערגעבען אפילו אין א גייסטיגען זין, ווייל ער אליין איז שוין געשטאנען אויף יענער זייט ביהנע און שלום עליכם האט קיין ביהנע ניט געקענט איבערנעהמען, ווייל אלס דראמאטורג איז ער געווען גאנץ אונבעקאנט.

אין צוויי טהעאטערס האט מען גלייכצייטיג אויפגעפיהרט זיינע צוויי פיעסען. אין גרענד טהעאטער האט אדלער געשטעלט דעם „אויסוואורף“ אדער „שמואל פאסטערנאק“, און אין פיפלס האט טהאמאשעפסקי געשטעלט די דראמע „סטעמפעניו“, און בי־דע זיינען דורכגעפאלען און געמאכט גלייך א סוף צו שלום עליכם'ס קאריער אלס דראמענשרייבער פאר דעם אידישען טהעאטער א; ניו יארק.

קיין בעסערען מזל האט אויך ניט געהאט דוד פינסקי מיט זיין דראמע „די מוטער“, וואס קעני ליפצין האט א פאר יאהר פריהער אויפגעפיהרט. דאס איז געווען די ערשטע פיעסע פון פינסקיס פעדער אין אידישען טהעאטער און זי איז דורכגעפאלען די ערשטע וואך.

די גאנצע צייט אבער איז נאך די קאנקורענץ צווישען די מו־זיק האלס און טהעאטערס געווען אזוי שארף, אז די לעצטע זיינען נאך ניט געווען אין גאנצען זיכער, וואס דער עולם פערלאנגט פון זיי, און האט מעגליך געמאכט פאר די בעסערע שרייבער לכל הפחות ארייגצושטעלען פון צייט צו צייט א פוס אין טהעאטער. קעסלער האט דעמאלט אויפגעפיהרט „גאט פון נקמה“ פון שלום אש און די פיעסע האט אויסגענומען. עטוואס פריהער האט בערטהא קאליש, שוין ביים געזעגנען זיך מיט'ן אידישען טהעאטער אויפ־געפיהרט פרץ'ס „שוועסטער“ און דער עולם האט זיי פריינדליך אויפגענומען. אין גרענד טהעאטער האט אדלער אויפגעפיהרט קאברינ'ס „דער גרויסער איד“ און ד׳ פיעסע האט שטארק אויסגענומען. דאס האט ארייגגע־

איז נ ט געווען די הויפּט אורזאַך, פאַר וואָס דער באַדען האָט זיך גענומען אוועקגליטשען פון אונטער זיינע פיס, ווייל דער זעלבי־גער „אלישע בן אבויה" האָט מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, אין דער סאַמע צייט פון גאַטזוכענים געהאַט א גרויסען ערפאָלג. גאָרדין האָט אָנגעהויבען צו פערלירען זיין פּלאַץ אויף דער ביהנע, ווייל די גרויסע מתנות פון די ניי אריבערגעקומענע איינוואַנדערער האָבען נ.ט געקענט פערדייהען קיין בעסערע דראַמען, און די דירעקטאָ־רען האָבען זיך פון הויט געריסען צו געווינען דעם גרויסען עולם אויף זייער זייט. אין דער צייט האָט אין גרענד טהעאַטער געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג זייפערט'ס היסטאָרישע אָפּער „די מלכה שבא", אין דער צייט האָט זיך אַדלער אַוועקגעלאָזט אויף קונץ און איז דורך א קוימען געקראָכען, אבי צו נושא חן זיין ביי דעם ניי־ען טהעאַטער בעזוכער.

ארום דער צייט אָדער מיט א יאָהר פריהער איז אָנגעקומען אברהם גאָלדפאַדען צום צווייטען מאָל אין אַמעריקא, נאָר איצט שוין מיט'ן געדאַנק אויסצולעבען זיינע לעצטע טעג אין דער ניי־ער היים פון דעם אידישען טהעאַטער. און הגם שוין א קראַנקער און אויסגעמאַטערטער האָט ער נאָך חשק געהאַט צו שרייבען פאַר דער ביהנע. דורכגעדרונגען מיט'ן נאַציאָנאַליסטישען געדאַנק, האָט ער זיך גענומען צו דראַמאַטיזירען „דניאל דערונדא", און אין א משך פון א פאַר יאָהר איז דערפון ארויסגעקומען זיין לעצטע דראַמע „בן עמי", וועלכע, מחשבות'ן, האָט מיט דעם דערמאָנטען ענגלישען ראָמאַן גאָר ניט צו טהאָן. נאָר קיין גרויסען נחת האָט ער פון זיין לעצטען ווערק ניט געהאַט.

נאָך די בעקאַנטע פריהייטס־טעג און פרישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד איז אין ניו יאָרק אויך אָנגעקומען שלום עליכם. ער איז געקומען מיט עטליכע פּאַרטיגע דראַמען און איהם האָט אויסגע־וויזען, אַז אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלען צו רעפאָרמירען די אידישע ביהנע. אלענפאַלס, אזוי האָבען בעשלאָסען די פריינד און אָנהענגער פון דעם גרויסען הומאָריסט. מען האָט פאַר איהם גע־מאַכט א ברוך הבא אין אַדלער'ס גרענד טהעאַטער און א גרויסער עולם איז געקומען בעגריסען דעם בעליעבטען שרייבער. נאָך די

געהייסען „דעמענטיא אמעריקאנא“. די דאזיגע פיעסע האט פריי־הער אבגעקויפט קעסלער, אבער אין מיטען האט ער זיך דער־שראקען און חרטה געקריגען. נאכדעם האט זיך טהאמאשעפסקי אונטערגענומען אויפצופיהרען די פיעסע און ניט זיינענדיג זיכער, ווי אזוי דער עולם וועט איהר אויפנעהמען, האט ער פריהער געגע־בען א פארשטעלונג אויף דער פראווינץ און ערשט נאכדעם אויפ־געפיהרט אין פיפלס טהעאטער. די פיעסע האט ניט אויסגענומען, און דאס האט פערשאפט איבריגען שברת הלב דעם רעפארמאטאר פון דער אידישער ביהנע אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען. ער איז שוין דעמאלט געווען געפעהרליך קראנק. ער האט געל טען פון א ראק און אין א האלב יאהר ארום איז ער געשטארבען (13טען יוני, 1909).

דער דורכפאל פון „דעמענטיא אמעריקאנא“ איז געווען ווי א סיגנאל, אז די עפאכע פון דער בעסערער דראמע האט זיך געענ־דיגט.

גארדין איז געשטארבען אין דער פולער קראפט פון זיין שאפ־פען און האט זיין לעצטעןווארט דער ביהנע ניט געזאגט. הגם ער האט אנגעהויבען צו שרייבען פאר'ן טהעאטער אין אן עלטער, ווען דער טאלאנט איז שוין אין גאנצען פארמירט, האט איהם גענומען היבשע לאנגע יאהר ביז ער האט געפונען זיין וועג.

אין די ערשטע יאהרען פון זיין דראמאטישער טהעטיגקייט, איז ער געווען אויבערפלעכליך און זיינע ערשטע דראמען האבען גאר א קנאפען ליטערארישען ווערטה. די בילדער זיינען זעלטען גע־צייכענט און עס זעהט זיך או ף זיי א געדיכטע פארב. די האנדלונג איז א גראבע און מעהר מעלאדראמאטישע. זייער גרויסער פער־דיענסט בעשטעהט מעהר אין דעם, וואס זיי האבען דעם טהעא־טער עולם ארייגגעבען א ריכטיגערען בעגריף וועגען דראמע ווי אויף זייער אייגענעם ווערטה. ווי ווייניג ליטעראריש זיי זיינען געווען, איז אין זיי געמאכט געווארען דער ערשטער פערזוך אין אמעריקא צו געבען די קאנסטרוקציע פון א דראמע, צו שאפען און ניט צו־זאמענצושטעלען, צו שילדערען א כאראקטער און דורכצופיהרען אן ערנסטע אידעע.

וואַרפען די דירעקטאָרען אין א צווייפעל און זיי האָבען ניט גע־וואָגט אין גאַנצען איבערצורייסען מיט דער בעסערער דראמע.

אָבער איהר דעקרעט איז שוין געווען אונטערגעשריבען און פער׳חתמ׳עט. עס האָט זיך נאָר געווענדט אָן דעם עולם, וואָס איז נאָך אלץ געלאָפען אין די מוזיק האָלס. ער האָט זיך נאָך געדארפט דורכלייטערען ביז ער וועט זיך אויפהויבען צו דער מדרגה, אז ער זאָל פערדייהען א שונד שטיק, און דעמאָלט וועט שוין יעדער צווייפעל פערשווינדען ביי די דירעקטאָרען און פאר דער בעסע־רער דראמע וועט מעהר קיין פלאַץ ניט בלייבען.

סוף 1907 האָט מען אין פיפלס טהעאטער אויפגעפיהרט אברהם גאָלדפאדענ׳ס לעצטע דראמע „בן עמי“. די דאָזיגע פיעסע האָט פריהער געקויפט אדלער, נאָר ער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו שפיעלען אין איהר. ענדליך האָט טהאָמאשעפסקי זיך מרחם גע־ווען אויף איהר, אבער ער האָט איהר ניט געשטעלט, ווי גאָלדא־דען האָט פערלאנגט. גאָלדפאדען האָט געוואָלט אז זיין לעצטע פיעסע זאָל זיין אָהן מוזיק און זאָל אויפגעפיהרט ווערען אלס א דראמע, נאָר די דירעקטאָרען האָבען אנדערש בעשלאָסען, און „בן עמי“ איז אויפגעפיהרט געוואָרען אלס אפערעטע.

ווי וועניג נחת גאָלדפאדען האָט ניט געהאַט פון זיין לעצטער פיעסע, איז איהם אבער נאָך בעשערט געווען צו זיין ביי דער אויפפיהרונג. די פיעסע איז דורכגעפאלען און מען האָט שוין געזאָלט ארונטערנעהמען איהר פון דער ביהנע, נאָר פלוצים איז ער קראנק געוואָרען און אין עטליכע טעג ארום האָט ער אויף אייביג פערמאכט זיינע אויגען. אברהם גאָלדפאדען איז געשטאָרבען דעם 9טען יאנואר, 1908, און מיט זיין טוידט האָט ער א נייע לעבען געגעבען זיין לעצטער פיעסע.

אברהם גאָלדפאדען איז ניט געווען דער ערשטער פון די אי־דישע דראמען־שרייבער, וואָס איז געשטאָרבען אין דער נייער היים פון דעם אידישען טהעאטער. מיט דריטהאלבען יאָהר פריהער, דעם 24טען נאָוועמבער, 1905 איז געשטאָרבען נחום מאיר שייַ־קעוויטש.

די לעצטע דראמע, וואָס גאָרדין האָט אָנגעשריבען, האָט

אבגעטרייסעלט. אין זיינע „געברידער לוריא" געפינט ער שוין ניט געגוג העלע פארבען פאר דעם גוטען זיידענעם רב ר׳ שרגא. אין דעם „רוסישען אידען" ווערט שוין זיין ענטהוזיאזם אבגע־קיהלט פאר דעם אָרימען „ארבייטאָרער" און ווענדט אַן זיין ביי־סיגע סאטירע געגען דער נייער טיראַניי פון דעם פיערטען שטאַנד. שפּעטער קעהרט ער זיך דערצו צוריק אין דער „קרייצער סאנאטא", נאָר שוין מעהר אריינגעטראכט און די פריהערדיגע בייסיגע סאַ־טירע ווערט פערוואנדעלט אין א לייכטען הומאָר. אין „דבורה׳לע מיוחסת" הויבט זיך אַן ארויסצואווייזען זיין ענטטוישונג אין די געבילדעטע, וועלכע האָבען פאר דעם ביסעל וויסען בעצאָהלט מיט זייער גאָט און געוויסען.

דער באנקראָט פון בילדונג רופט ביי איהם ארויס אַן איבער־שאצונג פון ווערטהען. ער קעהרט זיין בליק צוריק צו די פרומע כשר׳ע נשמות, פון וועלכע ער האָט זיך אמאָל אָבגעקעהרט. דאָר־טען אין די פיער איילען פון דער הלכה, ווי ענג דער קרייז איז ניט געווען, איז דאָך געווען א טיעפער גלויבען, א הויכער אידעאל. ער שטעלט הערשעלע דובראָוונער („גאָט מענש און טייוועל") צו דער פּראָבע, אפשר איז דעם פרומען הערשעלע געווען אזוי גרינג צו זיין אזוי אידעאַליסטיש, ווייל ער איז געווען דערוייטערט פון דעם קאָך פון לעבען און האָט קיין נסיונות ניט געהאט. הער־שעלע האָט אויך די פּראָבע ניט אויסגעהאלטען, נאָר ער האָט לכל הפּחות איינגעזעהן, אז געלד האָט איהם אין א זומפּ פערשלעפּט, פון וועלכען ער קען ניט ארויסקריכען און ער בעצאָהלט דערפאר מיט׳ן לעבען.

ביי הערשעלען האָט דעם מזיק ניט געלונגען אין גאנצען צו טוידטען דעם אידעאַל און דאָס פערביטערט גאָרדינען נאָך מעהר געגען די געבילדעטע, און זיין גרעסטע פעראכטונג צו זיי ווייזט זיך ארויס אין דעם „עץ הדעת", „מטורף" און אנדערע.

גאָרדין זוכט אומעדום דעם אידעאַל און ער וויל זעהן א נייע בעסערע אָרדנונג, וואו עס זאָל ניט נאָר הערשען דער קאַלטער פערנונפט נאָר אויך א ווארימע הארץ. ער הויבט זיך זעלטען אויף צו דער רוהיגער בעאָבאכטונג פון דעם פילאָזאָף און מעהרסטענס

א ..יע עפּאָכע א׳, זיין שאפען הויבט זיך אן פון „מירעלע אפרת“. דער יסוד פון „מירעלע אפרת“ איז דער זעלביגער ווי פון „אידישען קעניג ליר“,ביידע זיינען באזירט אויף שעקספּירס בע־ריהמטע טראגעדיע, נאָר ווי גרויס איז דער שפּרונג פון „ליר“ צו „מירעלע אפרת“. אין „ליר“ זעהט מען ווי דער פּערפאסער האָט מורא אליין צו מאכען א טריט און ער כאפּט זיך אלע ווײלע פאר שעקספּירס פּאָלע. אבער אין „מירעלע אפרת“ שטעהט שוין גאָרדין פעסט אויף זיינע אייגענע פיס. די האנדלונג, די פּערזאָנען האָ־בען קיין שום שייכות ניט מיט שעקספּירס טראגעדיע, און די פּיעסע איז אין גאנצען זיינע אן אייגענע. נאָר דאָס איז ניט דער עיקר. אין „מירעלע אפרת“ האָט גאָרדין געפונען זיין וועג. אנשטאָט דעם וואָס ביז דעמאָלט האָט ער אין זיינע דראמען בענוגענט זיך מיט שילדערן דראמאטישע פּאסירונגען, וואָס האָבען בלויז געהאט א שייכות איינע מיט דער אנדערער, האָט ער זיך איצט מעהר אָב־געשטעלט אויף דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער האנדלונג. מיט אנדערע ווערטער אנשטאָט א גרופּירונג פון דראמאטישע בעגע־בענהייטען האָט זיך בעקומען די ענטוויקלונג פון א גאנצער האנד־לונג, און דערמיט הויבט ער זיך אויף צו א העכערער מדרגה פון קונסט. און זיינע ווייטערדיגע דראמען האָבען אנגענומען די נייע העכערע פאָרם.

וואָס ווייטער ווערט אויך זיין אויג שארפער און זיין בליק דרינגט טיעפער אריין אין דער מענשליכער נשמה. און וואָס ברייטער דאָס לעבען וויקעלט זיך פערנאנדער פאר איהם, אלץ מעהר ווייזען זיך איהם די מענשענקינדער אין זייער קליינקייט, נישטיג־קייט און פערדאָרבענקייט. אָנגעהויבען ווי יעדער פון דער השכלה צייט מיט א לויב געזאנג פאר די היינטוועלטיגע און מיט׳ן שטע־לען צום שאנדקלאָץ דעם פרומען אידען, וואָס איז אזוי פערגלי־ווערט געוואָרען אין דעם מעכאנישען אָבהיטען דעם בוכשטאָב פון געזעץ, אז ביי איהם איז אָבגעשטאָרבען יעדער מענשליכער געפיהל, ווי דאָס ווייזען „סיביריא“, „אידישער קעניג ליר“ און אנדערע שטיקער, האָט ער באלד איינגעזעהן, אז ער האָט די דאָזיגע וועלט־אנשויאונג געגומען אויף פּראָקאָט און ער האָט זיך פון איהר גלייך

פול מיט בעמערקונגען „אפארט“, „ביי זייט“. זיינע העלדען בלייבען אפט אליין אויף דער ביהנע און האלטען פאר די פיער ווענד לאנגע מאנאלאגען, און דאס מאכט א שווערען איינדרוק אויף א מאדערנעם טהעאטער בעזוכער.

אט די דאזיגע חסרונות, וואס האבען אין אמת'ן מיט דעם עצם פון דער דראמע ניט צו טהאן, האבען אפט געפיהרט דערצו, אז מען האט ניט ריכטיג אבגעשאצט גארדינ'ס ווערק. נאר מעהר פון אלץ האט געפיהרט צו א ניט ריכטיגער אבשאצונג די אונבעקאנטשאפט מיט'ן אידישען טהעאטער.

די גרעסטע און וויכטיגסטע פערדיענסט פון יעקב גארדין בעשטעהט דערין, וואס ער האט פערוואנדעלט א באלאגאן, ווי ער האט דעם טהעאטער געטראפען אין אמעריקא אין א טעמפעל פון קונסט, און קינצלער אין גרויסע קינסטלער. און דערוויזען האט ער עס דערמיט, וואס ער האט קיין מאל ניט פערגעסען, אז ער שרייבט פאר א טהעאטער מיט א לעבעדיגען פובליקום. און שרייבענדיג פאר א טהעאטער מיט א לעבעדיגען פובליקום, האט ער תמיד געשטרעבט צו שאפען אלץ בעסערס און העכערס. עס איז אמת, ער האט געהאט א לינקע און א רעכטע האנד, און אין דער זעלביגער צייט וואס די רעכטע האנד שרייבט פאר דעם בעסערען פובליקום, קיצעלט ער מיט דער לינקער דעם געשמאק פון דעם סאמע גראבען פובליקום. אבער אהן דער ארבייט פון דער לינקער האנד, וואלט ער אפשר גאר ביים טהעאטער ניט געקענט האלטען זיך. פראפעסאר יאקאבי, אונטער וועלכען נאמען ער האט געשריבען נארעשע זאכען פאר'ן פראסטען טהעאטער בעזוכער, האט געגעבען די מעגליכקייט יעקב גארדין צו שאפען ווי זיין טאלאנט האט איהם ערלויבט. און אין דער זעלביגער צייט וואס זיין טאלאנט ענטוויקעלט זיך ווערט אויך פרייער און איידעלער דער געשמאק פון דעם טהעאטער געהער, ביז עס ווערט מעגליך אז גארדין זאל שאפען „גאט און מענש און טייוועל“ און דער דורכשניטליכער טהעאטער בעזוכער זאל פון אזא דראמע האבען אן עסטהעטישען גענוס.

בלייבט ער שטעהן אויף דער מדרגה פון דעם קעמפער. ער בע־קעמפט דאס שלעכטע, דאס נידריגע, דאס פערדארבענע אומעדום וואו ער בעגעגענט עס און ער שאנעוועט ניט קיינעם. פאר איהם איז ניט גענוג צו שרייבען א פיעסע, וואס זאל דעם עולם אמו־זירען, ער דארף אויך אז דער עולם זאל האבען וועגען וואס צו דענקען, ווען ער געהט ארויס פון טהעאטער.

און זיינע פיעסען, סיי אין די ערשטע און סיי אין די לעצטע, סיי אין די ערגערע און סיי אין די בעסערע איז דער טאן ערגעץ ניט אויסגעהאלטען. ווען מען זיצט אין טהעאטער ביי גארדינ'ס א שטיק, פיהלט מען ערטערוויוז ווי בעליידיגט פון די פלאכקיי־טען און תיכף ווערט מען איבערראשט פון זעלטענע טיעפקייטען. ערטערוויוז ווייזט זיך ארויס א קינדישקייט און אונבעהאלפענ־קייט און באלד ווידער ערשיינט א צוויבערער פון דער ביהנע און א זעלטענער חן ווערט אויסגעגאסען אויף אלץ ארום.

דער געמיש פון דעם קאמישען עלעמענט מיט'ן דראמאטישען שלאגט צום הארצען דעם בעסערען צושויער. דער קאמיקער צו־שטערט אפט א שטארקען דראמאטישען איינדרוק, דערצו האבען כמעט אלע פערזאנען אזעלכע פ לאזאפישע ווערטלאך אדער אפא־ריזמען, וואס געהט זיי בשום אופן צום פנים ניט. גארדין לעגט אפט אן א לאנגען וועג כדי צו קאנען ארויספאהרען מיט א קלוגען ווערטעל און ער ווארפט מיט אפאריזמען ביי יעדער געלעגענהייט און ניט געלעגענהייט. די ווערטלאך זיינען ביי איהם איינער פון די יסודות פון דער דראמע און אהן זיי גיט ער זיך ניט קיין ריהר. און דער איינדרוק איז, אזוי ווי גארדין שטעהט הינטער דער פלייצע פון זיינע העלדען און זאגט זיי אונטער זיינע אפאריזמען. די אק־טיארען און דער דורכשניטליכער טהעאטער בעזוכער האבען גרוי־סע התפעלות געכאפט פון די קלוגע ווערטלאך, און אזוי ווי גאר־דין האט געשאפען דעם מוסטער פון דער בעסערער דראמע אין אמעריקא, איז א צייט לאנג אנגענומען געווארען, אז אפאריזמען זיינען א פונדאמענטאלע נויטווענדיגקייט פון דער בעסערער דראמע.

זיין טעכניק איז אויך א פערעלטערטע. זיינע דראמען זיינען

דייטש ניט געווארען און זיי האבען געדארפט מורא האבען, אז מען זאל זיי ביים חטא ניט כאפען און ניט ארונטערלאזען דעם פאר־האנג אין מיטען שפיעלען.

אפט האט זיך א העכערער בעאמטער דערבארעמט אויף די ארימע אקטארען און האט זיך פערקוקט, כדי זיי זאלען קענען שפיעלען, נאר אפילו אין אזעלכע פעלע זיינען זיי ניט געווען זיכער, צי די פארשטעלונג וועט אבגעהן בשורה. עס האט ניט זעלטען פאסירט, אז א הויכער בעאמטער האט געגעבען אן ערלויבנים צו שפיעלען, און א קלענערער בעאמטער האט געמאכט צרות דער קאמפאניע. אין מינסק האט דער גובערנאטאר ניט ערלויבט פיש־זאהנס קאמפאניע צו שפיעלען און ווען דער דירעקטאר האט זיך טעלעגראפיש געווענדט קיין פעטערבורג און עס איז אנגעקומען אן ענטפער אונטערגעשריבען פון זווערעוו, וועלכער איז געווען דער הויפט פון דעם דעפארטמענט איבער דרוק זאכען, און דער ענטפער האט געלויטעט, אז עס איז ערלויבט צו שפיעלען, איז דאס נאך ניט געווען גענוג. דער גובערנאטאר האט געפאדערט, אז אזא ערלויבנים זאל קומען דירעקט פון דעם מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען, פלעהווע האט דעמאלט געהאט דעם דאזי־גען פארטפעל, און ער האט ניט געלאזט שפיעלען ביז עס איז פון פלעהווע אנגעקומען אן ענטפער, אז דערמיט האט צו טהאן זווערעוו.

אין ראסטאוו האט פישזאהן געקריגען פון דעם נאמעסטניק אן ערלויבנים צו שפיעלען דארטען, נאר דער פאליצמייסטער האט ניט געלאזט געבען קיין פארשטעלונג אונטער דעם אויסרייד, אז אידען האבען דארטען ניט קיין וואוינרעכט. עס האבען ניט גע־האלפען די טענות, אז אין דער ערלויבנים פון דעם נאמעסטניק צו שפיעלען איז ממילא אריינגערעכענט וואוינרעכט, ביז מען האט זיך ווידער געדארפט ווענדען צום נאמעסטניק און בעטען ערלויב־נים צו וואוינען.

יעדער בעאמטער בעזונדער איז געווען זיין אייגענער בעל הבית און ווי עס האט איהם פערדרעהט דער קאלטען אזוי האט ער געהאנדעלט, און אויף אזא אופן האט פאסירט, אז אין איין שטאדט

צעהנטער קאפיטעל.

טהעאטער אין רוסלאנד און אנדערע מדינות.

דורך דער גאנצער צייט וואס אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא איז אנגעגאנגען אזא פיעבערהאפטע טהעטיגקייט און די אידישע בעפעלקערונג אין ניו יארק האט זיך דערשלאגען צו דריי גרויסע טהעאטערס און דער ניו יארקער רעפערטואר איז געווארען די איינציגע גייסטיגע שפייז פאר אלע אנדערע אידישע טהעאטערס אין דער וועלט, איז די אידישע ביהנע אין רוסלאנד געווען כמעט טוידט. ביז דער צווייטער העלפט פון די אכציגער יאהרען האבען אלע יענע וואס זיינען געווען פעראינטערעסירט אין אידישען טהעאטער געהאט זייערע בליקען אויף ווארשא, וואו אונטער דער מאסקע פון דייטשע פארשטעלונגען האט מען פון צייט צו צייט געשטעלט אידישע שטיקער. אבער נאכדעם האט זיך ארויסגעוויזען, אז די האפענונג איז אן אומזיסטע און ווער עס האט געקענט, האט זיך אוועקגעלאזט אין אנדערע מדינות.

דאך זיינען געבליבען פיעלע אקטיארען פון גאלדפאדענס פריהערדיגע קאמפאניעס און עס זיינען אויך צוגעקומען נייע און זיי האבען ארומגעוואגעלט פון איין שטאדט אין דער צווייטער און געווארט אויף א געלעגענהייט צו געבען עטליכע פארשטעלונגען. זעלטען האבען זיי אזא מעגליכקייט געקריגען, אבער דאס רוב ניט, נאר אפילו ווען זיי האבען שוין געקריגען די נויטיגע ערלויבנים זיינען זיי קיינמאל ניט געווען זיכער, צי א פארשטעלונג וועט אבגעהן גלאט. געהייסען האט, אז די פארשטעלונגען ווערען געגעבען אין דייטש און הגם די אקטיארען האבען ארויסגעווארפען אלע קמצ'ען און פערביטען זיי מיט פתח'ן, איז דערפון ווייט קיין

אסתר רחל קאמינסקא

באריס טאמירסאן

א. זיסמאן

בראנינסקא (פרוי זרטיאן)

ל. זאַסלאַווסקי

מ. ווייסמאן

יעקב יוזעפיס

ראמונסקי

האָבען די אקטיאָרען געקענט שפּיעלען א קורצע צייט און א צווייטער האָבען זיי קיין פארשטעלונג ניט געטאָרט געבען.

די ערגסטע צייט איז געווען פון די סוף אכציגער און דורך די ניינציגער יאָהרען, און עס איז געווען א מין קאָנטראבאנד ארייןצוכאפּען א פאָרשטעלונג, און די אקטיאָרען האָבען זיך געפיהלט ניט בעסער ווי קאָנטראבאנדיסטען. דאָך ארום דעם סוף ניינציגער און אין אָנהויב פון דעם היינט גען יאהרהונדערט האָט די קאָמפּאניע אונטער דער דירעקציאָן פון ספּיוואקאָווסקי און פישזאָהן געצעהלט פינף און זעכציג נפשות, די כאָריסטען און מוזיקער אריינ:ערעכענט. דאָס איז געווען די וויכטיגסטע קאָמפּאניע און געשפּעלט האָט מען דעם אלטען רעפּערטואר פין גאָלדפאדען און אין אָנהויב פון היינטיגען יאהרהונדערט זיינען די גאנגבארסטע שטיקער געווען „שמענדריק“, „קאָני לעמעל“ אָדער „שולמית“ און „בר כוכבא“.

אין 1900 איז פון אמעריקא אנגעקומען סעם אדלער אין אדעס, וואו ער האָט געטראָפען די ספּיוואקאָווסקי־פישזאָהן טרופּע, וועלכע איז בעשטאנען פון ראפעל, ריבאלסקי, זאנבערג, בליפעלד, פריילין זאסלאווסקאיא, פריילין נעראָסלאָווסקאיא, פרוי זאנבערג, פעני קאַץ, פרוי שווארץ און אנדערע. סעם אדלער האָט מיטגעבראכט פיעסען פון ניו יאָרק און ספּיוואקאָווסקי איז אוועקגעפאָהרען קיין פּעטערבורג צענזורירען זיי. דער אָרימער רעפּערטואר פון דער אָרימער קאָמפּאניע איז מיט אמאָל רייכער געוואָרען, נאָר אין אדעס האָט דער גראדאנאטשאַלניק ניט ערלויבט צו שפּיעלען און די קאָמפּאניע האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער פּראָווינץ.

א חוץ סעם אדלער האָבען אויך פישזאָהן און סאבסאַי אריינגעבראכט אין רוסלאנד דעם אמעריקאנעם רעפּערטואר, וועלכען זיי האָבען געקריגען דורך רומעניען און גאַליציען. ארום דער צייט איז געוואָרען עטוואָס גרינגער צו שטעלען אידישע פּיעסען און די פארשיידענע קאָמפּאניעס האָבען שוין געהאט די מעגליכקייט צו שטעהן א לענגערע צייט אין א שטאָדט. דער אידישער טהעאטער האָט אויף דאָס ניי אויפגעלעבט און עס האָט זיך אָנגעהויבען א בעוועגונג פאר בעסערע פּיעסען.

נאָר אויך די דאָזיגע פאָדערונג איז פערענטפערט געוואָרען מיט׳ן בעסערען רעפּערטואר אין אמעריקא. ביסלעכווייז האָט זיך די דראמע גענומען אָבטהיילען פון די אָפּערעטען און די אמביציעזע אקטיאָרען האָבען אָנגעהויבען פון צייט צו צייט צו שפּיעלען גאָרדינס פּיעסען, און ווען יוליוס אדלער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון אמעריקא האָט ער געבראַכט גאָרדינס נייערע פּיעסען ווי אויך קאברינ׳ס „צוריסענע קייטען“, ליבינ׳ס „געבראָכענע הערצער“.

אין רוסלאנד איז אבער די בעוועגונג פאר דער בעסערער דראמע אָנגעגאנגען נאָר פון אויבען, בשעת דאָס פּובליקום וואָס איז אין טהעאטער געגאנגען האָט נאָך ניט געקענט גענוג אנלעקען די פינגער פון די נארעשע אמעריקאנער אָפּערעטען. די בעסערע פּיעסען האָבען זיך ניט געוויזען אויף דער ביהנע אין דעם סדר פון זייער נאַטירליכע ענטוויקלונג, נאָר זיי זיינען ארויפגעוואָרפען געוואָרען אויפ׳ן פּובליקום אין דער אָרדנונג ווי זיי זיינען ארייננגעפאלען דעם דירעקטאָר אין די הענד. און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען אן אונצופריעדענהייט פון ביידע זייטען. די בעסערע פּיעסען זיינען פאר׳ן פּובליקום געווען צו טרוקען און עס האָט זיך פון זיי אָבגעקעהרט, און דער אינטעליגענט, וואָס איז ניט געווען קיין בעזוכער פון אידישען טהעאטער און איז נאָר ארייננגעפאלען אהין צופעליג האָט אויסגע׳בטל׳ט אלע בייזע חלומות צום דירעקטאָר פאר זיינע בעסערע פּיעסען.

די צרה מיט דעם אינטעליגענט אין רוסלאנד איז געווען, וואָס ווען ער אליין האָט געהאט א בעדערפניס צו געהן אין טהעאטער איז גאָר געגאנגען אין דעם רוסישען אָדער פּוילישען און איהם איז אפילו ניט איינגעפאלען צו געפינען אונטערהאלטונג אין אידישען טהעאטער. אויב ער איז אמאָל געגאנגען אין אידישען טהעאטער איז דאָס געווען אלס קוריאָז. אויב ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פערבעסערונג פון דער אידישער ביהנע איז דאָס געווען ניט פאר זיך, נאָר פאר די פּראָסטע אידען וואָס קענען אין קיין גוטען טהעאטער ניט געהן. דער אידישער טהעאטער איז ביי איהם געווען ניט קיין לעבעדיגע וועזען נאָר א טהעאָריע און ביי זיך אין קאבינעט האָט ער איהר ענטוויקעלט. און טהעאָרעטיש איז געווען

פון טהעאטער און אז דער טהעאטער קען זיך ניט אויפהויבען העכער פון דעם דורכשניטליכען בעזוכער.

אין 1904 איז ענדליך אנגעקומען א פרעהליכע בשורה פון צענזורנעם קאמיטעט, אז ער וועט דורכקוקען אידישע פיעסען און די אידישע דראמע האט געקריגען די ערלויבנים ארונטערצואווארפען איהר דייטשע מאסקע. מען זאגט, אז די ערשטע זיינען געווען דער אקטיאר י. ל. פאווסקי און פישזאהן, וואס האבען אויסגעווירקט צו צענזורירען א אידישען עקזעמפליאר. דאס האט אויך געמאכט א סוף צו די מסירות וואס זיינען די גאנצע צייט אנגעגאנגען אין אידישען טהעאטער. די פריהערדיגע צענזורקעס האבען זיך ניט געהאלטען ביים אריגינאל און דערמיט האט זיך בעוויזט א קאנקורענט און געלאזט וויסען וואו מען דארף.

ווען די בעוועגונג פאר דער בעסערער דראמע איז ברייטער געווארען האט מען אויפגעפיהרט די פיעסען פון די גוטע שרייבער אין רוסלאנד. מען האט געשטעלט י. ל. פרץ'עס „שוועסטער", „אין פאליש אויפ'ן קייט"; שלום אש'עס „גאט פון נקמה"; שלום עליכם'ס „צוזייט און צושפרייט" און אנדערע. מעהר אדער ווייניגער ערפאלג האבען געהאט די לעצטע צוויי פיעסען און אלע אנדערע זיינען דורכגעפאלען. נאר די בעוועגונג איז אנגעגאנגען און אין 1908 האט פרץ הירשביין צוזאמענגעשטעלט א טרופע פון יונגע אינטעליגענטע מענשען, אייניגע אקטיארען און אייניגע דילעטאנטען און גענומען אויפפיהרען בעסערע פיעסען. די טרופע איז בעשטאנען פון בן עמי, זילבערבערג, פריעד, ווייסבלאט, נעמי, רות, דאלסקאיא, עסטרין און ארלאווסקאיא און האט די ערשטע פארשטעלונג געגעבען אין אדעס, אין זאל „הארמאניע". דער רעפערטואר איז בעשטאנען פון הירשביין'ס „די נבלה", „תקיעת כף", יואל", גארדינ'ס „גאט, מענש און טייוועל", שלום אש'עס „מיט'ן שטראם", „יחום", שלום עליכם'ס „מענשען", קאצענעלסאנס „בחורים", פינסקי'ס „יאנקעל דער שמיד" און נאך א פאר אנדערע. די טרופע האט א לענגערע צייט געשפיעלט אין אדעס, ווארשא און ארומגעוואנדערט איבער ליטא און האט זיך אומעדום געמא־

גאנץ פערשטענדליך, פאר וואס זאלען אלע אידישע טהעאטערס ניט זיין ווי דער כודאזשעסטווענני טהעאטער אין מאסקווע? און פאר וואס זאל מען ניט אויסקאסירען פון דער אידישער ביהנע אלע נארעשע שטיקער און שפיעלען בעסער איבסען, מעטערלינק, הויפטמאן, פשיבישעווסקי, אנדרעיעוו, און דאס גלייכען?

דער אקטיאר איז געשטאנען צווישען דעם טהעאטער בעזוכער און דעם אינטעליגענט, און ער האט זיך אין גאנצען פערלארען. ער אין רוסלאנד ווי זיין קאלעגע אין אמעריקא, אויב ער איז נאר ניט געווען קיין קאמיקער האט בעגריפען, אז א נאמען קען ער נאר גע־ווינען דורך די בעסערע פיעסען און ער האט שטארק געגארט אויס־צוצייכענען זיך און ער האט זיך א ווארף געטהאן אויף דעם בע־סערען אמעריקאנער רעפערטואר. ער האט ערווארט אז דערמיט וועט ער צופריעדענשטעלען די פאדערונגען פון דעם אינטעליגענט, אבער דער אינטעליגענט האט די בעסערע פיעסע ניט געמאסטען מיט דער פריהערדיגער נארעשער אפערעטע און האט אין איהר ניט געזעהן די נאטירליכע געזונטע ענטוויקלונג. זיין מאסשטאב איז געווען איבסען און מעטערלינק אדער לכל הפחות פשיבי־שעווסקי, און ער האט א תל געמאכט פון איהר.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז א סך שעהנקייט האט די בעסע־רע פיעסע פערלארען דערפון, וואס אין איהר האבען געשפיעלט ניט די ריכטיגע אקטיארען. אין אן אנדער קאפיטעל איז שוין גע־ווען דערמאנט, אז מיט קאליש'עס אוועקגעהן פון דער אידישער ביהנע איז אונמעגליך געווארען אויפצופיהרען עטליכע פיעסען פון איהר רעפערטואר. גראד אזוי וועט ניט האבען קיין טעם א פיעסע אין וועלכער עס האט זיך אויסגעצייכענט אדלער אדער קעס־לער, ווען זי וועט אויפגעפיהרט ווערען פון אנדערע אקטיארען. אבער דאס איז ניט געווען די וויכטיגסטע אורזאך פאר וואס די בעסערע פיעסע פון אמעריקאנער רעפערטואר איז בעגעגענט געווא־רען אין אידישען טהעאטער אין רוסלאנד מיט אונצופריעדענהייט. מען האט זיך דארטען ניט גערעכענט מיט די פאדערונגען פון א טהעאטער בכלל און פון אידישען טהעאטער בפרט. מען האט דארטען ניט בעגריפען, אז א פובליקום איז א נויטיגער אטריבוט

און דער נאציאנאלער בעוואוסטזיין וואס האט זיך אין דער לעצ־טער צייט אויפגעהויבען צווישען אידען, וועלען זיכער האבען א שטארקע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען טהע־אטער אין רוסלאנד און וועלען איהם אויפהויבען אויף א העכערע מדרגה.

אידישער טהעאטער אין אפריקא.

דער ערשטער אקטיאר וואס איז אנגעקומען אין יאהאניסבורג איז געווען יאנקעל ראזענפעלד פון גאלדפאדענ׳ס רומענישען חדר און ער האט צוזאמענגענומען דילעטאנטען און געשפיעלט מיט זיי. שפעטער איז צו זיי צוגעקומען פון לאנדאן דער אקטיאר סעם דאיען, גרינבערג פון אמעריקא און אין 1896 איז אהין אנגע־קומען יאנקעל קאצמאן צוזאמען מיט וואלערשטיין און זיין כלה אסתר. זיי האבען געדונגען א צירק און אנגעהויבען צו שפיעלען דריי פיער מאל א וואך. דאס ערשטע שטיק וואס ער האט אויפגעפיהרט איז געווען „חיים אין אמעריקא“ און דער צירק איז געווען גע־פאקט. אין עטליכע חדשים ארום איז אהין אנגעקומען זילבערמאן, וועלכער איז שוין אין דער צייט אין גאנצען ארויסגעשטופט גע־ווארען פון דעם אידישען טהעאטער אין אמעריקא, צוזאמען מיט די מאנדעלטארטס און ער האט גענומען דעם צירק. קאצמאן איז אריין אין דער קלענערער ראיאל טהעאטער און צווישען זיי האט זיך אנגעהויבען א קאנקורענץ. קיין גוטע געשעפטען האבעןביידע קאמפאניעס ניט געמאכט און אין עטליכע וואכען האבען זיי זיך פעראייניגט און אלע צוזאמען האבען געשפיעלט אין ראיאל טהעא־טער.

געשפיעלט האט מען טהיילווייז גאלדפאדענ׳ס, נאר מעהר דעם אמעריקאנער רעפערטואר און נאכ׳ן סעזאן האט זיך די קאמ־פאניע אוועקגעלאזט איבער די אנדערע שטעדט און ווען זי האט זיך סוף זומער צוריקגעקעהרט קיין יאהאניסבורג, איז שוין דאר־

טערט, און סוף צוויי יאָהר האָט זי ניט אויסגעהאַלטען און גע־פלאַצט.

פון 1909 האָט די בעסערע דראַמע געוואוינען א ווינקעל אין קאַמינסקיס טהעאַטער אין וואַרשע, וועלכער האָט זיך גערעכענט פאַר ערנסטער ווי די אַנדערע, נאָר די גאַנגבאַרסטע שטיקער אויף דער אידישער ביהנע זיינען געווען די סאַמע נאַרעשע אַמעריקאַנער אַפּערעטקעס. דאָס אידישע טהעאַטער פּובליקום אין רוסלאַנד האָט נאָך ניט געהאַט גענוג צייט צו ענטוויקלען א געשמאַק פאַר דער בעסערער דראַמע און די אונגאַרמאַלע לאַגע פון דעם אידי־שען טהעאַטער האָט נאָך די זאַך ערגער געמאַכט. דער אידישער טהעאַטער האָט נאָר עטליכע יאָהר אַבגעאָטהעמט פרייער און ווען די רעאַקציע האָט זיך אַנגעהויבען, האָט ער ווידער דערפּיהלט די שווערע לאַפּע פון רדיפות. פון 1910 האָט מען ווידער אַנגעהויבען צו פאַדערען שטרענגער, אז דאָס שפּיעלען זאָל זיין אין דייטש און דאָס האָט קיין טובה דער בעסערער דראַמע ניט געקענט טהאָן. די אַמעריקאַנער אַפּערעטקע האָט ווייניג געליטען פון פּתח'ן אַנ־שטאָט קמצ'ען, נאָר די בעסערע דראַמע האָט דערפון געקריגען א פּנים פון חוזק. און בכלל האָט דאָס אַוועקגעשטעלט דעם גאַנצען טהעאַטער אויף א פונדאַמענט פון זאַמד.

די אונגאַרמאַלע לאַגע האָט זיך אויך אַבגערופען אויף די קרעפ־טען פון טהעאַטער, און הגם זייער צאָהל איז שטאַרק אויסגעוואַק־סען און האָט דערגרייכט צו עטליכע הונדערט, האָבען זיך אבער זעהר ווייניגע אויסגעצייכענט. די וויכטיגסטע דראַמאַטישע שוי־שפּיעלערין רעכענט זיך רחל קאַמינסקאַיאַ און די בעסערע שפּיע־לער זיינען יאַנקעל ליבערט, א. זאַסלאַווסקי, מ. דראַנאָוו, מ. מאיר־סאָן, לאַנדאַ, זשעליאַזאַ, יוליוס אדלער (אַרטשיכעס), אַדאָלף בער־מאַן, עפּשטיין, בראַנדעסקאַ, ספּירא, שריפּטזוצער, ליכטענשטיין, אַרקאַ, יאַנקעל שומסקי, מ. ראַפּעל, מאַניע טרילינג, פּעני עפּ־שטיין, נעמי, בודקין, בערטהא אדלער, זינא ראַפּעל, פר. דאַלסקי, סאָניע איידעלמאַן, נאַדיאַ נאַדינאַ, אסתר נעראַסלאַווסקאַיאַ, זינא גאָלדשטיין, פר. גאַטהאַנזאָן און אַנדערע.

די פרייהייט וואָס רוסלאַנד האָט ניט לאַנג צוריק געוואונען

כע האָבען פריהער געשפּיעלט אין גאַליציען און אין לאָנדאָן און געוועזען פאַר זיי דעם טהעאטער „אָלימפּאָ“. די אימפּאָרטירטע צוויי שפּיעלער האָבען חתונה געהאַט און זיינען געוואָרען דירעקטאָרען פון דעם טהעאטער. גוטענטאַג האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין ניט פעהיג צום געשעפט און מען האָט אַראָבגעבראַכט פון לאָנדאָן מאַריענהאָף צו שטעלען דעם טהעאטער אויף אַ פעסטען יסוד. דער לעצטער איז געווען אַ גוטער געשעפטסמאַן, נאָר ער האָט ווייניג געקענט אויפטהאָן, ווייל גוטענטאַג האָט איהם געשטערט, און דער סוף איז געווען, אַז מאַריענהאָף האָט אַליין איבערגענומען דעם אָלימפּאָ טהעאטער און גוטענטאַג מיט זיין פרוי און אַ טהייל פון דער קאָמפּאַניע איז אַריבער אין זאַל גאַריבאַלדי.

גוטענטאַג האָט געהאַט מיט וואָס איבערצונעהמען זיך געגען זיין קאָנקורענט: די הויפּט און איינציגע דראַמאַטישע שוישפּיעלערין אין בוענאָס איירעס איז געווען פרוי גוטענטאַג. נאָר מאַריענהאָף האָט זיך געגעבען אַן עצה, ער האָט אָנגעהויבען צו אימפּאָרטירען שוישפּיעלער און אויף אַזאַ אופן האָט ער אַראָבגעבראַכט זיגמונד פיינמאַן, דינה פיינמאַן, מאַרים מאַשקאָוויטש, זילבערט, וואַקסמאַן, גאָלדינבורג, יאָוועליר און פרוי אַבראַמאָוויטש. ער האָט די דאָזיגע אַטראַקציעס אַראָבגעבראַכט ניט צוזאַמען, נאָר איינציגווייז אָדער פּאָרווייז, אין אַ משך פון עטליכע יאָהר. דער קאַמף צווישען די צוויי דירעקטאָרען האָט לאַנג ניט געדויערט און זיי האָבען געמאַכט שלום.

אין 1913 האָבען זיך ווידער געעפענט צוויי טהעאטערס מיט צוויי בעזונדערע סאָרטען פּובליקום. איין סאָרט פּובליקום איז בעשטאַנען פון גאַסענפרויען און ווייסע שקלאַפּענהענדלער און דער צווייטער סאָרט — פון די אַנדערע אידישע טהעאטער בעזוכער. דאָ איז נויטיג צו בעמערקען, אַז דער מסחור מיט פרויען אין בוענאָס איירעס איז אָנגעגאַנגען אָפען און די אידישע פרויענהענדלער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ חברה, וואָס האָט געצעהלט זעקס טויזענד פּערזאָן, מיט אַן אייגענער שוהל, מיט אַן אייגענעם בית עולם, מיט אייגענע שיינקען און דאָס גלייכען. די דאָזיגע חברה איז אין טהעאטער געקומען ניט נאָר זעהן אַ שטיק נאָר אויך צו

טען געוועזן נאטהאַנזאָן מיט זיין פרוי. זיי זיינען געקומען פון לאָנדאָן, וואו זיי האָבען אָבגעשפּיעלט א סעזאָן מיט ערפאָלג. פון די אַלע קרעפטען וואָס האָבען ביז דעמאָלט געשפּיעלט אין יאהאניסבורג זיינען די נאטהאנזאָנס געוועזן די וויכטיגסטע און א טהייל פון דער פריהערדיגער קאָמפּאניע ווי אויך דער יונגער שוישפּיעלער שאכט האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן זיי. דער עולם האָט איצט זיך מעהר פעראינטערעסירט מיט'ן טהעאטער און עס האָט אויסגעזעהן, אז יאהאניסבורג וועט אין גיכען האָבען א סטאַביל טהעאטער, נאָר באלד האָט אויסגעבראָכען דער בויערען קריעג, וועלכער האָט פערטריבען אַלע אָנגעקומענע אקטיאָרען.

נאָכ'ן קריעג איז פון לאָנדאָן אָנגעקומען אין יאָהאניסבורג וואקסמאן מיט זיין טרופּע און איז דאָרטען געשטאַנען א פּאָר יאָהר. א חוץ יאהאניסבורג האָבען די אידישע טרופּען אויך גאסט־ראָלירט אין פּרעטאָריע און קייפּ טאון און געוואוינליך האָבען די חזקה אויף דער דאָזיגער מדינה די לאָנדאָנער אידישע אקטיאָרען.

אידישער טהעאטער אין ארגענטינא.

ביים סוף נייַנציגער יאָהרען זיינען פערוואגעלט געוואָרען קיין בוענאָס איירעס .. פּאָר אקטיאָרען פון גאָלדפאדען'ס חדר. איינער פון זיי איז געוועזן יחיאל בלאנק, קאָמיקער, און דער צווייטער אברהם ניימאן ליעבהאָבער און זינגער. זיי האָבען צוזאָמענגענומען דילעטאַנטען און אָנגעהויבען צו שפּיעלען אין זאַלען. עטליכע מיטגליעדער פון דער קאָמפּאניע זיינען געוועזן אזעלכע וואָס האָבען געלעבט אויפ'ן חשבון פון געפאלענע פרויען און געפיהרט מיט זיי א מסחור. די קאָלאָניע פון די געפאלענע פרויען און פון די ווייַטע שקלאַפּענהענדלער איז געוואקסען ווי אויף הייוון און איז גע־וואָרען גרויס געננג און רייך גענוג צו שטיצען א טהעאטער. דעמאָלט האָבען זיי געשיקט נאָך דעם אקטיאָר גומענטאג און זיין כלה, וועל־

טען דריי חדשים, און דער סוף איז געווען, אז מאשקאוויטש איז אוועק מיט זיין קאמפאניע אויף דער פראווינץ און איז באלד אב־געפאהרען צוריק קיין לאנדאן.

די גזרה געגען די פרויענהענדלער האט לאנג ניט אנגעהאלטען. די רעגיערונג האט זיך ארומגעזעהן, אז זיי פיהרען אוועק מיט זיך א סך געלד פון לאנד און האט פאר זיי צוריק געעפענט די טהירען. די חברה לייט האבען זיך ווידער ברייטליך אויסגעזעצט אין טהע־אטער און פערטריבען די אנשטענדיגע מענשען. זיי מיט זייערע גרינגע פערדיענסטען קענען גרינגער אויסהאלטען א טהעאטער ווי דער צווייטער עלעמענט, נאר קיין טהעאטער קען זיך ניט האלטען מיט איין סארט פובליקום.

נאך מאשקאוויטשעס אוועקפאהרען איז גאלדענבורג אריין אין „אלימפא“ און צו איהם האט מען אראבגעבראכט פון אמעריקא די דראמאטישע שוישפיעלערין פרוי לאבעל. אויף א קורצע צייט איז אין טהעאטער פרעהליכער געווארען, נאר לאנג האט עס ניט אנגעהאלטען.

מיט'ן אידישען טהעאטער אין בוענאס איירעס אינטערעסי־רען זיך מייסטענס די ווייסע שקלאפען־הענדלער און די גאסען־פרויען און זיי איבען אויס אויף איהם דעם גאנצען איינפלוס. זיי פערלאנגען פרעהליכע שטיקער, דאס הייסט אפערעטקעס, נאר זיי האבען ניט קיין ריכטיגען כאר און קיין מוזיקער דערצו. דער כאר בעשטעהט פון ארבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט א גאנצען טאג ביי זייער מלאכה, קיין מיידלאך אין כאר קען מען ניט קריגען, און די מוזיקער זיינען אויך בעלי מלאכה און קעלנער. די הענדלער זאגען אויך א דעה וועגען די שפיעלער.

דאס העכערע אינטעליגענטערע פובליקום געהט ניט אין אי־דישען טהעאטער, נאר די יוגענד וואס האט זיך דורכגעדרונגען מיט'ן נאציאנאליסטישען בעוואוסטזיין אינטערעסירט זיך מיט דער בעסערער דראמע און ביי די גאסטראלען פון בעקאנטע אידישע שוישפיעלער ווייזען זיי זיך אין טהעאטער.

ווייזען זיך און זייער סחורה און מען האָט געדעדט וועגען געשעפט. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז די פיינערע מענשען האָבען אויפגעהערט צו קומען אין טהעאטער. און ווען עס זיינען געוואָרען צוויי טהעאטערס האָבען די חברה לייט פאטראָניזירט זייער טהעאטער און דער צווייטער איז געווען פאר דעם אנדער סאָרט פובליקום. אבער דער צווייטער טהעאטער האָט זיך ווידער לאנג ניט געהאלטען. די מוניציפאַליטעט האָט פערבאָטען צו שפּיעלען אין א זאַל און געבליבען איז דער איינציגער טהעאטער „אָלימפּא“ און די געסט זיינען אוועקגעפאָהרען.

סוף 1913 האָט ־ער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט פּאַלאַסיאָס דורכגעפיהרט אין פּארלאמענט, אז מען זאָל ארו סשיקען אלע פרויען־הענדלער פון לאנד. א סך, ג׳ סך פון זיי האָבען פערנומען זייער געלד און פערלאָזען ארגענטיניען. א פונקט אין דעם געזעץ האָט געלויטעט, אז אלע יענע וואָס וועלען אויפגעבען דעם שענדליכען מסחור מיט פרויען און ווערען אנשטענדיגע מענשען וועלען קענען בלייבען און א סך זיינען אויף דעם סמך געבליבען. איינער פון זיי אברהם ניימאן, וועלכער איז פריהער דערמאָנט געוואָרען, האָט איבערגענומען דעם אָלימפּא און אָנגעשטעלט מאריענהאָף אלס פיהרער פון געשעפט. ער האָט ווידער אראָבגעבראכט דינה פיינמאן, שערמאַי און גאָלדינבורג, נאָר ידי פּרעסע האָט שטארק אטאַקירט דעם טהעאטער צוליעב ניימאנס פערגאנגענהייט און דער אנשטענדיגער עלעמענט האָט פון איהם געווייכט און קיינע אטראקציעס האָבען ניט געהאָלפען; מען האָט אויך אראָבגעבראכט מאָשקאָוויטש׳ן, נאָר דעם צוטרוי פון דעם אנשטענדיגען פובליקום האָט מען אליץ ניט געקענט געווינען. ניימאן האָט אויפגעגעבען דעם טהעאטער און מאָשקאָוויטש האָט איהם איבערגענומען, נאָר אין דער צייט איז געוואָרען א קאָנפליקט צווישען די גאַסטראָלירענדע אקטיאָרען, און גאָלדינבורג איז אריבער אין „גאַריבאַלדי“, וועלכען מען האָט דורך פּראָטעקציע געקריגען און עס האָט זיך אָנגעהויבען א קאָנקורענציע צווישען די צוויי טהעאטערס, וואָס האָט אָנגעהאַל־

עלפטער קאפיטעל.

הארץ, נשמה, פינטעלע.

אויפ'ן גורל פון קעסלער איז אויסגעפאלען צו פייערען דער ערשטער דעם זיעג פון שונד איבער דער בעסערער דראמע. בשעת מען האט אין פיפלס טהעאטער געשפיעלט גארדינס לעצטע דראמע „דעמענטיא אמעריקאנא“, האט קעסלער אויפגעפיהרט אין טהאליא טהעאטער „דאס אידישע הארץ“ פון י. לאטיינער. און נעגען אלע ערוואַרטונגען האט דאס לעצטע שטיק שטארק אויסגענומען. די דירעקטארען האבען פשוט זייערע אויגען ניט געגלויבט, נאר וואס א וואך ווייטער האט זיי די קאסע אלץ מעהר איבערצייגט אין דעם אונגעהערטען ערפאלג. אין טהעאטער האט מען עס צוגעשריבען די פערדיענסטען פון די גרעסערע אקטיארען. די פרעסע האט דעם ערפאלג צוגעשריעבען מאגולעסקאס פיסעל. אין דעם דאזיגען שטיק דארף דער קאמיקער א טופע טהאן מיט'ן פוס און די ראל פון דעם קאמיקער האט געשפיעלט מאגולעסקא און ער האט עס געטהאן אזוי חנ'עוודיג קאמיש, אז די פרעסע האט באמונה שלמה געגלויבט, אז דער עולם קומט זעהן דאס שטיק צוליעב דעם טופע מיט'ן פיסעל. און קיינער האט זיך בשעת מעשה ניט געקענט אנשטויסען, אז דאס איז א רבנן קדיש נאך דער בעסערער דראמע.

דער לאנגער קאמף צווישען די מוזיק האלס און די טהעאטערס האט זיך געענדיגט מיט א זיעג פאר די לעצטע, און דער גרויסער ערב רב האט זיך איצט אהין א שאט געטהאן. טהאמאשעפסקי האט זיך גלייך אנגעשטויסען, אז עפעס אן ענדערונג א ז פארגעקומען און ער האט ניט פערזאמט די געלעגענהייט און איז באלד ארויסגעטראטען מיט טער'ס א שטיק „די אידישע נשמה“. דער חשבון

די ערטיגע שפיעלער זיינען: די גוטענטאגס, די מאריענהאפס, די לאנגערס, דאווידזאן, איזידאר צוקערמאן, גלאזינאוו, באכנאוו, אלבערטינא, פאלינא, מארסעלא, סעם וועלער און אנדערע.

פיעסען. ביי די אנדערע דירעקטארען זיינען יעצט ממש די אויגען ארויסגעקראכען פון קנאה. און זיי האבען געזוכט און געאקערט א שטיק, וואס זאל זיך קענען פערגלייכען מיט'ן „פינטעלע איד“. אדלער האט פערקויפט זיין זכות פון גרענד טהעאטער צו א קינא־מאטאגראף קאמפאניע און איז אליין נאכדעם אריין אין טהאליא. קעני ליפצין האט אליין געעפענט א טהעאטער און א נאמען גע־געבען איהם ליפצין טהעאטער. און אלע דירעקטארען האבען פער־געסען זייער רעפוטאציע און איינער דעם צווייטען געזוכט איבער־צויאגען אין שונד. דער ליפצין טהעאטער האט זיך געעפענט אלס „די היים פון דער אידישער דראמע“, נאר דער דירעקטאר האט דעם נסיון ניט געקענט בייקומען און אויפגעפיהרט זאלאטארעווס־קי'ס „וויסע שקלאפען“ און דער ערפאלג איז געווען א גרויסער.

נאכ'ן „פינטעלע איד“ האבען שוין די אנדערע שטיקער, וואס זיינען געווען געגאסען אין דעם פורעם ניט געהאט אזא מזל. דעם עולם איז פשוט איבערדריסיג געווארען אלץ די זעלביגע מעשה מיט א וואריאציע. און איצט האט זאלאטארעווסקי געוויזען דעם וועג, מיט זיין גרינגער האנד האט זיך אנגעהויבען א סדרה פון גאסענ־פרויען אויף דער ביהנע און ווען זיי זיינען איבערדריסיג געווא־רען איז געקומען א סדרה פון ממזרים און נאכדעם פון באנדיטען און די ביהנע איז ממש פערגאסען געווארען מיט שמוץ.

אזוי ווי אלע טהעאטערס האבען זיך איצט אבגעגעבען מיט איין סארט שטיקער איז אומעדום געגאנגען די זעלביגע סדרה, און אלע שטיקער האבען געהאט איין פנים און דאס האט געפיהרט דערצו, אז קיינס זאל ניט האבען קיין גרויסען ערפאלג און אלע זאלען באלד נמאס ווערען. אבער יעדער דירעקטאר האט איצט גע־האט אין זינען דעם ערפאלג פון דעם „פינטעלע איד“ און געהאפט, אז ניט היינט איז מארגען וועט ער אזא שטיק דערטאפען און אנ־שיטען אוצרות גאלד.

אין דער צייט האט אדלער איבערגענומען טהאליא טהעאטער און אויך פערנומען זיך אויף דעם זעלביגען וועג. ער האט אין דעם דאזיגען טהעאטער געשפיעלט צוויי יאהר, און הגם די איינציגע צוויי פיעסען, וואס האבען דארטען אויסגענומען זיינען געווען

איז דאָ פון אויבען אויף און דריקט זיך אָפּען אויס אין דעם נאָ־מען. אויב די טהעאַטער בעזוכער האָבען זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אַן א אידישע האַרץ, ווע‍לען זיך אויך אָנכאַפּען אַן א אידישע נשמה. און ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט, זיין שטיק האָט געהאַט ניט קיין קלענערען ערפאָלג, ווי קעסלערס. דער לעצטער האָט טריאומפירט דעם ערשטען האַלבען סעזאָן און ער האָט טריאומפירט דעם צווייטען האַלבען סעזאָן.

אָבער דערמיט האָט זיך טהאָמאַשעפסקי ניט בענוגענט. ער האָט איצט געהאַט מעהר צייט און ער האָט זיך אונטערגענומען צו דערוויייזען, אז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען א שטיק מיט קונצען וועט ער אַלע אַנדערע דירעקטאָרען אויסטרייסלען פון אַרבעל. און טאַקע צום קומענדען סעזאָן האָט ער צוגעגרייט זייפערטס א שטיק אונטער׳ן נאָמען „דאָס פּינטעלע איד“, אַלץ אויף דעם זעלביגען סמך, אַז עס האָבען אויסגענומען „אידישע האַרץ“ און „אידישע נשמה“ דאַרף „פּינטעלע איד“ געוויס נושא חן זיין. און ער האָט געוואוסט, וואָס ער טהוט. דער ערפאָלג פון „פּינטעלע איד“ האָט איבערשטייגט אַלץ, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אין אידישען טהעאַטער. עטליכע און צוואַנציג וואָכען נאָכאַנאַנד, דאָס הייסט כמעט א גאַנצען סעזאָן האָט זיך דאָס שטיק געהאַלטען און האָט איינגעבראַכט אַן אוצר געלד. אינטערעסאַנט איז דערביי צו בעמערקען, אַז מ. זייפערט האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם כבוד פון דעם שטיק.

עס איז גרינג צו בעמערקען, אַז די פערפאַסערס פון די דערמאַנטע שטיקער זיינען אַלע מעהר אָדער ווענינער פערבונדען מיט דער ביהנע אין איהר ערשטער פּעריאָדע אין אַמעריקא און אַזוי גיך ווי לאַטיינער האָט אויסגענומען מיט זיין „אידישע האַרץ“ האָט מען זיך א קעהר געטהאָן צו זיי נאָך סחורה און מען האָט ריכטיג געטראָפען צו וועמען צו ווענדען זיך.

נאָך דעם „ניכט־דאַ־געוועזענעם“ ערפאָלג פון „פּינטעלע איד“ האָט זיך פּשוט אָנגעהויבען א חוכא וטלולא איבער דער בעסערער דראַמע. אין דעם קאָנטאָר פון יעדען טהעאַטער האָט מען חוזק געמאַכט פון יעדען איינעם. וואָס האָט נאָר דערמאָנט די בעסערע

בעסערע שטעלען פערזונקען אין וואולגאריטעט און שונד. „דער בלינדער מוזיקאנט“ איז נאך א סך ערגער פון די פריהערדיגע פיע־סען, דאס מעלאדראמאטישע, דאס שונדיגע רייסט דא בעזונדערס שטארק די אויגען. און אויך ניט בעסער אויב ניט ערגער איז גע־ווען זיין „יעקב בלומבערג“.

צווישען די אויסגערעכענטע שטיקער האט מען אויך אויפ־געפיהרט זיין „סאניע פון איסט בראדוויי“ און „צוריסענע קיי־טען“,ביידע בעסערע פיעסען, וועלכע זיינען דורכגעפאלען און, משמעות, זיי האבען איהם געוויזען, אז ווען מען וויל אויסנעהמען ביים פובליקום, דארף מען אנווענדען אנדערע מיטלען, און די די־רעקטארען זיינען ניט געווען פויל צו העלפען איהם ווערען פאפו־לער.

דער אמת איז, אז קאברינס ערשטע שטיקער זיינען אפשר ניט געווען ערגער פון גארדינס ערשטע, נאר ווען קאברין האט געשריבען זיין „פערלארענעם גן עדן“, „בלינדער מוזיקאנט,“ „יעקב בלומבערג“, האט שוין דער עולם און די קריטיק לאנג פער־געסען, אז גארדין האט געהאט ערשטע שטיקער און דאס איז שוין געווען לאנג נאכדעם, ווי גארדין האט געשאפען „מירעלע אפרת“, „סאפהא“ און „גאט, מענש און טייוועל“. דער מאסשטאב פון דער בעסערער דראמע איז שוין געווען א סך א העכערער און אנשטאט צו שטרעבען צו שאפען וואס בעסערע ווערק, האט ער, פערקעהרט, געלאזט זיך בעאיינפלוסען פון די דירעקטארען און געמאכט חנ׳דלאך צו דער מאסע. און דאס האט געפיהרט דערצו, אז כל זמן גארדין האט געלעבט, איז קאברין געשטאנען אין שא־טען.

און ערשט נאך גארדינס טוידט האט זיך קאברין א כאפ גע־טהאן, אז דער וועג מיט וועלכען ער איז געגאנגען האט קיין טובה ניט געטהאן זיין טאלאנט און ער האט אנגעשריבען איינע פון די בעסטע אידישע ארבייטער פיעסען אונטער׳ן נאמען „שונאים“ און איצט מעהר ווי אלע מאל איז ער געווען ענטשלאסען צו גע־ווינען דאס בעסערע פובליקום.

די צייט איז אבער איצט ניט געווען פאר בעסערע פיעסען

„אלישע בן אבויה“, וועלכע איז מיט עטליכע יאָהר צוריק דורכגע־פאַלען אין גרענד טהעאַטער און ל. קאָברינס דראַמע „שונאים“, איז אָבער די שטרעבונג נאָך א צווייטע „פינטעלע“ געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געשטעלט איין נאַרעשע שטיק נאָכ'ן צוויי־טען און זיי זיינען אַלע דורכגעפאַלען און דער סוף איז געווען, אַז אין צוויי סעזאָנען האָט ער פערלאָרען אַזוי פיעל געלד, אַז פון ־דע־מאָלט אָן האָט ער שוין מורא געהאַט צו נעהמען אַליין א טהעאַטער און ער שפּיעלט אָדער פאַר שכירות אָדער ער מאַכט אַזא שותפות, אַז ער זאָל קיין געלד ניט דאַרפען איינשטעלען.

דער איינציגער שרייבער וואָס האָט געקענט די ביהנע און געקענט שאַפען א בעסערע דראַמע איז נאָך גאָרדין געבליבען לעאָן קאָברין. די אַנדערע בעסערע שרייבער האָבען קיין דריסת הרגל אין טהעאַטער ניט געהאַט.

קאָברין האָט א סך געשאַפען אין איין צייט מיט גאָרדינען, און ער איז פערטונקעלט געוואָרען פון דעם לעצטען ניט אַזוי דערפאַר, וואָס יענער האָט טיעפער געקענט אַריינדרינגען אין לעבען און האָט געהאַט א ברייטערען בליק אויף דער וועלט, ווי מחמת ער האָט זיך טאַלאַנט ניט אויסגענוצט צו שאַפען דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקענט. קאָברין האָט א שטאַרקע שילדערונגס־קראַפט, אַן אויג און אויער פאַר די העלע פאַרבען און טענער פון די עלעמענטאַרע געפיהלען און ליידענשאַפטען, א פּרימיטיווען געזונטען אַפּעטיט נאָך ליב און פלייש, א ליעבע צו מגושם'דיגע סצענעס און א סך טעמפּעראַמענט, און די דאָזיגע אַלע אייגענשאַפטען האָבען זיך גוט געפּאַסט פאַר א שרייבער פון דער אידישער ביהנע. נאָר קאָב־רין האָט ניט קיין מאָס און קיין טאַקט און אונטער דעם שווערען איינפלוס פון דעם אידישען טהעאַטער איז ער דאָרטען, וואו ער האָט געוואָלט קרעפטיג שילדערען, אַריינגעפאַלען אָפט אין סענ־זאַציע; וואו ער האָט געזוכט צו זיין מגושם'דיג פּרעהלאָך איז ער אָפט געוואָרען באַנאַל. די פּרימיטיווע נאַטירליכקייט איז אָפט געוואָרען מעלאָדראַמאַטיש און שונדיג. נאָך „מינא“ איז זיין ערש־טע פּיעסע געווען „די איסט סייד גהעטאָ“, א ביליגע מעלאָדראַמאַ־טישע שטיק. אין דער „פערלאָרענעם גן עדן“ ווערען די עמיליבע



בן עמי

צליה אדלער

בערטא גערסטען

און הגם זיין דראמע „שונאים“ האָט אויסגענומען, האָט ער זיין מעמדביים טהעאטער ניט פעסטער געמאכט. פערקעהרט, ער איז איצט געוואָרען איין איינגעבעטענער גאסט און עס איז רעכט, אז א סעזאָן זאָל אריבער און מען זאָל קיין איינציגע פיעסע זיינע ניט שפיעלען. דער זכות פון די „שונאים“ איז נאָך געווען געגוג, אז מען זאָל דעם צווייטען סעזאָן אויפפיהרען זיין „בריטש אָוו פראמיס“, א גוטע און געזונטע קאָמעדיע, וועלכע האָט געליטען צוליעב א סטרייק, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעבראכען אין טהעאטער, וואו מען האָט איהר געשפיעלט, און נאָכדעם מוז ער שוין אנקומען צו קליינע טהעאטערלאך. זיין נעקסטע פיעסע „יאנקעל בוילע“, איינע פון זיינע בעסטע פיהרט מען שוין אויף אין א קליינעם טהעאטערל, מיט א צווייטע קלאסע שפיעלער. און קאברין איז דער איינציגער וואָס זוכט איצט צו געבען א בעסערע ליטעראַרישע פיעסע.

קיין בליצען פון א טיעפען אינטעלעקט פון א שאַרפע בעאבאכטונגס־קראפט און פון א ברייטער קענען דאָס לעבען, זעהט מען ניט אין קיינע פון קאברינס פיעסען. אפט רופען זיי ארויס א פערדרוס מיט זייער פלאכקייט און רויהייט, נאָר זיינע בעסערע דראמען צייכענען זיך אויס מיט א טהירישער געזונטקייט. ער איז געשטאַנען נעהענטער צום פאָלקס־מענשען ווי גאָרדין און אריינגעבראכט מעהר אמעריקאנער פארב פון אידישען לעבען, ווי גאָרדין און הגם ער איז אידישער ווי גאָרדין, פעהלט אויך אין זיינע דראמען דער אמת'ער אידישער גייסט.

כמעט אין דער זעלביגער צייט מיט קאברינען האָט אָנגעהויבען צו שרייבען ז. ליבין.

ליבין האָט געהאט אן אויג פאַר שטילע און רוהיגע פארבען. ער האָט געגוג קאָליר געפונען אין דעם גרויען אין לעבען און אונטער זיין פענזיל זיינען די סאַרסטע פארבען פרעהליכער געוואָרען. דער גערויש און טומעל פון לעבען, די קאָכעדיגע ליידענשאפטען האָבען איהם געלאָזט קאלט און ער האָט זיין בעגייסטערונג געזוכט אין דעם וואָכעדיגען ווערקשטאט, אין די קליינליכע אלטעגליכע פאסירונגען.

פון איהם האט מען ערוואַרט, אז ער וועט ארויפברענגען מעהר נאטירליכקייט, מעהר אמת'ן לעבען אויף דער ביהנע, ניט די איי־בערטריבענע זעלטענע פאסירונגען, וואס זיינען דאס רוב די פרוכט פון דער פאנטאזיע, נאר די געוואוינליכע בעגעבענהייטען, מעשים בכל יום, און בעשטראהלען זיי מיט דעם חן, וואס זיין אויג האט אין זיי געזעהן. אפשר האט ער די ערשטע יאהרען גע־שטרעבט דערצו, נאר מחמת ער איז נאך געווען אונערפאהרען איז דאס איהם ניט אזוי געלונגען. זיכער איז, אז די ערשטע יאה־רען איז ער געווען ערנסטער אין זיין שאפען, נאר זיין קאריער אויף דער ביהנע איז אוועק אנדערש ווי ביי גארדין און קאברין. מיט די „געבראכענע הערצער“ הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין זיין דראמאטישער טהעטיגקייט, אבער דער נייער וועג פערשפרעכט ניט קיין גוטס זיין טאלאנט. וואס ווייטער ווערט ער אלץ מעהר סענ־טימענטאל־מעלאדראמאטיש און אלץ מעהר רוקט ער זיך אוועק פון דעם רעאלען לעבען. אין ניכען האט ער געוואונען א נאמען אלס דער דראמענשרייבער, וואס קען ציהען טרערען, און אין דער צייט וואס די בעסערע דראמע איז פערטריבען געווארען פון דער ביהנע, האט ער דארטען פערנומען נאר א גרויסען פלאץ. אלס פערפאסער פון מעלאדראמען און דערצו מיט א נאמען פון א בעסערען שריי־בער, איז ער געווארען ווי געוואונשען פאר דירעקטארען, וואס האבען נאך אביסעל בושה געהאט פאר זיך אליין.

ליבין אזוי ווי אלע אנדערע, וואס האבען געשריעבען פאר'ן אידישען טהעאטער האט אריינגעפיהרט אין זיינע שטיקער דעם קאמישען עלעמענט, און פון א ליטערארישען שטאנדפונקט, איז זיין קאמישער עלעמענט דער וויכטיגסטער טהייל, ווייל ער איז גענומען פון לעבען און טראגט אויף זיך דעם ריכטיגען שטעמ־פעל פון ליבין. אמאל איז דער קאמישער עלעמענט גראב און וואול־גאר און פשוט עקעלהאפט, אין איינער פון זיינע ערשטע פיעסען געהט ארום דער קאמיקער מיט א ליכט זוכען וואנצען אין די ווענד, אין זיין סאמע נייעסטער פיעסע גיט דער קאמיקער אנצוהערענים, אז ער לויפט אויף נקיות, נאר דאס רוב איז דער דאזיגער עלעמענט

טער בעזוכער, האָט זיך דער טהעאטער נאָך געהאַלטען עטליכע וואָכען און צום סוף געפּלאַצט.

נאָך אזא ערפאהרונג איז שילדקרויט פערבליבען אין ניו־יאָרק ביז נאָכ'ן סעזאָן און איז צוריק אַוועקגעפאָהרען קיין דייטש־לאַנד.

אין 1909 זיינען פון רוסלאַנד אַנגעקומען געסט. זיי זיינען געוועזען רחל קאַמינסקא, פריילין זאַסלאַווסקא און פּישזאָן. מיט די לעצטע צוויי האָט קעסלער געעפענט דעם סעזאָן אין טהאַליא טהעאטער, נאָר זיי האָבען זיך דאָ ניט אָנגענומען און זיי האָבען זיך באַלד צוריקגעקעהרט קיין רוסלאַנד. נאָך זיי איז אין טהאַליא טהעאטער אריין רחל קאַמינסקא און זי איז אָבגעשטאַנען א גאַנ־צען סעזאָן. אין עטליכע חדשים ארום איז צוגעקומען א. קאַמינסקי, נאָר ער איז ערגעץ ניט אנגאזשירט געוואָרען. ער האָט געדונגען א קליין פערוואָרפען טהעאַטערל, אבער האָט זיך דאָרטען לאַנג ניט געהאַלטען.

אין דער צייט איז אין אַמעריקא געקומען שלום אש. ער איז שוין געוועזען בעקאַנט דעם טהעאטער־בעזוכער דורך זיין „גאָט פון נקמה". מען האָט דאָ פריהער אויך אויפגעפיהרט דעם „חלום פון מיין פאָלק" און „מיט'ן שטראָם", נאָר זיי זיינען דורכגעפאַלען. ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף דער ביהנע, נאָר די דירעקטאָרען האָבען קיין איבריגען ענטהוזיאזם ניט ארויסגעוויזען מיט זיין קו־מען. דאָס איז געוועזען די צייט פון „פּינטעלע איד" און אַלץ וואָס איהם איז געלונגען איז געוועזען צו פערקויפען קעסלער'ן דעם „לאַנדסמאַן", א ביליגע קאָמעדיע וואָס איז אויפגעפיהרט געוואָרען שוין נאָך אש'עס אַוועקפאָהר און וואָס איז דורכגעפאַלען די ערשטע וואָך. דער „לאַנדסמאַן" איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין דעם ניי־ען טהעאטער, וואָס איז ערשט פאַרטיג געוואָרען און געטראָגען דעם נאָמען „קעסלער טהעאטער". דער דאָזיגער טהעאטער איז געבויט געוואָרען פאַר דער אידישער ביהנע אויף א שעהנער גאַס און איז דער גרעסטער, וואָס אידען פערמאָגען.

אין דעם נייען טהעאטער איז די שפע געוועזען א גרעסערע ווי אין די אַנדערע טהעאטערס. און דער ערשטער סעזאָן איז דאָרטען

א שטיק פון לעבען, וואָס הויבט אָן שטראַהלען אונטער ליבינס ווייכען הומאָר.

עס איז פערשפּאַרט צו זאָגען, אז זיינע שטיקער זיינען געוואוינליך גלאַטיג און צו ריכטען פון זיין „איינציגען עדות“ האָט ער די קראַפט דורכצופיהרען א פּסיכאָלאָגישע האנדלונג און געבען א בעסערע קאָנסטרוקציע.

און אין דער צרה'דיגער שלים־מזל'דיגער צייט איז אין ניו־יאָרק געקומען דער אידיש־דייטשער שוישפּיעלער רודאָלף שילד־קרויט. ער איז געקומען גאַסטראָלירען אין דעם דייטשען טהעאַטער און אויסגעכאַפּט האָט איהם טהאָמאַשעפסקי פאַר פּיפּלס טהעאַטער. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער בעזיצט א געזונטען אידיש און ווען ער זאָל קומען אין דער צייט פון דער אויפבליהונג פון דער בעסערער דראַמע, וואָלט ער א גרעסערן קיום געהאַט אין אידישען טהעאַטער, נאָר דער נייער עולם האָט שילד־קרויט'ן ניט געקענט אָבשאַצען און זיין שפּיעלען אין ריינעם אידיש איז געווען א חסרון, ווייל דאָס האָט בעשיינפּערליך בעוויזען דעם פּראָסטען טהעאַטער געהער, אז מען נעהמט איהם אויף זיכער און מען רעדט איהם איין פויגעלאך אין בוזים.

נאָר א קורצע צייט איז שילדקרויט געשטאַנען אין פּיפּלס טהעאַטער און איז נאָכדעם דעם גאַנצען סעזאָן ארומגעגאַנגען לעדיג. אויפ'ן צווייטען סעזאָן איז ער אריין אין נאַוועלטי טהעאַטער, אונטער דער דירעקציאָן פון פרוי אדלער. און הגם דער טהעאַטער „נאָוועלטי“ איז געווען מחוץ למחנה, און אין אלע ניו יאָרקער טהעאַטערס זיינען שטיקער געפאַלען, האָט אויסגעזעהן אזוי ווי שילדקרויט האָט געבראַכט די גאולה פאַר דער בעסערער דראַמע. נאָר פרוי אדלער האָט אויסגעדרוכט, אז זי ווערט פערדונקעלט פון שילדקרויט'ן און עס האָט זיך אָנגעהויבען א רייסעריי מיט נגישות מיט אונטערפּיסלאך, און דער פּועל יוצא איז געווען, אז ער האָט געמוזט ארויסטרעטען פון טהעאַטער אין מיטען סעזאָן. און הגם אין טהעאַטער איז אריין פרוי טהאָמאַשעפסקי, זעהר א בעליעבטע סוברעטין, מיט א גרויסער אנהענגערשאַפט און זי האָט צוגעטראָגען מיט א שטיק אין דעם סאַמע גוסט פון דעם פּראָסטען טהעאַ־

איז געשטאנען אין א בעזונדער טהעאטער אין ניו יארק. א חוץ דעם האבען די דירעקטארען געהאפט, אז צוזאמען וועלען זיי קענען אויפהויבען א קאפ קעגען דער אקטיארען יוניאן און דיקטירען איהר זייערע בעדינגונגען און טאקע איידער דער טראסט איז אלט געווארען עטליכע חדשים האט אויסגעבראכען א סטרייק אין זייערע צוויי טהעאטערס.

די צרה מיט'ן טראסט איז געווען, וואס די דירעקטארען האבען זיך געלאזט פערפיהרען פון א נאמען און זיי האבען פערגעסען, אז דאס איז געווען די אלטע קאמבינאציע מיט א נייען אונטערשלאק. זיי האבען ניט בעגריפען, אז א חוץ אלעמען קען א טראסט פון צוויי טהעאטערס קיין קיום ניט האבען, ווען ער איז ארומגערינגעלט מיט פינף מאל אזוי פיעל אונאבהענגיגע טהעאטערס. און דער עיקר איז, זיי האבען ניט פערשטאנען, אז ווען דער מוסטער פון קונסט אויף דער ביהנע ווייזט זיך ארוים אין א „פינטעלע איד“, זיינען שטערען א גאנץ איבריגע זאך אין טהעאטער. קונסט געהט דעמאלט אריין אין שוסטער־גאס און ווער עס וויל קען שפיעלען און ווער עס וויל קען שרייבען. און טאקע א פאר קלענערע טהעאטערס האבען געמאכט א סך, א סך בעסערע געשעפטען פון דעם טראסט.

דער טראסט האט געדויערט איין סעזאן און די נאכווייהענים האט אנגעהאלטען נאך א קארגען סעזאן. כדי צו פערבעסערן זייער איינענע מערכה האבען זיך קעסלער און טהאמאשעפסקי אוועקגעלאזט קיין רוסלאנד אנהויב זומער צווישען די צוויי סעזאנען. דארטען האט זיך טהאמאשעפסקי געטראפען מיט אסיף דימאוו, וועמעס „שמע ישראל“ ער האט מיט עטליכע יאהר צוריק אויפגעפיהרט. ער האט בייגעוואוינט א פארשטעלונג פון דעם „אייביגען וואנדערער“ און ער האט בעשיינפערליך געזעהן דעם איינדרוק, וואס די דאזיגע פיעסע האט געמאכט אויפ'ן צושויער. ער האט אנגעבאטען דימאוו'ן צו קומען קיין אמעריקא און יענער האט דעם פארשלאג אנגענומען.

דא האבען זיך די יוצרות ווידער איבערגעקעהרט. די בעסערע פיעסען האבען איצט דעם איינציגען מקום מנוחה געפונען אין

געוועזן פרעהליכער ווי אומעדום, און דאָס האָט די דירעקטאָרען איינגעגעבען א געדאַנק, אז די אלטע פעררופענע גאס, וואו זייערע טהעאטערס זיינען געשטאַנען איז אויסגעשפּיעלט, און זיי האָבען אָבגעזוכט אן אונטערנעהמער, וואָס האָט זיך פאר זיי געשטעלט בויען א נייען טעמפּעל פון קונסט אין שכנות מיט „קעסלער'ס טהעאטער".

ווען דער צווייטער נייער טהעאטער, אויף אזוי גרויס ווי קעסלערס, האָט געהאלטען ביים פארטיג ווערען, האָבען זיך די דירעקטאָרען דערשראָקען. אין ניו יאָרק איז דאָס יאָהר געוואָרען אן אויסכאַפּעניש אויף טהעאטערס. די מוזיק האַלס וואָס זיינען איצט געווען איינגאַנצען אויסגעשפּיעלט, האָבען זיך פערוואַנדעלט אין טהעאטערס און אין ניו יאָרק האָט מען דעם סעזאָן אָנגעצעהלט א גאַנצען צעהנדליג. די דירעקטאָרען פון די גרויסע טהעאטערס האָבען בעשלאָסען צו מאַכען א טראַסט און געגען אלע ערוואַרטונגען האָבען זיי עס דורכגעפיהרט, איידער זיי האָבען צייט געהאַט גוט צו בעטראַכטען זיך.

דער חשבון איז געווען, אז ווען זיי וועלען אלע זיין צוזאַמען און ניט דאַרפען קאָנקורירען איינער מיט'ן צווייטען, וועט ניט זיין נויטיג צו האָבען א בעזונדער טהעאטער פאר יעדען שטערן. עס האָט זעלטען געטראָפען, אז אלע טהעאטערס זאָלען האָבען אין דעם זעלביגען סעזאָן גרויס שפע און געוואוינליך ווען איינער אָדער צוויי גרויסע טהעאטערס האָבען זעהר גוט אויסגעמאַכט, איז דער דריטער געווען אויף צרות. מען האָט קיין מאָל ניט געקענט וויסען אין וועלכען טהעאטער די מזל ברכה וועט אריין. דער ערשטער אויפטהו איז געווען צו בעגרענצען די צאָהל גרויסע טהעאטערס אויף צוויי, און די שטערן האָבען זיך ארייַנגעקליבען אין די צוויי נייע טהעאטערס. טהאליא טהעאטער איז געבליבען שטעהן לעדיג און פּיפּלס איז פערדונגען געוואָרען פאר גוי'שע פאָרשטעלונגען. דאָס איז געווען פון איין זייט אן עקאָנאָמיע, און פון דער צווייטער זייט האָט דער נייער פּלאַן בעפרייט א שטערן פון שפּיעלען אין ניו יאָרק און ער האָט געקענט ארומפאָהרען איבער דער פּראָווינץ און מאַכען פאר'ן טראַסט בעסערע געשעפטען, ווי ווען ער

בענע בעסערע דראמע געווינט צוריק א פלאץ אויף דער ביהנע, אויב ניט דעם בכבוד'יגען פלאץ וואס זי האט פריהער פערנומען, איז לכל הפחות אן אייגענעם ווינקעל. און הגם אין די דערמאנטע עטליכע יאהר האבען ווידער געהאט אן אונגעהויער גרויסען ער־פאלג צוויי מעלאדראמעס, וועלכע האבען אלעמען איבערראשט דערמיט, וואס זיי זיינען געקומען גלייך איינע נאך דער צווייטער אין דעם זעלביגען טהעאטער, פון דעם זעלביגען אויטאר, און יעדע פון זיי איז געגאנגען כמעט א גאנצען סעזאן, אדער ריכטיגער צו דריי און צוואנציג וואכען. די דאזיגע צוויי מעלאדראמעס זיינען געוועזן „די לעבעדיגע יתומים" און דער „פרייז פון ליעבע" פון י. זאלאטארעווסקי. דאך איז די לאגע פון דער ביהנע שוין ניט געוועזן אזוי טרויריג ווי אין די יאהרען פון דער „אידישער נשמה" און „פינטעלע יוד". די דערמאנטע מעלאדראמעס גופא זיינען שוין געוועזן א שריט פארווערטס. אין זיי איז שוין ניט געוועזן די הפקרות פון אמאליגער היסטארישער אפערעטע און פון „פינטעלע איד". אין דעם „פרייז פון ליעבע" זיינען די סצענעס געוועזן געפלאכטען איינע אין דער אנדערער און די אקטען פערבונדען איינער מיט'ן צווייטען. אבער דער עיקר איז, אז דער ערפאלג איז ניט געוועזן קיין נויטווענדיגער נאר א צופעליגער און האט ניט אויסגעשלאסען די בעסערע דראמע פון דער ביהנע, און אויב די לעצטע האט ניט געקענט אזוי שטארק אויסנעהמען, האט זי שוין אבער געהאט א געוויסען קרייז, וועלכען זי איז געפעלען געוועזן און דאס הייסט, אז עס האט זיך שוין פארמירט פון דעם נעכטיגען ערב רב א גע־וויסער עולם פאר בעסערע פיעסען.

די מלחמה האט כמעט אין גאנצען אבגעשטעלט די איינ־וואנדערונג אין לאנד און דער שטענדיגער טהעאטער בעזוכער האט דערווייל צייט געהאט מעהר אדער ווייניגער צו ענטוויקלען זיין געשמאק. און דער געשמאק ענטוויקעלט זיך אפילו אהן דער הילף פון אויפקלערונג. און ניט האבענדיג קיין נייען עלעמענט אין טהע־אטער, האבען די דירעקטארען געמוזט זיך ריכטען מיט דער העכערער מבינות, וואס איז צוגעקומען דעם שטענדיגען טהעאטער בעזוכער.

טהאָמאשעפסקי׳ס נעשאָנאל טהעאטער, און בשעת אדלער האָט אין דיואי טהעאטער גע׳מענדעל־ביילים׳ט עם כל הנערים, און קעס־לער האָט געשטעלט ליבינס איין מעלאָדראמע נאָך דער צווייטער, האָט טהאָמאשעפסקי אויפגעפיהרט טאָלסטאָי׳ס לעצטע דראמע, וואָס איז דורכגעפאלען און אין א פּאָר חדשים ארום האָט ער גע־שטעלט דעם „אייביגען וואנדערער“ פון אָסיפּ דימאָוו, ניט אכטענ־דיג אויפ׳ן ראטה פון די שותפים און היימישע מענשען, און די אקטיאָרען וואָס האָבען געשפּיעלט אין דער דראמע און האָבען מיט איין מויל נביאות געזאָגט, אז עס וועט זיין א חרפּה צו זיין אין טהעאטער דעם אבענד פון דער ערשטער פאָרשטעלונג, אזוי מאוס וועט די פּיעסע דורכפאלען. נאָר די נבואה איז ניט מקוים געוואָרען, און דער „אייביגער וואנדערער“ האָט שטארק אויסגענומען ביי ניו־יאָרקער פּובליקום. נאָך דעם זעלביגען סעזאָן האָט טהאָמאשעפסקי אויפגעפיהרט דימאָוו׳ס „געדונגענעם חתן“ און די נייע פּיעסע איז דורכגעפאלען. דעם צווייטען סעזאָן האָט ער דעם טהעאטער געעפענט מיט דימאָוו׳ס צייט־בילד „מלחמה“, און די דאָזיגע פּיע־סע איז אויך דורכגעפאלען.

אין דעם זעלביגען סעזאָן איז ווידער געקומען קיין אמעריקא שלום אש און ער האָט אויך א מקום מקלט געפונען אין נעשאָנאל טהעאטער פאר זיין „אונזער גלויבען“, וואָס האָט קיין ערפאָלג ניט געהאט. דאָ האָט מען אויך דעם סעזאָן געשפּיעלט אברהם שאָמער׳ס „גרינעם מיליאָנער“, פארסמעסיגע קאָמעדיע, אָהן פּרע־טענזיעס, אבער א גלאטע און פון לעבען גענומען. און דעם דריטען סעזאָן האָט ער אויפגעפיהרט „ישראל׳ס האָפנונג“, א דראמע, און „די נעקסט־דאָריגע“ א קאָמעדיע פון ל. קאָברין און דער „שנירעל פּערל“ פון שלום אש. אונטער די אלע דריי יאָהר האָט מען אין קעסלערס טהעאטער אויפגעפיהרט בלויז צוויי בעסערע פּיעסען: „דער פאלשער משיח“ פון מארק ארנשטיין און „יעדער מיט זיין גאָט“ פון ד. פּינסקי. אויך אדלער האָט אויפגעפיהרט צוויי בעסערע פּיעסען דער „איד“ פון עדלין און קופערמאן און „צובראָכענע געטער“ פון בוקשטיין.

עס האָט שוין אָנגעהויבען אויסצוזעהן אזוי ווי די פּערטרי־

לאַנג געווען אַן אקטיאָר און דער צווייטער איז געווען נאָהענט פער־בונדען מיט'ן טהעאטער אין לאָנדאָן. ראַקאָוו האָט אריינגעבראכט דאָס גאנצע פעקיל גרינס אין טהעאטער און ער האָט אויף זיין אייגענעם רעכענונג א גאנצע סדרה שטיקער, וואָס האָבען צו טהאָן מיט גרינע, ווי „דער גרינער בחור“, „די גרינע מויד“ און דאָס גלייכען. זאלאטארעפסקי ווידער האָט אריינגעבראכט „די ווייסע שקלאַפען“ אין די סאמע נידריגע אונטערוועלט אין טהעאטער, הגם ראקאָוו האָט מיט איהם אין דעם קאָנקורירט.

זאלאטארעפסקי האָט די ערשטע יאָהרען זיך מעהר געשניטען אויף לאטיינער און הורוויטשעס שטייגער און זיינע ערשטע שטיקער זיינען צוזאמענגעשטעלט ווי זייערע, מיט דער גאנצער גוזמא־דיגקייט, איבערטריבענקייט און הפקרות. זיינע שאנסען צו האָבען א שטיק אויפגעפיהרט איז מעהר אָבגעהאנגען אן דעם ערפאָלג אָדער דורכפאל פון זיין פריהערדיגער שטיק. אויב זיינע א שטיק איז דורכגעפאלען, זיינען די טהירען פון טהעאטער פאר איהם פערמאכט געוואָרען אויף א לאנגע צייט, נאָר ווען א שטיק זיינע האָט אויס־גענומען האָט ער געהאט די מעגליכקייט צו פערקויפען א צווייטע. ער האָט דאריבער א לאנגע צייט זיינע שטיקער אויפגעפיהרט אין קליינע טהעאטערס אין ניו יאָרק אָדער גאָר אויף דער פראָווינץ און ארויסגערוקט צום פראָנט האָט ער זיך ערשט אין דער צייט פון די „לעבעדיגע יתומים“ און „פרייז פון ליעבע“, און צוויי סעזאָנען איז ער געווען דער צוויבערער פון דער ביהנע. אבער אזוי ווי ער האָט דעם זעלביגען צויבער נאָך אמאל ניט דערוויזען, איז ער ווי־דער פעררוקט געוואָרען צום הינטערגרונט. זיינע שטיקער צייכע־נען זיך אויס מיט שטארקע סיטואציעס און זיי האָבען שטענדיג א מוסר השכל.

אין ראקאָוו'ס שטיקער ליגט די געוויכט מעהר אויפ'ן פאַרסי־שען עלעמענט, א גראבער, האמאטנער, און וואו זאלאטארעפסקי נעהמט מיט די שטארקע מעלאָדראמאטישע סיטואציעס, נעהמט ראקאָוו מיט'ן גראָבען פארס.

דער קאָנטראסט פון זיי איז אברהם שאָמער: זיינע שטיקער צייכענען זיך אויס מיט לייכטקייט, וואָס איז כמעט פרעמד דער

נאָר עס געדויערט א לאנגע צייט ביז א געשמאק ענטוויקעלט זיך און דערוויי איז געשאפען געוואָרען אין טהעאטער אן איבער־גאנגס עפּאָכע, גראד ווי דאָס איז געשעהן אין די ניינציגער יאָה־רען, און דאָס מאכט מעגליך אז מען זאָל שפּיעלען סיי א נארעשע שטיק און סיי א בעסערע דראמע אוןביידע סאָרטען האָבען א שאנס אָדער דורכצופאלען אָדער אויסצונעהמען.

אין גרונט ווידערהאָלט זיך אין טהעאטער די זעלביגע גע־שיכטע פון די ניינציגער יאָהרען, מיט דעם אונטערשייד וואָס איצט דארף מען אָנהויבען צוריק פון אלף בית, בשעת פאר די אוי־גען שטעהט א גאנצער רעפּערטואר פון גוטע דראמען. און דאָס שטעלט אין א שלעכטער לאגע דעם בעסערען שרייבער. ער איז גע־צוואונגען צו מאכען קאָמפּראָמיסען, וועלכע מיט פינף און צוואנ־ציג יאָהר זיינען בעגעגענט געוואָרען מיט ליוב־געזאנגען און פאר וועלכע איצט קען ער נאָר געטאָדעלט ווערען.

די ערשטע דראמענשרייבער זיינען כמעט אלע ארונטער פון דער סצענע, די מייסטע זיינען געשטאָרבען און די אנדערע האָבען פערלאָרען זייער אָנהאלט אויף דער ביהנע. דער איינציגער וואָס ווייזט זיך נאָך אמאָל אויף דער ביהנע, איז יאָזעף לאטיינער, אבער אין טהעאטער האָט מען שוין לאנג פערגעסען זיין אמאָליגע גדולה. די שרייבער וואָס זיינען נאָכדעם געקומען, א חוץ קאברין און ליבין, וועגען וועלכע עס איז שוין געווען גערעדט, זיינען יצחק זאָלאטארעפסקי, נחום ראקאָוו, משה ריכטער, י. קאָרנבליט, אברהם שאמער און פאָרהטיגע דראמענשרייבער פון רוסלאנד זיינען צוגע־קומען ד. פּינסקי, שלום אש און אָסיפ דימאָוו. דאָס הייסט די צאָהל פון די שרייבער וואָס מאכען פּיעסען פאר'ן אידישען טהעאטער איז א סך, א סך א גרעסערע, נאָר די אנדערע אָדער זיי ווייזען זיך אמאָל אין א שמיטה אָדער זיי קומען ארויס מיט א פּאָר שטיקער און ווערען פערשוואונדען. פון די אויסגערעכענטע שרייבער האָבען זיך מעהר אָנגעזעהן אויף דער ביהנע צייט עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס פאלען פון דער בעסערער דראמע זאָלאָטאָרעפסקי און ראקאָוו, ביידע האָבען געקענט די מלאכה פון דער ביהנע, וועלכע זיי וויסען מעהר פון אינערווייניג ווי פון דרויסען, דער ערשטער איז יאָהרענ־

סערגעוואוינליכע און פאלט דאריבער אפט אריין אין מעלאדראמע און זיין סטיל ווערט באמבאסטיש. זיין „מאמע" דארף זיין א גאנץ רעאליסטישע זאך, נאר עס פעהלט אין איהר לעבען. „יעדער מיט זיין גאט" דארף שוין זיין סימבאליסטיש און קומט ארויס מעלאָ־דראמאטיש. „גאברי און די פרויען" איז ניט קיין לעבען, ניט קיין פאנטאזיע, דאס איז א נאקעטער טהעזיס מיט באמבאסטישע פראזען.

אסיף דימאוו איז געקומען צום אידישען טהעאטער מיט דער פארטיגער פארם, וואס איז די לעצטע יאהרען געברויכט געווארען אויף דער אייראפעאישער ביהנע. זיינע פיעסען צייכענען זיך אויס מיט מעהר שטימונג ווי אינהאלט, זיי זיינען מעהר סצענעס ווי דראמען. ניט דורכגעטראכט נאר אנגעווארפען אונטער דעם ערש־טען איינדרוק. די שילדערונגען זיינען לייכט, אבגעריסען. דער אי־בערגאנג פון דער רוסישער ביהנע צו דער אידישער האט איהם אביסעל צוטומעלט, ער האט פארלארען זיין מאסשטאב און גענו־מען טאפען אין דער פינסטער. עס האט צו איהם אפעלירט די שווע־רע האנדלונג, וואס גרעניצט מיט סענזאציע, און זיין לייכטער זשאנר האט זיך אין דעם פערלארען. „מלחמה" איז געווען די פרובט פון דעם דאזיגען איינפלוס און עטליכע יאהר נאכאנאנד האט ער זיין גלייכגעוויכט ניט געקענט געפינען. געקומען צוריק איז ער אין זיין פיעסע „די וועלט אין פלאמען", וואס איז געשריעבען לייכט, אבגעריסען, מיט א מיסטישער צופארבונג, ניט דערזעדט און ניט דערזאגט און איז פול מיט שטימונג.

א חוץ די שרייבער, וואס שאפען פאר דער ביהנע זיינען פאר־האן נאך אנדערע, וואס פערדיענען גרויס אויפמערקזאמקייט און דאס זיינען יענע, וואס רעכענען זיך ניט מיט קיינע פאדערונגען פון דעם טהעאטער און שרייבען ווי די מוזע דיקטירט זיי.

דער וויכטיגסטער פון די דאזיגע שרייבער איז י. ל. פרץ. עט־ליכע זאכען זיינע האט מען געשפיעלט סיי אין רוסלאנד און סיי אין אמעריקא, נאר דאס איז געשעהען מעהר צוליעב דעם שרייבער ווי צוליעב די ווערק, און ביי דעם גאנצען כבוד וואס דאס פאלק האט אויף איהם געלעגט, האבען זיי קיין ערפאלג ניט געהאט.

אידישער ביהנע. זיינער א סיוזשעט, צו א פארס, צו א קאָמעדיע, צו א טראגעדיע איז זעהר איינפאך און ער בעזיצט א געבוירענע פערשטענדניס פאר דער ביהנע. ער בעשאפט מיט גאר קליינע מיטלען שעהנע עפעקטען. זיינס א שטיק איז ניט קיין זאק, וואו עס איז אנגעשטופּט מיט כל המינים, נאר בעשטעהט פון א גאנצער האנדלונג, דורכגעפיהרט מיט דער גרעסטער עקאנאמיע. זיינע שטיקער זיינען דאָס רוב פלאך, אבער זיי בעליידיגען ניט דעם בעסערען געשמאק און אמוזירען דעם ברייטען עולם.

משה ריכטער, הגם זיין „טייבעלע" האָט געהאט מיט יאהרען צוריק א היבשען ערפאָלג, איז ער ביז די לעצטע יאָהרען געווען דערווייטערט פון דער ביהנע און ארויסגעריסען האָט ער זיך מיט זיין „צו שפּעט" און „איהר ערוואכונג", ביידע שטיקער פון דער אונטערוועלט. ער און אזוי אויך קארנבליט שיידען זיך אונטער פון די אנדערע שרייבער פון דעם סאָרט דערמיט, וואָס זייערע שטיקער זיינען איינפאכע און עס בעמערקט זיך אין זיי מעהר אָדער וועניגער א שטרעבונג צו נאטירליכקייט. אין זיי בעגעגענט מען אָפט א לאקאלע סצענע מיט דעם ריכטיגען קאָליר, געמאָלט אויף א בעל הבית'ישען אופן.

שלום אש האָט געשאפען איין פּיעסע, וואָס שיינט ארויס פון דעם אידישען רעפּערטואר מיט איהר גאנצקייט, ווייכקייט און קינסטלערישער שעהנקייט. דאָס איז „דער גאָט פון נקמה". דער טאָן איז אויסגעהאלטען פון אָנהויב ביז'ן סוף און אלע איינצעלהייטען פיהרען צום אונפערמיידליכען שלום. אין דער פּיעסע זעהט מען ניט נאר דאָס הייזעל נאר אויך די נשמה פון די געפאלענע און געזונקענע און זי איז ארויסגעבראכט אין די איידעלסטע שטריכען. אבער אין די אנדערע פּיעסען איז שלום אש ניט געווען אזוי גליקליך. איינינע בעלאנגען גיכער צו דער דראמאטישער ליטעראטור און אנדערע האָבען ניט קיין איבריגען ליטערארישען און קיין דראמאטישען ווערטה.

דוד פּינסקי הגם ער שרייבט שוין פּיעסען א יאָהר צוואנציג, האָט נאך אליץ זיין וועג ניט געפונען. דאָס געוואוינליכע, דאָס אלטעגליכע האָט פאר איהם קיין בעדייטונג ניט און ער זוכט דאָס אויי־

א צווייטע פרץ'ס דראמע איז אין „פאליש אויפ'ן קייט“. דא איז דוקא פארהאן א דראמאטישע האנדלונג, וואס דארף זיין פערשטענדליך פאר יעדען איינעם, נאר דער דראמאטישער איינדרוק ווערט דא צושוואומען.

פון די אנדערע דראמען שרייבער, וואס בעלאנגען מעהר צו דער ליטעראטור זיינען די וויכטיגסטע פרץ הירשביין און וויטער. פרץ הירשביין האט שוין אנגעשריבען קרוב דריי צעהנדליג דראמען און אמאטארען שפיעלען אפט זיינע פיעסען און עס איז א חדוש פאר וואס מען פיהרט ניט אויף געוויסע פון זיי אין טהעאטער. פיעלע פון די ערשטע פיעסען זיינע שטעהען נעהענטער צום טהעאטער ווי צו דער ליטעראטור.

עס איז שוין געווען דערמאנט, אז איין סעזאן האט ניו־יארק אליין געהאט אן ערך פון צעהן אידישע טהעאטערס. די צאהל פון שטענדיגע אידישע טהעאטערס איז פאר די לעצטע אכצעהן־צוואנציג יאהר געווען געוואוינליך דריי און אפט אויך פינף. דאס זיינען די גרויסע „לעגיטימע“ און אנערקענטע טהעאטערס. נאר זייט ביי זייט מיט זיי זיינען אויך געווען אין די לעצטע צעהן יאהר קליינע זייטיגע טהעאטערס. אזעלכע זיינען געווען אמאל איינער און אמאל גאנצע זעקס און אפשר זיבען. דער אונטערשייד צווישען זיי איז בעשטאנען אין דעם, וואס אין די לעגיטימע טהעאטערס האבען געשפיעלט אנערקענטע אקטיארען, אלע פון דער יוניאן, מיט א שטערן בראש יעדער קאמפאניע און די שטיקער זיינען געווען נייע, בשעת אין די קליינע טהעאטערלאך זיינען די שפיעלער געווען אזעלכע, וואס זיינען ערשט אריבער פון מוזיק האל צום טהעאטער און האבען ערשט געזוכט אנערקענונג אדער אקטיארען פון דער אלטער וועלט וואס זיינען אריבערגעקומען אין דער צייט, וואס די יוניאן איז שוין געווען געגרינדעט און מען האט זיי אהין ניט אריינגענומען. עס פערשטעהט זיך, אז אין די קליינע טהעאטערס זיינען קיין שטערן ניט געווען און אויך די שטיקער וואס מען האט דארטען געשפיעלט זיינען געווען אדער אלטע אדער אזעלכע וואס מען האט אין די גרויסע טהעאטערס ניט געוואלט אויפפיהרען.

די קליינע טהעאטערס האבען אויף אזא אופן געענטפערט נאר

פּרץ איז ניט געווען קיין דראַמענשרייבער פאַר דער ביהנע. פּרץ איז אַ שרייבער פון בליצען, וועלכע קענען אָנהאַלטען נאָר אַ הרף עין, אָבער ניט פון קיין דראַמע וואָס מוז האָבען אַן אָנהויב, אַ מיטען און אַ סוף. ווען ער איז שוין געווען אַריבער פיערציג, דאָס הייסט מיט אַ געשטעלטען טאַלאַנט, האָט זיך איהם אפילו ניט גע׳חלומ׳ט אַז ער וועט ווען עס איז פּרובירען דאָס פעלד פון דראַמע. דעמאָלט האָט ער אַליין ערקלערט, אַז דאָס איז ניט פאַר זיין טאַלאַנט, גראַד ווי דער ראָמאַן איז ניט געווען פאַר זיין זשאַנר. זיין גרויסקייט האָט זיך אַרויסגעוויזען אין קורצקייט, שאַרפקייט און גייסטיגע פייערווערק. און הגם איהם איז שפּעטער געלונגען צו שאַפען עטליכע דראַמאַטישע ווערק צייכענען זיי זיך מעהר אויס מיט זייער ליטעראַרישען ווערט, ווי מיט׳ן דראַמאַטישען.

מערקווירדיג, וואָס פּרץ, וועלכער האָט דער ערשטער אַריינגע־פיהרט דעם מענשען אין דער אידישער ליטעראַטור האָט אין דער דראַמע דוקא אַריינגעבראַכט דעם אמת׳ן עכטען אידען. זיינע דראַ־מען זיינען די סאַמע אידישע וואָס אונזער ביהנע פערמאָגט. אין זיין וויכטיגסטער דראַמע „די גאָלדענע קייט“ איז פערקערפּערט די גאַנצע אידישקייט מיט איהרע האָפנונגען און גלויבען און שטרע־בען און טראַכטען, און זי איז די אידישטע דראַמע וואָס איז ווען געשריבען געוואָרען. אידיש איז דער גייסט, אידיש איז די אַטמאָס־פער, אידיש איז דער סטיל, און אַ זעלטענער חן פון פּאָעזיע איז אויסגעגאָסען אויף אַלץ. דער דראַמאַטישער איינדרוק ווערט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, נאָר ער קומט ניט אַזוי פון געוואוינליכער בעדייטונג, וואָס די ווערטער דריקען אויס, ווי פון אַ צווייטער שטו־מער בעדייטונג, וואָס די אַטמאָספערע שאַפט אַרום און פרעסט איין אויפ׳ן מאַרך.

אויף קיין ביהנע וועט „די גאָלדענע קייט“ ניט מאַכען דעם איינדרוק, וואָס זי רופט אַרויס ביים לייענען. דאָס איז אַ פאַנטאַ־זיע, וואָס טאָר ניט האָבען קיין מגע ומשא מיט ערדישער בעקליי־דונג און מאַכט אַ רושם נאָר, ווען זי אַפּעלירט צום לעזער׳ס פאַנטאַ־זיע. דאָס איז אַ דראַמע געשאַפען פאַר דער ליטעראַטור און ניט פאַר דער ביהנע.

וואס די גרויסע שפייען, פון רעסטוועגען קען זיין מעגליך, אז אין די קליינע טהעאטערס זאל מען אויך אויפפיהרען בעסערע פיעסען, וואס מען וואלט זיך אבגעשראקען צו שטעלען אין די גרויסע און אויף אזא אופן קענען זיי האבען זייער פערדיענסט ביי דער בעסערער דראמע.

דאס פיהרט דערצו, אז די מחיצה צווישען די קלענערע און גרעסערע טהעאטערס זאל אבגעראמט ווערען. אזוי איז פון א קליינעם טהעאטער ארויסגעשפרונגען אין די לעצטע צוויי יאהר געבעלם טהעאטער. אליין אן אקטיאר און פערפאסער האט געבעל יאהרענלאנג געשפיעלט אין א קליינעם טהעאטער. ביסלעכווייז האט ער געשאפען אן אייגענעם רעפערטואר און אין 1916 האט ער איבערגענומען ליפצין טהעאטער און שפיעלט איצט מיט א געמישטער קאמפאניע, דאס הייסט עטליכע אקטיארען זיינען אזעלכע וואס האבען פריהער געשפיעלט אין די גרויסע טהעאטערס.

די מיטגליעדער פון די קליינע טהעאטערס האבען אויך געגרינדעט זייערע א יוניאן און עס וועט מסתמא לאנג ניט געדויערען און די אקטיארען פוןביידע יוניאנס וועלען זיך אזוי אויסמישען, אז מען וועט ניט וויסען, ווער איז ווער.

א חוץ די גרויסע און קליינע טהעאטערס האבען אין ניו יארק און אין אנדערע גרויסע שטעדט אין אמעריקא פונקציאנירט דראמאטישע קלובען.

די ערשטע דראמאטישע קלובען זיינען דאס רוב בעשטאנען פון פערקאכטע טהעאטער בעזוכער, אדער ווי זיי הייסען אויף'ן לשון פון אידישען טהעאטער „פאטריאטען“. דאס זיינען געווען יונגע בחורים, וואס זיינען געווען גרייט ניט צו דערעסען און ניט צו דערטרינקען אבי צו געהן אין טהעאטער. ווען זיי האבען געגרינדעט א דראמאטישען קלוב, איז זייער איינציגער צוועק געווען צו שפיעלען. אזעלכע קלובען האבען לאנג קיין קיום ניט געהאט און ווי זיי זיינען שטיל געבארען געווארען אזוי זיינען זיי שטיל אונטערגעגאנגען. איינער פון די עלטערע קלובען האט געטראגען דעם נאמען פון אברהם גאלדפאדען. שפעטער האט יעדער מעהר אדער ווייניגער בעקאנטער אקטיאר געהאט א קלוב, וואס האט געטראגען

א לאָקאַלע פּאַדערונג און זיינען מייסטענס פּאַטראָניזירט געוואָרען פון די שכנים פון די ארומיגע גאַסען.

נאָר אויב אין די ערשטע יאָהרען איז זייער בעדייטונג פאַר דער ביהנע געווען גאָר א קליינע, איז זי פיעל גרעסער געוואָרען אין די לעצטע עטליכע יאָהר. א דאַנק א געוויסער תקנה וואָס איז דורכ־געפיהרט געוואָרען אין ניו יאָרק מיט א יאָהר זעקס צוריק, איז ניט נאָר זייער צאָהל פערקלענערט געוואָרען, נאָר זיי מוזען אויך האָ־בען א פּנים פון טהעאַטערס. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז אין די קליינע טהעאַטערס זאָלען בלייבען די בעסערע קרעפטען און עס איז מעגליך געוואָרען אויפצופיהרען דאָרטען א נייע פּיעסע.

עס איז אמת, אז דער צושטאַנד פון די קליינע טהעאַטערס איז אַזאַ, אז זיי קענען בשום אופן ניט קויפען קיין נייע פּיעסע פון א בעקאַנטען פּערפאַסער, דאָרטען קען מען ניט שפּיעלען מעהר ווי פינף מאָל איין זאַך. נאָר דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען דער בעקאַנ־טער אויטאָר קען אויפפיהרען זיינע שטיקער אין די גרויסע טהעאַ־טערס. אבער אַזוי ווי אין די גרויסע טהעאַטערס גלויבט מען אין פירמעס, טרעפט מיט יעדען פּערפאַסער, אז די דירעקטאָרען זאָגען זיך אב צו קויפען זיינע ווערק, ווען א צוויי דריי שטיקער זיינע פאַ־לען דורך איינס נאָך דעם אנדערען. דעמאָלט קומען איהם צו הילף די קליינע טהעאַטערס און זיי גיבען איהם א געלעגענהייט צו ווייזען די דירעקטאָרען, צו זיין נייע פּיעסע געפינט חן ביים עולם צו ניט. אויף אַזאַ אופן זיינען אין די לעצטע עטליכע יאָהר אויפגעפיהרט געוואָרען פריהער אין די קליינע טהע־אַטערס שטיקער, וואָס זיינען לכתחילה פערבראַקירט געוואָ־רען פון די לעגיטימע טהעאַטערס, און נאָכדעם ווי די דירעקטאָרען האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן ווי אַזוי דער עולם נעהמט זיי אויף אין א קליינעם טהעאַטער, האָבען זיי די זעלביגע שטיקער אויפגעפיהרט ביי זיך.

נאָך וויכטיגער איז וואָס די קליינע טהעאַטערס גיבען די מעג־ליכקייט נייע פּערפאַסערס צו ווייזען זיך אויף דער ביהנע. די קליינע טהעאַטערס קענען ניט זיין אַזוי קלייבעריש און זיי עפענען א וועג פאַר זיי צו די גרויסע טהעאַטערס. עס איז אמת, אז די קליינע קייען

אָסיף דימאָוו

שלום אש



פּרץ הירשביין

שלום עליכם 3!

דוד פּינסקי



י. ל. פּרץ

זיין נאמען. און עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס האבען זיך ניט אידענטיפיצירט מיט קיינע אקטיארען און אקטריסעס.

פון די דאזיגע קלובען זיינען ארויסגעקומען פיעלע אקטיארען, וואס פערנעהמען מעהר אדער ווייניגער אן אנגעזעהענעם פלאץ אין אידישען טהעאטער. פון די עלטערע קלובען זיינען ארויסגעקומען בעלא גודינסקי, טארנבערג, בועז יאנג, וועקסלער, האבשטיין, שניאר, וועלכער האט זיך אין א קורצער צייט צוגערוקט גאר נאהענט צום סאמע אויבען אן און וועלכער איז פריהצייטיג געשטארבען (1915). שפעטער זיינען פון די קלובען ארויסגעקומען רובין, שווארץ, גאלדסמיטה, טענענהאלץ און אנדערע.

די מייסטע שפעטערדיגע דראמאטישע קלובען זיינען געגרינדעט געווארען מיט א רעפארמאטארישען צוועק און האבען געזוכט צו ענטוויקלען א פובליקום פאר דער בעסערער דראמע. דער לייטענדער גייסט פון דעם וויכטיגסטען דראמאטישען קלוב אין ניו־יארק איז געווען יואל ענטין, און אונטער זיין אויפזיכט זיינען אויפגעפיהרט געווארען איינאקטערס, איבערגעמאכט פון פרץ'ס סקיצען, ווי „דער בטלן“, „משוגע'נע“, „אין קעלער שטוב“ און אויך פון אנדערע גוטע שרייבער. זיי האבען אויך אויפגעפיהרט גאנצע דראמען, ווי שלום עליכם'ס „צוזייעט און צושפרייט“, הירשביינס „תקיעת כף“, „איינזאמע וועלטען“, „אין דער פינסטער“ און דאס גלייכען.

צוליעב דעם מאנגעל אין בעסערע אידישע דראמען, האט דער קלוב אויפגעפיהרט איבערזעצטע דראמען, ווי „דאס גליק אין ווינקעל“, „שמעטערלינג שלאכט“ פון זודערמאן, „דאס גליק“ און „טאנץ פון ליעבע און טוידט“ („זלאטא רונא“) פון פשיבישעווסקי, „ליעבעליי“, „ליטעראטור“, פופענשפיעלער“ פון שניצלער, „איינזאמע מענשען“, „פריעדענספעסט“ פון הויפטמאן און דאס גלייכען.

ארום 1912 האבען די מיטגליעדער פון דעם פראגרעסיווען דראמאטיק קלוב דערוויזען צו דינגען א שעהנעם און אנשטענדיגען זאל, נאר צוליעב די נייע שטאדט תקנות האבען זיי דעם זאל ניט געקענט עפענען און דער קלוב איז אונטערגעגאנגען.

די וויכטיגסטע דראמאטישע קלובען מיט א העכערען צוועק זיינען איצט אין קליוולענד און שיקאגא. זיי, מיט דער הילף פון אנדערע אזעלכע דראמאטישע קלובען, האבען ארויסגעגעבען פּרץ הירשביינ׳ס דראמאטישע ווערק אין פינף כרכים, און זיי זיינען גרייט צו טהאן פאר דער בעסערער דראמע אלץ וואס זיי קענען.

ביים סוף 1917 איז די מאטעריעלע לאגע פון די אידישע טהעאטערס פיעל פארבעסערט געווארען. ניו יארק גופא צעהלט איצט צוויי גאר גרויסע טהעאטערס — קעסלער׳ס צווייטע עוועניו טהעאטער און נעשאנאל טהעאטער, — צוויי גרויסע טהעאטערס — פּיפּלס און גרענד — און צוויי קלענערע טהעאטערס — געבעל׳ס און לענאקס עוועניו טהעאטער.

אין ברוקלין, וואס איז אפּגעטהיילט פון ניו יארק דורך א טייך, זיינען פארהאן צוויי אידישע טהעאטערס: ליבערטי און ליריק.

די הוצאה פון גאר א גרויסען טהעאטער בעטרעפט צווישען פיער און פינף טויזענד דאלאר א וואך. די הוצאה פון א גרויסען טהעאטער איז צווישען דריי און פיער טויזענד א וואך.

א חוץ ניו יארק זיינען פארהאן אידישע טהעאטערס אין פילא־דעלפיא (צוויי), נוארק (איינער), באלטימאר (איינער), קליוולענד (איינער און אמאל צוויי), שיקאגא (איינער), דעטראיט (איינער). אויך קענעדע פארמאגט א פּאר אידישע טהעאטערס. די דאזיגע זיינען אלע סטאבילע טהעאטערס. און וואס איז שייך צו צו־פעליגע פארשטעלונגען, איז ניטא קיין שטאדט און שטעדטעל אין די פאראייניגטע שטאטען, וואס ווערט ניט בעזוכט פון א אידישער קאמפּאניע. געוויינליך, אזוי גיך ווי דער ׳סעזאן ענדיגט זיך אין די סטאבילע טהעאטערס, לאזען זיך אוועק די קאמפּאניעס אויף א טור איבער׳ן לאנד און וואו נאר עס וואוינען אידען, שטעלען זיי זיך אפּ און גיבען פארשטעלונגען.

די צאהל אנערקענטע אקטיארען וואס בעלאנגען צו דער יוניאן לאקאל איינס דערגרייכט קרוב צו הונדערט. אין דער דאזיגער יוניאן קומען אריין אלע אקטיארען פון די גרויסע טהעאטערס, א חוץ פיער־פינף, וועלכע זיינען די שטערען אדער בעלי־בתים. פיע־

אויף אזא אופן שטעקט די גאנצע ביסעל אָרימקייט פון דער אידישער דראמע אין די גרויסע און גאָר גרויסע טהעאטערס, און די שטרעבונג אין ניו יאָרק איז תמיד געווען צו האָבען די אידישע טהעאטערס וואָס גרעסער.

אָבער דער פיזישער וואוקס פון דעם טהעאטער קומט ניט אין פּראָפּאָרציע מיט דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דער דראמע. פערקעהרט, וואָס גרעסער א טהעאטער וואקסט אין שטח, וואָס מעהר שטוהלען עס ווערען אהין ארייגעשטעלט, אלץ ווייניגער ווערט דאָרט דער פּלאַץ פאר דער בעסערער דראמע. דער גרויסער טהעאטער פאָדערט א גרויסע מאסע בעזוכער, און די גרויסע מאסע איז קיין מאָל ניט קליינבעריש. דער עסטעטישער געשמאק ביי א גרע־סערער מאסע איז אין דורכשניט פיעל גרעבער ווי ביי א קלענערען פּובליקום. א פאָרשטעלונג אין אַ גרויסען טהעאטער נעהמט גיכער אָן דעם כאראקטער פון א ספּעקטאקעל און א שטיק מוז דאָ פער־מאָגען מעלאָדראמאטישע עלעמענטען. א חוץ דעם, איז זעהר שווער צו שפּיעלען אין גאָר א גרויסען טהעאטער מעהר אָדער ווייניגער נאטירליך, ווי עס פאָדערט די בעסערע דראמע. דער אקטיאָר מוז אָנשטרענגען זיין קול, כדי די בעזוכער פון די ווייטסטע רייהען זאָלען איהם הערען. און דער רעזולטאט דערפון קען זיין נאָר איי־נער: דער זעלביגער קול וואָס קלינגט אין די ווייטסטע רייהען נא־טירליך, קומט ארויס אין די נעהענטערע רייהען שרייענדיג און גרילצענד. אויך די בעוועגונגען פון דעם אקטיאָר און זיין מימיק מוזען זיין איבערטריבען. עס איז איבריג צו זאָגען, אז אין אַזאַ טהעאטער קענען ניט ארויסקומען קיין האלבע טענער און איידעלע שאטירונגען, און דאָס בעסטע אין שפּיעלען ווערט פערלאָרען.

דער איניציאטאָר פון גאָר די גרויסע טהעאטערס איז געווען מאקס ווילנער, אן אמעריקאניזירטער יונגערמאן מיט מעהר אונ־טערנעהמונגס־גייסט, ווי די פריהערדיגע דירעקטאָרען. נאָר די בע־סערע דראמע האָט דערפון ניט געוואונען.

די לעצטע צייט האָט זיך אָנגעהויבען צו מערקען א בעוועגונג פאר קלענערע אינטימע טהעאטערס, נאָר דאָ שטעהען אין וועג די טהעאטער יוניאָנס.

לע אקטיארען זיינען שוין געווען דערמאנט פריהער און די אנדערע זיינען: ב. אויערבאך, בן עמי, ד. באראץ, א. קאנראד, י. קאהן, ס. פערקויף, ל. פריער, ל. גאלדשטיין, י. גילטמאן, ד. גראל, האכ־שטיין, ל. היימאן (פרעזידענט פון דער יוניאן), י. קעסלער, א. ליאנסקי, ד. לעווענסאן, ס. מאנע, ה. מייזעל, ח. נאטאנזאן, ה. נאדאלסקי, מ. סימאנהאף, א. שראגע, משה שאר, ג. שאכט, י. שעהנ־גאלד (זוהן פון אבא שעהנגאלד), מ. שווייד, א. שווארץ, מ. טעפ־ליצקי, י. וועקסלער.

די פרויען זיינען:

אבראמאוויטש, ציליע אדלער, פרענסים אדלער (ביידע טעכ־טער פון יעקב אדלער) בריה, אפעל, בירנבוים, קאהן, עפשטיין, פערקויף, דינע פיינמאן, גודינסקי, גרינבערג, גרינפעלד, גאלד־שטיין, גורעוויטש, גערסטען, קארפ (טאכטער פון שרה קארפ), לאוויטש, לאבעל, לאסקער, פריילין לובריצקי, פרוי לוּבריצקי, מא־נע, מאגולעסקא, (טאכטער פון קאמיקער מאגולעסקא), נאדאלסקי, רעגינא פראגער, סאבינא ראזענטהאל, שראגע, שאר, שאפירה, שניאר, זילבערט, טאבאטשניקאוו, עני טהאמאשעפסקי, ווילענסקי, דארא ווייסמאן, בעסי ווייסמאן, וויינטרויב, רעגינא צוקערבערג און זיבעל.

די אקטיארען פון די קלענערע טהעאטערס זיינען אין צאהל כמעט אזוי גרוים ווי די אנדערע און זיי האבען שוין אויך ארוים־געגעבען עטליכע שוישפיעלער, וואס וועלען מיט דער צייט פערנעה־מען אן אנגעזעהענעם פלאץ אויף דער ביהנע.

די אנערקענטע טהעאטערס זיינען די גרויסע און גאר די גרוי־סע אין ניו יארק, און זייער השפעה ווערט פערשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד און אויך איבער די אנדערע לענדער. פינף און ניינ־ציג פראצענט פון אלץ וואס ווערט געשאפען פאר דער אידישער ביהנע אין אמעריקא קומט פריהער אין די דאזיגע טהעאטערס און ווען א שטיקט נעהמט דא אויס, האט עס א פארטיגע הסכמה פאר דער פראווינץ און, פערקעהרט, ווען א שטיק פאלט דא דורך, ווערט עס אן אבגעשלאגענע הושענא פאר יעדען אנדער טהעא־טער.

און צוזאמען מיט דער היסטאָרישער אָפּערע איז פון דער ביהנע אויך פערשוואונדען דער אידישער גייסט פון דער ביהנע. עס איז שוין פריהער געווען ארומגערעדט, אז וועניג אידישעס איז געווען אין די היסטאָרישע אָפּערעס, נאָר פיעל וועניג איז דאָרט עפּעס געווען. אבער אין די אזוי גערופענע „לעבענשטיקער" האָט מען זיך אלץ מעהר און מעהר דערווייטערט פון דעם עכטען אידי־שען לעבען, און מען האָט די ביהנע געבראכט צו אזא צושטאַנד, אז אן אמת'ע אידישע דראמע האָט שוין דאָ מעהר קיין פּלאַץ ניט. די אקטיאָרען פיהלען זיך אין אזא שטיק ווי א שמענדריק, און זיי האָבען מורא, אז יעדע אידישע האנדלונג וועט דעם דורכשניטליכען צושויער זיין פרעמד און אונפערשטענדליך.

מיט'ן ווייזען זיך פון יעקב גאָרדין אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא האָבען די אקטיאָרען אָנגעהויבען צו רעדען מאמע־לשון אָהן פּתח'ן און אפילו די העלדען האָבען גערעדט אידיש, אָבער ביז היינטיגען טאָג האָט יעדער אקטיאָר מורא פאַר א העברעאישען וואָרט, וואָס ווערט געברויכט אין פאָלק און פאר אן עכטען אידיאָמאַטישען אויסדרוק. און מערקווירדיג, זיי האָבען די זעלביגע ערקלערונג פאר זייער פערבלייכטען אידיש, ווי פריהער פאר'ן דייטשמעריש: דער אידישער עולם אין אמעריקא וועט ניט פערשטעהן אן עכטען אידיאָמאַטישען אידיש. דאָס הייסט, אז מיר האָבען דאָ אין אמעריקא אן עלעמענט, וואָס איז אויסגעוואקסען און ערצויגען געוואָרען אויפ'ן אַמעריקאנער באָדען און וואָס פער־שטעהט נאָר אן אויבערפלעכליכען אידיש און דאריבער מוז מען ארויסקוועטשען די גאנצע זאפט פון דער שפּראך, כדי זי זאָל ניט זיין אונפערשטענדליך פאר די דאָזיגע טהעאטער בעזוכער.

אָבער דאָס איז געווען כמעט די זעלביגע ערקלעהרונג, פאר וואָס מען האָט געברויכט דייטשמעריש די ערשטע יאָהרען אויף דער ביהנע אין אמעריקא. דעמאָלט זיינען צווישען די בעזוכער ניט געווען קיין אויסגעוואקסענע און ערצויגענע אויפ'ן אמעריקאנער באָדען, נאָר דערפאר זיינען די בעזוכער געווען איינגעוואנדערטע, וואָס זיינען געקומען פון פערשיידענע לענדער, און עס האָט געהיי־סען, אז פאר אז געמישטען פּובליקום דאַרף מען האָבען א שפּראך

די ערשטע יאָהרען אין אמעריקא איז די גאַנגבאַרסטע סחורה אויף דער אידישער ביהנע געווען די היסטאָרישע אָפּערע, נאָר אין די לעצטע צוואנציג יאָהר האָט זי אָנגעהויבען צו פאַלען אין פּרייז, ביז זי איז אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען, און עס איז פון איהר מעהר קיין זכר ניט געבליבען.

עס וואָלט געווען אונמעגליך צו ערקלערען אזא ערשיינונג מיט א ראדיקאַלער ענדערונג און דעם געשמאַק פון דעם טהעאטער בעזוכער. פון די געצעהלטע עטליכע היסטאָרישע שטיקער, וואָס זיי־נען אויפגעפיהרט געוואָרען אין די לעצטע צוואנציג יאָהר, האָבען עטליכע דוקא געהאט א גרויסען ערפאָלג, ווי, למשל, הורוויטש'עס „בן הדור“, זייפערט'ס „מלכת שבא“, נאָר פּיעלע אורזאכען האָבען געארבייט צו פערטרייבען איהר פון דער ביהנע.

די היסטאָרישע אָפּערע האָט געפאָדערט א רייכע אויסשטאַ־טונג און רייכע דעקאָראַציעס און זי האָט אריינגעטריבען אין א גרויסע הוצאה. צוזאמען מיט די גרויסע אויסגאַבען וואָס א טהעאַ־טער האָט די לעצטע יאָהרען, איז דאָס א גאַנצער פערמעגען, און ווען אזא שטיק פאַלט דורך, קען ווערען א סוף מיט'ן טהעאטער. אין „לעבענשטיקער“ לאָזט זיך די הוצאה אויף אויסשטאַטונג און דעקאָראַציעס קירצען ווי מען וויל און די מאָס פון ריזיקע איז דאריבער א סך א קלענערע.

די אקטיאָרען גופא האָבען אויך פערלאָרען דעם חשק צו דער היסטאָרישער אָפּערע. ווען זיי זיינען יונג געווען, איז געווען א קרן צו קענען זיך ווייזען פאר אן עולם אין לייב קאָלירטען טריקאָ און קעקעריש טראָגען א מאנטעל פערוואָרפען איבער די אקסלען און שפּאַנען גאוה'דיג מיט א שווערד איבער דער ביהנע. נאָר די אק־טיאָרען זיינען עלטער געוואָרען, האָבען אָנגענומען צופיעל לייב פאר טריקאָ און מען קען שוין מיט די פאָרמען ניט שטאָלצירען.

און דערצו האָבען די מייסטע פערלאָרען זייערע שטימען. מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק זיינען זיי געווען אלע אויסגעצייי־כענטע זינגער, און איצט איז שוין כמעט ביי אלעמען די שטימע געבראָכען, הייזעריג און מיט אזא כלי קען מען אין אָפּערעס ניט ארויסטרעטען.

גאנצע ארבייט, וואָס איז געטהאָן געוואָרען מיט אזוי פיעל זעלבסט־אָפּפערונג, און מען האָט דאָ צוריק געדארפט אָנהויבען פון סאמע אָנהויב. די אוננאָרמאלע לאגע פון דעם אידישען פאָלק בכלל האָט געמאכט די לאגע פון דעם אידישען טהעאטער אוננאָרמאל אפילו אין אזעלכע לענדער, וואו ער איז בעוואָרענט פון רדיפות, נגישות און אכזריות און האָט פולשטענדיגע פרייהייט.

וואָס זאָל זיין פערשטענדליך סיי פאר׳ן אידען פון גאליציען, סיי פאר׳ן אידען פון רומעניען און סיי פאר׳ן אידען פון רוסלאנד, און ווי זיי האָבען געדענקט, האָבען זיי עס דערגרייכט דערמיט, וואָס זיי האָבען פערביטען די קמץ׳ען מיט פתח׳ן.

איבריגענס, דאָס איז אלץ די פרוכט פון דער אוננאָרמאלער לאגע פון אידישען טהעאטער.

עס איז געווען די אוננאָרמאלע לאגע פון דעם אידישען פאָלק, וואָס האָט געמאכט די לאגע פון דעם אידישען טהעאטער אוננאָר־מאָל. די רדיפות פון דער אידישער אומה האָבען זיך אבגערופען אויפ׳ן אידישען טהעאטער און געשטערט זיין ענטוויקלונג. מיט אייגענע טהעאטערס פון צוויי טויזענד יאָהר צוריק ביי זיך אין דער היים האָט דער איד אין יעדען לאנד וואו ער איז פערטריבען געוואָרען אין גלות געדאַרפט אנהויבען פון סאמע אנהויב ווען נאָר ער האָט געמאכט א פערזוך צו שפיעלען טהעאטער. דעם טרויע־ריגסטען ביישפיעל פון דער דאָזיגער אוננאָרמאלער לאגע האָבען מיר געזעהן אויף אונזערע אויגען. שטיינדעל צו שטיינדעל האָט גאָלדפאַדען געקליבען ביז איהם איז געלונגען צו לעגען אין מיטען פון די זיבעציגער יאָהרען דעם פונדאמענט פאר א אידישען טהעא־טער און אין קורצע עטליכע יאָהר האָט דער נייער בנין פערשפראָ־כען צו ווערען א ציערונג פאר׳ן פאָלק, נאָר די אכזריות׳דיגע צאַ־רישע רעגיערונג האָט מיט איין קלאפּ געמאכט א תל פון אלץ, און די בויער פון טהעאטער האָבען געדאַרפט אנהויבען צוריק פון סאמע אנהויב. אין דער נייער היים פון דעם אידישען טהעאטער, אין דער פרייער אמעריקא האָט אויסגעזעהן, אז דאָ וועט דער אידישער גייסט קענען שאפען רוהיג און קיינער וועט שוין ניט שטערען זיין ענטוויקלונג. און דער נייער בנין אין דער נייער היים האָט זיך אויפגעהויבען הויך און אימפּאָזאנט און האָט ארויסגערופען די בע־וואונדערונג פון אייגענע און פרעמדע. עס האָט אויסגעזעהן, אז קיין רוח אין דער וועלט וועט שוין דעם נייעם בנין ניט ריהרען פון אָרט. נאָר דער בייזער ווינד איז געקומען און געקומען איז ער פון אי־בער יענער זייט ים, פון דעם זעלביגען צארישען רוסלאנד און ווי־דער געמאכט א חורבן פון דעם שעהנעם בנין און צושטערט די

געקומען, איז ניט געווען ווער עס זאָל פאַרנעהמען זייערע רייהען. פריהער פלעגען די ניי־איינגעוואַנדערטע אויספילען די לעדיגע פלע־צער, נאָר איצט זיינען קיין נייע איינגעוואַנדערטע ניט געווען, און ווי מען איז ניט געוואוינט צו טראַכטען ביים טהעאַטער, האָט מען דאָך געמוזט איינזעהן די אַלגעמיינע אומצופרידענהייט מיט דער אידישער ביהנע. עס האָט זיך קלאָר און דייטליך געגומען ארויסווייזען, אַז די אָנגענומענע באַגריפען, די פעסטע כּללים, דער גאַנצער שלחן ערוך פון דעם טהעאַטער, האָבען באַנקראָטירט און נאָך קלערער און דייטליכער האָט זיך דאָס ארויסגעוויזען אין דער בעסערער דראַמע.

דעם שווערסטען קלאַפּ האָבען געקריגען אונזערע גרויסע שטערען, וועמעס נעמען זיינען געווען פאַרבונדען פון די פריהער־דיגע צייטען מיט דער בעסערער דראַמע. זיי האָבען געזיפצט און געפרעגט: וואו נעהמט מען איצט אַ יעקב גאָרדין? און זיי האָבען צוגעשריבען דעם תהו ובהו פון טהעאַטער צו דעם, וואָס מיר האָבען ניט נאָך אַזאַ שרייבער, וואָס זאָל קענען שאַפען אַזעלכע פּיעסען, ווי י. גאָרדין. זיי האָבען אין גאַנצען פאַרגעסען, אַז אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער זיין אנהאַלט אויפ'ן טהעאַטער פאַרלאָרען, און זיי האָבען קיינער ניט פאַרשטאַנען דעם צייכען פון דער צייט און האָבען זיך פעסט געהאַלטען ביי די פאַר־עלטערטע מושגים און זיינען געגאַנגען מיט'ן אַלטען אויסגעטראָ־טענעם וועג.

און קיין וואַרנונגען האָבען ניט געפעהלט.

ווען באָרים טהאָמאַשעפסקי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין גאַסטראָל אין רוסלאַנד, האָט ער מיטגעבראַכט אָסיפּ דימאָוו'ס „אייביגער וואַנדערער". דאָס איז געווען די צייט פון דעם טראָסט און ער האָט געוואָלט, אַז קעסלער זאָל אויפפיהרען די דאָזיגע פּיע־סע און שפּילען אין איהר. טהאָמאַשעפסקי האָט די דאָזיגע פּיעסע געזעהן געשפּילט אין רוסלאַנד און דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף די צושויער, און ער האָט געלערענט אַ קל וחומר: מה דאָך אַ גוי'אישער עולם ווערט געריהרט פון דעם „אייביגען

די נייערע דראַמע.

מען האָט געדארפט ערווארטען, אַז די גרויסע מלחמה, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט די וועלט, אָנגעצונדען די געהירען און ארונטערגעשליידערט די הימלען און ארויפגעשלעפט די טיפסטע תהומ'ען — אַז די דאָזיגע גרויסע מלחמה האָט אָפּגעטעמפּט דעם מענשענ'ס אַפּעטיט צו אַלץ, וואָס איז רוהיג, שטיל און פאַרשטענדליך און געשאפען ביי איהם אַ באַגעהר נאָך עפּעס טומעלדיגעס און רוישיגעס און כאַאָטישעס. מען האָט אויך געדארפט ערווארטען, אַז די ביהנע וועט זיין די ערשטע, וואָס וועט ווערען באַאיינפלוסט פון דער מלחמה און וועט אָננעהמען די פאָרם און געשטאלט וואָס די אויפגעטרייסעלטע נערוועז און צוהיצטע מוחות האָבען איהר געדאַרפט געבען. אָבער דאָס איז מיט דער אידישער ביהנע אין אַמעריקא ניט געשעהן. די גרויסע מלחמה איז פארבייגעגאנגען די ביהנע און האָט איהר כמעט ווי ניט אָנגעריהרט. די עטליכע מלחמה שטיקער, וואָס האָבען זיך באַוויזען אויף דער ביהנע זיינען געווען נאַרעשע מעלאָדראַמעס און האָבען באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע „צייט־שטיקער".

דער איינפלוס פון דער מלחמה אויף דער אידישער ביהנע האָט זיך יאָ געלאָזט מערקען גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. צוליעב דער מלחמה איז די איינוואַנדערונג קיין אַמעריקא כמעט אין גאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען און דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז דער אידישער טעאַטער איז אין גאַנצען געוואָרען אָפּהענגיג פון די שטענדיגע באַזוכער און ווען זיי זיינען אין טהעאַטער ניט

שפּיעלט.. דער קעניג פון דער ביהנע, יעקב פּ. אדלער, איז געבלי־בען אָהן אַ טהעאַטער און די דירעקטאָרען פון די אַנדערע טהעאַ־טערס האָבען זיך ניט געאיילט צו אַנגאַזשירען איהם און ער איז געצוואונגען געווען צו שפּילען אַ פּאָר סעזאָנען אין פילאַדעלפיא אָדער ארומוואָגלען איבער דער פּראָווינץ. דוד קעסלער האָט גע־האַט אַ טהעאַטער, וואָס איז לכתחילה געבויט געוואָרען פאַר איהם און וואָס האָט געטראָגען זיין נאָמען. נאָר ער האָט באַשיינפּער־ליך געזעהן, ווי ער פאַרלירט זיין פּובליקום. און זיין טהעאַטער איז געקומען צו אַזאַ מדרגה, אַז מען האָט יעדע וואָך אָדער יעדע צוויי וואָכען געדאַרפט שטעלען אַ נייע שטיק, און דער סוף איז געווען, אַז אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער געמוזט פאַרלאָזען זיין טהעאַטער, ווערען אוים דירעקטאָר און שפּיעלען פאַר פרעמדע פאַר שכירות.

נאָר אַפּילו דעמאָלט, ווען דאָס אַלץ איז שוין געשעהן, האָבען זיי נאָך אַלץ ניט באַגריפען, אַז דער שלחן ערוך, ביי וועלכען זיי האָבען זיך אַזוי פעסט געהאַלטען דורך זייער לאַנגער קאַריערע, האָט שוין מעהר קיין ממשות ניט און זיי האָבען געקוקט אויפ׳ן נייען עולם ווי אויף משוגעים.

אין 1918 איז די דייטשע טרופּע, וואָס האָט יאָהרענלאַנג גע־שפּיעלט אין אוירווינג פּלייס טהעאַטער, געצוואונגען געווען צו פאַר־לאָזען איהר טעמפּעל פון קונסט און אויפגעבען איהר שפּיעלען. צוליעב דער מלחמה איז געוואָרען ניט זיכער פאַר דייטשע שפּיע־לער צו ציהען אויף זיך איבריגע אויפמערקזאַמקייט און צו פאַר־שפּרייטען דייטשע קונסט. מען האָט געקענט יעדען אבענד ער־וואַרטען אַ סקאַנדאַל אין טהעאַטער אָדער גאָר אַ פּאָגראָם, ווייל מען האָט דעמאָלט שטאַרק געהעצט דעם המון געגען די אמערי־קאַנער דייטשען. דאָס איז געווען די סאַמע צייט פאַר זיי אויפ־צוגעבען זייער טהעאַטער, ווייל עטוואָס שפּעטער האָט מען שוין אַפּילו איינצעלנע פאָרשטעלונגען ניט ערלויבט זיי צו געבען.

דער אוירווינג פּלייס טהעאַטער געפינט זיך עטוואָס אָן אַ זייט פון דעם אידישען טהעאַטער־קוואַרטאַל און מען האָט גערע־כענט, אַז עס איז זעהר ריזיקאַליש צו פאַרוואַנדלען איהם אין אַ

וואַנדרער", אַ פּשיטאַ שוין אַ אידישער עולם וועט דאָך ארויס פון די כלים פון אַזאַ שטיק.

אָבער ווען קעסלער האָט געהערט לייענען דעם „אייביגען וואַנדרער", האָט ער אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען און ערקלערט, אַז ער זעהט ניט איין, וואָס דאָרטען קען געפעלען ווערען אַן עולם און וואָס ער זאָל האָבען צו שפּילען. דער „אייביגער וואַנדרער" איז ניט געוועזען געגאָסען אין דעם פורעם, וואָס איז געווען אָנגענומען פאַר דער בעסערער דראַמע און אויך ניט געגאָסען אין דעם באַקאַנטען פורעם פון דער מעלאָדראַמע.

טהאָמאַשעפסקי האָט אַליין אויפגעפיהרט דעם „אייביגען וואַנדרער" און ער האָט געהאַט אַ היבשען ערפאָלג. אָבער די „שטערען" האָבען דערפון גאָר ניט געלערענט און האָבען זיך נאָך אַלץ געקלאָגט: וואו נעהמט מען אַ יעקב גאָרדין?

אין יענער צייט איז פּרץ הירשביין געקומען קיין אַמעריקאַ מיט אַ גרויסען פּאַרטיגען רעפּערטואַר. ער האָט געלייענט זיינע פּיעסען פאַר יעדען „שטערען" און דירעקטאָר און זיי האָבען ווי־דער ניט געזעהן, וואָס אַזוינס איז דאָ צו שפּילען אין אַזעלכע שטי־קער. עס איז אמת, אַז אין נאַיוועלטי טהעאַטער, וואָס האָט זיך דעמאָלט געעפענט, האָט מען ביי איהם גענומען אַ פּיעסע. אויך טהאָמאַשעפסקי האָט גענומען די „פּוסטע קרעטשמע", אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי גענומען, הגם די כונה איז מסתמא געווען צו שטעלען זיי. נאָר עס איז געווען געווען איבערצולייענען זיי פאַר די קאָמפּאַניעס אין די דערמאָנטע טהעאַטערס, אַז זיי זאָלען אויסשפּייען דריי מאָל מיט אַ שקץ תשקצנו. און מען האָט זיי אין יענע טהעאַטערס טאַקע קיינמאָל ניט געשפּילט.

און דאָ איז געשעהן עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט בשום אופן ניט געקענט פאָראויסזעהן. די שטערען, וועלכע האָבען גע־האַט די גרעסטע השפּעה אויף דער ביהנע און געוועלטיגט איבער איהר אין אַ לאַנגען משך פון איבער דרייסיג יאָהר, האָבען פּלוצ־לונג דערפיהלט, אַז זייער ממשלה האָט זיך געענדיגט. מרס. ליפּ־צין איז שוין ניט נאָר לאַנג געבליבען אָהן אַ טהעאַטער און אָהן אַן אַנגאַזשמענט, נאָר זי איז שוין געוואָרען אין גאַנצען אויסגע־

האָט איהם פשוט געפעהלט די קענטניס פון דער נייער בעסערער דראַמע. וואָס אַזוינס זאָל זיין די נייע בעסערע דראַמע און מיט וועלכע פאָדערונגען פון דעם שטאַנדפונקט פון טהעאַטער זאָל מען צו איהר צוטרעטען? ווער איז דער נייער עולם און וואָס אַזוינס פארלאַנגט ער? וואָס וועט איהם צופרידענשטעלען? פארוואָס איז די גאָרדינישע דראַמע, וועלכע האָט שוין גע׳גוסס׳ט אין די לעצטע יאָהרען פון גאָרדינ׳ס לעבען געוואָרען אין גאַנצען אויס־געשפּיעלט און טוידט פאר׳ן טהעאַטער? און נאָך אַלעמען איז גאָר פאראַן אַזא עולם, וואָס פאָדערט אַ נייע דראַמע און איז דאָס ניט קיין איינגערעדטע מעשה, אַ קראַנקע פאַנטאַזיע פון בטלנים? אויף די דאָזיגע אַלע פראַגען האָט ער לחלוטין קיין ענטפער ניט געקענט געבען.

עס איז געוועזען אַ צופאַל, וואָס אין זיין קאָמפּאַניע איז געוועזען דער יונגער שפּיעלער בן עמי, וועלכער האָט דוקא מעהר געוואוסט וועגען דער נייער בעסערער אידישער דראַמע און עס איז געוועזען אויף זיין רעקאָמענדאַציע, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעפיהרט פּרץ הירשביינ׳ס קאָמעדיע „אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל״. בן עמי איז מיט יאָהרען פריהער געוועזען אַ מיטגליד פון הירשביינ׳ס טרופּע, וואָס האָט ארומגעוואָגעלט איבער רוסלאַנד און ער איז ניט נאָר טהעאָרעטיש געוועזען באַקאַנט מיט די נייערע בעסערע פּיעסען, נאָר ער האָט אויך פּראַקטיש געוואוסט, ווי אַזוי זיי זיינען אויפ־גענומען געוואָרען פון דעם עולם.

„אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל״ איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין אַ געוואוינליכען וואָכעדיגען אָוועגט און הגם צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז געקומען זעהר אַ קליינער עולם, האָט אָבער שוואַרץ ריכטיג אָפּגעשאַצט דעם פּובליקום. ער האָט באַשיינפּערליך גע־זעהן, אַז אַלע פעסטע כללים, וואָס זיינען דעמאָלט געוועזען פעסט אָנגענומען אין טהעאַטער, האָבען לחלוטין קיין ממשות ניט. אין דעם אַלטען חדר איז געוועזען אָנגענומען, אַז אַ שטיק דאַרף זיין געזאַלצען און געפעפערט, און אויב ניט, וועט דער עולם אַנשלאָ־פען ווערען; אַ שטיק דאַרף זיין טהעאַטראַליש, מוז האָבען אַ שטאַרקע האַנדלונג און די פארבען דאַרפען זיין געדיכטע, אַז ניט

אידישען טהעאטער. נאָר דער יונגער אַקטיאָר מאָרים שוואַרץ האָט דאָ דערזעהן אַ געלעגענהייט צו ווערען דירעקטאָר און ער האָט אויסגעכאַפּט דעם דאָזיגען טהעאטער. זיין שטילער שותּף אין דעם דאָזיגען טהעאטער איז געווען מאַקס ווילנער, אַן ערפאַ־רענער דירעקטאָר, נאָר דאָס איז געהאַלטען געוואָרען, צוליעב גע־וויסע טעמים, בסוד און פאר דער וועלט האָט געהייסען, אַז מ. שווארץ איז דער איינציגער פאראנטוואָרטליכער דירעקטאָר.

קיין באַשטימטען פּראָגראַם האָט דער יונגער אַקטיאָר און אומ־ערפאַהרענער דירעקטאָר ניט געהאַט, נאָר ער האָט געהאַט אַמ־ביציע און ענערגיע. ער האָט באַצייטענס מודיע געווען, אַז זיין טהעאטער וועט זיך אָפּגעבען מיט בעסערע דראַמען, אָבער ער איז אויסגעוואַקסען אין דעם אַלטען חדר, מיט אַ חשק צו דער בעסערער דראַמע, נאָר אָהן אַ גלויבען אין דעם עולם. און אַזוי גיך ווי ער איז געוואָרען דירעקטאָר, האָט ער זיך געלאָזט געהן אין די טריט פון דוד קעסלער. דאָס הייסט, עס האָט אָנגעהויבען צו זוכען אַזעל־כע שטיקער, וואָס זאָלען זיין אַ קאָמפּראָמיס צווישען דער שריי־ענדיגער מעלאָדראַמע און דער שווערער בעסערער דראַמע. אַגן, פארשטעהט זיך, ער האָט ניט געקענט האָבען קיין בעסערען מזל מיט אַזעלכע שטיקער, ווי עס האָט געהאַט דוד קעסלער. אַזעלכע שטיקער האָבען קיינעם ניט צופרידענגעשטעלט.

און וואָס איז שייך צו בעסערע פּיעסען, איז ער ווידער גע־גאַנגען איבער דעם אויסגעטראָטענעם וועג. בעסערע פּיעסען האָט מען געזוכט אין דעם רעפּערטואַר ביי די אומות העולם. אַזוי האָט זיך נוהג געווען יעקב אדלער בשעתו. אַזוי האָט געטאָן דוד קעס־לער און אַזוי האָט אויך געטאָן מאָרים שוואַרץ. שוין פאר דעם ערשטען סעזאָן האָט ער צוגעגרייט אַ טוץ פרעמדע פּיעסען. נאָר דאָ האָט ער גיך אויסגעפונען, אַז דער עולם האָט אַ קנאַפּען חשק צו זעהן פרעמדע פּיעסען אין אידישען טהעאטער, ווייל עס ווערט קיינמאָל ניט ארויסגעבראַכט די נויטיגע אַטמאָספער און די שפּיע־לער ווערען אין זיי פארלאָרען.

אַזוי ווייט האָט מאָרים שוואַרץ מיט זיין אמת'ער אייזערנער ענערגיע און גרויסע אַמביציע קיין זאַך ניט אויפגעטאָן, ווייל עס

חרשות, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געריכענט צו זעהן זיי דאָר־טען. דער ערשטער איז געווען רודאָלף קריסטיאַנס, דער שטערען און געוועזענער דירעקטאָר פון דעם זעלביגען טהעאַטער, ווען ער איז געווען א דייטשער. ער איז ערשיענען אין „אוריאל אַקאָסטאַ", פריהער אין דער ראָל פון אַקאָסטאַ און נאָכדעם פון רבי עקיבה. פארשטעהט זיך, אז צו דער דאָזיגער פאָרשטעלונג זיינען אויך גע־קומען דייטשען און אין א ספּיטש, וואָס ער האָט געהאַלטען פון דער ביהנע, האָט ער זיך על חטא געשלאָגען, וואָס אין די אַלע יאָהרען פון זיין דירעקציאָן האָט ער זיך קיינמאָל די מיה ניט גע־נומען צו זעהן די קונסט אין אידישען קווארטאַל, און ווי איבער־ראשט ער איז איצט געוואָרען צו זעהן, ווי הויך זי האָט זיך אַנט־וויקעלט אין אידישען טהעאַטער און וואָס פאַר א פיינע שפּיעלער די אידען פאַרמאָגען דאָ. און ער האָט געבעטען די דייטשע צו־שויער, אַז זיי זאָלען פּאַטראָניזירען די אידישע קונסט. גע־שפּיעלט האָט ער זיינע ראָלען אין דייטש. באַלד נאָך איהם איז געקומען גרעטא מאַיער, וועלכע האָט פריהער פאַרנומען דעם אויבען־אָן אין דעם דייטשען טהעאַטער, און זי האָט שוין איהרע ראָלען געשפּיעלט אין אידיש. איהר אידיש איז די ערשטע צייט געווען זעהר א געבראָכענער, נאָר זי האָט זיך מיט'ן אידישען לשון אָפּגעגעבען און האָט זיך אפילו אויסגעלערענט צו לייענען גע־כתיבה'טען אידיש און האָט פלייסיג געלייענט איהרע ראָלען (אפשר איז דאָ כדאי צו באַמערקען, אז די אידישע יונגע אַקטריסעס, וואָס זיינען דאָ ערצויגען געוואָרען, קענען קיין אידיש ניט לייענען און זייערע ראָלען קריגען זיי געשריבען מיט ענגלישע בוכשטאַ־בען). גרעטא מאַיער איז שוין מעהר פון דער אידישער ביהנע ניט אָפּגעטראָטען און איז אויך אריינגעטראָטען אין דער אַק־טיאָרען־יוניאָן.

נאָך איהר איז געקומען דזשעני וואַליער, וועלכע האָט פריהער געשפּיעלט אויף דער דייטשער ביהנע. זי האָט זיך אויך גע־מאַטערט צו שפּיעלען אידיש און הגם דער לשון איז איהר אָנ־געקומען שווערלאך, איז זי דאָך אויך געבליבען אויף דער אי־דישער ביהנע.

וועט דער עולם ניט אויסזיצען קיין צווייטען אקט; א שטיק טאָר ניט זיין דורכאויס טראַגעדיע אָדער דורכאויס קאָמעדיע, נאָר דאָס טראַגישע דאַרף זיין אויסגעמישט מיט׳ן קאָמישען, און דער געלעב־טער דאַרף אויף א ווײַלע פאַריאָגען דעם טרעהר, אז ניט וועט זיך דער עולם פיהלען לאַנגווײַליג; אין יעדער שטיק מוז דער שלוס־אקט זיין אזוי שטארק און פאַקענד, אז דער צושויער זאָל דעם רושם פיהלען דורך דעם גאַנצען אנטראַקט, אז ניט וועט דער פאָרהאַנג פאַלען אויף א טוידטען הויז און קיין האַנט וועט זיך ניט הויבען צו אפּלאָדירען; אין יעדען שטיק דאַרף דער ערשטער ארייננטריט פון דעם וויכטיגסטען שפּיעלער זיין צוגעגרייט פון פריהער אזוי, אז דער עולם זאָל שוין אויף איהם וואַרטען און אלע אויגען זאָלען זיין אויסגעשטעלט אויף איהם און אזוי אויך דאַרף יעדער עקזיט זיינער פאַרמאָגען עפּעס אזוינס, וואָס זאָל ארויסרופען א שטאַרקען אפּלאָז. דאָס איז נאָר א טייל פון די דינים, וואָס זיינען שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרען אין טהעאַטער און פון וועלכע מען האָט ניט געטאָרט אָפּטרעטען. און הירשביין האָט לחלוטין ניט געוואוסט די דאָזיגע דינים, נאָר אָנשטאָט דער קליינער עולם זאָל גענעצען און אנטלויפען — האָט ער זיך גאָר גוט אַמוזירט און האָט דוקא אפּלאָדירט די שטילסטע פּלעצער.

מאָרים שוואַרץ האָט ארויסגעוויזען א געזונטען חוש, ווען ער האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר דער שוואַכער איינגאַהמע און האָט געשטעלט „אין א פאַרוואָרפען ווינקעל״ א צווייטען מאָל און נאָכ־דעם ריזיקירט אויפצופיהרען די זעלביגע פּיעסע פרייטאָג, שבת און זונטאָג. און דאָ האָט זיך אויך ארויסגעוויזען דער אונטערשייד צווישען איהם און די אנדערע, וואָס האָבען זיך געהאַלטען ביים טהעאַטער־שלחן־ערוך. ער האָט ניט געזאָגט ווי די אנדערע, אז דאָס איז א צופאַל, נאָר ער האָט גלייך באַגריפען, אז עס איז גע־שאַפען געוואָרען א נייער עולם, פאַר וועמען די גאָרדינישע דראַמע איז געווען טוידט און ער איז געווען איבערצופריעדען צו ווערען דער אָנפיהרער פון דער נייער אידישער דראַמע.

אין דעם זעלביגען סעזאָן האָבען זיך אויף דער אידישער ביהנע, אין אווירווינג פּלייס טהעאַטער, באַוויזען אזעלכע פּנים

בלייבען די אַנדערע, גראָד אַזעלכע וויכטיגע טיילען, וואָס זאָלען געווינען חן ביים עולם.

דער פּאַרמעסט אין דעם נייען טהעאַטער איז געווען גאָר אַ גרויסער און ער האָט געוויזען אַ סך יונגען ענטהוזיאַזם און ארום איהם איז געשאַפען געוואָרען אַזא אַטמאָספער פון קונסט, וואָס מען האָט ביז דעמאָלט אין קיין אַנדער טהעאַטער אין אַמעריקא ניט געזעהן. און נאָך איידער זיינע טהירען האָבען זיך געעפענט, האָט ער שוין געהאַט די גאַנצע סימפּאַטיע פון דעם בעסערען פּובליקום, הגם אַ סך פון דעם דאָזיגען פּובליקום האָבען זיך אמת מצער געווען, וואָס שוין אין דעם סאַמע אָנהויב פון דער נייער באַוועגונג פאַר אַ נייערער אידישער דראַמע, האָט זיך באַוויזען אַ געפעהרליכע שפּאַלטונג און די קרעפטען זיינען צושפּליטערט געוואָרען. זייער רעכענונג איז געווען, אַז פאַר צוויי קונסט־טהעאַטערס איז נאָך דערווייל קיין פּלאַץ ניטאָ און, אָנשטאָט דעם אַז די נייערע דראַמע זאָל דערפון געווינען, ווערט זי גאָר געשטעלט אין סכנה, און וואו איין טהעאַטער האָט זיך געקענט האַלטען און וואַקסען, וועלען צוויי זיך דאַרפען מאַטערען און ביידע קענען אונטערגעהן.

דער דאָזיגער רעכענונג איז ניט אין גאַנצען אַ פאַלשער, נאָר עס זיינען געווען מעהרערע אורזאַכען, פאַרוואָס די צוויי טהעאַטערס האָבען ניט געהאַט דעמזעלביגען ערפאָלג, ווי דעם ערשטען סעזאָן אין אוירווינג פּליים טהעאַטער. איינע פון די דאָזיגע אורזאַכען איז געווען, וואָס מען האָט זיך ניט קלאָר געמאַכט דעם מהות פון דער נייערער דראַמע און איהרע יסודות.

עס איז אמת, אַז די נייע באַוועגונג אין אידישען טהעאַטער איז מעהר ארויסגערופען געוואָרען דורך דער אומצופריעדענקייט מיט די פריהערדיגע געטער, נאָר דאָס וואָלט געהייסען, אַז די נייע אידישע דראַמע איז געשאַפען געוואָרען אויף נעגאַטיווע יסודות, און אויף אַזעלכע יסודות קען קיין זאַך ניט געשאַפען ווערען.

עס וואָלט געווען אַ גרויסער אומפאַרצייהליכער טעות, אן אומגעלומפּערטע פאַלשע קאָנצעפּציע צו דענקען, אַז דערפאַר וואָס די נייע אידישע דראַמע איז נעגאַנגען געגען אַלע אָנגענומענע כללים

עס האָבען דעביוטירט נאָך אַנדערע דייטשען אין אווירווינג פּליים טהעאַטער, נאָר זיי האָבען געשפּיעלט אין דייטש און, ווי רודאָלף קריסטיאַנס, האָבען זיי זיך אין אידישען טהעאַטער ניט אַנגענומען.

דער סעזאָן איז געווען אַ הירשביין סעזאָן. נאָך „אין אַ פאַר־וואָרפען ווינקעל" איז אויפגעפיהרט געוואָרען „דעם שמיעד'ס טעכטער" און סוף סעזאָן האָט בן עמי געשטעלט „די גרינע פעל־דער" און דערמיט געשלאָסען דעם ערשטען יאָהר פון דער נייע־רער, בעסערער דראַמע.

דער ערפאָלג פון די פּיעסען און פון די שפּיעלער האָט אריינ־געגעבען די מעהרסטע מיטגליעדער פון דער קאָמפּאַניע אַ גע־דאַנק צו מאַכען שבת פאַר זיך, און זיי האָבען געפונען אַן אונ־טערנעהמער מיט'ן נאָמען שניצער, וועלכער האָט מיט אַן אמת ליעב געהאַט די בעסערע דראַמע און געדונגען אַן אַנדער טהעאַטער.

דער אַנדער טהעאַטער האָט אין אידיש געהייסען „נייער טהעאַטער" און אין ענגליש „קונסט טהעאַטער", און דער פּער־מעסט איז דאָ געווען גאָר אַ גרויסער. דאָ האָט מען זיך ניט באַ־נוגענט מיט אַ נייערער, בעסערער דראַמע אַליין, נאָר דאָ האָט מען אויך געשטרעבט איינצופיהרען די מאָדערנערע דעקאָראַציעס, די נייערע באַלייכטונג און דאָס גלייכען. צום ערשטען מאָל אין אידישען טהעאַטער האָט מען געפונען פאַר נויטיג צו אַנגאַזשירען אַ רעזשיסער, און דער רעזשיסער איז געווען עמנואל רייכער, וועל־כער האָט זיין קאריער געמאַכט אויף דער דייטשער ביהנע אין דייטשלאַנד און וועלכער איז אָנגעקומען אויף דער עלטער קיין ניו יאָרק. ביז דעמאָלט איז יעדער „שטערען" געווען דער רעזשיסער אין זיין אייגענעם טהעאַטער און צום רוב איז דאָס מעהר געווען אַ טיטעל ווי עפּעס אַנדערש. דער פּלאַן אין דעם נייעם טהעאַטער איז געווען ניט לעגען די גאַנצע געוויכט אויף איין זאַך, נאָר צו באַטראַכטען די פּיעסע, דאָס שפּיעלען, די דעקאָראַציעס, די אויסשטאַטונג, די באַלייכטונג, ווי באַזונדערע טיילען און יעדען טייל פון דער זעלביגער וויכטיגקייט, אַזוי, אַז ווען אַ פּיעסע וועט צוליעב וואָס עס איז פאַר אַן אורזאַך ניט אויסנעהמען, זאָלען

ריינער אומשולדיגער ליעבע. אין טהעאַטער איז שטארק עקס־פּלואַטירט געוואָרען די זינדיגע ליעבע, די פאַרברעכערישע ליעבע, אָבער קיינער האָט ניט געפונען פאַר אינטערעסאַנט די אומשולדיגע ליעבע, די תמימות'דיגע ליעבע. פּרץ הירשביין האָט אין דער דאָזיגער תמימות'קייט געפונען א קוואַל פון הומאָר, און דער הומאָר איז געווען א"א ווייכער, פיינער, צאַרטער. מען האָט זיך אין די זייטען ניט געהאַלטען פאַר געלעכטער, מען האָט זיך פון די שטולען ניט ארונטערגעקאַטישעט, נאָר א פאַרגעניגענדער שמייכעל איז ניט ארונטער פון דעם צושויער'ס ליפּען.

עס דאַרף זיין ניט זעהר שווער צו פאַרשטעהן, פאַר וואָס דער אומצופריעדענער עלעמענט צווישען די טהעאַטער־באַזוכער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַזעלכע קאָמעדיעס. נאָכדעם ווי מען האָט איהם אויסגעשלעפּט פון איין זומפּ אין דעם צווייטען און געוויזען אַלערליי פאַרברעכענס, וואָס א ווּסטע פאַנטאַזיע קען זיך נאָר פאָרשטעלען און געשאַפען ביי איהם א באַגריף, אַז די וועלט איז פול מיט זינד און פאַרברעכענס און קיין אָרענטליכע מענשען זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, איז געקומען הירשביין און האָט איהם געוויזען מענשען פון א גאַנץ יאָהר, וואָכעדיגע מענשען, מיט זייערע קליינע קנאות און שנאות און ליסטיגקייטען און פון אַלעם דעם האָט אַרויסגעטויכט א ריינע, שעהנע, אומשולדיגע ליעבע.

און עס איז אויך ניט שווער איינצוזעהן, אַז צו מאַכען די תמימות'דיגע ליעבע פאַר דער הויפּט־האַנדלונג און צו געבען דער אידיליע א פּנים פון ווירקליכקייט, האָט זיך געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַרוואַרפען דעם פריהערדיגען טהעאַטער־שלחן־ערוך און איבעררייסען מיט אַלץ, וואָס איז פריהער געווען אָנגענומען אויף דער ביהנע.

דער דיאַלאָג אין די דערמאָנטע קאָמעדיעס וואָלט אין אידישען טהעאַטער מיט עטליכע יאָהר צוריק באַטראַכט געוואָרען אַלס רייד, רייד און ניט אומזיסט האָבען די אַלטע טהעאַטראַלען געשריען, אַז דאָס זיינען ניט קיין פּיעסען. דער דיאַלאָג איז דער סאַמע וויכטיגסטער טייל אין די דאָזיגע קאָמע־

אויף דער אידישער ביהנע, האָט זי געפונען חן ביי דעם נייען אי־דישען פובליקום. די נייע דראַמע פאַרמאָגט אויך פּאָזיטיוועס, נאָר אין דער גרויסער איבערראַשונג, וואָס זי האָט פּאַרוואָרפען דעם שלחן ערוך פון דער ביהנע האָט מען ניט באַמערקט איהר פּאָזיטיווע זייט.

אַלע קענער, וויסער, פאַרשטעהער פון טהעאַטער האָבען נאָכ׳ן ערפאָלג פון הירשביינ׳ס „אין א פּאַרוואָרפען ווינקעל״ פּילאָזאָפיש אָדער אפשר גאָר פּראַקטיש ערקלערט, אַז א בליץ טרעפט ניט צוויי מאָל אויפ׳ן זעלביגען פּלאַץ און אַז אַ צווייטע שטיק הירש־ביינ׳ס אין דעם זעלביגען טהעאַטער וועט שוין זיין א דורכפאַל. די צווייטע הירשביינ׳ס קאָמעדיע אין דעם זעלביגען טהעאַטער איז געווען „דעם שמיעד׳ס טעכטער״, און די דאָזיגע קאָמעדיע האָט געהאַט דעם זעלביגען ערפאָלג, ווי די ערשטע. די דריטע קאָמעדיע איז געווען „גרינע פעלדער״, און אויב זי האָט זיך אויף דער ביהנע ניט געהאַלטען דריי חדשים, ווי דער פאַל איז געווען מיט די ערשטע צוויי, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אויפ־געפיהרט געוואָרען גלייך נאָכדעם, ווי דער סעזאָן האָט זיך געענ־דיגט און דאָס איז ניט די צייט פאַר א פיעסע צו האַלטען זיך א פּאָר חדשים. אָבער אין אמת׳ן איז די דאָזיגע קאָמעדיע געגאַנגען ניט ווענינגער ווי די ערשטע צוויי, ווייל אין מיטען פון צווייטען סעזאָן איז זי אויפגעפיהרט געוואָרען אין דעם נייען טהעאַטער און זי האָט זיך דאָרטען אויך געהאַלטען עטליכע וואָכען נאָכאַנאַנד.

און איצט לאָמיר זעהן, וואָס זיינען די דריי דערמאָנטע קאָמעדיעס? אין אַלע דריי געפינען מיר די אומשולדיגע ליעבע פון א פּראָסטער דאָרפס־מיידעל צו א דאָרפישען בחור אָדער שטאָדטישען וואויל־לערנער און די אומשולדיגע מיטלען, וואָס זיי אַלע ווענדען אָן, סיי די מיידלאַך און סיי די בחורים, צו גע־פינען חן איינער ביים צווייטען אין די אויגען. דאָס זיינען אַלע דריי אידיליעס מיט א ריינער תמימות׳דיגער ליעבע.

עס איז איבריג צו זאָגען — אַז אַלע, וואָס האָבען געשריבען פאַר׳ן אידישען טהעאַטער, זינט די מעלאָדראמע האָט זיך דאָר־טען איינגעוואָרצעלט, האָבען קיין גוסט ניט געוויזען צו דער

דער נייער טהעאטער האָט גלייך גענומען ליידען פון זיין גרויסען פארמעסט. אין גאָר א קורצער צייט איז רייכער ארויס־געטראָטען פון דאָרטען און מען האָט אָנגעהויבען צו מאכען קאָמ־פראָמיסען. דער יונגער דירעקטאָר שניצער איז סוף סעזאָן אוועק־געפאָהרען נאָך דייטשלאנד און האָט פאר׳ן קומענדען סעזאָן גע־בראכט רודאָלף שילדקרויט. דער לעצטער האָט גערענקט דעם אידישען טהעאטער, ווי ער איז געוועזען מיט א יאָהר צעהן צוריק און ער איז געקומען מיט א פארטיגען רעפערטואר פרעמדע מעלאָ־דראמעס, אין וועלכע ער האָט געהאט די הויפט־ראָלען. ער האָט דעם סעזאָן געעפענט מיט אן איבערזעצטער פראנצויזישער מעלאָ־דראמע און הגם ער האָט זיך שטארק אויסגעצייכענט מיט׳ן שפּיע־לען, האָט אָבער דער נייער טהעאטער געקריגען אזא קלאפּ, אז ער האָט שוין מעהר צו זיך ניט געקענט קומען. עס האָט זיך אָנגע־הויבען א סדרה פון ווארפען זיך פון איין פּיעסע אויף דער צווייטער, ביימען איין שפּיעלער אויף׳ן צווייטען. דער נייער סעזאָן איז קוים אלט געוואָרען עטליכע וואָכען און אין טהעאטער האָט מען אריינגענומען לעאָניד סניעגאָוו און אסתר אָר. שעווסקאיא, וועלכע זיינען יאָהרען געווען פארבונדען מיט דער רוסישער ביהנע אין רוסלאנד, נאָר די איבערקעהרעניש דאָרטען האָט זיי ביים סוף פון דער מלחמה געטריבען צום אידישען טהעאטער און נאָכדעם קיין אמעריקא. און דער נייער טהעאטער איז מיט יעדער וואָך גע־גאנגען אלץ ערגער און ערגער און עטליכע וואָכען פאר׳ן סוף סעזאָן האָט די קאָמפּאניע איבערגענומען דעם טהעאטער און קוים דערשלעפּט ביז סוף פסח.

אויך אין אירווינג פּלייס טהעאטער איז געגאנגען מיט׳ן פוטער אראָפּ, נאָר דאָס ערגסטע איז דאָרטען געווען, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבען א צאנקעריי צווישען די שותפים, און דער סוף איז געווען, אז מאָריס שווארץ איז ארויסגעטראָטען פון דאָרטען און האָט איבערגענומען דעם נייען טהעאטער און געגעבען איהם א נאָמען קונסט טהעאטער. מיט שווארץ׳ס ארויסטרעטען האָט דער אירווינג פּלייס טהעאטער פארלאָרען זיין באשטימטען כא־ראקטער און האָט זיך געוואָרפען אויף אלערליי זייטען. אין דעם

דיעס, אין דעם דיאַלאָג ליגט דער פיינער הומאָר און דער דיאַלאָג גיט זיי לעבען.

קיינער האָט אַזוי גוט ניט פאַרשטאַנען, ווי פּרץ הירשביין גופא, פאַר וואָס זיינע דערמאָנטע קאָמעדיעס האָבען געהאַט איין ערפאָלג נאָכ'ן צווייטען. ער האָט דעמאָלט געהאַט קרוב דריי צעהנדליג געדרוקטע פּיעסען, רעאַליסטישע לעבענס־בילדער, ראָמאַנטישע טראַגעדיעס, האַלב־סימבאָליסטישע פאַנטאַזיעס, נאָר אין אַ געשפּרעך נאָך די „גרינע פעלדער" האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט שוין באַלד מעהר ניט .וואָס צו געבען פאַר דער ביהנע. אַזעלכע קאָמעדיעס, ווי „אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל", „דעם שמיד'ס טעכטער", „גרינע פעלדער", האָט ער מעהר ניט געהאַט. עס איז אמת, ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבען נאָך אַ קאָמעדיע מיט די זעלביגע פּערזאָנען פון „די גרינע פעלדער", און הגם די מענשען זיינען די זעלביגע, איז אָבער די האַנדלונג אַזאַ, וואָס וועט זיין פרעמד דעם דורכשניטליכען טהעאַטער־באַזוכער אפילו פון די בעסערע טהעאַטערס, און דער הומאָר פעהלט דאָרטען אין גאַנצען, אַלענפאַלס האָט ער זיך ניט געפיהלט ביים לייענען די דאָזיגע פּיעסע.

און טאַקע די אַנדערע פּיעסען, וואָס זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען שפּעטער, זיינען, מיט דער אויסנאַהם פון דער „פּוסטער קרעטשמע", דורכגעפאַלען. „אַ לעבען פאַר אַ לעבען" איז געווען אַ פּיעסע פון דעם זעלביגען דאָרפס־לעבען, וואָס אין די ערשטע דריי קאָמעדיעס, נאָר די האַנדלונג איז דאָ געווען צו־ערנסט און ווייטלויפיג און דעם עולם איז זי ניט געפעלען געוואָרען. זיין „קינד פון דער וועלט", וואָס איז אויפגעפיהרט געוואָרען פון מאַדאַם קאַליש און וואָס איז געווען אַ האַלב־סימבאָליסטישע, איז גלייך דורכגעפאַלען. דאָ איז אויך די האַנדלונג געווען אַזוי ווייט און פרעמד, אַז דער צושויער האָט זיך געפיהלט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. „די פּוסטע קרעטשמע" האָט זיך געהאַלטען עטליכע וואָכען, נאָר קיין ערפאָלג ווי די ערשטע דריי קאָמעדיעס האָט זי ניט געהאַט.

ווערנליך אין אזא פאל האבען זיך די טהעאטער־פאליטיקער גע־נומען שושקען, אז דער דאזיגער שפּיעלער וועט שוין האבען כרת־יאהרען.

עס איז אמת, אז די טהעאטער־פאליטיקער שושקען זיך נאך איצט אויך, ווען אן אנדער שפּיעלער, אויסער דעם וואס פארנעהמט דעם פּלאץ פון א שטערן, צייכענט זיך בעזונדערס אויס אין דער בעסערער דראמע, און עס קען גרייליך זיין, אז דאס פארדריסט דעם במקום שטערן, ווי פריהער דעם שטערן, אבער די סיסטעם אין די בעסערע טהעאטערס איז געווארען אזא, אז פון יעדען שפּיעלער ווערט פארלאנגט, אז ער זאל זיך אויסצייי־כענען, אז ניט וועט דערפון ליידען די גאנצע פּיעסע, און דער טהעאטער געווינט ווען אלע צייכענען זיך אויס.

עס איז גרינג צו זעהן, אז די נייע סיסטעם האט געפאדערט אן אנדער סארט שפּיעלען ווי ביז איצט, און הגם אין די נייערע טהעאטערס שפּיעלען די זעלבינע שפּיעלער, וואס מיר האבען פריי־הער געזעהן אין די אנדערע טהעאטערס, האט זיך שוין צום ער־שטען סעזאן אויסגעארבייט א קאמפּאניע, וואס איז ווי געשאפען געווארען פאר דער נייער בעסערער דראמע. און געשעהן איז דאס ניט על פּי נס, נאר טיילווייז דערפאר, וואס אונטער דער נייער סיסטעם האבען זיך ארויסגערוקט צום פארענט אזעלכע שפּיעלער, וואס האבען זיך צו דעם מעלאדראמאטישען שפּיעלען ניט געקענט צופּאסען און מייסטענס דערפאר וואס פאר יונגע שפּיעלער איז ניט זעהר שווער צו כאפּען דעם ריכטיגען טאן פון אן אנסאמבל. איינער פון די דאזיגע שפּיעלער איז בן עמי. שוין דעם ערשטען סעזאן אין אירווינג פּליים טהעאטער האט ער געהאט מעהר געלעגענהייט ארויסצורוקען זיך צום פארענט, ווי די גאנצע צייט, וואס ער האט געשפּיעלט דא אין די אנדערע טהע־אטערס, און נאך מעהר געלעגענהייט האט ער געהאט אין צוויי־טען סעזאן אין דעם נייעם טהעאטער. די אמעריקאנער קריטי־קער און אמעריקאנער דירעקטארען האבען זיך שטארק פאראינ־טערעסירט מיט די דאזיגע טהעאטערס און בן עמי האט צוגעצוי־גען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון אן אמעריקאנער אנטרע־

סעזאָן 1922—1921 האָט דאָרטען מאדאם קאליש אויפגעפיהרט צוויי נייע פּיעסען און דאָס האָט כמעט געהייסען א צוריקקעהר פון מאדאם קאליש צו דער אידישער ביהנע, און הגם דער עולם האָט זיך צו איהר ארויסגעוויזען זעהר סימפּאטיש און האָט איהר באגעגענט און אויפגענומען מיט גרויסע אפּלאָדיסמענטען, האָט זי אָבער ניט געמאכט דעם רושם, וואָס מען האָט געדארפט ערווארטען פון אזא גרויסער שוישפּיעלערין. דער חסרון איז דאָ געווען, וואָס זי איז צו אונז צוריקגעקומען מיט איהרע פריהערדיגע באַגריפען וועגען די הויפּט־שפּיעלער און דער עולם האָט די אלטע שטערן־סיסטעם ניט געוואָלט ליידען. זי האָט ניט באמערקט, אז די שטערן־סיסטעם איז שוין אָפּגעשאפט געוואָרען פון טהעאטער.

מיט׳ן פערשווינדען פון די וויכטיגסטע אלטע שפּיעלער, איז פערשוואונדען די גאנצע שטערן־סיסטעם. די נייערע טהעאטערס פון דער בעסערער דראמע שטיצען זיך ניט אויף קיין איינציגען שפּיעלער און האלטען זיך ניט מיט׳ן זכות פון אן איינצעלנעם אקטיאָר. אין די נייע טהעאטערס פון דער בעסערער דראמע ליגט די קראפט אויף׳ן אנסאמבל און פון יעדען אקטיאָר בעזונדער. עס מאכט ניט אוים, וואָס פאר א ראָל איינער זאָל ניט האָבען, ווערט ערווארטעט, אז ער זאָל זי׳ן ארבייט טאָן בשלמות. אונטער דער פריהערדיגער סיסטעם האָט ניט אויסגעמאכט, ווי אזוי די אנדערע שפּיעלער זיינען פארטיג געוואָרען מיט זייערע ראָלען. אין בעסטען פאל האָט זיך פון זיי געפאָדערט א מיטעלמעסיג שפּיעלען, כדי זיי זאָלען ניט פארטונקלען דעם „שטערן" און עס איז קיין חסרון ניט געווען, אז זיי האָבען געשפּיעלט גאָר שלעכט. דער עיקר איז געווען דער שטערן און זיין שפּיעלען, און וואָס גרעסער עס איז געווען דער שאָטען פון די אנדערע אקטיאָרען, אלץ העלער האָט ער געשיינט. און אז עס פלעגט זיך אמאָל מאַכען, אז אימיצער פון די אנדערע שפּיעלער האָט זיך ארויסגערוקט און אויסגעצייכענט זיך אין זיין ראָל אזוי, אז ער האָט צו זיך געצויגען די איפּמערקזאמקייט פון דעם פובליקום און פון קריטיקער, האָט דאָס שטאַרק פארדראָסען דעם שטערן, און גע־

ריג צו זאָגען, אז פאר'ן ערשטען סעזאָן האָט ער צוזאמענגעקלי־בען אזעלכע קרעפטען, וואָס האָבען זיך ארויסגעוויזען די פאַ־סענרסטע פאר דער נייער דראמע. די שפּיעלער זיינען געווען גע־קליבען איינער און איינעם אזוי, אז עס וואָלט געווען לחלוטין אוממעגליך צוזאמענצושטעלען נאָך אזא קאָמפּאניע, וואָס זאָל זיך קענען פארגלייכען מיט זיי. מען וואָלט דעריבער געדארפט זאָ־גען מיט זיכערקייט, אז ווען די דאָזיגע קאָמפּאניע האָט פערלאָזט שווארץ'ן און איז כמעט אין גאנצען אריבער אין דעם נייען טהעאטער, איז איהם ניט געבליבען דער מינדעסטער שאנס צו האלטען זיך מיט א צווייטער קאָמפּאניע. עס פארשטעהט זיך, אז די צווייטע קאָמפּאניע, וואָס שווארץ האָט צוזאמענגעשטעלט פאר'ן צווייטען סעזאָן אין זיין טהעאטער, האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פערגלייכען מיט דער קאָמפּאניע אין דעם נייען טהעאַ־טער, נאָר אזוי ווי עס האָט זיך געפאָדערט, אז יעדער אקטיאָר זאָל מיט זיין כח אויפהאלטען דעם אירווינג פּליים טהעאטער, איז געווען געננג, אז יעדער האָט געטאָן אזוי פיעל, ווי ער האָט געקענט און האָט ניט קאליע געמאכט די ארבייט פון די אנדערע און דאָס האָט דעם עולם צופרידען געשטעלט. און טאקע איי־דער מען האָט נאָך דערפיהלט דעם פארלוסט פון זאַץ'ס אוועק־געהן, האָט זיך אין אירווינג פּליים טהעאטער באוויזען דער כאראק־טער־קאָמיקער מוני ווייזענפריינד, וועלכער האָט אין צוויי יאָהר צייט פארנומען זעהר א בכבוד'יגען פּלאַץ אין דעם דערמאָנטען טהעאטער.

אונטער דער אלטער סיסטעם איז דער שטערן געווען דער טהעאטער. איז דער שטערן אוועק, איז דער טהעאטער געבלי־בען ווי א שיף אָהן א רודער און האָט זיך ניט געקענט האלטען סיידען מען האָט אריינגענומען א צווייטען שטערן. נאָך מיט א יאָהר צעהן צוריק האָט מען געגלויבט באמונה שלמה, אז ווען מען נעהמט צוזאמען אלע שטערען אין איין טהעאטער אָדער צוויי טהעאטערס, וועלען מעהר ווי איין טהעאטער אָדער צוויי ניט קענען עקזיסטירען. אזוי האָבען געגלויבט די דירעקטאָרען און אזוי האָט אויך געגלויבט דער עולם. אָבער אונטער דער נייער

פּעניאַר, וועלכער האָט איהם איבערגענומען אויף דער אַמעריקאַנער ביהנע, און הגם ער האָט געקריגען זעהר אַ פריינדליכען קבלת פּנים פון די אַמעריקאַנער קריטיקער, האָט אָבער די פּיעסע, אין וועלכער ער איז אויפגעטראָטען, קיין ערפאָלג ניט געהאט, און דאָס האָט פאַר איהם געשאַפען אַזאַ אומאַנגענעמע לאַגע, אַז ער קען זיך ניט פיהלען אַלס תושב אויף דער אַמעריקאַנער ביהנע און אין דער זעלביגער צייט פיהלט ער זיך אָפּגעריסען פון דער אידישער ביהנע.

אויך האָט די בעסערע דראַמע פערלאָרען גלייך נאָכ'ן ערשטען סעזאָן דעם קאָמיקער לודוויג זאַץ, וועלכער האָט זיך אין אַ פּאָר יאָהר אַזוי אויסגעצייכענט אין דער נייער דראַמע, אַז ער האָט זיך געוואונען אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אויף דער ביהנע. מען האָט איהם אויסגעכאַפּט אין די גרעסערע טהעאַטערס, וואו מען שפּיעלט אָפּערעטקעס און מעלאָדראַמעס און וואו מען קען צאָהלען בעסערע שכירות. עס האָט אויסגעזעהן, אַז מיט בן עמי'ס אריבערגעהן צו דער אַמעריקאַנער ביהנע און זאַץ'ס אריבערציהען זיך אין די גרויסע טהעאַטערס, וועט די נייע דראַמע קריגען אַ שווערען קלאַפּ. אָבער אונטער דער נייער סיסטעם האָט די נייע דראַמע אַזוי ווע־ניג געליטען דערפון, וואָס די ביהנע האָט פערלאָרען אַזעלכע וויכ־טיגע קרעפטען, אַז זייער פערליסט האָט זיך קוים געלאָזט מער־קען. דערמיט איז בשום אופן ניט געמיינט צו זאָגען, אַז די נייע דראַמע קען זיך גרינג בעגעהן אָהן אַזעלכע שפּיעלער, ווי בן עמי אָדער זאַץ; די נייע דראַמע האָט פאַרלאָרען דערפון און זי וועט פיעל געווינען, ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען צו איהר. נאָר קיינער פון די נייע שפּיעלער קען מעהר ניט געבען קיין שווערען קלאַפּ דעם טהעאַטער, וואו די נייע דראַמע ווערט גע־שפּיעלט, ווייל דער כח פון אַן אַנסאַמבל איי אַ סך, אַ סך גרע־סער ווי פון וועלכען עס איז שוישפּיעלער.

ווי ווייט דער כח פון אַן אַנסאַמבל דערגרייכט האָט מאָריס שוואַרץ דערוויזען, ווען נאָכ'ן ערשטען סעזאָן אין אוירווינג פּליים טהעאַטער האָט איהם פערלאָזען זיין גאַנצע קאָמפּאַניע און ער האָט געדאַרפט צוזאַמענשטעלען אַ נייע קאָמפּאַניע. עס איז איב־

אין דער מוזיק פון דער אָפּערעטקע איז אויך געשעהן אַן ענדערונג. געוועהנליך איז די מוזיק געווען אַ גענומענע און איז אַזוי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, אַז זי זאָל ניט רייסען די איינען מיט איהר פרעמדקייט. נאָר מיט יוסף רומשינסקי איז געקומען אַ שטרעבונג צו שאַפען אייגענע מוזיק און אַ דאַנק דעם האָבען מיר די לעצטע יאָהרען געהאַט מעהר אידישע נגינה אין די אָפּע־רעטקעס.

נאָר וואָס איז שייך צו די ליברעטאָס, זיינען זיי געבליבען די זעלבינע ווי אין די צייטען פון די היסטאָרישע אָפּערעס. עס איז רעכט צו נעהמען וואָס עס איז פאַר אַן אַלטע שטיק, אריינ־געבען מוזיק און דאָס גילט פאַר אַ נייער אָפּערעטע. עס קען זיין, אַז דער געדאַנק דערפון איז, אַז די ליברעטאָ איז ניט מעהר ווי אַ טפל און דער עיקר איז די מוזיק און צו וואָס זאָל מען זיך דרעהען אַ קאָפּ מיט אַ פּאַסענדען אינהאַלט, מיט אַ לעבעדיגען הומאָר און וויציגען דיאַלאָג?

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אויב דראַמען האָבען אַ קאָמישען עלעמענט, מוז אַן אָפּערעטקע אודאי האָבען קאָמיזם. נאָר פון וואָס באַשטעהט דער קאָמיזם? די נעגאַטיווע פּערזאָנען, אויב דער אינהאַלט איז פון אַמעריקאַנער לעבען, ריידען געבראָכענעם ענגליש, וואָס קיין מענש אין דער וועלט רעדט ניט; מען וואַרפט זיך איבער מיט גראָבע זידעל־ווערטער און טוידטע קללות; מען ברויכט צווייטייטיגע ווערטער אויב ניט קיין אָפענעם נבול פה, און דריי פערטעל פון הומאָר איז דערמיט שוין באַזאָרגט.

און אַזוי ווי דאָס איינענטליך איז אויך געווען אין דער אַלטער היסטאָרישער אָפּערע, איז גרינג צו זעהן, אַז די אָפּערעטקע איז דער זעלביגער מין סחורה, וואָס האָט מיט אַ דור צוריק געגאָלטען אונ־טער'ן נאָמען היסטאָרישע אָפּערע, מעהר ניט, די מוזיק האָט זיך געענדערט.

הגם אין דער מעלאָדראַמע איז כמעט קיין ענדערונג ניט פאָר־געקומען און זי איז געבליבען אַזוי אומגעלומפּערט, האַמעטנע, שרייענדיג און ווילד ווי פריהער, האָט זיך אָבער די לעצטע פאָר יאָהר אָנגעהויבען דייטליך אַרויסצואווייזען דער באַנקראָט פון דער

סיסטעם וועט קיינעם ניט איינפאַלען דער געדאַנק, אז דער טהעאַטער האַלט זיך מיט'ן זכות פון זיין שפּיעלען.

דער שטערן־סיסטעם מיט אַלע איבלען פון דער דאָזיגער סיסטעם איז לכל הפּחות אין די בעסערע טהעאַטערס אונטערגעגאַנגען, און מיר האָבען קיין אורזאַך דאָס צו בעדויערען.

די ענדערונגען די לעצטע יאָהרען אויף דער ביהנע האָבען זיך אפשר דייטליכער ארויסגעוויזען אין יענע טהעאַטערס, וואו מען האָט געשפּיעלט די בעסערע דראַמע, נאָר זיי זיינען אויך געמאַכט געוואָרען אין די אַנדערע טהעאַטערס.

ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק איז קיין טהעאַטער ניט געוועזען געשוואָרען צו אַ באַשטימטען אויסגעהאַלטענעם פּראָגראַם. עס איז געווען רעכט אויפצופיהרען אויף דער זעלביגער ביהנע, אין דעם זעלביגען סעזאָן, מיט די זעלביגע אקטיאָרען, אונטער דער זעלביגער דירעקציאָן אַ שרייעדיגע מעלאָדראַמע, אַ נאַרעשע אָפּערעטקע, אַ בעסערע פּיעסע, און דער פּראָסטערער עולם, וואָס האָט פּאַטראָניזירט די דאָזיגע טהעאַטערס, האָט קיינמאָל פּאָראויס ניט געקענט וויסען, וואָס איהם וועט דאָרטען אויסקומען צו זעהן. יעדע שטיק איז רעקלאַמירט געוואָרען מיט'ן זעלביגען נוסח, יעדע שטיק איז געווען אַ מייסטערווערק און יעדער פאַרפאַסער איז געווען דער באַריהמטער. און אַ טהעאַטער־באַזוכער פון אַ גאַנץ יאָהר האָט ניט געקענט וויסען פון דעם נוסח, צי ער וועט זעהן אַ שרייעדיגע מעלאָדראַמע צי אַ גוטע ליטעראַרישע פּיעסע.

אין די לעצטע יאָהרען האָט יעדער טהעאַטער געקריגען זיין באַשטימטען פּנים. פּיפּלס טהעאַטער און דער טהעאַטער וואָס האָט לעצטענס געטראָגען ליפּצינ'ס נאָמען, זיינען געווען אין גאַנצען אָפּגעגעבען צו מעלאָדראַמע און דער דאָזיגער פּראָגראַם איז שטרענג אויסגעהאַלטען געוואָרען. די צוויי גרויסע טהעאַטערס אויף צווייטער עוועניו האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט אָפּערעטקעס און נאָר פון צייט צו צייט האָט מען דאָרטען אריינגעבאַפּט אַ מעלאָדראַמע. אין אזוי האָט אויך די בעסערע דראַמע געהאַט די לעצטע פּאָר יאָהר איהרע צוויי טהעאַטערס.

און עס איז אויך רעכט, אז דער איינציגער טעאטער, וואו זי האָט נאָך א שטיקעל אָנהאלט, זאָל איהר פארבייטען מיט אן אנדער סאָרט אונטערהאלטונג. מען איז איצט ניט זיכער מיט קיין סאָרט אונטערהאלטונג. ווערליג עס האלט איצט, האָט די מעלאָדראמע זיכער פארלאָרען איין טעאטער און אויך האָט די נייע בעסערע דראמע פארלאָרען א טעאטער.

עס קאָן זיין, אז א גרויסע שולד טראָגט אין דעם די שווערע צייט, נאָר עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אז אין טעאטער זיינען די אלטע געטער געפאלען און די נייע האָבען נאָך זייער באשטימטען פּנים ניט באוויזען.

די נייע באוועגונג אין דעקאָראציעס, באלייכטונג און דאָס גלייכען, האָט ווי ווייניג אויך אָנגעריהרט די אידישע ביהנע.

דער אמת איז, אז אונזער ביהנע איז ניט מסוגל פאר די נייע רעפאָרמען, ווייל אונזער ביהנע איז פינף און ניינציג פּראָצענט א רעאליסטישע אין די בעסערע טעאטערס, און דאָ איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאר די מאלער צו לאָזען זייער פאנטאזיע פאנאנדערצושפּיעלען זיך. אויף יעדען טריט שטויסט זי זיך אָן דער רעאלער ווירקליכקייט און די פאנטאזיע קאָן ניט שוועבען. און אפילו אין אזעלכע פּיעסען ווי דער „דבוק" און שלום אש'ס „מתים טאנץ", וואָס זיינען געווען אָפּגעריסען פון דער רעאלער סביבה, איז אויך ניט געבליבען קיין איבעריגער פּלאַץ פאר דעם מאלער'ס פאנטאזיע.

איבעריגענס, דער וועג פון די נייע דעקאָראציעס איז זעהר א גליטשיגער און מען קאָן ניט כאפּען קיין התפעלות פון יעדער פאנטאסטישער דעקאָראציע, ווען אפילו זי צייגט זיך ארויס מיט א באזונדער שעהנקייט, און ניט יעדער מאלער איז מסוגל צו מאָלען פאר דער ביהנע. דער טעאטער האָט זיינע באזונדערע פאָדערונגען און דער מאלער מוז זיך דערמיט רעכענען. און דעריבער זעהען מיר, אז הגם א סך מאלער האָבען זיך גענומען צו דער ביהנע, האָבען נאָר געצעהלטע עטליכע דערוויזען צו מאכען אן איינדרוק אויף די צושויער.

נאָר אויב די נייע באוועגונג וויל זיך ניט רעכענען, אָדער, ריכטיגער, קאָן זיך ניט רעכענען מיט דער רעאליסטישער ביהנע,

מעלאָדראַמע. ליפּצין טעאַטער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען און ער איז איבערגעגאַנגען אין גוי'אישע הענט. און אין פּיפּלס טעאַטער האָט מען עטליכע מאָל אָפּגעשטופּט די מעלאָדראַמע אָן א זייט און אָפּגעגעבען דעם אויבען־אָן צו פאַרס. מען דאַרף דערביי האָבען אין זינען, אַז צייט גאָלדפאַדען איז דערווייטערט געוואָרען פון דער ביהנע, האָט מען מורא געהאַט צו שטעלען א פאַרס. עס איז געווען כמעט א כלל אין טעאַטער, אַז דער אידישער עולם וויל ניט פאַרברענגען אָן אָוועגד דורכאויס מיט געלעכטער. די פאַרסען, וואָס זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען זינט עס האָט זיך אָפּגעטהאָן גאָלדפאַדען'ס השפעה פון טעאַטער, קאָן מען איבערצעהלען אויף די פינגער, און דאָס איז ניט קיין מליצה.

עס האָט דעריבער געדאַרפט האַלטען זעהר שמאָל מיט דער מעלאָדראַמע, אַז מען זאָל זיך ערלויבען אין א טעאַטער, וואו זי איז די אַליין־הערשערין, צו שטעלען א פאַרס.

אין אמת'ען, איז די שרייענדיגע מעלאָדראַמע שוין לאַנג אויס־געשפּיעלט, סיי אין דער אַלטער וועלט און סיי אין דער נייער. די קינאָ האָט אין גאַנצען פאַרנומען די מעלאָדראַמע, דאָרטען איז זי מעהר אין איהר עלעמענט און אויפ'ן גרויסען לייוועגט זיינען די געדיכטע פאַרבען מעהר צוגעפּאַסט. דאָרטען קאָן מען ווייזען אַזעלכע סיטואַציעס, אַזעלכע געפאַהרען, אַזעלכע העלדיישקייטען, וואָס מען קאָן ניט דערווייזען אויף דער ענגער ביהנע פון קיין טעאַטער. און דער פּרייז איז צוגעפּאַסט פאַר דער אונטערהאַלטונג פון דער ברייטער מאַסע. און דאָס, וואָס די מעלאָדראַמע איז נאָך געבליבען אַזוי לאַנג איי אידישען טעאַטער, איז געווען אָן אומ־נאָרמאַלע ערשיינונג.

אַזוי אַרום זיינען קלענערע אָדער גרעסערע ענדערונגען פאָר־געקומען אין אַלע טעאַטערס, אָבער דערוויי־ל געפינט זיך נאָך דער אידישער טעאַטער אין א צושטאַנד פון אָן איבערגאַנגס עפּאָכע. עס איז רעכט, אַז די אָפּערעטע זאָל שטאַרק אייפהויבען דעם קאָפּ אין די צוויי גרויסע טעאַטערס אויף דער צווייטער עוועניו, און עס איז אויך רעכט, אַז זי זאָל שטיל אָפּטרעטען פון דע־ ביהנע. עס איז רעכט, אַז די מעלאָדראַמע זאָל צוריק האָבען צוויי טעאַטערס

און עס איז אויך כדאי צו באמערקען, אז די נייע באוועגונג, סאי אין דער דראמע, סאי אין שפּיעלען, סאי אין דעקאָראַציעס און באלייכטונג, האָט ערגעץ ניט אָנגענומען קיין משונה׳דיגע גע־שטאַלטען אויף אונזער ביהנע. ווי שוין דערמאָנט אויבען, איז דורך אלע איבערקעהרענישען אונזער ביהנע אין תוך געבליבען א רעאַליסטישע און עס זעהט ניט אויס, אז דער רעאַליזם זאָל אזוי ניך פאַרשווינדען פון דער אידישער ביהנע.

איז אָבער פאַר אונז דוקא זעהר וויכטיג יעדע אויסבעסערונג, וואָס ווערט אין דער הינזיכט געמאכט אין אונזער טעאטער. ביז גאָר ניט לאַנג צוריק האָט מען ביי אונז וועניג אויפמערקזאַמקייט גע־שענקט דעקאָראַציעס און באַלייכטונג. זעהר אָפט איז פשוט געווען א חוזק צו זעהן, ווי א געוויסער פאָרהאַנג האָט געדיענט פאַר יעדער מעגליכער גאַס; דריי ווענטלעך פון א הויז האָבען געדיענט סאַי פאַר א וואוינונג אין א גרויסער שטאָדט און סאַי פאַר א הייזעל אין א דאָרף, כאַי אין דער נייער וועלט און סאַי אין דער אַלטער. און ווען עס איז געקומען צו אַזעלכע שילדערונגען, וואָס האָבען געפאָדערט א לבנה־נאַכט, א שקיעת החמה, א לאַנדשאַפט, א וואַלד, האָט פשוט א זלשות געשלאָגען צום הארצען צו זעהן דאָס אויף דער ביהנע.

און אפשר נאָך ערגער איז געווען מיט דער באַלייכטונג. די עלעקטרישע פוס־לעמפּלעך האָבען געגעבען דאָס גאַנצע ליכט אויף דער ביהנע, דאָס הייסט דאָ איז איבערגעקעהרט געוואָרען רער־סדר העולם. די זון און די לבנה שיקען צו אונז זייער ליכט פון אויבען, און אויף דער ביהנע איז זי געקומען פון אונטען.

און ערשט אין די לעצטע פאָר יאָהר האָט מען גענומען שענ־קען אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראָבלעם פון באַלייכטונג אויף דער ביהנע. און אזוי ווי אויף דעם דאָזיגען געביט זיינען אי־פּ־געטהאָן געוואָרען גרויסע חידושים און וואונדער אויף דער ביהנע פון די אומות העולם, וועט מסתמא לאַנג ניט געדויערען און דער גאַנצער פּראָצעס פון באַלייכטען די אידישע ביהנע וועט ראַדיקאַל געענדערט ווערען.

אזוי ארום איז די אידישע ביהנע אויף איין אָרט ניט גע־שטאַנען די לעצטע צייט, און אויף יעדען געביעט, סאַי אין דעם כאַראַקטער פון דער דראַמע, סאַי אין שפּיעלען, סאַי אין דעקאָראַ־ציעס, אויסשטאַטונג און באַלייכטונג איז פאָרגעקומען א מע־ק־בארער פּראָגרעס. אַלטע פאָרמען, אַלטע מעטאָדען זיינען אָפּגע־וואָרפען געוואָרען און נייע געשאַפען געוואָרען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, האַלטען אין געשאַפען ווערען.

מ. ארציבאשעוו

1914 אייפערזוכט, איבערז. פון מ. שווייד.

ב. ארשאנסקי

חנה. אין דריי אקטען. ווילנא. ד.

שלום אש

1906 דער חלום פון מיין פאלק, דראמע, 3 אק.
1907 גאט פון נקמה, 3 אקטען.
1907 מיט'ן שטראם, 2 אקטען.
1911 מיין לאנדסמאן.
1914 אונזער גלויבען, דראמע.
" יחוס, דראמע.
1916 דאס הייליגע מיידעל אדער א שנירעל פערל, דראמע.
1917 מאטקע גנב, דראמע 3 אקטען, פראלאג.
שבתאי צבי, 3 אקטען, 6 בילדער, פאר־שפיעל און נאכשפיעל. ד.
אמנון און תמר, איינאקטער. ד.
אום ווינטער, איינאקטער. ד.
דער זינדינער, איינאקטער. ד.

גרשם באדער

דער מאכטערס חתן.
אין קעלער.

י. באוושאווער

שיילאק, פון שעקספיר, איבערז.
קאבאלא אונד ליעבע, פון שילער, איבערז.

נ. ב. באזילינסקי

1888 די משונענע אוים ליעבע
1881 אסתר, 5 אקטען, אראפטירט.

ב. באטווייניק

1918 ביילקע מארענאטא, דראמע.

מאקס בעקלער

1915 וועמעט קינד, לעבענסבילד.

באו"סקי

1883 די וואהנזיניגע.
" דער פאגראם.
1887 די צוויי יתומים, דראמע 5 אקטען. בע־ארבייטונג.

בוקאווסקי

1896 די קאמעליען דאמע, פון דיומא זוהן, בערזעצ.

אברהם בוקשטיין

1914 די צובראכענע געטער, לעבענסבילד.
1915 דר. ראפאפארט.
1916 מוטער און פרוי.

ב. ביארנסאן

1910 איבער אונזער קראפט. ד.

אלעקסאנדער ביזאן

מארגאם איקס, איבערז. פון גאטעסווירט.

ג. ביכנער

דאנטאן'ס טוידט. ד.

יעקב בילדער

1892 די היימאט, פון הערמאן זודערמאן, אי־בערזעצונג.
נאפאלעאן באנאפארטע. איבערזעצ.
דיזר שטורמווינד, פון דעם ענגלישען.
ווירדזשיניום, איבערזעצט פון ענגליש.
1897 אנטיגנוס דער העלד אדער דאס בע־פרייעטע ירושלים, אפער. בעארב.
1903 די סיגארעטען מאכעריז, אפער.

דר. נתן בירנבוים

1909 פאר די עלטערנס זינד, זיטענבילד.

דר. בן ציון

1881 אסתר פון עין גדי (גענומען פון סילוויא פעליקא).
1882 א פאמיליען דראמע אדער די פאלשע קידושין. 3 אקטען.
" דער גרויסער סוד.
" דער צבועק. (דער נאמען פון אויטאר איז פאלש אנגעגעבען אלס משה זיל־בערמאן)
דאס אייפערזיכטיגע פאר פאלק, איבערז. פון דייטשען.
די אונצופריעדענע גליקליכע.
די חליצה.
1889 דער גרינער שוסטער אדער דער סיילאר אין געפאהר.

מ. א. בעלינסאן

נס חנוכה, דראמע, 5 אקטען. ד.
לישרים תהלה, פון מ. ח. לוצאטא, איבערזעצ.

בערמאן אוים לימבורג

1712 מכירת יוסף.

רשימה פון די פּיעסען אין אידישען רעפּערטואר.

דער דאטום פון דער רעכטער זייט ווייזט, ווען די דערמאָנטע פּיעסע איז געשפּיעלט געוואָרען צום ערשטען מאָל. דער ד. פון דער לינקער זייט ווייזט, אז די דערמאָנטע פּיעסע איז געווען געדרוקט און עס איז ניט בעקאַנט, צי זי איז געשפּיעלט געוואָרען. אזוי ווי די מייסטע געשפּיעלטע פּיעסען האָבען פּיער אקטען ווערט די צאָהל אקטען אָנגעגעבען נאָר אין אזעלכע, וואָס האָבען מעהר אָדער ווייניגער ווי פּיער.

שלום יעקב אבראמאָוויטש
(מענדעלי מוכר ספרים)

די טאַקסע, אָדער די באַנדע שטאָדט בעלי טובות, 5 אקטען. ד.
דער פּריזיוו, דראמע, 5 אקטען. ד. אראַנזשירט פאר דער ביהנע פון ב. נאָרין און אויפגעפיהרט אין 1918.

איוואָן אבראמסאָן

1911 דער בעל תפילה, דראמע.

אדאָלפי

1887 שטופּע פאר שטופּע.

י. אַדלער (ב. קאָוויִער)

1917 יענטע טעלעבענדע, פארס.

רפאל אדעלהיים

פּאסאזשיר, איינאקטער. ד.

יצחק אויערבאַך

1905 בן שומרון, היסט. אָפּער.
„ די בלינדע חתונה, אדער פּרייז פון זינד, עמיל זאָלא, איבערזעצונג.
1917 אמעריקאנער חתונות.
בת ירושלים.

הענריק איבסען

1902 דער פאָלקס־פיינד.
1905 די שטיצען פון דער געזעלשאפט. ד.
1909 דער בוימייסטער.
1912 נאָרא.
1915 די גייסטער.
העדא גאבלער. ד.
ווען מיר טוידטע ערוואכען. ד.
ראָזמערסהאלם. ד.
די ווילדע ענטע. ד.
קליינער עאָלף. ד.
יאָהאַן גאבריעל בארקמאן. ד.

מ. אַלעקסאַנדראָוו (וו. מילער)

1905 די ערשטע ליעבע אדער דאָס פערגיפּטעטע געוויסען.

ל. אנדרייעוו

1910 אשמדאי, איבערז. פון מ. קאַץ.
„ די טעג פון אונזער לעבען. איבערז. פון קאַץ.
מענשענליעבע, א קאטאוועס, 1 אקט. ד.

ס. אנ—סקי

דער פאטער און זוהן, איינאקטער. ד.

אַלעקסאנדער אסטראוווסקי

1909 קאטערינאַ (גראזא).
1901 דער גולם. אדאַפּטירט פון ווייססאן.
1897 דבורה'לע מיחוסת, אדאָפּטירט פון גאָרדין.

ישראל אַקסענפעלד

דער ערשטער אידישער רעקרוט. ד.
מאַן און ווייב. ד.
דער אוצר אדער די גינארטע וועלט. ד.
קבצן עושר שפּיעל. ד.

מארק ארנשטיין

דער ווילנער בעל הבית'ל.
דאָס אייביגע ליעד, איינאקטער.
1914 א אידישע טאָכטער, 3 אקטען.
„ דער לעצטער משיח, היסט. ראָמאַנטישע דראמע.
סיין ווייב'ס משונעת, איין אקטער. ד.
שוועסטער און ברודער, איין אקטער. ד.

1893 דער מארד אין מעדיסאן עווענױ.
" דער פאגראם.
1894 דער אידישער גלח.
" דער פרנס חדש.
" די ליטווישע ברידער לוריא.
" דער רב הכולל.
" מחמד און די אידען אין אראביען, היסט. אפער. 5 אקטען, 11 סצענען.
1895 רוסישער איד אין אמעריקא.
" גאלילעי מארטירער פון וויסענשאפט.
" דער שווארצער איד און פאיר יאזע־פאוויטש.
" עגל הזהב דער גאלדענער גאט, דראמע.
" אידא אדער דער שאץ פון פוילען, דראמע אין 5 אקטען (די געשיכטע קומט פאר אויפ'ן טייוועלס בערג לעבען קראקאוו).
1896 מעדעא, פון גרילפארצער, איבערזעצונג.
" קאפיטאל, ליעבע און מארד.
" די דריי פרינצען.
" דער ווילדער קעניג, פאנטאסטישע אפער.
" שלמה'לע שארלאטאן (אדאפטירונג).
" קול שופר, בעארבייטעט פון דער איטאליענישער אפערא „ערנאני".
" פארווערטס, איבערזעצט פון סטעפניאקס דראמע.
1897 דבורה'לע מיוחסת (נאך אסטראווסקים גריעך דא ביעדא נא קאווא ניע זשיוויאט).
" נתן החכם, איבערזעצונג.
" רייזעלע אדער זעליג איציק דער כלי זמר (אדאפט. פון שילערס קאבאלא אונד ליעבע).
" מערעאס יוגענד אדער די ווילדע פרינצעסין, א דראמע מיט געזאנג.
1898 די אידישע קעניגין ליר אדער מירעלע אפרת, לעבענסבילד אין 4 אקטען.
" קאפיטאן דרייפוס.
" די ווילדע פרינצעסין (?)
1899 די שלעכטע פאסטוכער פון אקטאוו מירבא, בעארבייטעט.
" דוד'ל משורר אדער דאס איבערגעריסענע ליעד, מוזיקאלישע דראמע.
" די אידישע נהעטא, לאקאלע פאלקסשטיק (נאך זאנגווילס: קינדער פון דער געטהע).
1900 די שעהנע מרים און די געפייניגטע, היסט. אפער (עמק הארזים).

1900 די שבועה אדער ראניע די פאטשטארקע, (נאך הויפטמאנ'ס „פוהרמאן הענשעל").
" דער גאון.
1901 דער ממזר (נאך וויקטאר הוגא).
" אמעריקא.
1902 קרייצער סאנאטא, דראמא.
" דער עץ הדעת, 4 אקטען, 7 בילדער.
" די שטיפמאמע (מאזענטהאלס דעבאראה).
" איינגעמס בלוט, בעארבייטונג.
1903 די יתומה אדער חאסיע פון קאראטשעקראק, דראמע.
" מיעסטשאנע, פון גארקי, איבערזעצט.
" די ווארהייט, דראמע.
1904 די פלשתים, מוזיקאלישע דראמע.
" די פערלארענע אדער ראזא בערנדט, פון הויפטמאן, איבערזעצונג.
" זוננאויפגאנג, פון הויפטמאן, איבערזעצונג.
" טהרת המשפחה, לעבענסבילד מיט געזאנג אין 5 אקטען.
" דער נייער דור אדער געצוואונגענער שידוך, איבערזעצט פון ל. גאטליעב, בעארבייטעט פון י. גארדין.
" די אמת'ע קראפט, דראמע.
1905 דער אונבעקאנטער, 4 אקטען און פראלאג.
" קעניג און גאט, סאטירישע דראמע אין 5 אקטען פון אלע היסטארישע צייטען.
" די פינסטערניש אין רוסלאנד, (פינסטערע מאכט) פון טאלסטאי, איבערז.
" דער מטורף, אדער א מענש פון אן אנדער וועלט, דראמע.
1906 אלישע בן אבויה, דראמע.
" די קינדער פון דער זון פון מ. גארקי, איבערזעצונג.
" דער פרעמדער, ראמאנטישע דראמע.
1907 אויף די בערג, דראמע אין 4 אקטען, פראלאג און עפילאג.
" אהן א היים, דראמע.
1908 גלות גאליציען, דראמע.
" די משוגעת אין אמעריקא, פאלקסשטיק.
" דעמענטיא אמעריקאנא, אדער דער וואהנזין נאך געלד.
1910 די מוהמע פון ווארשא, קאמעדיע.

ש. בערנשטיין

ר׳ יאחצע דל גאה, א קאמעדיע מיט א ראמאן, 5 אקטען. ד.

ש. בערקמאן

הדסה די חלוצה. ד.

וואלטער בראון

1911 יעדע פרוי, איבערז. פון גאטעסווירט.

ב ר י א

1913 דעמעדזשד גודס.

אברהם בער גאָטלאָבער

דער דעקטוף אדער צוויי חופות אין איין נאכט.

גאָטליעב

יוליוס און העלענא. ד.

העגרי גאָטעסווירט

1909 דער לייב און די מויז. איבערז.
1910 מאדאם עקס פון אלעקסאנדער ביזאן, איבערז.
1911 יעדע פרוי, פון וואלטער בראון, איבערז.
1913 אוים׳ן געזעצליכען וועג פון באיארד וויילער, איבערז.
1918 דער מלמד.
" ליכט אין דער פינסטערניס, פון ל. טאלסטאי, איבערז.
" מיין שולד, איבערז.

פריעדריך ווילהעלם גאָטער

1797 די שטאלצע ושתי. ד.

מ. גאָלדבערג

1903 קעניג ליר, איבערזעצונג.
1904 פארסיפאל, איבערזעצונג.
1914 באראן ראטשילד, מעלאדר.

גאָלדבערג מ. און ה. גאטעסווירטה

1917 דער שרכן.

אברהם גאָלדפאדען

די מוהמע סאסיע.
די רעקרוטען
באבע מיט׳ן אייניקעל.
די אינטריגע אדער דוואסיע די פליאטקע־מאכערין.
קאפריזנע טאכטער אדער קבצנזאן עט הונגער־מאן.
שמענדריק.
א גלאז וואסער (אויף „בינטעל האלץ") איינ־אקטער.
א מאן מיט הערנער, 3 אקטען.
דער קאטער, וואדעוויל אין 1 אקט.
די שטומע כלה, 3 אקטען.
די שוועבעלאך (וואדעוויל?)
די צוויי פערדולטע.
פיער פארצעלייגע טעלער, וואדעוויל.
דער שפיגעל, וואדעוויל.
צוויי טויבע, וואדעוויל.
דער לעבעדיגער טוידטער.
בריינדעלע קאזאק.
כשוף מאכערין (אויף „קאלדוניא")
באנקיי טיראן.
ניבע נימע די קוקעריקו, אדער דער קאמף צווישען בילדונג און פאנאטיזם.
איקס מיקס דריקס.
דער דאקטאר (?)
(די אלע אויבען אויסגערעכענטע שטיקער זיינען אויפגעפיהרט געווארען צווישען 1876 און 1878.
דער פאדראטשיק אדער רוסיש טערקישער קריעג.
ראטהשילד.
דער פאנאטיק אדער דיביידע קאני לעמילס.
טודרוס בלאז.
דאקטאר אלמאסאדא
1880 שולמית.
1883 בר כוכבא.
רבי יאזעלמאן אדער מליץ יושר.
1887 אחשורוש.
עקדת יצחק.
1891 משיח׳ס צייטען.
דער לינגער.
יהודה המכבי.
יהודית און אלאפערן
לא תחמוד אדער דאס צעהנטע געבאט (אויף גיהנים און גן עדן").
1899 דער מענשענפרעסער.
1908 בן עמי.

יעקב גאָרדין

1891 סיביריא, לעבענסבילד אין 4 אקטען און פראלאג.
1892 דער גרויסער סאציאליסט (צוויי וועלטען) 4 אקטען מיט א פראלאג.
" דער אידישער קעניג ליר.

דזשייקאָבסאָן

די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן אָדער די צו־שטערונג פון דער באסטיליע.

דר. דזשייקאָבסאָן

1912 אייביגע ליעבע.

דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן

1911 הערשענדע שקלאפען.

אלעקסאנדער דיומא

1896 די קאמעליענדאמע, איבערז. פון בר־קאנסקי.

אָסיפּ דימאָוו

1907 שמע ישראל, דראמע, 3 אקטען.
1913 דער אייביגער וואנדערער, דראמע, 3 אקטען מיט פראלאָג.
1914 דער גערונגענער חתן, דראמע 4 אק־טען מיט פראלאָג און עפּילאָג.
דער קאטארזשניק, איינאקטער.
" די מלחמה, דראמע.
1915 צווישען פעלקער.
1916 דער שטאָדט־גייסט.
1917 די וועלט אין פלאמען.

נ. דראנאָוו

דער משוגע'נער אין שפּיטאל, איין אקטער.
דער זעלבסט־מערדער. איין אקטער.

א. האַלם

1900 דער גבור, איבערז. פון מ. קאץ.

יהונתן האַלפּערן

מוטער און זוהן, איין אקטער. ווארשא. ד. שיינדעלע. דראמע, 3 אקטען. ד.

גערהארד הויפּטמאַן

1904 ראָזא בערנדט, איבערז. פון גארדין.
1904 זונענאויפגאנג.
1907 עלגא, אָדער די געהיימניסע פון קלויס־טער. איבערז. פון הערמאלין.
1907 די וועבער.
איינזאמע מענשען.

משה הורוויטש

עוזר לייזער, געציל מבאל (נאך דעם שניט פון נאלדפאדענס „רעקרוטען").
אליהו הנביא'ס שלאף־מיצעל.
אבגעקומענער עושר (אויך „וויסטע אינזעל") דאס פוילישע אינגעל.
די וועשין (נאך גאלדפאדענס „קאפּריזנע טאכטער").
טיסא עסלאר.
אוריאל אקאסטא, פון גוצקאוו, (איבערזעצט אין ריימען).
דער פערקויפטער שלאף (פון דייטש).
עתליהו (נאך ראסין).
דער הוזירער.
שבתי צבי (גענומען פון „פרעמעלייא און לייכטזין").
אנקלס הגר.
בית דוד (דוד בן ישי?)
הדסה.
עם הארץ
ישעיהו הנביא.
דער פעטער אין אמעריקא.
קאלומבוס.
וואשינגטאן.
דאס פוילישע מלמד'ל.
אלעקסאנדער מוקדן.
דער טוידטער קאפּ.
דער באראָן הירש.
באראן ראטשילד.
באס און ארבייטער.
דער שוואגער פון אמעריקא.
די יודען פון ווארמס.
דר. הערצעל.
מאריאנא.

1887 טיסא עסלאר אין אונגארען:
1. די פערשווערונג, 5 אקטען און 15 בילדער.
2. דער פּראצעס, 4 אקטען און 12 בילדער.
1887 יהודה און ישראל אדער שמע ישראל, היסטארישע אפּער אין 4 אקטען.
" דן יאזעף אבארבאנעל, 4 אקטען.
1888 סולטאן מחמד אדער קארבעם בייראם, 5 אקטען, 9 בילדער.
1889 עמי און נעמי אדער ראבינער, סאלדאט און ניהיליסט.
" שלמה המלך אדער ליעבע אויס שיר השירים, 5 אקטען, 14 בילדער, מיט פּראלאג און עפּילאג.
" די הארפע דאווידס.
" די ציגיינערין.

גאָרדין און ווינטשעווסקי

1894 נארא אדער נס בתוך נס.

ב. גאָרין

1898 דער ווילנער בעל הבית'ל.
1902 ברוך שפינאזא.
1912 א באראן אויף א טאג (אראפטירט פון הויפטמאנס שלוק און יאאו).

מאַקסים גאָרקי

1903 מיעססשאנע, איבערז. פון גארדין.
1906 קינדער פון דער זון, איבערז. פון גארדין.
1917 אויפ'ן אבגרונד, איבערז. פון מ. שווייד.

מ. גיסנעט

1901 שיינדעלע אדער געבראכענע הערצער.
1903 דער אידישער נחת.
1906 דער אפיקורס, דראמע.
1908 דער תקיעת כף, לעבענסבילד.
1914 געלד.

נחום געבעל

1898 דער זעע קעניג, גענומען פון ענגלישען.
1904 אידישע הארץ אדער טענער פון כל־נדרי.
1907 די פערשיקטע.
1910 די רעוואלוציאן אין פארטוגאל.
" קעניג און רבי.
1911 דער חטא.
" אמעריקאנער קינדער.
" דער בעל הבית.
" אמעריקא גנב.
" א פרוי'ס הארץ (פון מאליערס זשארוש דאנצין).
1902 קאשוט לאיאש.
דעם רב'ס טאכטער.
דאס גאסען מיידעל.
הערשעל אסטראפאליער.
קאלומבוס.
ווען א פרוי שווייגט.
שעהנע פרויען.
1904 טאטע מאמעס צרות, אדער דער אידישער סאלדאט, מעלאדראמע, איבערגעארבייט פון ב. טהאמאשעפסקי.
1911 קול שופר, 4 אקטען 5 בילדער.
1912 פערקויפטע נשמות (פאטאפענקא'ס „דוואבאקאלעניא").

" דעם פרעזידענטס טאכטער.
" דער יצר הרע, לעבענסבילד.
" די מאראל פרעדיגער.
" די שטאדט גנבים.
1914 א מיידעלס חלום.
" בלינדע מענער אדער דאס לעבען אויף סעקאנד עווענױ.
" נאך 16 יאהר.
1915 די מאמעס נחת.
1916 א מיידעלס נקמה, דראמע.
" ריינע געוויסען, מעלאדראמע.
" די בייבי פרוי, קאמעדיע.
1917 פאבליק אפיניאן, מעלאדראמע.

יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע

פאוסט, איבערז. פון ל. קאברין.
עגמאנט, איבערז. פון הערמאלין.
די משוגעת פון א פערליעבטען.
די וועטטע.
געטץ פאן בערליכינגען.
קלאווינא.
דער בירגער גענעראל.
די אויפגערעגטע.

גערשאָי

1911 אין וואלד אדער אליא די קרעטשמארקע (אראפטירט פון ספאזשינסקי'ס „טשאראדייקא").

ישראל גראדנער

1878 לאמפאציוס וואגאבונדוס. איבערז. פון רומענש'ען.
1876 ליד פון פייטעל נאר, 3 אקטען.

טשאַרלז גראָל

1914 איהר פערטהיידינונג.
איהר שרעקליכער סוד.

אלפאָנז דאָדע

1900 סאפא, איבערז.
1904 די צוויי שותפים, איבערז.

מ. מ. דאָליצקי

1907 די חרטה, דראמע.

דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן

רחל און לאה.
די בעטלערין.
ריה'לע סאלדאט.
די נעגער־שקלאפען.

הערמאן הייערמאן

אייבינער יוד (אחשור), לעבענסבילד, 1 אקט. ד.
נהעטא, דראמע אין 5 אקטען, איבערזעצט פון י"ל פרץ.

פרץ הירשביין

געזאמעלטע דראמען, ארויסגעגעבען פון די ליטערארישע דראמאטישע פעראיינען אין אמעריקא, 1916, ניו יארק.
ערשטער באנד: ראזשינקעס מיט מאנדלען, אידיליע; אויפ'ן שוועל, א פאר שטריכען; בעבעלע, אידיליע; א זאווערוכע; ווען עס פאלט דער טוי, אידיליע; א לעבען פאר א לעבען, דראמע 3 אקטען.
צווייטער באנד: די פוסטע קרעטשמע; דעם שמיד'ס טעכטער, 3 אקטען; א פערוואר־פען ווינקעל.
דריטער באנד: דער לעצטער, 3 אקטען; ביים ברעג, 3 אקטען; דער תקיעת כף, פראלאג און פינף בילדער; דאס קינד פון דער וועלט.
פיערטער באנד: חוה, 3 אקטען; נבלה; די ערד, 3 אקטען; צווישען טאג און נאכט, 3 אקטען; אויפ'ן שייד־וועג, 3 אקטען.
פינפטער באנד: בארג אראפ; וואו דאס לעבען פערגעהט; אויף יענער זייט טייך, 3 אקטען; גרינע פעלדער, 3 אקטען.
דער אינטעליגענט, דריי אקטען. ד.
ווייטע און נאהנטע. ד.

מ. ד. הערמאלין

1895 יוליוס צעזאר, פון שעקספיר, בעאר־בייטונג.
" מאקבעט פון שעקספיר, בעארבייט.
1899 דאס קינד פון דער מדבר אדער געפאנגען אין נעץ פון ווילדע ליעבע, 5 אקטען.
" פויגעלע, אדער נויט ברעכט אייזען, טראגעדיע, 4 אקטען און פראלאג.
1900 דער אידישער געמבלער אדער אויפ'ן מזבח פון ליעבע.
" דער געלדזאק אדער ליעבע און געלד.
" יאזעפוס אדער דער אידישער גלאדיא־טאר (פון יאן קאוואלי'ס ראמאן ספארטאקוס).
קאריאלאנוס פון שעקספיר, איבערזעצ.

1901 די אידען אין בראזיליען, אדער פרינץ ראדרינא, היסט. אפערע.
1902 די קרוין פון שאנדע, דראמע.
1904 דער טאטע (פון סטרינדבערג)
1906 מנשה, פון רענעטי ראמאן, איבערז.
1907 עלנא אדער די געהיימניסע פון קלויס־טער, איבערזעצונג.

יוסף הערץ

1828 אסתר אדער די בעלאהנטע טוגענד. ד.

טהעאדאר הערצל

1912 די נייע געטא.

י. ל. וואחלמאן

דאס ברענענדע הויז, ד.
לעצטע חשמונאים, ד.

ש. וואלדינאק

בעקאנטער דאקטאר. דראמע. פינף אקטען. ד.

שמעון וואלף

1915 די צייט, לעבענסבילד, 4 אקטען און פראלאג.

אהרן וואלפזאן

לייכטזין אונד פרעממעלייא, פאמיליען־געמעלדע אין דריי אויפצוגען, ברעסלוי, תק"נו. אויפגעפיהרט צום ערשטען מאל אונטער דער אויפזיכט פון ב. גארין אין 1917.

וואקסמאן

בערעק יאסעלאוויטש. ד.

מ. ווידרעוויטש

איטשע מאיר צו די וואהלען, 1 אקט, דראמע.
די יודישע גמינע, 1 אקט. ד.

וויזינפעלד און אויערבאך

1916 צוריק צו גאט.

א. ווייטער

פארטאג, דראמאטישע פיעסע. ד.
אין פייער, דראמע אין 3 אקטען. ד.
דער שטומער. דראמע. ד.

אסקאר ווילד

סאלאמע, טראגעדיע אין איין אקט, איבערז. ברומקין—ענטין.

„ קדוש השם אים ראש השנה אדער די וואהרזאגערין, היסטארישע מעלא־דראמע אין 5 אקטען.
„ קאפיטאליסטען און ארבייטער.
„ אליהו הנביא אדער דער מיליאנער און בעטלער, פאנטאסטישע אפער, 5 אקטען און פראלאג.
1890 שמשון הגבור, היסט. אפער.
„ דער מבול דזשאנסטאון, צייטבילד.
„ דוד בן ישי אדער דער נאכפאלגער פון שאול, היסט. אפער, 5 אקטען.
1891 נבוכדנצר מלך בבל, אדער דניאל אין לייבענגרוב, היסט. אפער.
1892 אדם און חוה אדער דער פערלארענער גן־עדן.
1892 די העלדען פון האמסטעד, צייטבילד.
„ בת כהן אדער אלעקסאנדרא המלכה.
1893 יהודה הגלילי אדער דער פרינץ פון בית לחם.
„ מוטערליעבע.
„ רבנו גרשם אדער קייזער באזיליוס דער צווייטער.
1894 מאנטע קריסטא, בעארבייטעט פון מ. הורוויטש.
„ די בלוטיגע האכצייט אין קאטהערינעס צייטען.
„ די קרבנות פון שלעכטע צייטען.
1895 יונה הנביא אדער די רייזע דורך וואסער און פייער, פאנטאסטיש ביבלישע אפער אין 4 אקטען.
„ קארלייל הערים, צייטבילד.
„ אברהם אבינו אין קאלך אייוועז, 4 אקטען, 8 סצענעס.
„ דער כוזרי אדער די אידישע מלוכה אין קאווקאז.
1896 בני משה אדער די אידען אין כינא.
„ ברכה אדער דער אידישער קעניג פון פוילען אויף איין נאכט (דעם 18־טען אויגוסט 1587).
„ בארניי בארנאטא, לעבענסבילד.
„ כתר תורה אדער דער רמבם אין ענגי־טען.
„ מערי בערבערי, צייטבילד.
1897 קובא אדער גענעראל מאצעאס העלדענ־טהאטען, צייטבילד אין 4 אקטען.
„ דר. בוקעניז, צייטבילד.
1897 ארץ ישראל ליעבע אדער דער רבי און דער צאר, לעבענסבילד.
„ נח'ס תיבה אדער דער זינדיגער דור המבול, ביבליש היסטארישע אפער אין 4 אקטען, 12 בילדער.
„ א אידישע נשמה אדער אויסגעוואקסען אין קלויסטער, האלב היסטארישעס לעבענסבילד אין 4 אקטען.
„ בית יעקב אבינו אדער שמעון און לוי אחים.
„ דאס לעבען אין קלאנדייק, צייטבילד.
„ טהארן און מרס. נאק.
„ יפת תואר אדער בלעם הרשע, פאנטאס־טישע אפער אין 5 אקטען.
1898 יהושע בן נון אדער דער פאל פון יריחו, היסטארישע אפערע.
„ די שפאנישע קרבנות, 4 אקטען.
„ יחזקיהו המלך אדער די רייזע פון קאווקאז, היסטארישע אפער אין 4 אקטען.
„ קאפיטאן דרייפוס אדער געהיימניסע פון פאריז, 4 אקטען, 17 בילדער.
1899 די העלדען פון סאנטיאגא אדער פאט־ריאטיזמוס און ליעבע, צייטבילד.
„ נקדימון בן גוריון אדער דער גליקלי־כער פאסטוך.
„ דרייפוס אדער צום צווייטען מאל פער־אורטהיילט און דאך אונשולדיג.
„ חכמת נשים, היסט. אפער.
1900 זכות אבות אדער רב, פרעדינער און גלח, לעבענס אפערע.
„ דער משוגע'נער פילאזאף.
1901 די מוזינקע אדער די טלתים וועבער.
„ בן הדור אדער דער פרינץ פון ארא־ביען („יחזקיהו המלך" עטוואס גע־ענדערט).
1902 די צוויי תנאים, היסט. אפער.
„ דער פייער מבול אדער די אידען אין סענט פיער, צייטבילד.
„ יעקב און עשו, ביבלישע אפער.
„ בן המלך, ביבליש היסט. אפער.
„ דער לאדזשען פרעזידענט, נעזאנג דראמע.
1904 די בני ישראל אדער די ווייסע און שווארצע אידען (די פערלארענע עשרת השבטים) היסטארישע אפער.
„ קאצאפס מפלה אדער יאפאן דער שלית פון נאט, צייטבילד.
„ חורבן קעשענעוו, צייטבילד.

1908 הערי טאו.
1909 די ווייסע שקלאפען.
1910 דאס צווייטע ווייב.
" די זינדערין.
" קארטען.
1911 קינדער אדער פאר די עלטערנס זינד.
" פערקויפטע ליעבע.
" די עגונה.
1912 אויף דער עלטער.
" געלד, ליעבע און שאנדע.
" ליידענשאפט.
" זיי עהרליך, קאמעדיע.
" גרינע מאמע.
" די אונגליקליכע.
" וואלף און שעפעלע.
1913 דער איינציגער זוהן, מעלאדראמע.
" דיימאנדס, מעלאדראמע.
" די אידישע פאהן אדער מיין נאציאן.
" ליידים פוירסט.
" די אידישע פיער הונדערט.
" האם סוויט האם.
" בת ציון, אפערעטע.
1914 די אייזערנע האנד.
" נעדעמעדזשטע קינדער.
" די לעבעדיגע יתומים.
1915 דער אידישער מארטירער אין אמעריקא.
" דער שליסעל פון ליעבע, קאמעדיע דראמע.
" דער פרייז פון ליעבע.
1916 דאס רויטע ליכט.
" א דאנק פון קינדער.
" דעם טייוועלס מאכט.
" סוזי ברען, קאמעדיע.
" דאס גאלדענע שטיינעלע.
1917 ווען א מיידעל ליעבט.
" דער לויב און די פרוי.
" דער אמעריקאנער פרעזידענט.
" דער חתונה רינג.
" ליעבע און פליכט.

לעאָן זאלאטקאָוו

1891 שמשון הגבור, היסטארישע מעלאדראמע.
1912 זלמן טרובאדור, סיוזשעט גענומען.

ישראל זאנגוויל

1904 קינדער פון דער גהעטא, איבערז. פון קאברין.

1905 דער קעניג פון שנארער.
דאס פייער פון גאט.

גאבריעלא זאפאָלסקא

מלכה שווארצקאפּ, איבערז. פון גאטליעב.

הערמאַן זודערמאַן

היימאט. (מאגדא).
די עהרע.
שמעטערלינג שלאכט.
די 3 דראמען זיינען אויפגעפיהרט געווארען אין די נײנציגער יאהרען.
דאס גליק אין ווינקעל, אויפגעפיהרט פון די־לעטאנטען.
יאהאנים פייער.

משה זייפערט

1890 מרים החשמונאית, היסט. אפער.
1890 דער שלאסער.
" דער אידישער פאלקאוניק, היסטארישע פאלנישע אפער.
1891 טיטוס אדער חורבן בית שני.
1892 שומר ישראל.
געהיימניס פון רוסישען הויף.
" שיבת ציון.
די דריי טרערען.
" גר צדק אדער גראף פאטאצקי.
" דאס קינד אין וואלד.
1893 גבורי ישראל.
" די בת יחידה אדער ניו יארק לאכט או־וויינט.
" די רויבער פון שילער, איבערז.
" האמלעט, בעארבייטונג.
" רב מאיר בעל הנס. (פון שילער'ס "מאַרי ראנדאט").
1894 קראנפרינץ רודאלף, אדער די אידען אין עסטרייך.
מאריע סטוארט.
" דאן קארלאס פון שילער, בעארבייטונג.
1895 די אידישע טרילבי, 4 אקטען.
" דער נאכט וועכטער.
1896 די אידישע קאלאניסטען, סענזאציאנעלע אפערעטע פון אמעריקאנישען לעבען, אריגינאל פערפאסט.
" גלות מאסקווע.
1898 פעדארא פון סארדו, איבערזעצט.
1900 פרייע ליעבע אדער די נקמה פון א פרוי.

באַירד ווײלער

1918 אויפ'ן געזעצליכען וועג. איבערז. פון גאַטעסווירט.

ישראל ווײַנבלאַט

1891 נחמן זלאטאפאליער אדער פאטער און זוהן.

י. י. ווײסוואָהל

אין קעלער, איינאקטער. ד.

רובענס ווייסמאַן

1881 די נקמה.
1887 משה רבנו אדער יציאת מצרים און קריעת ים סוף, היסטאָרישע אפער אין 5 אקטען מיט עפּילאָג.
" די געמאכטע משוגענע.
1888 אמנון ותמר (דראמאטיזירט פון „אהבת ציון").
1891 שרה, אדער צוריק פון סינג סינג. (אדאפּטירט פון „ווארשאווקא דיע־טעי").
" א מענש מיט צוויי פנים'ער, (אדאפּ־טירט פון „קאוואַרסטווא אי ליו־באוו").
1894 שיילאָק דער קויפמאן פון ווענעדיג. בעארב. פון ווייסמאן.
1896 פאטיניצא אדער דער רוסיש טערקישער קריעג, איבערזעצט פון ווייסמאן.
1901 דער גולם אדער מאן און ווייב דאך איין לייב, קאמעדיע, (אדאפּטירט פון אסטראווסקי'ס).
1908 זאראיא אדער די שעהנע אידין, בע־ארבייטעט.

א. מ. ווייסענבערג

קנאה און תאוה. ד.
קאספער.

ווילענסקי

פערי די שוסטערקע (גענומען פון דייטשען פארם 3 פאר שוהע).

מארים ווינטשעווסקי

1917 די מחיצה, 1 אקט.

מ. וויליאמאָווסקי

באַטענס. איינאקטער. ד.

גיוסעפע ווערדי

1897 קול שופר (ערנאני) איבערז. פון גאָ־דין.

ד. זאהיק

ראזען צווישען דערנער. ד.

עמיל זאָלאַ

די בלינדע חתונה, איבערז. פון אויערבאך.
טערעזא ראקין.

הלל זאלאטאראָוו

1917 פאר איהרע קינדער.

יצחק זאלאטארעווסקי

1897 דער אידישער וואלונטיר.
1899 דער אידישער מארטירער אדער ישיבה בחור.
" אברהם'על מנגן.
" די אידישע זאזא.
1900 דער כל־בו'ניק אדער אידען און היי־מאראקען.
1901 די מאמע.
" אנקעל סעם'ס קעבין, איבערזעצ.
" די בעלס אדער די ערמארדונג פון א פוילישען אידען, בעארב.
" לואי דער עלפטער, בעארב.
" דאס גליקס־קינד אדער דאס שרעטעלע, פון מעסקאט, איבערז.
1902 דער חרם אין בית המקדש.
" שמשון הגבור, איבערז.
" כלי זמר.
" די משומדת.
" פאבי ראמאני.
1903 דער בית המדרש אונטער דער ערד, אדער די אידישע שטראסענזינגערין, בע־ארב.
" דער בדחן.
" אדעלע.
" דער מאדערנער קין און הבל.
" דער אמת, ראמאנטישע טראגעדיע.
1904 די אידישע אנא קארענינא.
" שבת קודש.
1907 דער גר, לעבענסבילד.
" אמעריקאנער גליקען.
" אבא'לע אשכנזי.
" שטילע חתונה.
1908 דער מאמעס מאז.
" די רעוואלוציאן אין רוסלאנד.

יעווגעני טשיריקאָוו

1905 די אידען אין רוסלאנד, איבערזעצט פון קאברין.

אנטאָן טשעכאָוו

דער בער, וואדעוויל.
דער שידוך, וואדעוויל.
אנקעל וואניא, דראמע.
וואסער פויגעל, דראמע.
דער קארשען־גארטען, דראמע. ד.

מ. א. טשערנאָוו

1911 נאפאלעאן דער ערשטער, אדאפטירט.

יאקאָב אוים פאָזען

ערלעזונג דער יודען דורך מרדכי און אסתר, טרויערשפיעל, אמשטערדאם, 1800.

ש. יושקעוויטש

הייראטס קאמעדיע. ד.
הונגער. ד.
1908 דער קעניג.
דער מיזערער. ד.

יוסף לאטיינער

1879 יענטע די פיפערנאטעריז.
" שמואל שמעלקעס.
1880 די ליעבע פון ציון.
1879 דער דבוק.
1884 אסתר און המן.
1885 יוסף און זיינע ברידער.
1886 אימיגריישאן טו אמעריקא.
1887 דוד בן ישי, היסטארישע אפער, 5 אקט.
" שלמה המלך'ס משפט, היסט. אפער. 5 אקטען.
1888 איזראעלס קינד אדער אונטער'ן שוץ פון מאזעס מאנטעפיארע.
" דער אנטיסעמיט אדער די אידענלאגע אין רומעניען.
1889 די גרינהארנס אדער מישקע און מאשקע.
דאס פינפטע געבאט אדער כבוד אב.
" חוה אדער די שלאנג אלס הויז־פריינד.
1890 יהודית און אליפערנוס, היסטארישע אפער.
" חורבן ירושלים.
" שלמה'לע עהרליך, דראמע.
" די שטריק אויפ'ן האלז אדער בלינדע גערעכטיגקייט.
1891 דניאל אין לייבענגרוב.
" גלות רוסלאנד.
" די שניידערין.
" עזרא אדער דער עוויגע יודע, היסטא־רישע אפער.
1892 דינה אדער דער גאסט פון יענער וועלט.
" אשת חיל אדער די פרינצעסין פון יהודה.
" קורח'ס אוצרות.
" אלעקסאנדער אדער דער קרוינפרינץ פון ירושלים.
1893 בת שבע אדער דאס ווינש־פינגערל.
" יהודה המכבי.
" קעניג און בויער.
1894 בן יעקב אדער גלות שפאניען.
" די הוגענאטען, בעארבייטונג.
" דער מאמעס טעכטערל.
" אשה רע.
" בלימעלע די פערל פון ווארשא, אדער גראף און יודע.
" מאמאן דער געלד־גאט.
1895 צאר איוואן גראזני.
" די פערבלאנדזשעטע נשמה.
" די שעהנע אסתר אדער דער בן מלך.
" אפרים ומנשה אדער די ליעבע פון ציון.
1896 דער קאמעדיאנט אדער א שאנדפלעק אין דער משפחה.
" דער אוצר.
" קדוש השם אדער דער אידישער מי־ניסטער, היסט. אפער.
1897 קיסר נירן אדער דער שטאמפאטער פון מאיר בעל הנס.
" דער שטערן פון פראג אדער דער טרוים פון נבואה.
" דוד'ס פידעלע אדער די צויבערמאכט פון מוזיק.
1898 הלל אדער די מלחמה מיט'ן יצר הרע.
" די אידישע וועלט.
1899 חכמת שלמה אדער רב תנחום און דער אשמדאי.
" אידעלע אדער דער אמת און דער שקר.
" פיער הונדערט יאהר אדער דער פרינץ און דער חכם.
1900 יהודית די צווייטע.
1901 גבריאל אדער די ליעבע פון א אידישע פרוי.
" דער מאן אונטער'ן טיש. וואדעוויל.
1902 גאלדעלע, פאלקסשטיק, 4 אקט. 12 ביל.

1901 שבט יהודה אדער דער רעוואלוציאנער. היסטארישע אפער.
1904 משה רבנו אדער די אידען אין דער מדבר, ביבליש רעאליסטישע אפער.
1907 מלכה שבא.
1909 דאס פינטעלע איד.

זייקין

1903 די ערוואכונג, פון טאלסטאי'ס „וואסקרעסעניע".
" די העלדין אדער מאנא וואנא, פון מאַריס מעטערלינק, איבערזעצ.
1905 די ירושה, לעבענסבילד.
1912 ליעבע אדער רייכטהום. (איבערגעמאכט פון „ירושה").

משה האַשקעס

אברבנל. ד.

לעוו טאָלסטאָי

1902 פינסטערנים אין רוסלאנד, איבערזעצט פון גארדין.
1911 לעבעדיגער מת, איבערז. פון קאברין.
1913 ליכט אין דער פינסטערנים. איבערז. פון גאטעסווירט.

פנחס טהאָמאשעפסקי

ראטהשילד'ס ביאגראפיע.

ב. טהאָמאשעפסקי

1887 עלילת דם אדער מנחם בן ישראל, 4 אקטען, 8 בילדער.
1893 א נאכט אין בליקער סטריט, אדער דאס אונגליקליכע מעדכען.
1894 קעניג ריטשארד דער דריטער, אויפגעפאסט פון ב. טהאמאשעפסקי.
1901 דער שווארצער יונגערמאנטשיק.
1905 דער אידישער יענקי דודעל.
1907 די לעמבערגער מויד אדער דער נייער שטערן, פאלקסשטיק.
1908 דער מאמעס קינד, דראמע.
" די שעהנע אמעריקאנערין (אדאפטירט פון שעקספירס „טיימינג או די שריו")
1910 די ניו יארקער בארדער, קאמעדיע דראמע.
" דער משומד (אדאפטירט פון הערמאן רייבאך'ס).
" דער פוילישער איד, אפערעטע.
" דאס דארפס מיידעל, אפערעטע. בעארבייטונג.

1911 די נשמה פון מיין פאלק אדער דער אונגארישער זינגער, אפערעטע.
1913 דאס פערבלאנדזשעטע שעפעלע, אפער.
1914 הימעל, ערד און שווינדעל, מעלאדראמע.
" די פוילישע חתונה, אפערעטע.
" א שטיקעלע גליק, אדער דער מזל'דיגער בחור, אפערעטע.
1915 דאס תורה'לע, אפערעטע.
1916 דאס צובראכענע פידעלע, אפערעטע.
1917 מזל טוב, אפערעטע.

ב. טורש

בת שבע, דראמע. ד.
רות, דראמע. ד.
שושנה, דראמע. ד.

יעקב טער

שיבת ציון.
אמנון און תמר.
1892 דער גליקליכער פאסטוך.
1893 די זילבערנע האכצייט.
1895 בוסתנאי אדער דער לעצטער פרינץ פון מלכות בית דוד. היסט. אפער. 5 אקטען, 14 סצענעס.
" ראפאעל דעל מאנטע.
1895 מלחמות היהודים אדער די געליבטע פרינצעסין.
1899 כתר מלכות אדער די קרוינונג פון ינאי המלך. היסטארישע אפער.
" די רויב פויגעל אדער דער מאנדאל אין די הויכע פענסטער לעבענסבילד אין 4 אקטען.
1899 מורד במלכות אדער די אידען אין פארטוגאל, היסטאריש ראמאנטישע אפערע.
" 1901 דער נייער משיח אדער דוד אלראי, היסט. אפער. (נאך ביקאנספילד. ראמאן).
" די בת מלכה, היסט. אפער.
1902 רעגינא אדער די אידישע גראפינע.
1908 די אידישע נשמה, מוזיקאלישע דראמע.
דער פערפאסער אין קינפעט, וואדעוויל.

טער און טהאָמאשעפסקי

1898 דער ש"ך אדער דער זכות פון שבת קודש.

ג. טשורני

נאכ'ן סטרייק, קאמעדיע אין 3 אקטען. ד.

דר. ב. ליבער

דער זומפּ, אין דריי אקטען. ד.

משה ליב ליליענבלום

דער שקאַנטיסט.
דוואיעזשאַנעץ.
זרובבל.

י. ב. לעבענזאָן

די הפקר וועלט, איינאַקטער.

לודוויג לעווינסאָן

די ווייבערשע קניפּלאַך, 5 אקטען.

גאָטהאָלד אפרים לעסינג

די אידען, איבערזעצ. ד.
עמיליע גאַלאַטי, איבערזעצ. ד.
1897 נתן החכם. איבערז. פון גאַרדין.

יוסף לערנער

פון 1880 ביז 1883.
אוריאל אקאסטא פון גוצקאָוו, איבערזעצ.
דעבאָראַ, פון מאָזענטהאַל, איבערזעצ.
מנחם בן ישראל.
הנוכה.
דער פּעטער משה מענדעלסזאָהן.
זשידאָווקא פון סקריב, איבערזעצ.
מוטערליעבע.
יהודית. איבערז.

מאַריע לערנער

די ענונה, אין 5 אקטען.

לערעסקו

1902 די איינגעמויערטע פרוי, פון קאַרמען סילוואַ, איבערז.
" באַרבאַראַ אבּרוק אדער די נאָנע פון קראַקאָוו, איבערז.

איזידאָר לעש

1916 די גרויסע ליעבע, קאָמעדיע דראַמע.
" הערצער און נשמות.
1917 דער רויטער דיסטריקט, מעלאָדראַמע.
" דער כלה'ס טרויער.

זעליג מאַגולעסקאָ

דער פאַלשער מופת.

מאָליער

1896 געוואַלד, מיין גוזל.

דער היפּאָקריט. ד.
די קאָקעטקעס. ד.

פראַנץ מאָלנאַר

1908 דער טייוועל.

דזשאָהן האַרטלי מאַנערס

1912 די האַוס נעקסט דאָר, איבערז. פון מ. שוואַרץ.

גיו דע מאָפּאַסאַן

מוזאָט. קאָמעדיע, 3 אקטען. ד.
אַ פאַמיליען קאָמעדיע, 2 אקטען. ד.

א. מאַריער

די אידישע טרילבי, אדאַפּטירט פון זייפּערט.

יאָזעף מארקאָוויטש

1912 סולימאַ אדער די אידען פון קאַווקאַז.

רודאָלף מאַרקס

פּעטער משה.
1889 די בלינדע יתומה, פאַלקסשטיק אין 5 אקטען.
" דער אמעריקאַנער לאַיער.
1890 די צוויי שוועסטער אדער ענגעל און טייפעל.
" חיים אין אמעריקאַ.
" די פּרימאַדאָנאַ.
" דער יתום אין געפאַהר.
" דער בויערי טרעמפּ אדער דער הויפּט־טרעפער.
" די שניידעריין.
1896 פּערעלע אדער פּערלאַרען אין ניו יארק, צעהן בילדער.
" געלד אדער טרעמפּ.

מאַקס מאָשקאָוויטש

1889 אַ מיליאָן דאָלאַר אדער שוועסטער און ברודער חתן כלה.

ח. א. מושקאַט

יעקב ביי לבן אין חרן, 5 אקטען. ד.

י. מזח

די אייפערזיכטיגע פרוי, קאָמעדיע, 3 אקט. ד.

היימאַן מייזעל

1910 מיין ווייב'ס מאַן אדער די ביגאַמיסטין קאָמעדיע דראַמע.

1903 ציון אדער על נהרות בבל.
" דער איד אין רומעניען.
" די סדר נאכט אדער בלבול דם.
1904 דער שטן אין גן עדן אדער די שווינער
צו גאסט, קאמעדיע.
" יהודית אדער דאס פערבלאנדזשעטע
שעפעלע.
1905 דער ארימער מיליאנער.
" דער אנטלאפענער סאלדאט אדער דער
גרינער זינגער, לאק. לעבענסבילד.
1906 פאטערליעבע, קאמעדיע דראמע.
" דער אמעריקאנער אדער די גאלדענע
חתונה, קאמעדיע דראמע.
" מאן און ווייב, פאלקסשטיק.
1907 חתן כלה אדער דער טאטע האט די מא־
מע גענומען, קאמעדיע.
" מיין ווייב'ס פריינד, קאמעדיע.
1908 דניאל אדער די טאכטער פון ירושלים,
ביבלישע אפער.
" דאס אידישע הארץ פאלקסשטיק.
" דער גנב אדער דער אידישער בירגער־
מייסטער, קאמעדיע.
1910 דער יום החופה.
1912 איהר ודוי.
1913 א יאהר נאך דער חתונה, לעבענסבילד.
" א מוטער הארץ, קאמעדיע דראמע.
1916 א קרבן פון ליעבע, דראמע.
1917 דער אמת'ער פריינד, קאמעדיע דראמע.
" די פאלשע צוואה.

מאדאם לאטיינער

די בלוטהאכצייט, איבערזעצ.
1896 ווילהעלם טעל פון שילער, איבערזעצ.

י. ל. לאנדא

1890 קעניג הורדוס.

דר. לאנדמאן

1917 דער גרויסער קאמף, מעלאדראמע.

משה חיים לוצאטא

לישרים, תהלה, איבערז. פון בעלינסאן.

ז. ליבין

1900 די פערשפעטיגטע חופה.
" טהיינקס גיווינג דעי.
1901 דוד און זיינע טעכטער.
1902 דער געבראכענער נדר, לעבענסבילד.

1903 העגעלע אדער די אידישע מעדעא,
דראמע.
" דער ערשטער מאי, דראמע.
" געבראכענע הערצער אדער ליעבע און
פליכט, לאקאלע דראמע.
1904 דאס אידישע בלוט, דראמע.
" די צוויי דורות אדער פאמיליענטרע־
רען, דראמע.
1905 דער שלעכטער וועג אדער עפטער די
באל.
" די ווילדע, דראמע.
1906 דער טרוימער אדער צוריסענע הערצער,
רעאליסטישע דראמע.
1906 די פרעמדע, דראמע.
1907 איהר פערגאנגענהייט, דראמע.
" די שכנים אדער וואס א מאמע קען טהאן
" דער אייביגער איד, פאלקסשטיק.
" דאס לוסטיגע ווייבעל אדער די שטי־
פערקע, קאמעדיע.
1908 דער אורטהייל, דראמע.
1909 מענשען אהן גלויבען, דראמע.
" גאטס שטראף, פאמיליענדראמע.
1910 דער יום הדין.
" גערעכטיגקייט, מעלאדראמע.
" דער אבגרונד, דראמע אין 3 אקטען.
1911 בלינדע ליעבע, דראמע.
" געדאנקען לעזער.
1912 פרעמדע קינדער.
" מענער און פרויען.
1913 א מאמעס נקמה.
" דער איבריגער מענש, דראמע.
" טאג און נאכט, דראמע.
" די לעצטע שטונדע, דראמע.
1914 דער קריפעל.
" די מאכט פון ליידענשאפט, דראמע.
" בלינדע אייפערזוכט, דראמע 4 אקטען
מיט פראלאג און עפילאג.
1915 דער פאלשער שריט.
" זיין ערשטע כלה.
" די פערפיהרטע, לעבענסבילד.
1915 ליעבע, זינד און אונשולד.
1916 דאס הארץ פון א פרוי, דראמע.
" די גרויסע פראגע, דראמע.
" צוויי מאמעס, דראמע.
1917 דער איינציגער עדות.
" דער נייער מענש, דראמע.
" די היינטיגע פרוי.

עליכם שלום

1908 סאלאמאן קאוס פון זעלבינען סיוזשעט וואס שלמה חכם.

ה. עפעלבערג

דאוויד אין דער וויסטע אדער גלית הפלשתי, היסט. אפערעטע, 5 אקט. 12 ביל.
אסתר'קע אדער די יודישע טאכטער אלס פוי־לישע קעניגין, היסט. דראמע, 5 אקטען, 9 בילדער.
דער קרבן, דראמע.
דער שדכן, וואדעוויל.

מ. עפשטיין

דער נעשמיסענער אפיקורס אדער א כאלערע אין דוראנאווקע. א טהעאטער־שפיעל. געדרוקט אין ווארשא, 1879

עהרליך

1902 דאס קינד פון פאלק אדער הילנא המלכה, היסט. אפער.
1904 די גרינע קינדער, פאלקסשטיק.

מ. ערליך

די דיענסט, פאגראם בילד, 1 אקט. ד.

עשאגערי

1900 דער קרבן, איבערז. פון קאבריו.

יאהאן פאליי

1889 די רוסישע ניהיליסטען און די ערמאר־דונג פון רוסישען צאר.
1890 דער מבול דזשאנסטאון.
קראנפרינץ רודאלף.

דוד פינסקי

1904 די מוטער, דראמע אין 3 אקטען.
1909 יאנקעל דער שמיעד, לעבענסבילד.
1910 די פאמיליע צבי, דראמע.
1911 דער אוצר, קאמעדיע.
1912 יעדער מיט זיין נאט.
1916 גאברי און די פרויען, 3 אקטען, 4 בילדער.
אייביגער איד.
אייזיק שעפטעל, דראמע 3 אקטען.
שטומער משיח. ד.
דער פרעמדער. ד.
בערג שטיינער. ד.
גליקס פערגעסענע, 1 אקט. ד.

מיט זיענער פאהנען. ד.

ש. פערלמוטער

1917 דארף א מיידעל גלויבען?

פערלמוטער און זייקין

1916 דער כלה'ס סוד.

אולא פרילוצקי

די ירושה, דראמע. ד.
דער אקטיאר, איינאקטער. ד.
איינע פון יענע. דראמע. ד.

יצחק ליב פרץ

1908 דער נסיון, (ערשטע רעדאקציע פון „גאלדענע קייט").
" די שוועסטער, איינאקטער.
אמאל איז געווען א מלך, איינאקטער, (ד. 1910).
וואס אין פידעלע שטעקט, 3 אקטען. (ד. 1910).
די גאלדענע קייט, א חסידישע פאמיליען דראמע אין ווייסען פערז, 3 אקטען (ד. 1910).
אין פאליש אויף דער קייט (א חלום פון א קלויזניק), דראמאטישע פא־עמע, מיט ווייסען פערז, 3 אקטען (ד. 1910).
ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק, א זאך אין פיער אקטען, (פערזיפיצירט) (ד. 1910).
1914 נאך דער קבורה, איינאקטער.
ער און זי. איינאקטער. ד.
א פריהמארגען. איינאקטער. ד.
שאמפאניער. איינאקטער. ד.
ס'ברענט. איינאקטער. ד.
וועגען קינדער. איינאקטער. ד.

ס. פשיבישעווסקי

דאס גליק, דראמע, 3 אקטען. ד.
1907 שניי.
די נעסט. איינאקטער. ד.

יואל בעריש פאלקאוויטש

רב חיימעל דער קצין, בעארבייטונג.
רחל'ע די זינגערין, בעארבייטונג.

פידלער

די מערדעריז.
די לוסטיגע קאוואלעריע.

1913 יאנקעלע שאַלטיק, דראמע 4 אקטען און פראַלאָג.
" געגען דער נאַטור. דראמע.

ד. מייעראָוויטש

1906 בועז און רות, ביבלישע אפערעטע.

ג. מייערבער

1894 די בלוט־האכצייט, איבערז. פון הור־וויטש.

מ. ל. מייערזאָן

דער האמער פון לעבען. ד.
סדום ועמורה. א פארס. ד.

יעקב מילך

1907 די וועבער, דראמע, 5 אקטען. איבערז.

ל. מילער

1899 די נעצענדיענער.
1903 ליזא קארלין.
1914 דער מסר.

י. און ל. מילטאָן

דער כאאס, דראמע, 4 אקטען. ד.

אקטאוו מירבא

1899 די שלעכטע פאסטוכער, אדאפטירט פון גארדין.
ארבייט און קאפיטאל. ד.
דער גנב, איינאקטער. ד.
זשאן און מארעלענע, דראמע 5 אקטען. ד.
געשעפט איז געשעפט. ד.

מ. מעטערלינק

1903 די העלדין (מאנא וואנא) איבערז. פון זייקין.
אונגעבעטענער גאסט. ד.
בלויער פויגעל. ד.
דערטרונקענע. ד.
פעלעאס און מעליזאנדע. ד.

אַדאַם מעסקא

1891 די אידישע קאלאניסטען.
1893 דאס קינד אין וואלד.
1897 דאס פעקטארי מיידעל. (אדאפטירט פון שמעטערלינג שלאכט).
1898 די טאכטער פון ירושלים אדער דער רוימישער טיראן.

190 תחית המתים אדער צווישען הימעל און ערד, פאלקס־שטיק.
1913 דער כלה'ס חלום.
דער אידישער כבוד.

נאַאומאָוו

1914 אייפערזוכט, פון ארציבאשעוו, איבערז.

ה. ד. נאָמבערג

1912 די משפחה.

וויקטאָריען סארדו

1910 נאפאלעאן דער ערשטער. איבערזעצט פון משערנאוו.
1898 פעאדארא, איבערז. פון זייפערט.

העריעט ביטשער סטאָו

1907 אנקעל טאמס קעבין.

אויגוסט סטרינדבערג

1904 דער טאטע.
וואמפיר. ד.
טויטענטאנץ. ד.
מוטערליעבע. ד.
פאר'ן טויט. ד.
פריילין יוליע. ד.
קאמעראדען. ד.
שטארקערע. ד.

וויליאם סיגעל

1917 אייביגע זינד, לעבענסבילד.
" דער מאסקירטער. לעבענסבילד.

קאַרמען סילווא

1902 די איינגעמויערטע פרוי, איבערז. פון לערעסקו.

פיליפ סינגער

1917 בערקע גנב.

וו. עדלין און קופערמאַן

1913 דער איד (אדאפטירט פון העגרי בערנשטיינס).

דר. שלמה עטינגער

סערקעלע אדער די פאלשע צוואה, 5 אקטען. געשריבען 1825.

יואל ענטין און ז. לעווין

1907 די שול פון לעבען, לעבענסבילד.

פּאָלינא קאברין

1918 די טראגעדיע פון א פרוי, דראמע.

קאלמאנאָוויטש

1916 געבורט קאנטראל.
1917 איז די פרוי שולדיג?
" די ווערטה פון א מאמע.

אולריך קאלמוס

געשיכטע פון א זעלטענים ברית און א געגאר־טע חתונה, קאמעדיע, (ד. 1882, ווארשא).
קאמיסיאנער. ד.

לעאָפּאָלד קאמפּף

פאר'ן שטורם, דראמע, 3 אקטען.

אַלעקסאנדער קאמינסקי

די צוריסענע נשמות, דראמע.
1910 אידישע אקטיארען אויף דער רייזע, קא־מעדיע 3 אקטען.
די פערבלאנדזשעטע, דראמע.

יצחק קאצענעלענזאָהן

בחורים, 1 אקט, קאמעדיע.
רעקאָרענט, 1 אקט, קאמעדיע.
קאריקאטורען, דראמע, 3 אקטען.

א. קאצענעלענבויגען

קראפט און ליעבע, דראמע, 5 אקטען. ד.

רש"י קאצענעלענבויגען

האמלעט פרינץ גגילאפיאטסקי.
רש"י.
אלחנן.
דאס פערלארענע קינד.
יהודית.
דער פיינער קבצן.
א שעהנע משא ומתן.

מ. קאץ

1899 די פינסטערע נאכט. אראפּטירט.
1900 דער אידישער דאן קיכאט, דראמע.
" גדליה בעל עגלה, אראפּטירט פון הויפטמאנס פוהרמאן הענשעל.
" דער גבור, פון א. האלם.
1903 תחית המתים, פון טאלסטאים.
1901 לא מיט אן אלף אדער די עשרת הדברות.
1906 נאטס משפטים אדער די שרעקליכע שבועה.

1908 וועמעס שולד אדער מינע גרוביאן, סיו־זשעט פון א. פינגערט.
1910 פימקא די סינארעטען מאכערין, איבערז.
" אשמדאי פון אנדרעיעוו, איבערז.
" די טעג פון אונזער לעבען, פון אנדרע־יעוו, איבערזעצונג.
" דער בוימייסטער, פון הענריק איבסען, איבערזעצונג.
1912 קרייצער סאנאטא, דראמאטיזירונג, 3 אקטען מיט פראלאג און עפילאג.
1913 רב ישראל, דראמע (סיוזשעט גענומען)
1914 דארף א פרוי דערצעהלען? דראמע.
" אין גלות.

ז. קאָרנבליט

1904 דאס אמת'ע גליק, קאמעדיע־דראמע.
1907 צרות פון קינדער, דראמע.
1911 דער טיגער, ראמאנטישע דראמע.
1912 די פערבלאנדזשעטע קינדער.
" איהר ערשטע זינד, דראמע.
" גלייכע רעכטע (גענומען פון „באט ענד פייד פאר").
" די בונדיסטקע.
1913 דאס געטליכע ליעד, ראמאנטישעס לע־בענסבילד.
" דעם סטאליערס טרערען.
" אונזערע קינדער, דראמע.
1916 אפאטון און דאון טאון, קאמעדיע.

מ. קארפּילאָוו

אין די שטורם טעג, דראמע ד.

לעאָן קוסמאַן

1914 דער לייכטזיניגער מענש, דראמע.
1915 דער וועג צו פרייהייט, דראמע.

טשאַרלז קליין

1909 דער לייב און די מויז, איבערז. פון גאטעסווירט.

ד. קלינגהאפער

די טייפלישע מאכט, 1 אקט. ד.

יאָזעף קעסלער

1904 שולדיג אדער פאר פרעמדע זינד, פון ריכארד פאס, איבערז.

ח. י. קרעמער

א אידישע טראגעדיע, דראמע 5 אקטען. ד.

פרענקלין פיילס

1907 נארמא.

זיגמונד פיינמאן

1889 דער אידישער סאלדאט.
" דאס רויטע מענשעלע.
1890 די פרוי אדער צוויי חתונות אויף להכעיס.
דער גט.
1891 געלד.
דעם פאטערס קללה.
1896 דער גבור החיל אדער דער פרינצעסינס נדר.
1897 צירעלע דעם רבינס אדער די שעהנהייט פון קראקא.
1898 דער אידישער וויצע קעניג אדער א נאכט אין גן עדן, היסטארישע אפערע.
" די קליינשטעדטעלדיגע אריסטאקראטען.
" די גאסען קינדער, 4 אקטען, 6 בילדער.
1899 די אידען אין מאראקא.
" דער שטומער אדער לעבעדיג בעגראבען.
1902 נומער 587 אדער די מאמע שרה.
" די נאכטיגאל פון ירושלים, הים. אפערע אין 4 אקטען, 12 בילדער.
1904 דאס צובראכענע לעבען.
דער איד אין סאביעצקי'ס צייטען.

אדאלף פיליפּס

1894 דער רב הכולל פון פראג.
1908 דער גראסערימאן, מוזיקאלישע קאמ.
1912 אלמא, ווא וואהנסטו?

פינקעלשטיין

1887 פאאוסט פון הערווע.
צעהן מעדכען אונד קיין מאן, זיינאקט.
(גענומען פון דייטש).
די שטראסענזינגערין.
בלויבארט.

ז. פרומקים

טרייע ליעבע, קאמעדיע. ד.

א. צונזער

1874 מכירת יוסף. ד.

הערש ה. צוקער

אחשורש שפּיעל, לעמבערג 1876.

צעלער

1898 דער פויגעל הענדלער, איבערז. פון מעססא.

י. ב. צפּור

די שכינה אין גלות. ד.

לעאָן קאברין

1899 מינא אדער די צושטערטע פאמיליע פון דאן טאון.
1899 די איסט סייד גהעטא דראמע.
1900 נאטור, מענש און חיה, אדער סאניע פון איסט בראדוויי.
" דער קרבן, לעבענס דראמע.
" צוריסענע קייטען.
1902 דער פערלארענער גן עדן, רעאליסטישע דראמע.
1903 פאאוסט, איבערזעצונג.
" גאט און דער טראסט.
" דער בלינדער מוזיקאנט אדער אידישער אטהעלא, טראגעדיע.
1904 די צוויי שוועסטער אדער דער אידעל פון דער סוטה.
" קינדער פון דער גהעטא פון זאנגוויל, איבערז.
1905 אמעריקאנער גליקען אדער דזשייקאב בלומבערג, לאקאלע דראמע.
" די אידען אין רוסלאנד (יעווּרעאי) פון טשיריאקאוו, איבערזעצט.
1906 זיין ווייב, לאקאלע דראמע.
" דער גרויסער איד, דראמע.
1907 די מאכט פון ליעבע, דראמע.
1909 ווער איז שולדיג? אדער פרויענליעבע.
" די שפּין, דראמע.
1910 דער שטורם פון לעבען, לעבענסבילד.
" דער גאלדענער מבול, קאמעדיע דראמע.
1911 דער לעבעדיגער מת, פון טאלסטוי, איבערזעצונג.
1912 שונאים.
1913 בריטש און פראמים, קאמעדיע.
" יאנקעל בוילע אדער דער נאטור מענש.
1914 דער כשוף.
1915 ישראל'ס האפנונג אדער הייליגע ליעבע, לעבענסבילד.
1916 די נעקסטדארינגע, קאמעדיע.
" טהיר נומער דריי.
1917 דעם דאקטארס ווייבער, קאמעדיע.
" צוריק צו זיין פאלק, דראמע.

משה ריכטער

1897 חרם דרבנו גרשם.
1898 דרייפוס.
1900 הערצעלע מיוחס (אויף „טייבעלע").
1903 משה חיט (אויף „די אלמנה").
1904 שלום בית (אויף מענדעלע מארטירער).
1908 דער אייזערנער מאן.
1910 דער שקלאפען הענדלער.
1912 ביים אונטערגאנג.
" ליעבענדע הערצער.
1913 צו שפעט, דראמע.
" יוגענד זינד, דראמע.
1914 דער פערדאכט, דראמע.
1915 איהר ערוואכונג.
1915 מלחמה קרבנות, צייטבילד.
1916 צוויי שוויגערס.
" אין דער נייער וועלט (אויף די גרויסע שטאדט).
1917 דער אידישער שטאלץ אדער מאדערנער איוב.
די צוויי חתנים, קאמעדיע.

אברהם שאַמער

1910 די אלרייטניקעס, סאטיר קאמישע קא־מעדיע.
1911 אויפ'ן ים אדער אין עלים איילענד, דראמע.
" אייקעלע מזיק.
" דער יונגער דור (אדאפטירט פון היי־ערמאנס „קעטען גליעדער").
" ברוך דיין האמת (אדאפטירט פון דער דייטשער דראמא „טרוימולוס").
1912 דער סוד.
1913 סטייל, דראמע.
1915 דער גרינער מיליאנער, קאמעדיע.

שאפּירא

1902 גערעכטיגקייט, פון פראנצויזישען.

אנשעל שאָר

1910 דאס לעבען פון א פרוי, בעארבייטונג.
1911 דאס מיידעל פון דער וועסט, פארס.
" שיר השירים (אדאפטירט פון מאקס דרייהערס „די זיבעצעניעהריגע").

1912 בארג מיר דיין ווייב. (אדאפטירט פון גענעטס פאמיליען פאטער).
" ווייבער, (אדאפטירט פון זשארזש אנע).
1913 דאס זיסע מיידעל, מוזיקאלישע קאמע־דיע.
" די נרינע דייטשקע.
1913 דער דיסטריקט אטוירני (אדאפטירט פון פאל לאנדא'ס „איין אנדערער")
" דאס פערלארענע גליק, לעבענסבילד, (אדאפטירט פון יאקאבים' „עהע")
" מענדעל ביילים, צייטבילד.
" ליעבע און ליידענשאפט.
1915 דער סוף פון א געמבלער, מעלאדראמע.
" היט אייך, מיידלאך, קאמעדיע דראמע אין 5 אקטען.
1916 אוי, וואס מענער זיינען, קאמעדיע.
" די אלמנה, קאמעדיע.
1917 דאס נייע רוסלאנד.

משה שאָר

1907 עמק הבכא אדער דער שטאלצער קבצן, צייטבילד.
" די וועגד פון יריחו, היסט. אפער.
1908 דער יחסן, פאלקסשטיק.
1913 פרעמדע פויגעל אדער דאס צושטערטע נעסט, לעבענסבילד.
" נומער 37, איבערזעצונג.
" מענדעל ביילים, צייטבילד.
1915 ליעבע און שטאלץ, פון זשארזש אנע. איבערזעצ.
1916 טוידט־שטראף, מעלאדראמע.
" אויפ'ן שלעכטען וועג.
" מלחמה מאמטס

משה און אנשעל שאָר

1908 א מענש זאל מען זיין.
1909 די ערשטע ליעבע.

א. מ. שארקאנסקי

1895 ונתנה תוקף.
1896 כל נדרי אדער די געהיימע אידען אין מאדריד.
1898 רחל אדער דגל מחנה יהודה.
1901 דער משפט, היסטארישע אפער.

דר. אידא באדאנעס-ראווינסקי

1912 דער שניידער סטרייק.
1914 די נייע פרוי.

מאָרים ראָזענפעלד

1896 דער לעצטער כהן גדול אדער רעליגיאָן און ליעבע.

ראנעטי ראָמאַן

1906 מנשה, איבערז. פון הערמאַלין.

נחום ראקאָוו

דער גרינער אין לאָנדאָן.
דער גר צדק.
גזרות פארטוגאַל.
דער סטרייק אין לאָנדאָן.
קאפיטאן דרייפוס.
עמיל זאָלאַ.
1902 אין ווילדען רוסלאנד, מעלאדראמע אין 5 אקטען.
1903 די שבועה ביים ספר תורה אדער אידישע ראמעא און דזשוליעט.
" דער בטלן.
" די נייע אידישע מלוכה אין ציון.
1904 די גרינע מויד אדער א פאסאזשיר פון קעשענעוו.
" דער גרינער אקטיאר.
1905 דער גרינער בחור, לאָקאַלע קאמעדיע, סיוזשעט פון ראקאָוו, בעארב. פון טהאמאשעפסקי.
" דאס דארפס מיידעל.
1907 דער מארגענשטערן, קאמעדיע.
" סערקעלע.
1910 א מענש א מלאך, דראמע.
" דאס גרינע ווייבעל.
1911 די גנב'טע, דראמע.
1912 די אידישע קרוין.
" דער געננסטער.
1913 חאנטשע אין אמעריקא, קאמעדיע.
" די אידישע מלוכה.
" מענשען און חיות (פון יושקעוויטש) לאקאליזירט.
" דער ביגאמיסט.
" די נשמה פון ישראל.
" אביסעלע גליק.
" שפרינצע אין קוני איילענד, קאמעדיע.
" שטילע ליידען.
" צוריסענע סטרונע.
" דער פאליטישען אדער אביסעלע גליק. מעלאדראמע.
" דער פילאנטראפ.
" פריינד.
" אל רחום.
1914 די ווייבערשע מלוכה, קאמעדיע.
1915 ליעבע און האס.
" אהן א מאמע.
" זיין לעצטער דאלאר.
1916 פערבאטענע פרוכט, דראמע.
" העלא, ניו יארק.
" ווער איז זי?
1905 די רעוואלוציע אין רוסלאנד, צייטבילד.
1916 גאטס מתנה.
" אין אמעריקא.
1917 די שאטענס פון לעבען.

נ. ראראָוו און אנשעל שאָר

1911 שיר השירים, דאס ליעד פון ליעבע.

ראקאָוו און מילער

1916 אידישע מלחמה כלות.

ראקאָוו און סיגעל

1916 א לעבען פאר א לעבען, דראמע.

ראקאָוו און קאלמאנאָוויטש

1915 דער שפיגעל פון לעבען, דראמע 4 אקטען, פראלאג און עפילאג.

הערמאן רייבאך

1910 דער משומד, איבערז. פון גאטעסווירט.

אברהם רייזין

בעלאגערונג פון טולטשין, היסט. דר. 5 אקטען און פראלאג פון מ. מינסקי
1904 דער פידזשאק (אויף „גוטע ברידער") וואדעוויל.
1903 די רעפעטיציע, קאמעדיע.
1907 אויף א חתונה.
" דעם שדכנס טאכטער.
1915 די דריי מיידלאך.

רייצענשטיין

אן טרייעל, איבערז. פון ריווקין.

1900 די אידישע עמיגראנטען אדער דער בי־
נאמיסט.
1901 די גרינע אדער דער פעטער אין אמע־
ריקא, קאמעדיע.
" די גאלדענע מדינה.
1903 אמעריקאנער אידישקייט דראמע.
1909 א אידיש קינד, לעבענסבילד מיט גע־
זאנג ענטנומען.

פריעדריך פאָן שילער

פערמאסקירטער פראנט, קאמעדיע. ד.
1897 דאן קארלאס, קראנפרינץ פון שפאניען,
איבערזעצט פון זייפערט.
1893 די רויבער, איבערז. פון זייפערט.
1893 רבי מאיר בעל הנס (טוראנדאט), אי־
בערז. פון זייפערט.
1894 מאריא סטוארט, איבערז. פון זייפערט.
1896 ווילהעלם טעל, איבערז. פון מאד. לא־
טיינער.

שלום עליכם

א דאקטאר, וואדעוויל.
דער גט, וואדעוויל.
מענשען, וואדעוויל.
מזל טוב, וואדעוויל.
צווייעט און צושפרייט, בילדער, דריי
אקטען.
1907 דער אויסוואורף אדער שמואל פאס־
" סטעמפעניו, דראמע.
טערנאק, קאמעדיע.

שלום (צבי בן)

יוקעל גנב, איינאקטער. ד.

שליפערשטיין

1892 אצבע אלהים.
מיליאנער אלס בעטלער.

ז. שניאור

נענענאיבער, אין 3 אקטען.

ארטהור שניצלער

סינוטען לעבען, איינאקטער. ד.
ליטעראטור, איינאקטער. ד.

דר. יאקאָב שניצער

1909 די מוטערס זינד, מוזיקאלישע דראמע.
1910 דער נר תמיד, מוזיקאלישע דראמע.
" ווער איז שולדיג.
1911 די צוואה. היסט. דראמע.
1912 די ליעבע. דראמע.
" די רייזע נאך אמעריקא.
" די לעצטע פראבע, 4 אקטען און פראלאג
1914 דער לעצטער קאנצערט, לעבענסבילד.

וויליאם שעקספיר

1893 אטהעלא.
" האמלעט, איבערז. פון זייפערט.
1894 ראמעא און יוליא.
" שיילאק, איבערזעצט פון ווייסמאן.
" ריטשארד דער דריטער, איבערז. פון
הערמאלין.
1895 מאקבעט, איבערז. פון הערמאלין.
1901 קאריאלאנוס, איבערז. פון הערמאלין.
1903 קעניג ליר, איבערז. פון גאלדבערג.
1895 יוליוס צעזאר, איבערז. פון הערמאלין.

פיעסען אהן א טאטען.

איין שעהן נייע פורים שפיעל, פארגעשטעלט,
ווי עס איז צוגעגאנגען אין דער וועלט צו
אחשורש צייטען. געשריבען ביים סוף זי־
בעצעהנטען יאהרהונדערט. מאנוסקריפט
אין לייפציגער ראטס־ביבליאטהעק.
אחשורש שפיל, געדרוקט אין 1708 אין פראנק־
פורט אם מיין.
אחשורש שפיל אויף איינעם נייען אופן, גע־
דרוקט אין 1718.
אקטא אסתר מיט אחשורש, פון בחורים דער
ישיבה דעם ראב. דוד אפענהיים אין איי־
נעם עפענטליכען דעאטרום מיט מוזיק
אויפגעפיהרט, געדרוקט אין פראג 1720.
אקציאהן פון קעניג דוד און גלית (געשפיעלט
און געדרוקט צווישען 1711—1719.
דער הייליגער שפל (שפיעל) פון משה רבנו,
לעמבערג 1875.
איין ליד פון דער שטאדט יריחו אדער דער
נייער פורים שפיעל, לעמבערג 1876.
קאשוט.
רבי טרויגאט.
די שווינער.
די לייכטזיניגע.
די פרינצעסין פון יהודה.
די שבועה.
רייזע דורך פייער און וואסער.
אכציג טעג ארום די וועלט.
די רוסישע קנוטע.
דער אידישער דאקטאר.

1904 יזכור, אפעו...
איוב.
מורד במלכות.
די ראזע פון שרון.

מאָרים שווארץ

1914 דער וואלקען.

יעקב שווארצבערג

1913 אידישע קינדער, לעבענסבילד.
1914 היים זיסע היים, קאמעדיע דראמע.

ב. שווייצער

טעאצאלינדע, א שפאס, 1 אקט. ד.

י. שטיינבערג

די מוטער, דראמע 3 אקטען. ד.

דר. ק. שטיינבערג

הינדא אידעלסאן. ד.

הערמאן שטיפט

אלגעמיינער סטרייק אין רוסלאנד, אדער רויבער דורך נויט, מוזיק. מעלאדראמע. ד.
דער קאמף צווישען פאנאטיזמוס און ציוויליזאציאן, 3 אקטען. ד.

שטראאוס

1896 דער ציגיינער באראן, איבערז. פון מעסקא.

שיינקמאן

1890 דאס לעבען אין ניו יארק אדער 2 קעץ אין איין זאק.
" דער אידיאט אדער די גלאקע.

נחום מאיר שייקעוויטש

שפאנישע אינקוויזיציאן.
דער מאמעס זיהנדעל.
דער מסר.
דער אידישער פריץ
בעל תשובה.
פראצענטניק.
קאטארזשניק.
דער חלום.
דער טעות.
דער רעוויזאר.
דער לעבעדיגער טוידטער.
אונגעטרייע ווייב

קאקעטע דאמען.
לעצטער אידישער ק...
צווישען צוויי פלאמען.
הימעל, ערד און שווינדעל.
צוויי מתים געהען טאנצען.
דער טעות.
דער פאראזיט.
יהודית.
די בלינדע פרינצעסין.
אלטער.
דער פערליעבטער שנארער.
די געהיימע אידען.
דער פאשא.
דער פוימעניק.
דער זינדיגער רב.
סאפהא אדער די רויטע חופה.
די חרטה.
אני שלמה.
זרובבל.
די אלמנה.
1887 ציליע, אדער געדעטעט דורך א קינד.
" דער נדר, אדער עקיבא מיט זיינע 24,000 תלמידים,
" די געטרייע פרוי אדער בלוטיגער אדיע, מעלאדראמע אין 5 אקטען.
1889 די לייכטזיניגע אדער פרויענפערפיהרער, טראגי קאמעדיע.
" רבקה אדער א פונט אידישקייט.
" דער לעצטער אידישער קעניג.
1890 באראן ראטשילד.
" אסתר׳קע אדער די פאלנישע קעניגין.
1891 טיטוס הרשע.
1892 רבי יהודה הלוי.
1896 דער געלד קעניג, היסט. אפער. 5 אקטען, 8 בילדער.
" המן דער צווייטער אדער דער קאמישער הערשער, היסטאר. אפערעטע אין 5 אקטען.
" שושנה אדער דער ריכטער פון יריחו, היסטארישע אפערע.
1897 די אידענפרעסער אדער די געטויפטע מלכה, היסטאר. אפער אין 5 אקטען, 8 בילדער.
1898 דבורה הנביאה אדער יעל און סיסרא.
1898 קאפיטאן דרייפוס.
1899 דער אידישער גראף אדער דאס פערביטענע קינד, היסט. אפער אין 5 אקטען.

רשימה פון די פּיעסען, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרען פון 1918 ביז'ן סוף 1922 *).

יוליוס אַדלער

1921 די שעהנע בערטאַ.

ס. אויערבאך

1920 אין פרעמדען לאַנד.

הענריק איבסען

1919 העדאַ גאַבלער (איבערזעצונג)

לעאָניד אַנדרעיעוו

1919 גלויב דיין פרוי (איבערזעצונג).

1922 געדאַנק (איבערזעצונג).

1921 דער וואָס באַקומט פּעטש (איבערזעצונג).

ש. אַנסקי

1921 דער דבוק.

מארק ארנשטיין

1920 דער זוהן פון צוויי נאַציאָנען.

1920 פאַר דער חתונה.

שלום אַש

1918 ווער איז דער פאַטער?

1922 דער טויטער מענש.

מ. אַשעראָוויטש און א. גאָטעספעלד

1920 יאַ פאַרהייראַט און ניט פאַרהייראַט.

איידא באַדאַנעס

1919 דער איינציגער וועג.

גרשון באַדער

1919 דעם רבי'נס נגון.

1920 די גאָלדענע רויז.

בוימוואָל

1921 חצקעלע כל־בו'ניק.

פ. בימקאָ

1920 גנבים.

1922 דעמבעס.

י. ד. בערקאָוויטש

1921 לאַנדסלייט.

גאָגאָל

1922 רעוויזאָר (איבערזעצונג).

מ. גאָלדבערג

1918 געלעבט און געלאַכט.

1919 דער לוסטיגער פריזנער.

1920 דער באָבע'ס ירושה.

1922 משה, וואו קריכסטו?

יעקב גאָרדין

1918 ווילדע קאָזאַקען אָדער אידען און האַידאַמאַקען.

מ. גלאַס

1918 פּאָטאַש און פּערלמוטער (איבערזעצטש פון זיין ענגלישער קאָמעדיע אונטער'ן זעלבינען נאָמען).

נחום געבעל

1918 אנשטענדיגע מענשען (איבערזעצט פון „קאָמאָן קלעי").

1919 איידעלע נעפיהלען.

" הייליגע ליבע.

1920 א מאַנ'ס שפּיעלצייג.

" א מאַמע'ס געבעט.

1921 קינדער יאָהרען (גענומען פון איבסענ'ס „ווילדע קאַטשקע").

" אַלץ פאַר ליבע.

" צופיל געלט.

" צרות פון ליבע.

נ. געבעל און ראָזענבערג

1920 אויפ'ן לייטער פון לעבען.

געבעל און שטיינבערג

1918 פאַרלאָרענע יוגענד.

---

*) אין דער ערשטער רשימה זיינען ביים צוזאַמענשטעלען די זייטלאַך ארויסגעפאַלען פון גאָרדינ'ס רעפּערטואַר „די שחיטה" (1899), „גאָט, מענש און טייוועל" (1900) און „סאַפהאָ" (1901).

עסטרייך אונגארישער קעניג.
אלעקסאנדער דער דריטער.
ריכארד דער דריטער.
די סילווער קינג.
די חופה מיט דער לויה.
בארניי דער עקטאר.
א מאן פאר דער וועלט.
קהלת.
דער פרינץ פון ענגלאנד.
1891 גזרות פון פארטוגאל.
1893 דער אוצר אדער די גלאקען פון קאר־נעוויל.
1894 ראמעא און דזשוליעט, פון שעקספיר.
1895 די נקמה אדער פירסט פון שומרון.
1896 נאפאלעאן דער ערשטער.
1897 די פינסטערע נאכט.
1898 קארמעלא אדער יונגפרוי פון פאריז.
" די נאסען קינדער.
" קעניג פון שפאניען.
1899 דער שטומער אדער לעבעדיג בעגראבען.
1901 די שאפמיידעל אדער צוויי שותפים און צוויי ברידער.
1902 די פאריזער בארדערקע, פארס.
1904 דער אידישער ריגאלעטא.
1905 דער קעניג פון שנארער, פון זאנגוויל, איבערזעצ.
1906 שטימע פון קבר אדער אכט ברידער.
1907 נארמא פון פרענקלין פיילס.
" דעם נאר'ס נקמה.
1908 די פערשיקטע אדער די לעצטע גרויל־מהאטען אין רוסלאנד.
" ראבערט דער טייוועל.
" דער טייוועל פון פראנץ מאלנאר, אי־בערז.
1909 דער טאטע און די קינדער (דיעמי וואַ־גיושינא).
1911 די נייע פרוי.
" די נייע נהעטא, פון ט. הערצעל.
1912 דער שמעלץ טאפ אדער דאס פייער פון גאט, פון זאנגוויל.
" נעסויפט און פערקויפט פון דזשארדזש בראדהוירסט.
1913 דער צושטערטער פסח אדער די הייליגע.
" יעווא אדער דאס פאריזער אַרבייטער מיידעל, אפערעטע.
" פאריזער אונשולד.
1913 דער שרעקליכער מארד, פון עמיל זאלא
1914 רעמעדזשד גודס פון בריא, איבער־זעצונג.
1915 דער ערפינדער.
" ציניינערין אזא, אפערעטע.
1916 אויף דער זינדינער ערד.
" דער נעפאלענער.
" ליעבע און פראצענט.
1917 צוריק פון מלחמה.
" די פערקויפטע כלה.
" ראשעל.
" קארמען.
" דער חתן אויף פראבע.
" דער פאלשער דאלאר.
" פרעה, אפערעטקע. ד.
" מלחמה פאר'ן לעבען.

איזידאָר ליליען

1919 דאס שטיף קינד פון דער וועלט.
1920 נערעכטינקייט פאר אידען.
" זיין מאטענ׳ס ווייב.
1921 דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין.

לענגיעל

1919 די מענצעריז (איבערזעצונג פון אונ־
גארישען).

איזידאָר לעש

1921 שלמה׳קע אויף בראדוויי.
" יאשקע כוואט.

פראַנץ מאלנער

1921 ליליאם (איבערזעצונג).

גיו דע מאָפּאַסאַן

1921 מיוזעט (איבערזעצונג).

לואיס מאַרקיז און וויליאַם סיגעל

1919 די פרוי און איהר היים.

א. מעסקא

1919 א נאכט פון ליבע.

משה נאַדיר (יצחק רייז)

1919 סאקסעס.
1921 דער לעצטער איד (נאך יעווריעאינאוו).

הענרי נאַטאַנסעָן

1918 דער אידישער גלויבען (איבערזעצט פון
„הינטער מויערען").

וויליאַם סיגעל

1918 ביזנעס ענד פלעזשור.
" שלום און פרידען.
1920 די חופה קלייד.
1921 שמענדריק אויף בראדוויי.
" פארהייראטע שקלאפען.

וו. סיגעל און ה. קאַלמאַנאָוויטש

1922 גאט׳ס משפט.

שיינע רחל סימקאָוו

1918 א נאמען נאך דער מאמע.

וו. סעמועלס

1921 דער וואנדערער (איבערזעצט פון הענרי
נאטעסווירט).

איליא סערגוטשאָוו

1920 הערבסט פידלען (איבערזעצונג).

זשאַן עקאַר

1920 שטילע כחות (איבערזעצונג).

דוד פינסקי

1918 קרומע וועגען פון ליבע.
1919 דער שטומער משיח.

אולאַ פּרילוצקי

1921 איינע פון יענע.

י. ל. פּרץ

1920 די גאלדענע קייט.

פריימאַן

1919 די אומגליקליכע מאמע.

לעאָן קאָברין

1918 אויפ׳ן מיטען ים.
1919 די אוינען פון ליבע.
1922 פרינץ לולו.

ס. קאַהען

1921 א מאמעס נשמה.

א. קאלמאַן

1920 דאס אונגארישע מיידעל.

נ. קאַלמאַנאָוויטש

1918 חוה׳ס ליבע.
" זינדיגע פרויען.
" אפסטערז און דאונסטערז.
" צוויי חזנים.
" צוריסענע נשמות.
1922 דער משוגע׳נער.
" יענעמ׳ס ווייב.
" מענץ, געזאנג און ווייב.

יצחק קאַצענעלסאָן

1920 פאטימא.

ז. קאָרנבליט

1920 דזשעני לויפט פאר מעיאר.

אַלבערט קעוועס

1921 דער גולם (אדאפטירונג).

איזראַעל ראָזענבערג

1921 בערעלע טרעמפ.

יונה ראָזענפעלד

1922 די קאנקורענטען.

ל. גרינבערג

1920 ווען א בער וואכט אויף.

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי

1919 די ברידער קאראמאזאוו.

אָסיפ דימאָוו

1918 שקלאפען פון פאלק.
1919 די ערוואכונג פון א פאלק.
" ירושלים.
" בראנקס עקספרעס.
1920 דער יום הדין.
1921 נודניקעס.
" דיינדזשער.
1922 ליידי חיה ציפע.

אלאַן דייוויס

1920 ענדע פון גלות (איבערז. פון גראססמאן).

גערהאַרד הויפּטמאַן

1919 איינזאמע מענשען (איבערזעצונג).

פּרץ הירשביין

1918 אין א פארווארפען ווינקעל.
1919 דעם שמיער'ס טעכטער.
" גרינע פעלדער.
" די פוסטע קרעטשמע.
1920 א לעבען פאר א לעבען.
1922 דאס קינד פון דער וועלט.

יודזשין וואלטער

1918 די נשמה פון א פרוי (איבערזעצט פון זיין „דזשאסט עי וואומען").

אַרטהור וואלף

1920 יעקעל פוהרמאן.

סיימאָן וואלף

1920 א נערוס פון פוילען.
1921 די צושטערטע חופה.

א. ווייטער

1920 דער שטומער.

אָסקאַר ווײַלד

1919 דער אידעאלער מאן (איבערזעצונג).

יצחק זאָלאָטאַרעווסקי

1918 סיידי פלאם.
" דער קעניג פון ליבע.
" דאס רויטע ליכט.
1919 די קראפט פון נאטור.
" בלינדע ליבע.
" א מיידעל'ס נוטער נאמען.
" דאס רעכט צו לעבען.
" א מיידעל אהן א הארץ.
" נעזעץ פון נאטור.
1920 דאס לאנד פון טרערען.
1921 איידעלע הערצער.
" יעדע פרוי'ס פארלאנג.
1922 די פרייז פון א נט.
" די וועלט פון זינד.
" דארף א פרוי דערצעהלען?

זשולבער

1921 דאס פאריזער מיידעל.

ב. טאָמאַשעפסקי

1918 די חזנ'טע.
" מיין ווייב איז אין דער קאנטרי, הורא!
" די לוסטיגע אידעלאך.
1919 דאס אלטע לידעלע.
1920 דאס מוזיקאלישע שטעדטעל.
1922 דער גאלדענער פארים.
" טויזענט און איין נאכט.
" גרינגע קוזינע.

הערי טאָמאַשעפסקי

1920 פארלאר פלאר און בייסמענט.

סעמיאָן יושקעוויטש

1918 דער הונגער (איבערזעצונג).
1921 אז ארימאנ'ס חלום (איבערזעצונג).

י. לאַטיינער

1918 בלינדע יוגענד.
" די מחותנים אדער שפיעל פון לעבען.
1921 דעם צדיק'ס משפחה.

סווען לאנגע

1919 שמשון און דלילה (איבערזעצונג).

ז. ליבין

1918 פארברעכענס פון ליבע.
" דער מאן און זיין שאטען.
1919 פארלארענע האפענונג.
" דעם שניידער'ס טאכטער.
1921 גאט פון רחמנות.
1922 קבצן, וואו קריכסטו?

ה. לייוויק

1921 שמאטעס.
1922 אנדערש.

נחום ראקאָוו

1919 פארלאזט אייך אויף קייטי'ן.
1920 זינד פון עלטערען.
" די טיר צום גליק.
1921 האט חתונה.

משה ריכטער

1918 א פרויי'ס פליכט.
1919 ווי מענער ליבען.
1922 א כלה צו פארקויפען.

בערנאַרד ג. שאָ

1918 מרס. ווארענ'ס פראפעשאן (איבערזעצט פון זיין ענגלישער דראמא אונטער דעם זעלבינען נאמען).

אַברהם שאָמער

1918 דאס גייסטער הויז.
1921 התקוה.
1922 דער קאמף.

ראָזע שאָמער און מיני צונזער

1921 איינע פון פאלק.

אנשעל שאָר

1918 נאך דער מלחמה.
1920 א שוועסטער'ס אפפער.

מאיר שוואַרץ

1922 לאקשען.

יאָזעף שוואַרצבערג

1922 נעקויפטע ליבע.

שלמה שטיינבערג

1918 א חבר אין לעבען (אדאפטירט פון הייערמאנ'ס „קעטענגלידער").
" נאט פון ליבע.
" סודות פון ליבע.
" וואס יעדעס מיידעל דארף וויסען.
1920 זיין ברודער'ס ווייב.

שלום-עליכם

1919 טביה דער מילכיגער.
1920 שווער צו זיין א איד.

אַרטהור שניצלער

1919 פראפעסאר בערנארדי.

דר. שניצער

1918 ליבעס בריוולאך.

פיעסען אָהן א טאַטען

1920 ליאווקע מאלאדיעץ.
1921 די לוסטיגע פרינצעסין.
" יאנקעל בלאפער.
1922 פארברעכער און זיין טאכטער (איבערזעצט פון משה שאר).

גאָרין, ב.

די געשיכטע פון
אידישן טעאטער.

באַנד I

#600

טעאטער, ג...

#600

ספריה עממית טורונטו

JEWISH ... LIBRARY TORONTO

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

FEB 7 '63

MAY 5 '79

AUG - 1 1984